STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06055

# TSVISHN FALENDIKE VENT

Tuvia Borzykowski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טוביה באָזשיקאָווסקי/ צווישן פֿאַלנדיקע ווענט

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון פאָנד
א.נ. פון חיים און פייגל פרענקעל ז״ל,
אויסטראַליע.

Published with the assistanec of Hayim
and Feigel Frenkel Memorial Found,
Australia

טוביה באָזשיקאָווסקי

# צווישן פאַלנדיקע ווענט

בית לוחמי הגיטאות
והוצאת הקיבוץ המאוחד
תשל״ז

Free Public Library, Newark, N.J.

Tuvia Borzykowski / Tzvishn Falndike Went
(Between Tumbling Walls)

ערשטע אויפלאַגע: וואַרשע, 1949

©
Ghetto Fighters House
Israel, 1976

# טוביה און זײַן בוך

טוביה באָזשיקאָווסקי איז געבוירן דעם 14־טן מאַי 1911 אין לאָדזש, אָבער גאָר גיך פאַרלאָזט די משפּחה באָזשיקאָווסקי די גרויסע אינדוסטרי־שטאָט. טוביהס קינדהייט און יוגנט־יאָרן זײַנען פאַרבײַ אין ראַדאָמסק Radomsko — אַ שטאָט אין דרומדיקן טייל פון לאָדזשער קאַנט, אויפן וועג צווישן פּעטריקאָוו און טשענסטאָכאָוו. די ייִדישע קהילה אין אָט דער פּויליש־ייִדישער פּראָווינץ־שטאָט האָט געציילט ערב דעם חורבן בערך צען טויזנט נפשות, אַרום 40% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין שטאָט.

טוביה שטאַמט פון אַ האָרעפּאַשנער שניידער־משפּחה. אונדזערע ידיעות וועגן זײַן טאַטע־מאַמע און וועגן זײַנע קינדער־יאָרן זײַנען נישט איבעריק רײַך. דער טאַטע האָט געהייסן שלמה — אַזוי איז אויסגעקריצט אויף טוביהס מצבה און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין דער קורצער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס טוביה האָט אין יאָר 1954 געשיקט צו דער רעדאַקציע פון „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור". דער מאַמעס נאָמען איז נישט באַקאַנט — אַפילו אין ראַדאָמסקער יזכור־בוך (דערשינען אין ישראל אין יאָר 1967) ווערט אונטער איר בילד געזאָגט נישט מער ווי „פרוי באָזשיקאָווסקי, טוביהס מאַמע". אַזוי איז זי פאַרשריבן אין די אַנאַלן פון דער פאַרשניטענער עדה. טוביהס בן־עיר און אידעישער חבר, סיני אָקרענט (איצט אין קיבוץ לוחמי הגיטאות) דערציילט, אַז טוביה האָט זעלטן גערעדט איבער שטוביקע ענינים, אויסגעמיטן צו רופן חברים צו זיך אַ היים — ווי ער וואָלט וועלן אָפּהיטן די מחיצה צווישן דער שטוב און דעם אָרגאַניזאַציע־לאָקאַל. אויך שפּעטער, אין די שטורמישע געטאָ־יאָרן האָט טוביה נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג צו דערציילן זײַנע חברים וועגן זײַן היים אין ראַדאָמסק. אָבער מיט יאָרן שפּעטער, שוין אין ישראל, שרײַבנדיק איבער די ערשטע אָקופּאַציע־חדשים אין זײַן היימשטאָט געפינט טוביה וואַרעמע ווערטער נישט נאָר פאַר דעם ייִדישן

ראַדאָמסק, נאָר אויך פאַר זיינע שטוביקע, וועלכע ער האָט פאַרלאָרן. „די מאַמע — שרייבט טוביה — אַן עלטערע פרוי, איז געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון יידישער טראַדיציע, אָבער זי האָט אויך געוווּסט — ווען נייטיק — מוותר צו זיין און אָפּטרעטן פונעם אָנגענומענעם וועג, אויב דאָס איז געווען דער ווּנטש פון די זין. דאַקעגן דער טאַטע, אַ ירא שמים, אַ מחמיר, האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אַ קוצו של יוד. אין מיין אָפּוועזנהייט האט די מאַמע זיך פאַר מיר איינגעשטעלט פאַרן טאַטן" („בין קירות נופלים", די צווייטע אויסגעברייטערטע אויפלאַגע, 1964, ז. 213). טוביהס שטוביקע ווערן אויך דערמאָנט דורך יצחק צוקערמאַן אין ריידנדיקן הספד צו די שלושים פון טוביהס טויט: „...אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט, 1941, האָב איך באַזוכט טוביהס עלטערן אין ראַדאָמסקער געטאָ. אַ צימער, אַן מעבל, אין אַ ווינקל — אַ ניי־מאַשין. דער טאַטע, אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, אַ קליינוווּקסיקער, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן — דריקט מיר די האַנט. די מאַמע, אַ קליינטשיקע, שטייט פון דער זייט און לאָזט אָפּ אַ טרער..."

טוביהס עלטערער חבר און פריינד חיים גאָלדבערג, פון די אָנפירערס פון פועלי־ציון־צ.ס. און פון „החלוץ" אין ראַדומסק, דערציילט אין דעם ביכל וואָס דער קיבוץ לוחמי הגיטאות האָט פאַרעפנטלעכט צו די שלושים פון טוביהס טויט: „נישט לייכט איז געווען זיין לעבן. אין שטוב האָט געהערשט נויט... אַ שניידער איז ער געווען, אַ זון פון אַ שניידער, אַ בן־זקונים צווישן פינף קינדער. נאָך עטלעכע יאָר לערנען אין חדר האָט אים דער טאַטע געשיקט לערנען שניידעריי..." („דפים לזכרו של טוביה בוז'יקובסקי בשלושים למותו", ז"ז 7—6). פון גאָר פרי טראָגט דער יונגער שניידער־בחור אויף זיינע אַקסלען אַ חלק פון די פרנסה־פליכטן אין דער משפחה. און דאָס איז דער שטייגער: די טעג ביי נאָדל־פאָדעם, די אָוונט־שעהן און די שבתים פאַר דער באַוועגונג.

גאָר פרי פאַרעמט זיך אויס טוביהס פאָליטיש־אידעישע געשטאַלט. ווי אַ 15־יאָריק ייִנגל שליסט זיך טוביה אָן אינעם „סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט ,פרייהייט'", דעם יוגנט־אָפּצווייג פון דער אַקאָרשט געשאַפענער פאַרטיי פועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ.ס.). דערציילט דער אויבן־דערמאַנטער חיים גאָלדבערג: „אין יאָר 1926 האָבן מיר ביי אונדז געשאַפן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע. כ'בין געגאַנגען פון הויז צו הויז, ווערבירט די יוגנטלעכע. כ'האָב געבעטן טוביהן ארויס אין גאַס, האָב איך דאָך נישט געקאָנט

וועגן אַזעלכע זאַכן ריידן אין אָנוועזנהייט פון זיינע עלטערן. כ'האָב אים געבעטן צו קומען שבת צו דער אָרגאַניזיר־פאַרזאַמלונג. ער האָט מיך ערנצט געפרעגט: וועגן וואָס וועט זיין די רייד? — וועגן דער יידישער יוגנט און איר פאַרבינדונג מיט ארץ ישראל — איז געווען מיין ענטפער. טוביה האָט צוגעזאָגט זיך צו באַטייליקן אין דער אסיפה. ער איז טאַקע געקומען... און פון דעמלט אָן איז די אָרגאַניזאַציע געוואָרן אַ טייל פון זיין וועזן", טוביה האָט אויפגענומען דעם רוף און במשך פון דרייסיק יאָר, דינט ער דער זאַך פון סאָציאַליסטישן ציוניזם — מיט וואָרט און אין שריפט, אין פּאָליטישן געראַנגל און אין חלוצישער פאַרווירקלעכונגס־טאַט.

טוביה, דער יונגער אַקטיוויסט פון „פרייהייט", וואָס איז תמיד אַרומגערינגלט פון יוגנטלעכע, שאַרפט זיין אידעישן כלי־זין און פּאָליטישן ווירוואָר, ווערט באַקאַנט אויך מחוץ די גרענעצן פון ראַדאָמסקער סניף. ער איז דער פאַרשטייער פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע אין לאָדזשער קרייז־קאָמיטעט פון „פרייהייט", ער איז דער נאָטירלעכער „אַדרעס" פאַר שליחים פון דרויסן ווען זיי באַזוכן ראַדאָמסק. און ווען אין יאָר 1932 האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פאַר איינגלידערן די „פרייהייט"־חברים אין די שורות פון „החלוץ", איז טוביה טעטיק אין קעלצער ראַיאָן און אין סאָסנאָוויץ. אין נאָוועמבער 1934 קומט פאָר אין וואַרשע דער לאַנדראַט פון „פרייהייט", אַ וויכטיקער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג. אין אָט דער אַל־פּוילישער טרעפונג פונעם „פרייהייט"־אַקטיוו איז געהתמעט געוואָרן די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּלאַטפאָרם פון דער באַוועגונג אין אָנבליק פון דעם אַלץ טיפערן קריזיס, וואָס די יידישע מאַסן האָבן דורכגעמאַכט אין פּוילן, און אין אָנבליק פון וואַקסנדיקער אַגרעסיוויקייט פון נאַציזם. אין דער טרעפונג האָט זיך אויך באַטייליקט טוביה. אין באַריכט פון לאַנדראַט זיינען אויך פאַרפיקסירט געוואָרן „דריי באַמערקונגען" פון טוביהן, ער האָט געמאָנט אויסצושפּרייטן די השפעה פון דער באַוועגונג אויף די ווייט גרעסטע טיילן פון פאָלק, ווידמען מער אויפמערק דער טאַקטיק פון פּאָליטישן קאַמף און שטאַרקער איבערוואַכן און קאָנטראָלירן די עליה פון די חברים („מיטן פנים צו זיך", רעפעראַטן, וויכוחים און רעזאָלוציעס אויפן לאַנדראַט פון „פרייהייט", 14—11 נאָוועמבער 1934). אין יאָר 1935 דערשיינט אין „אונדזער פרייהייט", דעם מאָנאַטלעכן אָרגאַן פון דער באַוועגונג, טוביהס ערשטע פּובליציסטישע אַרבעט.

מיט דער צייט וואַקסט טוביה אויס צו אַ פירנדיקער פערזענלעכקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ראַדאָמסק. „גאָר גיך איז טוביה באַקאַנט געוואָרן אין שטאָט אַלס אַקטיווער עסקן אין אַ ריי אינסטיטוציעס און געזעלשאפטן, און אַלס קולטור־טוער... ער איז געווען פון די אָנפירנדיקע חברים אין „פרייהייט”, פון די אַקטיווסטע חברים אין „החלוץ” און אין דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ ישראל”, פון די בולטע רעדנער אויף ציוניסטישע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און באַליבסטער פרעלעגענט וועגן יידישער ליטעראטור און געשיכטע פון דער ארבעטער־באוועגונג...” (ל.ל., נעקראָלאָג אין ראַדאָמסקער יזכור־בוך, ז”ז 551, 552). ווי עס איז געווען אָנגענומען ביי די עלטערע „פרייהייט”־חברים איז אויך טוביה אַריינגעטראָטן אין יאָר 1931 אין דער פאַרטיי פועלי־ציון (פאַראייניקטע מיט צ.ס.). ער איז אָבער געבליבן ביזן סוף — סיי לויט זיין אינערלעכן מהות און סיי לויט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ראַם אַ פאָרשטייער און שליח פון „פרייהייט”.

גראָדליניק, קנאותדיק איבערגעגעבן, קאַמפס־גרייט און טיף איבערצייגט אין דער גערעכטיקייט פון זיין פאָליטישן וועג, איז טוביה געוואָרן אין זיין שטאָט דער פאָנטרעגער פון באָראָכאָוויסטישן ציוניזם. צו זיינע ווערטער האָט זיך די יידישע יוגנט צוגעהערט מיט אינטערעס און אַלץ וואַקסנדיקן צוטרוי. „ווען טוביה איז רייף געווארן — דערציילט חיים גאָלדבערג — סיי אין דער באַוועגונג סיי אין זיין פאַך, איז ער געוואָרן טעטיק אין פראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון נאָדל־אַרבעטער אין ראַדאָמסק. טוביה איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער וויצע־פאָרזיצער פון פאַראיין, וואָס איז געווען אונטער דער השפעה פון דער עקסטרעם־לינקער, אנטי־ציוניסטישער שטרעמונג. טוביה פלעגט אַרויסטרעטן מיט אָפענע ציוניסטישע רעדעס. זיינע קעגנער האָבן געקריצט מיט די ציין, אָבער זיך באַצויגן צו אים מיט דרך־ארץ” (ראַדאָמסקער יזכור־בוך, ז’ 386) אויך אַ צוויטער ראַדאָמסקער, דער שוין דערמאנטער סיני אָקרענט, געדענקט די רעטאָריש־אידעישע פאָרמעסטן ביי די נאָדל־ארבעטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפקלאַנג אויך מחוץ די ד’ אמות פון לאָקאַל פון פראָפפאַראיין.

טוביה איז אַ טיפישער אויטאָדידאַקט. זיין בילדונג האָט ער דערגרייכט מיט אייגענע כוחות אָן דער הילף פון שול און לערערס. ס’איז שוין דערמאָנט געוואָרן אַז טוביה האָט אַ געוויסע צייט געלערנט אין חדר. ענטפערנדיק אויף דעם צירקולאַר־בריוו פון דער רעדאַקציע פון „לעקסיקאָן

פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" שרייבט טוביה לאַקאָניש: „די דערציונג מיינע איז בעיקר אַ יידישע". פון יונגווייז אָן האָט טוביה אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע ליבשאַפט און טיפן אָפּשיי צום געדרוקטן וואָרט, צו דער צייטונג, צום יידישן בוך. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס טוביה איז געווען צווישן די איבערגעגעבענע בויער פון דער ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון שלום־עליכם, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו איינע פון די שענסטע קולטור־אינסטיטוציעס פון יידישן ראַדאָמסק. ער איז אויך געווען דער לעצטער ביבליאָטעקאַר אירער און געזאָרגט אז דער טייערער ביכער־אוצר זאָל נישט אַריינפאַלן אין דייטשע הענט. טוביה איז אויך געווען אַן אַקטיווער טוער פון פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַן אינסטיטוציע, וואָס איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קולטור־אַקטיוויטעט אין די יידישע שטעט און שטעטלעך פון פאַר־מלחמהדיקן פוילן.

אין חודש סעפטעמבער 1938 האָט זיך טוביהס אידעיִשע מוטער־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט" פאַראייניקט מיטן „החלוץ הצעיר". טוביה איז געווען אַן איבערצייגטער און אויסגעהאַלטענער אָנהענגער פון אָט דעם קאָנסאָלידיר־אַקט אין די ראַמען פון סאָציאַליסטישן ציוניזם און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פאַראייניקונג־קאָנפערענץ. ער איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אין פּלענום פון מרכז (צענטראַל־קאָמיטעט) פון דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע, („החלוץ הצעיר" נומ׳ 22 (37), פעברואַר 1939). די פאַראייניקונג האָט געבראַכט מיט זיך אַ שטאַרקן אויפברויז פון דער פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער און אידעיִשער אַקטיוויקייט אין דער באַוועגונג.

אַזוי אַרום איז אויך דאָס לעצטע „פרידלעכע" יאָר געווען פאַר טוביהן אַ יאָר פון אָנגעשטרענגטער דערציִערישער אַרבעט. דערציילט יצחק צוקערמאַן: „אַ פאַרוואָרפן דאָרף, ערגעץ־ווּ אין ראַדאָמסקער קאַנט. אַ פּויערישע כאַטע, אַרום פרידלעכער דאָרפישער פּייזאַזש, און פונדערווייטנס — אָפּקלאַנגען פון דונערס, וואָס זאָגן אָן דעם אָנקומענדיקן שטורעם. יידישע יוגנטלעכע אויף אַ סעמינאַר פון דער באַוועגונג. צוויי מדריכים זיינען מיר געווען — חנטשע און איך... דערוווּסט האָבן מיר זיך: אין נאָענטן ראַדאָמסק איז פאַראַן אַ חבר, וואָס לייענט לעקציעס איבער יידישע ליטעראַטור און איבער דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר האָבן אים פאַרבעטן און ער איז געקומען. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט טוביהן. קליינוווּקסיק, מיט העלע האָר, אַרום זיין מויל אַ שמייכל, דער אויסדרוק פון פּנים אַן ערנצטער. מיר הערן זיך צו צו זיינע שמועסן

וועגן עדעלשטאַט און באָושאָווער, ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזנפעלד. מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען: וועגן זיך אַליין האָט ער דערציילט, וועגן זיין אומעטיקער קינדהייט, וועגן דעם דלות פון זיין הויז און פון זיין סביבה". (טוביה בשלושים למותו, ז' 10).

-----------

דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע-באַפעל טרעפט טוביהן אויף אַ זומער-קאָלאָניע. קוים באַוויזן פונאַנדערצושיקן די יוגנטלעכע, דערשלאָגט זיך טוביה קיין וואַרשע און נאָך אַ קורצן באַזוך אין דער הויפּט-שטאָט, וואָס געפינט זיך שוין אינעם מלחמה-פיבער, קערט זיך טוביה אום קיין ראַדאָמסק — ממש ערב אויסברוך פון דער מלחמה. שוין דעם דריטן סעפּטעמבער 1939 פאַרנעמען די דייטשע חיילות ראַדאָמסק און טוביה פאַרברענגט אין דער אָקופּירטער שטאָט ביז אָנהייב יוני 1940, ווען ער ווערט אַרויסגערופן דורך דער באַוועגונג קיין וואַרשע. דאָס זיינען לאַנגע חדשים פון פולשטענדיקער איזאָלאַציע פון די אינסטאַנצן פון דער באַוועגונג, פון צענטראַלע, אַנפירנדיקע חברים. דער באַוועגונגס-אַקטיוו אין ראַדאָמסק — און טוביה בתוכו — איז אויסגעשטעלט אויף זיך אַליין, אויף אייגענער פּאָליטישער אַנטשיידונג, אויף אייגענע שווערע זוכענישן אינעם טראַגישן פּלאָנטער פון מלחמה, אָקופּאַציע, געטאָ און גירושים. טוביה מאַכט מיט דעם גורל פון אַ ידישער קהילה, וואָס געפינט זיך אין קלעם פון כסדרדיקע רדיפות און גזירות, פון הונגער און דערנידערונג. טוביה דערציילט (אין זיינע זכרונות געשריבענע שוין אין ישראל), אַז אויך אין אָט די שווערע חדשים האָט ער נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין דער באַוועגונג און געווען זיכער, אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען די צעריסענע פעדים וועלן צוריק צונויפגעבונדן ווערן. מען לייגט פאַר טוביהן צו ווערן אַ מיטגליד פון יודנראַט. איז ער דאָך אַ בכבודיקער געזעלשאַפטלעכער טוער. „כ'וועל נישט זאָגן — שרייבט טוביה אין זיינע זכרונות — אַז דער אָפּזאָג איז געווען אַ פּועל-יוצא פון אַ ניכטערער אָפּשאַצונג וואָס באַדייט צו זיין אַ חבר פון יודנראַט. כ'האָב אָפּגעשלאָגן דעם פאָרשלאָג מחמת כ'האָב זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון געדאַנק צו געפינען אַ קאָנטאַקט מיט דער באַוועגונג". אויך זייענדיק אָפּגעריסן פון צענטער געפינט טוביה דעם וועג ווי אַזוי צו גרייטן זיך צום ווידערשטאַנד. זיינע בני עיר וויסן צו דערציילן, אַז „נאָך די ערשטע חדשים פונעם קאַטאַרגע-לעבן אין ראַדאָמסקער געטאָ האָט ח' טוביה, דער מדריך און מהנך פון „פרייהייט", באַשלאָסן צו שאַפן די ערשטע אונטערגרונד-גרופּן

פון דער יידישער יוגנט אין ראַדאָמסק, נישט האָבנדיק קיין שום פאַרבינדונג מיט אַנדערע שטעט אין פוילן און נישט מיטן צענטער אין וואַרשע" (י"ש מאַלקאָוויטש און שמשון גראַנעק, „די יוגנט־אָרגאַניזאַציע ,פרייהייט'", אין יזכור־בוך ראַדאָמסק, ז"ז 219—221). די ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דער וווינונג פונם וועטעראַן פון די רעכטע „פּועלי ציון" מרדכי זעליג ראָזנבלאַט, מיט וועלכן טוביה פלעגט זיך אָפט בעראַטן און צוהערן זיך צו זיין שטים.

אין אירע וואַנדערונגען איבער די שטעט פון אָקופּירטן פוילן, כדי צו אַקטיוויזירן פונדאַסניי די באַוועגונג קומט אַן פרומקע פּלאָטניצקי אויך קיין ראַדאָמסק. זי טרעפט זיך מיט טוביהן און רופט אים ארויס קיין וואַרשע. אַ נייע תקופה הייבט זיך אָן אין טוביהס לעבן. שרייבט צביה לובעטקין: „ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען איז עס דאָך אמת: די שענסטע יאָרן אין טוביהס לעבן זיינען די יאָרן פון פּיין און אומקום. דאָס איז געווען אַ צייט, וואָס האָט געמאָנט דעם גאַנצן מענטשן — און טוביה האָט זיך טאַקע געגעבן אינגאַנצן, בשלימות. דאָס איז געווען אין יאָר 1940, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט און פון דאַן האָבן מיר צוזאַמען דורכגעמאַכט עטלעכע שווערע יאָר. פרומקע האָט אים געבראַכט קיין וואַרשע. צומאָרגנס נאָך זיין אָנקומען האָט ער שוין געהאַלטן אַ לעקציע אין סעמינאַר. דאַן האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט, וואָס ברענגט טוביה מיט זיך אין זיין אידעישן באַגאַזש, אָבער פון זיינע ערשטע רייד האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַן אונדזעריקער אין זיין צוגאַנג צום לעבן און צו פּראָבלעמען. פון דאַן אָן איז טוביה געוואָרן דער דערציער פון דער באַוועגונג" (צביה אין „טוביה — שנה למותו", קיבוץ לוחמי הגיטאות, ז' 3). זיינע צוהערערס האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט דרך ארץ און ליבשאַפט. שרייבט חוקה פּאַלמאַן: „טוביה האָט געליינט זיינע לעקציעס אין יידיש. ער איז נישט געווען געבענטשט מיט אַ רעטאָרישן טאַלאַנט אָדער מיט אַ פּערלדיקער שפּראַך. זיינע רייד זיינען געווען פּשוט ווי ברויט, אָבער זיי זיינען געווען איבערפולט מיט איבערצייגונגס־כוח, וואָס האָט איינגענומען אונדזערע הערצער. ס'ווילט זיך זאָגן, אַז מיט זיינע ווערטער האָבן מיר געשלונגען אמונה, גלויבן" (טוביה בשלושים למותו, ז' 12). טוביה אַליין איז געווען פול מיט גלויבן — דערציילט צביה — אויך אין די סאַמע שווערסטע טעג. „איך וועל נישט פאַרגעסן דעם ערשטן מאַי אין ברענענדיקן געטאָ — לייענען מיר ביי צביהן אַרום אונדז אַ ים פון פייער, אַלץ ברענט, און טוביה מאָנט און רופט, מיר

זאָלן אין טאָג פון ערשטן מאַי מאַניפעסטירן אונדזער גלויבן אין נצחון פון אַרבעטנדיקן מענטשן".

טוביה געהער צום צענטראַלן אקטיוו פון „החלוץ" און פון „דרור" (אַ המשך אין אונטערגרונט פון דער פאַראייניקטער באַוועגונג „פרייהייט-החלוץ הצעיר"), וואָס קאָנצענטרירט זיך אין דער קאָמונע אויף דזשעלנע-34. טוביהן ווערט אָנפאַרטרויט די דערציונגס-און בילדונגס-אַרבעט. אחוץ די לעקציעס אין די סעמינאַרן אין אונטערגרונט באַטייליקט זיך טוביה אקטיוו אין ביולעטינען און צייטשריפטן, וואָס די באַוועגונג לאָזט אַרויס אין וואַרשעווער געטאָ. ער שרייבט איבער די טאָגטעגלעכע אקטועלע פראַגן פון טרויעריקן געטאָ-לעבן, ער שרייבט אויך אויף אַלגעמיינע פּאָליטישע טעמעס. אונדז זיינען באַקאַנט צוויי צונעמען מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט אין זיין פּובליציסטישער טעטיקייט אין אונטערגרונט: „ט. דאַמסקי" און „ט. בן-ציון".

אָנהייב 1942 קומט טוביה אויף דער חלוצים-פּערמע אין טשערניאַ-קאָוו, אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע. אויך דאָ איז ער דערציער און לערער, פירט אָן מיט אויפקלערונג און בילדונגס-אַרבעט צווישן די חלוצים. האַרבסט 1942, נאָך דעם גרויסן גירוש פון וואַרשעווער געטאָ קיין טרעבלינקע, האָבן די דייטשן ליקווידירט די פּערמע. אַלע חלוצים פון טשערניאַקאָוו און טוביה בתוכם קומען אין געטאָ. פון דאַמאָלט אָן גייט טוביהס לעבנסוועג צוזאַמען מיטן וועג פון דער יידישער קאַמף-אָרגאַניזאַציע.

טוביה איז באַטייליקט (אין די ראַמען פון דער קאַמפס-גרופּע פון „דרור") אין ערשטן באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין געטאָ, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „יאַנואַר-אויפשטאַנד" (פון 18-טן ביזן 21-טן יאַנואַר 1943), אין די טעג פון דעם ערשטן דייטשן פּרוּוו צו ליקווידירן די נאָך איבערגעבליבענע יידן פון וואַרשעווער געטאָ. אין באַריכט וועגן דער יידישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע, געשריבן אין וואַרשע אין מערץ 1944 ווערט טוביה דערמאָנט ווי אַ מיטגליד פון די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער יידישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע — ער איז אַ חבר (צוזאַמען מיט יהודה ווענגראָווער פון „השומר הצעיר") אין דער אָפּראָוויזאַציע-קאָמיסיע ביים שטאַב. אפּריל-מאַי 1943, אין די טעג פון גרויסן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטא ווען די יידישע קאַמפס-אָרגאַניזאַציע האָט געשטעלט עקשנותדיקן ווידערשטאַנד די דייטשע פאַרניכטונג-באַטאַליאָנען, האָט טוביה געקעמפט אין צענטראַלן געטאָ אין דער „דרור"-גרופּע, מיט

וועלכער עס האָט אָנגעפירט בערל ברוידע. טוביה געפינט זיך צווישן די קעמפער, וואָס זיינען אַרויס פון דעם ברענענדיקן געטאָ דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן — אַ רעטונג־אונטערנעמונג, וואָס איז געוואָרן כמעט אַ לעגענדע.

אויך נאָכן דערדריקן דעם אויפשטאַנד און נאָך דער ענטגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן דער דופק פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אויף „דער ערישער זייט" פון דער געוועזענער פּוילישער הויפּטשטאָט איז אויך טוביה טעטיק. ער געהערט צום אַקטיוו פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, געפינט זיך אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט יצחק צוקערמאַן, מיט צביהן און אַנדערע מיטגלידער פון דער איבערגעבליבענער קעמפער־משפחה. ער פאַרשרייבט זיין קאַמפוועג אין געטאָ און אַ טייל פון זיין באַריכט (וועגן די קאַמפן אין צענטראַלן געטאָ) ווערט דעם 24־טן מאַי 1944 איבערגעשיקט קיין לאָנדאָן. ביי דער זעלביקער געלעגנהייט, דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם פּוילישן אונטערערד, ווערט איבערגעשיקט אַ בשותפותדיקער בריוו פון צביהן, יצחק צוקערמאַנען און טוביהן צו די אָנפירער פון אַרבעטנדיקן ארץ ישראל. דער בריוו אַנטהאַלט אַ באַריכט איבער דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין די געטאָס פון פּוילן און ענדיקט זיך מיט „אַ ברידערלעכן גרוס אין נאָמען פון די לעבנגעבליבענע — דעם ישוב, דער הסתדרות העובדים, די קיבוצישע באַוועגונגען, אַלע ברידער און שוועסטער... און אַלע יידישע קאַמפ־סאָלדאַטן, וועלכע קעמפן אויף אַלע פראָנטן קעגן געמיינזאַמען שונא".

דעם 1־טן אויגוסט 1944 איז געקומען די שעה פון פּוילישן אויפשטאַנד קעגן דעם דייטשן אָקופּאַנט. טוביה באַטייליקט זיך אויך אין אָט דער „דריטער מלחמה פאַר וואַרשע". ער קעמפט אין די רייען פון דער יידישער קאַמפ־גרופּע אין די ראַמען פון דער פּוילישער „פאָלקס־אַרמיי"

מיט דער גרופּע האָט אָנגעפירט יצחק צוקערמאַן („אַנטעק").

צום פינפטן יאָרצייט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ באַקומט טוביה באָזשיקאָווסקי פון דער פּוילישער רעגירונג די הויכע אויסצייכנונג „גרונוואַלד־קרייץ" פאַר זיינע פאַרדינסטן אין קאַמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט.

אין דער נייער פּוילישער רעפּובליק איז טוביה אַ מוטיקער כלל־טוער, אַ טריי געבליבענער די פּרינציפּן פון הלוצישן ציוניזם. ער באַנייט זיין אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט צווישן דער יידישער יוגנט, וואָס איז נאָך

דער מלחמה צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד. ער שרייבט אַרטיקלען וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער יידישער באַפעלקערונג פון פּוילן אין די צייטונגען פון פּועלי־ציון און פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „דרור". ער איז אַ מיטגליד פון מרכז (צענטראַל־קאָמיטעט) פון „דרור" און רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט „דרור", אין יידיש. עטלעכע יאָר איז טוביה מיטגליד פון „צענטראַלן קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן", אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַראייניקט אַלע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע גרופּירונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעמאָקראַטישן פּוילן. נישט ווייניקע פון דער יידישער שארית־הפליטה אין פּוילן געדענקען דעם גרויסן סימפּאָזיום, וואָס איז אין יאָר 1948 אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. אין אַ שטורמישן וויכוח מיט זיינע בעלי־פּלוגתא פון אַנטי־ציוניסטישן לאַגער האָט טוביה פלאַמיק פאַרטיידיקט זיין קוק אויפן אויפשטאַנד. ווי עס שטעלט פעסט דער פאָרשער פון דער חורבן צייט, איז טוביה אַרויס פונעם וויכוח ווי אַ זיגער — קיין איינע פון זיינע הנחות איז נישט אָפּגעפּרעגט געוואָרן (נ. בלומנטאַל, טוביה בשלושים למותו, ז' 26).

-----------

אָנהייב 1949 באַפרייט זיך טוביה פון זיינע פּאָליטישע פליכטן אין פּוילן און איז עולה קיין ישראל. זיין וועג איז אַ קלאָרער: ער פאַראייניקט זיך מיט זיינע חברים, וואָס האָבן ערשט־וואָס געגרינדעט דעם קיבוץ „לוחמי הגיטאות". טוביה איז מיטגרינדער פון חורבן־מחיי אין קיבוץ („בית לוחמי הגיטאות") און צייַלט זיך צווישן זיינע ערשטע אַקטיווע מיט־אַרבעטער. טוביה איז אַ חבר פון קיבוץ און פילט אויס אַלע פליכטן, וואָס דער קאָלעקטיוו לייגט אַרויף אויפן יחיד סיי אין טאָג־טעגלעכער אַרבעט, און סיי אין געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט. „כ'האָב אים באַגלייט — דערציילט אַ חבר — אין זיינע ערשטע טריט ביי פיזישער אַרבעט און איך געדענק מיט וואָס פאַראַ מסירות און שלימות ער האָט זיך באַמיט צו געפינען זיין אָרט אין ווירטשאַפטס־צווייג. פון דעמלט אָן האָב איך אים ליב געקראָגן אהבת־נפש און געהאַט פאַר אים אַ סך אַפּשיי (דניאל, טוביה ביום השלושים, ז' 22). ער געפינט אָבער אויך צייט פאַר פובליציסטישער טעטיקייט — אַ נאַטירלעכער המשך פון זיין פובליציסטיק אין די געטאָ־יאָרן און אין פּוילן נאָך דער מלחמה. „מיינע אַרבעטן — שרייבט וועגן זיך טוביה — זיינען אין דער גרעסטער מאָס טעאָרעטישע, אַקטועל־פּאָליטישע און פּאָלעמישע. טייל אַרבעטן זיינען געווידמעט וויכטיקע

היסטאָרישע געשעענישן אין דער אַלגעמיינער געשיכטע און פּראָבלעמען פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג און פון דעם אויפשטאַנד אין די געטאָס פון וואַרשע און אַנדערע שטעט אין פּוילן". די עטלעכע פּסוקים זיינען אַרויסגענומען פון זיין קורצער ביאָגראַפיע, וואָס טוביה האָט געשיקט אין אָקטאָבער 1954 צו דער רעדאַקציע פון „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" ביי דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק. (אַן אָפּשריפט אין דעם אַרכיוו פון „בית לוחמי הגיטאות"). מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אין אַפּריל 1955 שיקט טוביה אויפן זעלביקן אַדרעס אַ צווייטן בריוו, אין וועלכן ער בעט „די מאַטעריאַלן נישט צו פאַרעפנטלעכן אין קיין שום פאָרם, נישט אין וואָרט און נישט דאָס צוגעשיקטע בילד..." די סיבה דערפון: „איך בין נישט מסכים צו דערשיינען אין וועלכער עס איז אויסגאַבע, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פאַר דייטשע געלטער".

אַ חוץ פּובליציסטישע אַרבעטן שרייבט טוביה אויך זכרונות. חברים האָבן געוווּסט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַפרייט פון זיין עיקרדיקן חוב — צו דערציילן די מגילה פון דעם ווידערשטאַנד אין די יאָרן 1942־1944 — האָט זיך טוביה אומגעקערט צום יאָר 1939 און געוואָלט שרייבן דעם ערשטן באַנד פון זיינע איבערלעבונגען אין צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין זיין איבערבלייב האָט מען טאָקע געפונען עטלעכע צענדליק זייטלעך, געשריבן שוין עברית. ער באַשרייבט זיין טעטיקייט אין דער באַוועגונג אין פרילינג און אין זומער 1939 דאָס לעבן פון דער יידישער עדה אין אָקופּירטן ראַדאָמסק, דעם געטאָ, פּרומקעס באַזוך אין ראַדאָמסק, דאָס געזעגענען זיך מיט דער שטוב און מיט דער היימשטאָט, זיין באַזוך אין טשענסטאָכאָוו, און אויך די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ראַדאָמסק אין שליחות פון דער באַוועגונג אין יאָר 1941. די אַרבעט איז נישט קיין פאַרענדיקטע — נישט מער ווי עטלעכע קאַפּיטלען. דער ציל אָבער, וואָס טוביה האָט זיך געשטעלט, איז אַ קלאָרער. ער האָט געוואָלט משלים זיין דאָס בילד, אויפדעקן די וואָרצלען פון וועלכע עס איז אויסגעוואַקסן די חלוצישע אונטערגרונד־באַוועגונג און דער גרויסער באַוואָפנטער אויפשטאַנד. אויפן פאָן פון זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען האָט ער זיך באַמיט צו שילדערן דעם גורל פון זיין דור, וואָס האָט אַזוי ביטער געקעמפט פאַר זיין כבוד און לעבן. אָט די צוגאָב־קאַפּיטלען געשריבענע אין ישראל, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן צום פינפטן יאָרטאָג פון טוביהס טויט אין דער צווייטער אויפלאַגע פון זיין בוך אין עברית.

ווי געזאָגט, האָט טוביה נישט זוכה געווען צו פאַרענדיקן זיין שרייבערישן פאַרמעסט. נאָך אַ לאַנגער יסורים-פולער קראַנקהייט איז ער געשטאָרבן דעם 9-טן מערץ 1959, כ"ט אדר ב' תשי"ט. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין קיבוץ לוחמי הגיטאות. דאָס איז געווען דער ערשטער קבר אין קיבוץ. אין זיין לעצטן וועג האָבן טוביהן באַגלייט די חברים פון קיבוץ — קינד און קייט, זיינע תלמידים, צוהערער און לייענער, זיינע געטרייע קאַמפּס-חברים, געטאָ-קעמפער און פּאַרטיזאַנער.

-----------

זיין בוך זכרונות „צווישן פאַלנדיקע ווענט" האָט טוביה געבראַכט צום דרוק אין יאָר 1949, נאָך פאַר זיין פאַרלאָזן פוילן. טוביה האָט געהאַלטן, אַז זיין בוך דאַרף דערשיינען אין צענטראַלן, אַזוי צו זאָגן אָפיציעלן פאַרלאַג פון די יידן אין פוילן. זיין ווונטש איז אָבער נישט מקויים געוואָרן. בלית-ברירה איז דאָס בוך דערשינען אין פאַרלאַג פון מרכז „החלוץ" אין וואַרשע. דאָס בוך איז אַרויס אין דרוק, אָבער שוין נישט פאַרשפּרייט געוואָרן. ווייזט אויס, נישט געפונען לייטזעליקייט אין די קרייזן, וואָס זיינען דאַן געווען מאַסגיביק אין פוילן בנוגע יידישע ענינים. נאָר ווינציקע עקזעמפּלאַרן האָט טוביה באַוויזן אַרויסצושיקן און מיטנעמען מיט זיך ווען ער איז עולה געווען. דאָס בוך, וואָס „בית לוחמי הגיטאות" ברענגט איצט פאַר יידיש-לייענער, איז אַ פאָטאָגראַפישער איבערדרוק פון יענער, מקור־תדיקער וואַרשעווער אויפלאַגע פון יאָר 1949. אוודאי זיינען פיז דאַמלט פאַרלאָפן אַ סך יאָרן. נייע דאָקומענטן זיינען באַקאַנט געוואָרן, נישט ווייניק ביכער — סיי פון מעמואַריסטישן כאַראַקטער און סיי מיט היסטאָריש-וויסנשאַפטלעכן שניט — זיינען אינצווישן פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אָבער טוביהס בוך האָט נאָך ווייט נישט פאַרלאָרן זיין דאָקו־מענטאַרע חשיבות. טוביה איז נאָך אַלץ געבליבן דער קרוין-עדות פון יענער צייט. ווי אַ סך חברים פון דער חלוצישער באַוועגונג אין פוילן, האָט זיך אויך טוביה אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרקן היסטאָרישן חוש. אין דער הקדמה צו זיין בוך שרייבט טוביה, אַז „נאָך לאַנגע יאָרן וועלן היסטאָריקער, וויסנשאַפטלער און אידעישע שטרעמונגען ביי יידן און אפשר אויך ביי נישט יידן" זיך פאַרנעמען מיט דער אָקופּאַציע-צייט, און זיך באַמיען צו דערגרונטעווען „די טיפסטע טיפענישן פון געטאָ-תהום" און אַנטאַפּן „די כוחות, וועלכע האָבן אין דער גרעסטער ירידה איבער־געוויגן צום אויפשטאַנד". אָט דער ווילן צו באַרייכערן דעם פאָלקס-וויסן, און האַלטן ווי ווייט מעגלעך פריש דעם פאָלקס-זכרון, האָט באַגלייט

טוביהן אַלע זיינע יאָרן. דאָס פאַרעפנטלעכן איצט — אָן וועלכע עס איז שינויים אדער הוספות — טוביהס בוך דינט אָט דעם ציל, וואָס איז געווען אזוי נאָענט צום האַרצן פון דעם פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם מחבר.

מיר האָבן געזאָגט „טוביה דער קרוין־עדות" און נישט צוגעגעבן: אַ געוויסנהאַפטער, באַוווסטזיניקער, שטרענג־אָפּגעהיטער עדות. „איך האָב זיך כסדר געהאַלטן — שרייבט טוביה אין דער הקדמה צום בוך — אין דער ליניע פון שרייבן וועגן דעם וואָס איך האָב אַליין געזען און געהערט פון מענטשן וועלכע זיינען געווען אויף אַנדערע קאַמפּס־אָפּשניטן".

דער מחבר האָט זיך אין זיין בוך באַגרענעצט צו אַ קורצער צייט — סך הכל קנאַפּע צוויי און אַ האַלב יאָר — פון נאָך דעם גרויסן גירוש אין די זומער חדשים פון 1942 ביז דער באַפרייאונג פון וואַרשע און פון די רעשטלעך פאַרבליבענע יידן אין יאַנואַר 1945. אויפן פאָן פון זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען באַשרייבט דער מחבר די גורלדיקע יאָרן פון יידישן אומקום און פון יידישער גבורה. דאָס איז אַ תקופה פון זעלבסט־באַוואָפנונג פון דער יידישער באַפעלקערונג; אין דעם קורצן צייט־אָפּשניט קריסטאַליזירט זיך אויס דער כוח פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ. טוביה איז געווען אַ גליד פון דער חלוצישער מחנה, וויין בוך זאָגט עדות וועגן מסירות־נפש, רירנדער חברשאַפט, טיפער אידעישקייט און קאַמף־גרייטקייט פון דער חלוצישער משפחה, וואָס איז געווען דער הויפּט־זייל פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ.

„דאָס בוך איז כולו אונדזערס" — האָט נאָך טוביהס טויט געשריבן דער דיכטער משה באַסאָק, וואָס האָט דאָס בוך איבערגעזעצט אין עברית — „אַ בוך פון יידישן גורל: פאַרניכטונג, אומקום — און לעבנסווילן פון אַ פאָלק, וואָס שטייט אויף תחיית המתים פון אַש און בלאָטע; דאָס קלאַמערן זיך אין יעדן שטיקל ערד אונטער די פיס, וואָס ווייזט אויס צו זיין זיכער — און דער שטענדיקער חשש, טאָמער איז די ישועה נישט מער ווי אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ; ביטערע טענות צו דער וועלט וואָס שווייגט און איז אַזוי אומברחמנותדיק — און דער קיינמאָל נישט אויסגעצאָלטער חוב לגבי די ווייניקע פון צווישן די אומות העולם, וואָס האָבן אונדז געטאָן גוטס".

דאָס בוך איז כולו אונדזערס און אַזוי איז עס טאַקע אויפגענומען געוואָרן דורכן פאָלק. „צווישן פאַלנדיקע ווענט" האָט אין ישראל זוכה געווען צו

אַ סך אויפלאַגעס. אין עברית (אין דער איבערזעצונג פון משה באַסאָק) איז דאָס בוך דערשינען דריי מאָל, אין די יאָרן 1950, 1964, 1970; אין ענגליש (אין דער איבערזעצונג פון מענדל קאָכאַנסקי) צוויי מאל אין יאָר 1960 און 1976, אין רוסיש (אין דער איבערזעצונג פון צילע קלעפּפּיש) אין יאָר 1975. קאַפּיטלען פון בוך זיינען אומצאָליקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַנטאָלאָגיעס און כרעסטאָמאַטיעס, אויפגעפירט אין ראַדיאָ און רעציטירט אויף יזכור־אַקאַדעמיעס. עס איז צו גלויבן, אז אויך די איצטיקע, באַנייטע יידישע ווערסיע פון בוך וועט געפינען דעם וועג צום פאָלק.

קיבוץ לוחמי הגיטאות, אפריל 1976.

**צבי שנער**


טוביה באזשיקאווסקי
צווישן
פאלנדיקע
ווענט



## טוביה באָזשיקאָווסקי

# צווישן פאַלנדיקע ווענט

אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג ביים מרכז „החלוץ" אין פוילן

וואַרשע 1949

TUWIE BORZYKOWSKI

# CWISZN FAŁNDIKE WENT

## (wśród walących się murów)

Nakładem Wydawnictwa „Hechaluc" w Polsce
Warszawa 1949

Składano i tłoczono w drukarni „Ogniwo", Warszawa, Targowa 33

B—67527

# פאָרוואָרט

דאָס געפיל פון אַ באַדערפעניש אַרויסצוברענגען אויף דער שיין פאַקטן און דערינערונגען, זכרונות און איבערלעבונגען פון יידישן פיין און קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ; דער חוב לגבי די טויטע און די פליכט לגבי די לעבעדיקע בכל תפוצות ישראל אָפּצוהיטן פון פאַרגעסנקייט די פּרקים פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע און גוראַנגל אונטער דער היטלער־אָקופּאַציע — האָט מיך אינספּירירט אָנצושרייבן דאָס פאָלגנדיקע בוך און איבערגעבן עס אין די הענט פון דער יידישער עפנטלעכקייט. די דערפילונג פון דער דאָזיקער פליכט איז דאָס איינציקע, מיט וואָס עס קאָן אָפּדינען דעם היינטיקן און די צוקונפטיקע יידישע דורות איינער פון די געציילטע שרידים פון אַ מיליאָנען־ישוב און איינציק לעבנגעבליבענער פון אַ גרויסער משפּחה. מיט דער דאָזיקער אַרבעט וויל איך ביישטייערן אַ באַשיידענעם חלק צו דעם גרויסן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די אויסראָטער פון יידישן פאָלק און אַ טראַגיש און העראָיש קאַפּיטל פון אונדזער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר אונדזער היסטאָרישן פאָלקס־זכרון.

איך האָב אין דעם בוך זיך באַגרענעצט בלויז צו די לעצטע קנאַפּע צוויי מיט האַלב יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע — פון סעפּטעמבער 1942, ביז יאַנואַר 1945. ביים אויסקלויבן דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט, האָב איך זיך גערעכנט דערמיט, וואָס דאָס איז געווען די אַממערסטן שטורמישע, צאַפּלדיקסטע צייט, אין וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן דער יידישער אויפשטאַנד. פון דער גאַנצער אָקופּאַציע־צייט ציט צו די דאָזיקע תקופה אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פון אַלע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין דער גאָרער וועלט און נאָך לאַנגע יאָרן וועלן זיך מיט איר באַשעפטיקן היסטאָריקער, וויסנשאַפטלער און אידעאישע שטרעמונגען ביי יידן און אפשר אויך ביי נישט יידן. זיי וועלן זיך גריבלען אין די לאַבירינטן פון יענע יאָרן, אַריינדרינגען אין די טיפסטע טיפענישן פון געטאָ־תהום, אָטעמען מיט יענער לופט און אַטמאָספער, באַהעפטן זיך אין געדאַנק

מיט יענער געזעלשאַפטלעכער סביבה פון וואַנען עס איז אַרויסגעקומען די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פּרוּון אַנטאַפּן די כוחות, וועלכע האָבן אין דער גרעסטער ירידה איבערגעוווּיגן צום אויפשטאַנד.

דער ציל פון דעם בוך איז נישט צו איבערגעבן דעם אַלגעמיינעם פאַר־לויף פון אויפשטאַנד. איך האָב זיך באַמיט איבערצוגעבן לויט אַ כראָנאָ־לאָגישן סדר זכרונות, רעפלעקסן און שילדערונגען פון די אַלע קאַמפּס־אָפּשניטן, פון די אַלע וואַלגענישן אין די בונקערס, הייף, חורבות און קאַ־נאַלן, וואו עס איז מיר אַליין אויסגעקומען צו זיין. דאָס בוך נעמט אַרום דאָס לעבן און גערודל פון די קעמפער, קודם־כל, פון דער נאָענטסטער סביבה, מיט וועלכער איך בין געווען פאַרבונדן, דעם געמיט־צושטאַנד פון דעם סתם ייד, דעם אומקום פון דער פרוי און קינד, די ליידן פון יחידים און גרופּן, מיט וועלכע איך בין נאָר געקומען אין באַרירונג. און נישט נאָר אין דעם ערשטן טייל — געטאָ, נאָר אויך אין דעם טייל „אַרישע זייט", וועלכע איז פון די פאַרנאָטירונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן אויפגעלעבט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ טאָג־בוך, אויך אין דער באַשרייבונג וועגן פּוילישן אויפשטאַנד און די צייט נאָך אים האָב איך זיך כסדר געהאַלטן ביי דער ליניע פון שרייבן וועגן דעם, וואָס איך האָב אַליין געזען און גע־הערט פון מענטשן, וועלכע זיינען געווען אויף אַנדערע קאַמפּס־אָפּשניטן. די אַלע פּערזענלעכע דערינערונגען האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דערגענצן דורך דעם קליינעם, אָקאָרשט אָפּגעפונענעם מאַטעריאַל, געשריבן דורך מיר אויף דער „אַרישער זייט".

אויב עס גייט וועגן דעם געטאָ־טייל, איז ער וועזנטלעך פאַרן פאַר־שטיין דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון אויפשטאַנד, ווייל די צאָל ערטער פון די קאַמפן, די וואַלגענישן, בונקערס, שטימונגען, פּראָבלעמאַטיק און באַדינגונ־גען, וואָס ווערן דאָ באַשריבן ,נעמען אַרום דעם גרעסטן טייל פון געטאָ־שטח און זיי זיינען דעריבער כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אַנדערע טיילן פון געטאָ. אַז עס איז געווען אַזאַ ענלעכקייט אין אַלע פראַגן האָט זיך דאָס אויך באַשטעטיקט דורך די רעלאַציעס פון די חברים פון אַנדערע געביטן מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אין וואַלד נאָכן אַרויסגיין פון געטאָ.

ט. ב.

I

# ווארשעווער געטא
# אין קאמף

# אויף דער גרענעץ פון צייטן

ווען מען רעדט וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, מיינט מען געוויינלעך, דעם גרויסן אויפשטאַנד פון 19טן אַפּריל 1943. גאַר ווייניק ווייסט מען אָבער וועגן דעם ערשטן אויפשטאַנד פון 18טן יאַנואַר 1943, וועלכער איז לויט זיין פאַרנעם געווען אַ קליינער, אָבער זיין באַדייטונג איז געווען אַ היסטאָרישער. מיטן 18טן יאַנואַר עפנט זיך אַ נייע תקופה אינעם לעבן פון יידישן געטאָ. דאָס איז די דאַטע פון גרויסן פסיכישן איבערברוך אין לעבן פון די געטאָ־יידן, וועלכע האָט מעגלעך געמאַכט דעם שפּעטערדיקן גרויסן קאַמף פון 19טן אַפּריל. דער 18טער יאַנואַר איז געווען אַן אויסדרוק פון דעם נייעם גייסט, וואָס האָט אָנגעהויבן באַהערשן די יידישע יוגנט.

כדי צו פאַרשטיין דאָס נייע, וואָס דער 18טער יאַנואַר האָט אַריינגעבראַכט אין לעבן פון וואַרשעווער געטאָ, מוז מען זיך דערמאָנען יענע פינצטערע טעג און קאָשמאַרפולע נעכט אין לעבן פון די לעצטע צום טויט־פאַרמשפּטע, בערך פופציק טויזנט יידן, נאָך דער ערשטער און גרויסער אויסראָטונגס־אַקציע פון 22טן יולי 1942. עס דערוועקן זיך דערינערונגען וועגן פיין און לײדן, מאָראַלישער געפאַלנקייט און גייסטיקער דערשלאָגנקייט. פאַר די אויגן גייט אויף דאָס בילד פון די אָפּגעשטאָרבענע געטאָ־גאַסן מיט די פאַרוויסטע און דעמאָלירטע הייזער, וועלכע זיינען געשטאַנען ווי טרויער־מצבות אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון די באַר וואָס אַרויסגעפירטע איבער דריי הונדערט טויזנט יידן. אין יעדן הויז און אין יעדער שטוב איז געווען צו דערקענען, אַז ערשט נישט לאַנג איז דאָ נאָך אַ לעבן געווען. די קליידער און מלבושים, דאָס מעבל און געשיר האָבן אויסגעזען, ווי ס'וואָלט נאָך אויף זיי געלעגן די זאָרגפעלטיקע האַנט פון זייערע געוועזענע באַלעבאַטים. דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך באַמערקט סימנים, וואָס האָבן דערציילט, אַז דאָ האָבן געטראָטן פיס פון לעבעדיקע מענטשן. זייער אָפט האָט מען נאָך געזען אויף די טישן

רעשטלעך פון אַ נישט פאַרענדיקט מאַלצייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן ביים אָנקומען פון די רוצחים.

די אויפגעבראָכענע טירן און פענסטער, דאָס הפקרע יידישע האָב און גוטס, די פליענדיקע פעדערען פון בעטגעוואַנט, וועלכע פאַרדעקן ווי מיט אַ ווייסן שניי־געוואַנדט אַלע רעשטלעך פון יידישן איבערבלייבעניש, דערציילן וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט. צווישן די הויפנס צעפוילטע, מיט בלוט פאַרפלעקטע קליידער, שיך, קיך־געשיר, ניי־מאַשינען, ספרים און פאָטאָגראַפיעס פון ערשט נישט לאַנג אומגעקומענע מענטשן, דרייען זיך אַרום יידן, וועלכע האָבן שוין צענדליקער מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו זיין צווישן די טויטע, נאָר אַ דאַנק דעם בלינדן צופאַל רירן זיי נאָך מיט אַן אבר. דער שטאַרקער זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט צווינגט זיי צו זוכן צווישן די חורבות עפּעס ווערטפולעס, כדי צו האָבן פון וואָס צו לעבן. פאַראַן אויך אַזעלכער, וואָס האָט געזוכט דאָרט אַ בילד פון זיין אומגעקומענעם טאַטן, מאַמען, אָדער שוועסטער. אַן אַנדערער מיינט, אַז אין די דעמאָלירטע הייזער וועט ער געפינען די טויטע קערפּערס פון זיין פרוי, אָדער קינד.

זיי גייען פאָרזיכטיק, די דערשראָקענע מענטשן־שאָטנס. מען שאַרט זיך ביי דער וואַנט, אַז אַן ס״ס־מאַן זאָל פון דער לאַנגער פּוסטער גאַס נישט באַמערקן. ביים דורכגיין אַ שטיקל וועג פון 10—15 מעטער שפּרינגט מען פון איין טויער אין צווייטן, כדי אויסצומיידן אַ סכנה. ביים אַריינלויפן אין די טויערן האָט זייער אָפּט אַ דייטשע קויל אָנגעיאָגט. אַמאָל האָט דאָס שטיק לויפנדיקע פייער פאַרשפּעטיקט, זייער אָפּט אָבער האָט די קויל דעריאָגט און אויפן גאַס איז געבליבן אַן אויסגעצויגענער קערפּער אין אַ קאַלוזשע בלוט.

אַפילו אין די צוויי פּרימאַרגנדיקע און אין די צוויי פאַרנאַכטיקע שעהן, ווען ס'איז יאָ דערלויבט געווען די גאַסן־באַוועגונג, איז דאָס דורכגיין די גאַס פאַרבונדן געווען מיט דער גרעסטער סכנה. יעדער קלאַנג פון אַן אָנפאַרנדיקן אויטאָ, האָט אַרויסגערופן די גרעסטע בהלה. ביי יעדן בלאָז פון ווינט, וואָס האָט געטרייסלט די אַראָפּהענגענדיקע שטיקער בלעך פון די רואינירטע דעכער, האָבן צענדליקער מענטשן גענומען אַנטלויפן, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז מען פאַרפאָלגט זיי. יעדער גלאַנץ פון אַ גרינעם אוניפאָרם, אַפילו פון דער גרעסטער ווייטקייט, האָט געטריבן צו זוכן אַן אָרט אַנטרינען צו ווערן. אין קאַמף פאַר אַ מאָמענטאַלער באַהאַלטעניש, זיינען אַלע מיטלען געווען כשר. אויף אומגעפּאַלענע האָט מען געטרעטן.

איף שוואַכע האָט מען קיין אַכט נישט געלייגט. ווער ס'איז געווען שטאַרקער, האָט זיך אויסבאַהאַלטן און איבערגעלאָזן דעם שוואַכערן אויף גאָטס באַראַט.

פחד און אימה האָבן געהערשט נישט בלויז אין גאַס, נאָר אויך אין די שטובן. די טויט־ברענגנדיקע דייטשע קוילן האָבן אויך געטראָפן דורך די פענצטער. די יידישע הייזער זיינען געווען פריי און הפקר פאַר יעדן דייטשן סאַדיסט, וועלכן עס האָט זיך פאַרגלוסט פריילעך צו מאַכן, דורך אָנוואַרפן אַ שרעק, צעשלאָגן און אָפט אויך דערשיסן יעדן, וואָס קומט נאָר אונטערן האַנט. דאָס געפיל פון אומזיכערקייט האָט געמאַטערט יעדן ייד גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת, אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט. די לאַנגע פינצטערע און אימהדיקע נעכט האָבן זיך פאַר יעדן איינעם געצויגן אומענדלעך. ליגנדיק שלאָפלאָז אין די בעטן, האָט מען אויפגעציטערט צוליב יעדן קלאַנג פון אַ באַנעגלטן שטיוול אויפן גאַס. נאָכן איבערקומען דעם קאָשמאַר פון דער נאַכט, האָט דאָס גרויען פון פרימאָרגן געבראַכט מיט זיך די שרעק פאַרן אָנקומענדיקן טאָג.

דער שרעקלעכער טעראָר האָט געבושעוועט נישט בלויז צופעליק און כאַאָטיש. די יידן, וואָס זיינען יעדן טאָג גרופנווייז אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ צו דער אַרבעט, אונטער אַן עסקאָרטע פון דייטשן און יידישע פּאָליציי, האָט מען סיסטעמאַטיש געפייניקט, ווייל נישט די אַרבעט זייערע האָט מען געמיינט. אויב ס'איז עמיצער נישט געפאַלן ביי דער אַרבעט, האָט ער זיך פאַרשולדיקט ביים דורכגיין דורך דער געטאָ־וואַך פאַר האָבן ביי זיך געלט, אָדער פאַר שמוגלען נישט־דערלויבטע לעבנס־מיטלען. אויב עמיצער האָט אויסגעמיטן די סכנה פון צעשלאָגן ווערן פאַר נישט אַראָפּנעמען דעם הוט פאַרן דורכגייענדיקן דייטש, איז ער געפאַלן סתם פון אַ צופעליקער קויל. יעדן אָוונט זיינען צוריקגעקומען וויניקער יידן, וויפל עס זיינען אינדערפרי אַרויס צו דער אַרבעט.

טויזנטער יידן האָבן יעדן פרימאָרגן פאַרפולט דעם פּלאַץ פאַרן „יוּדענראַט", וואו עס האָבן זיך פאַרמירט די רייען פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט. ס'האָבן זיך כסדר געהערט די שמיץ איבער די יידישע לייבער, פאַר נישט פּינקטלעך צושטעלן זיך, אָדער פאַר נישט שטיין גלייך אין דער ריי. איבער דער גאַנצער לענג פון די גאַסן זאַמענהאַף און גענשע, האָבן זיך געצויגן געשלאָסענע רייען פון אַרבעטס־שקלאַפן. מענער, פרויען און יוגנטלעכע, אַלע האָבן יעדן פרימאָרגן און אָוונט דעמאָנסטרירט זייער איבערלעכע געבראָכנקייט און פאַרשעמטקייט. מיט די ווייסע אַרעם־בענ־

דער און מיטן אַרבעטס־נומער אויפן ברוסט, זיינען זיי געגאַנגען מיט גע־צוואונגענעם גאַנג, כאַטש אויפן האַרצן האָט געדריקט אַ געפיל, אַז מען וועט נישט דערלעבן די קומענדיקע שעה, באַגלייט מיט אַ קליינטשיקער האָפנונג, אַז אפשר וועט מען בלייבן לעבן אין זכות פון געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון „נוצלעכע יודן".

אַזוי זיינען די טעג געפלאָסן אין אַ צושטאַנד פון נישט קענען לעבן און מורא האָבן פאַרן טויט. יעדער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך שעהן און מינוטן פון העכסטער שפּאַנונג, אין דערוואַרטונג פון טויט. דער מלאך המות האָט זיך אָבער געשפּילט מיט די מענטשן און נישט געקומען דעמלט, ווען דער יאוש האָט שוין דערפירט צו פולשטענדיקער גלייכ־גילטיקייט צום לעבן. דווקא, ווען דער מענטש האָט געטראַכט, אַז ס'איז שוין אַלץ איינס, זאָל שוין זיין דער טויט, אַבי וואָס גיכער, איז ווידער גע־קומען אַ מאָמענטאַלע אַנטשפּאַנונג, מיט אַ ניידערוועקטן דראַנג צום לעבן און נייע אילוזיעס.

עס איז נאָך אין דער וועלט נישט געשאַפן געוואָרן קיין וויסנשאַפט־לעכע באַצייכענונג פאַר דעם גייסטיק־פּסיכישן צושטאַנד פון די געטאָ־יידן אין דער תקופה נאָך דער ערשטער אויסראָטונגס־אַקציע. דאָס איז געוועזן אַן עדה, וועלכע האָט אין איר מערהייט פאַרלוירן יעדן נאַטירלעכן מענטשלעכן געפיל. נישט בלויז, וואָס מען האָט זיך שוין צוגעוווינט און מען איז גאַרנישט דערשיטערט געוואָרן ביים טרעטן אויף טיילן פון צעפאַלענע מענטשלעכע קערפּערס, נאָר אין דעם בליק פון איין לעבע־דיקן מענטשן אויפן צווייטן, האָט זיך אויסגעדריקט די „זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט", אַז „מען גייט אויף זייף". דאָס געפיל פון ווערטלאָזיקייט איז אויך בולט געקומען צום אויסדרוק אין די שפּאַסן, וועלכע זיי־נען געווען פול מיט ציניזם און גאַלגן־הומאָר. די גאַנגבאַרסטע געשפּרעכן האָבן אַנטהאַלטן אין זיך דעם חשבון פון ווען עס וועט אַרויסקומען מער פעטס פאַר דער דייטשער קריגס־אינדוסטרי. ווען עמיצער איז קראַנק געוואָרן, האָט מען אים באַטירלעך באַגלייט מיט מיטגעפיל און זאָרג, אָבער גלייכצייטיק האָט מען אין דעם קראַנקן געזען אַ קאַנדידאַט אויף צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן, מענטשלעכן טויט און אויסמיידן כ'רעבלינקע.

ביי די בערך פופציק טויזנט געטאָ־יידן, צווישן וועלכע עס איז שוין נישט געווען כמעט קיין גאַנצע משפחה, איז שוין אין אַ גרויסער מאָס נישט געווען צו באַמערקן קיין נאָרמאַל מענטשלעך פאַמיליע־געפיל, קיין

נאָרמאַלע באַציאונג צו פֿרוי און קינד, קיין צוגעבונדנקייט צו אַן אייגנע־אָרדנטער שטוב מיט זאַכן. מען האָט זיך נישט געצירט, מען האָט נישט קיין אַכט געלייגט אויף מלבושים, מען האָט נישט געזאָרגט פֿאַרן מעבל. עס איז בכלל פֿאַרלוירן געגאַנגען יעדער ווערט פֿאַר זאַכן. מען האָט גע־טרעטן אויף מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן, וואָס זיינען תמיד דורך מענטשן געווען געשוינט און געהיטן. עס האָט פֿאַרלוירן דעם ווערט יעדע הייליקייט. אין אַ זייער גרויסער מאָס האָט געהערשט די מיאוסעסטע ציני־נישקייט און סקעפּטיציזם. די מינוטן פֿון פֿאַרגעסן זיך זיינען, ביי אַ גרויסן טייל, אויסגעפֿילט געווען מיט דער ערגסטער פּוסטקייט און דעמאָראַלי־זאַציע, מיט דעם צינישסטן אָפּלאַכן פֿון דער אייגענער שוואַכקייט. דאָס איז געווען אַ לאַכן פֿון האָפֿנונגסלאָזע, וועלכע האָבן דעם באַוואוסטזיין, אַז מיט יעדער מינוט רוקן זיי זיך נענטער צום טויט.

קיין גייסטיק לעבן איז ביים רוב כמעט נישט געווען. אַלע חושים פֿון מענטשן זיינען געווען אַבסאָרבירט פֿאַר דער דערהאַלטונג פֿון דער פֿיזישער עקזיסטענץ. די גאַנצע זאָרג איז געווען בלויז איבערצולעבן דעם טאָג, אויף ווייטער האָט מען נישט געטראַכט. צו לעבן מיט ערלעכע מיט־לען איז נישט געווען מעגלעך און אין קאַמף פֿאַר דער אייגענער עק־זיסטענץ זיינען אַלע מיטלען געווען כשר. מיט יעדן טאָג האָט זיך אַלץ מער פֿאַרטיפֿט די מאָראַלישע צעפֿוילטקייט און פֿאַרדאָרבנקייט. דאָס אַלץ איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם שרעקלעכסטן פּחד און מאַכטלאָזיקייט, מיט שרעק פֿאַרן אויסערלעכן כוח, מיט מורא פֿאַרן אייגענעם שאָטן.

דאָס גאַנצע לעבן האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ שרעקלעך פֿינצ־טערן און זומפּיקן לאַבירינט, אין וועלכן מיר זיינען געווען פֿאַראיינזאַמט און אָפּגעריסן פֿון דער אויסערלעכער וועלט. דער באַוואוסטזיין פֿון פֿאַר דער ערשטער אויסראָטונגס־אַקציע, אַז נאָענט, נעבן אונדז אויף יענער זייט מויער, עקזיסטירט אַ נאָרמאַלע וועלט, האָבן מיר נאָך יולי 1942 אויך שוין נישט געהאַט, ווייל דאָס געטאָ האָט זיך געגרענעצט מיט אַן אָפּ־געשטאָרבענעם און פֿאַרוויסטן שטח, אויף וועלכן עס האָט זיך נישט געפֿונען קיין לעבעדיקער מענטש. דאָס איז געווען דער א״ג נייטראַלער פּאַס. די הערמעטישע אָפּגעשלאָסנקייט פֿון דער אַרומיקער וועלט, האָט נאָך מער געדריקט אויפֿן געמיט, עס האָט זיך געפֿילט אַן ענגקייט, אין וועלכער עס איז אוממעגלעך געווען צו אָטעמען.

דער געטאָ־שטח, אין וועלכן עס האָט געהערשט אַ לאַגער־רעזשים, איז געווען צעטיילט אויף קליינע געטאָלעך. יעדער שאָפּ, אין וועלכן עס

האָבן געלעבט צו עטלעכע טויזנט יידן, איז געווען באַזונדער אַרומגעצוימט מיט אַ באַוואַכטער מויער. די יידן פון איין טייל געטאָ האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט די יידן פון אַן אַנדערן טייל. דאָס לעבן אין די באַזונדערע אַרומגעצוימטע געביטן איז געווען ערגער פון אַ תפיסה־לעבן.

* * *

אין די חלוצישע קבוצים פון „דרור" אויף זאַמענהאָף 58 און מילע 34 און פון „השומר הצעיר" אויף מילע 61 — האָבן אויך געלעבט יידן, אויך זיי האָט געדראָט די זעלבע טויט־געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויף אַלע אַנדערע געטאָ־יידן. אויך זיי האָבן געלעבט אונטערן איינדרוק פון זיך דערנענטערנדיקן טויט. דער חלוצישער טייל פון געטאָ האָט אָבער נישט געוואָרט אויפן אומקום, נאָר זיך געגרייט צו אים. דאָס גרייטן זיך און דאָס וואַרטן אויפן טויט האָט אַרויסגעלייגט אַ פאַרשידנאַרטיקן חותם אויף די באַזונדערע טיילן פון די געטאָ־יידן. אין דער חלוצישער באַוועגונג אין געטאָ, אין וועלכער די חברים האָבן נאָך אין יענע טעג געלעבט אין אַ קאָלעקטיווער לעבנס־פאָרם, האָט טאַקע עקזיסטירט אַן אַנדערער מאָראַלישער און פסיכישער צושטאַנד, ווי ביי אַנדערע יידן. דאָרט האָבן די חברים געלעבט אויך מיט אַנדערע פּראָבלעמען, ווי דער רוב יידן. דאָרט האָט נאָך פּולסירט דער דופק פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס זיינען אויך געווען אַ־עלכע חברים פון „החלוץ", וועלכע האָבן נאָך אין יענע פינצטערע טעג געהאַט קולטורעלע באַדערפעניש. זיי האָבן נאָך געזאַמלט און געלייענט ביכער. מען האָט נאָך אָפט געזונגען, הגם מיט אַן אינערלעכן ציטער, יידישע און העברעאישע לידער. דאָס לעבן אין חלוצישן קאָלעקטיוו, האָט פיל לייכטער געמאַכט דאָס געפיל פון פאַראיינזאַמטקייט, וואָס האָט געדריקט די יידן אין געטאָ. יעדער חבר האָט געזען, אַז ער איז נישט אַליין, אַז ער גייט אַנטקעגן דעם גורל געמיינזאַם מיט אַנדערע חברים, מיט וועלכע ער איז געבונדן מיט טויזנטער פעדעם און דאָס האָט יעדן פון אונדז געשטאַרקט.

דער הויפט־כוח, וועלכער האָט אין די טעג פון אומקום צוזאַמענגעשמידט די חברים פון די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, איז געווען די צענטראַלע אידיי אַנטקעגנצוגייין דעם שונא באַוואָפנט, מיט געווער אין האַנט. די הויפט־שטרעבונג איז דאַן געווען: דערפירן צו אַן איבערברוך אין יידישן לעבן און אַריינברענגען דערהויבנקייט אין דער דערשלאָגענער יידישער מאַסע. מיר האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן אויף די יידן, זיי זאָלן

זיין גרייט אָפּצוהיטן דעם אייגענעם כבוד, וועלכן מען טאָר נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס.

צוליב דעם פאַרלאַנג אַנטקעגנצושטיין דעם שטורעם ווי אַ באַוועגונג, האָט קיין איין חבר פון „החלוץ" נישט געטראַכט וועגן ראַטעווען זיך פּער־זענלעך. יעדער באַזונדער האָט זיך געזען ווי אַן אינטעגראַלן טייל פון אַלעמען, אַלע צוזאַמען האָבן געזען דעם איינציקן זין פון דעם נאָך דער־וויילעקן לעבן, אינעם גרייטן זיך צום אַקטיוון קאַמף.

דאָס גרייטן זיך צום קאַמף און דער ווילן נישט צו לאָזן זיך אומ־ברענגען מיט שאַנד, האָט געשטאַרקט דעם מוט פון אונדזערע חברים. יעדער האָט זיך געפילט פריי און אומגעבראָכן, אין קעגנזאַץ צו דער אַפּאַטיע און אומבאַהאָלפנקייט פון אַ גרויסן טייל געטאָ־יידן. די גאַנצע פסיכישע איינשטעלונג פון אונדזערע חברים איז געווען אַזאַ, אַז אין יעדן פאַרביגייענדיקן דייטש, פאַר וועלכן אַלע האָבן אַזוי געציטערט, האָבן מיר געזען אַ צוקונפטיקן קרבן פון דער יידישער פאַרטיידיקונג. אין דעם גייסט האָבן מיר איינציקווייז אָנגעהויבן משפיע צו זיין אויף אַלע אַנ־דערע יידן.

די חלוצישע קיבוצים האָבן מיר איבערגעשטאַלטיקט אין שטרענג פאַרקאָנספּירירטע קאַמפּס־גרופּן. די קאַמפּס־גרופּן זיינען געווען שולן פון יידישע אויפשטענדלער, וואו מען האָט פיזיש און גייסטיק אויסגעשולט צום קאַמף. צוליבן מאַנגל אין געווער, האָט מען דעם חבר געלערנט נישט בלויז זיך באַנוצן מיט אַ פּיסטאָלעט, נאָר אויך אָנפאַלן אויפן שונא מיט פויסטן אָדער מיט פאַרשידענע קעגנשטאַנדן.

דער קאַמפּס־גייסט פון אונדזערע חברים איז געקומען צום אויסדרוק נאָך פאַר דער יאַנואַר־אַקציע. לאַנגע וואָכן נאָך פאַר דער אַקציע האָבן מיר גענומען דורכפירן אַ רייניקונג פון דער פּסיכישער אַטמאָספער אין געטאָ און די ערשטע קוילן זיינען געפאַלן אין די קעפּ פון די דעגענערירטע פאַרקויפטע יידן, וועלכע האָבן געדינט דעם שונא.

טויט־אורטיילן זיינען דעמלט אויסגעפירט געוואָרן איבערן קאָמענ־דאַנט פון דער יידישער פאָליציי — לייקין און איבערן פאַרבינדונגס־מאַן צווישן יודענראַט און ס"ס — פירשט. צומאַרגנס, נאָכן אויספירן די טויט־אורטיילן, האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעלאָזט מודעות, און צווויסן געגעבן דער יידישער באַפעלקערונג, אַז די פאַרעטער זיינען גע־פאַלן פון די הענט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אונדזער רייניקונגס־אַקציע האָט זיך גישט באַגרענעצט בלויז צו די צענטראַלע פּאַרטעער. די גערעכטע שטראָף האָט אויך דערגרייכט צו פיל קלענערע דייטשע משרתים, וועלכע האָבן געטאָן די ברודיקע אַרבעט קעגן די אייגענע יידישע ברידער. די רייניקונגס־אַקציע האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם אין געטאָ. די יידישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן צו פילן, אַז ס'איז אונטערגעוואַקסן אַ כוח, וועלכער נעמט איבער די פירונג פון יידישן לעבן. אויך די דייטשן האָבן שוין דערפילט, אַז אין געטאָ בלאָזן נייע ווינטן. די יידישע באַפעלקערונג האָט מיט אינטערעס זיך צוגעקוקט צו אונדזער אַרבעט און אויסגעדריקט אונדז פיל סימפּאַטיע.

מיטן אַנטשטייך פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און שפּעטער אויך די קאָאָרדינאַציע צווישן דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דעם „בונד", האָט די יידישע באַפעלקערונג אין געטאָ באַקומען איר אייגענע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון וואַרשעווער יידנטום און מיט דער צייט האָט אויך די רעפּרעזענטאַנץ אויסגעשפּרייט איר טעטיקייט צווישן די יידן, וואָס האָבן נאָך דאַן געלעבט אין דער גענעראַל־גובערניע, אין געטאָס און לאַגערן.

דער וויכטיקסטער צווייג פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, איז געווען די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. הגם פאָרמעל האָבן שוין געהערט צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַלע פּאַרטייען פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע, האָבן קאַמפּס־גרופּן עקזיסטירט בלויז ביי די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס „דרור" און „השומר הצעיר". די דאָזיקע קאַמפּס־גרופּן זיינען שוין געווען אָרגאַניזירט נאָך איידער עס איז אַנטשטאַנען דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע. זייער געשיכטע גרייכט נאָך צו דער ערשטער אויסראָטונגס־אַקציע פון יולי 1942. שוין דעמלט האָבן די יוגנט־באַוועגונגען „דרור" און „השומר הצעיר" געטאָן אויף אייגענער האַנט אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען ביי יענע באַדינגונגען. נישט האָבנדיק מער ווי איין פּיסטאָלעט, האָבן די דערמאָנטע יוגנט־באַוועגונגען דורכגעפירט אַנטי־דייטשע סאַבאָטאַזש־אַקציעס, אויסגעפירט אַן אַטענטאַט אויפן דעמאָלסטיקן קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי — שערינסקי און געפירט אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, אַז די יידן פירט מען קיין טרעבלינקע צום טויט און נישט, ווי מען האָט נאָך בעת דער ערשטער אַקציע געגלויבט — אויף „אַרבעט".

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז די צווייטע אויסראָטונגס־אַקציע פון 18טן יאַנואַר 1943, האָט געטראָפן אין אַ קאַמפּס־גרייטן צושטאַנד בלויז די חלוצישע באַוועגונג, וועלכע איז צוליב דעם שוין דערמאָנטן קבוצישן געבוי, אָביעקטיוו גרייט געווען אויפצונעמען דעם ערשטן קאַמף.

די צוגרייטונגס־תקופה האָט נאָך אין די יאַנואַר־טעג פון 1943, זיך געפונען אין איר ערשטן אָנהויב. דער נאָר וואָס געבוירענער נייער גייסט אין יידישן לעבן האָט זיך געפונען אין די וויקעלעך. עס האָבן זיך ערשט באַוויזן די ערשטע סימנים פון דערוואַכונג, נאָך דער גרויסער נידער־געשלאָגנקייט און רעזיגנאַציע, אין וועלכע יידן זיינען געוואָרן אַריינ־געשליידערט נאָך דער ערשטער אויסראָטונגס־אַקציע. דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָבן נאָר וואָס באַוויזן צו שטעלן די ערשטע טריט. אַפילו די שוין עקזיסטירנדיקע קאַמפּס־גרופּן פון „דרור" און „השומר הצעיר", האָבן נאָך געדאַרפט האָבן פאַר זיך אַ לענגערע צייט, כדי זיך אָרגאַניזאַציאָנעל איבערצובויען פון קבוצישע פאָרמען אין קאַמפּס־גרופּן און דער עיקר, כדי זיך צו באַוואָפענען.

די דייטשן האָבן געוואוסט, אַז אונדז פעלט צייט און זיי האָבן זיך באַמיט אונדז די בויטיקע צייט נישט צו געבן. אין די טעג פון 16טן און 17טן יאַנואַר זיינען אויף דער „אַרישער" זייט פאָרגעקומען גרויסע כאַ־פּערייען („לאַפּאַנקעס") אויף פּאָליאַקן, וועלכע מען האָט אַוועקגעפירט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. נאָכן פאַרענדיקן די כאַפּערייען אויף דער „אַרי־שער" זייט, האָבן די דייטשן אויסגענוצט די ספּעציעל־געבראַכטע מיליי־טערישע אָפּטיילונגען אויף אָפּצורעכענען זיך מיט די יידן אין געטאָ. די ליקווידאַציע פון די רעשטלעך יידן האָבן זיי באַשטימט אויפן 18 יאַנואַר.

# בליצן אין פּראַקטיקן יאַנואַר

מאָנטיק, דער 18טער יאַנואַר, 1943. פרימאָרגן־שעהן פֿון דעם ווינטערדיקן באַגינען. פון די הייזער האָבן, ווי תמיד, אָנגעהויבן אַרויסקריכן יידן, מיט פאַרזיכטיקע טריט און דערשראָקענע אויגן, מיט דער געוויינלעכער אומזיכערקייט פאַרן אָנקומענדיקן טאָג. דאָ און דאָרט, פון גאַסן און געסלעך האָבן מחנות יידן אָנגעהויבן ציען צום זאַמל־פּונקט, פון וואַנען מען גייט ארויס פון געטאָ צו דער אַרבעט. אויפן פּלאַץ ביים „יודענראַט" זיינען שוין געשטאַנען אויסגעשטעלטע רייען צום איבערציילן. פּלוצלונג האָט יעדער אָנגעהויבן צו פילן, אַז עפּעס גרייט זיך הייַנט אויסערגעוויינלעכס. אַלעמען האָט באַהערשט אַ שרעקלעכע נערוועזיטעט. איידער מען האָט נאָך באַוויזן זיך נאָכצופרעגן און אויסצופאָרשן די ריכטיקייט פון די פאַרשפּרייטע קלאַנגען, וועלכע זיינען נישט געווען קיין נייעס אין טאָג־טעגלעכן לעבן, איז מאָמענטאַל דאָס געטאָ בלאָקירט געוואָרן פון אַלע זייטן מיט שטאַרקע מיליטער־אָפּטיילונגען. באַלד האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן ס"ס־לייט, זשאַנדאַרמען און אוקראַאינער, וועלכע האָבן זיך צעזייט איבער אַלע ווינקלען פון געטאָ. די פּאַרטיעס יידן, וועלכע זיינען שוין געשטאַנען גרייט אָפּצומאַרשירן צו דער אַרבעט, זיינען גלייך פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט געוואָרן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. אויף די גאַסן זיינען געכאַפּט געוואָרן אַלע מענטשן, וועלכע האָבן נישט באַוויזן זיך רעכטצייטיק אויסצובאַהאַלטן. די דייטשן האָבן געעפנט אַ שיסעריי אויף יעדן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ מינדעסטן חשד, אַז ער וויל אַנטלויפן. עס זיינען געפאַלן די ערשטע קרבנות.

די מהומה האָט זיך פאַרגרעסערט פון מינוט צו מינוט. דער גרויזאַמער טאָג, וואָס די שרעק פאַר זיין אָנקום האָט לאַנגע חדשים געמאַטערט יעדן איינציקן — איז געוואָרן אַ פאַקט. די אויסראָטונגס־אַקציע ווערט פון מינוט צו מינוט שרעקלעכער. עס ווערן שוין נישט געשוינט קיין אַלטע לייט, קיין פרויען און קינדער. אַלע ווערן געשליידערט מיט

דער גרעסטער אַכזריות. באַגלייט מיט קלעפּ און באַליידיקונגען, אומזיסט איז יעדער פּרוּוו צו באַווייזן אַן אַרבעטס־קאַרטע. עס ענדיקט זיך מיט צונעמען אויפן אומשלאַג. די „לעבנס־שיינען", וועלכע האָבן געשאַפן אַזוי פיל אילוזיעס און האָפענונג אויף בלייבן לעבן, ווערן צעריסן דורך די ס"ס־לייט. עס זיינען אָפּגעשאַפט די באַזונדערע קאַטעגאָריעס פון נוצלעכע און אומנוצלעכע יידן. אַלע ווערן געשליידערט אין די וואַגאָנען און גע־פירט צום טויט.

דאָס יידישע שפּיטאָל איז אויסגעליידיקט געוואָרן. מען האָט אַרויס־געפירט אַלע קראַנקע. די, וועלכע האָבן זיך קוים געקאָנט רירן, זיינען געשלעפּט געוואָרן צום „אומשלאַג". די קראַנקע, וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיס, זיינען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

אויף יעדער גאַס האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אַנדער בילד פון שרעקלעכן גיהנום. דאָס געהילך פון ביקסן און מאַשין־געווער האָט פּאַרטויבט די קולות פון די, וואָס רייסן זיך צום לעבן און ווערן געשלעפּט צום טויט. דער פיינלעכער געיאָמער פון קליינע קינדער האָט זיך אויסגעמישט מיט די קרעכצן פון קראַנקע. דער גאַנצער וועג, דורך וועלכן עס זיינען גע־פירט געוואָרן די פּאַרטיעס צום „אומשלאַג", איז געווען באַזייט מיט טויטע און מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין די לעצטע גסיסה־קראַמפּן. די גוססדיקע האָבן געוואָנדן זייערע בעטנדיקע בליקן צו די שפּאַנענדיקע יידן אין די רייען, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען בכוח זיי צו העלפן. יענע האָבן אָבער שוין מקנא געווען די אַלע, וואָס ראַנגלען זיך מיטן טויט, און מיידן אויס דעם לאַנגן גיהנום־וועג, וואָס פירט דורכן אומשלאַג־פּלאַץ ביז טרעבלינקע.

במשך פון די ערשטע פּאָר שעה איז די רוצחים געלונגען אַרויסצו־פירן מער יידן, ווי בעת די ווייטערדיקע דריי טעג פון דער אַקציע. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פונעם אומגעריכטן אויסברוך פון דער אַקציע. טויזנטער יידן האָבן נישט באַוויזן צו דער צייט זיך אויסצובאַהאַלטן און פיל זיינען צוגענומען געוואָרן ביים אַרויסגיין צו דער אַרבעט. די דייטשן זיינען נאָך דאַן אין די ערשטע שעהן געגאַנגען זיכער איבער די גאַסן, אָן שום מורא, אַז עס דראָט זיי אַ געפאַר מצד די יידן. נאָך דער דערפאַרונג פון דער ערשטער אַקציע, ווען ס'איז זיי געלונגען אַרויסצופירן איבער דריי הונדערט טויזנט יידן אָן ווידערשטאַנד, האָבן די דייטשן געמיינט, אַז ביים אַרויספירן די לעצטע 50.000 יידן, וועלן זיי זיך זיכער נישט אָנטרעפן אויף קיין גרויסע שוועריקייטן.

נאָכן אויסכאַפּן די אַלע יידן, וואָס האָבן זיך צופעליק געפונען אין גאַס, האָבן די דייטשן געמוזט גיין פון הויז צו הויז און פון שטוב צו שטוב אויפזוכן די באַהאַלטענע. איצט האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז די צייט, ווען די יידן האָבן זיך געלאָזט שלעפּן ווי די שעפּסן צו דער שחיטה, האָט זיך געענדיקט. זיי האָבן איינגעזען, אַז דאָס גיין איבער די הייזער אַרויסשלעפּן יידן מוז באַצאָלט ווערן מיט קרבנות.

אויף זאַמענהאָף 58, וואו איך האָב זיך געפונען אין דער גרופּע פון „דרור", האָט מען זיך געגרייט צום צוזאַמענשטויס מיט דעם שונא. אויפן דריטן שטאָק האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אַ גרופּע פון בערך 40 חברים, צו וועלכער עס האָבן זיך שפּעטער אויך אָנגעשלאָסן עטלעכע חברים פון „גורדוניה". אין אונדזער רשות האָבן זיך דעמלט געפונען 4 פּיסטאָ־לעטן און אַ 3 גראַנאַטן. די איבעריקע חברים זיינען געווען באַוואָפנט מיט אייזנס, שטעקנס, פלעשער און אַנדערע מכשירים. גרייט צו באַגע־גענען דעם שונא האָבן מיר זיך צעשטעלט אויף פאַרשידענע פּאָזיציעס. הגם אַלע זיינען געווען זיכער, אַז דער צוזאַמענשטויס וועט ברענגען צו אַ פולשטענדיקן אומקום פון דער גאַנצער גרופּע, האָט דאָך ביי אונדז נישט געהערשט קיין שטימונג פון פאַרלוירנקייט. דאָס באַוואוסטזיין פון אומקומען אין קאַמף, האָט ביי יעדן געשאַפן אַ טעם און אַ זין פונעם טויט.

שטייענדיק אויף די פּאָזיציעס, האָבן מיר דערזוייל דורכן פענצטער געזען דורכפירן צום „אומשלאַג־פּלאַץ" אַ פּאַרטיע יידן, צווישן וועלכער עס האָבן זיך אויך געפונען חברים פון „השומר הצעיר", וואָס זיינען ווייזט אויס געכאַפּט געוואָרן אין אַזעלכע אומשטענדן, אַז זיי האָבן נישט באַוויזן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אינסטינקטיוו האָבן זיך חברים גע־ריסן צו די פענצטער, כדי צו באַוואַרפן מיט גראַנאַטן די דייטשן, וועלכע פירן די פּאַרטיע. אָבער צוליב וייטן מרחק, איז דאָס געווען אוממעגלעך. ווען די פּאַרטיע איז דורכגעגאַנגען דעם ראָג זאַמענהאָף־ניזקע, האָבן די חברים פון „השומר הצעיר" באַוואָרפן מיט גראַנאַטן די דייטשן, וועלכע האָבן געפירט די פּאַרטיע און די ס"ס־לייט פון אויסזידלונגס־שטאַב, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן גאַס. ביי די דייטשן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה. עטלעכע ס"ס־לייט זיינען געפאַלן טויט. די אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און די גאַנצע פּאַרטיע יידן איז זיך צעלאָפן. די קעמ־פער האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין אַ קליין הייזל אויף ניזקע און באַ־שאָסן די דייטשן פאַרשטאַרקונגען, וואָס זיינען שפּעטער אָנגעקומען.

נישט קאָנענדיק זיך אַריינקריגן אין הייזל, זיינען די דייטשן געצוואונגען געווען דאָס הייזל אונטערצוצינדן. אַלע חברים פון דער גרופּע האָבן אויסגעשאָסן ביז דער לעצטער קויל און זיינען אומגעקומען. ספּעציעל איז כדאַי צו דערמאָנען דעם קעמפער אליהו רוזשאַנסקי (עלעק). בעת ער איז שוין געלעגן אַ שווער־פאַרוואונדעטער, האָט ער נאָך מיט די לעצטע כוחות זיך געווענדעט צו אַ צווייטן חבר, ער זאָל ביי אים צונעמען דאָס געווער, כדי ס'זאָל נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן. פון דער גאַנצער גרופּע האָט בלויז מרדכי אַניעלעוויטש באַוויזן זיך צוריקצוציען מיט דער ביקס, וועלכע ער האָט דעראָבערט ביי אַ דייטש, וואָרפנדיק זיך אויף אים מיט די פויסטן.

הגם די גאַנצע גרופּע איז אומגעקומען, האָט דאָך דער קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אויף ביזקע גאַס, אונדז צוגעגעבן מוט. צום ערשטן מאָל זינט דער אָקופּאַציע, האָבן מיר געזען דייטשע הרוגים אין קאַלוזשעס בלוט. צום ערשטן מאָל האָבן מיר געזען, ווי דייטשן שאַרן זיך ביי די ווענט, אויף דער ערד און גייען איינגעבויגן מיט נישט זיכערע טריט, אויס מורא פאַר אַ יידישער קויל. די הילפס־רופן פון די פאַרוואונדעטע דייטשן האָבן אונדז דערפרייט און געשטאַרקט צום קאַמף.

אין דער „דרור“־גרופּע האָט מען נאָך אַלץ געוואַרט אויפן שונא. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט די טריט פון די באַנעגלטע שטיול אויף די טרעפּ. אין דער מינוט פון פולער ערנסטקייט און גרייטקייט צו הויבן די האַנט קעגן שונא, האָט דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט זיך געפונען אין אונדזער גרופּע, אונדז געשטאַרקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער, וועלכע וועלן בלייבן ביי מיר אייביק אין זכרון: „איך בין גליקלעך צו שטאַרבן צוזאַמען מיט קעמפנדיקע חלוצים. מיר קומען אום מיטן באַוואוסטזיין פון דער אייביקייט פון יידישן פאָלק“.

ווי נאָר דער דיכטער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן די ווערטער, האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָט זיך אַריינגעשיט אַ גרופּע דייטשן אין שטוב. די ערשטע האָבן זיי באַגעגנט זכריה אַרטשטיין און הענעך גוטמאַן, וועלכע האָבן זיך זייער מוטיק אויפגעפירט אין יענעם קאַמפס־טאָג. זכריה איז געזעסן און געמאַכט זיך לייענען אַ בוך, און דערמיט אָפּגע־שוואַכט די וואַכזאַמקייט פון די דייטשן. ווען די דייטשן האָבן גענומען אַריינגיין אין אַ צווייטן צימער, האָט זכריה צו זיי געשאָסן אין פּלייצע. איינער פון זיי איז געפאַלן און די אַנדערע זיינען אַרויס פון שטוב. גוט־מאַן און נאָך אים אַלע חברים, זיינען גלייך אַרויסגעלאָפן אויף די טרעפּ

און באַשאָסן די דייטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דרויסן. אויף די טרעפ איז געפאַלן איין דייטש טויט. אַנדערע האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן. פון אונדז איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן מאיר פינקעלשטיין, וועלכער איז צומאַרגנס אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט מיט אונדזער נצחון. די דייטשן איז נישט געלונגען פון דעם הויז אַרויסצונעמען קיין איין ייד און זיי האָבן נאָך איבערגעלאָזן צוויי קרבנות, ביי וועלכע מיר האָבן צוגענומען דאָס געווער. די פרייד פון טרעטן אויף דייטשע קערפערס איז געווען אומגעהויער גרויס. די איינשטעלונג, אַז באַלד ביים ערשטן קאַמף וועט קיינער נישט אַרויס לעבעדיק, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. די ערשטע דערפאַרונג האָט אונדז געלערנט, אַז ביזן אומפאַרמיידלעכן אומקום, קאָן מען נאָך נישט איין קאַמף דורכפירן און מיטן דעראָבערן פון געווער קאָן מען נאָך דעם שונא פאַרשאַפן אַ סך שאָדן.

די ערשטע קאַמפּס־דערפאַרונג האָט אונדז אויך געלערנט, אַז עס איז געווען אַ פעלער פון אונדזער זייט, דאָס נישט דערשאַצן די באַדייטונג פון באַהעלטענישן. אונדזער גאַנצע פסיכישע איינשטעלונג איז געווען אויסגערעכנט אויף אַן איינמאַליקן צוזאַמענשטויס מיטן שונא, נאָך וועלכן עס וועט שוין נישט זיין קיין שום מעגלעכקייט פון אַ וויטערדיקן קאַמף. ביי אַזאַ צוגאַנג איז געווען פאַרשטענדלעך די מיינונג, אַז באַהעלטענישן זיינען נויטיק נאָר פאַר די, וועלכע ווילן נישט קעמפן. מען האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען, אַז אויך אין אינטערעס פון קאַמף, מוז מען גרייטן באַצייטנס באַהעלטענישן און סטראַטעגישע וועגן אויף אַ ריקצוג, בכדי צו קאָנען אָרגאַניזירן דעם קאַמף אויף אַ צווייט אָרט.

נאָך דעם געוואונענעם קאַמף האָט אונדזער קאַמפּס־גרופּע גענומען זוכן וועגן צוריקצוציען זיך פון זאַמענהאָף 58, איידער עס קומען אָן דייטשע פאַרשטאַרקונגען. אַלע חברים האָבן זיך דאָן קאָנצענטרירט אויפן בוידעם און נאָך לאַנגע זוכענישן, האָבן מיר געפונען אַן עפענונג צום דאַך. מיר זיינען אַרויף אויפן דאַך און דאָרט האָבן מיר געשפרייזט איבער פאַרפרוירענע און פאַרשנייטע דעכער פון די פיר־שטאָקיקע הייזער. מיר זיינען געגאַנגען אין אַ לאַנגער ריי איינער הינטער דעם צווייטן. די פיס האָבן זיך געגליטשט אויף דער שיפקייט און אויפן אייז פון די דעכער. די הענט האָבן געזוכט אַן אָנהאַלט אין די העכערע מויערן פון די שכנותדיקע הייזער און אָנגעכאַפּט זיך אין יעדן אַרויסשטאַרצנדיקן נאָגל אין זיי. פאַר די אויגן האָט געשווינדלט אַן אומענדלעכער ים פון ווייסקייט.

וואָס האָט פאַרייניקט די ווייסע דעכער מיטן ווינטערדיקן הימל, ווי זיי וואָלטן געווען איין שטיק. דער דעכער־וועג איז געווען אַ שווערער און אַ סכנותדיקער. געוואָלט האָבן מיר דערגרייכן צו מוראַנאָווסקע 44, אָבער עס איז נישט לייכט געווען צו טרעפן צום ציל. מיר האָבן פאַרויס צום ציל נישט געקאָנט דערגיין און קיין וועג אויף צוריק האָבן מיר אויך נישט געהאַט. מיר האָבן דאַן געמיינט, אַז מיר בלייבן שטעקן אויף די שיפע און פאַרשנייטע דעכער אָן אַן אויסוועג. דאָך האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו מוראַנאָווסקע 44.

אָנקומענדיק אויפן נייעם אָרט, האָבן מיר געוואָלט זיך אָפּרוען פון דער שרעקלעכער אויסגעמאַטערטקייט. נישט באַוויזנדיק אָפּצואָטעמען, האָבן מיר געהערט אויפן הויף דייטשן. מיר זיינען אַרויס אַנטקעגן זיי אויף די טרעפּ, אָבער זיי זיינען צו אונדז נישט אַרויפגעקומען.

אויף מוראַנאָווסקע 44 האָבן מיר אָפּגעשלאָסן דעם ערשטן קאַמפּס־טאָג, וועלכער איז געווען רייך אין איבערלעבענישן און האָט אונדז גע־בראַכט דערפאַרונגען פאַרן ווייטערדיקן קאַמף. ווען די נאַכט איז צוגע־פאַלן, האָבן מיר געמאַכט פּרואוון צו פאַרבינדן זיך מיט די אַנדערע גרופּן פון „דרור", וועלכע זיינען במשך פון ערשטן טאָג געווען אָפּגעריסן איינע פון דער אַנדערער און האָבן זיך געפונען אויף פאַרשידענע צו־פעליקע ערטער, וואו עס האָט זיי געטראָפן דער אומגעריכטער אויסברוך פון דער „אַקציע".

אין די אָוונט־שעהן זיינען זיך אַלע חברים צוזאַמענגעקומען אין צווייטן קיבוץ פון „דרור" אויף מילע 34, וואו מען האָט זיך געטיילט מיט די איינדרוקן וועגן פאַרלויף פון ערשטן קאַמפּס־טאָג און אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר אַרויסגעשיקט שליחים און ס'איז אונדז געלונגען אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די גרופּן פון „השומר הצעיר". מיר האָבן זיך קעגנזייטיק אינפאָרמירט וועגן פאַרגאַנגענעם טאָג און וועגן די פּלענער אויף מאָרגן.

דער ערשטער טאָג פון אויפשטאַנד איז שוין געווען הינטער אונדז. עס זיינען נאָך נישט בלאָס געוואָרן אַלע איינדרוקן און עמאָציעס פון דעם ערשטן קאַמפּס־טאָג און שוין מוז מען זיך גרייטן ווידעראַמאָל אויפצונע־מען די דייטשן.

דעם צווייטן טאָג האָבן מיר דעם קאַמפּס־פּלאַץ באַשטימט אין קיבוץ „דרור" אויף מילע 34. דאָרט האָבן מיר שוין צוגעגרייט דורך ביידעמער

און דעכער אַ וועג אויף אַ ריקצוג, כדי אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט, זיך איבערצוואַרפן אויף אַ צווייטן קאַמפּס־פּלאַץ.

אין די פרימאָרגן־שעהן האָט זיך באַוויזן אַ גרעסערע אָפּטיילונג פון ס"ס־לייט. זיי האָבן גערופן אַלע יידן צו פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און אַראָפּגיין אויפן הויף. קיין איין ייד האָט זיך אָבער נישט געשטעלט. בשעת די דייטשן האָבן זיך געפונען אויפן הויף, האָבן מיר זיי נאָך נישט אָנגע־גריפן, נאָר מיר האָבן געוואַרט ביז זיי וועלן זיך צעגיין אין די פאַרשידענע אָפּיצינעס פון הויז אַרויסצונעמען יידן פון די וווינונגען און זועלן אַזוי אַרום האָבן שוואַכערע מעגלעכקייטן זיך צו פאַרטיידיקן.

אַ פּאָר צענדליק חברים האָבן זיך באַזעצט אין אַ צימער אויפן העכסטן שטאָק פון דעם הויז. נאָר אַ קליינע צאָל האָט געהאַט געווער: פּיסטאָלעטן און גראַנאַטן. עטלעכע שעה האָבן מיר געוואַרט אויפן אָנ־קומען פון די דייטשן. די שטימונג איז געווען נישט קיין שלעכטע. אין יענעם טאָג איז נאָך מיטן עסן נישט געווען אַזוי שלעכט, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ סעודה. מען האָט עפּעס איבערגעביסן, געטרונקען לחיים און אויף דער נשמה איז געוואָרן פריילעכער.

אַרום צען אַזייגער אינדערפרי האָבן זיך דערהערט די טריט פון די דייטשע זשאַנדאַרמען אויף די טרעפּ. מיר האָבן זיך געשטעלט יעדער אויף זיין אָרט. מיט אונדזער אָנגריף האָבן מיר געוואַרט ביז די דייטשן וועלן קומען צום העכסטן שטאָק, כדי שווער צו מאַכן זייער צוריקטריט.

ווען די דייטשן זיינען געווען נאָענט צו אונדז, האָבן מיר זיי באַשאָסן פון צוויי זייטן. זיי זיינען געלאָפן אין דער גרעסטער פּאַניק דורך אַ קוילן־האָגל, פון וועלכן עס זיינען דערהרגעט געוואָרן עטלעכע דייטשן.

נאָכדעם, ווי די דייטשן האָבן פאַרלאָזן די טרעפּ, האָבן זיי זיך קאָנ־צענטרירט אויפן הויף. זיי האָבן צוזאַמענגענומען זייערע פאַרוואונדעטע, שיי־סנדיק דערביי אין אונדזערע פענצטער.

פון אַלע פענצטער האָבן מיר זיי געענטפערט מיט קוילן־זאַלפן און אַ לענגערע צייט איז פאָרגעקומען אַ שיסעריי צווישןביידע צדדים.

נאָך אַ שעה פון אומאויפהערלעכן קאַמף האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע חברים ביי דעם אָרט פון וואַנען מיר האָבן באַשטימט זיך צוריקצוציען. דורך בוידעמער און דעכער זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ באַהעלטעניש אויף זאַמענהאָף 39. די, וואָס האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, האָבן אונדז אויפגענומען זייער פריינטלעך.

אָנקומענדיק אויף זאַמענהאָף 39, האָבן מיר דערזען, אַז אין אונדזער

קאַמפּס־גרופּע פּעלט זכריה ארטשטיין. פאַר אַלעמען איז געוואָרן קלאָר, אַז ער איז געפאַלן אין קאַמף. נאָך אַ קורצער צייט, האָט אונדזער שמירה באַמערקט, אַז אויפן דאַך דערנענטערט זיך צו אונדז אַ דייטש אין אַ העלם. ווען מיר זיינען שוין גרייט געווען צו שיסן, האָט עמיצער פון אונדז אין דער לעצטער סעקונדע דערקענט, אַז דאָס איז זכריה. מיר האָבן באַוואונ־דערט זיין מזל. עס האָט גאָר ווייניק געפעלט, אַז ער זאָל פאַלן פון אונדזערע קוילן.

זכריה איז אַריינגעקומען אין דער באַהעלטעניש מיט דעראָבערט גע־וועער פון די דייטשן. זיין פאַרשפּעטיקונג האָט זיך דערקלערט דערמיט, וואָס בעת אַלע חברים האָבן זיך פאַרזאַמלט צום אַוועקגיין, האָט ער זיך אָפּגערוקט פון אַלעמען, אַראָפּגענידערט צו די געפאַלענע און פאַרוואונדעטע דייטשן אויף די אונטערשטע שטאָקן און אויפן הויף, כדי ביי זיי צוצונעמען דאָס געווער.

דעם 19טן יאַנואַר אין אָוונט זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע חברים פון „דרור" און „גורדוניה" אין קיבוץ פון „השומר הצעיר" אויף מילע 61. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע חלוצישע קאַמפּס־גרופּן. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ סך־הכל פון די צוויי פאַרגאַנגענע טעג און עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן פון ווייטערדיקע קאַמפּס־מעגלעכקייטן. וועלכע זיינען אָבער שטאַרק באַגרענעצט צוליבן פעלן פון אַמוניציע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז שוין אוממעגלעך אונטערצונעמען אַ קאַמף אַזוי ווי אין די פריערדיקע טעג, ווייל דער גרעסטער טייל פּיס־טאָלעטן, וואָס מיר האָבן געהאַט, זיינען שוין געווען אָן קוילן. ווען מיר וואָלטן נישט דעראָבערט געווער און אַמוניציע ביי די דייטשן, וואָלטן מיר שוין דעם צווייטן טאָג אויך נישט געקאָנט קעמפן.

צווישן די פאַרשידענע מאָס־מיטלען, וואָס מיר האָבן אָנגענומען, כדי צו פאַרגרעסערן אונדזער באַוואָפענונג, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איינער פון אונדזערע פאַרשטייער אויף דער אַרישער זייט — אריה ווילנער, וועלכער האָט זיך פונקט געפונען אין אַ שליחות אין געטאָ ביים אויסברוך פון דער אַקציע, זאָל זיך בעתן גאַנג פון דער אַקציע אַרויסקריגן פון געטאָ. מיט דער אויפגאַבע, וואָס גיכער אונדז צו באַזאָרגן מיט געווער און אַמוניציע. דעם זעלבן אָוונט איז אַרויס אין גאַס זכריה ארטשטיין און אליעזר געלער מיטן ציל צו אַנטוואָפענען פּוילישע פאָליציי. עס איז זיי געלונגען צו אַנטוואָפענען איין פּוילישן פאָליציאַנט, וועלכער האָט נאָכן אָפּגעבן דאָס געווער אַלאַרמירט די דייטשן. די דייטשן האָבן דאַן געעפנט

אַ שיסעריי אין די גאַסן און ס׳איז מער נישט געווען מעגלעך דורכצופירן די ווייטערדיקע אַנטוואָפנונגס־אַקציע.

צוליבן פעלן פון געווער און צוליב דער אומסגעמאַטערטקייט פון די חברים, האָבן מיר באַשלאָסן דעם ווייטערדיקן קאַמף צו פירן דעפענסיוו און בלויז פאַרטיידיקן זיך, ווען מיר וועלן נישט האָבן קיין אַנדערן אויסוועג. אַלס אָרט פון אונדזער קאָנצענטראַציע האָבן מיר אויסגעקליבן מילע 61. דאָרט האָבן מיר זיך פאַרפעסטיקט אין אַ גוט־פאַרמאַסקירט אָרט, גרייט צו שיסן אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט. צו אַ צוזאַמענשטויס איז דעמלט נישט געקומען, ווייל אינעם דריטן טאָג פון אויפשטאַנד, האָבן די דייטשן אין צענטראַלן געטאָ אָפּגעשוואַכט די „אַקציע" ביז אַ מינימום און זיי האָבן זיך אַריבערגעטראָגן צו פירן די „אַקציע" אין די שאָפּן.

אין די שאָפּן פון טעבענס און שולץ, האָבן מיר צוליבן אומגעריכטן אייסברוך פון דער „אַקציע", נישט געהאַט מער ווי איין חבר — ישראל קאַנאַל, וועלכער האָט באַשלאָסן די דייטשן און באַוויזן זיך צוריקצוציען אַ לעבעדיקער.

דאָנערשטיק דעם 21טן יאַנואַר, אינעם פערטן טאָג פון אויפשטאַנד האָבן שוין די דייטשן נישט געפירט די אַקציע מיטן ציל אַרויסצופירן יידן צום „אומשלאַג". זיי האָבן־דעם טאָג באַשטימט אַלס טאָג פון נקמה קעגן די יידן, צוליב די געפאַלענע דייטשן אין די ערשטע דריי טעג פון דער „אַקציע". אין דעם טאָג האָבן די דייטשן נישט בלויז באַגנוגנט זיך מיט זוכן באַהעלטענישן אַזוי ווי אין די ערשטע דריי טעג, נאָר אויך פון דרויסן אַריינגעוואָרפן גראַנאַטן אין די הייזער. דער גאַנצער טאָג איז געווען אויסגעפילט מיט אויסערגעוויינלעכע דעטאָנאַציעס און עקספּלאָזיעס פון פאַרשידענע אויפרייס־מאַטעריאַלן, פון וועלכע עס זיינען אומגעקומען אַ גרעסערע צאָל יידן. מיט דער פאַרענדיקונג פון דעם נקמה־טאָג, האָבן די דייטשן איבערגעריסן די אויסראָטונגס־אַקציע.

דער 18טער יאַנואַר איז געווען אַן עטאַפּ און ווי פיל האָבן געמיינט, דער אָנהויב פון דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון די וואַרשעווער יידן. די איבעררעשונג צוליב דעם יידישן ווידערשטאַנד, האָט זיי וואַרשיינלעך געצוואונגען איבערצורייסן די „אַקציע", ביז זי וועט דורך זיי ווי געהעריק צוגעגרייט ווערן. זיי האָבן מסתּמא איבערגעשאַצט אונדזערע כוחות, מיינענדיק, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פעסט־באַוואָפנטער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז אונדזער ווידערשטאַנד, איז געווען דער סימן פון די סאַמע ערשטע שפּראָצונגען, פון וועלכע עס

איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די ברייט־פאַרצווייגטע און גוט־באַוואָפנטע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די דייטשן האָבן נישט געוואוסט, אַז מיר האָבן דאָ געשטעלט די ערשטע טריט ביים אָרגאַניזירן אַ יידישע אויפשטאַנדס־באַוועגונג, אַז אויף הונדערטער חברים האָבן מיר געהאַט בערך 10 פּיסטאָלעטן מיט זייער וויניק אַמוניציע.

וואָלט דער שונא נישט געהאַט קיין טעות אין חשבון, וואָלט ער וואַרשיינלעך די אַקציע נישט איבערגעריסן. די ערשטע אָנהויבן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וואָלטן צונישט געוואָרן און דער יידישער ווידערשטאַנד וואָלט זיך פאַרענדיקט, ווי אַ קליינער און אומבאַדייטנדיקער עפּיזאָד. דורך דעם, וואָס די דייטשן האָבן איבערגעריסן די אויסראָטונגס־אַקציע דעם 21טן יאַנואַר, האָבן זיי דערמעגלעכט דעם פונאַנדערוואוקס און די באַוואָפנונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

די אויסראָטונגס־אַקציע פון 18טן יאַנואַר האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם סך־הכל פון 7 טויזנט אַרויסגעפירטע יידן אין טרעבלינקע און אַרום זעקס הונדערט דערהרגעטע אויפן אָרט. דער 18טער יאַנואַר, האָט אויך געבראַכט אַ צווייטן רעזולטאַט, דאָס איז דער מאָראַלישער נצחון, נישט בלויז פון די וואַרשעווער, נאָר פון אַלע יידן. אין די פיר־קאַמפּס־טעג איז אָפּגעוואַשן געוואָרן דער פלעק פון דער יידישער פּאַסיוויטעט ביי דער ערשטער אויסראָטונגס־אַקציע פון יולי 1942.

דער 18טער יאַנואַר, איז געווען אַן איבערראַשונג נישט בלויז פאַר די דייטשן, נאָר אויך פאַר די יידן גופא. אויך די יידן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם שווערן גיהנום־וועג און צענדליקער מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן, האָבן נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז דערשלאָגענע און פאַרפייניקטע יידן זאָלן קאָנען אויפהויבן אַ האַנט קעגן אַזאַ מעכטיקן שונא, וועלכער האָט איינגענומען גאַנץ אייראָפּע. פיל יידן, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט די יאַנואַר־טעג אין אַנדערע גאַסן פון געטאָ, האָבן לכתחילה נישט געגלויבט, אַז אויף זאַמענהאָף און מילע, האָבן יידישע בחורים און מיידלעך אָנגעגריפן די דייטשן. די ווייטערדיקע טעטיקייט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, נאָך דער אַקציע פון 18טן יאַנואַר, האָט אַלעמען איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען מעגלעך.

# צחישן צוויי דאַטעס

אַ לענגערע צייט נאָך דער אויסראָטונגס־אַקציע פון 18טן יאַנואר, האָט דאָס פאַגראָמירטע און צעבלוטיקטע געטאָ, נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פון לעבן. די גאַסן און הייזער זיינען נאָך אַלץ געבליבן פוסט און די ניצול־געוואָרענע יידן האָבן זיך כסדר געפונען אין די אונטערער־דישע באַהעלטענישן. מען האָט ווי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איבעררייסן די אַקציע איז אַ מאַנעוור, וואָס דאַרף אַרויסנאַרן די באַפעלקערונג אויף דער אויבערפלאַך, כדי דערנאָך ווידער צו אָרגאַניזירן אַן אומגעריכטע כאַפּע־ריי פון צעטומלטע יידן.

אײדער אײנצושטעלן זיך דאָס לעבן ביים אַרויסגיין פון די באַהעלטע־נישן, האָבן יידן בעסער געוואָלט זיך מאַטערן אין די ענגע און דושנע קעלערן, אין די ערגסטע סאַניטאַרע באַדינגונגען, כאָטש מיט יעדן טאָג איז געווען אַלץ וויינקער צו עסן.

דער צושטאַנד פון ריכטן זיך יעדע מינוט אויף דער באַנייאונג פון דער אויסראָטונגס־אַקציע, האָט געדויערט איבער צוויי וואָכן צייט. אין דער דאָזיקער צייט, איז דאָס געטאָ געווען פולשטענדיק הפקר. די אָפּי־ציעלע יידישע אינסטאַנץ אין געטאָ — דער „יודענראַט״ — איז נישט געווען טעטיק. די דייטשן האָבן נישט געגעבן פאַרן געטאָ די אָפיציעלע אַפּראָוויזאַציע־צוטיילונג און דער שמוגל פון פּראָדוקטן, האָט כמעט נישט עקזיסטירט. אַלע לעבנס־מיטל־רעזערוון האָבן זיך געענדיקט און ס'האָט זיך געפילט אַ דוחק אין שפּייז. די דייטשע אַרבעטס־פּלאַצאוועקעס, אויף וועלכע יידן האָבן פאַר דער „אַקציע״ געאַרבעט, זיינען נישט געווען טעטיק. עס זיינען בלויז באַשעפטיקט געווען אַ פּאָר הונדערט מאַן אין „ווערטע־פאַסונג״*), ביים צונויפזאַמלען פאַר די דייטשן דאָס פאַרמעגן פון די

---

*) „ווערטערפאַסונג״ — אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע אויף צונויפזאַמלען דאָס יידישע פאַרמעגן.

אַרויסגעפירטע יידן.. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם חשד וועגן אַ גיכער איבערחזרונג פון דער אויסראָטונגס־אַקציע.

אין יענער צייט, האָבן די דייטשן נאָך נישט געהאַט קיין פעסטגעשטעלטע ליניע פאַר דער ווייטערדיקער אויסראָטונגס־טאַקטיק קעגן דעם יידישן געטאָ. עס האָבן צווישן זיי געקעמפט פאַרשידענע אויסראָטונגס־קאָנצעפּציעס און די דייטשן האָבן נאָך נישט געוואוסט, וועלכע אויסצוקלייבן, דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם אַרויסגעבן פאַראָרדנונגען, וועלכע זיינען גלייך צוריקגעצויגן געוואָרן.

דעם 23טן יאַנואַר, האָט דער ס״ס־אונטערשטורעמפירער — איינער פון די געשטאַפּאָ־מושלים איבערן געטאָ — בראַנד, געמאָלדן דעם פּרעזעס פון „יודענראַט״ — ליכטענבוים, אַז אַלע יידן מוזן אין פאַרלויף פון 24 שעה זיך איבערטראָגן אין די צוויי וווין־גאַסן — מוראַנאָווסקע און ניזקע. הגם, די פאַראָרדנונג איז עלול געווען נאָך מער צו דערשטיקן דאָס לעבן דורכן אַריינפּאַקן אַלע יידן אין דעם ענגן שטח פון צוויי גאַסן נעבן דעם „אומשלאַג־פּלאַץ״ האָבן מיר געמיינט, אַז מיר שטייען פאַר אַ געוויסער סטאַביליזאַציע פון דער לאַגע און אַ קליין געטאָ וועט נאָך אַ געוויסע צייט עקזיסטירן. נאָכדעם, ווי די יידן האָבן פאַרלאָזן זייערע וווינונגען, מיטנעמענדיק מיט זיך בלויז אַ קליינעם טייל פון זייער אייגנטום, איז די פאַראָרדנונג אָפּגערופן געוואָרן. קיין נייע פאַראָרדנונג, וואָס זאָל קלאָר מאַכן דעם גורל פון געטאָ, איז דערווייל נישט דערשינען און די אומקלאָרקייט אַרום דער סיטואַציע איז געוואַקסן.

אַרום דעם ערשטן פעברואַר, האָט מען געמאָלדן דורך די שאָפּ־אַדמיניסטראַציעס, אַז אַלע יידן, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין די שאָפּן, ווערן עוואַקואירט אין ספּעציעל פאַר זיי באַשטימטע לאַגערן, אין פּאָניאַטאָוו און טראַווניק (לובלינער געגנט). יעדער שאָפּ האָט באַקומען אַ טערמין, ווען זיינע יידן דאַרפן זיך צושטעלן מיט זייערע פרויען און קינדער, מיטן פערזענלעכן אייגנטום און מיט זייערע אַרבעטס־מכשירים. אין דער פאַראָרדנונג איז געזאָגט געוואָרן, אַז אין פאַרלויף פון פיר וואָכן, דאַרפן אַלע שאָפּן זיך שוין געפינען אין די דערמאָנטע לאַגערן. דורכצופירן די איבערזידלונגס־אַקציע פון די שאָפּן, האָט די ס״ס באַשטימט דעם דייטשן שאָפּ־אייגנטימער — טעבענס.

טעבענס האָט אין זיין פּראָפּאַגאַנדע צוגעזאָגט די יידן גאָלדענע גליקן: אַז זיי וועלן לעבן אין פּאָניאַטאָוו און אין טראַווניק גליקלעך און ס׳וועט זיי נישט געשען קיין שום שלעכטס. אַלע דייטשע פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיינען

פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די יידן, זיינען געווען פול מיט „זאָויג״ פאַר די יידן פון די שאָפּן. מען האָט „געזאָרגט״, אַז זיי „זאָלן קענען אַרבעטען רואיק און איבערלעבן דעם קריג״.

אין יענער צייט, האָט דער פּרעזעס פון „יודענראַט״ — ליכטענבוים, צוריק באַנייט די טעטיקייט פון „יודענראַט״ און פאַרזאָרג־אַנשטאַלט אין געטאָ. עס זיינען אויפסניי אָרגאַניזירט געוואָרן די אַרבעטס־פּלאַצוואָוקעס. יידן זיינען ווערבירט געוואָרן צו דער אַרבעט און זיי האָבן איינציקווייז אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די לעכער. דער גרעסטער טייל פון געטאָ האָט זיך נישט געשטעלט צו דער אַרבעט, צוליב דעם אומצוטרוי צו די דייטשן. געשטעלט האָבן זיך אָבער די אַלע, וועלכע האָבן אָן אַרבעט נישט געהאַט קיין מיטלען צום לעבן. אַלע נישט אַרבעטנדיקע, האָבן זיך געדעקט מיטן קלענערן טייל אַרבעטנדיקע, וואָס זייער איינציקער מקור פון חיונה איז געווען די 25 דעקא ברויט און די זופּ, וואָס זיי האָבן באַקומען יעדן טאָג פון די דייטשן, ווי אויך דאָס פאַרדינסט ביי די פּראָדוקטן, וואָס זיי פלעגן דורכשמוגלען אין געטאָ אַריין. אַגב, האָבן אַ סך יידן דער־פאַר באַצאָלט מיטן לעבן.

די ניי־געשאַפענע סיטואַציע איז געווען קלאָר. אַ באַדייטנדיקער טייל פון די יידן אין די שאָפּן און אין צענטראַלן געטאָ, האָבן זיך נישט גע־מאַכט קיין אילוזיעס בנוגע דעם, אַז די דייטשן זאָלן זיך האָבן אָפּגעזאָגט פון זייער אויסראָטונגס־פּלאַן. מען האָט אין די הבטחות פאַר די יידן אין די שאָפּן און אין דער צייטווייליקער באַרואיקונג אינעם צענטראַלן געטאָ, געזען די דייטשע פּערפידיע אין איר פולער ברוטאַלקייט. דער שונא האָט געצילט צו מאַכן וואַרשע יידן־ריין. ער האָט געפּלאַנט אַריינצו־נאַרן די שאָפּ־יידן אין צוויי אָפּגעצוימטע לאַגערן, אין אַ יידן־ריינעם שטח פון לובלינער געגנט, וואו עס זאָל לייכט זיין זיי צו ליקווידירן און הער־נאָך זיך אָפּצורעכענען מיט דעם „ווילדן״ געטאָ, וועלכער איז, לויט דער באַצייכענונג פון די דייטשן, נישט פּראָדוקטיוו און דערצו נאָך אַ נעסט פון „באַנדעס״.

הגם די דייטשע כוונות זיינען געווען געבוג בולט, האָבן דאָך די יידן אין די שאָפּן געמיינט, אַז מיט דעם פּריוויליקן צושטעלן זיך קיין פּאָניאַ־טאָוו, באַקומען זיי אַ מעגלעכקייט אָפּצושטופּן אויף אַ געוויסער צייט דעם טויט און אין אָנהויב איז געווען אַ שטימונג זיך צוצושטעלן צום טער־מין. די יידן אינעם צענטראַלן געטאָ האָבן בכלל נישט געהאַט קיין ברירה. זיי האָבן געוואוסט, אַז ווען עס וועט פאַרענדיקט ווערן דאָס אַרויספירן

די שאָפן פון װאַרשע, װעט זיך אָנהױבן די ליקװידאַציע פון געטאָ. דאָס איינציקע, װאָס איז נאָך פאַרבליבן יעדן ייד, אין יענער צייט, איז געװען: בויען זיך אַ גוט באַהעלטעניש.

די קורצע אָטעם־פּויזע אין דער צייט צװישן 18טן יאַנואַר און 19טן אַפּריל, האָט די יידישע באַפעלקערונג מאַקסימאַל אויסגענוצט אויף בויען בונקערס. עס איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט ביים אויסגראָבן אונטערערדישע היילן. גאַנצע טעג זיינען יידן אַרומגעגאַנגען צװישן די חורבות און צונויפגעזאַמלט ברעטער, ציגל און אַנדערע נויטיקע בוי־מאַטעריאַלן. די נעכט זיינען אויסגענוצט געװאָרן אויף פּראַקטישער אַרבעט. אַלע חושים, אַלע דערפינדערישע פעאיקייטן זיינען אויסגענוצט געװאָרן, כדי צו בויען בונקערס אַלץ בעסער און באַקװעמער. דער עיקר האָט זיך יעדער באַמיט צו גראָבן װאָס טיפער אונטער דער ערד און װאָס בעסער צו פאַרמאַסקירן דעם אַריינגאַנג. בדרך כלל, האָבן די בונקערס געהאַט עטלעכע אַריינגענג. מען האָט זיך באַװאָרנט, אַז אויב די דייטשן װעלן אַנטדעקן איין אַריינגאַנג, זאָל מען דורך דעם אַנדערן קענען אַנטלויפן. אַ סך ענערגיע איז אַריינגעלייגט געװאָרן צו באַזאָרגן די בונקערס מיט װאַסער. אין אַ סך ערטער האָט מען געצויגן װאַסער פון די אונטערערדישע רערן פון דער װאַסער־לייטונג. אין אַנדערע ערטער האָט מען געגראָבן ברונעמער. אויך װאָס שייך באַלייכטונג איז די לאַגע געװען אַ פאַרשידנאַרטיקע. אַז מען האָט געקאָנט צוקומען צום אונטערערדישן קאַבעל, האָט מען פון דאָרט געצויגן עלעקטרישן שטראָם. אָדער מען האָט זיך אָנגעגרייט אַ סך ליכט, קאַרביד, נאַפט.

אַ סך אויפמערקזאַמקייט איז געשאַנקן געװאָרן אָנצוגרייטן זיך אין די בונקערס עסנװאַרג אויף אַ לאַנגער צייט. די פאַמיליעס, װאָס האָבן בשותפות זיך געבויט אַ בונקער, האָבן אויך אָנגעזאַמלט בשותפותדיקע מאַגאַזינען פון געטרוקנט ברויט, זעקלעך מעל, קאַשע, פעטס, פאַרשידענע געטראַנקען אז״וו. לויט דער פאַרמעגלעכקייט פון די בונקער־אייגנטימער. דאָס אַלץ איז געמאַכט געװאָרן אין דער שטרענגסטער געהיימניש. מען האָט זיך געהיטן אַפילו פאַר די נאָענטסטע מענטשן, אַז זיי זאָלן נישט װיסן, װאו עס געפינט זיך דער בונקער. די אַלע אָנשטרענגונגען זיינען געמאַכט געװאָרן בלויז מיטן כוח פון גלויבן, אַז די מלחמה װעט זיך אײנגיכן ענדיקן. קיינער האָט דאָך נישט געקענט פאָרויסזען, אַז די דייטשן װעלן פאַרברענען אַלץ, װאָס עס געפינט זיך אויף דער אויבערפלאַך, אויפרייסן מיט דינאַמיט דעם גאַנצן שטח פון געטאָ און די בעסטע בונ־

קערס וועלן דאַן פאַרלירן זייער״ ווערט. יעדער האָט געמיינט, אַז נאָכן ליקווידירן דאָס געטאָ, וועט מען דעם געוועזענעם געטאָ־שטח פאַראייניקן מיטן איבריקן טייל וואַרשע און דעמלט, שוין זייענדיק אויף דער ״אַרישער זייט״. וועט זיין אַ מעגלעכקייט אַרויסצוקריגן זיך אויף דער אויבערפלאַך.

* * *

די חלוצישע קאַמפס־גרופּן, וועלכע זיינען אַרויס פון יאַנואַר־אויפשטאַנד געשטאַרקט אין גייסט און אין דערפאַרונג, האָבן ערשט איצט אָנגעהויבן פונאַנדערצושפּרייטן פליגלען. צוליב דעם, וואָס אַלע האָבן פאַרשטאַנען די אמתע כוונות פון די דייטשן, האָבן מיר איצט שוין נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק פּראָפּאַגירן קעגן די אילוזיעס בנוגע דער דייטשער ״הומאַניטאַרקייט״, אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געמוזט טאָן פאַר די פריערדיקע אויסראָטונגס־אַקציעס.

אין דער ערשטער ריי האָבן מיר געשאַפן, אין אַ ברייטערער ראַם די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, צו וועלכע עס זיינען — נאָך פאַרן 18טן יאַנואַר — פאַרמעל צוגעשטאַנען אַנדערע טיילן פון דער יידישער געזעלשאַפט, און וועלכע האָט זיך ביים יאַנואַר־אויפשטאַנד באַגרענעצט צו דער חלוצישער באַוועגונג. עס איז גלייך פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל חברים אין די עקזיסטירנדיקע קאַמפס־גרופּן פון ״דרור״ און ״השומר הצעיר״ און ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן נייע. עס זיינען אַנטשטאַנען ווייטערדיקע קאַמפס־גרופּן פון: פפ״ר, ״בונד״, פועלי־ציון צ״ס, פועלי־ציון לינקע, גורדוניה. אַלע קאַמפס־גרופּן זיינען געוואָרן קאַשאַרירט אין גוט פאַרקאָנספּירירטע ערטער און די חברים האָבן געלעבט אין זייערע גרופּן גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת, אין פולער גרייטקייט אויף יעדן רוף. אין די גרופּן איז איינגעפירט געוואָרן אַ מיליטערישע אָרדנונג. עס איז אינטענסיוו געלערנט געוואָרן זיך צו באַנוצן מיט אַלערליי מינים געווער און ס׳זיינען פאַרגעקומען טעאָרעטישע לעקציעס וועגן דער אויפפירונג אינעם קאַמף.

ווי געזאָגט, האָט דאָס צענטראַלע געטאָ געהאַט ביי די דייטשן אַ שם אַלס די נעסט פון ״באַנדעס״, וועלכע שטערן די רו פון די ״פרידלעך־אַרבעטנדיקע יידן״ אין די שאַפּן. דער ״מאָטיוו״ האָט זיי געדינט ווי אַ באַגרינדונג אַריבערצופירן די שאַפּן אין די לאַגערן אַריין. ביי דער איצטיקער אויסברייטערונג פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר געזאָרגט דערפאַר, אַז אויך אין די שאַפּן זאָל זיין אַ וואָס גרעסערע צאָ־

אזעלכע „באַנדעס". מיר האָבן פונאַנדערגעטיילט די ניי־אַנטשטאַנענע קאַמפּס־גרופּן אויף אַלע שטחים, וואו עס האָבן זיך נאָר געפונען יידן. אין אַ קורצער צייט איז שוין די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געווען טעטיק און געהאַט קאַשאַרירטע גרופּן נישט בלויז אין צענטראַלן געטאָ, נאָר אויך אין די שאָפּן פון טעבענס, שולץ און אין בערשטער־שאָפּ. מיט די אַלע קאַמפּס־גרופּן אין די באַזונדערע ראַיאָנען, האָט אָנגעפירט די צענטראַלע קאָמענדאַנטור פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

צוליב די שווערע פאַרבינדונגס־מעגלעכקייטן, צווישן די פאַרשידענע גרופּן אין די באַזונדערע אָרומגעצוימטע און באַוואַכטע שטחים, זיינען באַשטימט געוואָרן ראַיאָן־קאָמענדאַנטן, וועלכע האָבן געדאַרפט אין גע־וויסע פאַלן האַנדלען זעלבסטשטענדיק און אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן דערהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דער הויפּט־קאָמענדאַנטור אין צענטראַלן געטאָ.

חוץ דעם, זיינען אויך געווען גרופּן־קאָמענדאַנטן, וועלכע האָבן אָנגע־פירט מיט די באַזונדערע קאַמפּס־גרופּן.

די קאָמענדאַנטור פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַקטיש באַגרענעצט אין איר טעטיקייט צום צענטראַלן געטאָ און בערשטער־שאָפּ. ווייל די געביטן פון טעבענס און שולץ זיינען געווען מער אָפּגעשלאָסן און דער דאָרטיקער טייל פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז דעריבער גע־ווען זעלבסטשטענדיק. אַלע וויכטיקע באַשלוסן פון דער קאָמענדאַנטור זיינען איבערגעגעבן צו די ראַיאָן־קאָמענדאַנטן. יעדער ראַיאָן־קאָמענ־דאַנט פון זיין זייט פלעגט האָבן רעגולערע אינסטרואירנדיקע באַראַטונגען מיט די גרופּן־קאָמענדאַנטן פון זיין ראַיאָן און איבערגעבן אַלע באַ־שלוסן און מעלדונגען פון דער הויפּט־קאָמענדאַנטור, וואָס נוגע דער אַר־בעט פון די קאַמפּס־גרופּן.

די באַזונדערע רעסאָרטן ביי דער קאָמענדאַנטור, וואָס זיינען געווען טעטיק פאַרן צענטראַלן געטאָ און בערשטער־שאָפּ, האָבן געשפּילט אַ וויכ־טיקע ראָל ביים פונאַנדערבוי און אויפשטייג פון דער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע.

דער פינאַנס־רעסאָרט האָט געהאַט די אויפגאַבע צו שאַפן פינאַנ־ציעלע מיטלען אויף איינצוקויפן געווער. צו דעם צוועק האָט דער רעסאָרט באַשטייערט די רייכע יידן מיט גרעסערע געלט־סומעס און איינקאַסירט אויך ביי די פריוואַטע באַשטייערונגען. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט גע־האַט ספּעציעלע מענטשן, וועלכע האָבן טאָג־טעגלעך זיך באַשעפטיקט

מיט זאַמלען אַדרעסן פון יידן, וועלכע דאַרפן ווערן אויפגעפאָדערט איינ־צוצאָלן געלט. אַנדערע חברים האָבן נאָכגעפאָרשט די צאָלונגס־מעגלעכ־קייטן פון יעדן ייד, כדי די שטייער־אויסמעסטונג זאָל זיין אַ רעאַלע. ספּע־ציעלע חברים האָבן זיך פאַרנומען אָדער מיט אויסשרייבן און אַרויסשיקן ד' צאָלונגס־אויפפאָדערונגען, אָדער מיטן אויפמאָנען די געלטער. אין די אייפפאָדערונגען איז אָנגעוויזן געוואָרן גענוי און פּינקטלעך די מינוט, די גאַס און דאָס אָרט, וואו דער צאָלער דאַרף קומען. אויב ער ווערט למשל, זען אויפן באַשטימטן אָרט, אַז אַ מענטש דרייט זיך אַרום האַלטנדיק אַ צײַ־טונג אין האַנט, אָדער ער ווישט זיך מיט אַ טיכל דעם שטערן אָדער אַנ־דערע סימנים, דאַרף ער וויסן צו געבן דעם דאָזיקן דאָס געלט. ווען דער צאָלער האָט נישט געבראַכט זיין באַשטייערונג, האָט די פינאַנס־אָפּטײ־לונג איבערגעשיקט דעם ענין צו דעם עקזעקוציע־רעסאָרט.

די באַשטייערונגען האָבן טאַקע געבראַכט גרויסע סכומים געלט און האָבן אונדז דערמעגלעכט אַ באַוואָפנונג אין גרויסן פאַרנעם.

פיל יידן האָבן געגעבן זייער באַשטייערונג פאַרן באַוואָפנונגס־פאָנד מיט גרויס פאַרשטענדניש און סימפּאַטיע פאַר אונדזער אַרבעט. עס זיינען אָבער געווען אַ סך יידן, וועלכע האָבן אין די דאָזיקע טעג נאָך געהיטן זייער פאַרמעגן און נישט געוואָלט זיך צופּאַסן צו דער פאָדערונג פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן סיי ווי עס אָוועקגעבן דעם שונא צוזאַמען מיט זייער לעבן. קעגן די דאָזיקע יידן האָבן מיר אָנגעווענדעט שטרענגע סאַנקציעס און זיי האָבן אונדז זייער געלט געמוזט געבן אונטערן דרוק פון אונדזער באַוואָפנטן כוח.

מיר האָבן אויך אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע אויפן „יודענראַט" אין דער הויך פון אַ פערטל מיליאָן זלאָטעס. דער "יודענראַט" האָט איינגע־צאָלט דעם געפאָדערטן סכום צו דעם באַשטימטן טערמין.

אַ באַזונדערן קאָנטריבוציע־אָפּצאָל אין דער הויך פון 7 הונדערט טויזנט זלאָטעס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן פאַרזאָרג־אַנשטאַלט ביים „יודענראַט". היות דער דאָזיקער סכום איז נישט געוואָרן איינגעצאָלט צום טערמין, האָבן מיר אַרעסטירט דעם זון פון קאַסירער פון פאַרזאָרג־אַנשטאַלט. נאָכדעם, ווי ער איז אָפּגעזעסן אַ פּאָר טעג, איז די געפאָדערטע סומע באַצאָלט געוואָרן.

די פאַרזאָרג־אָפּטיילונג האָט זיך פאַרנומען מיט באַשפייזן די קאַמפס־גרופּן. דאָס פּראָבלעם פון אַפּראָוויזירן די הונדערטער חברים, וועלכע זײַ־נען געווען באַשעפטיקט טאָג און נאַכט ביי דער קאַמפס־טעטיקייט, איז

געוואָרן געלייזט דורך דעם, וואָס מיר האָבן יעדע וואָך געגומען ביי די ייִדישע בעקער אַ געוויסע צאָל ברויט פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אָפּהענגיק פון די מעגלעכקייטן פון יעדן בעקער באַזונדער. אַלע אַנדערע פּראָדוקטן האָבן מיר גענומען ביים פאַרזאָרג־אַנשטאַלט צו נאָמינעלע פּרייזן און טיילווייז אויך אומזיסט.

די נעמען פון די בעקער, וועלכע האָבן זיך נישט צוגעפּאַסט צו אונדזערע אויפפאָדערונגען, האָט די פאַרזאָרג־אָפּטיילונג איבערגעגעבן דעם עקזעקוציע־רעסאָרט, וועלכער האָט ביי זיי קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע געבעקס און פּראָדוקטן. דאָס באַקומען געבעקס, סיי גוטוויליק, סיי געצוואונגען, האָט דערמעגלעכט אויסצוהאַלטן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט אויך געשאַפן ביי די ייִדן אין געטאָ דעם באַוואוסטזיין, אַז זיי דאַרפן זאָרגן פאַר דער אויסהאַלטונג פון זייערע, אייגענע באַוואָפנטע כוחות.

דער עקזעקוציע־רעסאָרט האָט אויסגעפירט אַלע שטראָפן און סאַנקציעס, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן דורך די באַזונדערע רעסאָרטן. זיי האָבן דורכגעפירט קאָנפיסקאַציעס און רעוויזיעס, צוגענומען פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע די באַהאַלטענע פאַרמעגנס ביי די פאַרמעגלעכע ייִדן, אָפּהיטנדיק די מאָראַלישע ריינקייט ביים דורכפירן יעדן „עקס"*) ביי די אַלע, וועלכע האָבן זיך דאָס פאַרדינט.

דאָס אויפמאַנען מיט געוועהר די באַשטייערונגען, האָט אָנגעלערנט פיל ייִדן, וועלכע האָבן נישט געהאַט די געהעריקע פאַרשטענדניש פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און די פּריווילעגיע איינצאָלונגען פאַרן באַוואָפנונגספאָנד האָבן זיך כסדר פאַרגרעסערט.

די תפיסה פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין צענטראַלן געטאָ אויף מילע 2, פונקט ווי די תפיסה אויפן געביט פון טעבענס, איז געווען איינע פון די מיטלען קעגן די, וואָס האָבן נישט געוואָלט באַצאָלן דעם שטייער. עס זיינען געווען פאַלן, ווען עס האָבן נישט געפועלט קיין שום צאָלונגס־אויפפאָדערונגען און די רעוויזיעס אין די שטובן האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן, ווייל דער שולדיקער האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז זיין פאַרמעגן זאָל זיין גוט באַהאַלטן. כדי נישט צו דאַרפן אָנווענדן דאָס עצטע מיטל — דאָס שיסן, האָבן מיר אין אַזעלכע פאַלן אַרעסטירט איינעם פון די משפחה־מיטגלידער. די אַרעסטאַנטן האָבן מיר אַזוי לאַנג גע־

*) „עקס" — עקספּראָפּריאַציע.

האַלטן אין דער תּפֿיסה, ביז זייערע קרובֿים האָבן איינגעצאָלט דעם געפאָדערטן סכום.

די אַרעסטירטע פֿלעגט מען פֿירן דורך הינטער־וועגן אין בוידעמער, בכדי נאָך זייער באַפֿרייאונג זאָלן זיי נישט וויסן וואו עס געפֿינט זיך די תּפֿיסה. די מילע גאַס, וואו עס האָט זיך געפֿונען די תּפֿיסה, האָבן די אַרעסטאַנטן בכלל נישט געזען פֿאַר די אויגן און עס האָט זיי נישט געקאָנט איינפֿאַלן, וואוהין מען פֿירט זיי. כּדי נאָך מער צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון דער תּפֿיסה, האָט מען זיך באַמיט, ווי ווייט מעגלעך צו אַרעסטירן אין אָוונט. אַפֿילו די, וואָס זיינען געפֿירט געוואָרן בייטאָג, האָבן זיך אין די פֿאַרשיידענע בוידעמער־לאַבירינטן אויך נישט געקענט אָריענטירן וואוהין זיי גייען. מען האָט זיי פֿאַרבונדן די אויגן, ווען זיי זיינען שוין געווען נאָענט פֿון תּפֿיסה־הויז. אויך די, וואָס זיינען באַפֿרייט געוואָרן, האָט מען געפֿירט דורך אַזעלכע וועגן, און דאָס אויך אין אָוונט. זיי זיינען באַפֿרייט געוואָרן אין אַ גאָר אַן אַנדערער גאַס, וואו זיי זיינען געזעסן און קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו ער האָט זיך געפֿונען.

די באַדינגונגען אין דער תּפֿיסה זיינען געווען גוטע. די אַרעסטאַנטן האָבן באַקומען צו עסן און אַ געלעגער. די געזעלשאַפֿט איז דאָרט געווען אַ געמישטע. עס האָבן זיך דאָרט געפֿונען נישט בלויז מענטשן, וועמענס זינד עס איז באַשטאַנען אין נישט צאָלן קיין שטייערן, נאָר אויך רויבער, וועלכע זיינען פֿאַרהאַלטן געוואָרן אין דער תּפֿיסה אַזוי לאַנג, ביז מען האָט פֿון זיי אַרויסגעצויגן ידיעות וועגן זייערע פּאַד־קאָלעגן. דאָרט האָבן זיך אויך געפֿונען מענטשן, אויף וועלכע ס'איז געווען אַ חשד, אַז זיי אַרבעטן מיט דער געשטאַפּאָ. זיי זיינען געזעסן אַזוי לאַנג, ביז ס'איז געזאַמלט געוואָרן וועגן זיי גענוגנדיקע באַשולדיקונגס־מאַטעריאַלן. די תּפֿיסה איז באַוואַכט געווען בייטאָג און ביינאַכט דורך אַ באַוואָפֿנטער שמירה פֿון חבֿרים פֿון אַלע קאַמפּס־גרופּן.

דאָס אויספֿאָרשן די שולד פֿון די אַרעסטירטע אויף מילע 2, איז קאָנצענטרירט געווען אין די הענט פֿון לוטעק ראָטבלאַט. די רעזולטאַטן פֿון דער אויספֿאָרשונג פֿלעגט ער איבערגעבן דער הויפּט־קאָמענדאַנטור, וועלכע האָט דעצידירט וועגן גורל פֿון יעדן אַרעסטאַנט.

אַזעלכע ענלעכע אויספֿיר־אָרגאַנען אויפֿן געביט פֿון פֿינאַנסן, אַפּראָוויזאַציע, עקזעקוציע, תּפֿיסה און אויספֿאָרשונג זיינען באַזונדער געווען טעטיק אויף די געביטן פֿון טעבענס־שולץ.

ספּעציעל אַגרעסיוו האָבן זיך אונדזערע שטראָף־עקספּעדיציעס באַ־

צוזיגן צו דער יידישער פּאָליציי, אויף וועלכער מיר האָבן אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן. זיי האָבן געהערט צו די רייכסטע מענטשן אין געטאָ, ווייל זיי האָבן געראַבעוועט צוזאַמען מיט די דייטשן פיל אוצרות פון יידישן האָב און גוטס ביי די פריערדיקע אויסראָטונגס־אַקציעס. טיילמאָל זיינען אַרעסטירט געוואָרן יידישע פּאָליציאַנטן פאַר גריגנשעצן די צאָלונגס־אויפפאָדערונגען פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. עס איז אויך געווען אַ פאַל פון דערשיסן אַ יידישן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט זיך אַנטקעגנגע־שטעלט אונדזערער אַ קאַמפּס־גרופּע, וואָס איז צו אים געקומען אויפמאָנען דעם שטייער. דער דאָזיקער פאַרשוין האָט שוין נישט אין ייד אויפן גע־ווידסן געהאַט און זיין שטראָף איז דעריבער געווען אַ פאַרדינטע.

דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגעוואָרפן אַ גרויסע אימה אויף די יידישע פּאָליציי־לייט און פיל פון זיי האָבן אויס מורא זיך געבעטן מען זאָל ביי זיי נעמען געלט פאַרן באַוואָפנונגס־פאָנד.

אַלע דערמאָנטע אופנים צו שאַפן מיטלען אויף איינצוקויפן געווער, זיינען געגאַנגען געפּאָרט מיט אַנשטרענגונגען צו באַקומען געווער. אויך די דאָזיקע קוועלן האָבן מיר געפונען. עס זיינען געווען אויף דער „אַרי־שער זייט" פיל פוילישע געווער־הענדלער, וועלכע האָבן דערשנאַפּט, אַז דאָס געטאָ איז געוואָרן אַ גלענצנדער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר זייער סחורה און דער געווער־שמוגל פון דער „אַרישער זייט" אין געטאָ אַריין האָט זיך פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג. צו דער דאָזיקער פרנסה האָבן זיך אויך גענומען יידן. זיי האָבן אויפגעקויפט געווער ביי די פוילישע שמוגלער און עס פאַרקויפט די יידן אין געטאָ. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען דער גרעסטער אָפּנעמער פון געווער. אַ חוץ אונדז, האָבן אויך סתם יידן געקויפט געווער, אַ גרויסער טייל צום האַנדל און אַ טייל צו פאַרזעג־לעכער פאַרטיידיקונג, אין פאַל, ווען זייערע באַהעלטענישן וועלן ווערן אַנטדעקט. וואָס מער עס האָבן זיך געוויזן קויפער אויפן מאַרק, אַלץ העכער זיינען געשטיגן די פרייזן. אַ פּיסטאָלעט האָט געקאָסט 12 טויזנט זל' און דער פרייז איז שוין דערגאַנגען צו 15 טויזנט און מער. גראַנאַטן האָבן געקאָסט טויזנט און 15 הונדערט זל' אַ שטיק. ווען דער געווער־שמוגל איז שוין געווען אין פולן ברען, האָבן זיך באַוויזן אויפן מאַרק ביקסן, וועלכע האָבן געקאָסט צו 20 און 25 טויזנט זל'.

דער אויפגעלעבטער געווער־האַנדל האָט אונדז דערמעגלעכט — טראָץ די הויכע פרייזן — צו פאַרשאַפן געווער פאַר אַלע חברים אין די גרופּן. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט, זיינען מיר כמעט דערגאַנגען צו אַן

אידעאַלן צושטאַנד. ס'האָט זיך שוין נישט געפונען קיין איין חבר אין אַ גרופּע אָן געווער. מיט דער ווייטערדיקער אויסברייטערונג פון אונדזער קויף־מעגלעכקייטן און צוליב דעם, וואָס מיר האָבן פון צייט צו צייט באַקומען געוויסע הילף פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, זיינען מיר געוואָרן פאַרהעלטנישמעסיק באַוואָפנט און אַ טייל חברים האָבן שוין געהאַט אַ חוץ קורץ געווער, אויך ביקסן און גראַנאַטן.

מיטן וואוקס פון דעם באַוואָפנטן כוח, זיינען געוואַקסן די אַספּיראַציעס, וועלכע האָבן דערפירט צו נייע געוואַגטע מעשים. איינע פון די וויכטיקסטע אויפטועו איז געווען דאָס אָרגאַניזירן אַן אייגענע פּראָדוקציע פון באָמבעס, וועלכע זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דעם ספּעציעל איינגעאָרדנטן וואַרשטאַט. די ערשטע פּראָבע פון אַזאַ אַליין אויסגעאַרבעטער באָמבע האָט געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן. אין אַ געוויסן פּרימאָרגן האָט דאָס גאַנצע געטאָ אויפגעציטערט, מיינענדיק, אַז די דייטשן באָמבאַרדירן. עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכע בהלה און אַלע יידן האָבן אין פאַרלויף פון געציילטע מינוטן זיך געפונען אין זייערע באַהעלטענישן. בלויז געציילטע מענטשן אינעם געטאָ האָבן געוואוסט פון וואַנען די שרעקלעכע דעטאָנאַציע האָט זיך גענומען.

מיר האָבן שוין געהאַט אַן אייגענעם געווער־וואַרשטאַט, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע פּראָדוקציע. אונדזערע באָמבעס זיינען געווען אַ פּרימיטיווע און אָריגינעלע שאַפונג און פון אַזאַ געוואַלטיקן אויפרייס־כוח, אַז די דייטשן האָבן שפּעטער נישט געקאָנט באַגרייפן, פון וואַנען זיי האָבן זיך צו אונדז גענומען אין ווי אַזוי מיר האָבן זיי אויסגעאַרבעט.

מיר האָבן אויך אויסגעאַרבעט אַ ברען־שטאָף קעגן טאַנקן און אויף אַרויסצורופן שרפות. נישט וויסנדיק, אַז די הויפּט־מעטאָדע פון די דייטשן וועט זיין אונטערצינדן דאָס געטאָ, האָבן מיר אָנגעגרייט די ברען־פלעשער אויף אונטערצוצינדן יעדעס אָרט, וואָס ס'וועט אונדז נאָר אויסקומען צו פאַרלאָזן, בכדי דער שונא זאָל נישט האָבן קיין שום נוצן פון די פאַרנומענע הייזער, גאַסן און פאַרמעגנס.

דעם רוי־שטאָף פאַר אונדזער באַוואָפנונגס־פּראָדוקציע האָבן מיר אַריינגעשמוגלט פון דער „אַרישער זייט". אַ חוץ אייגענע מיטלען, האָבן מיר באַקומען אַ טייל רוי־שטאָף פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג.

די דריי חדשים צווישן דעם ערשטן און צווייטן אויפשטאַנד, זיינען

געווען חדשים פון אינטערניסיון לעבן פון די יידישע קעמפער. דאס איז געווען א צייט פון דער גרעסטער אינטענסיטיע פון ענערגיע און פון גרויסע דערגרייכונגען נישט בלויז אויפן געביט פון ארגאניזאציאנעלן און באוואפנונגס־אויפשטייג פון דער קאמפס־ארגאניזאציע, נאר אויך אין פרט פון פאקטישן באהערשן דאס לעבן אין געטא. צו א ווארט פון דער קאמפס־ארגאניזאציע האבן יידן זיך צוגעהערט מיטן פולן ערנסט און צוטרוי. אומדזער אויפקלערונג האט געשלאגן טיפע ווארצלען אינעם יידישן געטא און מיר האבן דאמינירט איבער אלע שטימונגען און האנדלונגען פון דער יידישער באפעלקערונג.

עס איז אונדז געלונגען צו ברעכן די שטימונג פון דעם גרעסטן טייל יידן אין די שאפן, וועלכע האבן לכתחילה געטראכט זיך פרייוויליק צו־צושטעלן אין די לאגערן. נישט האבנדיק קיין אויסוועג פון זיין לאגע, איז דעם סתם־ייד שווער געווען צו טראכטן מיט אונדזערע קאטעגאריעס פון קאמף פארן כבוד און האט בעסער געוואלט לעבן א געוויסע צייט אין לאגער, איידער באלד אומקומען אין ווארשע. אדאנק אונדזער השפעה, האבן זיך אין די טערמינען, — ווען עס האבן זיך געדארפט שטעלן לויט דער דייטשער פאדערונג טויזנטער יידן פון טעבענס און שולץ, — גע־שטעלט נישט מער ווי צענדליקער. אויב א טייל יידן איז די דייטשן יא געלונגען ארויסצופירן אין די לאגערן, איז עס געקומען דורך אמווענדן געוואלט.

אמבולטסטן האט עס באוויזן דער בערשטער־שאפ, וואו אנשטאט פיר טויזנט יידן, האבן זיך צוגעשטעלט בערך צוואנציק. אין דעם טאג, ווען די יידן פון דעם דאזיקן שאפ האבן זיך געדארפט צושטעלן, האבן די דייטשן דערקלערט דעם שאפ פאר אויפגעלייזט. זעענדיק אבער, אז קיי־נער האט זיך נישט צוגעשטעלט און נישט וועלנדיק ארויספירן די יידן מיט כוח, כדי אויסצומיידן א פריצייטיקן צוזאמענשטויס מיט דער קאמפס־ארגאניזאציע, האבן זיי דעם שאפ צוריק לעגאליזירט.

א טאג פארן טערמין, ווען ס׳האבן זיך געדארפט צושטעלן די יידן פון האלמאנס מעבל־שאפ, האבן מיר אונטערגעצונדן דעם שאפ און די גרויסע מאגאזינען מיט מעבל, רוי־שטאפן און מאשינען, וועלכע די דייטשן האבן שוין געהאט צוגעגרייט צום אוועקפירן, זייענדיק אוועק מיטן רויך. קיין איין ייד פון דעם שאפ האבן די דייטשן נישט ארויסגעפירט. דערצו האבן זיי געהאט נאך א מאטעריעלן שאדן פון דער שרפה.

עס איז געווען צו דערקענען, אז די דייטשן פילן דעם כוח פון דער

קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ גאַנצער ריי פאַלן. דעם טייל יידן, וואָס עס איז זיי יאָ געלונגען אַרויסצופירן פון די שאָפּן אין די לאַגערן אַריין, האָבן זיי נישט דורכגעפירט ווי תמיד דורך די גאַסן פון געטאָ — דעם גלייכסטן און נאָענטסטן וועג צום „אומשלאַג־פּלאַץ" — מען האָט זיי געפירט דורך דער „אַרישער זייט", אויסמיידנדיק דאָס געטאָ און אריינגעפירט זיי צוריק אין געטאָ אַריין אויפן „אומשלאַג" דורך אַ צווייטער זייט פון די געטאָ־מויערן, ווייל די דייטשן האָבן זיך דערוואוסט, אַז יידישע קאַמפּס־גרופּן פּאַטראָלירן די גאַסן, בכדי אָפּצושלאָגן די אַרויסגעפירטע יידן.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די יידן אין די שאָפּן, וואָס האָט גערופן נישט צוצושטעלן זיך אין די לאַגערן און אין פאַל, ווען די דייטשן וועלן אַרויספירן מיט געוואַלט, זאָלן די אַלטע לייט זיך אויסבאַהאַלטן און יונגע מענטשן זאָלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד, ווייל אין טראַווניק און אין פּאָניאַטאָוו דערוואַרט דער זעלביקער טויט ווי אין טרעבלינקע. דער דייטשער לייטער פון דער איבערזידלונגס־אַקציע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קאָנטער־אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט אין דעם דאָזיקן אויפרוף פּאָלעמיזירט מיט דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אָנווייזנדיק, אַז נאָר ער — טעבענס, זאָרגט פאַרן וווּיל פון דער יידישער באַפעלקערונג און ער פאַרזיכערט, אַז אין פּאָניאַטאָוו און טראַווניק וועלן די יידן איבערלעבן דעם קריג. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע דאַקעגן, — איז געזאָגט געוואָרן אין טעבענס אויפרוף — פאַראַט די יידישע אינטערעסן דורך דעם, וואָס זי אָרגאַניזירט די יידן צום קאַמף, אין וועלכן זיי וועלן אומקומען. דעם אויפרוף פון טעבענסן האָבן מיר גלייך קאָנפיסקירט און ער איז אַראָפּגעריסן געוואָרן דורך אונדזערע חברים פון אַלע עפנטלעכע ערטער. דער אָנזעען פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז שטאַרק געשטיגן דורך דעם פאַקט, וואָס די דייטשן האָבן זיך אַריינגעלאָזט מיט איר אין אַ פּאָלעמיק און דערמיט באַשטעטיקט די חשיבות פון אונדזער כוח.

גלייכצייטיק האָבן מיר גענומען פאָרטצוזעצן די אַקציע צו רייניקן די אַטמאָספער אין געטאָ, וועלכע מיר האָבן נאָך אָנגעהויבן פאַרן ערשטן אויפשטאַנד. מיט דער רייניקונגס־אַקציע האָבן מיר געצילט פולשטענדיק אויסצוראָטן פון דער יידישער געזעלשאַפט אַלע געשטאַפּאָ־לייט.

די קוילן פון יידישע קעמפער האָבן זייער אָפט דערגרייכט צו די פאַרעטער אין גאַס, אָדער אין זייערע וווינונגען. אין די צענדליקער

זיינען זיי געפאַלן און אַנדערע צענדליקער האָבן געציטערט פאַר אימה איבער זייער גורל. אַ געוויסן טייל פון טונקעלע עלעמענטן, אייף וועמען עס איז געלעגן בלויז אַ חשד פון מיטאַרבעטן מיטן שונא, האָבן מיר איזאָלירט אין דער תפיסה ביז ס׳איז געוואָרן פאַרענדיקט די אויספאָר־שונג. יעדער, אויף וועמען עס איז נאָר געלעגן אַ מינימום פון באַגרינ־דעטער שולד — האָט נישט אויסגעמיטן דעם טויט.

צווישן די פאַרשידענע אומגעבראַכטע געשטאַפּאָ־לייט האָבן זיך גע־פונען אַזעלכע, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל: אַ מיידל אַננאַ מי־לעוויטש, דער איבער 75־יעריקער גרייז־גרויער אַלפרעד נאַסיג — אַ באַוואוסטער וויסנשאַפט־מאַן און נאָך אַנדערע. ביי נאַסיגן האָבן די חברים פון „דרור" אַברהם דרייער, פּיזול שוואַרצשטיין און מאָטעק פינקלשטיין נאָכן אויספירן דעם אורטייל געפונען אַן אָפּשריפט פון אַ בריוו, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט צו די דייטשן. אין בריוו שרייבט ער וועגן די שטימונגען פון די געטאָ־יידן, וועגן דער אַרבעט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַא״וו. דער טויט פון נאַסיגן איז געווען פאַר די דייטשן אַ גרויסער פאַרלוסט. ער איז געווען דער וויכטיקסטער צווישן אַלע יידישע געשטאַפּאָ־לייט. פון אים האָבן זיי געהאַט דעם גרעסטן נוצן. אַ פאָר מינוט נאָכן אויספירן דעם טויט־אורטייל, זיינען דייטשן אָנגע־קומען אין דער וווינונג פון נאַסיגן און צוגענומען זיין גאַנצן אַרכיוו, צו וועלכן אונדזערע חברים האָבן ליידער נישט געקאָנט צוקומען.

אויך פּוילישע געהיים־פּאָליציי, וועלכע האָבן זיך טאָג־טעגלעך גע־דרייט איבער די גאַסן און הייזער, האָבן צוגעטראָגן דער געשטאַפּאָ אַלץ, וואָס איז די דייטשן נויטיק געווען צו וויסן. דער עיקר האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט אַנטדעקן באַהעלטענישן, דערביי האָבן זיי צוגערויבט פון דאָרט אַלץ, וואָס יידן האָבן זיך אָנגעגרייט אויף דער שוואַרצער שעה.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן זיי צו ליקווידירן און נאָך דעם, ווי מיר האָבן אַ פּאָר טעג אויף זיי געלויערט, האָבן מיר, אין גאַס, געעפנט אויף זיי אַ שיסעריי. זיי האָבן צוריק געענטפערט מיט אַ שיסעריי, נאָר פון אונדז איז קיינער נישט געפאַלן. איינער פון זיי איז פאַרוואונדעט געוואָרן, אַלע אַנדערע איז געלונגען צו אַנטלויפן. פון דעמלט אָן האָט זיך די פּוילישע געהיים־פּאָליציי נישט געוויזן אין געטאָ.

ביים אָפּרוימען די נישט־געוואונטשענע עלעמענטן, האָבן מיר פיל אויפמערקזאַמקייט געווידמעט דער ליקווידירונג פון די יידישע רויבער־

באַנדעס, וועלכע האָבן זיך כסדר פֿאַרמערט אין געטאָ. פֿאַרשידענע עלע־מענטן האָבן אויסגענוצט די מעגלעכקייט צו קויפֿן געווער און עס זיינען אַנטשטאַנען גאַנצע גרופּן, בשותּפֿותדיקע רויבער־באַנדעס. יעדער פֿון זיי האָט אינוועסטירט צו עטלעכע טויזנט זלאָטעס אויף די נויטיקע פֿאַר פּיסטאָלעטן, מיט וועלכע זיי האָבן טעראָריזירט די באַפֿעלקערונג.

די באַנדעס האָבן געבושעוועט ביינאַכט איבער די ייִדישע הייזער, פֿאַר־שטעלנדיק זיך אַלס כּלומרשט פֿאַרשטייער פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען געקומען איינקאַסירן דעם באַוואָפֿנונגס־שטייער. לויט זיי־ער אויפֿפֿירונג האָבן די געליטענע ייִדן גלייך דעריקענט, אַז דאָס זיינען נישט קיין קעמפֿער, ווייל די קעמפֿער האָבן אָפּגעהיטן די מאָראַלישע כּללים, נישט באַפֿלעקנדיק זיך מיט קיין שום מיסברויכן, אויספֿאַרשנדיק פֿריער, וועלכער ייִד עס איז פֿאַרמעגלעך און וויפֿל קען מען פֿון אים נעמען פֿאַר אונדזער באַוואָפֿנונגס־פֿאָנד. די רויבער־באַנדעס האָבן אָבער צוגענומען פֿון די שטובן אַלץ, טעראָריזירנדיק אַלעמען, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף אָרעם אָדער רייך. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן זייגערלעך און צירונג פֿון די הענט, צוגענומען וויפֿל געלט זיי האָבן נאָר געפֿונען.

פֿון די שטובן האָבן זיי צוגערויבט ווערטפֿולע קליידער און מלבושים. זי האָבן אַנטדעקט באַהעלטענישן און צוגערויבט פֿון דאָרט אַפֿילו שפּייז. וואָס ייִדן האָבן זיך אָנגעגרייט אויף דער צייט, ווען עס וועט אויסבראַכן די פֿאַרניכטונגס־אַקציע.

די רויבער־באַנדעס זיינען געוואָרן אַ גרויסע פּלאָג פֿאַרן געטאָ. וואָס מער דער רויב איז געוואָרן אַ פּרנסה, אַלץ מער האָבן זיך פֿאַרמערט די רויבער־באַנדעס. די פֿינצטערע געטאָ־נעכט זיינען אויסגעפֿילט געוואָרן מיט שרעק און אומזיכערקייט נישט בלויז דורך די דייטשן, נאָר אויך דורך די ייִדישע רויבער. און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, זיינען צוגעקומען אויך פּוילישע רויבער־באַנדעס, וועלכע האָבן זיך דורכגעשמוגלט ביי־נאַכט דורך אונטערערדישע קאַנאַלן פֿון דער „אַרישער זייט" אין געטאָ אַריין און האָבן קאָנקורירט מיט די ייִדישע רויבער. זייער אָפּט איז גע־שטערט געוואָרן די שטילקייט פֿון דער נאַכט דורך שיסערייען און קאַמפֿן צווישן די רויבער־באַנדעס גופֿא, אָבער אַ פּלעשל שנאַפּס האָט זיי אַלע־מען שפּעטער צוריק פֿאַראייניקט. אַ ספּעציעלע דזשונגל האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די מילע גאַס, וואו איינער האָט דעם צווייטן אַרויסגעריסן דעם ביסן פֿון מויל און ס'האָט נישט געהערשט קיין רעכט און גערעכטי־קייט. עס איז נישט דורך קיין איין נאַכט אָן קולות און געוואַלדן פֿון צע־

ראַבירטע יידן אויף מילע. די הפקרות און אַנאַרכיע האָט דערפירט צו דעם מצב, אַז איינער האָט פשוט מורא געהאַט פאַרן צווייטן.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אין אַלע פאַלן פון רויבערייען מאָמענטאַל איינטערוועניִרט און הערנדיק אין די נעכט קולות, זיינען אונדזערע קאַמפּס־גרופּן געלאָפן צוהילף די צעראַבירטע יידן, נישט קוקנדיק אויף דער פּאָליציי־שעה. די יידישע באַפעלקערונג האָט געזען אין אונדז זייער איינציקן באַשיצער און אין אַלע פאַלן פון רויבערייען האָבן יידן גלייך געמאָלדן די חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיי האָבן געקענט. די באַנדעס האָבן שטאַרק מורא געהאַט פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און זיי זיינען געווען זייער פאָרזיכטיק, כדי נישט אָנצוטרעפן זיך אויף אונדזערס אַ קאַמפּס־גרופּע. אומעטום, וואו מיר האָבן נאָר געטראָפן רויבער, האָבן מיר זיי אַנטוואָפנט און אַרעסטירט. נאָכן אָפּזיצן אַ געוויסע צייט, האָבן זיי באַקומען אַ וואָרנונג, אַז אויב מען וועט זיי צום צווייטן מאָל כאַפּן — דראָט זיי טויט־שטראָף. פיל רויבער האָבן מיר אין תפיסה געצוואונגען אויסצוגעבן זייערע שותפים און מיט דער צייט זיינען פיל פון די אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט און אויף פיל אַנדערע האָט דאָס אַרויפגעוואָרפן אַ גרויסע אימה.

אין אַ הויז אויף מילע גאַס, האָבן אונדזערע חברים געכאַפּט אַ באַנדע, ביי וועלכע מען האָט געפונען דאָס נאָר וואָס צוגערויבטע פאַרמעגן. דעם רויב האָבן זיי גלייך צעטיילט צווישן די געליטענע יידן פון דעם דאָזיקן הויז. דאָס געווער האָבן מיר פון זיי צוגענומען און די באַנדע אַרעסטירט. אַנדערע רויבער־באַנדעס האָבן מיר אויפגעזוכט אין זייערע נעסטן און אָנגענומען קעגן זיי די געהעריקע מיטלען, ביז ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער רויב איז געוואָרן אויס פּרנסה אין געטאָ.

וואָס גרעסער עס איז געוואָרן דער כוח פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַלץ מער האָבן מיר געטרעטן די דייטשן אויף די פּיאַטעס. אין שאָפּ פון שולצן האָבן די ווערקשוץ*) אַרעסטירט 40 יידן פאַר נישט קומען צו דער אַרבעט. ווען די יידן זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין דער וואַד־שטוב, איז אָנגעקומען אונדזערס אַ קאַמפּס־גרופּע, וועלכע איז אַריין אין דער וואַד־שטוב און געגעבן אַ באַפעל, אַז די ווערקשוץ זאָלן זיך אויסלייגן אויף דער ערד. נישט באַווייזנדיק מאָמענטאַל צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד,

---

*) ווערקשוץ — פאַבריק־פּאָליציי.

זיינען זיי געצוואונגען געוואָרן צו פּאָלגן דעם באַפעל און די קעמפּער האָבן באַפרייט אַלע אַרעסטירטע יידן. דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די באַפרייטע האָבן פאַר פרייד גע־קושט די קעמפּער.

שבת, דעם 13טן מערץ 1943, האָבן יידישע קעמפער געשאָסן אויף צוויי דייטשע וועדקשוץ־לייט פון שטייערט שאַפ, וועלכע פלעגן פייניקן יידישע אַרבעטער ביי דער אַרבעט. איינער איז געפאַלן טויט, דער צווייטער פאַרוואונדעט.

די דייטשן האָבן אין עטלעכע שעה שפעטער געשיקט אין געטאָ אַריין אַ ספּעציעלע מיליטערישע אָפּטיילונג צו „באַרואיקן" די יידן. זיי האָבן געמאַכט אויף מילע גאַס אַ שרעקלעכן פּאָגראָם און עס זיינען אומגעקומען 120 יידן.

אין דעם טאָג האָט די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע געגעבן אַ באַפעל צו אַלע קאַמפס־גרופּן אויסצומיידן אַ וויטערדיקן צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן, כדי נישט צו דעקאָנספּירירן אונדזערע קאַמפס־פּאָזיציעס, נאָך איידער עס ברעכט אויס די אויסראָטונגס־אַקציע.

אין איינעם אַ פּרימאָרגן האָט די פּוילישע פּאָליציי, וועלכע האָט געהאַט שמירה אין דער יידישער באַנק אויף נאַלעווקי 37, פאַרהאַלטן דעם דורכגייענדיקן קעמפער חיים פרימער, געפונענדיק ביי אים אַ גרעסערן טראַנספּאָרט געווער און געלט, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן פון איין קאַמפס־גרופּע אין דער צווייטער. די פּאָליציאַנטן האָבן ביים קעמפער צוגענומען דאָס גאַנצע געווער און 20 טויזנט זל'. עס זיינען גלייך אַלאַרמירט געוואָרן עטלעכע קאַמפס־גרופּן און דאָס הויז, וואו עס האָט זיך געפונען די באַנק און די גאַנצע נאַלעווקעס, זיינען אין געציילטע מינוטן געוואָרן אַרומגעשטעלט פון יידישע קאַמפס־גרופּן.

אַ דעלעגאַציע פון דער קאַמפס־אָרג. איז אַריין צו דער פּאָליציי און זיי געמאָלדן, אַז אויב זיי גיבן נישט מאָמענטאַל צוריק דאָס געווער און געלט, וועלן זיי נישט אַרויס לעבעדיק פון געטאָ. אין דער מעלדונג איז אויך געזאָגט געוואָרן, אַז אַלס שטראָף מוזן זיי געבן אַ געוויסע צאָל אַמוניציע פון זייער פּערזענלעכן געווער.

די פּאָליציאַנטן האָבן אָנגעהויבן ציטערן פאַרן אייגענעם לעבן און זיי האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען, אַז מיר זאָלן צוריקנעמען דאָס געווער און דאָס געלט, נאָר מיר זאָלן זיי באַפרייען פון דער שטראָף, ווייל אויב עס וועט זיי פעלן אַמוניציע, דראָט זיי אַ סכנה מצד די דייטשן. ווען

מיר האָבן דערפילט זייער בקשה, האָבן זיי זיך געבעטן, אַז צוליב זייער פּערזענלעכער זיכערקייט, זאָל אונדזערע אַ קאַמפּס־גרופּע זיי באַגלייטן פון געטאָ אַרויס. מיר האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז עס וועט זיי גאָרנישט געשען און דער קאָנפליקט איז געוואָרן ליקווידירט.

ווי עס באַווייזן די אַלע דערמאָנטע פאַקטן, האָט דער געטאָ־באָדן אָנגעהויבן צו גליען אונטער די דייטשע פיס. די דייטשן זיינען שוין אין די געטאָ־גאַסן נישט געגאַנגען אַזוי זיכער ווי תמיד. ספּעציעל האָבן זיי אויסגעמיטן צו איינצלנע זיך צו באַווייזן אויף דער מילע גאַס, האַלטנדיק, אַז די דאָזיקע גאַס איז די גרעסטע נעסט פון די יידישע אויפשטענדלער.

* * *

אָנהויב אַפּריל 1943. די דייטשע פּלענער צו ליקווידירן די לעצטע וואַרשעווער יידן, האָבן זיך נישט איינגעגעבן. די אַקציע צו עוואַקואירן די שאָפּן, האָט געליטן אַ דורכפאַל. דער טערמין פון אַרויספירן די יידן אין די לאַגערן, איז שוין פון לאַנג פאַרגאַנגען און אַלע שאָפּן זיינען נאָך געווען כמעט פול מיט יידן. אויף אַלע שטחים, סיי אין צענטראַלן געטאָ, סיי אין אַלע שאָפּן, האָט אין די קאַמפּס־גרופּן געבראַוזט און געשטורעמט דער ווידערשטאַנדס־כוח. דער נישט קאָמפּנדיקער טייל פון די יידן האָט באַוויזן אין אַ קורצער צייט אויסצובויען אַזעלכע אונטערערדישע פּעס־טונגען, וועלכע ס'זאָל די דייטשן נישט לייכט זיין איינצונעמען. די גאַנצע דייטשע סטראַטעגיע און פּאָליטישע כיטרעקייט, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט צו פאַרשקלאַפן גאַנץ אייראָפּע, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו שוואַך לגבי די רעשטלעך אַרומגעצוימטע יידן אין וואַרשע.

די ערשטע פרילינגס־ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו שמעקן מיט שחיטה־ריח. יעדער ייד האָט געפילט, אַז אַזוי קאָן ווייטער נישט זיין. וואָס פאַר אַ טייוולאָנישן פּלאַן דער שונא וועט ווייטער אויסטראַכטן, האָט קיינער נישט געקאָנט וויסן. אָבער געוואוסט האָט מען, אַז די טעג זיינען געציילטע. די געשפּאַנטקייט איז דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה. די עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז אָט, אָט ברעכט אויס די פאַרניכטונגס־אַקציע, האָבן זיך פאַרמערט פון מינוט צו מינוט און מיט יעדערער איבערחזרונג פון אַזעלכע מער אָדער ווייניקער באַגרינדעטע ווערסיעס, איז דאָס גאַנצע מישטיינס־געזאָגטע לעבן פאַראַליזירט געוואָרן.

כמעט יעדן טאָג און אָפטמאָל אַ פּאָר מאָל אין טאָג, האָבן יידן פּלוצ־

לונג איבערגעריסן אַלע זייערע באַשעפטיקונגען און אַנטלאָפן אין די באַ־העלטענישן. די באַאַמטע פון „יודענראַט" און פון זייערע אינסטיטוציעס האָבן איבערגעלאָזן די ביוראָס אויף הפקר און פאַרשוואונדן. די הענדלער האָבן פאַרלאָזן זייערע מסחרים. יעדער, וואָס האָט זיך געפונען צופעליק אין גאַס אָדער ביי עמיצן צוגאַסט, האָט אין דער גרעסטער פּאַניק גע־צויגן אַהיים. די אַלע ידיעות וועגן מכלומרשטן אויסברוך פון דער „אַקציע", האָבן זיך געגרונטעט אויף געוויסע סימנים, וואָס יעדער באַזונדער האָט גע־האַט. עס איז געגאַנגען געוויינט אַ ייד זאָל באַמערקן, אַז ביים געטאָ־טויער געפינען זיך מער דייטשן ווי תמיד, און מאַמענטאַל זאָל זיך צעטראָגן איבערן געטאָ אַ קלאַנג, אַז מען דאַרף זיך באַהאַלטן. אַן אַנדערער האָט צופעליק נישט באַמערקט קיין דייטשן ביים טויער, אַ דריטער האָט גע־הערט אַ צו שטאַרקן געוויש פון אויטאָס פון יענער זייט מויער. אַזעלכע סימנים האָבן קיינמאָל נישט אויסגעפעלט און שטענדיק האָבן זיי פאַר־גליווערט דאָס בלוט אין יעדן ייד און אַרויסגעוואָרפן אויף אים דעם גרעסטן פחד.

די טאָג־טעגלעכע בהלה איז אויך אַ סך מאָל געווען באַגרינדעט, כאָטש די „אַקציע" איז נאָך נישט אויסגעבראָכן. עס האָבן יעדן טאָג באַ־זוכט דאָס געטאָ די צוויי באַוואוסטע מערדער — בלעשער און קלאַסטע־נייער, וואָס די מורא פאַר זיי איז געווען אומבאַשרייבלעך. ווען עס האָט זיך זיי נאָר געגלוסט, האָבן זיי געמאַכט אויף אייגענער האַנט אַ קליינע „אַקציע", שיסנדיק אויף רעכטס און לינקס און איבערלאָזנדיק יעדעס מאָל אַ פּאָר קרבנות. אין די פריערדיקע צייטן, ווען זיי האָבן נאָך נישט גע־וואוסט, אַז יידן האָבן געוווער, זיינען זיי געגאַנגען איבער די שטובן, אויף די הייף און בוידעמער. זיי האָבן נאָכגעפאָרשט, וואו עס געפונען זיך די יידישע באַהעלטענישן און זיינען אַריינגעדרינגען אין אַלע לעכער. אומ־מעטום, וואו זיי האָבן נאָר געכאַפּט אַ ייד, האָבן זיי אים געפייניקט מיט שטראָף־איבונגען, געשלאָגן און לסוף איבערגעלאָזט אים אַ טויטן. שפּע־טער זיינען זיי געוואָרן זייער פאַרזיכטיק און זיינען נישט געגאַנגען מער אין די שטובן, דאַקעגן האָבן זיי פונדערווייטנס אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען, שיסנדיק אין די פענצטער און טירן.

יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אין געטאָ, האָט זיך געמאַכט פּונקט אַזאַ בהלה, ווי ביי אַ ידיעה וועגן אַנהויב פון אַן „אַקציע". בעתן אַנטלויפן אין די בונקערס אַריין, האָט מען אָפטמאָל נישט געוואוסט, וואָס איז די אייגנטלעכע סיבה פון דער פּאַניק. נאָך דעם, ווי עס איז

שטיל געוואָרן און מען איז אַרויסגעקראָכן פון די לעכער, האָט מען זיך ערשט דערוואוסט, פאַר וועלכער סכנה מען האָט זיך באַהאַלטן.

אויך די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געוואוסט, אַז די טעג זיינען געציילטע. די וואַכזאַמקייט איז געוואָרן שטאַרקער, די צוגרייטונגס־אַרבעטן — אינטענסיווער. צוליבן באַוואוסטזיין, אַז אַ ליאַדע טאָג טרעטן מיר אַריין אינעם ענדגילטיקן קאַמף, האָט מען יעדע מינוט אויסגענוצט, כדי וואָס מער צו דערגאַנצן, צו פאַרפילן די בלויזן און אויסבעסערן דאָס, וואָס עס קלאַפּט נאָך נישט ווי געהעריק. אין די קאַמפּס־גרופּן האָט געהערשט אַן אויפלעבונג. טאָג און נאַכט, אָן אויפהער זיינען גרופּן געקומען פון פאַרשידענע אַרבעטן. אייניקע האָבן אָוועקגעהרגעט יידישע געשטאַפּאַ־לייט, אַנדערע זיינען געגאַנגען ליקווידירן רויבער־באַנדעס, איין טייל קעמפּער איז געגאַנגען אָפּשלאָגן פון די דייטשע הענט יידישע אַרעסטאַנטן, אָדער אַרויסגעפירטע יידן פון די שאָפּן. אַנדערע חברים זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען פון אַן אַרבעט, ביים אויפמאַנען געלט אָדער קאָנפיסקירן ברויט און שפּיז ביי ווידערשפּעניקע יידן.

אַלע טיילן פון דער אין גאַנג־געלאָזענער מאַשין, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָבן פּינקטלעך פונקציאָנירט. יעדער איינער אויף זיין באַשטימטן אָרט, יעדער איינער ביי זיין באַזונדערער פונקציע. אַלע צוזאַמען האָבן מיר געבילדעט אַן אַקומולאַציע־קראַפט, וועלכע וועט זיכער אויפרייסן.

די לעצטע טעג פאַר דער ליקווידאַציע פון די יידן, האָט מען נאָך אויסגענוצט צו שאַפן נייע סטראַטעגישע ערטער און נייע קאַמפּס־גרופּן, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די רעזערוו־גרופּן, וואָס האָבן נאָך ביז איצט נישט געהאַט קיין באַוואַפנונג. האַרט פאַרן 19טן אַפּריל האָט שוין די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געציילט 22 גרופּן: 5 גרופּן „דרור", 4 פון „השומר הצעיר", 4 פון פפ"ר, 4 פון „בונד", צו איין גרופּע — פון פועלי־ציון צ"ס, פועלי־ציון לינקע, „גורדוניה", „עקיבא" און „הנוער הציוני".

אַ פּאָר טעג פאַרן 19טן אַפּריל איז בראַנד געקומען אין „יודענראַט" מיט זיסע הבטחות. ער האָט „געזאָרגט", אַז די יידישע קינדער זאָלן האָבן מער לופט און געזאָגט דעם פּרעזעס, ער זאָל באַאַרבעטן דעם פּלאַץ ביים „יודענראַט" אויף אַ קינדער־גאָרטן. ער האָט אויך צוגעזאָגט צו געבן יידן מצות אויף פּסח. ווער עס האָט נאָר געקענט די דייטשע אָפּנאַרעריי בכלל און דעם ציניש׳ן סאַדיזם פון בראַנדן בפרט, האָט געוואוסט, אַז

גראָד נאָך די אַלע הבטחות איז דער סוף פון געטאָ אַן ענין פון טעג.

הגם דער רוב יידן איז שוין געווען פאַרזאָרגט מיט בונקערס און שפּייז, האָט אָבער אַ גרויסער טייל יידן נישט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז גראָד נאָך דעם פריינטלעכן באַזוך פון בראַנדן אין „יודענראַט", שטייט מען אַזוי נאָענט פאַר דער ענדגילטיקער אויסראָטונג. איך האָב דעמלט געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַ גרופּע יידן, צווישן זיי אויך זייער באַוואוסטזי־ניקע, וועלכע האָבן, אונטערן איינדרוק פון דער גוטער שטימונג, אַרויס־געדרוקט אַ נייע קאָנצעפּציע, אַז די לעצטע פאַר טויזנט יידן, וועט מען שוין זיכער לאָזן לעבן. היטלערן — האָבן זיי געזאָגט — איז דאָך געגאַנ־גען צו ליקווידירן דאָס יידנטום און אונטערברעכן דאָס יידישע נאַציאָנאַלע לעבן. דאָס האָט ער שוין דערגרייכט, אומאָפּהענגיק דערפון, צי די לעצטע פאַר טויזנט יידן לעבן יאָ, אָדער נישט — האָבן זיי געזאָגט — איז דאָך שוין קיין פּאָליטיש יידנטום נישטאָ און דער דאָזיקער טרויעריקער פאַקט גיט אונדז אַ שאַנס צום לעבן. איך האָב דעמלט געפילט, אַז עס איז אַ גרויסע אַכזריות אַוועקצונעמען דעם גלויבן, וואָס האָט זיי אונטערגעהאַלטן, דאָך האָב איך זיי געפּרוווט די אילוזיעס צו צעשטערן. זיי האָבן אָבער מיט מיין פּעסימיזם נישט געוואָלט מסכים זיין.

אַפילו די גרעסטע שוואַרצזעער צווישן יידן האָבן געהאַלטן, אַז לכל הפחות פּסח וועט מען איבערלעבן. דאָס האָט געגעבן כוח צו גרייטן זיך צום יום־טוב לויט אַלע דינים. מען האָט געבאַקן מצות, הגם פון שוואַרץ מעל, די רבנים האָבן אַרויסגעגעבן דערויף אַ היתר. מען האָט געכשרט כלים און געגרייט ווייַן צום סדר. דער אַנקומענדיקער יום־טוב האָט זיך געלאָזט פילן אין די שטובן און אויף די הייף. מען האָט גערייניקט, גע־וואַשן און געלופטערט מלבושים, אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן.

* * *

אין אָונט פאַר ערב־פּסח, פון 18טן אויפן 19טן אַפּריל, האָט אַרומ־געכאַפּט אַ שרעקלעכע שטימונג די יידן אין געטאָ און ס'האָט אָנגעהויבן אויסצוזען, אַז לײַדער וועט מען שוין נישט פאַרנוצן דאָס אַלץ, וואָס מען האָט אָנגעגרייט אויף פּסח. פון מינוט צו מינוט האָבן מער עקשנות־דיק אַרומגעקרייזט קלאַנגען, אַז צומאָרגנס פאַרטאָג ברעכט אויס די „אַק־ציע". די שפּאַנונג איז געוואַקסן אַן אויפהער. אַלץ איז געווען ווי עלעק־טריזירט. יעדע מינוט האָט מען זיך באַמיט צו דערוויסן ווייטערדיקע ידיעות וועגן דער לאַגע און אויסצופאָרשן די ריכטיקייט פון די ווער־

כיעס, וואָס קרייזן אַרום. קיינער האָט אָבער נישט געקאָנט זאָגן קיין שום דערפרייענדיק וואָרט. מאָמענטנווייז האָט מען דאָ אין דאָרט געהערט געוויסע באַרואיקונגען, אַז מסתמא האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַזעלכע אומ־באַגרינדעטע ידיעות און אַן אומזיסטער בהלה, ווי אין די פריערדיקע טעג און וואָכן. די אַלע באַמערקונגען זיינען אָבער מאָמענטאַל פאַרשוואונדן, ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן מענטשן, וואָס האָבן איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן געהערט טעלעפאָניש מיט זייערע באַקאַנטע פון די שאָפן פון טעבענס און שולץ. פון דאָרט גיט מען איבער, אַז אין דער געגנט פון אַמאָליקן ליקווידירטן קליינעם געטאָ, איז צו באַמערקן אַ גרויסע באַוועגונג פון מיליטער. אַ צווייטער ייד ווידער איז געקומען צוגיין און געזאָגט, אַז ער האָט אַליין גערעדט מיט אַ פוילישן פאָליציאַנט און יענער האָט אים גע־זאָגט, אַז מאָרגן זאָל מען זיך ריכטן אויף אַן „אַקציע". אויך די יידן, וואָס זיינען דעם זעלביקן אָוונט געקומען פון דער אַרבעט פון דער „אַרישער זייט", האָבן דערציילט, אַז די געטאָ־מויערן זיינען מער באַוואַכט ווי תמיד. אַלע זיינען געווען אַזוי געשפּאַנט, אַז יעדעס וואָרט און יעדע ידיעה, וואָס עמיצער האָט נאָר אַרויסגעלאָזן פון מויל, האָט זיך בליץ־שנעל פאַר־שפּרייט אין אַלע ווינקעלעך פון געטאָ.

אין דער דאָזיקער נאַכט, זיינען די יידן שוין נישט געשלאָפן. אַ גאַנ־צע נאַכט האָט מען געפּאַקט די נויטיקע זאַכן — וועש, בעטגעוואַנט, עסנ־וואַרג און אַראָפּגעטראָגן אין די בונקערס. אין דער זייער ליכטיקער, לבנהדיקער נאַכט, איז געווען אַזאַ מאַסנהאַפטע באַוועגונג פון יידן אין די גאַסן און הויפן, וואָס איז קיינמאָל אַפילו בייטאָג נישט געווען צו באַמערקן. מען איז געגאַנגען צו באַקאַנטע און קרובים צווויסן געבן וועגן דער לאַגע. אַנדערע זיינען געגאַנגען דערוויסן זיך נייע ידיעות און פונאַנדערגעטראָגן נייעסן. אַ סך יידן האָט מען געזען אין די גאַסן מיט פעקלעך און זעק, מיטן גאַנצן האָב און גוטס אויף דער פּלייצע,ביים איבערציען זיך פון די וווינונגען אין די בונקערס אַריין. אין יענער נאַכט איז בכלל פאַרשוואונדן דאָס שטענדיקע געפיל פון מורא צו באַווייזן זיך אין גאַס. דאָס געטאָ איז געווען פולשטענדיק ריין פון דייטשן און יידן האָבן באַהערשט די גאַסן. אויך דאָס איז געווען אַ סימן, אַז די לאַגע איז נישט קיין געוויינלעכע.

אויך די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אין יענער נאַכט אַ ליל־שמורים. ביז 12 אַזייגער בייניאַכט איז אין יעדער גרופּע געווען פאַראָרדנט אויסנאַמס־צושטאַנד. קיינער האָט נישט געטאָרט זיך לייגן שלאָפן אָדער פאַרלאָזן די שטוב. נאָך 12 אַזייגער, איז קיין נייע פאַראָרדנונג נישט גע־

קומען און דער אויסנאַמס־צושטאַנד איז געוואָרן פאַרלענגערט. אַרום איינס ביינאַכט האָט די קאָמענדאַנטור דערהאַלטן די לעצטע ידיעות וועגן דער סיטואַציע. אויפן גרונט פון דעם איז פאַראָרדנט געוואָרן אַ קאַמפּס־מאָביליזאַציע פון אַלע גרופּן. אין יעדער גרופּע איז תיכף פאָרגעקומען אַן אַפּעל, אויף וועלכן עס איז געמאָלדן געוואָרן, אַז נאָר געציילטע שעהן ניילן אונדז אָפּ פון דעם לעצטן קאַמף מיט שונא. אַלע חברים זיינען פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן אויף די באַזונדערע פּאָזיציעס. ס׳זיינען באַשטימט געוואָרן ספּעציעלע פאַרבינדונגס־מענער, וועלכע דאַרפן קאָנטאַקטירן איין פּאָזיציע מיט דער צווייטער. עס זיינען אויך באַשטימט געוואָרן ספּעציעלע אָבסערוואַטאָרן, וועלכע דאַרפן פון די אָבסערוואַציע־פּונקטן כסדר מודיע זיין די פאַרבינדונגס־מענער, וואָס עס טוט זיך אין גאַס און אויף די באַזונדערע קאַמפּס־פּלעצער.

נאָכן אַפּעל זיינען די חברים זיך פונאַנדערגעגאַנגען אויף אַ קורצער צייט, צוגרייטן אַלע נויטיקע זאַכן פאַרן פּערזענלעכן באַדאַרף אויף דער צייט פון קאַמף. יעדער חבר האָט באַקומען אַ רוקזאַק מיט וועש, שפּייז, מעדיקאַמענטן אאַ״וו. חוץ דעם שטענדיקן געווער, וואָס יעדער האָט געהאַט אין זיין באַזיץ, זיינען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אויפרייס־באָמבעס, ברענפלעשער און אַנדערע קאַמפּס־מכשירים.

פאַרן שטעלן זיך אויף די פּאָזיציעס איז געגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט ביים אויפשטעלן באַריקאַדן און פאַרשידענע פאַרפעסטיקונגען פון די באַזונדערע פּאָזיציעס. יעדע פּאָזיציע איז באַזאָרגט געוואָרן מיט אַלע נויטיקע איינריכטונגען. מיר האָבן איבערגעלאָזט דורכגענג דאָרטן, וואו עס איז פאַר אונדז באַקוועם געווען די דייטשן מקבל פּנים צו זיין. אַנדערע ערטער האָט מען ספּעציעל פאַרבאַריקאַדירט און צעשטערט יעדע מעגלעכקייט צוצוקומען צו דער פּאָזיציע. פון איין פּאָזיציע צו דער צווייטער, זיינען געמאַכט געוואָרן סטראַטעגישע וועגן, כדי אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן די פאַרשידענע פּאָזיציעס און טיילווייז אויך צווישן איין קאַמפּס־גרופּע און דער צווייטער.

אַרום 3 אַזייגער ביינאַכט, איז אַלץ שוין געווען אין דער פולער קאַמפּס־גרייטקייט. יעדער חבר איז שוין געשטאַנען אויף זיין פּאָזיציע און געוואַרט אויפן אָנקומען פון די דייטשן. בלויז קלענערע גרופּן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן נאָך פּאַטראָלירט די גאַסן און די הייפן. אומעטום האָבן זיי אָנגעזאָגט און צוגעאיילט די יידן, זיי זאָלן וואָס גיכער אריין אין די בונקערס.

אַרום 5 פּאַרטאָג איז שוין נישט געווען אין גאַנצן צענטראַלן געטאָ — חוץ די חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — קיין איין לעבעדיקער מענטש אויף דער אויבערפלאַך. אַלע האָבן זיך געפונען אין די אונטער־ערדישע באַהעלטענישן און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געוואַרט אויף די אָנקומענדיקע געשעענישן.

אויף די פּאָזיציעס האָבן אויך די חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע געוואַרט מיטן פינגער אויפן צינגל.

און זיי האָבן זיך דערוואַרט.

# די שעה האָט געשלאָגן

מאָנטיק ,ערב פסח, דעם 19טן אַפּריל 1943, אין דעם שיינעם פרי־לינגס־טאָג, אין וועלכן אַ שפע פון זון און ליכט איז אַריינגעדרונגען אין יעדן ווינקל פון פאַרחושכטן געטאָ, האָט געשלאָגן די שעה פון דער ענד־גילטיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. די חברים, וואָס זיינען שוין אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען אויף די פּאָזיציעס, האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס אינעם טאָג פון דער אויסראָטונג פון וואַרשעווער יידנטום דער־וועקט די נאַטור אַזוי פיל חשק צום לעבן. פאַר אַזאַ טאָג וואָלט זיכער געפּאַסט אַ שוואַרץ־בלייענער הימל מיט שטורעם־ווינט און שלאַקס־רעגן, וואָס זאָל פּסיכיש לייכטער מאַכן משלים צו זיין מיטן טויט. אָבער אויך די נאַטור איז געוואָרן דעם שונאס אַ פאַרבינדעטער, רייצנדיק אונדזערע נשמות מיט איר שיינקייט אויפן ראַנד פון אומקום.

די קאַמפּס־גרופּע פון „דרור" אויף נאַלעווקי 33, וואו איך האָב זיך געפונען, איז געשטאַנען אויף די פּאָזיציעס גרייט צו באַגעגענען דעם שונא. מיין פּאָזיציע איז געווען, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, אויפן באַלקאָן פון ערשטן שטאָק אין ראָג נאַלעווקעס־גענשע, וואו מיר האָבן די ערשטע געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די אַריינמאַרשירנדיקע דייטשע מי־ליטער־אָפּטיילונגען אין געטאָ. אַנדערע צוויי פּאָזיציעס זיינען געווען אין הויף ביי די פענצטער פון ביידע אָפיצינעס. עס האָבן זיך געצויגן פון פאַרטאָגס אָן קאָלאָנעס פון עטלעכע טויזנט פוסגייער און רייטער און אויך געפּאַנצערטע אויטאָס און טאַנקן. עס האָבן מאַרשירט פאַרש־ידענע פאַר־מאַציעס פון מיליטער, ס"ס און אוקראַינער אין דער פולער באַוואָפנונג, אין קאַמפּס־גרייטקייט, ווי צו אַ שלאַכט־פעלד קעגן אַ רעגולערער אַרמיי. זיי זיינען אָנגעקומען פון דעם „אַרישן" טייל נאַלעווקעס, געגאַנגען אויף גענשע מיט דער לענג מויער צום געטאָ־טויער אויף ראָג גענשע־זאַמענ־האָף. אָבסערווירנדיק די פיינטלעכע כוחות, וואָס גייען קעגן אונדז, האָט זיך מיר אין דער ערשטער רגע אַרויסגעוויזן ווי שוואַך מיר זיינען. וואָס

קאָנען מיר אויפטאָן אַנטקעגן אַזאַ גוט־באַוואָפנטער אַרמיי? וואָס קאָן מען מאַכן אַנטקעגן טאַנקן און פּאַנצער־אויטאָס, בעת אין האַנט האַלט מען אַ רעוואָלווער, אָדער אין בעסטן פאַל, אַ ביקס? פונדעסטוועגן האָבן מיר גע־מוזט זיך שטאַרקן און באַקעמפן די שוואַכקייט.

פונקט 6 אינדערפרי, איז דאָס געטאָ שוין געווען פולשטענדיק באַ־לאַגערט פון אַלע זייטן. די ערשטע דייטשע אָפּטיילונגען האָבן באַטרעטן די ערד פון געטאָ און מאַרשירט אין דער ריכטונג צו די נאַלעווקעס, דער־נענטערנדיק זיך צום דרייעק — נאַלעווקי־גענשע־פראַנצישקאַנער. מיר האָבן נישט געוואַרט ביז דער שונא וועט אָנהויבן זיין מאָרד־אַרבעט, נאָר גלייך האָט זיך פון אונדזערע פּאָזיציעס אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון קוילן, גראַנאַטן און אויפרייס־באָמבעס, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אונדזער אייגענעם באַוואָפנונגס־וואַרשטאַט. די שיסעריי האָט פאַר־שטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. אונדזערע באָמבעס און גראַנאַטן האָבן אויפגעריסן איבער די דייטשע קעפּ און איבערגעלאָזט פיל הרוגים און פאַרוואונדעטע.

היות אונדזער גרופּע האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אָרט, וואו די דייטשן זיינען אַריין אין געטאָ, איז דאָס געווען דער ערשטער קאַמף. די אויפרייסן האָבן סיגנאַליזירט אַלע קאַמפס־גרופּן אין די פאַרשידענע טיילן פון געטאָ, אַז דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן.

הגם די דייטשן האָבן זיך שוין געריכט אויף אַ יידישן ווידערשטאַנד, האָבן זיי זיך נישט פאַרגעשטעלט זיין פאַרנעם. נאָך דער דערפאַרונג פון ערשטן ווידערשטאַנד דעם 18טן יאַנואַר, ווען מיר האָבן געשאָסן בלויז מיט פּיסטאָלעטן, זיינען זיי דאָסמאָל געוואָרן שטאַרק איבערראַשט פון אונדזער ווייט־שיסנדיק געווער און דער עיקר פון אונדזערע אויפרייס־באָמבעס. מיר האָבן די ערשטע אָנגעגריפן, געהאַלטן אַ לענגערע צייט די קאַמפס־איני־ציאַטיוו אין אונדזערע הענט און דער שונא האָט זיך כסדר געפונען אין פאַרטיידיקונג.

די דייטשע אָפּטיילונגען האָבן זיך צעשאָטן אין קלענערע גרופּן, גע־שאַרט זיך ביי ווענט און מורא געהאַט צוצונעמען זייערע געהרגעטע און פאַרוואונדעטע, וועלכע זיינען געלעגן אויפן ברוק. „פאַרפלוכטע”, איז צו אונדז דערגאַנגען דאָס געשריי פון דעם ס״ס־אָפיציר צו די זיך אויסבאַ־האַלטנדיקע סאָלדאַטן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט. ער האָט פאַר־אָרדנט, אַז זיי זאָלן צונעמען די טויטע און פאַרוואונדעטע, נישט קוקנדיק

אויף אונדזער שיסעריי. אָבער דער זעלבער אָפיציר איז אַליין געשטאַנען אונטער אַ באַלקאָן, מורא האָבנדיק פון דאָרט אַפּוירצוגיין.

די ערשטע דייטשע איבערראַשונג איז פאַרביי און זיי האָבן אָנגעהויבן צו ענטפערן מיט פייער. דערקעגנזייטיקער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. די דייטשן זייַנען אָבער געווען אומבאַהאָלפן, שטייענדיק אונטערן פרייען הימל און דאָס האָט אונדז דערמעגלעכט אין זיי צו צילן. זייערע קוילן האָבן צו אונדז נישט געקאָנט טרעפן, מחמת מיר האָבן זיך געדעקט הינטער די מויערן פון הויז.

אויף אַלע דריי אָפּשניטן פון אונדזער אָפּטיילונג גייט אָן די שלאַכט מיט פאַרביסענער עקשנות. עס מערקט זיך צווישן די חברים אַ לעבהאַפטע באַוועגלעכקייט. יעקב גוטערמאַן, אַ יונגער, הויכער און דיקער ריז, שיסט אומאויפהערלעך פון אַ פראָנט־באַלקאָן; פּיוּוֹל שוואַרצשטיין שטייט ביי אַ פענצטער פון אויבערשטן שטאָק און שיסט פון זיין אויטאָמאַטישן פּיסטאָלעט; אַברהם דרייער און משה רובין פירן אָן מיט דער אַטאַקע פון די אַנדערע צוויי פּאָזיציעס, וואָס געפינען זיך אויפן הויף, ביים הינטערשטן אַריינגאַנג פון דער זייט פון גענשע און פון קוזשע גאַס. זכריה — דער גרופּן־קאָמענדאַנט פון „דרור“, לויפט פון איין פּאָזיציע צו דער אַנדערער און מונטערט צו אַ פאַרשאַרפטן קאַמף. פאַרבינדונגס־מענער לויפן איבער די פאַרשידענע פּאָזיציעס מיט ידיעות פון דער קאַמפס־סיטואַציע און מיט באַפעלן פון קאָמענדאַנט. כסדר און אַלץ מער ווערן מיר פאַרטויבט פון די אויפרייסן און פון געהילך פון די שווערע מאַשין־ביקסן, וואָס שיסן צו אונדז אומאויפהערלעך.

דער קאַמף האָט געדויערט בערך צוויי שעה צייט.

רבקה, די אָבסערוואַטאָרין, איז געקומען צולויפן מיט אַ ידיעה, אַז דער שונא האָט זיך צוריקגעצויגן און מען זעט נישט קיין איין דייטש אין גאַס. דער קאָמענדאַנט איז געגאַנגען באַקוקן דאָס שלאַכט־געביט און צוריקגעקומען אַ צעשטראַלטער פון פרייד. ער האָט געמאָלדן, אַז די דייטשן האָבן איבערגעלאָזן אין גאַס עטלעכע צענדליק הרוגים און פאַרוואונדעטע און מיר האָבן נישט געליטן קיין שום אבידה. די מעלדונג איז גלייך צעטראָגן געוואָרן איבער אַלע פּאָזיציעס און אַלע חברים זייַנען באַהערשט געוואָרן פון פרייד. נישט קוקנדיק אויף דעם נצחון, האָט זיך יעדער גערעכנט מיט דעם אומקום. אָבער אונדזער צייטווייליקער נצחון, וואָס האָט

געברענגט די דייטשן גרויסע פארלוסטן, האט אלעמען פארשאפט דאס איינציקע ביסל פרייד פארן אומקום.

בערך דריי שעה האבן די דייטשן זיך נישט באוויזן אין געטא און דערמיט האבן זיי אונדז דערמעגלעכט אן אטעם־פויזע. אין דער פרייער צייט האט מען זיך דערמאנט, אז כל זמן מען לעבט, דארף מען עפעס איבערבייסן. אינעם ערשטן טאג פון קאמף איז נאך געווען גענוג עסן און מען האט געמאכט א פרישטיק. די פרייע צייט האט זיך נאך פארצויגן און די חברה אויף די פאזיציעס האט געהאט צייט צו טיילן זיך מיט איינדרוקן פון די פארגאנגענע קאמפס־שעהן. א טייל חברים זיינען איינגעשלאפן, מיד פון דער וואך־נאכט. אנדערע, וועלכע האבן געזוכט צייט־פארטרייב, האבן גענומען ארויסגנבענען דאס געוועד ביי די שלאפנדיקע. זיי האבן אבער אנגעטראפן אויף אזעלכע, וואס אויך אינעם שלאף האלטן זיי דעם פינגער אויפן געווער־צינגל. מיט זיי האבן די „גנבים" מורא געהאט צו טשעפען, כדי נישט ארייננצוכאפן א פארציע בליי, וואס איז אין תוך באשטימט געווארן פאר עמעצן אנדערש... אין די קאמפסלאזע שעהן האט אויך משה רובין נישט פארגעסן אין זיין באליבטער מויל־הארמאניע, מיט וועלכער ער האט זיך קיינמאל נישט געשיידט און האט אייפגעשפילט די מעלאדיעס פון בעטהאווען, שובערט און אנד׳. פלוצלונג האט מען געמאלדן פון אבסערוואציע־פונקט, אז פון מוראנאווסקע־גאס דערנענטערן זיך טאנקן און פון גענשע גייען דייטשע אפטיילונגען אין א טיראליערע, שארנדיק זיך ביי די מויערן, אויס מורא פאר א קויל. דער גרופן־קאמענדאנט זכריה האט ארויסגעגעבן א באפעל צוצוגרייטן זיך צום אנטשיידענעם קאמף און פאראדרדנט, אז די חברים, וועלכע וועלן בלייבן לעבן, זאלן — בעת דער נויטווענדיקייט פון א ריקצוג — זיך צוריקציען צו איינער פון אונדזערע באזעס אויף גענשע 6.

עס האבן קוים פארקלונגען די לעצטע ווערטער און מיר זיינען פארטויבט געווארן פון א מוראדיקער שיסעריי, געוועגדעט אויף אונדז פון אלע זייטן. ביים ראג נאלעווקי—פראנצישקאנער, האבן די דייטשן ארויסגעשלעפט אויפן גאס מאטראצן פון דעם דארט נאענטן מאגאזין פון „ווערטעפאסונג" און פון זיי אויפגעשטעלט א באריקאדע, פון וועלכער זיי האבן באשאסן אומאויפהערלעך אונדזערע פאזיציעס מיט אלע מינים געווער. מורא האבנדיק ארויסצוגיין פון הינטער דער באריקאדע, האבן די דייטשן געשאסן צו אונדז אויף בלינד, באנוצנדיק אן אומגעהויער גרויסע צאל אמוניציע. מיר דאקעגן, האבן זיך באמיט צו שיסן צילנדיק, אז קיין

איין קויל זאָל נישט פאַלן אומזיסט. מיט פרייד האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז אויך אין דער צווייטער שלאַכט זיינען ווידער געפאַלן עטלעכע דייטשן און פון אונדז איז קיינער נישט אומגעקומען.

ווען דער קאַמף האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָבן מיר אונטערגעצונדן ד דייטשע באַריקאַדע, וואָרפנדיק צו איר אונדזערע ציינד־פלעשלעך. נישט האָבנדיק שוין הינטער וואָס זיך צו דעקן, האָבן די דייטשן געגעבן מער קרבנות. זיי האָבן דאַן באַוואָרפן אונדזער הויז מיט ברען־באָמבעס. ווען דאָס הויז איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט פלאַמען, האָבן מיר נאָך באַוויזן אונטערצוצינדן דעם דייטשן מאַגאַזין פון „ווערטע־פאַסונג", וואָס האָט זיך געפונען בשכנות פון אונדז און מיר האָבן גע־נומען זיך צוריקציען אויף נייע פּאָזיציעס.

אונדזער וועג האָט געפירט דורך בוידעמער, אין וועלכע עס זיינען געווען דורכגאַנג־לעכער צו די שכנותדיקע הייזער. זייענדיק שוין אין וועג, איז אונדזער פאַרפּאַסטן צוריקגעקומען מיט אַ ידיעה, אַז גענשע 6, וואָס דאַרף זיין אונדזער נייע קאַמפּס־פּאָזיציע, איז באַלאַגערט פון דייטשן. קיין וועג אויף צוריק איז שוין נישט געווען, ווייל אונדזערע פריערדיקע פּאָזיציעס אויף נאַלעווקי 33 זיינען שוין געשטאַנען אין פלאַ־מען. מיר זיינען געווען אַרומגערינגלט פון איין זייט דורך די דייטשן און פון דער צווייטער זייט דורך די פלאַמען. דאָס טראַגישסטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס דער באַדן אונטער אונדזערע פיס האָט אויך שוין אָנ־געהויבן ברענען. דער רויך האָט געשטיקט אין האַלדז און די אויגן זיי־נען געוואָרן בלינד, אַזוי אַז איינער האָט דעם אַנדערן נישט דערזען. אויף די קעפּ זיינען געפאַלן ברענענדיקע שטיקער פון דאַך, די פיס האָבן געטרעטן אויף אַ זיך איינברעכנדיקן באָדן, און די פייער־צונגען האָבן שוין געלעקט אונדזערע מלבושים.

מיר האָבן אַרויסגעשיקט דורך די בוידעמער, לעכער אַ פּאַטראָל אויס־צוגעפינען אַ וועג. ער איז אַזוי גיך נישט צוריקגעקומען. די סיטואַציע איז געוואָרן ערנסט און די אַטמאָספער געשפּאַנט ביז גאָר. די מינוטן פון אונדזער לעבן האָבן אויסגעזען צו זיין געציילטע. אין צווישנצייט, האָבן די דייטשן זיך אַרויפגעקריגן אויפן בוידעם פון דער זייט פון גענשע 6. מיר האָבן תיכף דערלאַנגט פייער און מאנפרעד האָט דערשאָסן אַ דייטש, צו־נעמענדיק ביי אים דאָס געווער. די איבעריקע דייטשן זיינען אַנטלאָפן. פון די געדיכטע רויך־וואָלקנס זיינען זיך אַלע חברים צונויפגעלאָפן אויפן אָפּקלאַנג פון דער שיסעריי.

דאָס דערהרגענען אַ דייטש האָט אונדז אפשר אויף איין מינוט גע־מאַכט פאַרגעסן אין דער סיטואַציע. מאָמענטאַל זיינען מיר אָבער ווידער באַהערשט געוואָרן פון דעם געפיל, אַז אונדזער לאַגע איז אָן אָן אויס־וועג. מיט יעדער נייער כוואַליע רויך און פלאַמען, וואָס האָט זיך געלאָזן אויף אונדז, איז די לאַגע געוואָרן ערנסטער און קיין שום אויסזיכטן אויף רעטונג האָבן זיך נישט געזען. אַלע זיינען געלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן, פון איין לאָך צום אַנדערן, אפשר וועט פאַרט זיך עפענען ערגעץ אַ וועג צום אַנטרינען פון דעם גיהנום, אָבער יעדע באַמיאונג אין דער ריכטונג האָט געברענגט נייע אַנטוישונגען.

פונקט אין מאָמענט, ווען ס'איז שוין מער נישט געווען מעגלעך אויסצוהאַלטן קיין איין מינוט, איז אָנגעקומען אונדזער פּאַטראָל. זיי האָבן אויסגעפונען אַ וועג זיך צוריקצוציען פון דער חורבה, דורך אַזעלכע לע־כער און שפּאַרונעס, וואָס עס איז פשוט נישט צו גלויבן, אַז אַ מענטש־לעכער קערפּער וועט זיך קאָנען דורך זיי דורכשלייכן. אָבער אין אַזאַ סיטואַציע קאָן נישט זיין אַ זאַך, וואָס איז נישט מעגלעך.

מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אויף דעם נייעם וועג דורך טיפע לאַ־בירינטן פון בוידעמער און איבער דעכער, איבערלאָזנדיק די ברענענדיקע הייזער הינטער זיך אין דער סאַמע לעצטער מינוט, וואָס האָט דעצידירט וועגן אונדזער לעבן און טויט און מיר זיינען אָנגעקומען אויף נאַלעווקי 37.

אויפן הויף פון נאַלעווקי 37, האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט, נישט וויסנדיק, וואו מען קען אַ פוס אַריינשטעלן און נישט האָבנדיק קיין שום באַזע פאַר אַ קאַמף, אין פאַל ווען די דייטשן וועלן אָנקומען.

נאָך לאַנגע זוכענישן, זיינען מיר דערגאַנגען צו די שפּורן פון אַ בונקער, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַ סך יידן.

אין קעגנזאַץ צו דער גרויסער סימפּאַטיע מצד דער באַפעלקערונג, וואָס די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעטראָפן אין אַלע בונקערס, וואו מיר זיינען נאָר געקומען, האָבן די איינוווינער פון דעם בונקער אויף נאַלעווקי 37 אונדז נישט גוט אויפגענומען. ווען מיר זיינען אַהין אַריינ־געקומען, האָבן די יידן מורא געהאַט דאָרט ווייטער צו בלייבן, מיינענדיק, אַז צוליב אונדזער קאַמפּס־טעטיקייט דראָט זיי אַ סכנה. ספּעציעל האָבן די פרויען מיט ספּאַזמאַטישע געוויינען גענומען אַרויסלויפן פון בונ־קער אין מיטן העלן טאָג, ווען עס דראָען די גרעסטע סכנות און אָנ־געהויבן זוכן אַנדערע באַהעלטענישן, אַבי נישט צו זיין מיט די קעמפּער. אין יענעם ערשטן טאָג פון דער אויסראָטונגס־אַקציע, האָט נאָך אַ גע־

וויסער טייל יידן געקענט זיין אַזוי באַאיוו צו מיינען, אַז די, וואָס קעמפן נישט זיינען מער זיכער מיטן לעבן, ווי אַזעלכע, וואָס קעמפן יאָ.

ווען מיר האָבן געזען די שטימונג ביי די דאָרטיקע יידן, האָבן מיר באַשלאָסן דעם בונקער צו פאַרלאָזן. הגם ביי זיך זיינען מיר זיכער געווען, אַז מיט אונדזער אַנוועזנהייט שטעלן מיר נישט דאָס לעבן פון די יידן אין קיין גרעסערער סכנה, אָבער בלויז צוליב זייער זעלבסט־געפיל האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס אָרט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן בונקער אַלס באַזע פאַר אונדזער ווייטער־דיקן קאַמף און קודם־כל אַלס שוץ ביזן קאַמף.

* * *

די בוידעמער פון געטאָ האָבן נאָך פאַרן אויפשטאַנד פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ וויכטיקע פאַרקער־אַרטעריע. צוליב דעם, וואָס דאָס לעבן איז געווען איינגעשטעלט ביים ארויסגיין אויף דער גאַס, האָט מען זיך באַמיט, וואָס ווייניקער צו באַנוצן די גאַסן און די באַוועגונג איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרגעקומען אויף די בוידעמער. אין די בוידעם־ווענט פון יעדן הויז זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן לעכער, וועלכע האָבן געדינט אַלס דורכגענג צום בוידעם פון דעם שכנותדיקן הויז. אַזוי האָט מען דורך דער פאַרבינדונג פון איין בוידעם מיטן צווייטן, געקאָנט אַדורכגיין פון איין גאַס אין דער צווייטער, און אויסגיין כמעט דאָס גאַנצע געטאָ פון איין עק ביזן אַנדערן.

דער בוידעם־פאַרקער האָט זיך מיט דער צייט אַזוי גוט אַנטוויקלט, אַז וואָס מער די גאַסן זיינען געוואָרן אָפּגעשטאָרבן און אויסגעליידיקט פון אַ לעבעדיקן מענטש, אַלץ מער זיינען די בוידעמער געוואָרן באַלעבט פון דורכגייענדיקע מענטשן. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז מען האָט זיך כמעט אָפּגעוווינט פון די גאַסן. אין אָנפאַנג האָט מען נאָך געבלאָנדזשעט אין די טיפע לאַבירינטן פון די בוידעמער־קאָמפּלעקסן, נישט וויסנ־דיק, וועלכער דורכגאַנגס־לאָך פירט אין דער, אָדער יענער גאַס. מיט דער צייט האָט מען זיך כסדר אַלץ בעסער אָנגעהויבן אָריענטירן אין די פונאַנדערגעצווייגטע וועגן, וואָס האָבן געפירט אין פאַרשידענע ריכ־טונגען פון געטאָ און די אַלע וועגן אויף די בוידעמער האָבן זיך פאַר־וואַנדלט אין אייגנאַרטיקע „גאַסן", וואָס האָבן כמעט פאַרטרעטן די פריי־ערדיקע גאַסן, וועלכע האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין טעגלעכן לעבן פון די מענטשן.

די גרעסערע זיכערקייט פון באַוועגן זיך אויף די בוידעמער, האָט מיט דער צייט מער אויסגעברייטערט די ראָל פון די בוידעמער אין לעבן פון די יידן. דאָרט האָט מען זיך שוין געטראָפן נישט בלויז ביים דורכגיין פון איין הויז אין אַנדערן, און פון איין עק געטאָ אין צווייטן, די בוידעמער זיינען שוין אויסגענוצט געוואָרן פאַר פאַרשידענע טרעפונגען צווישן מענטשן. דאָרט האָט מען זיך שוין אָפּגעשמועסט צו טרעפן ביי האַנדלס־ענינים. אין די פינצטערע ווינקעלעך פון די בוידעמער, האָט מען געקויפט און פאַרקויפט און זיי האָבן זיך כמעט אין מאַרקן פאַרוואַנדלט. אַממערסטן איז דאָרט אָנגעגאַנגען דער געווער־האַנדל, וואָס איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט אין דער לעצטער צייט פון געטאָ.

אַ גאַר ספּעציעלע ראָל האָבן די בוידעמער געשפּילט אין אויפשטאַנד. קודם כל האָבן זיי מיט זיך געבילדעט די איינציקע וועגן, דורך וועלכע עס איז מעגלעך געווען איבערצוואַרפן קאַמפס־כוחות פון איין אָרט אויפן אַנדערן. די קאַמפס־טאַקטיק פון יעדער קאַמפס־גרופּע איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט איינגעהאַלטן די פּאָזיציעס אַזוי לאַנג, ווי עס איז נאָר געווען מעגלעך און אין דער לעצטער מינוט צוריקגעצויגן זיך דורך די בוידעמער אויף אַנדערע פּאָזיציעס. די דייטשן האָבן נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז מיר האָבן אַזעלכע וועגן אויף צוריקצוציען זיך און בכלל אויף באַוועגן זיך. ווען זיי האָבן אַ הויז געשטורעמט מיט קוילן און גראַנאַטן, אונטערגעצונדן און אַרומגערינגלט מיט מיליטער, אַז ס׳זאָל נישט מעגלעך זיין פון דאָרט זיך אַרויסצוקריגן, זיינען זיי געווען זיכער, אַז די קעמפער מוזן דאָרט אומקומען. אָבער אַזוי לאַנג ווי עס זיינען נאָך געווען גאַנצע הייזער אין געטאָ, האָבן זיי שטענדיק געהאַט אַ טעות, ווייל די בוידעמער האָבן אונדז אין מערסטנטייל געזיכערט דעם צוריקטריט. געוויסע הייזער, וועלכע די דייטשן האָבן איינגענומען איידער די שׂרפה האָט זיי פאַרניכטעט, האָבן זיי דורכגענישטערט ביז די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, אָבער שטענדיק זיינען זיי געבליבן שטיין פאַר אַ רעטעניש: וואו זיינען אַהינגעקומען די אויפשטענדלער? אויף די שפּורן פון די דורכגאַנגס־לעכער אויף די בוידעמער זיינען זיי, בדרך כלל, נישט געפאַלן, חוץ ווייניק אויסנאַמען.

אויף די בוידעמער האָבן מיר אויך געהאַט איינגעאָרדנט די אָבסערוואַציע־פּונקטן, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין קאַמף. דאָרט האָבן מיר אויך געהאַט אַ סך קאַמפס־פּאָזיציעס. די בוידעמער זיינען אויך געווען די איינציקע פאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע קאַמפס־גרופּן און

פון דאָרט האָבן געפירט וועגן צו די הייזער, וואו עס האָבן זיך געפונען די בונקערס פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

* * *

נאָך דעם, ווי מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז אויף נאַלעווקי 37, האָט אונדזער גרופּע דורכגעמאַכט אַ סך וואָגלענישן איבער בוידעמער און לעכער און ס'איז נישט מעגלעך געווען אין ערגעץ צו שאַפן זיך קיין באַזע פאַר אונדזער קאַמפּס־גרופּע. אויף די בוידעמער האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ סך פּליטים, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון זייערע באַהעלטענישן צוליב די שרפות. פון אַלע זייטן זיינען יידן געלאָפן אַהין און צוריק און נישט געקאָנט אין ערגעץ זיך קיין אָרט געפונען. יעדער האָט געהאָפט אויפן אָנקום פון דער נאַכט. ס'איז אָבער שווער געווען זיך צו דערוואַרטן, הגם ס'איז שוין געווען נאָכמיטאָג. פון צייט צו צייט איז רואיק געוואָרן, די שיסעריי איז געוואָרן שוואַכער און דער מאַסן־געלויף פון די דערשראָקענע יידן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין אַ ווינקל פון בוידעם האָב איך באַמערקט אַ פרומען ייד דאַוונען מנחה מיט גרויס כוונה. ער האָט זיך געאיילט צו פאַרענדיקן די שמונה עשרה פאַרן אָנקומען פון אַ נייעם שטורעם. אָבער מיטאַמאָל האָבן ווידער גענומען זיך טרייסלען די ווענט, צוליב די באָמבע־אויפרייסן. די יידן האָט באַהערשט שרעק און בהלה. מיר האָבן זיך דערוויל, צווישן איין שטורעם און צווייטן, געדרוקט אַלץ ווייטער דורך אַ גאַנצער ריי בוידעמער. אונדזער ציל איז געווען: פאַרלאָזן די נאַלעווקעס, ווייל דאָרט האָבן די דייטשן, נאָך אונדזער ערשטן קאַמף, קאָנצענטרירט אַ סך כוחות. אונדזער פּלאַן איז געווען צוצוקומען צו קושאַגאַס און דאָרט שאַפן זיך אַ נייע באַזע.

נאָך אַ לאַנגן און שווערן וועג, איז אונדז געלונגען צו פאַרלאָזן די נאַלעווקעס און מיר זיינען אָנגעקומען אויף קושאַ 3. דאָרט זיינען מיר אַריין אין אַ בונקער, כדי צוצוואַרטן ביז נאַכט.

די פּאָר שעה, וואָס מיר האָבן זיך דאָרט געפונען, האָט ביי אונדז אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. דער שרעקלעך ענגער און פינצטערער קעלער איז געווען איבערפולט איבער די ברעגעס. מענטשן זיינען ממש געלעגן איינער אויפן אַנדערן. די ענגשאַפט האָט צוזאַמענגעפּלאָנטערט מענטשלעכע קערפּערס, הענט און פיס, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען זיך צו רירן פון אָרט. דער מאַנגל אין לופט איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיין

ליכטל אָדער שוועבעלע האָט נישט געקאָנט ברענען. עס איז בכלל נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען און דאָס אַרבעטן פון די מענטשלעכע הערצער האָט מען געהערט מיט אַ סאַפּען ווי פון שווערע לאָקאָמאָטיוון.

די שטילקייט איז אַלע מינוט אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך אַ געוויין פון קליינע קינדער. די מאַמעס האָבן מיט די הענט פאַרשטאָפּט זייערע מײלעכלעך. מען האָט מורא געהאַט, אַז דאָס קינדערישע געוויין קאָן ברענגען אויף די שפּורן פון בונקער און עטלעכע הונדערט מענטשן קאָנען אומקומען צוליבן געוויין פון איין קינד. אָבער יעדעס מאָל, ווען דאָס געוויין פלעגט זיך איינשטילן, האָט אויפגעפלאַטערט אַן אומרואיקייט, צי דאָס קינד איז נישט דערשטיקט געוואָרן. אויך אַזעלכע פאַלן האָבן זיך אָפּט געטראָפן.

ווען מיר זיינען אין אָוונט פון דאָרט אַרויס, האָבן מיר זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער גרויסער שפע פון לופט, הגם זי האָט געשמעקט מיט רויך. מיר האָבן זיך דערווייל איינגעאָרדנט אין אַ צימער פון דעם זעלבן הויז און עטלעכע חברים זיינען אַרויס זוכן אַ קאָנטאַקט מיט אַנדערע קאַמפּס־גרופּן, אָפּנעמען ידיעות וועגן פאַרלויף פון ערשטן קאַמפּס־טאָג אין אַנדערע טיילן פון געטאָ און אויך באַריכטן וועגן גאַנג פון קאַמף אין אונדזער קאַמפּס־גרופּע אויף נאַלעווקי 33. אַן אנדערע גרופּע חברים איז געגאַנגען אויסזוכן אַ פּאַסיקע קאַמפּס־באַזע פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

אין יענעם אָוונט פון 19טן אַפּריל, איז דער ערשטער טאָג פון קאַמף שוין געווען הינטער אונדז. פון די אַלע געשעענישן, וואָס דער טאָג האָט מיט זיך געבראַכט איז נאָך פאַר אַ סך יידן און אויך קעמפער נישט געווען קלאָר, וואָס פאַר אַ טאַקטיק די דייטשן וועלן אָננעמען, בכדי צו ליקווידירן דאָס געטאָ.

פון די שרפות, וואָס האָבן שוין געננג פאַררויכערט דאָס געטאָ און רויט געמאַכט דעם הימל, האָט מען נאָך אַלץ נישט געקאָנט דרינגען, אַז דאָס איז אייגנטלעך זייער לעצטער מעטאָד פון ענדגילטיקער פאַרניכטונג. מען האָט נאָך דעמלט געמיינט, אַז דאָס אונטערצינדן אַ ריי הייזער איז פאָרגעקומען הויפּטזעכלעך דאָרט, וואו יידן האָבן געקעמפט. אַ יסוד אַזוי צו טראַכטן האָבן מיר געהאַט צוליב די שרפות, וואָס זיינען אויסגעבראָכן אין רעזולטאַט פון דייטשער אונטערצינדונג אין פאַרשידענע טיילן פון געטאָ און האָבן נישט אַרומגענומען גאַנצע גאַסן מיטאַמאָל. איבעריקנס, האָט אַ נאָרמאַל־דענקנדיער מענטש, זיך נישט געקענט פאַר־

שטעלן, אַז מען קאָן אונטערצינדן סיסטעמאַטיש טויזנטער הייזער, גאַנצע בלאָקן און גאַסן און אַלץ אויסגלייכן מיט דער ערד.

דער ערשטער אָונט האָט אָבער אויסגעזען אַנדערש, ווי די אָונטן פון די פריערדיקע אויסראָטונגס־אַקציעס פון יולי 1942 און יאַנואַר 1943. אויך דאָס איז געווען אַ סימן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אויסער־געוויינלעכער „אַקציע". אין קעגנזאַץ צו די פריערדיקע אַקציעס, ווען אין די אָונטן איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק שטיל, איז דאַסמאָל אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען אַן אומאויפהערלעכע שיסעריי מצד די דייטשן פון אַלע מינים געווער. די „אַקציע" האָבן די דייטשן נישט געפירט ביי דער נאַכט, אָבער זיי זיינען געשטאַנען ביי די געטאָ־מויערן און פון אַלע זייטן באַ־שאָסן און באַוואָרפן מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן דאָס געטאָ, בכדי פסיכיש אויסצומאַטערן די באַפעלקערונג און נאָך אַזאַ פאַרגאַנגענעם שווערן טאָג, נישט געבן אויך ביינאַכט קיין איין מינוט רו.

צוליב דער דאָזיקער טאַקטיק, איז דאָס באַוועגן זיך ביינאַכט איבערן געטאָ אויך געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן. מען האָט אויך געמוזט זיך דורכשלייכן דורך פאַרשידענע לעכער און בוידעמער. אָבער דאָך איז דאָס באַוועגן זיך געווען אַביסל לייכטער, ווייל די דייטשן האָבן געשאָסן פון דערווייטנס און מען האָט זיך נישט דירעקט אָנגעטראָפן אויף זיי. די דאָזיקע טאַקטיק איז אָנגעווענדעט געוואָרן בלויז די ערשטע נעכט פון אויפשטאַנד. שפּעטער האָבן די דייטשן אויך פאַטראָלירט ביינאַכט איבערן שטח פון געטאָ און די שיסעריי איז שוין נישט געגאַנגען פון די געטאָ־מויערן, נאָר פון צווישן די געטאָ־חורבות.

# אין דער נאַכט פון שפּור חמתך

אין דעם זעלבן אומגט פון 19־טן אַפּריל בין איך אריין אין הויז קוזשאַ 4, בכדי דאָרט צו באַקומען ליכט ־ באַטעריעס פאַר אונדזער קאַמפּס־גרופּע. אומגעריכט בין איך — גייענדיק איבער די שטובן — אַריינגעפאַלן אין דער וווינונג פון רב מייזעל. ווי נאָר איך האָב אי־בערגעטרעטן די שוועל, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז עס איז פּסח, די נאַכט פון ערשטן סדר.

די שטוב האָט אויסגעזען ממש ווי נאָך אַ פּאָגראָם. דאָס בעטגע־וואַנט איז געווען צעוואָרפן, די שטולן איבערגעקערט. אויף דער פּאָד־לאָגע האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשידענע זאַכן, די שויבן זיינען געווען אויסגעבראָכן פון די דעטאָנאַציעס. דאָס אַלץ איז געשען במשך פון טאָג, נאָך פאַרן צוריקקומען פון די בני בית פון בונקער.

בלויז דער טיש אין מיטן שטוב, האָט אויסגעזען מער יום־טובדיק און איז געווען אַ שטאַרקער דיסאָנאַנס צום איבעריקן טייל מעבל און זאַכן פון דער שטוב.

די כוסות ווייַן אויפן טיש האָבן אין זייער רויטקייט דערמאָנט דאָס בלוט פון די יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אין דעם זעלבן טאָג פון ערב פּסח. די הגדה האָט דער רב געזאָגט אונטערן אָפּקלאַנג פון די אומאויפ־הערלעכע שיסערייען און באָמבן־אויפרייסן, וואָס האָבן זיך געהערט אַ גאַנצע נאַכט אין געטאָ. דורך די פענצטער האָט זיך כסדר און אַלץ מער אַרייַנגעריסן דער אָפּשיין פון די שכנותדיק ברענענדיקע הייזער, וועל־כער האָט אין דעם טונקעלן צימער באַלויכטן די פּנימער פון די, וואָס זיינען געזעסן ביים סדר־טיש.

ביי שפּוך חמתך האָט דער רב און זיין גאַנץ בני־בית אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין. כ׳האָב געפילט, אַז דאָס איז אַ געוויין פון צום טויט־פאַרמשפּטע, וועלכע האָבן שוין שלום געמאַכט מיטן טויט און דאָך מורא געהאַט פאַר אים אין דער מינוט פון זיין אנקום. אין רב׳ס ווערטער

האָט זיך געפילט דער צער צוליב יענע ייִדן, וועלכע האָבן שוין בישט דערלעבט דעם ערשטן סדר און אין זיין טאָן איז געווען אַ שטילע תפילה צו דערלעבן די צווייטע סדר־נאַכט.

מיט דעם שוואַכער ווערן, אָדער פאַרשטאַרקן זיך פון דער שיסעריי און פון די ארומיקע שרפות, האָט זיך געהויבן און געפאַלן די שטימונג. אין מינוטן פון פאַרשטאַרקטער האָפנונג, האָבן זיך דערהערט די ווערטער פון רב: אפשר וועט פּאַרט געשען א נס, ווי אַמאָל אין מצרים. די ווייטערדיקע מינוטן האָבן ווידער געבראַנגט מיט זיך אַ כוואַליע פון פאַרצווייפלונג און דאָס באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען דער דור־המדבר, וועלכער מוז אומקומען ביזן לעצטן.

וואָס מער דער רב האָט זיך פאַרטיפט אין דער הגדה, אַלץ גע־דריקטער איז געוואָרן זיין שטימונג. אין געדאַנק האָט זיך ביי אים צונויפגעטראָפן די אמאָליקע באַפרייאונג מיט דער קעגנווערטיקער פאַר־לוירנקייט און ס׳איז אים נישט געלונגען צו פאַרגעסן די לאַגע, וואָס איז אָן אַן אויסוועג. אָן אויסגעמאַטערטער פון אַ גאַנצן טאָג זיצן אין בונקער, פאַרטויבט פון די אומאויפהערלעכע שיסערייען אויפן גאַס, צע־מישט און דערשראָקן פון יעדער ידיעה וועגן דער לאַגע אין געטאָ, איז דער רב געזעסן ביים סדר אבי יוצא צו זיין. זיין גאַנצער אינערלעכער צושטאַנד איז געווען ווייט פון אַ וועלכער ס׳איז יום־טובדיקער שטימונג. ער האָט אָוועקגעלייגט די הגדה, מיט אַ זייער שווערן געמיט אַנגעלענט דעם קאָפּ אויפן טיש און פון צייט צו צייט אים אויפגעהויבן, כדי צו שמועסן מיט מיר. ער האָט געוואָלט הערן פון מיר עפּעס אַ טרייסט־וואָרט. ער האָט נאָכגעפרעגט וועגן דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועגן די קאַמפּן, וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד און וועגן אונד־זערע פּלענער אויף ווייטער.

אַ מאָדנע געפיל האָט מיך באַהערשט ביים רב אין שטוב. איך האָב זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער שווערער אַטמאָספער, וואָס האָט אויף מיר געדריקט. אין דעם רב׳ס געשטאַלט האָב איך געזען די טראַגעדיע פון אַלטן דור, וואָס איז נישט בכוח אומצוקומען אין אַקטיוון קאַמף און דערפּון נעמט זיך זיין מאַכטלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג.

ביים פאַרלאָזן די שטוב, האָט דער רב זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט און געוואונטשן דערפאָלג אין קאַמף. איך — האָט ער געזאָגט — בין שוין אַלט און צעבראָכן, אָבער איר, יונגע מענטשן, גיט זיך נישט אונטער קעמפט מיט הצלחה און זאָל גאָט זיין מיט אייך.

דער רב איז מיר נאָכגעגאַנגען און מיר געגעבן אַ פּאָר פּעקלעך מצות פאַר מיין קאַמפּס־גרופּע. אויב מיר וועלן דערלעבן ביז מאָרגן — האָט ער געזאָגט — זאָל איך צו אים קומען מיט צביהן. איך האָב מיין צוזאָג דער־פילט און דעם צווייטן אָונט, האָב איך נאָך אַמאָל באַזוכט מיט צביהן דעם רב מייזעל.

צוריקקומענדיק אין דער קאַמפּס־גרופּע האָב איך געהאַט דעם איינ־דרוק, ווי איך וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ גאָר אַנדערער וועלט. איך האָב זיך צוריק דערוואָרעמט אין דער אייגענער חברישער אַטמאָספער. איך האָב זיך אויפסניי געפונען אין אַ סביבה, וועלכער עס איז — טראָץ די גרויסע צרות — פרעמד טרערן. איך האָב ערשט אָנגעהויבן אָפּצושאַצן דעם פעסטן גייסט, וואָס הערשט אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַלס דעם וויכטיקסטן כוח אונדזערן. דאָס איז דער כוח פון נישט לאָזן זיך מיט־רייסן פון דער אַרומיקער פאַרצווייפלונג. דאָס קאָנען זיך דערהויבן איבערן גאַנצן טראַגישן אַרום און דאָס כסדרדיקע זוכן דעם געמיינזאַמען ציל פון שלאָגן דעם שונא.

די נאַכט פון 19טן אויפן 20טן אַפּריל איז שוין באַלד געגאַנגען צום סוף. ווען עס האָט אָנגעהויבן גרויען דער פרימאָרגן, זיינען שוין די חברים פון אונדזער גרופּע צוריקגעקומען פון זייערע פאַרשיידענע שליחותן אי־בער פאַרשיידענע טיילן פון געטאָ. אין דער זעלבער נאַכט, זיינען צו אונדז געקומען שליחים פון דער צענטראַלער קאָמענדאַנטור — לוטעק ראָטבלאַט („עקיבא"), פּאַוועל ברוסקין און העניעק קאַווע (ביידע פון פפ"ר). פון דעם קעגנזייטיקן אויסטויש פון שליחים, זיינען מיר רייך געוואָרן מיט אינפאָרמאַציעס וועגן דעם פאַרלויף פון ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד אין אַלע טיילן פון געטאָ, און וועגן דעם צושטאַנד אויף באַזונדערע קאַמפּס־פּאָזיציעס. יעדעס וואָרט, וואָס מיר האָבן געהערט, האָבן מיר ממש געשלונגען מיט דער גרעסטער שפּאַנונג און אויפמערקזאַמקייט. עס איז פאַרשוואונדן דאָס איינזאַמקייטס־געפיל פון דעם גאַנצן ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד און מיר האָבן זיך ווייטער געפילט פאַרבונדן מיט דער גאַנ־צער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

מיטן אָנקומען פון טאָג, האָבן מיר זיך פאַרפעסטיקט אויף נייע קאַמפּס־פּאָזיציעס אויף קושאַ גאַס 4. אַ גאַנצן טאָג, דעם 20טן אַפּריל, האָבן מיר אָפּגעוואַרט די דייטשן אויף אונדזערע פּאָזיציעס. זיי האָבן זיך אָבער נישט באַוויזן אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט פון דער קושאַ גאַס. פון דער ווייטנס האָבן מיר געהערט אָפּקלאַנגען פון קאַמף אין אַנדערע טיילן געטאָ.

# אין א הײל פון געטאָ

מיטוואָך, דעם 21טן אַפּריל, אין אָוונט, בין איך אַרויסגעגאַנגען מיט אַן אויפגאַבע צו דער גרופּע פון „דרור" אויף מילע 29, וואו קאָמענדאַנט איז געווען בערל ברוידע.

דער בונקער פון מילע 29 איז געווען אײנער פון די גוט־אײנגע־אָרדנטע בונקערס אין געטאָ. דאָרט זײנען אונדזערע קאַמפס־גרופּן נישט אַרײנגעקומען צופעליק בעתן גאַנג פון אויפשטאַנד, אַזוי ווי אין אַ גאַנ־צער רײ אַנדערע בונקערס, נאָר נאָך פאַרן אויפשטאַנד, האָבן מיר אין פאַרשטענדיקונג מיט די דאָרטיקע באַלעבאַטים, באַשטימט דעם בונקער פאַר אַ וויכטיקן סטראַטעגישן פּונקט פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. די באַלעבאַטים זײנען געווען רײכע ייִדן, און האָבן געהאַט אַלע מעגלעכקײטן אײנצואָרדענען דעם בונקער מיט פולן קאָמפאָרט: עלעקטרישע באַלויכ־טונג, וואַסער־רערן — אַנשטאָט די פּרימיטיווע ברונעמס, וואָס זײנען גע־ווען אין אַנדערע בונקערס — אַ גרויסן פּראָדוקטן־לאַגער, אַ ראַדיאָ־אַפּאַ־ראַט, בעטן צום שלאָפן אאַ״וו.

די סטראַטעגישע חשיבות פון מילע 29 איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס הויז האָט זיך געגרענעצט מיט דער זאַמענהאָף־גאַס און מען האָט געקאָנט אַטאַקירן די דײטשן סײ פון מילע, סײ פון זאַמענהאָף. די אַלע גרופּן, וואָס האָבן געקעמפט אויף זאַמענהאָף, האָבן געהאַט צווישן זיך פאַרבינדונגס־וועגן דורך בוידעמער, וואָס האָבן געפירט צום הויז. נאָכן פאַרענדיקן זיך פון די קאַמפן אויף זאַמענהאָף, האָבן אַזוי אַרום אַלע גרופּן פון דאָרט געהאַט אַ מעגלעכקײט צוריקציען זיך אין דעם פריער באַשטימטן בונקער פון מילע 29.

ווען איך בין אָנגעקומען אַהין, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל גע־טראָפן מיט אַלע חברים פון אַלע קאַמפס־גרופּן פון זאַמענהאָף און איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקײט אָפּצוגעבן און אויך אָפּצונעמען באַריכטן און

איינדרוקן פון די באַזונדערע קאַמפּס־אָפּשניטן פון ערשטן און וויכטיקסטן אייפּשטאַנד־טאָג.

נאָך דער ערשטער מפּלה, דעם 19טן אַפּריל אויף נאַלעווקי, האָבן די חברים מיר איבערגעגעבן, זיינען די דייטשן שוין נישט אַריינמאַרשירט אויף זאַמענהאָף אין דעם גאַנצן פּאַראַד און גלאַנץ. זיי זיינען געגאַנגען מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט און פּחד, איינציקווייז און צעוואָרפן, זיכנדיק שוץ ביי די מויערן. אויף זאַמענהאָף האָבן די דייטשן געוואָרפן גרויסע מיליטערישע כּוחות. דאָרט זיינען אויך געווען קאָנצענטרירט אַ סך כּוחות פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין פיר באַזונדערע פּונקטן. אין די דאָזיקע פּונקטן האָבן זיך געפונען די קאַמפּס־גרופּן פון „דרור", „השומר־הצעיר", פּפּ"ר און „בונד". די אַלע גרופּן האָבן צווישן זיך קאָאָרדינירט די פאַרטיידיקונג פון זאַמענהאָף.

ווען די דייטשע כּוחות זיינען געגאַנגען אויף זאַמענהאָף, זיינען זיי נישט אַטאַקירט געוואָרן פון די ערשטע צוויי קאַמפּס־גרופּן, דורך וועלכע זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען. זיי האָבן בכיוון די דייטשן געוואָלט אַריינגאַרן וואָס טיפער אין דער גאַס אַריין. ערשט ביים עק זאַמענהאָף און מילע, האָבן די אַנדערע צוויי גרופּן זיך באַשאָסן מיט אַ האָגל פון קוילן און גראַנאַטן. ווען די דייטשן האָבן געמוזט צוריקלויפן, זיינען זיי פון הינטן פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די קאַמפּס־גרופּן, וועלכע האָבן זיי פריער דורכגעלאָזן. די דייטשן האָבן זיך געפונען אין אַ „קעסל", אָן דער מעגלעכקייט צוריקצוטרעטן. די גאַס איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט דייטשע הרוגים. די דייטשן זיינען געלאָפן אין אַן אומבאַשרייבלעכער פּאַניק, נישט קענענדיק זיך קיין אָרט געפינען. אונדזערע קאַמפּס־גרופּן האָבן געקעמפט טים פאַרשידענע מינים געווער. חוץ ביקסן, גראַנאַטן און אויפרייס־באָמבן, האָבן מיר געשאָטן דורך די פענצטער און באַלקאָנען ברען־פלעשלעך איבער די דייטשע קעפּ. מען האָט באַמערקט ווי איין דייטש, וועלכער האָט באַקומען אין העלם אַ ברען־פלעשל, איז געלאָפן אין גאַס ווי אַ משוגענער, צאַפּלענדיק אין פלאַמען. איין טאַנק, וועלכער איז געקומען צוהילף די דייטשע אָפּטיילונגען, איז גלייך אונטערגעצונדן געוואָרן. די זאַמענהאָף־גאַס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ בילד פון אַן אמתער מלחמה, אַזוי ווי עס וואָלטן געקעמפט צוויי גלייכע צדדים. נאָכן פאַרענדיקן דעם קאַמף אויף זאַמענהאָף, האָבן די פיר גרופּן זיך צוריקגעצויגן אויף מילע 29, איבערלאָזנדיק איין קרבן — דעם קעמפער יחיאל פון „השומר־הצעיר".

פון חברים, וואָס זיינען אין דערזעלביקער נאַכט געקומען פון גאַס, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין דעם ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד אין דער פרי, האָבן די רעוויזיאָניסטן געקעמפט אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ און צוועלף אַזייגער צוריקגעצויגן זיך פון געטאָ ארויס.

נאָך די קאַמפן און צוזאַמענשטויסן אויף אַלע קאַמפּס־אָפּשניטן, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער דייטשער מפּלה, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אָנצווענדן אַ נייע טאַקטיק פון ברענען און חרוב מאַכן אַלץ, וואָס איז נאָר אויף דער אויבערפלאַך. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן סיס־טעמאַטיש אונטערצוצינדן הויז ביי הויז און דאָס גאַנצע געטאָ איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַן אומענדלעך פייער. די שׂרפות זיינען אַריינגעדרונגען אין די קעלערן, אין וועלכע יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און די אַנטלויפנדיקע יידן פון די ברענענדיקע הייזער זיינען געוואָרן שטאַרק באַשאָסן. די אַלע, וועלכע האָבן אויסגעמיטן דעם טויט פון פייער, זיינען געפאַלן פון קוילן. די גאַסן און הייזער זיינען געווען באַזעקט מיט פאַרברענטע און דערשאָסענע פרויען און קינדער. יידן, וועלכע זיינען געלאָפן פון איין לאָך אין צווייטן, זוכנדיק ערגעץ אַ שוץ פון די שרעק־לעכע פלאַמען, האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט דעם ריח פון די אין פייער זיך סמאַליענדיקע מענטשלעכע קערפּער. זיי האָבן געטרעטן אויף די שוואַרץ־פאַרקוילטע לייבער, אָפטמאָל פון זייערע אייגענע קרובים. די פּאַניק און פאַרלוירנקייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג האָט אָנ־גענומען מוראדיקע פאָרמען. דער ים פון בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיט די טייכן פון טרערן, וואָס יידן האָבן פאַרגאָסן. דאָס געוויין איז נישט געווען אַזוי וויי איבער די געפאַלענע, נאָר איבער דעם גורל פון די דער־וויל נאָך לעבעדיקע, וועלכע האָבן שוין מקנא געווען די געפאַלענע, און האָבן מורא געהאַט צו זען דעם טויט אַ מינוט פאַרן אומקום.

נאָך דער נייער ווענדונג אין דער דייטשער אויסראָטונגס־טאַקטיק, האָבן אויך מיר געמוזט ענדערן אונדזערע קאַמפּס־מעטאָדן. צוליב די שרעקלעכע שׂרפות איז שוין אוממעגלעך געווען צו דערהאַלטן פּאָזיציעס אין די הייזער. עס זיינען שוין נישט געווען קיין גאַנצע מויערן, הינטער וועלכע מיר זאָלן זיך קאָנען דעקן און וועלכע זאָלן אונדז באַשיצן פון די דייטשע שיסערייען. אַפילו די הייזער, וועלכע זיינען נאָך נישט געשטאַנען אין פלאַמען, האָבן מיר אויך נישט געקאָנט באַנוצן אַלס קאַמפּס־פּאָזיציעס, ווייל די שכנותדיקע הייזער האָבן געברענט און דורך זייערע בוידעמער האָבן מיר שוין נישט געהאַט קיין וועג אויף צוריקציען זיך. צוליב דעם

האָבן מיר — אָנשטאָט די קאָנצענטרירטע גרויסע אַטאַקעס, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד — אָנגעהויבן דורכ־צופירן אומאויפהערלעכע איינצלנע אָנפאַלן אויף דייטשע פּאַטראָלן און קלענערע אָפּטיילונגען. די דאָזיקע אַטאַקעס האָבן מיר דורכגעפירט הויפּט־זעכלעך ביינאַכט, ווען אין געטאָ האָבן זיך נישט געפונען קיין גרעסערע דייטשע כוחות.

אין די נייע קאַמפּס־באַדינגונגען, האָט דער בונקער אויף מילע 29 געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. הן צוליב דעם, וואָס ער איז געווען גוט פאַרמאַסקירט און ס'איז געווען מער זיכערקייט, אַז דער בונקער זאָל נישט אַנטדעקט ווערן דורך די דייטשן, הן צוליב דעם, וואָס עס איז דאָרט געווען אַ גרעסערע קאָנצענטראַציע פון חברים און מען האָט געקאָנט יעדע נאַכט אַרויסשיקן צו עטלעכע גרופּן אויף קאַמפּס־אַקציעס אין פאַרשידענע טיילן פון געטאָ.

אין דער דאָזיקער תקופה, האָט דאָס לעבן אין אַ געוויסער מאָס זיך סטאַביליזירט. בייטאָג איז מען געשלאָפן און ס'האָט געמוזט אָפּגעהיט ווערן די גרעסטע שטילקייט. ווי ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט דאָס לעבן ערשט אָנגעהויבן צו „פּולסירן". מען האָט זיך אויפגעהויבן פון די געלעגערס, אַ טייל האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן עסן, אַנדערע האָבן געריי‌ניקט דאָס געווער און צוגעגרייט זיך אַרויסצוגיין צום קאַמף.

די נעכט זיינען געווען זייער געשפּאַנטע. ביי יעדן אַרויסגיין פון אַ קאַמפּס־גרופּע, איז די שטימונג געווען זייער אַן ערנסטע. מען איז קיינ־מאָל נישט געווען זיכער, צי מען וועט נאָך די חברים צוריק זען לע־בעדיק. מען האָט זיך געזעגנט נישט מיט ווערטער, נאָר בלויז מיטן בליק. די דאָזיקע בליקן האָבן מער אויסגעדריקט ליבע און זאָרג, ווי די שטאַרקס־טע ווערטער. די פּאָר חברים, וואָס האָבן יעדע נאַכט דיזשורירט אין בונקער, זיינען זייער אָפּט געזעסן אין דער גרעסטער אומרואיקייט, נאָכ־דעם ווי ס'זיינען שוין אַדורך צוויי־דריי שעה און מער און מען האָט נישט געזען צוריק קיין גרופּע אָדער אַן איינצלנעם חבר.

יעדער צוריקקער פון אַ גרופּע, האָט געבראַנגט מיט זיך געמישטע געפילן, געפילן פון פרייד צוליב די חברים, וואָס מען זעט זיי לעבעדיק, און פון טרויער צוליב די, וואָס זיינען געפאַלן.

נאָכן צוריקקומען פון קאַמף, האָט מען זייער אָפּט זיך אַוועקגעזעצט ביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אָנגעשטעלט אים אויף זייער נידעריק, אַבי מען זאָל קאָנען עפּעס הערן פון דער וועלט. מיר האָבן געהערט קריגס־קאָ־

מוניקאַטן און שיינע מחיק, וועלכע האָט אונדז אויף געציילטע מינוטן געמאַכט פאַרגעסן אין אונדזער טראַגישער לאַגע. די אומאויפהערלעכע שרפות און בלוט־פאַרגיסונג, האָבן ביי אונדז געשאַפן אַזאַ אַטמאָספער פון פולשטענדיקן אונטערגאַנג און פאַרניכטונג, אַז בלויז די ראַדיאָ־אוי־דיציעס האָבן אונדז געגעבן צוויסן, אַז ערגעץ עקזיסטירט נאָך אַ וועלט מיט אַ נאָרמאַל לעבן, מיט מחיק און אא״וו. אָבער די מינוטן פון פאַר־געסן זיך זיינען איבערגעריסן געוואָרן, ווען ס'איז צוריקגעקומען אַ קאַמפּס־גרופּע, פון וועלכער עס האָט געפעלט איינער, אָדער אפשר אַ פאָר חברים, אָדער ווען ס'איז דערהאַלטן געוואָרן אַ ידיעה, אַז ערגעץ וואו איז געבליבן שטעקן אַ גרופּע אַרומגערינגלט דורך דייטשן. אָפּטמאָל האָט מען אויך געמוזט — אין מיטן הערן אַן אוידיציע — אויסלעשן דעם ראַדיאָ צוליב אַ מעלדונג פון דער שמירה, אַז דייטשן געפינען זיך באָענט פון בונקער.

דאָס לעבן אין שטענדיקער נאַכט, אָן טאָג־ליכט, האָט אונדז איינ־גאַנצן געמאַכט פאַרגעסן דעם חשבון פון די טעג און דאַטעס. מען האָט נישט געוואוסט ווען עס ווערט טאָג און ווען נאַכט. אונדז האָט „רעגו־לירט" די צייט אַ האָן, וועלכער האָט זיך געפונען אין דעם בונקער. ווען דער האָן איז אַרויפגעקראָכן אויף זיין געלעגער, איז געווען אַ סימן, אַז עס פאַלט צו די נאַכט און מען דאַרף שוין אויפשטיין גרייטן זיך אַרויס־צוגיין צום קאַמף. ווען דער האָן האָט אָנגעהויבן צו קרייען און אַראָפּ־קריכן פון דעם געלעגער, האָבן מיר געוואוסט, אַז עס טאָגט שוין, מען דאַרף וואָס גיכער פאַרשטעלן די אַריינגענג פון בונקער און זיך לייגן שלאָפן. בעתן קרייען פון האָן זיינען מיר געווען טאַקע באַאומרואיקט, אַז ער זאָל מיט זיינע קולות נישט צוויסן געבן די דייטשן וועגן אונדזער בונקער, אָבער מיר האָבן אים טאָלערירט און נאָך מקנא געווען, וואָס ער פאַרשטייט זיך נישט אַזוי אויף די צרות ווי מיר. צוליב זיין חטא, וואָס ער איז איינגעשטאַנען אין ידישע הענט, האָט דער האָן אויך נישט אויס־געמיטן דעם ידישן גורל. ווען דאָס הויז איז אין אַ קורצער צייט שפּעטער אַרומגענומען געוואָרן מיט פלאַמען, איז ער אויך פאַרטשאַדעט געוואָרן אַזוי ווי אַ סך יידן.

ווען די אַרומיקע שרפות האָבן זיך פאַרשטאַרקט, האָט זיך די לאַגע אויף מילע 29 ראַדיקאַל געענדערט צום שלעכטן. אַ סך הונדערטער יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע ברענענדיקע הייזער און פיל פון זיי זיינען געקומען צו אונדז אין בונקער אַריין. ס'האָט זיך געשאַפן די זעלבע לאַגע

ווי אין אַלע אַנדערע בונקערס. ס'האָבן זיך שוין צונויפגעזאַמלט צוויי מאָל מער מענטשן, ווי עס זיינען געווען פּלעצער, און דער צושטראָם האָט נישט אויפגעהערט. די ענגשאַפט איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, כ'האָט געפעלט לופט. דער עיקר האָט זיך דאָס קאַטאַסטראָפאַל אָפּגערופן אויף דער אָפּעראַציע. דער הונגער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו מאַטערן. אָבער יעדער האָט נאָר געבעטן, אַז ס'זאָל זיך כאָטש נישט מאַכן ערגער, אַז די פלאַמען זאָלן אונדז אויך פון דאַנען נישט פאַרטרייבן.

אָבער הגם די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט, האָבן אונדזערע קאַמפּס־גרופּן נאָרמאַל געפירט די אַרבעט. נאַכט ביי נאַכט זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען צו די קאַמפּס־אַקציעס און צוריקגעקומען מיט מער פאַרלוסטן, ווייל דייטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די פינצטערע געגנטן. זיי האָבן אונדז שטענדיק פריער געזען ווי מיר זיי, ווייל מיר זיינען געווען שטאַרק באַלויכטן פון די ברענענדיקע הייזער און פון דערווייטנס האָבן זיי צו אונדז געשאָסן. מיר האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרויסזען, ווען און וואו טשאַטעוועט אויף אונדז דער שונא. די פלאַמען פון די שרפות האָבן אונדז פאַרבלענדט די אויגן און מיר האָבן נישט געזען אין וועלכער ריכטונג מיר דאַרפן שיסן. דער קאַמפּס־גייסט פון אונדזערע חברים איז אָבער נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. יעדער האָט זיך אויך אין די דאָזיקע באַדינגונגען געריסן צו די סאַמע שווערסטע אויפגאַבן, בכדי צו פאַרטרעטן די ערטער פון די געפאַלענע חברים. אין דער שפּעטערער צייט, ווען די שרפות זיינען שוואַכער געוואָרן, האָט זיך אונדזער לאַגע ביי די נאַכט־אָנפאַלן אויף די דייטשע פאַטראָלן, אַביסל פאַרבעסערט. די נאַכט־פינצטערניש האָט שוין אונדז פונקט אַזוי געשיצט ווי די דייטשן. זיי האָבן דעמלט געטראָגן גומענע שטיוול, עס זאָלן זיך נישט הערן זייערע טריט. אויך מיר האָבן פאַרוויקלט די שיך מיט שמאַטעס, כדי אונדזערע טריט זאָלן נישט פאַראַטן. זייער אָפט האָט פּאַסירט, אַז אונדזערע חברים האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין דער נאַכט־פינצטערניש מיט דייטשן און ערשט אין דעם מאָמענט איז קלאָר געוואָרן מיט וועמען מען האָט דאָ צו טאָן. ווער עס האָט אין אַזאַ פאַל דער ערשטער געגעבן פייער, דער איז אַרויס אַ געווינער.

וואָס מער די דייטשע אויסראָטונגס־אַקציע האָט זיך פאַרצויגן, איז די לאַגע פון די ייִדן אין אוודאי פון די קעמפער געוואָרן אַלץ מער אומדערטרעגלעך. אין די קעלערן, אונטער די ברענענדיקע הייזער, איז אוממעגלעך געווען זיך צו דערהאַלטן, צוליב דער שרעקלעכער היץ און

טשאַד. יידן זיינען געלאָפן פון איין באַהעלטעניש אין דעם צווייטן און כסדר זיינען זיי אַרויס פון איין פייער און אַריין אין צווייטן. אַ סך קרבנות זיינען אויך געפאַלן אויפן וועג ביים זוכן אַ מקום־מקלט. די באַהעלטע־נישן, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער די פאַרברענטע הייזער, וואו עס האָט שוין נישט געדראָט קיין שׂרפה, זיינען געווען פאַרפולט איבער די ברעגעס. אין קעלערס, וואו ס'איז גאָר געווען אָרט און אַ מינימום שפּייז, למשל, פאַר 50 מענטשן, האָבן זיך געפונען עטלעכע הונדערט. דאָס לעבן אָן לופט, אָן וואַסער, אָן ברויט און אין שרעקלעכער שמוץ, האָט אַלעמען אַרויסגעפירט פון פּסיכישן גלייכגעוויכט. דער מינימום שפּייז, וואָס איז יאָ געווען, האָט זיך געפונען אין אַ רויען צושטאַנד, מען האָט עס ערשט געדאַרפט קאָכן. ביי טאָג האָט מען בכלל נישט געקאָנט קאָכן, דער רויך פון קוימען זאָל נישט פאַראַטן די באַהעלטענישן. אין די קורצע נעכט איז אָבער נישט מעגלעך געווען אָפּצוקאָכן וויפל עס איז געווען נויטיק. צו דער פיזישער און פּסיכישער אָפּשוואַכונג פון די יידן אין די באַהעלטענישן, האָט נישט ווייניקער געווירקט די שרעק, אַז די באַהעלטענישן זאָלן נישט אַנטדעקט ווערן. דאָס געוויין פון קליינע קינדער, אָדער מסירות, האָבן געפירט די דייטשן אויף די שפּורן פון די קעלערס און טאָג־טעגלעך זיינען פאַרגאַזעוועט געוואָרן אַ טייל באַהעל־טענישן.

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויסגעקומען צו פירן איר טעטיקייט. קאַמפּס־גרופּן, וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען דערפילן זייערע אויפגאַבן, האָבן זייער אָפט — אויב זיי זיינען שוין יאָ צוריקגעקומען לעבעדיק — נישט דערקענט מער דאָס אָרט פון וואַנען זיי זיינען אַרויס. אַנדערע קאַמפּס־גרופּן האָבן נאָכן פאַרלאָזן זייערע ברענענ־דיקע קעלערס, זיך געוואַלגערט איבער חורבות, אַנטרעפנדיק אויף דייטשן און נישט געהאַט קיין זיכער אָרט פון וואַנען צו פירן דעם קאַמף.

די שׂרפות האָבן אַרומגענומען אַלץ מער הייזער און גאַסן פון געטאָ, ביז ס'איז געקומען דער טאָג, ווען אויך מילע 29 איז געפאַלן אַ קרבן פון פייער.

געווען איז דאָס שבת דעם 24טן אַפּריל. אַלע זיינען געלעגן ווי תמיד נאָך אַ גאַנצער נאַכט פון פאַרשידענע געשעענישן און קאַמפן, פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. בלויז די שמירה איז געווען וואַך. אַרום 12 אַזייגער פאַר־ביטאָג האָט מען אונדז אויפגעוועקט און צוויסן געגעבן, אַז אין דרויסן

קומט פאַר עפּעס נישט געוויינלעכס, און ס'איז שווער פעסטצושטעלן, וואָס פאַקטיש איז געשען.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון דעם איבערגעריסענעם שלאָף און געהערט מענטשלעכע טריט. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס זיינען דייטשן, ווייל עס האָט נישט געקאָנט טרעפן, אַז יידן זאָלן זיך בייטאָג באַוועגן אויפן הויף.

פון מינוט צו מינוט האָבן אָבער די קלאַנגען פון דרויסן אָנגענומען אַן אַנדערן כאַראַקטער. די קולות זיינען נישט געווען ענלעך צו קיין דייטשע. מען האָט געהערט געוויינען פון קינדער און פרויען, הילפס־רופן און לויפנדיקע טריט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען מסתמא יידן פון די שכנותדיקע בונקערס, וועלכע פאַרלאָזן זייערע באַהעלטענישן צוליב דער שרפה, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס הויז.

ווען מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז אַ קריטישע, איז איין חבר אַרויסגעגאַנגען פון בונקער, בכדי גענויער פעסטצושטעלן דעם מצב אין דרויסן און די מעגלעכקייטן זיך צו עוואַקואירן.

די ידיעות, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן פון דרויסן האָבן דערציילט, אַז דאָס הויז שטייט אין פלאַמען, די באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזן די בונקערס און אַלע לויפן אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, נישט געפינענדיק זיך קיין אָרט.

מיר האָבן אויף דער גיך זיך באַראַטן וועגן דער געשאַפענער סיטואַציע. עס איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז אויב מיר וועלן אַרויסגיין אין מיטן העלן טאָג אויף דער גאַס, וועלן מיר מוזן אויפנעמען אַ גאַסן־שלאַכט מיטן שונא. ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, זיינען מיר איבערגעגאַנגען צו פאַרטיזאַנען־קאַמפן, אָנפאַלנדיק אין די נעכט אויף איינצלנע דייטשע פאַטראָלן, צוליב דער אָביעקטיווער אוממעגלעכקייט אויפצונעמען אָפענע גאַסן־קאַמפן בייטאָג. אין דעם איצטיקן מאָמענט זיינען מיר אָבער געבליבן שטיין פאַר דעם אויסוואַל — אומקומען אין דער שרפה, אָדער אַרויס אין אַן אָפענעם קאַמף. וועלכן מיר האָבן געוואָלט ווי ווייט מעגלעך אויסמיידן. מיר האָבן נאַטירלעך אָן שום ויכוח אויסגעקליבן דאָס צווייטע. אָבער אַזוי ווי עס האָבן דערווייל געברענט די אויבערשטע שטאָקן פון הויז, האָבן מיר באַשלאָסן צו בלייבן אין בונקער אַזוי לאַנג, ביז דאָס פייער וועט אַראָפּנידערן צום קעלער און צווינגען אונדז צו פאַרלאָזן דעם בונקער. אין דעם אָפּוואַרטן ביז מיר וועלן פאַרלאָזן דעם בונקער האָט געשטעקט אַ האָפנונג, אַז ביז די פיר־שטאָקיקע געבײדע וועט

אפּברענען ביזן קעלער, וועט שוין אפשר צופאַלן די נאַכט און דאָס וועט אונדז געבן אַ מעגלעכקייט מיט ווייניקער סכנות אַרויסצוגיין אין גאַס.

מיר זיינען געזעסן אונטער דעם ברענענדיקן הויז אין גרויסער שפּאַנונג. יעדע האַלבע שעה איז אַ חבר אַרויסגעגאַנגען אויספאָרשן די לאַגע. יעדעס מאָל, ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער איבערגעגעבן, אַז די פלאַמען דערנענטערן זיך אַלץ מער און מער. אַרום דריי אַזייגער בייטאָג האָט מען געהערט, אַז דאָס פייער האָט זיך שוין איבערגעטראָגן פון דריטן שטאָק אויפן צווייטן. מען האָט געהאַלטן אין איין אויסרעכענען, אין וועלכער שעה וועלן אונדז די פלאַמען פאַרטרייבן פון בונקער און צי מיר וועלן כאָטש דערציען ביז נאַכט. ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו ברענען די פאָדלאָגע פון פּאַרטער האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אַרום דעם אַרויסגאַנג, בכדי אין געהעריקן מאָמענט זיין גרייט אַרויסצוגיין. היות ס'איז נאָך געווען גענוג פרי — בערך 5 אַזייגער נאָכמיטאָג — האָבן מיר שוין אָנגעהויבן משלים זיין מיטן פאַקט, אַז מיר וועלן זיך נישט קאָנען דערוואַרטן ביזן צופאַלן פון דער נאַכט און ס'וועט אונדז נישט אויסמיידן אַן אויפגעצוואונגענער גאַסן־קאַמף.

צו וואַרטן אויף דער מינוט ביז מען וועט מוזן אַרויסגיין פון בונקער, איז געוואָרן אַלץ שווערער. די ווענט האָבן זיך שטאַרק צעגליט און עס האָט געשלאָגן פון זיי אַזאַ שרעקלעכע היץ, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן. מיר האָבן זיך געפונען ממש ווי אין אַ ברענענדיקן אויוון. דער געדאַנק, אַז אין דרויסן איז נאָך ליכטיקער און זוניקער טאָג, האָט אונדז שוין אויך נישט אָפּגעשראָקן, אַבי זיך באַפרייען פון ברענענדיקן גיהנום.

נאָך דער ווייטערדיקער ידיעה, אַז עס ברענט נאָך דער פאַרטער און דאָס פייער איז נישט נאָענט פון קעלער, האָבן מיר נאָך אַלץ געמיינט, אַז ווייניקסטנס אַ שעה צייט קאָן מען נאָך פאַרבלייבן אין בונקער. פּלוצים האָבן אָבער גענומען אַריינשלאָגן אין קעלער אַריין געדיכטע רויך־וואָלקנס, געמישט מיט פייער־צונגען. עס האָט אַלעמען געשטיקט אין האַלדז און פאַרבלענדט די אויגן. איינער האָט ממש נישט געזען דעם צווייטן. די יידן, וואָס האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט אונדז, זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסער פאַרצווייפלונג. די געוויינען פון די קינדער און פרויען און די געשרייען פון מענער, האָבן ממש פאַרטויבט. אַלע האָבן זיך אין דער גרעסטער פינצטערניש און צווישן דעם געדיכטן רויך

געוואָרפן אין דער ריכטונג צום אַרויסגאַנג. אין דעם שמאָלן ווינקל, וועלכער האָט געפירט צום אַרויסגאַנג, האָט זיך צוזאַמענגעקוועטשט די גאַנצע מאַסע. אויב איינער האָט שוין יאָ דערגרייכט צו דער עפענונג פון בונקער, האָט ער נישט געוואָלט אַרויסגיין אָן זיין קינד, פרוי, אָדער קרוב. וועלנדיק אויפזוכן זיינע נאָענטע, האָט ער דערמיט געשטערט אַנדערע אַרויסצוגיין. דאָס שמאָלע לאָך, דורך וועלכן מען האָט זיך געדאַרפט אַרויסשלייכן, איז פון אינעווייניק געווען פאַרפאַקט מיט צענדליקער מענטשן. איינער איז געלעגן אויפן אַנדערן. אָבער נאָך ערגער איז געוואָרן, ווען פון דרויסן איז דאָס לאָך פאַרשיט געוואָרן פון דעם איינפאַלנדיקן הויז. עס האָבן זיך אומאויפהערלעך געשיט פון דער הויך ברענענדיקע בעלקעס, גליענדיקע ציגל, שויבן און מעבל, וואָס האָבן פולשטענדיק אומעגלעך געמאַכט אַרויסצוגיין. יעדער איינער האָט זיך אַליין באַשולדיקט פאַרוואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט מיטן פאַרלאָזן דעם בונקער, ביז דאָס פייער האָט אונדז אַרומגענומען. אָבער קיין עצה איז שוין נישט געווען.

אין יענע טראַגישסטע מינוטן האָבן די חברים פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעוויזן אַ מאַקסימום פון אינערלעכן גלייכגעוויכט און פון גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר האָבן זיך נישט געריסן וואָס גיכער אַרויסצוגיין, נאָר אין דער גרעסטער רויך־שטיקעניש און פינצטערניש, האָבן מיר זיך גענומען מאַכן אָרדנונג, כדי פריער אַרויסצוראַטעווען די ציוויל־באַפעלקערונג. דורך דער גרעסטער ענגשאַפט האָט מען אַרויסגעשטופּט אַ פּאָר חברים, וועלכע זאָלן פון דרויסן עפענען אַ וועג אויף אַרויסצוקריכן זיך פון קעלער. זיי האָבן אויפגעגראָבן דאָס פאַרשאָטענע לאָך און דערביי אָפּגעבריט זיך און פאַרוואונדעט געוואָרן פון די פאַלנדיקע האָלאָוועשקעס, אָבער זייערע אויפגאַבן האָבן זיי אויסגעפירט.

פון אינעווייניק האָבן מיר אייַנציקווייז, אָבער אין דער גרעסטער שנעלקייט אויפגעפּלאָנטערט די ליגנדיקע מענטשן־מאַסע. צוליב דעם, וואָס איינער האָט נישט געזען דעם צווייטן, האָבן מיר מיט די הענט געשלאָסן אַ קייט און יעדן איינציקן מענטש האָט מען פון דער קעלער־טיפעניש איבערגעגעבן פון איין האַנט אין דער צווייטער, ביז דער לעצטער חבר, וועלכער איז געשטאַנען ביים אַרויסגאַנגס־לאָך, האָט יעדן באַזונדער אַרויסגעשטופּט. צום סוף זיינען ערשט אַרויסגעגאַנגען די חברים פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע.

אין דרויסן האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, אַז דער גרעסטער טייל פון דער ציוויל־באַפעלקערונג און אויך פון די קעמפער זיינען געווען פאַרטשאַדעט פון רויך, אָפּגעבריטע, פאַרוואונדעטע און פאַרחלשטע. אָבער שטייענדיק אונטערן פרייען הימל, זיינען מיר אַרונטערגעפאַלן דער סכנה פון אַן אָנפאַל מצד די דייטשן און מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט די קראַנקע ווי געהעריק. מיר האָבן אויך נישט געהאַט די נויטיקע הייל־מיטלען און אַפילו נישט קיין וואַסער פאַר די פאַרחלשטע. צוליב דער לויערנדיקער סכנה, האָבן די קראַנקע מיטן כוח פון אינערציע גענומען זיך באַוועגן און מאָמענטאַל נישט אָפּגעפילט די ווייטאָגן פון זייערע וואונדן.

אויפן הויף האָבן מיר געטראָפן וואַלגערן זיך אין די פאַרשיידענע לעכער און חורבות אַ גרעסערע צאָל יידן פון אַנדערע בונקערס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין זיכער אָרט, נאָכן פאַרלאָזן זייערע ברענענדיקע קעלערס. צוזאַמען מיט זיי זיינען מיר געווען דאָרט צונויפגעזאַמלט אַ מחנה פון אַ פּאָר הונדערט יידן. נישט האָבנדיק וואו צו גיין, האָבן אַלע כסדר געקוקט צום הימל מיט אַ געבעט, אַז עס זאָל שוין ווערן נאַכט. די צייט האָט זיך אָבער געצויגן זייער לאַנג. עס איז ערשט געווען אַרום 7 אַזייגער פאַרנאַכט און מען האָט נאָך צוויי שעה צייט געדאַרפט וואַרטן ביז עס וועט ווערן טונקל. איינזעענדיק, אַז לענגער קען מען שוין נישט וואַרטן אונטערן פרייען הימל, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוציען זיך פון דער חורבה אין אַ ריכטונג, וואו עס געפינען זיך נאָך גאַנצע הייזער.

מיר האָבן צונויפגעזאַמלט אַלע מענטשן אויף איין אָרט און אויסגעשטעלט אין אַ רייע צו דריי מאַן, אַז מיר זאָלן זיך נישט פאַרלירן. דאָס איז זייער לייכט אָנגעקומען ביי די חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען געווען גענוג דיסציפּלינירט און די אָרגאַניזאַציע האָט ווי געהעריק געקלאַפּט. ערגער איז אָבער געווען מיט דער גרויסער מחנה ציוויל־באַפעלקערונג, וועלכע ס'איז נישט לייכט געווען צו קאָנצענטרירן אויף איין אָרט. דער רוב פון זיי איז געווען צעמישט און דעזאָרגאַניזירט. איינער האָט זיך נישט געקאָנט שיידן מיט דעם ביסל פאַרמעגן, וואָס גייט אַוועק מיטן רויך און געטראַכט אַרויסצוכאַפּן פון די פלאַמען, וואָס עס לאָזט זיך איידער מען פאַרלאָזט דאָס ברענענדיקע הויז. אַ צווייטן האָט געפעלט אַ משפּחה־מיטגליד, וועלכן ער איז אַרומגעלאָפן זוכן און נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס אָרט, ביז דער קרוב וועט זיך אָפּגעפונען. שווער איז אויך געווען דאָס באַוועגן זיך פון די פאַרוואונדעטע און פון די, וואָס האָבן

אויף די פּלייצעס געטראָגן זייער האָב און גוטס. ס'איז נישט מעגלעך גע־וועזן מיט זיי צו קומען צו קיין טאָלק און דאָס האָט באַשווערט דורכ־צופירן דעם ריקצוג־פּלאַן פון די קאַמפּס־גרופּן.

די קאָמענדאַנטן פון די קאַמפּס־גרופּן זיינען אַרומגעלאָפן אין אַלע ווינקלען און לעכער און געשלעפּט די ציוויל־באַפעלקערונג ביי די הענט, צוגעאיילט זיי וואָס גיכער זיך אַנצושליסן אין די רייען פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און געוואָרנט, אַז די, וועלכע ס'וועלן זיך נישט צואיילן, וועט מען איבערלאָזן אין דער חורבה.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו רירן פון אָרט און מאָמענטאַל האָט אונדז פאַרהאַלטן אַ יונג, דינטשיק קינדעריש קול, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דערווייטנס. מיר האָבן געוועגדעט אונדזערע בליקן אין אַלע זייטן און געוואָלט דערגיין פון וואַנען עס נעמט זיך דאָס קינדערישע געוויין און הילפס־רופן, וועלכע האָבן פאַרהילכט דעם גאַנצן שטילן אַרום. פון אַ דורכגאַנגס־לאָך, וואָס פירט צום שכנותדיקן הויף אויף זאַמענהאָף־גאַס, איז אַרויסגעקומען אַ מיידעלע פון אַ יאָר 10—11 און געבעטן מיר זאָלן גיין ראַטעווען איר מאַמע, וואָס איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון פלאַמען ביים אַרויסלויפן פון בונקער. מיט וויינענדיקע קולות האָט זי דערציילט, אַז די האָר און די מלבושים ברענען אויף איר, זי צאַפּלט אין פייער און ס'איז דאָרט נישטאָ ווער ס'זאָל איר העלפן, ווייל אַלע אַנדערע זיי־נען דערשטיקט געוואָרן אין קעלער. אויך דאָס מיידעלע איז געווען שטאַרק אָפּגעבריט און פון די גרעסטע ווייטיקן האָט זי דערציילט, אַז דער פאָטער איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק אומגעקומען און זי האָט נישט מער ווי בלויז די מאַמע.

עס האָבן זיך גלייך דורכגעשטופּט דורכן דורכגאַנגס־לאָך עטלעכע חברים צו הילף דער ברענענדיקער פרוי. די הילף איז אָבער געקומען צו שפּעט. במשך פון די פּאָר מינוט צייט, וואָס דאָס מיידעלע האָט אונדז אַלאַרמירט, איז די פרוי געוואָרן פאַרשיט פון דעם איינפאַלנדיקן הויז און ס'איז נישט מעגלעך געווען צו איר צוצוקומען. די שווערע בעלקעס און ציגל, וואָס האָבן זי צוגעדעקט, האָבן די פרוי באַפרייט פון לאַנגע יסורים.

דאָס מיידעלע האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז איר מאַמע איז טויט. זי האָט געשריגן און געוויינט מיט די לעצטע כוחות און נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דעם אָרט. מיט געוואַלט האָט מען דאָס קינד גע־ברענגט צו טראָגן צו אונדז אין דער ריי און מיר האָבן זיך געלאָזט אין

וועג אַריין. אויך אויפן וועג האָט דאָס מיידעלע זיך געריסן צוריק און נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זי לאָזט איבער די מאַמע אין אַן איינגעפאַלענער חורבה. מען האָט זי געהאַלטן ביי די הענט און געשלעפּט פאָרויס, אָבער זי האָט כסדר געהאַלטן אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק, פון וואַנען זי האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן אירע בליקן. מיט יעדן טריט, וואָס זי האָט זיך דערווייטערט, אַלץ שטאַרקער האָט זיך געהערט איר געוויין.

דאָס צוריקציִען זיך פון מילע 29 איז פאָרגעקומען אין אַ מוסטער־האַפטער אָרדנונג אונטער דער אָנפירונג פון לוטעק ראָטבלאַט און פּאַוועל. איןביידע עקן פון צוג, פון פאָרנט און פון הינטן, זיינען געגאַנגען חברים מיט ביקסן. אין דער מיט זיינען געגאַנגען די היימלאָזע ייִדן, פון מילע 29 און פון די שכנותדיקע בונקערס. ביי דער זייט זיינען געגאַנגען חברים, באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן און גראַנאַטן. די מחנה פון עטלעכע הונדערט מאַן איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע לענג פון מילע 29 ביז מילע 9 — דאָס איז אַ שטח, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער קאָנצענטראַציע־פּונקט פון די דייטשן, באַר צופעליק האָט זיך דעמלט נישט געפונען קיין איין דייטש. מיר האָבן בשלום דורכגעמאַכט דעם וועג, איבערגעלאָזן ווייט הינטער זיך די חורבה און אָנגעקומען אויף מילע 9.

# דער ערשטער גאַנג אין קאַנאַל

אין די דריי גרויסע הייף פון מילע 9 האָט זיך אָנגעזאַמלט די גאַנצע פּיין, וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט די דייטשע אויסראָטונגס־אַקציע פאַרן וואַרשעווער געטאָ. פון אַלע זייטן האָבן דאָרט אַהין געשטראָמט מחנות יידן מיט פּעקלעך פון זייער האָב און גוטס אויף די פּלייצעס. זיי האָבן געמיינט דאָ צו געפינען אַ מקום מקלט, נאָכן אַנטלויפן פון זייערע ברענענדיקע הייזער. די גאַנצע אַרומיקע געגנט איז אין יענעם טאָג פון 24טן אַפּריל געוואָרן אונטערגעצונדן פון די דייטשן און אַלע ברענענדיקע הייזער זיינען געווען בלאָקירט פון אַלע זייטן מיט גרויסע מחנות פון דייטשער זשאַנדאַרמעריע, ס״ס און אוקראַינער, וועלכע האָבן באַשאָסן מיט שווערע מאַשין־ביקסן די אַלע, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן פון די הייזער אַרויס, דורך די געדיכטע פלאַמען און רויך־וואָלקנס. פון דעם קאָנצענטרירטן אַטאַק אויף די יידן, וואָס זיינען געלאָפן פון פייער, זיינען אין יענעם טאָג געפאַלן מאַסן קרבנות. די אַלע, וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטרינען פון די שרפות און קוילן האָבן זיך דורכגעריסן דורך פאַרשיידענע דורכגאַנגס־לעכער צו דעם איינציקן — דערווייל נאָך רואיקן — אינדזל אין דעם אַרומיקן ים פון פייער און בלוט, צו די הויפן פון מילע 9.

די צאָל פון די צוזאַמענגעלאָפענע פליטים האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און איז דערגאַנגען צו עטלעכע טויזנט מאַן. אין אַלע בונקערס, שטובן און הייף פון מילע 9 איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז עס איז נישט געווען וואו אַ פוס אַוועקצושטעלן. דער אומאויפהערלעכער צושטראָם פון מענטשן האָט ממש פאַרפּראָפּט די דורכגאַנגס־לעכער, דורך וועלכע עס האָבן זיך געוואָלט דורכשטופּן הונדערטער מיטאַמאָל און בלויז צו איינצלנע מענטשן האָבן דורך זייער ברייט געקאָנט דורכגיין. אין דער זעלבער צייט, ווען די אַלע הונדערטער מענטשן האָבן זיך געריסן אַהער, האָבן אַנדערע זיך געריסן אויף צוריק, מיינענדיק, אַז דאָרט אין יענער ריכטונג איז די לאַגע אַ בעסערע.

אַזוי האָבן זיך ביי די שמאָלע דורכגענג צוזאַמענגעשטויסן 2 שטראָ־
מען פון מענטשן, געטריבענע פון אַ ווילדער סטיכיע און אַלע האָבן זיך
פאַרוואַנדלט אין אַ ליגנדיקער מאַסע פון צונויפגעפלאָכטענע פיס, הענט און
קעפּ. עס האָט זיך געהערט אַ שרעקלעך געוויין פון קינדער, געשרייען פון
פרויען און קרעכצן פון שוואַכע און קראַנקע. די שיסערייען און באָמבן־
אויפרייסן האָבן נאָך מער פאַרטיפט די אימה און פאַרלוירנקייט. אייגער
האָט געטרעטן אויפן צווייטן און קיינער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויס־
קריגן פון דעם געפערלעכן פלאָנטער.

אין דעם גרויסן מענטשן־מוראַשניק האָט זיך אויך צוזאַמענגעטראָפ
אַ גרויסער טייל פון אונדזערע קאַמפּס־גרופּן, וועלכע זיינען געקומען פון
פאַרשידענע ריכטונגען צוזאַמען מיט דעם גאַנצן מענטשן־שטראָם. אויך מיר
האָבן נישט געהאַט קיין מקום מקלט און קיין דאַך איבערן קאָפּ, זייענדיק
איבערהאַלב דער געדיכט־קאָנצענטרירטער מאַסע. מיר האָבן זיך צעטיילט
אויף אַ פּאָר גרופּן און צעשטעלט זיך ביי פאַרשידענע דורכגענג, פון וועל־
כע עס קאָנען אָנקומען דייטשן. די גרופּע, וואָס האָט געוואַכט ביים דורכ־
גאַנג צו קוזשע 4, האָט פּלוצים אַלאַרמירט, אַז דייטשן דערנענטערן זיך
מיר האָבן דאָרט גלייך איבערגעוואָרפן אַ גרעסערע צאָל חברים. עס אי
פאָרגעקומען אַ קורצער קאַמף, אין וועלכן עס זיינען דערהרגעט געוואָרן עט־
לעכע דייטשן. די דייטשן האָבן דאַן אונטערגעצונדן די קוזשע־גאַס און די
שרפה האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף מילע 9. די פּאַניק צווישן די טויזנ־
טער מענטשן איז דערגאַנגען צום קולמינאַציע־פּונקט. אין דער גרעסטער
בהלה זיינען אַלע געלאָפן אין די שכנותדיקע הייזער, אָבער אומעטום האָב
זיי געטראָפן דעם זעלבן צושטאַנד.

די חברים פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָבן גענומען מאַכן אָרד־
נונג ביי די דורכגאַנגס־לעכער און איינגעשטעלט אַ סדר פאַר דעם קעגנ־
זייטיקן פאַרקער. דערמיט האָבן מיר פיל פאַרלייכטערט דער באַפעלקערונג
אין דעם מאַטערנדיקן לויפן הין און צוריק און מיר האָבן — אויף וויפ־
דאָס איז געווען מעגלעך — נישט דערלאָזט צו דער געפערלעכער בהלה.

אַ גאַנצע נאַכט אונטערן פרייען הימל, נישט האָבנדיק קיין ווינקל
וואו זיך אָפּצורוען, האָבן מיר, אַ גרופּע חברים פון אַלע קאַמפס־גרופּן
זיך פאַרזאַמלט אויף אַ באַראַטונג. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז צוליב
סיסטעמאַטישן אונטערצינדן הייזער אין גאַסן, וועט מען לאַנג נישט קאָנע
אייסהאַלטן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַ גרופּע
פון 4 חברים מיט „אַרישע” אייסזעענס, זאָל זיך דורכרייסן צו דער „אַרי־

שער זייט" און פון דאָרט ברענגען הילף, כדי אַרויסצוציען פון געטאָ די געבליבענע קעמפער, נאָכדעם, ווי עס וועט שוין נישט זיין קיין מעגלעכקייט פון קאַמף. אויך איך בין געוואָרן באַשטימט אַלס איינער פון דער גרופע און ס'איז דעריבער געשטערט געוואָרן מיין פּלאַן צוריקצוקערן זיך אין דער גרופּע פון זכריה ארטשטיין.

אויף צומאָרגנס פאַרטאָג, זונטיק דעם 25טן אַפּריל, בין איך אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט האַלינאַ, ירמיהו („השומר הצעיר") און דאָרקע גאָלדקאָרן (פפ"ר) אין אַן אונטערערדישן קאַנאַל, וועלכער האָט געפירט צו דער „אַרישער זייט". דאָס, וואָס מיר האָבן געטראָפן אין ערשטן מאָמענט ביים אַראָפּלאָזן זיך אין קאַנאַל, איז מיר אויף אייביק פאַרבליבן פאַר די אויגן. צענדליקער פּליטים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די פינצטערע, ענגע קאַנאַלן, אין וועלכע עס פליסט דאָס ברודיקע וואַסער פון די שטאָטישע קלאָזעטן און די אומריינקייטן פון די שטובּיקע אָפּגוסן. אין דער גרעסטער ענגשאַפט פון די שמאָלע און נידעריקע קאַנאַלן, דורך וועמענס ברייט עס קען בלויז איין מענטש געבויגענערהייט זיך דורכשלייכן, זיינען צענדליקער געלעגן צונויפגעפּרעסט איינער אויפן אַנדערן אין בלאָטע און אין נעץ. קינדער און שוואַכע זיינען געלעגן אין חלשות און קיינער האָט אויף זיי נישט געקאָנט לייגן קיין אַכט. אָפּגעשטאָרבענע זיינען אַוועקגעשווענקט געוואָרן פון די וואַסער־שטראָמען און געמאַכט אַן אָרט פאַר די, וועלכע זיינען נאָך ביי די כוחות. פאַרוואונדעטע און אָפּגעבריטע האָבן געבלוטיקט ליגנדיק אין זומפּ און אַנדערע האָבן אויף זיי געמוזט טרעטן.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין קאַנאַל, האָט זיך די לאַגע נאָך מער פאַרערגערט. די ענגשאַפט איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז דאָס פליסיקע קויטיקע וואַסער האָט זיך ביי אונדז פאַרהאַלטן ווי ביי אַ דאַמבע. צוליב דעם איז דער ניוואָ פון וואַסער געשטיגן און האָט אַרומגענומען אין אַ טייל ערטער כמעט די גאַנצע ברייט פון קאַנאַל, לאָזנדיק אונטער זיך די ליגנדיקע מענטשן־מאַסע, וואָס האָט גורם געווען, אַז די קינדער זיינען דערטרונקען געוואָרן. יעדע האָפנונג, אַז דאָס וואַסער זאָל פלאַכער ווערן און די ענגשאַפט לויזער, איז געווען פאַרבונדן מיטן אומקום פון אַן אַנדערן. אַלע האָבן אָבער געוואָלט לעבן. אין די ערגסטע מינוטן האָט נישט אָפּגעטרעטן דער זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט, וועלכער האָט געפאָדערט לעבן און אויסהאַלטן. ווי טיף עס האָט אויפגעטרייסלט יעדן איינציקן דאָס אומקומען פון עמעצן און דאָס מיטגעשלעפּט ווערן פון זיין קערפּער דורך

די שמוציקע קאַנאַל־וואַסערן, האָבן אַנדערע פֿאַרט מאָמענטאַל פֿרייער אָפּ־געאָטעמט דורכן באַקומען מער רוים אויף צו קאָנען זיך רירן פֿון אָרט.

ווען אונדזער גרופּע פֿון 4 חברים וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קאַנאַ־לישט מיט אַ באַשטימטער מיסיע, מיט אַ שליחות פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַ־ניזאַציע דורכצוקריגן זיך אויף דער „אַרישער זייט" וואָלטן מיר נישט גע־האַט דעם אינערלעכן כוח און דאָס געוויסן אויף אַזוי פֿיל צו פֿאַרערגערן די לאַגע פֿון די יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געמאַטערט. מיר האָבן דאָס געמאַכט נאָר מיטן כוח פֿון באַוואוסטזיין פֿון אונדזער אויפֿגאַבע. מיר זיינען גע־בליבן ממש פֿיזיש אינגאַנצן דערשעפּט ביים דורכשטופּן זיך דורך דעם קנויל מענטשלעכע קערפּערס. מיר זיינען געגאַנגען איינער הינטערן צווייטן אָפּגערוקט מיט אַ דיסטאַנס, כדי זיך צו קאָנען באַוועגן.

נאָכדעם ווי מיר האָבן דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג, וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה, האָבן מיר געפּרוּווט אַרויסגיין אויף דער „אַרי־שער זייט". ווען מיר האָבן מיט שווערע מאַטערנישן באַוויזן אַביסל אָוועק־רוקן די שווערע אייזערנע דעק פֿון קאַנאַל, בכדי צו קאָנען אַרויסגיין, האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער לעצטער מינוט, אַז מיר זיינען נאָך אין געטאָ און מען מוז אויפּסניי זיך לאָזן אין וועג. שפּעטער האָט זיך נאָכ־אַמאָל איבערגעחזרט די מאַטערניש ביים עפֿענען די דעק. דאָס האָט מען געמוזט טאָן מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיקייט, אַז קיין שום אָפּקלאַנג פֿון דער דאָזיקער שווערער אַרבעט זאָל נישט דערגיין צום אויער פֿון די פֿון אויבן פֿאַרבייגייענדיקע מענטשן און מיר זאָלן זיך נישט פֿאַראַטן נאָך פֿאַרן אַרויסגיין. אויך ביים צווייטן אַרויסגאַנג האָבן מיר געמוזט רעזיגנירן אַרויסצוקריגן זיך אויף דער אויבערפֿלאַך און דאָס נישט בלויז מחמת דעם, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט פֿעסטשטעלן, צי דאָס איז נאָך דאָס געטאָ אָדער די „אַרישע זייט", נאָר אויך צוליב דעם, וואָס עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען קולות פֿון דייטשן און מיר האָבן גיך גענומען גיין ווייטער.

ביי דער דריטער קאַנאַל־עפֿענונג האָבן מיר ערשט דעצידירט אַרויס־צוגיין אויף דער אויבערפֿלאַך, וויל מיר האָבן שוין מער נישט געקאָנט איבערטראָגן דאָס שעהן־לאַנגע וואַלגערן זיך אין אַן איינגעבויגענעם צו־שטאַנד, אין דער שרעקלעכער שטינקענדיקער לופֿט, אין נעץ און פֿינצ־טערניש. מיר האָבן ווידער גענומען אָוועקרוקן די אייזערנע דעק פֿון דער קאַנאַל־עפֿענונג און גענומען אַרויסצוגיין.

צום אומגליק זיינען מיר אַרויס אויף דער אויבערפֿלאַך, טאַקע אויף

דער „אַרישער זייט", אָבער אויף דער גרענעץ פון געטאָ, נעבן דער געטאָ־יואַך, ווו ס'האָבן זיך געפונען דייטשע און פוילישע פּאָליציי, וועלכע האָט אונדז מאָמענטאַל באַמערקט. ווען מיר האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט צו דער עפענונג איינער אונטערן צווייטן. פּלוצלונג איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן די „גראַנאַט־פּאָליציי"*), וועלכע האָט געטראָפן אַנטלויפן האַ־לינען און דאַרקען. זיי זיינען געכאַפּט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און איי־בערגעגעבן געוואָרן די דייטשן. ירמיהו'ן האָבן זיי געכאַפּט ביים אַרויס־שטעלן דעם ערשטן פוס פון קאַנאַל. ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן און איז דערשאָסן געוואָרן. מיך האָט די פּאָליציי געטראָפן בלויז מיטן קאָפּ אין דרויסן, אונטער ירמיהוס פיס. אין דער צייט, ווען איין פּאָליציאַנט האָט נאָכגעשאָסן ירמיהו'ן, האָט דער צווייטער פון זייער נאָענט מאָמענטאַל גע־שאָסן צו מיר. די קויל איז געפאַלן אין אַ שמאָלער שפּאַרונע פון אַ פּאָר צענטימעטער די ברייט, וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פון דער קאַנאַל־עפענונג. איך האָב בלויז אָפּגעפילט אויפן פּנים די היץ פון דער גליענדיקער קויל, וועלכע איז אַראָפּ אין דער טיפעניש פון קאַנאַל און אַריין אין האַלדז פון אַ ייד פון דער מאַסע, וועלכן מיר האָבן געטראָפן ביים אַרויסגאַנג אין קאַ־נאַל. ער האָט זיך ביי אונדז געבעטן: מיר זאָלן אים דערלויבן מיט אונדז מיטצוגיין און צו ראַטעווען זיך אויף דער „אַרישער זייט". מיר האָבן אים דאָס דערלויבט און בעת אונדזער אַרויסגיין איז ער נישט תיכף געגאַנגען הינטער אונדז, נאָר אָפּגעוואַרט, אַז אויב ס'וועט אונדז צושפּילן דאָס מזל, וועט ער אויך אַרויסגיין.

ווען איך האָב דערפילט די פאַרביילויפנדיקע קויל נעבן מיין באַק, האָב איך זיך אינסטינקטיוו אַראָפּגעלאָזן אויף צוריק אין קאַנאַל אַריין, איי־דער דער פּאָליציאַנט האָט צום צווייטן מאָל אויסגעשאָסן. איך בין אַרויפ־געפאַלן אויף דעם פאַרוואונדעטן ייד און ביידע זייַען מיר געבליבן ליגן אין דער טיף פון וואַסער אין אַזאַ צושטאַנד, ווען געציילטע מינוטן האָבן געקאָנט דעצידירן, מיר זאָלן דערטרונקען ווערן. נישט פאַרלירנדיק דעם באַוואוסטזיין, האָב איך זיך געריכט, אַז אַ ליאַדע סעקונדע קאָנען די דייטשן אַריינוואַרפן גראַנאַטן אין קאַנאַל אַריין, אַזוי ווי עס האָט אָפט פּאַסירט. מיט אַן איבערמענטשלעכן כוח האָב איך זיך געשטעלט אויף די פיס. עס איז מיר געלונגען זיך אויפצושטעלן און גלייך האָב איך אויפ־

---

*) גראַנאַט־פּאָליציי — פוילישע פּאָליציי פאַר דער מלחמה און אין דער אָקופּאַציע־צייט, וואָס האָט געטראָגן גראַנאַט־אוניפאָרמען.

געהויבן פון וואַסער דעם פּאַרוואונדעטן ייד, וועלכער איז געווען אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד און אים אַריינגעשלעפּט אין דעם שמאָלן קאַנאַל־וועג, וואָס האָט געפירט צוריק אין געטאָ אַריין.

ווי נאָר מיר האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אויף צוריק, האָבן די דייטשן באַוואָרפן דעם קאַנאַל מיט גראַנאַטן. די שפּליטערס האָבן שוין צו אונדז נישט דערגרייכט, ווייל מיר האָבן זיך דערווייטערט פון דער עפענונג. ווען מיר וואָלטן זיך פאַרשפּעטיקט בלויז מיט איין מינוט אַריינצוגיין פון דער קאַנאַל־עפענונג אין דעם שמאָלן קאַנאַל־וועג, וואָלטן מיר אומגעקומען. מיר האָבן זיך אויך געריכט, אַז די דייטשן וועלן אַראָפּנידערן אינעם קאַנאַל אַריין, בכדי אונדז פון אונטן צו באַשיסן, דעריבער האָבן מיר געגומען לויפן. איך ווייס נישט ביז היינט פון וואַנען עס האָבן זיך צו מיר דעמלט גענומען אַזעלכע איבערמענטשלעכע כוחות צו לויפן אין אַ קאַנאַל, אין וועלכן עס איז כמעט אוממעגלעך צו גיין פּאַמעלעך, שלעפּנדיק נאָך מיט זיך אַ פאַרוואונדעטן, וועמענס טריפנדיק בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיט דער עיפּושדיקער בלאָטע.

נאָך ווייטערדיקע לאַנגע שעהן פון צוריק וואַנדערן, בין איך אָנגעקומען אין געטאָ אַריין. איך האָב שוין נישט געטראָפן קיין איינעם פון די אַלע יידן, וואָס זיינען געלעגן אין קאַנאַל, בעת מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ. איך האָב בלויז אָנגעטראָפן אויף שטיקער צעווייקטע אין פאַרפוילטע מלבושים, שיך און אַ פּאָר ברילן. די יידן זיינען מסתמא געוואָרן אַנטדעקט פון די דייטשן און אַרויסגענומען פון קאַנאַל, אָדער זיי זיינען אומגעקומען און פאַרשוואונדן מיט די וואַסערן.

אויפן באַשטימטן אָרט נאָענט צום אַרויסגיין פון קאַנאַל, האָט געוואָרט אַ פאַרבינדונגס־מאַן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, בכדי אַרויפצונעמען און קאָנטאַקטירן די דערוואַרטעטע גרופּע פון דער „אַרישער זייט". צו זיין גרויסער איבערראַשונג, האָט ער פון די חברים געטראָפן נישט מער ווי מיך אַליין. ער האָט דער ערשטער דורכגעלעבט די זעלביקע אַנטוישונג, וואָס שפּעטער אַלע אַנדערע חברים, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַנשטאָט צו ברענגען פון דער „אַרישער זייט" אַ פּלאַן פון הילף און רעטונג, האָב איך באַריכטעט, ווי אַזוי מיינע דריי חברים זיינען אומגעקומען און דורך וועלכן צופאַל איך בין ניצול געוואָרן ביים פּרווון אַרויסגיין אויף דער „אַרישער זייט".

אין אַ זייער געדריקטער שטימונג האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז דער

ערשטער פּרוּוו אויסצוזוכן אַ וועג אויף אַ צוריקטריט פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָט געליטן אַ דורכפאַל.

כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן אָפּצואָטעמען נאָך די קאַנאַל־איבערלעבענישן, האָב איך באַלד נאָכן צוריקקומען אָנגעטראָפן אויף אַ צוזאַמענשטויס פון אַנדערע קאַמפּס־גרופּן מיט די דייטשן און ס׳איז מיר אויסגעקומען אָנטיילצונעמען אין אַ שווערן קאַמף אויף קוזשע 3.

אין יענעם הויז האָבן מיר זיך צעשטעלט אַלע ביי די פענצטער פון דער נאָך נישט פאַרברענטער אָפּיצינע אַנטקעגנאיבער דעם טויער און געוואַרט אויפן אָנקומען פון די דייטשן. נאָך אַ קורצער צייט איז אָנגעקומען אַ גרעסערע צאָל ס״ס־לייט, וועלכע זיינען דרייסט און נישט ריכטנדיק זיך, אַז דאָ זיינען פאַראַן קעמפער, דורכגעגאַנגען די גאַנצע לענג פון טויער. ווי נאָר זיי האָבן די ערשטע טריט געשטעלט אויפן הויף, האָט זיך פון אַלע פענצטער אַ שאָט געגעבן אויף זיי קוילן און גראַנאַטן. זיי זיינען געוואָרן שטאַרק צעטומלט. אַ טייל האָט באַוויזן צו אַנטלויפן און 6 פון זיי זיינען געבליבן ליגן דערהרגעטע.

איידער עס זיינען אָנגעקומען גרעסערע דייטשע פאַרשטאַרקונגען, האָבן מיר זיך צוריקגעצויגן אָן פאַרלוסטן אויף מילע 5.

# אײן קלעם פון ברענענדיקע חורבות

װען מיר זײנען געקומען אויף מילע 5, איז שוין אײן פליגל פון הויז געװען אָפּגעברענט. די ייִדן פון די בונקערס אין צװײטן נישט אָפּגעברענטן פליגל, האָבן זיך גענומען פּאַקן צום אַרויסלויפן, צוליב דעם זיך דערנענטערנדיקן פײַער. דעמלט זײַנען דאָרט אַרײַן אַלע אַנטלאָפענע ייִדן פון דעם אָפּגעברענטן טײל פון הויז, בכדי זיך צו באַשיצן פון די דײַטשע קוילן אויף דער גאַס.

אין די דאָרטיקע קעלערס האָבן זיך צונויפגעטראָפן צװײ גרופּן מענטשן — אײנע, װאָס װיל זיך אויסבאַהאַלטן אויפן זעלביקן אָרט, װאָס די צװײטע װיל פאַרלאָזן. דאָס האָט אַמבולטסטן אילוסטרירט די אויסזיכטלאָזע לאַגע. היות די שׂרפה איז געװען גענוג װײַט פון דעם צװײטן עק הויז, האָט מען נאָך בלית ברירה געקאָנט אַ געװיסע צײַט פאַרבלײַבן. די ענגשאַפט און די שטיקנדיקע לופט זײַנען געװען אומדערטרעגלעך.

פון די אַרומיקע שכנותדיקע הײַזער זײַנען צו אונדז דערגאַנגען קולות פון פאַרװאונדעטע, װאָס האָבן גערופן נאָך הילף און אויך פון געזונטע, װעלכע האָבן געזוכט ערגעץ אַ תּיקון. די אַלע געשרײען און הילפס־רופן זײַנען פאַרטױבט געװאָרן דורך דעם אומאויפהערלעכן רויש פון די שװערע מאַשין־ביקסן און די באָמבן־אויפרײַסן. נישט געקוקט אויף דער שיסערײַ, האָבן זיך דאָך פון צײַט צו צײַט דורכגעריסן אַ געװיסע צאָל מענטשן צו די בונקערס פון מילע 5. אַ גרויסער טײל פון זײ איז געװען פאַרװאונדעט. מענטשן זײַנען געקומען מיט אָפּגעברענטע לײַבער, אָפּגעבריטע פּנימער און פאַרברענט די האָר אויפן קאָפּ.

אונדזער קאַמפּס־גרופּע האָט זיך אַרומגעדרײט צװישן אַ גרויסער פאַרצװײפלטער מאַסע. מיר האָבן געזוכט אַן אָרט װוּ אַ פּוס אַרײַנצושטעלן, אָבער אַלע ערטער זײַנען געװען איבערפולט. היות פאַר דער גאַנצער גרופּע האָבן מיר נישט געקאָנט באַקומען קײן אָרט, האָבן מיר זיך צעטײלט אין צװײ גרופּן און זיך באַזעצט אין צװײ באַזונדערע קע־

לערס. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט אויף אַ באַשטימט אָרט זיך צוריק צו־זאַמענצוטרעפן.

די גרופּע, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען איז אַריין אין אַ בונקער און אַוועקגעשטעלט אין דרויסן מאַניעקן אויף דער וואַך. אין אַ האַלבער שעה אַרום, האָבן מיר פון פאַרשידענע קלאַנגען זיך משער געווען, אַז דייטשן געפינען זיך אויפן הויף און גלייך האָט זיך צו אונדז דערטראָגן דער אָפּקלאַנג פון זייער שיסעריי. מיר האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט, פאַרוואָס מאַניעק איז נישט געקומען אַלאַרמירן. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן נישט געהאַט פון אונדזער וואַך קיין דירעקטע ידיעה, זיינען מיר ווייטער געזעסן.

ווען ס׳איז אַדורך נאָך אַ שטיקל צייט, האָט זיך פאַרשטאַרקט אונדזער איבערצייגונג, אַז אין דרויסן קומט פאָר עפּעס נישט געוויינלעכס. איך בין אַרויסגעגאַנגען אויספאָרשן די סיטואַציע און געטראָפן מאַניעקן אַ גע־הרגעטן. ער איז, ווייזט אויס, געפאַלן באַלד ביים אַנקומען פון די דייטשן. זיי האָבן מסתמא צו אים געצילט פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער כמעט שוין אויסגעברענטער אַפּיצינע. איך האָב אָבסערווירט דעם הויף און געזען אַ גרויסע צאָל דייטשן, וועלכע שיסן אין אַלע ריכטונגען. איך האָב צוגענומען דאָס געווער פון חבר, וואָס איז געפאַלן אויף דער וואַך און גענומען צו־ריקגיין אין בונקער. איך האָב נאָך נישט באַוויזן אַריינצוקריכן אין דעם פאַרמאַסקירטן לאָך, וואָס פירט צום בונקער, האָבן מיך די דייטשן דער־שנאַפּט און אַרום מיר האָבן גענומען אַרומקרייזן אָנפליענדיקע קוילן.

צוריקקומענדיק צו דער קאַמפּס־גרופּע, האָב איך געוויזן דאָס גע־ווער פון מאַניעקן און געמאָלדן, אַז ער איז טויט. איך האָב איבערגעגעבן, אַז דער הויף איז פול מיט דייטשן און אַז מיר דאַרפן תיכף אַרויסגיין אָנהויבן אַן אַטאַקע.

ווען מיר האָבן גענומען אַרויסגיין, האָט זיך געמאַכט אַ גרויסע בהלה צווישן דער ציוויל־באַפעלקערונג, מיט וועלכער מיר זיינען געזעסן אין קעלער. זיי האָבן געפאָדערט, מיר זאָלן זיי מיט זיך מיטנעמען, אויב נישט — לאָזן זיי אונדז נישט אַרויס. מיר האָבן זיי אויפגעקלערט, אַז מיר גייען אַרויס אָנהויבן אַ קאַמף מיט די דייטשן און אין קאַמף וועלן מיר זיי גאָרנישט קאָנען העלפן. זיי וועלן נאָך זיין אַ לאַסט פאַר אונדז. קיין שום ווערטער האָבן זיי אָבער נישט געקאָנט איבערצייגן. אין אונטערבאַוואוסט־זיין האָבן זיי פאַרט געמיינט, אַז מיר האָבן עפּעס פאַרבאָרגענע מעג־לעכקייטן צו ראַטעווען דאָס לעבן.

איינציקוויז האָבן מיר זיך געפּרוּווט אַרויסשאַרן פון קעלער. עס האָט זיך אָבער אַנטקעגן אונדז אַוועקגעשטעלט אַ געשלאָסענע וואַנט פון מענטשן, מענער און פרויען, וואָס האָבן אונדז פאַרשפאַרט דעם וועג.

אין אונדזער גרופּע האָט זיך געפונען אַן עלטערער ייִד שלמה, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ רויטלעכער און אַ פעסט־געבויטער. זיין אופן פון ריידן, זיין אייגנאַרטיקער לעקסיקאָן, וואָס איז געווען רייך מיט פאָלקס־ווערטלעך, האָט געגעבן צו דערקענען, אַז ער איז אַ פאַרמלחמהדיקער האַרשעווער טראַנספּאָרט־אַרבעטער. צו דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט שלמה אייגנטלעך נישט געהערט. ער האָט זיך מיט אונדז געפונען אין הויז אויף מילע 29. און בעת מיר האָבן עס פאַרלאָזט, האָט ער זיך מיט אונדז נישט געוואָלט שיידן. ער האָט אַרויסגעוויזן פיל געוואַגטקייט און מוט אין קאַמף און זיך געריסן צו אַלע שווערע אויפגאַבן. היות מיר האָבן פאַר אים נישט געהאַט קיין געווער, האָט ער באַקומען אַ צוויי־רערן־ביקס (דובעלטאָווקע) אויף בלינדע קוילן, מיט וועלכער מיר האָבן זיך געלערנט שיסן פאַרן אויפשטאַנד. מיט דער דאָזיקער „ביקס" האָט זיך שלמה גע־פינען אויף אַלע קאַמפס־ערטער.

ווען שלמה האָט געזען, אַז די ציוויל־באַפעלקערונג פאַרשפאַרט אונדז דעם אַרויסגאַנג, האָט ער זיך גענומען מאַכן אָרדנונג. ער האָט מיט זיין ביקס אַוועקגעשטופּט דעם עולם אין אַ זייט און דורכגעלאָזן אונדזערע חברים. דער גאַנצער עולם האָט זיך געוואָרפן אויף שלמה׳ן. זיי האָבן אים געכאַפּט פאַר דער ביקס און אַ פּאָר מינוט צייט איז אָנגעגאַנגען אַ גע־ראַנגל. דערזעענדיק, אַז אַלע חברים פון דער גרופּע זיינען שוין אַרויס פון בונקער, האָט ער פּלוצים מיט אַזאַ אימפּעט נאָכגעלאָזן די ביקס, אויף וועלכער עס זיינען געלעגן די הענט פון אַ סך מענטשן, אַז אַלע מענטשן זיינען אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד מיט דער ביקס. ערשט דעמלט האָט שלמה, דער לעצטער פון אונדזער גרופּע, פאַרלאָזן דעם בונקער, איבער־לאָזנדיק זיין „געווער".

אויפן הויף האָט זיך אונדזער גרופּע פאַרפעסטיקט אין אַן אָפיצינע און פון דאָרט געעפנט אַ שיסעריי אויף די דייטשן. עס איז אָנגעגאַנגען אַ קעגנזייטיק פייער פון ביקסן און גראַנאַטן. דער קאַמף האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. פון אונדז איז קיינער נישט געפאַלן. די פאַרלוסטן פון שונא האָבן מיר נישט געקאָנט פעסטשטעלן. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, האָבן די דייטשן געהאַט פאַרלוסטן, ווייל זיי האָבן זיך געפונען אונטערן פרייען הימל, און מיר הינטער די מויערן פון הויז.

די דייטשן האָבן אונדז נישט געקאָנט בייקומען און געוואָרפן צינד־באָמבעס. אויך די לעצטע אָפּיציִנע פון הויז איז אַוועק אין פלאַמען.

מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף מילע 7 און פאַרלוירן דעם קאָנ־טאַקט מיטן צווייטן טייל פון אונדזער גרופּע, פון וועלכער מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט ביים אָנקומען אויף מילע 5. מיר האָבן נישט געוואוסט צי זיי זיצן נאָך אין דעם בונקער אין וועלכן זיי זיינען אריין, אָדער זיי האָבן אים פאַרלאָזן נאָך איידער מיר האָבן פאַרפירט דעם קאַמף אויף מילע 5. אַלע באַמיאונגען זיך צוריק צונויפצוטרעפן האָבן זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל.

נאָך אַ קורצער צייט, איז אויך דאָס הויז אויף מילע 7 אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון פלאַמען. מיר האָבן געזוכט אין אַלע זייטן פון דעם הויז אַן אַרויסגאַנג, אָבער אָן רעזולטאַט. די גאַנצע באַפעלקערונג פון דעם הויז איז געלאָפן פון איין עק הויף צום צווייטן אין דער גרעסטער פּאַניק. כל זמן די שׂרפה האָט אָנגעהאַלטן אין די אויבערשטע שטאָקן פון הויז, זיינען נאָך אַ סך מענטשן געזעסן אין די קעלערס. וואָס מער די שׂרפות האָבן זיך דערנענטערט צו די אונטערשטע שטאָקן, איז די לאַגע אין די קע־לערס געוואָרן אַלץ מער אומדערטרעגלעך. די שרעקלעכע היץ און דער טשאַד האָבן פאַריאָגט די מענטשן פון די קעלערס און דער הויף איז אַלץ מער אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ גרויסן המון פאַרצווייפלטע און אין שרעק לויפנדיקע מענטשן, מיט קינדער אויף די הענט און מיט פּעקלעך אויף דער פּלייצע.

אַלע אַרומיקע הייזער־בלאָקן זיינען געשטאַנען אין פלאַמען און דער איינציקער אַרויסגאַנג אויף דער גאַס, איז געוואָרן באַשאָסן פון אַ גרויסער מחנה דייטשן. עס איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה, ווי אומצוקומען אין פייער, אָדער צו פאַלן פון דייטשע קוילן.

פאַר אונדזער גרופּע איז נאַטירלעך אויך געשטאַנען די זעלבע ברירה, וואָס פאַר אַלע יידן פון דעם הויז. אָבער ווי לאַנג ס׳איז נאָך מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן אין דעם ברענענדיקן הויז, האָט מען געקלערט, אפשר וועט זיך פאַרט שאַפן אַ מעגלעכקייט פון דאַנען זיך אַרויסצוקריגן, הגם קיין שום לאָגישע דעקונג פאַר דער דאָזיקער האָפנונג האָבן מיר נישט געהאַט.

עס זיינען אָנגעקומען זייער קריטישע מינוטן. מיר זיינען געשטאַנען אויפן ערשטן שטאָק אינמיטן פון געדיכטסטן רויך־וואָלקן און פייער־צונגען. איבער די קעפּ האָבן זיך געשיט ברענענדיקע שטיקער, פון וועלכע די

קליידער און די האָר האָבן אָנגעהויבן ברענען. די אויגן זיינען ממש בלינד געווען פון רויך און אין האַלדז האָט געשטיקט דער טשאַד. דער באַלקן איבערן קאָפּ און די פּאָדלאָגע אונטער די פיס זיינען שוין פול־שטענדיק איינגעבראָכן געוואָרן און מען האָט געקאָנט דורכקוקן דאָס גאַנצע הויז פון העכסטן שטאָק ביזן פּאַרטער. בלויז די בעלקעס פון דער זייט האָבן זיך נאָך געהאַלטן פעסט און אויף זיי זיינען מיר געשטאַנען.

מיר האָבן געפילט, אַז אונדזערע מינוטן זיינען געציילטע, די שטימונג איז געווען זייער אַ געדריקטע. אין דער גרעסטער שפּאַנונג און האָפּ־נונגסלאָזיקייט האָט „סאַלקע" — אַ חברטע פון דער גרופּע — געמאַכט אַ פאָרשלאָג, מיר זאָלן באַגיין זעלבסטמאָרד. סיי ווי — האָט זי געזאָגט — קאָנען מיר נישט אַריינטרעטן אין קיין דירעקטן קאַמף מיטן שונא און עס בלייבט איבער בלויז אומצוקומען אין די פלאַמען, אָדער פאַלן פון די דייטשע קוילן.

מאַנכע פון די חברים האָבן דעם פאָרשלאָג אונטערגעכאַפּט און פאַר־טיידיקט. איך האָב זיך אַנטשלאָסן אַנטקעגנגעשטעלט דער זעלבסטמאָרד־שטימונג און געפּרוווט ווירקן אויף די חברים אויסצוהאַלטן ווי לאַנג ס'וועט נאָר מעגלעך זיין. אמת, די לאָגיק האָט געזאָגט, אַז זעלבסטמאָרד איז דער איינציקער אויסוועג, אָבער אינטואיטיוו האָב איך געפילט, אַז די סיטואַציע קאָן זיך ענדערן. איך האָב אויך גערעכנט אויף דעם צופאַלן פון דער נאַכט. איך האָב געוואוסט, אַז יעדן טאָג ענדיקן די דייטשן זייער מאָרד־אַרבעט בערך 8 אַזייגער אין אָוונט און ביז עס קומען אָן די נאַכט־פאַר־מאַציעס פלעגט רואיק זיין אַ שעה צוויי. מיר האָבן שוין אָבער געהאַט קרוב 9 אַזייגער אָוונט און די שיסערייען האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. דאָס האָט אונדז שטאַרק באַאומרואיקט, אָבער ס'איז פאָרט געווען אַ האָפנונג, אַז זיי וועלן סוף כל סוף ענדיקן די שיסעריי. בלויז די דאָזיקע האָפנונג האָט מיר געגעבן כוח אָפּצוהאַלטן די חברים פון זעלבסטמאָרד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער ויכוח. אַממערסטן האָט זיך אַנט־קעגנגעשטעלט סאַלקע. איך האָב געזען, אַז זי האָט פעסט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. איך האָב געבעטן די חברים צו וואַרטן נאָך 15 מי־נוט און גלייכצייטיק האָב איך ביי „סאַלקען" אַוועקגענומען דאָס געווער.

די שפּאַנונג איז דערגאַנגען צום קולמינאַציע־פּונקט. דאָס לעצטע שטיקל באָדן אונטער די פיס האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען. בערך עטלעכע מינוט נאָך 9 האָט זיך די שיסעריי אָפּגעשטעלט.

מיר האָבן איינציקוויז אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון דער חורבה. מיר

זיינען געגאַנגען זייער פאַרזיכטיק, האָבנדיק אַ חשד, אַז דאָס איבעררייסן די שיסעריי איז נישט מער ווי אַ מאַנעוור. אויף דעם הויף האָבן מיר אָנגעטראָפן מאַסן הרוגים און פאַרברענטע מענטשן; סרוב קינדער. אייב־ציקוויז האָבן מיר זיך אַרויסגעשאַרט נענטער צו דער גאַס. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פילן, אַז נאָך די לאַנגע שעהן פון ראַנגלענישן צווישן טויט און לעבן, האָט אונדז דער מלאך־המות דערווייל ווידער געגעבן אַ פּראָ־לאָנגאַטע...

איצטער האָבן מיר געוואָלט אויפזוכן דעם צווייטן טייל פון אונדזער גרו־פּע. מיר האָבן וואָס אַן אמת שוין נישט גערעכנט, אַז יענע חברים לעבן נאָך, אָבער דאָס, וואָס מיר זיינען אַרויס לעבעדיק פון אַזאַ סיטואַציע, האָט געגעבן אַ האָפענונג, אַז אפשר לעבן זיי אויך. מיר האָבן זיך כסדר דערנענטערט צו יענעם אָרט, וואו מיר האָבן זיך צעשיידט און גערופן מיט אונדזער אָפּגערעדטן פּאַראָל, — אַ סימן, אַז מיר זיינען דאָ. נאָכן אַרומ־זוכן זיי בערך אַ שעה צייט צווישן די חורבות, האָבן זיי זיך מיטאַמאָל באַוויזן.

זיי זיינען געקומען מיט אָפּגעברענטע מלבושים און אָפּגעבריטע קערפּערס. די פרייד פון צוזאַמענטרעף איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר זיינען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און צעקושט. מיר האָבן זיך געטיילט מיט אייב־דרוקן פון די פּאָר שעה פון אונדזער צעשיידונג. צוליב די איבערלעבענישן האָט עס אויסגעזען, ווי מען וואָלט זיך נישט געזען גאַנצע חדשים. מיר האָבן געמאַכט אַן אַפּעל און געציילט אונדזערע רייען. נאָך דעם האָבן מיר זיך געלאָזט צו דער לעצטער באַזע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — אויף מילע 18.

אויפן וועג האָבן מיר זיך געטראָפן מיט אַ קאַמפּס־גרופּע, וואָס האָט זיך געפונען אויף מילע 18. צווישן אַנדערע האָבן אונדז די חברים איי־בערגעגעבן אַ ידיעה, וואָס זיי האָבן געהערט, אַז מיליטערישע אָפּטיילונ־גען פון דער פּוילישער אונטערערדישער פאָלקס־אַרמיי „גוואַרדיאַ לודאָ־וואַ“, זיינען אָנגעפאַלן אין עטלעכע ערטער אויף די דייטשע וואַך־פּאָסטנס אַרום דעם געטאָ. די דאָזיקע אָנפאַלן זיינען געווען אַן אויסדרוק פון סאָ־לידאַריטעט מצד דער פּראָגרעסיווער פּוילישער אונטערערד מיטן קעמ־פנדיקן געטאָ. אין דעם קאַמף זיינען געפאַלן קרבנות פון ביידע זייטן.

די ידיעה האָט געווירקט אויף אונדז דערהויבנדיק ביז גאָר. מיר האָבן באַקומען אַ גאָר אַנדערן ווערט ביי זיך, הערנדיק, אַז פּוילישע קעמ־פער זיינען גרייט געווען אָװעקצוגעבן זייער לעבן און זיינען געפאַלן אין

שוץ פון יידישן געטאָ דאָס האָט אונדז אָנגעפּילט מיט האָפנונג, אַז אפשר וועט זיך די פּוילישע אַנטי־היטלעריסטישע באַוועגונג אויף יענער זייט מויער אַ ריר טאָן צו ווייטערדיקע קאַמפּס־אַרויסטריטן אין אַ ברייטערן פאַרנעם און דורכברעכן אונדזער איזאָלאַציע.

די מאָמענטאַלע דערהויבונג איז אָבער פאַרשוואונדן אין דעם ווייטערדיקן פאַראייניזאַמטן געראַנגל, אָן דער ווייטערדיקער ממשותדיקער הילף מצד דער אויסערלעכער וועלט און דאָס קודם־כל צוליב דער גלייכגילטיקער באַציאונג פון דעם שטאַרקסטן אונטערערדישן כוח — די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", וועלכע איז געווען אונטערגעאָרדנט דער דעלעגאַטור פון דער פּוילישער עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן.

# אין בונקער אויף מילע 18

דער בונקער אויף מילע 18 האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גרויסן און ברייט־פאַרצווייגטן קאָמפּלעקס פון אונטערערדישע היילן אונטער אַ חורבה. די באַלעבאַטים פון דעם בונקער זיינען געווען די „טשאַמפּעס" — אַ גרופּע פון דער וואַרשעווער אונטערוועלט, צווישן וועלכע עס זיינען געווען גנבים און רוצחים. דער פירער פון דער באַנדע — שמואל אשר — אַ גראָב־בייכיקער, מיט אַ רויטן און פעטן קאַרק און אַ גראָבן לשון, איז געווען אַ גרויסער עושר. צוזאַמען מיט זיין גאַנצער חברותא — סאַמע גרויסע גבירים, נאָך לאַנגע יאָרן פון לייכטע פרנסות — האָט ער אונטער דריי גרויסע חורבע הייזער־בלאָקן — אויסגעבויט אַ גרויסן און פעסטן בונקער.

אַדאַנק זייערע גרויסע געלט־מיטלען, האָבן די „טשאַמפּעס" געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצובויען דעם בונקער מיט אַלע נויטיקע איינריכטונגען: עלעקטרישע באַלייכטונג, אַ וואַסער־קראַן, אַ קיך. און דער עיקר, האָבן זיי צוגעגרייט גרויסע זאַפּאַסן עסנוואַרג. די פּאַרקאָנספּירירונג פון דעם בונקער איז אויך געווען בעסער ווי אומעטום, ווייל ער האָט זיך נישט געפונען אונטער אַ נאָרמאַלער געביידע, נאָר אונטער אַן איינגעפאַלענער חורבה.

דער איבעוויניקסטער שטח פון בונקער איז געווען אַן אומגעהויער גרויסער. זייער אָפט, ווען עמיצער האָט זיך דערווייטערט פון זיין ווינקל, האָט ער לאַנג געבלאָנדזשעט נישט קענענדיק טרעפן צוריק. בלויז אין דעם לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר, וועלכער האָט פאַרבונדן אַלע אַרומיקע קעלערן, האָט מען געקאָנט גיין נאָרמאַל, נישט איינגעבויגן. אין אַלע אי־בעריקע ערטער, איז די גאַנצע באַוועגונג פון איין קעלער אין אַנדערן פאָרגעקומען אין אַ פויזנדיקער פּאָזיציע, צוליב דער אויסערגעוויינלעכער נידעריקייט פון די קעלער־סופיטן. שפּעטער, ווען ס'איז שוין נישט געווען

קיין עלעקטרישע באַלייכטונג, האָט מען ממש געטאַפּט אין דער פינצטער און געוואַלגערט זיך אויף דער ערד אין זאַמד און אין שמוץ אַ לאַנגע צייט, ביז מען האָט געקאָנט טרעפן צו דער קיך אָדער וואַסער־קראַן. זייער אָפט האָט מען זיך געפונען בלויז אַ פּאָר טריט פון דעם געזוכטן אָרט און דאָך נישט געקאָנט טרעפן צו אים.

די באַזונדערע קעלערס און לעכער, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די יידן, האָבן געטראָגן ספּעציעלע נעמען. די נעמען האָבן געדינט אַלס אַדרעסן, בכדי זיך צו אָריענטירן אין די גרויסע און טיפע לאַבירינטן פון דעם בונקער. אין דער טערמינאָלאָגיע האָבן זיך איינגעבירגערט זייער כאַראַקטעריסטישע באַצייכנונגען פאַר די באַזונדערע ערטער, וועלכע האָבן סימבאָליזירט די צייט און די לאַגע פון די יידן אין דעם בונקער, ווי „טרעבלינקע", „טראַווניק" „פּאָניאַטאָוו", „פּיאַסקי" א"אַנד. דאָס זיינען אַלץ טרויע־ריק־באַקאַנטע נעמען פון די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן, אין וועלכע עס זיינען אומגעקומען מיליאָנען יידן אויף פאַרשידענע אופנים. די לאַגערן האָבן געהאַט אַ באַשטימטע גראַדאַציע אין זין פון די פאַרניכטונגס־מע־טאָדן, ווייל אין איינעם האָט מען גלייך פאַרגאַזעוועט, אין צווייטן האָט מען נאָך די יידן געמאַטערט אַ געוויסע צייט, דעריבער איז יעדער נאָמען פון קעלער, אָדער סתם לאָך נישט געווען צופעליק, נאָר צוגעפּאַסט צו די געגעבענע באַדינגונגען.

כדי צו דערפילן דעם טעם פון „טרעבלינקע", איז גענוג געווען צו זיין אַפּאָר מינוט אין דעם קעלער מיט דעם זעלביקן נאָמען. דאָס איז געווען אַ קעלער, אין וועלכן עס האָבן זיך געקענט געפינען מאַקסימום פון 8 ביז 10 מענטשן און געלעבט האָבן דאָרט בערך 30. עס איז בוכשטעבלעך נישט מעגלעך געווען צו אָטעמען. צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ, האָט מען געמוזט כסדר ליגן אויף די געלעגערס. עס איז אויך נישט געווען קיין אָרט אויף אויסצוציען די פיס, נאָר מען האָט געמוזט ליגן אין אַן איינגע־קנוילטער פּאָזיציע, בכדי עס זאָל זיין אָרט פאַר אַלעמען. אויב עמיצער האָט געוואָלט זיך איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט, האָט ער געמוזט בעטן זיינע שכנים, אַז זיי זאָלן זיך אַביסל אויפזעצן. אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען אָבער נישט געקענט ליגן אויף איין זייט לענגער, ווי געציילטע מינוטן. אַזוי האָט איינער דעם צווייטן געמאַטערט ביים ענדערן זיין פּאָ־זיציע. עס איז נישט געווען מעגלעך צו שלאָפן, נישט צו זיצן און נישט צו ליגן. די היץ איז געווען אומגעהויער גרויס און האָט דערגרייכט בערך

60 — 70 גראַד. יעדער האָט ממש זיך געבאָדן אין אייגענעם און אין יענעמס שווייס. קיינער האָט אויף קיין איין מינוט נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דאָס האַנטוך, מיט וועלכן מען האָט זיך געהאַלטן אין איין ווישן די שטראָמען שווייס, וואָס האָבן זיך געגאָסן פון האַלב־נאַקעטע קערפּער. די היץ האָט נאָך מער געמאַטערט צוליב דעם, וואָס נעבן דעם „טרעבלינקי״־קעלער, האַרט ביים אַריינגאַנג, האָט זיך געפונען די קיך, וואָס האָט גע־קאָכט פאַר אַלע הונדערטער מענטשן פון דעם בונקער און פון וועלכער עס האָט געשלאָגן אַ פייערדיקע היץ, ווי פון אַ גהינום.

אינעם בונקער אויף מילע 18 איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער „קלי־מאַט״ און נישט אומעטום איז געווען אַזוי ווי אין „טרעבלינקי״. אין „טראַווניק״ און „פּאָניאַטאָוו״ למשל, איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ מיטלמעסיקע טעמפּעראַטור. אויך דאָרט האָט מען זיך געשטיקט אין ענג־שאַפט, אָבער ס׳איז נישט געווען אַזאַ ברענענדיקער גיהנום. אין „פּיאַסקי״ איז געווען אַ זייער געפערלעכער צושטאַנד צוליב דעם, וואָס דאָרט איז געווען אַ פּשוט לאָך מיט זאַמד און ערד. אויף דעם אָרט איז, ווייזט אויס, אַמאָל געווען אַ קעלער. מיטן חרוב ווערן פון דעם הויז, האָבן זיך די איינגעבראָכענע באַלקנס אַראָפּגעלאָזן און זיי זיינען געבליבן שטעקן אַביסל העכער פון דער ערד. אויף די דאָזיקע באַלקנס האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע חורבה און אונטער איר האָט מען זיך אַריינגעשאַרט אויפן בויך אין דעם לאָך אַריין, אַהין און צוריק, ווי מען שאַדט אַרויס אַ ברויט פון דעם באַק־אויוון. אין דעם פינצטערן, זאַמדיקן לאָך, וואו קיין שוועבעלע האָט זיך נישט געוואָלט אָנצינדן, איז נישט מעגלעך געווען זיך אַוועקצוזעצן. נישט איינער האָט זיך דעם קאָפּ צעקלאַפּט ביים פּרווון זיך אויפזעצן, ווען ער האָט פאַרגעסן אויף אַ מינוט אין וואָס פאַר אַ קבר ער געפינט זיך.

איבער די אַלע קעלערס, לעכער און ווינקלען פון דעם גרויסן בונקער, האָט געוועלטיקט דער הויפּט־באַלעבאָס פון בונקער — דער פירער פון די אונטערוועלט־לייט. ער האָט רעגולירט דאָס עסן, שלאָפן, ער האָט אויף אַ געוויסן יושרדיקן אופן פונאַנדערגעטיילט די מענטשן אין באַשטימ־טע ערטער און געזאָרגט דערפאַר, אַז יעדן טאָג זאָלן זיך די מענטשן בייטן מיט זייערע ערטער בכדי איין טייל זאָל נישט אויסקומען כסדר זיך צו געפינען אין די ערגערע קעלערס און אַנדערע אין די בעסערע.

פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז די ערשטע אַריין אין דעם בונקער פון מילע 18 די קאָמענדאַנטור. די באַלעבאַטים האָבן זי גוט אויפ־גענומען און זיך באַצויגן צו די קעמפער מיט גרויס אַכטונג. דער

פירער פון די „טשאמפעס" האָט דאַן געזאָגט: מיט אַלץ וואָס מיר האָבן וועלן מיר זיך מיט אייך טיילן, און מיר וועלן אייך העלפן מיט וואָס מיר קענען. נאָכדעם, ווי עס איז פאַרניכטעט געוואָרן דער רוב באַזעס פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צו מילע 18 אַנ־דערע קאַמפּס־גרופּן און אַלע זיינען געוואָרן אויפגענומען ווי אנגעלייגטע געסט. מיט דער צייט האָבן זיך אין בונקער אויף מילע 18 צונויפגעזאַמלט איבער 100 קעמפער און צום סוף איז ער געוואָרן כמעט די איינציקע באַזע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אין דער זעלבער צייט, ווען עס האָט זיך פאַרמערט די צאָל קאַמפּס־גרופּן אויף מילע 18, האָבן אויך אָנגעהויבן אַהין שטראָמען אַ גרעסערע צאָל ציוויל־באַפעלקערונג, וועלכע האָבן געמוזט פאַרלאָזן די בונקערס פון זייערע ברענענדיקע הייזער. הגם ס'איז שוין נישט געווען קיין אָרט פאַר נייע מענטשן, זיינען דאָך אַלע געוואָרן אויפגענומען אין בונקער, ווייל איטלעכער האָט נאָר געוואוסט דאָס אָרט, וואו עס געפינט זיך דער בונקער, האָט מען אים — צוליב קאָנספּיראַציע — געמוזט אַריינגעמען, כדי עס זאָל אויסערהאַלב דעם בונקער נישט געפונען זיך קיין איין מענטש, וועלכער ווייסט וואו ער געפינט זיך. מיט דער צייט איז דער בונקער פול געוואָרן איבער די ברעגעס און די צאָל מענטשן איז שוין דערגאַנגען ביז עטלעכע הונדערט.

ביי אַזאַ גרויסער צאָל מענטשן איז די לאַגע געוואָרן אומדערטרעגלעך. עס זיינען געוואָרן איבערפולט נישט בלויז אַלע קעלערס און אַרומיקע ווינקלען, נאָר אויך אין דעם לאַנגן קאָרידאָר, וועלכער איז געווען דער איינציקער דורכגאַנג און פאַרבינדונג צווישן אַלע קעלערס, זיינען געלעגן מענטשן אויף דער הוילער ערד און אַלע דורכגייענדיקע האָבן אין דער בינצטערניש ממש געטרעטן אויף דערוואַקסענע און קינדער. מען האָט גע־לעבט אין הינטישע סאַניטאַרע באַדינגונגען, די מענטשן זיינען אַרומגע־וואַקסן געוואָרן מיט ברוד, שמוץ און לייז. ביי דעם איינציקן קראַן, וואָס האָט באַדינט מיט וואַסער דעם גאַנצן בונקער, איז מען אָפּגעשטאַנען אין דער ריי גאַנצע שעהן, ביז מען האָט געהאַט די זכיה צו באַקומען אַ שיסל וואַסער צום אַרומוואַשן זיך. פון דעם קראַן האָט געקאַפּעט דאָס וואַסער טראָפּנווייז און לאַנגזאַם. ביי די מענטשן אין דער רייע איז געוואַקסן די נערוועזיטעט. ס'האָט געפלאַצט דאָס געדולד ביז עס איז פול געוואָרן איין שיסעלע, אַז מען זאָל קאָנען אונטערשטעלן אַ צווייטס. פונקט אַזוי ווי ביים

וואַסער, האָט מען אויך געדאַרפט וואַרטן שעהן אין דער ריי ביים דער־לײדיקן די נאַטירלעכע באַדערפעניש. אויף דעם געביט איז בכלל נישט געווען מעגלעך וועלכע עס איז אָרגאַניזאַציע אין דאָס הויפּטזעכלעך ביי קינדער. דאָס האָט גורם געווען צו אַ שרעקלעכן ריח.

קאַטאַסטראָפאַל האָט זיך דער איבערפלוס פון מענטשן אָפּגערופן אין פּרט פון דערנערונג. יעדע פאַרגרעסערונג פון דער צאָל מענטשן, האָט באַדייטנדיק פאַרקלענערט די לעבנס־מיטלען, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אויף אַ מענטש. דער הונגער האָט כסדר אַלץ מער געמאַטערט. שווער איז געווען מיט קליינע קינדער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום איינסאַם־לאַגע און האָבן געוויינט און געשריגן: עסן. די געוויינען זיינען געווען סכנותדיקע פאַר דער זיכערקייט פון בונקער, אָבער ס'איז נישט געווען וואָס צו געבן די קינדער אין מויל אַריין, כדי איינצושטילן זייערע קולות.

אַזעלכע עלעמענטאַרע לעבנס־מיטלען פונעם ערשטן געברויך ווי ברויט און קאַרטאָפל זיינען בכלל נישט געווען. אַנדערע שפּייזן ווי מעל, אַרבעס, קאַשע און אַנד' זיינען פאַרהעלטנישמעסיק יאָ געווען בנמצא, אָבער ווי אַזוי קאָכט מען די דאָזיקע שפּייז? די נאַכט, בעת וועלכער ס'איז מעגלעך געווען צו קאָכן, איז געווען צו קורץ אויף צוצוגרייטן פאַר אַ פאָר הונדערט מענטשן געקעכטס. 10 אַזייגער אין אָוונט, האָט מען אָנ־געהויבן צו קאָכן און מען האָט געקאָכט אַן איבעררייס אַ גאַנצע נאַכט. בערך 6 אינדערפרי, ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מער ווי אַ העלפט מענטשן האָבן נישט געגעסן. מען האָט אָבער געמוזט תיכף פאַרלעשן דאָס פייער אין קיך, כדי דער רויך פון קוימען זאָל נישט פאַראָטן דעם בונקער. די אַלע מענטשן, וואָס האָבן נישט געגעסן, זיינען נישט געווען קיין סך מער הונגעריק ווי די, וואָס האָבן יאָ געגעסן די שיטערע וואַסער־זופּ. זיי האָבן געמוזט וואַרטן ווייטערדיקע 24 שעה, כדי צו באַ־קומען עפּעס אין מויל אַריין. אין דער צווייטער נאַכט, זיינען די אַלע נישט געגעסענע געווען די ערשטע צו באַקומען אַביסל געקעכטס. דערפאַר האָבן די אַנדערע, וואָס האָבן אין דער פריערדיקער נאַכט יאָ „געגעסן", זיי מקנא געווען. ערגער איז געווען די לאַגע פון די קעמפער, וועלכע זיינען מיטן צו־פאַלן פון דער נאַכט אַרויסגעגאַנגען דערפילן זייערע קאַמפס־אויפגאַבן. זיי זיינען בכלל נישט געווען צוגעבונדן צום אָרט, ווי די ציוויל־באַפעלקע־רונג און אָפטמאָל זיינען פאַרביי אַפילו צוויי און דריי מעת־לעת, ביז זיי האָבן באַקומען עפּעס מיט וואָס דאָס לעבן צו דערהאַלטן.

דער הונגער האָט נישט בלויז געמאַטערט פיזיש און אָפּגעשוואַכט דעם קערפּער ביז נישט קאָנען רירן זיך פון אָרט, נאָר האָט אויך דעם מענטש דערשלאָגן גייסטיק און פסיכיש. ביים רוב יידן אין בונקער האָט געהערשט אַפּאַטיע און אָפּהענטיקייט. די אויפטרייסלונג ביי יעדער דעטאָנאַציע, אָדער ביים דערהערן פון דרויסן טריט פון זשאַנדאַרמישע שטיוול, איז געווען בלויז אַן אינסטינקטיווע רעאַקציע.

דער רוב יידן איז שוין געווען גלייכגילטיק צום לעבן. אַ סך האָבן שוין געבעטן, אַז דאָס, וואָס דאַרף קומען זאָל געשען וואָס גיכער און געענדיקט מיטן מאַטערן זיך. די דאַזיקע שטימונג האָט פון טאָג צו טאָג זיך פאַרשטאַרקט. יעדער איז געווען זיכער, אַז דער אומקום איז אַן אומפאַרמיידלעכער, אַז די דייטשן האָבן מער כוח און געדולד אויסצוהאַלטן, ווי מיר. די ידיעות, וואָס האָבן זיך אַריינגעקריגן צו אונדז וועגן דעם, אַז די דייטשן אַנטדעקן און פאַרגאַזעווען יעדן טאָג אַ געוויסע צאָל בונקערס, האָט אונטערגעהאַלטן די איבערצייגונג, אַז קיינער וועט זיך נישט אַרויסדרייען פון טויט, אַז דער טאָג פון אומקום פון מילע 18 איז נאָענט. צוליב דעם דאַזיקן געפיל, איז נישט מעגלעך געווען ביים רוב קיין גרויסע, גייסטיקע ווידערשטאַנדס־קראַפט, וואָס איז נויטיק אין אַזעלכע שווערע טעג, ווייל די לײדן האָט מען נישט געזען, ווי אַ פאַרביגייענדיקע דערשיינונג, נאָר ווי אַ פאַרלענגערונג פון די יסורים פאַרן אומפאַרמיידלעכן טויט.

די איינשטעלונג פון אומבאַדינגטן אומקום האָט אָבער נישט אָפּגעטויט אינגאַנצן דעם נאַטירלעכן זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט, וועלכער האָט געשטויסן דעם מענטש אַנצווענדן אַלע מיטלען, כדי צו בלייבן לעבן. בלויז אין מינוטן פון אַנטשפּאַנונג, ווען עס איז געווען צייט צו טראַכטן און ווען דער באַוואוסטזיין איז געווען ביי דער ממשלה, איז מען לאַגיש, געווען גלייכגילטיק צום לעבן. אָבער אין מינוטן, ווען סכנות האָבן זיך דערנענטערט, אין מינוטן פון פאַרשטאַרקטן הונגער און דורשט, איז געווען צו באַמערקן דעם אומגעהויערן געראַנגל פאַרן קיום. יעדער חשד, אַז די דייטשן דערנענטערן זיך, האָט אַרויסגערופן די גרעסטע שפּאַנונג און דענערווירונג. ס'איז געווען צו זען, ווי מענער און פרויען וואַרפן זיך ווי אין קאָנוואולסיעס מיט פאַרבראָכענע הענט און קלאַפּנדיקע ציינער, שעפּטשען אין דער שטיל אַ תפילה און טוליען זיך איינער צום צווייטן.

דער הונגער האָט פאַרוואַנדלט דעם מענטש אין אַ חיה. עס איז נישט דורכגעגאַנגען קיין איין מינוט מען זאָל נישט טראַכטן וועגן עסן. מען האָט געזוכט אין די ווינקלען עפּעס אַ פאַרוואַרפן פאַרטרוקנט שטיקל

ברויט, אָדער אַ פאַרפוילטן קאַרטאָפל. מען האָט געגעסן רויע אַרבעס און גרויפּן. עס זיינען דורכגעגאַנגען אַ סך טעג, אין וועלכע מען האָט זיך דער־נערט בלויז מיט אַ שטיקל צוקער, וואָס מען האָט געהאַלטן אין מויל. אַ געוויסע צייט איז דאָס גאַנצע עסן געווען בלויז מאַרגאַרין, וואָס מען האָט נישט אויסגענוצט ביים קאָכן, אָבער דאָס אַלץ איז אויך געווען זייער ווייניק. אויף יעדן ברעקל עסן, וואָס איז נישט געווען גענוג געווען דאָס לעבן צו דערהאַלטן פאַר איין מענטש, זיינען געווען אַ סך רעפלעקטאַנטן. צוליב דער דאַזיקער לאַגע זיינען די יידן נישט ווילנדיק געשטעלט געוואָרן איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, ווייל יעדער האָט זיך געגויטיקט אין דעם זעלבן ביסל וואַסער און לופט. פאַרהעלטנישמעסיק צו די דאַזיקע באַדינגונגען, איז אָבער געווען גענוג פאַרשטענדעניש פון איינעם צום צווייטנס באַדערפענישן און גורל.

דער וויכטיקסטער אופן איינצושאַפן זיך לעבנס־מיטלען, איז געווען דאָס אַרויסגיין און אַרומגיין איבער די חורבות פון געטאָ אויף „שאַבער״*). אין בונקער האָט זיך געפונען, ביי דער ציוויל־באַפעלקערונג, אַ ספּעציעלע גרופּע מענטשן, אונטער דער אָנפירונג פון איינעם פון די „טשאַמפּעס״, וועלכע האָבן גוט געקענט אַלע ווינקלען און לעכער פון געטאָ. זיי זיינען אויך געווען גענוג דרייסט איינצושטעלן זיך דאָס לעבן ביי די אַלע סכנות, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן באַוועגן זיך איבערן געטאָ. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די נאָך נישט פאַרברענטע הייזער און פון אומעטום אַרויסגענומען אַלץ, וואָס האָט געטויגט צום עסן. די מענטשן אין בונקער האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זייער צוריקקומען, ווייל אַלע האָבן זיך דערנערט פון זייער „שאַבער״. אין נאַכט האָבן זיי געבראַנגט מער פּראָדוקטן, אַ צווייטע נאַכט — ווייניקער, מיט ליידיקע הענט זיינען זיי כמעט נישט צוריקגעקומען. אָבער וויפל זיי האָבן נישט געבראַנגט, איז אַלץ געווען ווי אַ טראָפּן אין ים.

נאָך דעם, ווי די דייטשן האָבן שפּעטער אָנגעהויבן יעדן טאָג סיסטעמאַטיש אויפדעקן אַ געוויסע צאָל בונקערס, האָבן די „שאַבראָווניקעס״ אויסגעטיילט פון צווישן זיך אַ ספּעציעלע אויסשפּיר־גרופּע, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען גענוי צו דערוויסן זיך, וועלכע בונקערס עס זיי־

---

*) „שאַבער״ — פּאָפּולערע געטאָ־באַצייכענונג פאַר צונעמען הפקר פאַרמעגנס און אויך גנבענען.

נען במשך פון טאָג פאַרגאַזעוועט געוואָרן, יעדע גרופּע האָט זיך באַמיט צו זיין פון די ערשטע אין די פאַרגאַזעוועטע בונקערס און פון אַלע עקן געטאָ זיינען מיטן גרעסטן אימפּעט אַהין געלאָפן יידן, וועלכע האָבן אַזוי ווי די מאַראָדערן אויף די שלאַכט־פעלדער, געריבט ביי די ליגנדיקע, נאָר וואָס אומגעקומענע און אין גסיסה זיך ראַנגלענדיקע. מען האָט צו־גענומען אַלץ, וואָס קאָן נאָר טויגן צו דערהאַלטן די נשמה ביי די נאָך לעבעדיקע. דער רוב איז געמאַטערט געוואָרן פון געוויסן און האָט מיט אַ ביטערן געפיל געטרעטן צווישן די מתים. נישט מיט קיין לייכט האַרץ האָט מען אַוועקגענומען און באַנוצט זיך מיט די פּראָדוקטן, וואָס אַנדערע האָבן נישט דערלעבט צו פאַרברויכן. יעדער איינער פון די, וואָס זיינען געגאַנגען נאָך דעם איבערבלייב פון די אומגעקומענע, האָט געוואוסט, אַז פּונקט ווי ער היינט — אַזוי וועלן אַנדערע מאָרגן געניסן פון דעם, וואָס ער וועט איבערבלייבן נאָך זיין אומקום. אָבער אַזוי ווי „בויט ברעכט אייזן״, האָט דער דאָזיקער באַוואוסטזיין נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם דראַנג צום לעבן און צו ראַטעווען זיך פון הונגער־טויט כאָטש אויף אַ קורצער צייט.

די טאָג־טעגלעכע פאַקטן האָבן טאַקע באַוויזן, אַז מענטשן, וואָס האָבן נעכטן אויסגעליידיקט אַ פאַרגאַזעוועטן בונקער, האָבן נישט באַוויזן די פּראָדוקטן צו פאַרברויכן און אַ טאָג שפּעטער האָבן אַנדערע, נאָך דערווייל לעבעדיקע, געפּלינדערט אַרום זייערע טויטע קערפּערס און די זעלביקע פּראָדוקטן און זאַכן, זיינען איבערגעגאַנגען פון איין האַנט אין אַן אַנ־דערער. נישט ווייניק יידן זיינען אומגעקומען אויפן וועג, טראָגנדיק צו זיך אַהיים די אַלע צונויפגעזאַמלטע פּעקלעך פון די אומגעקומענע, אין די גרעסטע שיסערייען פון די דייטשן, איז מען געלאָפן צווישן די חורבות דורך לעכער און איבער פּלויטן, צווישן שרפות און אויף בערג מתים און נישט צעשיידט זיך מיט דעם איינציקן ביסל פאַרמעגן, וואָס איז אים געלונגען זיך איינצושאַפן. זייער אָפט זיינען די אַלע „שאַבראַוניקעס״, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט געלאָפן אין דער גרעסטער פּאַניק, ביים באַווייזן זיך פון אַ יידישער קאַמפּס־גרופּע, ווייל די קעמפער מיט זייערע ביקסן און העלמען אויף די קעפּ, האָבן אויסגעזען ווי דייטשן. אין אַזאַ מאָמענט איז נישט געווען צו באַמערקן, עמיצער פון זיי זאָל זיך וועלן פאַרלייכטערן דאָס לויפן און אַוועקוואַרפן דעם שווערן זאַק, וואָס ער האָט געטראָגן אויף דער פּלייצע. מיט דער גרעסטער עקשנות, האָבן יידן זייער ריב געוואָלט דערטראָגן ביזן סוף.

עס זיינען אויך געווען יידן, וואָס האָבן אין די פאַרגאַזעוועטע בונקערס

געזוכט נישט בלויז די גויטיקע לעבנס־מיטלען צו קאָנען דעם טאָג אי־בערלעבן. אויך אין יענע טעג, ווען די טייערסטע אוצרות האָבן פאַרלוירן זייער ווערט, האָבן זיך נאָך געפונען יחידים, וועלכע האָבן געזוכט ביי די פאַרגאַזעוועטע יידן אין די קעשענעס גאָלד און וואַלוטע. זיי האָבן אויך אַראָפּגענומען פון די טויטע, זייגערלעך און רינגלעך. אויב אויף די פיס פון אַ געפאַלענעם זיינען געווען גוטע שטיוול, אָדער שיך, האָט מען זיי אַראָפּגעצויגן און אויפן אָרט אָנגעטאָן. אָבער אויך די רויבער האָבן זיך לאַנג נישט געפרייט מיט זייער אָנגערויבט פאַרמעגן...

אין דעם טיפן עמק הבכא פון מילע 18, אין צענטער פון פיין און ליידן פון עטלעכע הונדערט יידן, מיט זייער שעפּטשענדיקן ריידן און נערוועזע באַוועגונגען פון די הענט אָנגעטאָן ווערטער; צווישן די שווערע מאַטערנדיקע פּראָבלעמען, וואָס יעדע שעה האָט געבראַכט מיט זיך; אין מיטן פון די פאַרשטיקטע געוויינען פון קינדער, קרעכצן פון אַלטע און שוואַכע, שרעק און פאַרלוירנקייט נאָך יעדער ידיעה פון דרויסן און טיפן ציטער פאַרן אייגענעם גורל אין די קומענדיקע מינוטן — אי־בערהאַלב דעם גאַנצן קבויל פון אָנגעשטרענגטע נערוון — האָבן זיך גע־פונען אונדזערע קאַמפּס־גרופּן מיט דער הויפּט־קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע בראש. אַלעמענס צרות זיינען אויך געווען אונדזערע, דאָך האָבן מיר אויך געלעבט מיט גאָר אַנדערע זאָרגן און דאגות. אונדזערע חברים האָבן זיך געפונען אין די זעלבע אונטערער־דישע לעכער און קעלערס, יעדע מינוט איז אונדז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיט דער ציוויל־באַפעלקערונג, ביים רעגולירן די פראַגן פון עסן, שלאָפן, וואַסער, ביים געמיינזאַמען שטרעבן נאָך אַביסל לופט צום אָטעמען, און דאָך איז געווען אַ בולטער אונטערשיד צווישן די קעמפער און דער ציוויל־באַפעלקערונג, אין טראַכטן און פילן, אין אויפפירן זיך און רעאַגירן אויף געשעענישן און דערשיינונגען. איבערהאַלב דער גאַנ־צער פיזיש־צוזאַמענגעבראַכענער מאַסע, האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי גאַנץ באַזונדערע וועלטן פון באַגריפן און איינשטעלונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעדרינגען פון אַ באַשטימטער דערציאונג און וועלט־אַנשויאונג. אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון דער דייטשער אויסראָטונג, איז דאָס בולט געקומען צום אויסדרוק אין די טאָג־טעגלעכע האַנדלונגען פון מענטשן.

אויף יעדן שריט און טריט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די פאַרשידנאַרטי־קייט פון צוויי באַזונדערע מענטשן־טיפּן. פון איין זייט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דעזאָרגאַניזאַציע, אימפּולסיווע אויסברוכן, אינדיווידועלע

אויסרעכענונגען, שרעק פאַרן אייגענעם שאָטן. פון דער צווייטער זייט — אַ גוט־צוזאַמענגעלעבטע מחנה מיט אַ גוט פונקציאָנירנדיקער אָרגאַניזאַ־ציע. קיינער האַנדלט נישט ווי אַ יחיד, נאָר איינער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צווייטן. צו אַלע קאָמפּליצירטע, מאַטערנדיקע פּראָבלעמען און ראַנג־לעניש, גייט מען צו מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש און פון שטאַנדפּונקט פון אַלגעמיינעם אינטערעס.

אויבנאויפיק קאָן זיך דאַכטן, אַז מחמת דעם גרויסן אונטערשיד אין גייסט און מענטאַליטעט צווישן די חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און דער ציווילער באַפעלקערונג, האָט געמוזט גאַנץ נאַטירלעך אַנטשטיין אַ וואַנט צווישן די צוויי מינים מענטשן.

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין בונקער, האָט אָבער געוויזן פּונקט דאָס פאַרקערטע. עס האָט פּאַקטיש געהערשט אַ גענוגנדע קעגנזייטיקע פאַר־שטענדניש פון איין טייל פאַרן צווייטן און עס זיינען נישט געקומען צום אויסדרוק וועלכע עס איז קעגנזאַצן. די אויפפירונג פון די חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, זייער רואיקע האַלטונג אין מינוטן פון אַלגעמיינער פּאַניק און דעזאָרגאַניזאַציע, האָט פיל געשטאַרקט און געמוטיקט די יידן אין בונקער, הגם די אינערלעכע געבראָכנקייט, דאָס געפיל פון פאַר־לירנקייט, באַגלייט מיט פיזישער אויסשעפּונג איז געווען גרויס. דער דאָזיקער צושטאַנד וואָלט אָבער געווען אומפאַרגלייכלעך ערגער, ווען צווישן דער דערשלאָגענער יידישער מאַסע וואָלטן זיך נישט געפונען אונדזערע קאַמפּס־גרופּן. די ציוויל־באַפעלקערונג האָט טאַקע געפילט צו אונדז אַן אומגעהויערע נאָענטקייט. הגם מיר האָבן זיי נישט געקאָנט וועזנטלעך העלפן, האָבן זיי זיך געפילט זיכערער, זייענדיק אין אונדזער כביבה. דער רוב פון די יידן אינעם בונקער איז נישט געווען פעאיק צו קיין שום טאָט, זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערהויבן איבער דער שרעק פאַרן אייגענעם גורל און דעם אייגענעם נפש, אָבער מיט אַכטונג און באַוואונדערונג האָבן זיי געקוקט אויף אונדז, אויף אונדזער קאַמפּס־גרייט־קייט און קעגנזייטיקע סאָלידאַריטעט. די ציוויל־באַפעלקערונג האָט נישט געקוקט מיט קיין ווידערווילן אויף די קעמפער אויך אין אַזעלכע פאַלן, ווען זייער צוזאַמען זיין מיט אונדז, האָט זיי אין אַ געוויסער מאָס באַ־דראָט. אַזוי למשל, האָט מען שטאַרק געלייגט אַכט, מען זאָל אין די אָוונטן, וואָס וויניקער ארויסגיין פון בונקער, ווייל וואָס מער מען דרייט זיך אַריין און אַרויס, אַלץ גרעסער איז די סכנה, אַז אַן אומגעוואונטשן אויג זאָל דערגיין אויף די שפּורן פון בונקער. זיי האָבן טאַקע מורא געהאַט, ווען די

קעמפער האָבן זיך — צוליב זייער קאַמפּס־טעטיקייט — געמוזט אַ סך באַוועגן, אָבער זיי האָבן פּרשטאַנען, אַז עס דאַרף אַזוי זיין. אויך די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעוויזן פיל פאַרשטענדניש פאַר דער ציוויל־באַפעלקערונג, פאַר אירע נויטן און באַדערפענישן.

דער בונקער אויף מילע 18 איז געווען נישט נאָר אַן אָרט פון גרויסע יידישע ליידן און אַ באַזע פון אַ גרויסער צאָל קאַמפּס־גרופּן. דאָרט איז אויך געווען די הויפּט־קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער בונקער אויף מילע 18, איז געווען דער הויפּט־נערוו און דער צענטראַלער פונקט פון דער אויפשטאַנדס־באַוועגונג. פון דאָרט האָבן זיך געצויגן פעדעם צו אַלע קאַמפּס־פּאָזיציעס פון געטאָ. דאָרט אַהין זיינען געקומען די פאַרבינדונגס־מענער און קעמפער איבערגעגעבן באַריכטן פון די באַזונדערע קאַמפּס־אָפּשניטן און פון דאָרט זיינען אַרויסגעגאַנגען אינסטרוקציעס פון דער קאָמענדאַנטור בנוגע דער טאַקטיק אינעם קאַמף, וועגן דעם אַריבערוואַרפן כוחות פון איין אָרט אויפן אַנדערן אאַ״וו.

יעדן אָוונט, גלייך נאָכן צופאַלן פון דער נאַכט, האָט דאָס לעבן אָנגעהויבן דאָרט אינטענסיוו צו פּולסירן. קודם־כל איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די גרופּן־קאָמענדאַנטן, אויף וועלכער יעדער קאָמענדאַנט האָט זיך באַקענט מיטן קאַמפּס־פּלאַן אויף דער געגעבענער נאַכט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער הויפּט־קאָמענדאַנטור. נאָך דער קאָמענדאַנטן־פאַרזאַמלונג זיינען גלייך פאָרגעקומען גרופּן־פאַרזאַמלונגען, אָנגעפירט דורך די באַזונדערע גרופּן־קאָמענדאַנטן. די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען זיינען געווען קורצע. יעדער קאָמענדאַנט האָט דאָרט — אין הסכם מיטן אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער הויפּט־קאָמענדאַנטור — איבערגעגעבן וועגן די קאָנקרעטע אויפגאַבן פאַר יעדן חבר פון זיין גרופּע. נאָך די גרופּן־פאַרזאַמלונגען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג פון די חברים אינעם בונקער און אַ פיבערהאַפט גרייטן זיך צו דערפילן די אויפגאַבן. אַ טייל חברים האָבן גענומען אויף דער גיך רייניקן דאָס געווער, אַנדערע האָבן שוין פאַרענדיקט דאָס צוגרייטן ס׳געווער און גענומען איינפּאַקן אין רוק־זאַק די נויטיקסטע זאַכן פאַרן פערזענלעכן געברויך, אין פאַל, ווען מען וועט אָפּגעשניטן ווערן פון דער באַזע. אַ טייל חברים האָט נאָך רעפּעטירט דאָס געווער און אויסגעפּרוווט, צי אַלץ פונקציאָנירט ווי געהעריק און אַנדערע זיינען שוין געשטאַנען מיטן געווער און רוק־זאַק אויף דער פּלייצע גרייט צום אַרויסגיין צווישן די חורבות.

די אויפגאַבן פון די גרופּן זיינען געווען פאַרשידענע. עס זיינען גע־

זוען גרופּן, וואָס זייער איינציקער ציל איז געווען אויפצוהאַלטן דעם קאָנ־טאַקט צווישן דער הויפּט־קאָמענדאַנטור און די קאַמפּס־גרופּן, וואָס זיינען געווען אין אַנדערע בונקערס מחוץ מילע 18. אַנדערע האָבן געצילט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אויסצוגעפינען קאַנאַלן אויף צו קאָנ־טאַקטירן זיך מיט דער „אַרישער זייט", בכדי צו קאָנען אַהין אַריבערפירן די קעמפער, ווען עס וועט שוין נישט מעגלעך זיין צו פירן אַ קאַמף. ספּעציעלע גרופּן האָבן געהאַט די אויפגאַבע אויפצוזוכן אין די בונקערס פון די חרובע הייזער לעבנס־מיטלען. אַנדערע קאַמפּס־גרופּן האָבן פּאַט־ראָלירט איבער די חורבות, בכדי צו פאַרטשעפּען דייטשע פּאַטראָלן.

די אויפגאַבן פון די קאַמפּס־גרופּן זיינען נישט געווען קיין שטענ־דיקע. בדרך כלל זיינען זיי געוואָרן געביטן און יעדע נאַכט האָט דער קאַמפּס־פּלאַן פאַרגעזען פאַר די באַזונדערע גרופּן אַנדערע אויפגאַבן. אָבער אומאָפּהענגיק פון כאַראַקטער פון דער אויפגאַבע, האָט יעדע גרופּע גע־מוזט פירן אַ באַוואָפנטן קאַמף מיטן שונא, ווייל אויף יעדן אָפּשניט פון דער גרופּע־טעטיקייט, צי דאָס זאָל זיין ביים זוכן לעבנס־מיטלען, אָדער ביים קאָנטאַקטירן אַנדערע גרופּן און ביים זוכן קאַנאַל־וועגן — אומעטום האָט געלויערט דער שונא און ביי יעדער געלעגנהייט, זיינען מיר גע־שטאַנען אין אַ האַרטנעקיגן קאַמף מיט קרבנות אויף בידע זייטן.

דאָס לעבן פון אונדזערע חברים אין בונקער איז געווען אינטענסיוו. איין געשעעניש האָט געיאָגט די צווייטע. יעדער טאָג האָט מיט זיך געבראַנגט אַזוי פיל אויפטרייסלונגען, צוזאַמענבראָכן און אַנטוישונגען, אַז די חושים זיינען נישט געווען בכוח דאָס אַלץ אויפצוכאַפּן. אָפטמאָל האָט מען געהערט וועגן געשעענישן אין דעם זעלביקן טאָג, אין וועלכן זיי זיי־נען פאָרגעקומען און מען האָט נישט געקאָנט זיך פונאַנדערקלייבן, ווען דאָס איז געשען. געשעענישן פון עטלעכע שעה פריער האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען מיט עטלעכע טעג צוריק פאַרגעקומען.

הגם דאָס לעבן פון אַ מענטש האָט נישט געהאַט קיין ווערט, האָט מען אָבער געדענקט אין יעדן חבר, אויף וועלכן אָרט מען זאָל אים נישט האָבן געשיקט. מען האָט נאָכגעפאָלגט די טריט פון יעדער גרופּע אויף איר וועג, בכדי ס'זאָל זיין באַוואוסט איר גורל. דאָס אַלץ איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם אינטים פערזאָנעלן צוזאַמענשטעל פון די גרופּן און דעם געזעלשאַפטלעכן געבוי פון דער אָרגאַניזאַציע. אויך מרדכי אַניעלעוויטש, האָט פיל בייגעטראָגן אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די חברים אויף מילע 18. ער האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפן ביים אויסבילדן גוטע באַצי־

אונגעגן צווישן די חברים און גרופּן פון פּאַרשידענע אידעאישע ריכ־טונגען. ער איז געווען דער לעבעדיקער נערוו און געהאַלטן אין האַנט אַלע פעדעם פון דער גרופּן־טעטיקייט אין בונקער.

אין דעם ענגן און איבערגעפּאַקטן בונקער, וואו מען האָט געדאַרפט קעמפן מיט די עלנבויגנס, בכדי זיך דורכצושטופּן פון איין ווינקל אין צווייטן, האָט מען שטענדיק געזען מרדכין אַרויספּלאָנטערן זיך פון איין קנויל מענטשן און אַריין אין אַ צווייטן. אומעטום האָט ער געמוזט זיין. מיט יעדן חבר איז ער געקומען פּערזענלעך אין באַרירונג און אויפגענומען אַלע ידיעות פון די באַזונדערע קאַמפּס־ערטער. מיט יעדן חבר האָט ער זיך אויך באַראַטן וועגן די לויפנדיקע שוועריקייטן און וועגן דער טאַקטיק אין קאַמף. מרדכי איז געווען פון אַלעמען אָנערקענט און ער האָט געשטאַרקט מיט זיין אָנוועזנהייט.

## פראַנציִשקאַנער 30 — א נאַכט פאַרן אומקום

אין איינעם פון די אומטן האָב איך זיך געפונען אין אַ גרופּע, וועל־כע האָט געהאַט די אויפגאַבע צוצוקומען אויף פראַנציִשקאַנער 30, צו די קאַמפּס־גרופּן, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון בערשטער־שאָפּ אויף שוויענטאָיערסקאַ 32, אַרויסגייענדיק פון מילע 18, האָט דער וועג אונדז געפירט דורך דער לאַנגער און שמאָלער מילע גאַס, וועלכע איז אינגאַנצן געשטאַנען אין פלאַמען. פון ביידע זייטן גאַס, פון די צוויי הייזער־רייען, האָבן זיך אַרויסגעריסן לאַנגע פייער־צונגען, וועלכע האָבן זיך אויפן ברוק פאַראייניקט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך די הענט דערלאַנגט. בלויז אונדזער מאָמענטאַלער דורכלויפן אין מיטן פון ברוק, האָט זיי אויף אַ סעקונדע צעריסן, אויף טייל ערטער האָבן די פייער־כוואַליעס זיך פאַר־אייניקט העכער איבער אונדזערע קעפּ. מיר האָבן זיך געפונען אינגאַנצן אונטער אַ פייערדיקן דאַך, וועלכער האָט פאַר אונדז פולשטענדיק פאַר־שטעלט דעם הימל. אַ מוראַדיקע בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די שמאָלע מילע. קוקנדיק אויף איר גאַנצער לענג, אויף ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט דערגרייכן, איז מער נישט געווען צו זען, ווי פלאַמען, פלאַמען, פלאַמען...

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו מוראַנאָווער פּלאַץ, האָבן די דייטשן פון אַ פינצטערער געגנט אונדז באַמערקט. מיר זיינען געווען באַ־לויכטן, ווי מיט אַ פּראָזשעקטאָר און מיר האָבן זיי נישט געקאָנט זען. אַנ־שטאָט תיכף צו אונדז צו שיסן — ווי עס האָט אין די מערסטע פאַלן פּאַסירט — האָבן די דייטשן צו אונדז געשריגן: שטייט בלייבן! היות מיר האָבן נישט געזען אין וועלכער ריכטונג צו שיסן, האָבן מיר גלייך גע־נומען אַריינלויפן אין אַ האַלב־פאַרברענט הויז. מיר האָבן זיך אויסבאַ־האַלטן אין דער חורבה, צעטיילנדיק זיך צו עטלעכע חברים אויף יעדן אָרט.

נאָך עטלעכע מינוטן, האָבן מיר דערהערט די דייטשע קולות דער־

נענטערן זיך צו אונדז. נאָך אַ רגע און מיר האָבן שוין געהערט זייערע טריט אין דער חורבה באַגלייט מיט אַ געדיכטער שיסעריי אין אַלע זייטן. מיר זיינען געשטאַנען גרייט צו שיסן אויף זיי בלית ברירה, ווען זיי וועלן אונדז דערזען און ווען מיר וועלן שוין נישט האָבן קיין אַנדערן אויסוועג.

בערך אַ האַלבע שעה צייט האָבן זיי אונדז פּאַרטויבט מיט זייער שי־סעריי, מיט קולות און זידלערייען אויף אונדזער אַדרעס. זיי האָבן גע־וואוסט, אַז מיר געפינען זיך דאָ ערגעץ, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט אריינצוגיין אין דער טיף פון דער חורבה. בהדרגהדיק האָט זיך פאַרער־גערט אונדזער לאַגע אין די באַהעלטענישן. עס האָט אונדז געשטיקט דער טשאַד און רויך פון דעם טליענדיקן פייער. אין טייל ערטער האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן צו אונדז פלאַמען פון דעם נאָך ברענענדיקן הויז־פליגל. עס זיינען אויך געפאַלן שטיקער פון די אויסגעברענטע אויבערשטע שטאָקן. מיר זיינען געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו די פאַרהוילטע גליענ־דיקע ציגל־ווענט אינמיטן פון דער חורבה.

די שיסעריי האָט זיך איינגעשטילט. די דייטשן זיינען אַוועק. יעדער איז נאָך געשטאַנען אויף זיין אָרט און געטראַכט: ווער ווייסט צי דער געדיכטער קוילן־הוראַגאַן האָט נישט געטראָפן עמיצן פון אונדזער צע־וואָרפענער גרופּע. ביז איינער האָט נישט געזען דעם צווייטן, האָט ער געטראַכט, אַז ער אַליין לעבט און אַלע אַנדערע זיינען טויט. מיט דער צייט האָבן מיר זיך איינציקווייז אָנגעהויבן צונויפקלייבן. ווען איך און מירא פוכרער זיינען אַרויס פון אונדזער באַהעלטעניש, האָבן שוין גע־וואַרט מרדכי גראוואַס (מערדעק) און פּאַוועל. אַ פּאָר מינוט שפּעטער זיי־נען אָנגעקומען נאָך צוויי חברים, וואָס זייערע נעמען געדענק איך נישט און עס האָט בלויז געפעלט רבקה פּאַסמאַניק (רעבעקאַ). מיר האָבן זי גע־זוכט אַ לענגערע צייט. מיטאַמאָל האָט זי זיך אויך באַוויזן אַ גאַנצע און אומבאַשעדיקטע.

מיר האָבן זיך אַלע צוריק צונויפגענומען, אַ צאָל פון 7 חברים. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אַ טייל דאַרף צוריקגיין אויף מילע 18, דער אַנדערער טייל האָט זיך געלאָזן אין ווייטערדיקן וועג אויף פראַנציסקאַנער 30, אויסמיידנדיק דאָסמאָל דעם מוראַנאָווער פּלאַץ. אַזוי אַרום זיינען מיר דורך הינטער־וועגן און חורבות אָנגעקומען צום געצילטן אָרט.

אָט זיינען מיר אין די גרויסע, לאַנגע קעלערס פון פראַנציסקאַנער 30, אונטער דער ריזיקער געביידע, איבער דער גאַנצער לענג פון דעם גרויסן פּירעקיקן הויף־קאַסטן. די קעלערס האָבן נאָך ערשט נישט לאַנג

גערינט פאַר מאַגאַזינען פון דעם פאַרזאָרג־אַנשטאַלט. פונקט אַזוי ווי זיי זיינען שטענדיק געווען פארפולט מיט צוקער, קאַשע, מעל, קאַרטאָפל, אַזוי זיינען זיי איצט נאָך מער פארפולט איבער די ברעגעס מיט מענער, פרויען און קינדער. עס האָבן זיך בלויז געענדערט די אריינגאַנג אין די קעלערס. זיי זיינען געווען אַזוי פּרעציז פארמאַסקירט, אַז אַפילו פאַר מיר, וואָס איך פלעג דאָרט זיין אַ זייער אָפטער גאַסט, אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָרגאַניזירן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, איז אויך געווען אוממעגלעך צו טרעפן צום אָרט פון דער עפנונג, דורך וועלכער מען קען זיך אַריינקריגן אינעווייניק.

די בונקערס פון פראַנציסקאַנער זיינען געווען אַ זייער וויכטיקער אָפּשניט פון יידישן פיין. דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך די באַאַמטע פון פאַרזאָרג־אַנשטאַלט, פון „יודענראַט״ מיט זייערע פאַמיליעס און קרובים — בערך 5 —6 הונדערט יידן. גלייך ביים אָנקומען אויפן הויף, האָב איך געטראָפן אין אַ ווינקל אַ פאַר יידן, וועלכע האָבן געגראָבן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַ קבר פאַר אַ געשטאָרבענעם ייד. ער איז ממש דערשטיקט געוואָרן נישט האָבנדיק קיין לופט צום אָטעמען. בעת איך בין געשטאַנען און באַטראַכט דעם אופן פון מקבר זיין אַ מת, האָב איך עס פאַרגלייכט מיט דער אַמאָליקער פּיעטעט פאַר אַ טויטן — דער כבוד המת. עס האָבן זיך מיר געשטעלט פאַר די אויגן די אַמאָליקע, נאָרמאַלע צייטן, יידישע לויות מיט דעם טרויער און געוויין פון די קרובים. דאָס אַלץ האָט זיך מיר בשום אופן נישט געלאָזט צונויפפּאַרן מיט דעם, וואָס איך האָב איצט געזען. אין דער גרעסטער איילעניש האָט מען אַריינגעוואָרפן אין קבר אַריין דעם מת אין די זעלבע מלבושים, וואָס ער האָט געטראָגן ביים לעבן. אין געציילטע מינוטן זיינען די פאַר יידן זיך פונאַנדערגעגאַנגען אָן קדיש, אָן געוויין, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

ווען כ'האָב אָנגעהויבן צוריק צו טראַכטן מיט קאַטעגאָריעס פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, האָב איך ערשט געזען, וואָס פאַראַ גרויסע זכיה עס האָט געהאַט דער פאַרשטאָרבענער, און וואָס פאַראַ אומגעהויערע מענטשלעכקייט און העלדישקייט עס האָבן אַרויסגעוויזן זיינע קברנים, אין אָנבליק פון די הונדערטער און טויזנטער זיך וואַלגערנדיקע, איבער די חורבות, דערהרגעטע, געשטאָרבענע און גוססדיקע, וואָס קיינער האָט קיין אַכט נישט געלייגט אויף זייערע קערפּערס, וועלכע זיינען צעפוילט און צעטרעטן געוואָרן דורך די לעבעדיקע מענטשלעכע פיס.

אונטן אין די בונקערס, האָב איך תיכף געפילט, אַז ס'זײַנען ערשט אַ פּאָר טעג אַוועק, ווי דאָס הויז איז פאַרברענט געוואָרן. די ווענט האָבן נאָך געגליט און ס'האָט פון זיי געשלאָגן אַ שרעקלעכע היץ. מענטשן האָבן זיך ממש געפּרעגלט, נישט האָבנדיק קיין שום מעגלעכקייט זיך אָפּצוקילן. ספּעציעל האָבן געליטן אַלטע לייט און נישט איינער פון זיי האָט אויסגעזען ווי אַ נאָענטער קאַנדידאַט צו שטאַרבן. איך האָב דאָרט געטראָפן דעם באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן טוער שמואל ווינטער, וועלכער איז געלעגן קראַנק, כמעט אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד, נישט האָבנדיק קיין מעדיצינישע הילף.

אומפאַרגעסלעך איז געבליבן אין מײַן זכרון דאָס צוזאַמענטרעפן זיך אינעם בונקער מיטן אַלטן פאַרדינסטפולן חבר נייגאָלדבערג. ער איז געוועזן, פאַרן קריג, אַ פירנדיקער חבר פון די לאָדזשער פּועלי־ציון צ"ס. אין וואַרשעווער געטאָ איז ער געווען אַ מיטגליד פון אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און זיך אַקטיוו באַטייליקט אין איר אַרבעט. הגם ער איז געווען שוין אין די עלטערע יאָרן און אויסגעמאַטערט פון די אַלע איבערלעבענישן, האָט ער כמעט נישט גערעדט מיט מיר וועגן דעם אויסזיכטסלאָזן צושטאַנד, וועגן הונגער און סכנות, נאָר דאָס ערשטע האָט אים אינטערעסירט צו הערן ידיעות פון מזרח־פראָנט. מיינענדיק, אַז ביי אונדז אויף מילע 18 איז פאַראַן אַ ראַדיאָ, האָט ער זיך אויסגעפרעגט וועגן אַלע מיליטערישע און פּאָליטישע איינצלהייטן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן קריג. הערנדיק פון מיר, אַז מיר האָבן נישט קיין שום מקור פון ידיעות, האָט ער לויט זײַן אייגענעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין און אינטואיציע, אָנגעהויבן בויען קאָנצעפּציעס וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און געשטעלט האָראָסקאָפּן פאַר דער צוקונפט. גערעדט האָט ער מיט אַזאַ טיפן גלויבן און זיכערקייט וועגן זיג פון דער רויטער אַרמיי, וועגן דער אומפאַרמיידלעכער מפּלה פון היטלעריזם, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרבונדן מיט דעם עפּעס אַ קאָנקרעטע ישועה פאַר אונדז יידן אין געטאָ. אין אָנבליק פון דער אַרומיקער פאַרצווייפלונג, האָב איך באַוואונדערט די גייסטיקע שטאַרקייט פון דעם ייד, וועלכער האָט אַדאַנק זײַן גלויבן אַזוי פיל כוח געהאַט נישט צו לאָזן זיך מיטרייסן פון דער אַרומיקער שוואַכקייט און זיך צו דערהייבן איבער דער פינצטערערווירקלעכקייט. ווען איך האָב זיך אָנגעשלאָסן צו זײַן אָפּטימיזם, באַמערקנדיק אָבער, אַז מיר האָבן נישט וואָס צו רעכענען אויף באַלדיקער הילף, אין רעזולטאַט פון אַן ענ־

דערונג אויף די פראַנטן, האָט ער מיר געענטפערט: עס איז פאַרט לייכטער אומצוקומען מיטן באַוואוסטזיין וועגן דער דייטשער מפּלה.

הגם נייגאָלדבערג האָט שוין געוואוסט, אַז איך האָב נישט קיין ידיעות פון דער וועלט, דאָך האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים אינסטינקטיוו אַ פראַגע: וואָס הערט מען אין ארץ־ישראל? איך האָב אַרויסגעפילט, אַז ער דערוואַרט גאָרנישט קיין ענטפער אויף זיין פראַגע, ער איז אויסן בלויז צו פרעגן וועגן ארץ־ישראל און כאָטש אויף אַזאַ אופן דערנענטערן זיך אין געדאַנק צום לאַנד פון אונדזער בענקשאַפט. מיין צוזאַמענטרעף מיט נייגאָלדבערגן האָט מיך געשטאַרקט און האָט אַנטפּלעקט פאַר מיר די גרויסע וויטאַליטעט, וואָס אונדזער פאָלק פאַרמאָגט. עס איז געווען פאַר מיר די פרייידיקסטע איבערלעבעניש זיך איבערצוציייגן, אַז אין אַזעלכע מינוטן קאָן זיך געפינען אַ ייד און וואַרשיינלעך נישט קיין איינציקער, מיט אַזוי פיל גלויבן און האָפנונג.

באַזוכנדיק די ווייטערדיקע בונקערס פון פראַנציסקאַנער 30, האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם געזעלשאַפטלעכן טוער און פילאַנטראָפּ, דעם פרעזעס פון פאַרזאָרג־אַנשטאַלט ביים „יודענראַט“ געפּנער. אויך ער איז שוין געווען זייער צעבראָכן און דערשעפּט, נישט געהאַט קיין אינטערעס צו מענטשן און צום לעבן, אָבער דאָך איז מיר געלונגען אים אַריינצוציען אין אַ געשפּרעך.

געפּנער האָט מיר איבערגעגעבן אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די אינערלעכע שטרייטן צווישן די דייטשן אין צוזאַמענהאַנג מיטן ליקווידירן דאָס געטאָ. בראַנד, איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון תיכּפדיקער ליקווידאַציע פון געטאָ. קאָנראַד — דער לייטער פון „ווערטעפאַסונג“ — האָט געוואָלט נאָך אויפהאַלטן די עקזיסטענץ פון געטאָ צוליב זיין פערזענלעכן אינטערעס, ווייל דאָס איז געווען פאַר אים אַ קוואַל פון גרויסע פאַרמעגנס. ער האָט געהאַט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט איבער 5 טויזנט יידישע אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין „ווערטעפאַסונג“, וועלכע האָבן אים בסדר אונטערגעטראָגן די שענסטע און בעסטע מתנות. ער האָט געהאַט בשותפות מיט אַ ייד די מיל אויף נאַלעווקי 33 און נאָך אַנדערע מעגלעכקייטן פון רייך ווערן.

נאָך דעם ווי דער אינערלעכער שטרייט ביי די דייטשן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ זיג פון בראַנדן — האָט דערציילט געפּנער — האָט זיך באַלד אין ערשטן טאָג פון דער ליקווידאַציע אָנגעהויבן אַ גרויסע רייוואַליזאַציע צווישן בראַנדן און קאָנראַדן. יעדער פון זיי האָט פריער גע־

זאָלט אויסכאַפּן דעם גרויסן פּראָדוקטן־פאַרמעגן, וואָס האָט זיך געפונען אין די מאַגאַזינען פון פאַרזאָרג־אַנשטאַלט. אַרום 8 אַזייגער אינדערפרי דעם 19טן אַפּריל, האָט קאָנראַד אָנגעקלונגען צו געפּנערן און אים געזאָגט, אַז בכדי צו „פאַרזיכערן" דאָס פאַרמעגן פון פאַרזאָרג־אַנשטאַלט, וועט ער אין אַ שעה אַרום צושיקן לאַסט־אויטאָס אַרויסצופירן די פּראָדוקטן און איינלאַקירן זיי אין די מאַגאַזינען פון „ווערטעפאַסונג". קאָנראַד האָב געפּנערן געמאָלדן, ער זאָל זיין גרייט די פּראָדוקטן אַרויסצוגעבן.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער, האָט בראַנד אָנגעקלונגען צו געפּנערן. בראַנד האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט מורא האָבן. די געשעענישן אין געטאָ האָבן נישט קיין ערנסטע באַדייטונג. דאָס איז בלויז אַ ספּאָראַדישער אַקט קעגן די באַוואָפנטע יידישע „באַנדעס". איבעריקנס, האָט צו פאַרזיכערט, וועט אים, געפּנערן, גאָרנישט געשען. גלייכצייטיק האָט בראַנד אים געמאָלדן, אַז 1 אַזייגער בייטאָג זאָל ער קומען אין „יודענראַט" אויף אַ זייער וויכטיקער זיצונג.

נאָכן אָפּהענגען דאָס טעלעפאָן־טרייבל — האָט געפּנער מיר געזאָגט — האָט איך איינגעזען, אַז נאָך די אַלע באַרואיקונגען און פאַרזיכערונגען, איז דאָס בעסטע זיך אויסצובאַהאַלטן אין בונקער.

עס זיינען אַוועק געציילטע מינוטן און בראַנד האָט אָן שום פריערדיקער אָנמעלדונג, געשיקט לאַסט־אויטאָס און צוגענומען אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געפונען אין מאַגאַזין פון פאַרזאָרג־אַנשטאַלט. ווען קאָנראַד האָט — אין הסכם מיט זיין פריערדיקער מעלדונג — צו דער באַשטימטער צייט געשיקט זיינע אויטאָס אַרויסצונעמען דאָס פאַרמעגן, האָט ער שוין געטראָפן אַ פּוסטן מאַגאַזין. אין דעם גייעג צו פאַרכאַפּן אַזאַ פעט פאַרמעגן, איז בראַנד, ווייזט אויס געווען פיל געשיקטער פאַר קאָנראַדן.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 1 אַזייגער בייטאָג, ווען מען האָט גערופן געפּנערן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע מיטגלידער פון „יודענראַט" אויף אַ דרינגענדער „זיצונג", האָט מען ליקווידירט די יודענראַטלער צוזאַמען מיט דער יידישער פּאָליצי. אַ טייל האָט מען גלייך דערשאָסן און פאַרברענט די קערפּערס אויפן הויף פון „יודענראַט" און אַ טייל האָט מען אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע.

מיין צוזאַמענטרעף מיט די קאַמפּס־גרופּן פון בערשטער־שאָפּ, אויף פּראַנצישקאַנער, איז געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש. צום ערשטן מאָל זינט דעם אויסברוך פון דעם אויפשטאַנד, האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט די „דרור"־חברים פון הענעך גוטמאַנס קאַמפּס־גרופּע, מיט וועלכע

איך בין געווען שטאַרק פֿאַרבונדן נאָך בעתן געמיינזאַמען זיין אין קיבוץ אויף דזשעלנע 34. דאָס איז געווען די גרופּע, וואָס האָט צום אַקטיווסטן געקעמפֿט אויפֿן געביט פֿון בערשטער־שאָפּ. נאָך פֿאַרן צוריקציען זיך אויף פֿראַנציסקאַנער, האָבן זיי דערהרגעט טעלעכע צענדליק דייטשן דורך אַ מינען־אויפֿרייס.

דאָרט האָב איך זיך אויך געטראָפֿן מיט דער גרופּע פֿון לינקע פּועלי־ציון, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון הערש בערלינסקי. איך בין געקומען אין באַרירונג מיט די קעמפֿער פֿון „בונד״ און פֿון פּפּ״ר. מיט אַלעמען איז די טרעפֿונג געווען אַ האַרציקע. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק געטיילט מיט ידיעות און איינדרוקן. איך האָב זיי איבערגעגעבן וועגן לעבן אויף מילע 18, וועגן אונדזער קאַמפּס־טעטיקייט און פּלענער. צוריקגייענדיק אויף מילע 18, האָב איך געהאַט פֿאַר זיך אַ קלאָר בילד וועגן דעם אַלגעמיינעם ייִדישן צושטאַנד אויף פֿראַנציסקאַנער, וועגן דעם וויכטיקן טייל פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך דאָרט געפֿונען און איר קאַמפּס־טעטיקייט.

פּונקט אויף צומאָרגנס נאָך מיין פֿאַרלאָזן פֿראַנציסקאַנער 30, האָט זיך אָנגעהויבן דער דייטשער אָנגריף אויף די דאָרטיקע בונקערס און דער גרויסער ווידערשטאַנד פֿון די קאַמפּס־גרופּן. די געציילטע פֿאַר חברים, וואָס זיינען אַרויס לעבעדיק פֿון דער דאָרטיקער שלאַכט, מיט מאַרעק עדעלמאַנען בראָש, האָבן זיך באַזעצט אין בונקער אויף פֿראַנציסקאַנער 22, נאָכדעם האָט עדעלמאַן באַזוכט מילע 18 און איבערגעגעבן, אַז די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט פֿראַנציסקאַנער 30, זיך אַריינגעריסן דורך איין אַריינגאַנג פֿון בונקער, דורך וועלכן זיי האָבן אַריינגעשאָסן און געוואָרפֿן גראַנאַטן. מאַמענטאַל — האָט מאַרעק איבערגעגעבן — האָבן אַ טייל קעמפֿער זיך געוואָרפֿן צו דעם אָפֿענעם אַריינגאַנג און געעפֿנט אַ געדיכטע שיסעריי. אין דער זעלבער צייט איז אַן אַנדערער טייל קעמפֿער אַרויס פֿון בונקער דורך אַ צווייטער, דורך די דייטשן נאָך נישט אַנטדעקטער עפֿענונג און האָבן אויפֿן הויף אונטער די פּלייצעס פֿון די דייטשן, זיי באַוואָרפֿן מיט גראַנאַטן און קוילן. עס האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ שלאַכט. די דייטשן האָבן זיך געפֿונען צווישן צוויי פֿייערן — צווישן דעם פֿייער, וואָס האָט זיך אויף זיי געלאָזט פֿון בונקער אַרויס, און פֿון דער אָנגרייפֿנדיקער קאַמפּס־גרופּע אויפֿן הויף. עס זיינען געפֿאַלן קרבנות פֿון ביידע זייטן. דער שונא האָט אין דעם טאָג נישט באַוויזן דעם בונקער איינצונעמען און זיך צוריקגעצויגן. מיטנעמענדיק מיט זיך די געפֿאַלענע, און צומאָרגנס

געקומען מיט פאַרשטאַרקטע כוחות. ווידער האָבן זיך די דייטשן צוגעריסן צו די עפנונגען פון בונקער. אויפסניי האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביסענער קאַמף. דאָסמאָל האָבן די דייטשן אַריינגעלאָזט אין בונקער אַריין גאַז און דאָס האָט אוממעגלעך געמאַכט דעם ווייטערדיקן קאַמף. אין דער שלאַכט זיינען געפאַלן די חברים פון „דרור" — דבורה באַראַן, צבי עדעלשטיין, צפורה לערער. שווער פאַרוואונדעט איז געוואָרן דער קאָמענדאַנט פון דער „דרור"־גרופע הענעך גוטמאַן. זייער העלדיש איז געפאַלן דער „דרור"־חבר — אַברהם אייגער, ער איז געווען שווער פאַרוואונדעט און די דייטשן האָבן אים אויפגעפאָדערט, ער זאָל זיך אונטערגעבן. אויף דעם האָט זיי אברהם אייגער געענטפערט: „מערדער! מיר ייִדן פאַלן פון אייערע פאַרברעכערישע הענט, אָבער איר וועט ווי הינט אומקומען פון דער גע־רעכטיקייט פון דער וועלט". די דייטשן האָבן אים גלייך דערשאָסן. זייער העלדיש זיינען דעמלט געפאַלן אברהם דיאַמאַנט פון בערלינסקיס גרופע, בריל־אַנטשטיין און בערעק פון „בונד".

עס איז מיר שווער געווען משלים צו זיין, אַז די מענטשן, וואָס איך האָב ערשט מיט אַ טאָג צוריק געזען, זייענדיק אויף פראַנצישקאַנער, זיינען שוין מער נישטאָ. עס זיינען נישטאָ די מענטשן פון הענעך גוטמאַנס גרופע. זיי האָבן צוליב חברישער צוגעבונדנקייט מיך געוואָלט פאַרהאַלטן ביי זיך אויף נאָך אַ טאָג און בלויז צוליב דעם צופאַל, וואָס איך האָב זיך נישט געלאָזן פאַרהאַלטן לענגער, האָב איך נישט געטיילט זייער גורל.

עס איז נישטאָ מער נייגאָלדבערג, שמואל ווינטער, אברהם געפּנער און אַנדערע.

פון פראַנצישקאַנער 30 איז אויך אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַ טויט־לאַגער ד"ר טולא־ניסענבלאַט — דער באַוואוסטער פאָרשער פון דער הערצל־תקופה, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן אַ סך יאָרן אַרבעט איבער דער געשיכטע פון ציוניזם און אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי ווערק. ד"ר טולא־ניסענבלאַט האָט געהאַלטן אינמיטן פון אַ גרויסער אַרבעט איבער דער הערצל־ביאָגראַפיע און געהאַט אַ ווערטפולן אַרכיוו פון דאָקומענטן און מאַטעריאַלן אויף דעם געביט. ווען איך בין געגאַנגען צווישן די חורבות פון נאַלעווקעס, אויפן וועג צו פראַנצישקאַנער, האָב איך געהערט עפּעס אַ קול, וואָס רופט מיך. דאָס איז געווען ד"ר ניסענבלאַט, מיט וועלכן איך האָב זיך נאָך באַקענט אין די רואיקערע געטאָ־צייטן, ביים ווערבירן אים אַלס אַ לעקטאָר פאַר איינעם פון די געהיימע סעמינאַרן פון „דרור". ער האָט מיך דערקענט צווישן די חורבות ביים אָפּשיין פון אַ נאָענטן

ברענענדיקן הויז. ער איז געווען אין אַ זייער פאַרצווייפלטער לאַגע, נאָכן אַנטלויפן פון זיין ברענענדיק הויז אויף מוראַנאָווסקע 44. געוואָגלט צווישן הורבות און נישט האָבנדיק וואו אַריינצוגייין, איז ער געווען ממש גליקלעך, וואָס ער האָט מיך געטראָפן. מיט דעם צופעליקן צוזאַמענטרעפן האָט ער פאַרבונדן די האָפנונג, אַז איך וועל אים ערגעץ געבן אַן אָרט, וואו זיך צו שיצן.

זעענדיק, אַז ער טראָגט מיט זיך אַ שווערע וואַליזקע, האָב איך אים געראָטן, אַז ער זאָל די וואַליזקע אַוועקוואַרפן, ווייל אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווען דאָס מענטשלעכע לעבן האָט נישט קיין שום ווערט, האָט אַוודאי נישט קיין זין זיך אָפּצוהיטן מאַטעריעלע ווערטן. אַלס ענטפער האָט ער מיר געוויזן, אַז דאָס טראָגט ער דעם גאַנצן אַרכיוו, וואָס איז אים נויטיק צו זיין הערצל־פאָרשונג. עס גייט אים נישט — זאָגט ער — אין זיין לעבן, עס גייט אים קודם־כל, אַז דער אַרכיוו זאָל ווערן אָפּגעראָטעוועט פאַר די שפּעטערדיקע דורות.

זיין גרויסע זאָרג פאַרן אַרכיוו איז מיר געווען אַ באַווייז פון דער מסירת נפש, וואָס יידן וויזן אַרויס, אויך אין טעג פון אומקום,ביים אָפּהיטן אונדזערע גייסטיקע אוצרות.

איך האָב פון אים גענומען די וואַליזקע, בכדי אים לייכטער צו מאַכן זיין וועג און מיר האָבן געשפּאַנט ווייטער. אויף פראַנציסקאַנער 30 האָב איך אים געשאַפן אַן אָרט אין אַ בונקער. לײדער איז זיין פרייד נישט געווען אויף לאַנג. אַ טאָג שפּעטער, איז ער פון דאָרט אַרויסגעפירט געוואָרן און האָט נישט זוכה געווען דעם הערצל־אַרכיוו אָפּצוראַטעווען.

# 1־טער מאי אין אויפשטאנד

דאָס איז געווען סוף אַפּריל 1943. דער אויפשטאַנד איז דערגאַנגען צום העכסטן פּונקט. די שרפות האָבן אָפּגעווישט יעדן סימן פון די אַמאָליקע הייזער און גאַסן. די ערד איז שוין געווען פולשטענדיק אויפגעאַקערט פון די אומאויפהערלעכע אויפרייסן פון באָמבעס. חורבן, טויט, פאַרוויסטונג, האָבן אומעטום באַגלייט די יידישע קעמפער, וועלכע האָבן צווישן די רויכערנדיקע חורבות און טריפנדיקן בלוט שוין פאַרגעסן, אַז ערגעץ־וואו איז נאָך פאַראַן אַ וועלט, אַ לעבן...

ווען כ׳בין נאָך געווען אויף מילע 29, האָט אונדז די געהיימע פּוילישע ראַדיאָ־סטאַציע „שוויט״, אין דער נאַכט פון 23טן אויפן 24טן אַפּריל צווישן געגעבן, אַז ס׳דערנענטערט זיך דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־יום־טוב, דער 1טער מאַי. ווי אַ ווייטער און פרעמדער אַנאַכראַניזם האָט דאָס ביי אונדז אויסגעזען אין אָנבליק פון אונדזער אונטערגייענדיקער וועלט. דער געדאַנק פון אַ יום־טוב פון פרייהייט און פעלקער־פאַרברידערונג, האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ דיסאָנאַנס צו אונדזער שוידערלעכערווירקלעכקייט. דאָך האָבן זיך אויף אַ קורצער ווײַלע דערוועקט געפילן פון דערהויבונג און די געדאַנקען זײַנען געלאָפן צוריק צו יענע יאָרן, ווען מיר האָבן זיך באַטייליקט אין די גרויסע 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס. פאַר די אויגן האָבן זיך געשטעלט בילדער פון מאַרשירנדיקע מחנות, אין אַ ים פון רויטע פענער, מיט צעשטראַלטע פנימער און צעזונגענעם גלויבן אינעם מאָרגן. און וואָס פרייִדיקער די דערינערונגען, אַלץ מער האָט דאָס ביטערע געפיל געדריקט אויפן האַרצן און נישט געלאָזט פאַרגעסן אין דעם בלוטיקן אַרום.

נאָך דער דעמאָלטיקער ראַדיאָ־אַודיציע, זײַנען אַוועק טעג און נעכט מיט זייערע געשעענישן און געראַנגל. אינצווישן האָבן מיר זיך צוריקגעצויגן פון מילע 29 און פאַרלוירן דעם איינציקן קאָנטאַקט מיט דער וועלט— דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. מיר זײַנען ווײַטער אַבסאָרבירט געוואָרן פון די טאָגטעגלעכע אויפגאַבן, אָבער דאָך האָט מען געדענקט און געציילט יעדן טאָג, וואָס טיילט אונדז נאָך אָפּ פון אַרבעטער־יום־טוב.

אינעם בונקער אויף מילע 18, האָבן מיר געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אויף אונדזער אופן, אין אונדזערע באַדינגונגען, צו פייערן דעם 1טן מאַי. אונדזער אָנפירערשאַפט האָט באַשלאָסן צו פייערן דעם טאָג מיט אַ פאַרשטאַרקטן אַנגריף קעגן שונא.

ביז איצט פלעגן מיר אָנפאַלן אויף דייטשע גרופּן בלויז ביינאַכט. דעם 1טן מאַי, זיינען מיר צום ערשטן מאָל אַרויס אין קאַמף ביי טאָג. דאָס איז געווען אויף נאַלעווקי 47. לאַנגע שעהן זיינען מיר געשטאַנען אין אַ פּוסטן חלל, צווישן איינגעפאַלענע חורבות, נישט האָבנדיק קיין וואַנט זיך צו שיצן. די שונאים האָבן זייער ווייט געדריעט ווי בייזע פליגן צווישן די חורבות. זעענדיק פון דערווייטנס אונדזערע אייזערנע העלמען און איינעם מיט אַ ביקס, האָבן די מערדער געמיינט, אַז מיר זיינען דייטשן. זיי האָבן זיך אויך נישט פאַרגעשטעלט, אַז יידישע קעמפער זאָלן אין מיטן העלן טאָג זיך געפינען אויף דער אויבערפלאַך. זייער טעות האָט אונדז דעריבער דערמעגלעכט אויסצופירן אונדזער געפּלאַנטן אַנגריף.

אין אַ פּאַסיקן מאָמענט האָבן אונדזערע קוילן געגעבן די דייטשן צו פילן, ווער מיר זיינען. יצחק סוקניק („קאַזאַ"), (השומר־הצעיר), האָט מיט זיין ביקס געצילט צו אַ גרופּע דייטשן און עס זיינען געפאַלן פון זיי דריי, (נישט באַוואוסט צי אַלע טויט). די איבעריקע שטאַרק איבערראַשט פון דעם סיורפּריז, האָבן זיך צוערשט פאַרלוירן, און דערנאָך אָנגעהויבן אַ געיעג אויף אונדז פון אַלע זייטן. מיר האָבן זיך געדרוקט אין דער ריכטונג צו אונדזער באַזע אויף מילע 18. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און שווערער. צוליב דעם געדיכטן קוילן־הוראַגאַן, איז אויסגעקומען צו וואַלגערן אַ גאַנצן טאָג צווישן חורבות ביז עס איז צוגעפאַלן די נאַכט.

אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן אין אַ חורבה אַ פּאָר יידן, וועלכע זיינען געגאַנגען זוכן עפּעס צו עסן. ווען זיי האָבן אונדז דערזען פון דערווייטנס און געהערט אונדזער יידיש־רעדן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען פאַר דייטש, האָבן זיי גענומען אַנטלויפן אין פּאַניק. ס'האָבן נישט געפועלט אַלע אונדזערע באַרואיקונגען. וואָס מער מיר זיינען זיי נאָכגעלאָפן אַלץ זיי געוואָלט איבערצייגן אין אונדזער יידישקייט, אַלץ מער אומצוטרוי און חשד האָבן זיי געהאַט. צום סוף האָט מערדעק איינעם אָנגעכאַפּט און געוויזן דעם ייד, אַז ער איז אויך אַ ייד... ערשט דאַן האָט דער ייד זיך באַרואיקט.

אין אָוונט איז די קאַמפּס־גרופּע בשלום צוריקגעקומען אויף מילע 18. מיר זיינען געווען גליקלעך, וואָס אויך מיר האָבן דעם 1טן מאַי געפּייערט, ווי עס פּאַסט פאַר יידישע קעמפער.

# ערב דעם סוף

אין דער דריטער וואָך פון אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן די ערגסטע תקופה אין לעבן פון די קעמפער. דאָס גאַנצע געטאָ איז שוין געווען איין גרויסע חורבה. ס'איז נישט געווען קיין איין גאַנצע מויער, הינ־טער וועלכער מען זאָל זיך קאָנען דעקן ביי אַ צוזאַמענשטויס מיטן שונא. די פאַרפולטע בונקערס מיט יידן זיינען איינציקווייז אַנטדעקט גע־וואָרן דורך די דייטשן און אויך דער בונקער, דאָס איינציקע רעטונגס־אָרט און קאַמפּס־באַזע — האָט פאַרלוירן זיין ווערט. עס איז שוין בוכ־שטעבלעך נישט געווען קיין איין טראָפּן וואַסער און קיין לעבנס־מיטל. מען האָט געפילט, אַז די שטריק פאַרציט זיך אַלץ מער אַרום דעם האַלדז.

בבדי אַרויסצוציען די לעצטע רעשטלעך יידן פון די בונקערס, האָבן די דייטשן, ווי געווייינלעך, געלאָזן אין גאַנג זייער אָפּנאַרונגס־טאַקטיק. פון צווישן די געכאַפּטע יידן האָבן די דייטשן אויסגעקליבן די אַממערסטן צוזאַמענגעבראָכענע און רעזיגנירטע, די אַממערסטן פיזיש און פסיכיש דערשעפּטע, וועלכע האָבן שוין נישט געהאַט קיין אייגענעם ווילן און קיין מענטשלעכע ווירדע — און זיי גענומען לאָקן מיט זיסע הבטחות. די דייטשן האָבן צוגעזאָגט צו שענקען זיי דאָס לעבן און דער עיקר האָט מען זיי פאַרנאַרט מיט אַ שטיקל ברויט — יאָ, אַ שטיקל ברויט, דער שענסטער טרוים כאָטש איינמאָל זיך אָנעסן — פאַרן פרייז פון אויסזאָגן וואו עס געפינען זיך בונקערס מיט יידן. די דייטשע פּערפידיע האָט אויך אין דעם פאַל געבראַכט די דערוואַרטעטע רעזולטאַטן. אַן די יידישע מוסרים, וואָלט פאַר זיי שווערער געווען דערגיין צו די שפורן פון די גוט־פאַרמאַסקירטע בונקערס. נאָר צוליב דעם, וואָס די מוסרים האָבן אַרומגעפירט די דייטשן פון בונקער צו בונקער — איז זיי געלונגען צו אַנטדעקן דעם גרעסטן רוב בונקערס, צווישן זיי די סאַמע גרעסטע. און בלויז קליינע אויסנאַמען זיינען געווען, ווען אַ בונקער האָט אויסגעמיטן

דעם דאָזיקן גורל. די מוסרים זיינען אויך ליקווידירט געוואָרן אָן שום רחמנות, אָבער נישט פריער, ביז זיי האָבן אָפּגעטאָן זייער אַרבעט.

ווען די דייטשן האָבן אויפגעבראָכן די פאַרמאַסקירטע עפנונגען פון די בונקערס, פלעגן זיי מורא האָבן דאָרט אַהין אַריינצוגיין. זיי האָבן צוערשט אַריינגעשיקט אַ ייד, וועלכער האָט אַפּעלירט אין יידיש, אַז אויב די יידן וועלן אַרויסגיין און זיך איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשן, וועט זיי נישט געשען קיין שלעכטס, זיי וועלן בלויז פאָרן אויף אַרבעט. ווען די אויפפאָדערונג פון דעם יידישן מסור האָט נישט געפועלט, האָבן די דייטשן אַריינגעלאָזן אין די בונקערס גאַז און אַלע זיינען אומגעקומען אין שרעקלעכע מאַטערנישן. די גרופן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, פלעגן גלייך ביים באַווייזן זיך פון דעם אַריינגעשיקטן ייד, אַרויס אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן פון בונקער און אָנגרייפן די דייטשן. עס האָבן זיך פאַרפירט שווערע קאַמפן. אין יענע בונקערס, וואו קיין גרופן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זיינען נישט געווען, איז זעלטן געשאָסן געוואָרן צו די דייטשן, הגם כמעט אין יעדן בונקער איז געווען געווער. אַ סך יידן האָבן אָנגעגרייט געווער, נישט צום אַקטיוון קאַמף, נאָר צו פערזענלעכער פאַרטיידיקונג. ליידער איז דאָס דאָזיקע געווער אין אַ גרויסער מאָס נישט געוואָרן אויסגענוצט, ווייל קעגן די דייטשע גאַז־באָמבעס און גראַנאַטן, איז שווער געווען וועלכע עס איז נישט־אָרגאַניזירטע און אַפילו אינדיווידועלע פאַרטיידיקונג. שוין אָפּגערעדט, אַז די גרויסע דעזאָריענטאַציע און פאַרלוירנקייט צווישן דער ציוויל־באַפעלקערונג, האָט פסיכיש ביז גאָר שווער געמאַכט אַ פאַרטיידיקונג פון די נישט אָרגאַניזירטע יידן.

אויף מילע 18 האָט מען זיך געריכט אויף אַ גיכן אומקום. נאָכדעם, ווי עס איז נישט דורך קיין איין טאָג, אַז עס זאָלן נישט פאַרגאַזעוועט ווערן אַ געוויסע צאָל בונקערס און צווישן זיי גוט־פאַרמאַסקירטע, האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט די מיינונג ביי אַלעמען, אַז אַפילו אַזאַ גוטע פאַרמאַסקירונג, ווי עס האָט מילע 18, גיט אויך נישט קיין האָפנונג אויף ניצו־ווערן און די אַנטדעקונג פון בונקער איז אומפאַרמיידלעך. די איינציקע האָפנונג אונדזערע איז נאָך געווען, אַז וואַרשיינלעך וועלן די דייטשן נישט אַנטדעקן אַלע פינף אַריינגענג אין בונקער, נאָר העכסטנס איינעם, אָדער צוויי. דאָס וועט אונדז געבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיין דורך די אַנדערע עפנונגען און אין דרויסן אָנגרייפן דעם שונא.

אויך פאַר דער ציוויל־באַפעלקערונג איז דאָס געווען אַ גרויסע האָפנונג. די דאָזיקע האָפנונג איז אָבער געווען געפּאָרט מיט אַ סך ספקות

און אומלעזבאַרע פראַגן. ביי די קאַמפּס־גרופּן איז דאָס אַרויסקריכן זיך פון בונקער געווען בלויז אַ מיטל, בכדי אָנצוהויבן אַ קאַמף מיטן שונא, זייענדיק דערביי זיכער, אַז אין דעם קאַמף וועט מען אומקומען. פאַר דער ציוויל־באַפעלקערונג האָט זיך אָבער געשטעלט די האַרבע פראַגע: וואָס ווייטער? וואו וועלן זיך אַהינטאָן אַזוי פיל מענטשן, פרויען און קינדער, אונטערן פרייען הימל, צווישן בלויז חורבות, נישט האָבנדיק קיין דאַך איבערן קאָפּ און קיין ווינקל, וואָס זאָל באַשיצן פון אומקום? קיינער האָט אויף די דאָזיקע פראַגן נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער. פאַר יעדן איז געווען קלאָר, אַז אַפילו אויב מען וועט אויסמיידן פאַרגאַזעוועט צו ווערן אין בונקער, וועט דער טויט קומען יעדע מינוט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

די געשעענישן האָבן נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן וועגן די פּראָבלעמען פאַר דער גאָר נאָענטער צוקונפט. פּלוצלונג האָבן די אַלע שוואַרצע פאַרויסזאָגונגען אָנגעהויבן צו ווערן אַ ווירקלעכקייט.

געווען איז עס פרייטיק, דעם 7טן מאַי, אַרום דריי באַכמיטאָג אין בונקער האָט מען געהערט אַ גרויסע באַוועגונג פון דייטשן אויבן אויף די חורבות. מיר האָבן געהערט זיי גיין אַהין און צוריק. דאָס געטופּעריי מיט די פיס און געקלאַפּערייען מיט פאַרשידענע מכשירים איז געווען אַזוי גרויס, אַז פון סופיט האָבן זיך אויף די קעפּ געשיט שטיקער קאַלך און זאַמד. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרמאָסטן דורכצוהאַקן לעכער בכדי אַריינצוקריכן זיך אין בונקער.

די לאַגע אינעווייניק איז געוואָרן ערנסט און געשפּאַנט ביז גאָר. פאַר די אויגן פון יעדן איינעם האָט זיך באַוויזן אַ בילד פון דעם בונקער, ווי ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויס מאַסן־קבר. יעדער האָט זיך געזען, ווי ער ליגט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פאַרגאַזעוועט. קיינער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון די געשפּענסט־בילדער. די קאַמפּס־גרופּן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַלע פינף עפענונגען פון בונקער, אָנגעשטעלט דאָס געווער צו שיסן אין פאַל, ווען די דייטשן וועלן זיך נאָר באַווייזן. די ציוויל־באַפעלקערונג איז געלעגן כמעט אָן אָטעם, מיט געשטיקטע געוויינען און אויפגעציטערט ביי יעדן אָפּהילך פון די דייטשע טריט אין דרויסן. פרויען האָבן אין דער שטיל געשעפּטשעט תפילות און עלטערע יידן האָבן געזאָגט וידוי. די מאַמעס האָבן פאַרדעקט די קינדערישע קעפּלעך מיט גראָבע טיכער, בכדי צו פאַרשטיקן זייערע געוויינען.

די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן. עס איז פאַרביי אַ האַלבע

שעה, אַ שעה און צוויי און מען זעט נאָך נישט קיין סוף פון די דייטשע זוכענישן צווישן די דרויסנדיקע חורבות. דער פאַקט, וואָס עס דויערט אַזוי לאַנג און די דייטשן האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אַריינצוקריגן אינעווייניק, האָט געגעבן אַ האָפנונג, אַז מסתמא וועלן זיי נישט קאָנען דערגיין צו די גוט־פאַרמאַסקירטע עפענונגען. אָבער כל־זמן מען הערט נאָך זייערע טריט, האָט מען געוואוסט, אַז די געפאַר איז נאָך נישט פאַרביי.

די געשפאַנטע לאַגע האָט געדויערט דריי שעה. אַרום 6 פאַרנאַכט זיינען די דייטשן אַוועק. דער עולם האָט ערשט אָנגעהויבן פרייער צו אָטעמען און ס׳איז אַריינגעטראָטן אַן אָנטשפּאַנונג. ס׳איז אָבער נישט געווען פאַר אונדז קלאָר, מיט וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן די דייטשן זיינען אַוועק. מיר האָבן נישט געוואוסט: צי זיי זיינען סוף כל סוף דערגאַנגען צו די שפּורן פון די אַריינגענג און זיי זיינען בלויז אַוועק צוליב דער שפּעטער שעה, אָדער זיי זיינען אַוועק, נישט דערוויסנדיק זיך גאָרנישט וועגן אונדזער בונקער.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דאָס ערשטע איז גאַנץ וואַרשיינלעך, האָט מען זיך געריכט, אַז אויף צומאָרגנס וועלן זיי ווידער קומען און וועלן דעם בונקער פאַרניכטן.

אין דעם זעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון דער הויפּט־קאָמענדאַנטור אויף וועלכער עס איז ערנסט באַטראַכט געוואָרן די מעגלעכקייטן און מיטלען אַרויסצוציען זיך פון דעם בונקער נאָך אין פאַרלויף פון דער זעלבער נאַכט, ווייל מיטן אָנקום פון טאָג, ווערט פאַרלוירן יעדע מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן פון איין אָרט אויפן צווייטן.

היות מיר האָבן געהאַט אַ ידיעה, אַז אויף סמאָטשע־גאַס געפינט זיך אַ קאַנאַל־עפנונג, דורך וועלכע מען קאָן פּרווון זיך דורכצורייסן אויף דער „אַרישער זייט״, איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז נאָך אין דער זעלביקער נאַכט דאַרף אַרויסגיין אַ גרופּע חברים אויספאָרשן די מעגלעכקייט צוצוקומען צום קאַנאַל. אויב ס׳איז יאָ פאַראַן אַ מעגלעכקייט זיך אַריינצוקריגן אין קאַנאַל, — דאַרפן אַ פּאָר חברים מיט אַן „אַרישן״ אויסזען אַרויסגיין אויף דער „אַרישער זייט״. דאָרט דאַרפן זיי זיך פאַרבינדן מיט יצחק צוקערמאַן — דעם דעלעגאַט פון דער ידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע ביי דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, בכדי צו אָרגאַניזירן הילף פאַר די נאָך ביים לעבן־געבליבענע קעמפער, און ווי זוייט מעגלעך פאַר יידן בכלל. די איבעריקע חברים פון דער גרופּע האָבן געדאַרפט וואַרטן אין קאַנאַל ביז זיי וועלן באַקומען אַ ידיעה פון די ערש־

טע, אַז זיי קאָנען צוריקגיין אויף מילע 18 מעלדן די דאָרטיקע קאַמפּס־גרופּן וועגן די מעגלעכקייטן צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ.

גלייכצייטיק מיט דער גרופּע, וואָס איז געגאַנגען צו דער סמאָטשע־גאַס, איז אין דער זעלבער נאַכט אַרויסגעגאַנגען צביה לובעטקין און חיים פרומער אויף פראַנציסקאַנער 22. אין דאָרטיקן בונקער איז געווען אַן עפנונג פון אַ קאַנאַל. דער ציל פון זייער שליחות איז געווען צו ווירקן אויף די אייגנטימער פון בונקער, זיי זאָלן אַריינלאָזן אַ געוויסע צאָל קעמפער אין קאַנאַל אַריין.

מיט דער זעלביקער מיסיע, איז אין יענע נאַכט פון 7טן מאַי אַרויסגעגאַנגען דורך אַן אַנדערן וועג: פאַוועל, יצחק סוקניק, לילקאַ זטזימאַק, העלע שיפער און אַנדערע. נאָכן אַרויסגיין אויף דער „אַרישער זייט" זיינען זיי אַלע אומגעקומען, בלויז העלע שיפער איז געבליבן לעבן.

ביים באַשלוס אויסצופּרוון די מעגלעכקייטן אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער „אַרישער זייט" דורך די קאַנאַלן פון סמאָטשע און פראַנציסקאַנער, איז אויפגעקומען נאָך אַ פאָרשלאָג, אַז אויב די אויבנדערמאָנטע פּרוון צו געפינען קאַנאַלן אויף אַ ריקצוג וועלן זיך ענדיקן אַן רעזולטאַטן, דאַרף מען צונויפזאַמלען אַלע קאַמפּס־גרופּן אויף איין אָרט, אויך די, וועלכע געפינען זיך נישט אויף מילע 18, נאָר זיי זיינען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע קלענערע בונקערס. אין דעם פאַל, וואָלט מען געקאָנט אָרגאַניזירן אַ מאַרש פון אַ פּאָר הונדערט באַוואָפנטע מענטשן כדי צו שטורמען די געטאָ־מויערן, הרגענען די דייטשע וואַך און אַרויסקריגן זיך אויף דער „אַרישער זייט". דער פאָרשלאַג האָט אין אַכט גענומען, אַז אויף דעם אָרט, וואו מיר וועלן נאָר באַשטימען דורכצופירן דעם גענעראַל־אָנגריף, וועלן מיר האָבן אַן איבערגעוויכט איבערן שונא אין דער צאָל פון מענטשן, נאָך דערצו ביינאַכט, ווען אויף די דייטשע וואַך־פּאָסטנס געפינען זיך מאַקסימום צו 5—10 דייטשן. דאָס באַווייזן זיך פון אַזאַ גרויסער מחנה מיטאַמאָל, וועט באַזונדערס ווירקן דעמאָראַליזירנדיק אויפן שונא. פאַר די אָנהענגער פונעם פאָרשלאַג איז געווען קלאָר, אַז ביים דורכפירן אַזאַ מאַרש צו די געטאָ־מויערן, וועט זיכער די גרעסטע מערהייט פון אונדזערע חברים פאַלן, אַז דער קאַמף וועט זיך צעפלאַקערן אויפן וועג, נאָך איידער מיר וועלן באַווייזן צוצוקומען צו די מויערן און אפשר בלויז אַ פּאָר יחידים וועט געלונגען זיך דורכצורייסן צו דער „אַרישער זייט".

קיינער האָט נישט אָפּגעלייקנט, אַז דאָס איז אַן אוואַנטוריסטישע אונטער־

נעמונג, וואָס נאָר אין אַזאַ אויסזיכטלאָזער לאַגע קאָן מען זיך אויף איר דערלויבן.

וואָס מער מען האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מער האָבן זיך אַרויס־געררוקט שוועריקייטן, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן. מיר האָבן זיך אַרומגעזעצן, אַז אַפּגעשוואַכטע און דערשעפּטע חברים מיט ווייניק אַמוני־ציע וועלן גאַרנישט קאָנען אויפטאָן. נאָך האַרבער איז געווען די פראַגע: וואו וועלן זיך אַהינטאָן אויף דער „אַרישער זייט" די איינצלנע חברים, וואָס עס וועט זיי יאָ געלונגען זיך אַרויסצוקריגן פון געטאָ. נישט האָבנדיק קיין שום אַדרעס און קיין שוועל איבערצוטרעטן, וואַגלענדיק איבער די „אַרישע" גאַסן באַרוועסע, הונגעריקע און נאָך דערצו מיט אַ יידישן אויס־זען, וואָלטן זיי זיכער באַלד אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן.

איך ווייס נישט וואָסערע באַשלוסן עס וואָלט געווען, ווען עס וואָלט געהאַלטן ביים רעאַליזירן דעם „מאַרש צו די מויערן". עס קאָן זיין, אַז בלית ברירה וואָלטן מיר דאָס געטאָן. עס האָט אָבער נישט געהאַלטן דער־ביי פּשוט דערפאַר, ווייל די דייטשן זיינען פאַרלאָפן אונדזערע פּלענער...

# ביי מתים אין באהעלטעניש

אין דער נאַכט פון 7טן אויפן 8טן מאַי, בין איך אַרויס מיט אַ גרופּע פון צען חברים, כדי אויפצוזוכן אַ קאַנאַל־עפענונג אויף סמאַטשע גאַס. דער גאַנצער וועג פון מילע 18 ביז סמאַטשע איז אַדורך רואיק, אָן אַ צו־זאַמענשטויס מיט די דייטשן. קומענדיק צום עק וואָלינסקאַ־גאַס, נאָענט צו סמאַטשע, האָט דער אָפּקלאַנג פון אונדזערע טריט פאַראַטן אונדזער אָנקום דעם דייטשן פּאַטראָל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער טיף פון סמאַטשע־גאַס די דייטשן האָבן אונדז נישט געזען, פּונקט ווי מיר זיי. דער רעש פון אונדזער גיין, איז אָבער גענוג געווען צו געבן אַ ריכטונג צו שיסן. זיי האָבן געלאָזט צו אונדז אַ געדיכט קוילן־פייער. דאָס האָט אונדז אוממעגלעך געמאַכט פאָרצוזעצן דעם ווייטערדיקן וועג.

וואָלטן די דייטשן נישט מאָמענטאַל געשאָסן, נאָר געוואַרט ביז מיר וועלן זיך דערנענטערן, וואָלטן מיר געווען פאַרלוירן. זיי האָבן אָבער ווייזט אויס מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט אונדז אין אַ נאָענטן צו־זאַמענשטויס און געוואָלט אונדז פונדערווייטנס פּאַריאַגן. מיר זיינען געווען אָפּגעטיילט פון זיי דורך אַ גענוג ווייטן שטח. די קוילן פון אונדזער קורץ געווער ווי אויך אונדזערע גראַנאַטן האָבן נישט געקאָנט צו זיי דער־גרייכן. מיר האָבן זיך גענומען צוריקציען אין אַ ליגנדיקער פּאָזיציע, פויזנדיק אויפן בויך.

נאָכדעם, ווי די שיסעריי האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן מיר זיך אויפ־געהויבן פון דער ערד און גענומען גיין צוריק, אין דער ריכטונג צו מילע 18. הגם מיר האָבען אַלץ געטאָן, וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט, בכדי צו דערגיין צום ציל, האָט אונדז אָבער דאָס געוויסן געמאַטערט און אַ גע־פיל פון אומצופרידנקייט האָט אונדז גענאָגט אין האַרץ צוליב דער נישט דערפילטער אויפגאַבע. דאָס געפיל האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען מען האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אונדזער אויפגאַבע איז פאַרבונדן געווען די האָפנונג צו ראַטעווען די דערוויל נאָך ביים לעבן געבליבענע

חברים פון דער קאמפּס־אָרגאַניזאַציע, ווייל אַ ליאַדע שעה קאָן געשען אַן אומגליק מיטן בונקער פון מילע 18.

מיר האָבן נישט געוואָלט רעזיגנירן פון אונדזער אויפגאַבע און האָבן באַשלאָסן צו פּרווון נאָכאַמאָל מזל און דורך דער גענשע גאַס צו־צוקומען אויף סמאַטשע. די הויפּט־שוועריקייט איז אָבער געווען דאָס דורכגיין די זאַמענהאָף־גאַס (די הויפּט־אַרטעריע פון די דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען) און דעם דייטשן וואַך־פּאָסטן אויפן ראָג זאַמענהאָף־גענשע. היות אויף זאַמענהאָף האָבן מיר סיי ווי געמוזט דורכגיין אפילו, ווען מיר וואָלטן וועלן צוריק גיין אויף מילע 18, האָבן מיר באַשלאָסן קודם כל צו גיין אויף זאַמענהאָף און דאָרט אויספאָרשן די מעגלעכקייטן פון גיין אויף גענשע דורך הורבות, אויסמיידנדיק די דייטשע וואַך.

ביים ראָג וואָלינסקאַ־זאַמענהאָף זיינען מיר אַלע געבליבן שטיין און בלויז מרדכי גראוואס איז אַרויס אויפן מיטן ברוק פון זאַמענהאָף אויס־שפּירן צי עס געפינען זיך דאָרט דייטשן... ער האָט ספּעציעל געטומלט און געמאַכט אַ רעש, געוואָרפן שטיינער אויפן ברוק, געטופּעט מיט די פיס און געפייפט, בכדי צו זען, צי עס וועט קומען אַ רעאַקציע מצד די דייטשן. זעענדיק, אַז קיין דייטשן זיינען נישטאָ, האָט ער סיגנאַליזירט, אַז מיר זאָלן גיין.

מיר האָבן גענומען גיין זיכער, איינער הינטערן אַנדערן, טאַפּנדיק מיט די הענט דעם צווייטנס פּלייצע, כדי נישט צו פאַרלירן זיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. אין דער מינוט, ווען די גאַנצע גרופּע האָט זיך שוין געפונען אויפן מיטן ברוק פון זאַמענהאָף, האָבן די דייטשן, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די חורבות און ספּעציעל אָפּגעוואַרט אונדזער דערנענטערונג, אָנגעהויבן אונדז צו באַשיסן פון אַלע זייטן. דער האָגל פון די דייטשע קוילן און גראַנאַטן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט איז געווען אַזאַ געדיכטער, אַז דער גאַנצער האָריזאָנט איז געווען באַלויכטן פון די פליענדיקע פאָספאָר־קוילן.

אונדזער גרופּע איז געוואָרן צעפּלאַשעט איבער פאַרשידענע ערטער און יעדער פון אונדז האָט געענטפערט מיט גראַנאַטן צו די דייטשן. דער קעגנזייטיקער קאַמף איז געווען אַ פאַרביסענער און האָט געדויערט בערך אַ האַלבע שעה. יעדער חבר, אויף וועלכן אָרט ער האָט זיך נאָר געפונען, האָט געצילט צו לויפן אין דער זעלבער ריכטונג, הגם מען האָט זיך וועגן דעם פריער נישט אָפּגעשמועסט. מיר האָבן געוואָלט דורכ־לויפן בלויז די עטלעכע מעטערדיקע ברייט פון דער גאַס אין דער אַנט־

קעגנאיבערדיקער חורבה אריין, פון דארטן וואלטן מיר שוין געהאט א מער זיכערן וועג, דורך חורבות, צו מילע 18. רעזיגנירנדיק נאטירלעך פון דעם פלאן צו גיין דורך דער גענשע אויף סמאטשע. אויך די דייטשן האבן געוואוסט, אז מיר האבן נישט קיין אנדערן וועג אויסער אין דער חורבה אריין, ווייל אויף רעכטס האט זיך געפונען דער דייטשער וואך־פאסטן, אויף לינקס די פאזיציע פון וואנען זיי האבן אונדז באשאסן. פארויס צו דער חורבה, אדער צוריק אויף וואלינסקע זיינען געווען די איינציקע מעגלעכקייטן פאר אונדזער צוריקציען זיך. די דייטשן האבן דעריבער געגעבן פייער אין אט די צוויי זייטן און דווקא דאס ארט, וואו מיר האבן געדארפט דורכלויפן, האבן זיי אזוי געדיכט באשאסן, אז עס איז אוממעגלעך געווען דורכצורייסן זיך דורך דעם פייער־בראנד מיר האבן זיך געפונען אינמיטן ברוק אין א „קעסל" אן אן אויסוועג. יעדער פרווו דורכצורייסן זיך איז געווען פארבונדן מיט דורכשפרינגען צווישן איין קויל און דער צווייטער, וואס איז געלאפן איינע הינטער דער אנדע־רער אן אן איבעררייס.

מיר האבן כסדר באווארפן מיט גראנאטן די דייטשע פאזיציע. צוליב דער פינצטערניש האבן מיר נישט געקענט זען וויפיל דייטשע קרבנות עס זיינען געפאלן. מיר האבן נאר געהערט פונדערווייטנס, הילפס־רופן פון יענע דייטשן, וועלכע זיינען געטראפן געווארן פון די שפליטערס פון אונדזערע גראנאטן. נישט זעענדיק דעם שונא, האבן מיר זיך באמיט צו צילן אונדזערע גראנאטן אויף די ערטער, פון וואנען עס שיטן זיך צו אונדז אממערסטן קוילן. און ווייל מיר האבן נישט געהאט גענוג גראנאטן האבן מיר געשאסן מיט פיסטאלעטן, אבער אויך אמוניציע האבן מיר גע־האט ווייניק.

אין דער קעגנזייטיקער שיסעריי האבן דאך עטלעכע חברים פון אונדזער גרופע זיך דורכגעריסן אין דער חורבה אריין. יעדע פאר מינוט האט אן אנדער חבר זיך „דורכגעגליטשט". אין אלגעמיין זיינען אדורך־ זיבן חברים, צווישן וועלכע 4 זיינען געווען שווער פארוואונדעט און נאר דריי האבן באוויזן אויסצומיידן א קויל. בלויז איין סעקונדע אדער א האלבע סעקונדע האט ביים דורכשפרינגען דעצידירט וועגן לעבן אדער טויט. (פון די זיבן חברים געדענק איך נאך דעם נאמען פון איינעם — מנחם ביגעלמאן) די אומבאשעדיקטע חברים האבן געטראגן די פארוואונ־דעטע דורך חורבות און הינטער־וועגן ביז זיי זיינען אנגעקומען אויף מילע 18.

פון אונדזער גאַנצער גרופּע, וואָס האָט געציילט צען חברים, זיינען בלויז דריי געווען די אומגליקלעכע, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דורכ־רייסן צו מילע 18. דאָס זיינען געווען: ישראל קאַנאַל, מרדכי גראַוואַס („מער־דעק") און איך. צופעליק האָבן מיר זיך געפונען נעענטער צו וואָלינסקע און זאַמענהאָפ, אַז ס'איז אוממעגלעך אַריבערצוקריגן זיך צו יענע 7 חברים, זיינען מיר אַריין אין דער וואָלינסקע גאַס. די דייטשע שיסעריי איז איצט געווענדעט געווען בלויז אויף אונדז, די קאָנצענטרירטע שיסעריי צווישן אונדז דריי און אַ צענדליק דייטשן האָט נישט אויפגעהערט קיין איין מינוט, ביז מיר האָבן אויסגעשאָסן די לעצטע קויל און געוואָרפן דעם לעצטן גראַנאַט. מיר האָבן זיך געשאַרט אויסגעצויגן אויף דער ערד לענגאויס דער גאַס. דאָס קריכן אויפן בויך איז אָבער געווען זייער מאַ־טערנדיק. עס האָט ממש פאַרפּעלט אָטעם, ווייל מיר האָבן אין דער פינצטערניש זיך פאַרטשעפּעט נישט בלויז אין הויפנס שטיינער, ציגל, האָלץ און פאַרשידענע אַנדערע ברוכשטיקער, נאָר אויך אין מענטשלעכע טויטע קערפּערס. בעת מיר האָבן זיך געדרוקט פאָרויס, אונטער אַן אומ־אויפהערלעכן האָגל פון קוילן איבער די קעפּ, האָבן אונדזערע הענט אָנ־געטאַפּט ליגנדיקע מתים און צו אונדזערע פינגער האָט זיך צוגעקלעפּט דאָס קאַלטע פאַרגליווערטע בלוט.

די דייטשן האָבן אונדז פאַרפאָלגט פון 2 ביינאַכט ביז 6 פאַרטאָג. במשך פון דער צייט האָבן מיר געוואָגלט פון איין חורבה אין דער צווייטער און אין ערגעץ האָבן מיר נישט געקענט קיין רו געפונען. אומעטום וואו מיר זיינען נאָר אַריין, האָבן גלייך דערגרייכט צו אונדז די דייטשע קוילן. היות די דייטשן האָבן נישט געגעבן געוואוסט אין וועלכער חורבה מיר געפינען זיך, האָבן זיי דורכגעפירט אַ גענעראַל־שטורעם אויף דער גאַנצער וואָלינסקע־גאַס, געשאָסן אויף רעכטס און לינקס, געוואָרפן אויפ־רייס־באָמבעס אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון די דאָרטיקע חור־בות. פון די פיר שעה פון אונדזער ראַנגלעניש צווישן טויט און לעבן, איז מיר ספּעציעל פאַרבליבן אין זכרון איין פאַזע פון זייער אָנגריף, וואָס האָט געדויערט בערך אַנדערטהאַלבן שעה. אין דער דאָזיקער פאַזע, האָבן מיר בוכשטעבלעך נישט געהאָט קיין איין מינוטיקן איבעררייס, נישט בלויז אינעם לויפן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, נאָר פשוט נישט גע־קענט אָפּרוען די אויערן פון פאַרטויבונג. אין די דאָזיקע אַנדערטהאַלבן שעה האָבן די דייטשן געוואָרפן אַזוי פיל אַמוניציע אין געיעג נאָך דריי מענטשן, אַז ס'איז כמעט נישט געווען קיין אָרט אויף דעם גאַנצן דאָר־

טיקן שטח, וואָס איז נישט באַרירט געוואָרן פון דעם פייערדיקן הוראַגאַן. אין יעדן ווינקל און אין יעדן לאָך וואו מיר זיינען נאָר אַריין, האָט אונדז געטראָפן דאָס ערגסטע פייער און ס'האָט אויסגעזען, ווי די דייטשן וואָלטן געוואוסט וואו מיר געפינען זיך. אין דער אמתן אָבער, האָבן זיי געשאָסן אויף בליינד. נישט אומעטום זיינען די קוילן אונדז באַגעלאָפן. זייער אָפּט האָבן מיר זיי שוין געטראָפן אָנקומענדיק אויפן ניי'עם אָרט. אומעטום אָבער האָבן די קוילן און גראַנאַטן־שפּליטערס אָנגעקלאַפּט פּונקט אַ צענטימעטער און אפשר נאָך ווייניקער נעבן אונדז און ביזן היינטיקן טאָג איז פאַר מיר נישט מעגלעך לאָגיש צו באַגרייפן ווי אַזוי מיר זיינען פון דעם פייער ארויס לעבעדיק.

ווען ס'האָט גענומען גרויען אויף טאָג, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו אָריענטירן, וואו מיר געפינען זיך. דאָס איז אויך געווען די צייט, ווען די נאַכט־פּאַטראָלן פאַרענדיקן זייער אַרבעט און טרעטן אָפּ דאָס אָרט פאַר די אָנקומענדיקע מיליטערישע טאָג־פאָרמאַציעס. די קורצע אָטעמפויזע, וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן ביים טוישן זיך פון די דייטשע אָפּטיילונגען, האָבן מיר אויסגענוצט אויף צו זוכן אַ באַהעלטעניש, וואו מיר זאָלן איבערוואַרטן ביז עס וועט ווידער נאַכט ווערן, ווייל ביי טאָג איז בכלל אויסגעשלאָסן געווען יעדע מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן.

מיר האָבן אויסגעפונען אַן אָפענעם קעלער אונטער אַ חורבה. מיר האָבן נישט געהאַט די מינימאַלע זיכערקייט, אַז די דייטשן וועלן במשך פון אַזאַ לאַנגן טאָג נישט צוקומען צו אונדז, ווייל דאָס איז געווען די צייט, ווען קיין הייזער זיינען שוין נישט געווען און די גאַנצע אַרבעט פון די דייטשן איז באַשטאַנען פון זוכן אין די קעלערס.

ווייסנדיק, אַז עס ווערן אַנטדעקט גוט־פאַרמאַסקירטע קעלערס, האָבן מיר אוודאי נישט געהאַט קיין גרונט צו גלויבן, אַז דער אָפענער קעלער קאָן אונדז באַשיצן. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. מיר זיינען געווען צופרידן, וואָס נאָך אַזאַ נאַכט, האָבן מיר כאָטש אַן אילוזיע פון אַ באַהעלטעניש.

אַראָפּקומענדיק אין קעלער, איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, נישט צוליב דער געוויינלעכער קעלער־פינצטערניש, נאָר דווקא אין דער מינוט, ווען דאָס ערשטע אָנגעצונדענע שוועבעלע האָט אונדז באַלויכטן דעם רוים פון קעלער. מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז מיר דאַרפן פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג מיט אַ דריי־פיר מתים, וועלכע זיינען שוין מסתמא געלעגן אַ געוויסע לאַנגע צייט, ווייל דער שרעקלעכער ריח האָט

ממש געשטיקט. מיר צינדן ווידער אָן אַ שוועבעלע און נאָך אַ שוועבעלע און פאַר די אויגן אַנטפּלעקט זיך דאָס גאַנצע בילד: פאַרבלוטיקטע פּע־ רינעס, צעריסענע קישנס, הויפנס פעדערן, וועלכע באַוועגן זיך ביים ערשטן דערנענטערן זיך צו זיי און נעמען גלייך אונדז קיצלען אונטערן נאָז און באַזעצן זיך ווי בעלי־בתים אויף אונדזערע ברעמען, אויף די האָר פון קאָפּ און מלבושים. אין שיין פון די וויטערדיקע אַנגעצונדענע שוועבעלעך זעען מיר צעוואָרפענע קיך־געשיר, קליידער, שיך, ספרים, אַ טלית און תפילין. ווייזט אויס, אַז דאָ איז געווען אַ בונקער און איז ליק־ ווידירט געוואָרן. מיר האָבן געמיינט אין די טעפּלעך צו געפינען אַ ביסל וואַסער און אפשר עפּעס צום עסן, אָבער לײדער איז דאָס נישט געווען בנמצא. וואָלטן מיר געהאַט גענוג שוועבעלעך, וואָלטן מיר אפשר מער געזוכט, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן אַוועקצולייגן זיך אין ערשטן בעסטן ווינקל און אָפּוואַרטן, וואָס דער טאָג וועט ברענגען.

מיר האָבן אײן פּערינע אויסגעשפּרייט און זיך אויף איר אַוועקגע־ לייגט, מיט אַ צווייטער פּערינע זיך צוגעדעקט, צום מתים־ריח האָבן מיר זיך שוין אַביסל צוגעוווינט און מיר זיינען געלעגן ווי ביי זיך אין דער היים. מיר האָבן געפילט, אַז די נערוון־געשפּאַנטקייט, וואָס האָט אַנגע־ האַלטן אָן איבעררייס די גאַנצע צייט, זייט מיר זיינען אַרויס פון מילע 18, הויבט אָן אָפּצוטרעטן. אין מינוטן פון אָנטשפּאַנונג האָבן פאַרשידענע רעיונות אָנגעהויבן אויפצושווימען. דאָס ערשטע האָט אָנגעהויבן צו עג־ בערן דער געדאַנק וועגן גורל פון מילע 18, פון די חברים, פון די יידן דאָרט. אַ גרונט צו זיין באַאומרואיקט האָבן מיר דאָך געהאַט, ווייל דער גאַנצער זין פון אונדזער דורכגעפאַלענער עקספּעדיציע צום קאַנאַל אויף סמאָטשע, וואָס האָט דערפירט צו אונדזער שווערן נאַכט־געראַנגל, און צו אונדזער געפינען זיך דאָ אין קעלער, איז דאָך געווען דער באַוואוסטזיין, אַז אָט אָט קומען די דייטשן ליקווידירן מילע 18. טראַכטנדיק וועגן גורל פון אַלע חברים, איז אונדז באַפאַלן אַ גרויסער אומעט צוליב דעם, וואָס מיר זיינען אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אָן פּערס־ פּעקטיוו, צי מיר וועלן זיך נאָך מיט עמיצן זען. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אויף מילע 18 האָט מען שוין קדיש געזאָגט נאָך אונדז, ווייל די 7 חברים פון אונדזער גרופּע, וואָס זיינען אַהין צוריקגעקומען, האָבן מסתמא איבערגעגעבן, אַז מיר זיינען טויט. ווייל האָבן זיי דען געקאָנט אַנדערש טראַכטן? וואָלט מען דאָרט כאָטש געוואוסט, אַז מיר לעבן נאָך, וואָלטן מיר אפשר אונדזער איינזאַמקייט לייכטער אריבערגעטראָגן. דווקא אין די שעהן

פון אײנזאַמקײט האָבן מיר נאָך מער אָפּגעשאַצט, װי גוט עס איז צו זײן צוזאַמען, מיט אַלע חברים, אַפילו און אפשר דווקא אין די גרעסטע סכנות.

מיט דער אַנטשפּאַנונג האָט זיך אָנגעהױבן אַפּצורופן דער הונגער און קודם כל דער דורשט, װאָס האָט זיך נישט געפילט בעת דעם גאַנצן בײנאַכטיקן געראַנגל. שװער איז געװען זיך צו דערמאָנען, װיפל נישט געגעסענע טעג עס זײנען שױן פאַרבײ, װיפל שלאָפלאָזע נעכט. נאָך שװערער איז געװען דער געדאַנק, אַז עס איז נישטאָ קײן שום פּערספּעק־טיװ, װען עס איז נאָס צו מאַכן די װי לעדער־פאַרטריקנטע ליפּן און אױפצולעבן דעם אײנגעשרומפּענעם און אין קראַמפּן קאַרטשענדיקן מאָגן.

די געדאַנקען לױפן גיך, אײנער נאָכן אַנדערן. שױן לאַנג נישט געװען אַזױ פיל צײט צו טראַכטן אין אַזאַ „רו", װאָס דערמעגלעכט אַן אינערלע־כע קאָנצענטראַציע. דערפאַר האָט די פאַנטאַזיע איבערגענומען די ממשלה און לױט איר שטײגער, געלאָפן אין די װײטע עולמות. עס האָבן זיך געװעבט חלומות װעגן אַ װעלט, מענטשן, יידן און איך צװישן זײ. פאַר ד' אױגן האָבן אױפגעטױכט געשטאַלטן פון נאָענטע, באַקאַנטע פון פאַרן קריג, פערזענלעכע פרײנט, אידעען־חברים פון דער באַװעגונג, װאָס זײנען שױן יאָרן אין ארץ־ישראל און זײ אַלע זײנען ערשט נישט לאַנג געװען אַזױ װײט סײ פסיכיש, סײ אין שטח און פלוצלונג זעסטו זײ אַזױ קלאָר פאַר די אױגן, יעדן באַזונדער מיט זײן כאַראַקטעריסטישן אױסזען, מיט זײן שמײכל אאַ"װ. אָבער װען די טױט־שטילקײט פון דעם דרױסנדיקן אַרום איז איבערגעריסן געװאָרן דורך אַ שיסערײ און ס'האָט זיך אַרײנגע־ריסן צו אונדז אין פינצטערן קעלער דער אָפּקלאַנג פון מאַשין־געװער גע־רױש, זײנען מאָמענטאַל פאַרשװוּנדן די חלומות און פון דער פאַרגעסנהײט בין איך צוריק אַראָפּ אין דער רעאַלער װעלט פון פינצטערן קעלער. די זעלביקע פאַנטאַזיע, װאָס האָט ערשט מיט אַ מינוט צוריק געמאָלן פאַר די אױגן אַזעלכע אָנגענעמע בילדער, הױבט מאָמענטאַל אָן צו אַרבעטן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אין מײן פאַרשטעלונג האָב איך גלײך געזען, װי איך ליג צוזאַמען מיט ישראלן און „מערדעקן" צװישן די צװײ פּערינעס, װאָס אײנע אונטער און די צװײטע אױף אונדז, פאַרזינקען אין דעם זעלביקן שלאַף פון אונדזערע שכנים, װעלכע ליגן נעבן אונדז אין קעלער. דאָס דאָזיקע קאָשמאַר־בילד און די פאַרשטעלונג װעגן זיך, האָט מיך פאַר־פאָלגט די גאַנצע צײט בעתן געפינען זיך אין קעלער און אױך װײט נאָך דעם.

עפּעס מאָדנע געהיימניספולע שאָרכן האָבן איבערגעריסן דעם אינ־טענסיוון לויף פון די מחשבות. אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געוואָרן צוגעשמידט צו אַ נישט־פאַרשטענדלעך גערויש, וואָס עס איז נישט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די נאָרמאַלע קלאַנגען אויף וועלכע מיר האָבן זיך געקאָנט ריכטן. מיט שפּאַנונג שטעלן מיר אָן די אויערן בכדי צו דערגיין, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. עס איז אין ערשטן מאָמענט שווער געווען זיך צו אָריענטירן צי די קלאַנגען דערגייען צו אונדז פון דרויסן, אָדער גאָר ס׳קומט פאַר עפּעס נישט וואַרשיינלעכס דאָ נאָענט נעבן אונדז אין קעלער אָדער אין די שכנותדיקע קעלערס.

נאָכדעם, ווי עמיצער פון אונדז צינדט אָן אַ שוועבעלע, ווערן מיר דערשטוינט: מיר האָבן דערזען ווי אַ גאַנצע מחנה שטשורעס פאָרען זיך אַרום די מתים און רייסן פון זיי שטיקער. זיי לויפן אַרום מיט רעש און געפּילדער אויף די מענטשלעכע קערפּער און אַרום זיי. אין גאַנצע גרופּעס קומען זיי אָן פון די נאָרעס, גרויע און געלע, גרויסע, פעטע ווי די קעץ, און קליינע, נאָך יונגע. די דייטשע מערדערייען האָבן איבערגעלאָזן פאַר זיי גענוג חיונה דאָ אין קעלער. אַנדערע שטשורעס, וועלכע זיינען שוין איבערגעזעטיקט מיט זייער מאָלצייט, לויפן צוריק אין די נאָרעס אַריין מיט אַ פריילעכן געפּישטשעריי, וואָס גרילצט אין די אויערן און דע־נערווירט.

מיר האָבן כסדר געצונדן שוועבעלעך און פון צייט צו צייט געקלאַפּט מיט אַ שטעקן אין וואַנט. אָבער די שטשורעס האָבן זיך גאָרנישט איבער־געשראָקן. אין ערשטן מאָמענט האָבן אַ טייל פון זיי אָנגעשטעלט אויף אונדז זייערע בלישטשענדיקע אייגעלעך, און זייערע בליקן האָבן זיך צו־נויפגעטראָפן מיט אונדזערע, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געוואונדערט פון וואַ־נען עס נעמען זיך דאָ לעבעדיקע מענטשן. זיי זיינען שוין נישט געווינט געווען צו זען, אַז מענטשלעכע קערפּערס זאָלן זיך רירן פון אָרט. זיי האָבן זיך אָבער צוגעוווינט צו אונדז און אויך מיר האָבן זיך געמוזט צוגעוווי־נען צו דעם עקלהאַפטן אַרום.

שווער איז אָבער געווען דאָס איבערצוטראָגן. נאָך שווערער איז גע־וואָרן, ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט, אַז מיר האַלטן ערשט ביים סאַמע אָנ־הייב פון טאָג און אַז מיר האָבן נאָך פאַר זיך אַזאַ גרויסן טאָג מיט אַזוי פיל מעגלעכע געשעענישן, אַנטקעגן וועלכע דער איצטיקער צושטאַנד קאָן זיין אַן אידעאַל. דורך דעם האַלב מיט בלעך פאַרשטעלטן קעלער־פענצטערל האָט זיך אַריינגעריסן אַ דינטשיק בינטל ליכט־שטראַלן, וועל־

בע האָבן זיך האָריזאָנטאַל אויסגעצויגן איבערן קעלער, אונדזערע אויגן זיינען כסדר געווען געווענדעט נאָר אין דעם ווינקל, וואָס האָט אונדז דער־מאָנט, אַז ערגעץ איז טאָג און ס׳שיינט נאָך אַ זון. אין דעם שמאָלן פּאַס ליכט האָבן מיר פון צייט צו צייט דערזען דורכלויפן אַ פּירפּיסיק חיהלע. דאָס דאַזיקע דינע בינטל שטראַלן, האָט אונדז אויך דערמעגלעכט אָנ־צושפּירן די דרויסנדיקע באַוועגונג פון די דייטשן, ווייל יעדעס מאָל, ווען די דייטשן זיינען דורכגעגאַנגען דורך דעם פענצטערל פון קעלער, זיינען די שנירלעך ליכט אויף אַ סעקונדע איבערגעריסן געוואָרן און דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ סימן צו פאַרהאַלטן זיך רואיק און גרייט צו זיין — אין פאַל, ווען די דייטשן וועלן זיך ביי אונדז באַווייזן — צו באַפאַלן די מיט שטיינער און ציגל, וואָס מיר האָבן זיך צו דעם צוועק צוגעגרייט, ווייל קיין אַמוניציע צום שיסן, האָבן מיר שוין נישט געהאַט.

די שעהן האָבן זיך געצויגן זייער פּאַמעלעך, מיר זיינען מיד געוואָרן פון טראַכטן און פון אָנגעשטרענגטן צוהערן זיך צום אַרום. פון די פיל פריערדיקע שלאָפלאָזע נעכט און פון פיזישער אויסגעמאַטערטקייט האָט זיך געוואָלט שלאָפן. די וואַרעמע פעדערנעס, אין וועלכע מיר זיינען געווען איינגעגראָבן, האָבן נאָך מער ביי אונדז אַרויסגערופן דעם חשק צום שלאָפן. צוליב זיכערקייטס־טעמים האָבן מיר איינגעשטעלט, אַז בלויז צוויי מאַן שלאָפן און איינער האַלט וואַך, בייטנדיק זיך יעדע שעה מיט דער שמירה.

דער טאָג האָט זיך געצויגן ווי אַ יאָר, אָבער מיר האָבן דאָך זיך דער־וואַרט אויפן צופאַלן פון דער נאַכט, נישט האָבנדיק במשך פון טאָג קיין באַזוך פון די דייטשן. אַרום 9 אַזייגער איז שוין געווען פינצטער, אָבער מיר זיינען נאָך געלעגן אַ צוויי שעה, רעכענענדיק, אַז אַרום 11 אָוונט איז די פּאַסיקסטע שעה צו לאָזן זיך אין וועג אַריין, אויף מילע 18.

נאָך 17 שעה אין קעלער אויף וואָלינסקע, האָבן מיר לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק געגומען אַרויסשטעקן די קעפּ. די נאַכט איז געווען אַ פינצ־טערע. פון הימל איז געפאַלן אַ דראָבנער רעגן. מיר האָבן געעפנט די מיילער און געוואָלט אַריינכאַפּן אַ פאָר טראָפּן רעגן־וואַסער, כדי זיך כאָטש באַס צו מאַכן די צונג. אָבער ווי להכעיס זיינען די דינע טראָפּנס געפאַלן אויפן פנים און דווקא אין מויל האָט מען זייער פייכטקייט נישט געפילט. מיר האָבן געגומען גיין מיט דער זעלבער טראַסע פון וואָלינס־קע דורך זאַמענהאָף צו מילע, ווי מיר זיינען געגאַנגען אין דער פריערדי־קער נאַכט, ווייל קיין אַנדערן וועג האָבן מיר נישט געהאַט.

מיר זיינען צוגעקומען צום זעלבן אָרט אויף ראַג וואַלינסקע־זאַמענ־האָף, וואו מיר האָבן אַ נאַכט פריער דורכגעמאַכט אַזאַ שווערן קאַמף. איצט האָבן מיר שוין נישט געפּרוווט אַפילו אויספאָרשן צי עס געפינען זיך דאָ דייטשן, נאָר גלייך דורכגעגאַנגען די ברייט פון זאַמענהאָף, וואו מען האָט זיך אָממערסטן געריכט אויף אַ דייטשן אָנפאַל. נאָך דעם, ווי מיר זיינען איבערגעקומען בשלום דאָס סכנותפולע אָרט און זיינען אַריין אין די חרובע הייזער־בלאָקן, דורך וועלכע עס האָט געפירט אונדזער וועג פון זאַמענהאָף אויף מילע, האָבן מיר שוין געקאָנט האָבן די זיכערקייט, אַז מיר וועלן ענדלעך דערגרייכן דעם ציל. מילע 18.

דורכגייענדיק די פאַרשידענע חורבות, אין וועלכע מיר האָבן שוין נישט געקאָנט זיך אָריענטירן צו וועלכער גאַס זיי געהערן, האָבן מיר אויף איין אָרט דערהערט קולות פון אַ וויינענדיקער פרוי. אויף דער ערד נעבן אַ טויטן איז געזעסן אַ פרוי בערך 35 יאָר אַלט און באַוויינט איר דער־הרגעטן מאַן. די פרוי האָט זיך נישט געקאָנט שיידן מיט דעם מת. פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן, זי האָט געשריגן מיט די לעצטע כוחות און גערעדט צו אים אַזוי, ווי זי וואָלט דערוואַרט אַן ענטפער. די פייער־פלאַמען פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן ברענענדיקן הויז, האָבן אין דער פינצטערער נאַכט געוואָרפן אַ רויטע שיין אויף די פנימער פון דערהרגעטן מאַן און דער וויינענדיקער פרוי, וואָס האָט שוין נישט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקער מענטש. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים, האָט צוגעבויגן איר פנים צו זיין פנים און געכליפּעט: יוסף, דו האָסט מיך איבערגעלאָזן אַליין, אָן דיר קאָן איך שוין מער נישט לעבן, יוסף, דיר איז שוין וווילער פון מיר, דו ביסט שוין באַפרייט און איך מוז זיך נאָך מאַטערן ביז כ'וועל אומקומען...

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פשוט דערפאַר, ווייל עס איז אונדז גע־ווען אַ וואונדער, וואָס מען באַוויינט נאָך אַ געפאַלענעם. אין דעם גרויסן אומקום, וואו עס זיינען געפאַלן אַזוי פיל טויזנטער יידן, איז כמעט נישט געווען צו באַמערקן, אַז מען זאָל אויף אַזאַ אופן, מיט אַזאַ דערשיטערנדיק האַרץ באַוויינען אַן אומגעקומענעם.

איך האָב איבערגעריסן דאָס געוויין פון דער פרוי. דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך געוואָלט דערוויסן נישט בלויז איר לאַגע, נאָר אויך אַלגע־מיינע נייעסן פון געטאָ, ווייל זי איז געווען דער ערשטער לעבעדיקער מענטש, וואָס מיר האָבן באַגעגנט נאָכן אַרויסגיין פון קעלער אויף וואָ־

לינסקע. אין געשפרעך האָט זי דערציילט, ווי אַזוי עס איז געקומען צו דעם, וואָס זי זיצט דאָ און באַווײנט איר מאַן.

זי האָט איבערגעגעבן, אַז צוזאַמען מיט איר מאַן און אַ קליין קינד, איז זי מיט בערך 40 יידן געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ טייל פון הויז, וואָס איז צופעליק געבליבן גאַנץ. אין דעם הויז אַריין זיינען די יידן געקומען נאָכן אַנטלויפן פון אַן אַנטדעקטן בונקער אין אַ צווייטן הויז. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן בונקער, האָבן זיי געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן אין פשוטע האַלב־רואינירטע צימערן אויפן ערשטן שטאָק, וועלכע האָבן זיך געפונען אינמיטן פון אַ גאַנצער ריי פאַרברענטע הייזער. זיי האָבן גערעכנט, אַז די דייטשן וועלן נישט דערזען, אַז עס איז דאָ נאָך פאַראַן אַ טייל פון הויז, וואָס איז נישט געוואָרן פאַרברענט. פלוצלינג — האָט זי ווייטער דערציילט — זיינען אָנגעקומען דייטשן און אונטערגעצונדן דאָס נישט פאַרברענטע שטיקל הויז, וואו עס האָבן זיך געפונען די פאַרבאַהאַלטענע יידן. ווען דאָס הויז איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון פלאַמען, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע פּאַניק. אַלע האָבן גענומען אַרויסלויפן. די דייטשן האָבן געעפנט אַ שיסעריי אויף די אַרויסלויפנדיקע יידן. די פרוי איז געלאָפן צוזאַמען מיט איר מאַן און געהאַלטן איר קינד איף די הענט. אין דרויסן האָט זי פאַרלוירן איר מאַן. זי האָט זיך בישט באַוויזן אַרומצוקוקן און אַ קויל האָט געטראָפן אין קעפל פון איר קינד און עס דערהרגעט אויפן אָרט. זי האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן אַפילו צו באַטראַכטן דעם צושטאַנד פון קינד, ווייל אומאויפהערלעך זיינען געלאָפן די קוילן איבער די קעפ און זי איז געוואָרן מיטגעריסן מיט דעם משוגע־לויפנדיקן שטראָם אין די שכנותדיקע חורבות אַריין. אינעם געלויף האָט זי נאָך געפרוווט מיטשלעפן מיט זיך דאָס טויטע קינד, נישט קאָנענדיק זיך שיידן מיט אים. אָבער אין דער גרויסער ענגשאַפט ביים דורכגיין די פאַרשידענע דורכגאַנג־לעכער, האָט זי פאַרלוירן דאָס קינד ערגעץ וואו צווישן די חורבות.

פון די איבער 40 יידן, זיינען מער ווי אַ העלפט געפאַלן, די איבעריקע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע חורבות. אויך זי איז געלעגן אין אַ באַהעלטעניש צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן. די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען אויסבאַהאַלטן און געוואַרט אויף דער נאַכט, האָט זי געגלויבט, אַז איר מאַן לעבט און אַז ער איז אויך ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש. ווען עס איז געוואָרן נאַכט, איז זי אַרויסגעגאַנגען פון באַהעלטעניש זוכן איר מאַן און דאָס טויטע קינד, וועלכעס זי האָט געוואָלט

כאַטש נאָך איינמאָל אָנקוקן. זוכנדיק, האָט זי אָנגעטראָפן אויף אַ באַרג הרוגים און צווישן זיי דערקענט איר מאַן.

ווען זי האָט געענדיקט דערציילן, האָבן מיר זי געגומען אויספרעגן וועגן אַנדערע געשעענישן, מיר האָבן געוואָלט זיך דערוויסן, צי אויף מילע גאַס איז געווען רואיק במשך פון טאָג אד״גל. היות זי האָט נישט געקאָנט אונדז דערציילן קיין שום וויכטיקעס וועגן די אַלגעמיינע געשעענישן אין געטאָ און ספּעציעל וועגן דעם, וואָס אונדז האָט אַממערסטן אינטערע־סירט — וועגן דער מילע גאַס — האָבן מיר זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין.

אָפּגייענדיק אַן ערך הונדערט מעטער, האָבן מיר פון דער ווייטנס, פון צווישן די געדיכטע חורבות באַמערקט אַ קליין פינקלדיק פייערל. עס האָט אויסגעזען ווי אַ ברענענדיק ליכט וואָלט געשטאַנען אין דער פינצ־טערער נאַכט אויף דער ערד, דאָס פלעמעלע רייסט זיך אַרויף צום הימל און אָפּהענגיק לויט דעם בלאָזן פון ווינט, ווערט עס כסדר טונקעלער און העלער און עס בויגט זיך אין אַלע זייטן. מיר זיינען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם לויכטנדיקן פלעמל. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט, האָבן מיר געזען: אויף צוויי ציגל איז געשטאַנען אַ טעפּל מיט געקעכטס און אונטערן טעפּל האָבן געטליעט אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ. אויף דעם טלי־ענדיק פייערל האָט זיך געקאָכט אַ מאַלצייט פאַר הונגעריקע היימלאָזע יידן.

ביי דער דאָזיקער „קיך" האָבן מיר קיינעם נישט געטראָפן. מיר האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז מסתמא געפינט זיך דאָ ערגעץ דער אייגנטימער פון דער קיך. זוכנדיק אים אין דער שכנותדיקער חורבה, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אין אַ ווינקל אויף אַן עמער וואַסער. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַן אומגעהויערער אוצר. ווען מיר געפינען די ווערטפולסטע זאַך, וואָלטן מיר זיך נישט געקאָנט אַזוי פרייען ווי מיט דעם עמער וואַסער. מיר האָבן זיך תיכף צוגעכאַפּט צום עמער און גענומען טרינקען. נאָך דעם, ווי איינער האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט ער איבערגעגעבן דעם עמער דעם צווייטן און דער צווייטער דעם דריטן. ווען דער ערשטער האָט גע־טרונקען, זיינען די אַנדערע געשטאַנען און געוואַרט מיטן גרעסטן אומ־געדולד, ביז דאָס גליק וועט שוין קומען צו אים אין האַנט אַריין. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט זעטיקן און געשלונגען דאָס וואַסער מיט אַזאַ אימפּעט און פאַרשיכורונג, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען זיך אָפּצו־רייסן פון דעם עמער, ווייל אויף דער געלעגנהייט צו קאָנען זיך אָנטרינ־קען האָבן מיר געוואַרט און געטרוימט לאַגע טעג און וואכן. אויך דער

געדאַנק, אַז ווער וויסט ווען מיר וועלן נאָך האָבן אַזאַ געלעגנהייט צו פאַרמאָגן אַזוי פיל וואַסער, האָט אונדז נאָך מער צוגעשמידט צום עמער. וועלכן מיר האָבן אויסגעטרונקען ביזן לעצטן טראָפּן.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, האָבן מיר אָנגעהויבן פילן זייער אַ שלעכטן טעם אין מויל. דער ייִד, דער אייגנטימער פון דער „קיך" איז נאָר וואָס אַרויסגעקומען פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער חורבה מיט צוזאַמענגעקליבענע שטיקלעך האָלץ, און גענומען זיי צולייגן צום פייער אונטערן טעפּל. מיר האָבן אים דערציילט, אַז מיר האָבן אויסגעטרונקען דאָס וואַסער פון אַ געפונענעם עמער און מיר פילן זיך זייער שלעכט נאָך דעם. ער איז געוואָרן זייער דערשטוינט, דערוויסנדיק זיך וואָס פאַר אַ וואַסער מיר האָבן געטרונקען, דאָס איז געווען — האָט ער געזאָגט — אַן עמער מיט אומריינקייט. ער האָט בישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר האָבן גאָרנישט געפילט בעתן טרינקען. אונדזער דורשט איז זעט אויס געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן פאַרלוירן יעדע עמפּפינדלעכקייט אויף דער קוואַליטעט פון וואַסער, און יעדע פליסיקייט, מיט וואָס מען האָט נאָר געקאָנט נאַס מאַכן די צונג, איז אונדז בכוח געווען צו פאַרשיכורן. דער ייִד האָט פון אַ באַהעלטעניש אַרויסגענומען אַ קריגל מיט וואַסער און אָנגעגאָסן פאַר יעדן פון אונדז אַ קליין טעפּעלע. מיר האָבן ערשט דערפילט דעם טעם פון גוט וואַסער, די עטלעכע טראָפּנס זיינען אָבער געווען צו ווייניק אויף צו פאַרטרייבן דעם עקלהאַפטן בייגעשמאַק פון די אויסגעטרינקענע פּאַמיעס. מיר האָבן דעם ייִד געדאַנקט און געגאַנגען ווייטער אין דער ריכטונג צו מילע 18.

# אויפן קבר פון דער קאמפּס־ארגאניזאציע

ענדלעך האָבן מיר אונדזער ציל דערגרייכט. מיר זיינען אָנגעקומען אויף מילע 18. מיר האָבן אָבער מילע 18 שוין נישט געטראָפן. שוין ביי די ערשטע טריט צום בונקער האָבן מיר געזען, אַז אין דער צייט פון אונדזער אָפּוועזנהייט איז דאָ פאָרגעקומען עפּעס אויסערגעוויינלעכס. שוין דער אויסערלעכער אויסזען פון דער חורבה, אונטער וועלכער עס האָט זיך געפונען דער בונקער, איז נישט געווען דער זעלביקער. די בערג ציגל, שטיינער, זאַמד, זיינען נישט געווען אויף זייערע פריערדיקע ערטער. די געהיימע סטעזשקעס, וועלכע האָבן געפירט צו די אַריינגענג און זיינען געווען באַקאַנט בלויז פאַר חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, זיינען געווען פאַרשאָטן. אויף דעם אָרט, וואו עס האָט זיך שטענדיק געפונען די וואַך פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועמען יעדער אָנגעקומענער האָט געמוזט זאָגן דעם פּאַראָל, איז קיינער נישט געווען. מיר האָבן עטלעכע מאָל געזאָגט דעם פּאַראָל און קיינער האָט נישט געענטפערט. מיר האָבן צום ערשטן געמיינט, אַז אפשר האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט און מיר געפינען זיך גאָרנישט אויף מילע 18. נאָך לאַנגע זוכעניש, האָבן מיר אָבער פאָרט איינגעזען, אַז מיר געפינען זיך אויפן ריכטיקן אָרט, אָבער לײַדער איז דאָס אָרט שוין געווען אין אַן אַנדערן צושטאַנד ווי מיר האָבן עס פאַרלאָזט.

מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין דער טיף פון די לעכער־לאַבירינטן. פון איין לאָך אַרויס אין אַנדערן אַריין און ענדלעך האָבן מיר אין אַ ווינקל געטראָפן אַ גרופּע פון 7—8 חברים, צווישן אַנדערע: טאָשע אַלטמאַן, מיכאל ראָזענפעלד, יהודה ווענגראָווער, פניה און מנחם ביגעלמאַן*) דאָס זיינען געווען די איינציק־פאַרבליבענע פון די קעמפער און פון די עטלעכע הונדערט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין בונקער פון מילע 18.

---

*) זע זייט 123.

די איבעררעאשונג ביים טרעפן די פּאָר חברים איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס זיינען נישט פאַראַן אין דער מענטשלעכער שפּראַך אַזעלכע ווער־טער, מיט וועלכע מען זאָל דאָס קאָנען ברענגען צום אויסדרוק. פאַר מיר, ישראל קאַנאַל און „מערדעק" זיינען דאָס געווען מינוטן פון טיפסטער אי־נערלעכער דערשיטערונג. מיט 24 שעה צוריק, ווען מיר זיינען ארויס פון בונקער דערפילן אונדזערע אויפגאַבן, האָבן מיר נאָך געהאַט חברים, אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און בכלל יידן. מיר האָבן נאָך געהאַט דעם לעצטן באַסטיאָן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — מילע 18. איצט, צוריקקומענ־דיק, האָבן מיר געטראָפן צעוואָרפענע און דורכגעאַקערטע בערגלעך ציגל און ערד, אונטער וועלכע עס ליגן פאַרזונקען אין דעם אייביקן שלאָף מענטשן, חברים, מיט וועלכע מיר האָבן צוזאַמען געלעבט און געקעמפט. דאָס געפיל פון איינזאַמקייט האָט געדריקט אויף דער נשמה און געווירקט ביז גאָר דערשיטערנדיק. דאָס איינציקע, וואָס האָט אונדז ביז איצט גע־שטאַרקט און געגעבן כוח אויסצוהאַלטן, איז געווען דער קאָלעקטיוו, די אידיי פון קאַמף און דער קאַמף ממש. איצט, שטייענדיק, אין דער פינצטע־רער נאַכט אויף די קברים פון דעם גרעסטן טייל פון דער קאַמפּס־אָרג׳, אָרומגערינגלט דורך דעם אומאויפהערלעכן פייער פון דייטשן מאַשין־געווער און פון ראַקעטן־בליצן, איז פאַר אונדז — די לעצטע עדות פון דער גרויסער טראַגעדיע — געוואָרן קלאָר, אַז אַלץ איז געענדיקט. די גאַנצע וועלט איז פאַר אונדז אונטערגעגאַנגען און מיר האָבן נישט קיין שום זין אין דעם ווייטערדיקן לעבן אַלס פאַראיינזאַמטע, צעבראָכענע און פון דער גאַנצער וועלט פאַרלאָזענע יחידים. מיר האָבן באַשייפּערלעך געזען, אַז דאָס, וואָס מיר דריי לעבן נאָך דערוויייל יאָ, איז בלויז צוליב דעם צופאַל, וואָס אין דער שלאַכט אויף ראַג וואָלינסקאַ־זאַמענהאָף, זיינען מיר געווען צווישן די אומגליקלעכע, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט דורכרייסן צו מילע 18. יענע זיבן חברים, וועלכע מיר האָבן מקנא געווען צוליבן דורכרייסן זיך, האָבן אויך געפונען דעם טויט אינעם בונקער צוזאַמען מיט אַלע און בלויז איינער פון זיי — מנחם ביגעלמאַן, געפינט זיך צווישן די האַלב־פאַרגאַזעוועטע.

אויף די פון גאַז־פאַרטשאַדעטע חברים האָט אונדזער באַוויין זיך גע־ווירקט עלעקטריזירנדיק. מיר האָבן אין זייערע אויגן אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן אויפגעשטאַנען תחית־המתים, ווייל די זיבן חברים פון אונדזער גרופּע, וואָס זיינען צוריקגעקומען אויף מילע 18, האָבן איבערגעגעבן, אַז מיר זיינען געפאַלן און מען האָט שוין נאָך אונדז געזאָגט קדיש. מיט די

לעצטע כוחות האָבן די פאַרגאַזעוועטע געפּרוווט ריידן, אָבער פון זייערע ליפּן איז דאָס נישט דערגאַנגען צו אונדזער אויער. זיי האָבן נישט גע־קאָנט אָטעמען און דאָס איינציקע מיט וואָס מען וואָלט זיי געקאָנט העלפן, איז געווען — וואַסער, אָבער דאָס האָבן מיר נישט געהאַט.

בערך אַ האַלבע שעה צייט נאָך אונדזער אָנקום, האָבן זיך פּאָר אונדז אומדערוואַרטעט באַוויזן צביה לובעטקין, מאַרעק עדעלמאַן און חיים פרו־מער. עס איז פּאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז אויך צביה און חיים האָבן פאַרשפּעטיקט דעם טויט אויף מילע 18, פּונקט ווי מיר, צוליב דעם צו־פאַל, וואָס זיי האָבן אויך נישט געקאָנט מיט אַ פּאָר שעה פריער צוריק־קימען פון זייער שליחות אויף פראַנציסקאַנער 22, וואו עס האָט זיך גע־פונען מאַרעק עדעלמאַן. אויך די ניי־אָנגעקומענע האָבן איבערגעלעבט די זעלבע דערשיטערונג וואָס מיר. מיר זיינען אַלע געשטאַנען ווי פאַר־שטומט, נישט קאָנענדיק מיט קיין וואָרט אויסדרוקן די אינערלעכע אי־בערלעבונג און נישט קאָנענדיק שלום מאַכן מיט דעם, וואָס עס האָט פּאַ־סירט. טראָץ אַלעם האָט זיך די שטימונג אַביסל געהויבן צוליב דעם באַ־וויזן זיך פון די נאָך דריי לעבנגעבליבענע חברים און דערצו נאָך די סאַמע נאָענטסטע. עס איז אויך געוואָרן עטוואָס לייכטער דאָס געמיט דער־הערנדיק פון זיי, אַז אויף פראַנציסקאַנער 22 געפינען זיך נאָך אַ טייל חברים, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר רעשטלעך פון די צעקלאַפּטע גרופּן פון „דרור", „פּועלי־ציון" (לינקע), „השומר הצעיר" און „בונד" (זייער צאָל האָט דערגרייכט בערך 30) און אויך צוויי גרופּן פון „דרור" און איינע פון „השומר הצעיר" אויף נאַלעווקי 37. הגם מיר האָבן זיך געזען ווייטער פאַרבונדן מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פעדעם און די קעגנזייטיקע זאָרג און אַחריות פון איינעם צום צווייטן איז נישט איבערגעריסן געוואָרן אין די שווערסטע מינוטן, איז פאַר אונדז קלאָר, אַז דער אויפשטאַנד איז פּאַקטיש געבראָכן. ווייל אָן אַ קאַמפּס־באַזע, אָן אַמוניציע און דערצו אויסגעמאַטער־טע פון הונגער, דורשט און שלאָפלאָזיקייט, איז נישט מעגלעך געווען קיין שום ווייטערדיקער קאַמף.

איידער מיר האָבן נאָך געוּנומען קלערן וואָס ווייטער צו טאָן, האָבן מיר זיך געמוזט מטפּל זיין מיט די פאַרגאַזעוועטע חברים. נישט אַלע זיי־נען געווען אין זעלביקן צושטאַנד. אַ טייל זיינען געווען דיער שטאַרק פאַרסמט פון גאַז, אַ טייל ווייניקער. קיין שום מעדיציניש הילף האָבן מיר נישט געהאַט און מיר האָבן זיי פּאַקטיש מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן. מיר האָבן זיי בלויז אַרויסגעצויגן פון דער טיפעניש פון דער חורבה

אויף דער פרייער לופט, וועלכע איז אויך געווען פול מיט רויך און מתים־ריח.

די, וואָס האָבן זיך געפילט בעסער, האָבן אונדז איבערגעגעבן דעם גאַנצן פאַרלויף פון דעם דייטשן אָנגריף אויף דעם בונקער פון מילע 18. זיי האָבן דערציילט: שבת דעם 8טן מאַי, האָבן דייטשן אַרומגערינגלט דעם בונקער פון אַלע זייטן און פּלוצלונג האָבן זיי אויפגעבראָכן אַלע פינף אַריינגענג מיטאַמאָל. ביי דער ציוויל־באַפעלקערונג האָט זיך געמאַכט אַן אומבאַשרייבלעכע פּאַניק און פאַרלוירנקייט, אָבער די קאַמפּס־גרופּן האָבן באַהערשט די סיטואַציע. ביי יעדן אַריינגאַנג פון אינעווייניק זיינען געשטאַנען באַוואָפנטע גרופּן, וועלכע האָבן מאָמענטאַל געעפנט אַ שיסעריי אויף די דייטשן. די פאַרטיידיקונג איז אָבער געווען אוממעגלעך, ווייל עס איז נישט געווען קיין איין אַרויסגאַנג, דורך וואַנען די קעמפער זאָלן זיך קאָנען אַרויסציען און עפענען אַ קאַמף אין מער גינסטיקע באַדינגונגען. יעדע ווייטערדיקע פאַרטיידיקונג איז אָבער געוואָרן אוממעגלעך נאָך דעם, ווי די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוואַרפן אין בונקער אַריין גאַז־באָמבעס. זיי האָבן אַריינגעלאָזן אַזאַ גרויסע דאָזע גאַז, אַז מאָמענטאַל האָט אַלעמען גענומען שטיקן אין האַלדז און פון די אויגן האָט זיך געגאָסן טרערן. די מענטשן זיינען אין דער בונקער־פינצטערניש געלאָפן ווי משוגע און נישט געקאָנט זיך געפונען קיין אָרט און קיין רעטונג.

אין מינוטן פון דער גרעסטער אויסזיכטלאָזיקייט, האָט אריה ווילנער גערופן די חברים צו באַגיין זעלבסטמאָרד. די מערהייט מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך אַליין דערשאָסן מיטן אייגענעם געווער, אָדער אַראָפּגעשלונגען ציאַנקאַלי. לוטעק ראָטבלאַט האָט פריער דערשאָסן זיין מוטער און שפּעטער זיך אַליין. בערל ברוידע, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַרוואונדעטע האַנט, האָט זיך נישט געקאָנט אַליין אומברענגען און האָט געבעטן זיך ביי אַנדערע חברים, זיי זאָלן אים דערשיסן. אַ טייל ח״ח זיינען אַוועקגעפאַלן אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד נישט קאָנענדיק באַגיין זעלבסטמאָרד. אויך דער גרעסטער טייל פון דער ציוויל־באַפעלקערונג איז אומגעקומען פון גאַז. בלויז אַ קליינער טייל פון דער ציוויל־באַפעלקערונג האָט זיך אַרויסבאַקומען פון בונקער און איבערגעגעבן זיך אין די הענט פון די דייטשן. די פּאָר האַלב־פאַרסמטע חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך דערנענטערט צו אַן עפענונג פון בונקער נאָך דעם, ווי די דייטשן האָבן שוין פאַרענדיקט מיט דער גאַז־אַקציע,

מיינענדיק, אַז קיינער לעבט שוין נישט אינעווייניק. דאָרט האָבן זיי גע־האַט אַ גרעסערן לופט־צושטראָם און דאָס האָט זיי דערהאַלטן ביים לעבן.

חוץ מרדכי אַניעלעוויטש, וועלכער איז אומגעקומען פון גאַז צוזאַ־מען מיט אַלע קעמפער, זיינען אויך אויף מילע 18 צווישן אַנדערע אומ־געקומען די קעמפער און אַקטיווע טוער פון דער חלוצישער באַוועגונג ווי בערל ברוידע, אַהרן האַלדזבאַנד, נעשע צוקער („דרור"), מירא פוכרער, אריה ווילנער („השומר הצעיר"), לוטעק ראָטבלאַט („עקיבא"). פון די גרופן פון פפ"ר זיינען דאָרט געפאַלן: הערמאַן און יהושע שפּאַנצער, פון די בונדישע גרופן — מלך פערעלמאַן, איגנאַצי פוטערמאַן און אַנד'.

נאָכן אויסהערן וועגן אומקום פון מילע 18 האָבן מיר אָנגע־הויבן טראַכטן: וואָס ווייטער? עס איז שוין פאַרביי אַ האַלבע נאַכט און אין די געציילטע שעהן ביזן טאָג וועלן האָבן מיר געוואָלט קאָנצענטרירן די לעצטע רעשטלעך חברים אויף איין אָרט. דאָס איינציקע אָרט וואו מיר האָבן נאָך געקאָנט אַריינשטעלן אַ פּוס, איז געווען פראַנציש־קאַנער 22. אָבער ווי די געקומענע פון דאָרט האָבן איבערגעגעבן, האָט מען אויך די עקזיסטענץ פון דאָרטיקן בונקער גערעכנט אויף שעהן, ווייל אין דעם זעלבן טאָג זיינען דאָרט געווען דייטשן. זיי האָבן געזוכט די פאַרמאַסקירטע אריינגענג אין בונקער און אוועקגעגאַנגען. פון דער דערפאַרונג פון מילע 18 האָבן מיר געוואוסט, אַז אַזאַ באַזוך איז אַ סימן פון אַ נאָענטער ליקווידאַציע פון בונקער. נישט קוקנדיק אויף דעם האָבן מיר באַשלאָסן דאָרט אַהין צו גיין, פשוט צוליב דעם, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער אָרט און אויך צוליב די אויסזיכטן וואָס מיר האָבן געהאַט, פון דאָרט צו גיין אין אַ קאַנאַל אריין. פון דעם דאָר־טיקן בונקער איז געווען אַ דירעקטער צוגאַנג צו אַ קאַנאַל, און דאָס איז באַטירלעך געווען אַ סך זיכערער ווי צוצוקומען צו אים דורך דער גאַס.

מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין פירנדיק ביי די הענט די פון גאַז־פאַרטשאַדעטע חברים, וועלכע האָבן כמעט נישט געקאָנט זיך באַוועגן. מיר האָבן זיך ווידער געבלאָנקעט אויף דער בלוטיקער ערד צווישן דערהרגעטע און אויך אויף קויל־פאַרברענטע מענטשן אונטער די פיס און פליענדיקע פייער־קוילן איבער די קעפּ. ווען מיר זיינען אָנגע־קומען אויף פראַנצישקאַנער 22, האָבן מיר דאָרט גליך אָפּגעפילט ווי דער באָדן ברענט אונטער די פיס. די יידן פון דאָרטיקן בונקער האָבן זיך געריכט, אַז מיטן אָנקומען פון טאָג וועט זיין אַן אָנגריף פון די דייטשן אויפן בונקער. יעדער פון זיי האָט געזוכט פאַרשידענע מיטלען

און וועגן ווי אזוי זיך ארויסצוקריגן פון דארט, אָבער כמעט קיינער האָט נישט געהאַט וואוהין צו גיין. אויך דער קאַנאַל מיט וועלכן דער בונקער האָט זיך געגרענעצט, איז נישט געווען קיין אויסוועג פאַרן גרעסטן רוב ווייל צו דעם זיינען געקומען אין באַטראַכט געזונטע, שטאַרקע, וואָס אַזעלכע זיינען שוין נישט געווען בנמצא. מורא האָבנדיק, אַז זיי וועלן נישט קאָנען אויסהאַלטן די ליידן אין קאַנאַל, האָבן פיל געזאָגט, אַז זיי ווילן בעסער אומקומען אויפן אָרט אין בונקער, איידער אין די טיפעגישן פון קאַנאַל. א טייל, וואָס האָט יאָ געוואָלט אריין אין קאַנאַל, דער עיקר מענער, האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זייערע משפחות, עלטערן, פרויען אאַ"וו. דער קרייז פון באַוועגן זיך איז געוואָרן אַלץ שמאָלער און שמאָלער. פאַר דעם איבערוויגנדיקן רוב פון די יידן אויף פראַנציסקאַנער 22 איז פאַרבליבן נישט מער, ווי דאָס וואַרטן אויפן טויט.

אָנקומענדיק פונקט אין דער צייט, ווען אַלע האָבן געוואָלט פון דאָרט אַנטלויפן, האָבן מיר נישט געהאַט קיין גרונט צו בלייבן רואיק. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט לאָזן אין אַ ווייטערדיקן וועג אריין צוליב דעם שלעכטן געזונט־צושטאַנד פון די אָפּגעראַטעוועטע חברים פון מילע 18. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, אַז בלויז אַ גרופּע פון אַ 8—10 חברים וועלן אַרויסגיין אין קאַנאַל אַריין און נאָכאַמאָל פרווון זיך פאַרבינדן מיט דער „אַרישער זייט". אויך דאַסמאָל האָבן לויטן פּלאַן געדאַרפט אַרויסגיין אויף דער „אַרישער זייט" אַ פּאָר חברים פון דער גרופּע מיט „אַרישן" אויסזען. די איבעריקע דאַרפן וואַרטן אין קאַנאַל ביז ס'וועט געלונגען צו ברענגען הילף פון דער „אַרישער זייט" און דעמלט דאַרפן זיי צוריקגיין אין געטאָ אַריין אַרויסנעמען די אַלע חברים, וואָס געפינען זיך נאָך אין געטאָ.

# די לעצטע חאַנוכּה

אין דער זעלביקער נאַכט פון שבת, דעם 8־טן מאַי, האָב איך זיך צום דריטן מאָל געפונען אין אַן עקספּעדיציע, וואָס האָט געדאַרפט דער־גיין צו דער „אַרישער זייט". היות די פריערדיקע צוויי מאָל בין איך נישט דערגאַנגען צום ציל, האָב איך — פּונקט ווי מיינע מיטגייער — נישט געגלויבט, אַז מיר זאָלן דאַסמאָל יאָ מצליח זיין. ביים אַראָפּלאָזן זיך דאָסמאָל אין קאַנאַל אַריין, האָב איך געפילט, אַז דאָס איז דער לעצטער פּרווו, דאָס וועט זיך ענדיקן מיטן לעבן אָדער טויט. אָבער ענדלעך וועט עס זיך ענדיקן. היות קיין גרונט פאַר אָפּטימיזם איז נישט געווען, זיינען מיר צוגעגרייט געווען צו דעם, אַז ס'וועט זיך ענדיקן מיטן טויט. ס'איז שוין אָבער נישט געווען וואָס צו פאַרלירן.

אין דער דאָזיקער עקספּעדיציע האָבן זיך צווישן אַנדערע געפונען איינער פון די יונגסטע און מוטיקסטע קעמפער — שלאָמעק שוסטער און אַדאָלף האָכבערג („דרור"), „מערדעק" („השומר הצעיר"), אַבראַשאַ בלום (בונד") און נאָך צוויי דריי חברים וועמענס נאָמען זיינען מיר אַרויס פון זכרון.

ביים ערשטן טובל זיין זיך, נאָך האַלבער נאַכט, אין די וואַסערן פון קאַנאַל, איז אַ קאַלטער ציטער, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכ־געלאָפן דורכן גאַנצן קערפּער און אַנגעשלאָגן אין קאָפּ. אויף אַ סעקונדע האָבן מיר פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין. נאָך דעם האָבן מיר טיף אָפּגע־אָטעמט, אַזוי ווי פאַרחלשטע, ווען מען באַגיסט זיי מיט קאַלט וואַסער. אין געציילטע מינוטן האָבן שוין די דורכגעווייקטע מלבושים צוגעקלעבט זיך צום קערפּער. מיר האָבן געפילט די שווערע משא פון די נאַסע קליי־דער, וועלכע זיינען געווען באַדעקט מיט בלאָטע און אַנדערע צעפוילטע קלעפּיקע געגנשטאַנדן, וואָס געפינען זיך אין די שמוציקע וואַסערן פון קאַנאַל.

שווער איז געווען דאָס שלענגלען זיך איינער הינטערן אַנדערן אין

דעם אונטערערדישן פינצטערן און ענגן קאַנאַל־לאַבירינט. איינגעבויגן, אין אַ קריכנדיקער פּאָזיציע, זיינען מיר „געגאַנגען" פּאָרויס קעגן די, אַנטקעגן אונדז לויפנדיקע כוואַליעס. מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר געוואָגלט אויף די אומבאַקאַנטע שליאַכן, וואו קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט געטרעטן. מיר האָבן זיך דאָרט אויסגעמישט מיט די עיפּושדיקע פליסיקייטן פון די שטאָטישע קלאָזעטן און שטוביקע אָפּגוסן, מיט דעם אייל־פעטן וואַסער, וואָס שטאַמט פון די פאַבריקן און דעם רעגן־וואַסער פון וואַרשעווער רינשטאָקן. מיר זיינען געוואָרן א טייל פון דעם גאַנצן געמיש פון די פאַרשידענע שטראָמען וואָס פליסן פון דער איבערפלאַך און פאַראייניקן זיך אין די קאַנאַלן אין איין גרויסן זומפּ.

דער אומגלויבן אין דער מעגלעכקייט צו דעררקריכן צו א ציל, דאָס באַוואוסטזיין, אַז דער וועג איז נאָך אַזוי לאַנג און שווער, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס געפיל, אַז מיט דער דאָזיקער קלעפּיקער בלאָטע וועלן מיר זיך שוין מער נישט שיידן, אַז עס איז נאָענט די מינוט, ווען מיר וועלן אויפהערן צו שפּאַנען קעגן שטראָם און נאָכן אויסגיין פון די כוחות, וועלן אונדזערע קערפּערס אַוועקגעשלעפּט ווערן מיטן שטראָם און וועלן אַנשפּאַרן אַזש אין דער ווייסל און נאָך ווייטער. די כסדר אַנשווימענדיקע איבערבלייבענישן פון געוועזענע מענטשן, וועלכע האָבן פּונקט ווי מיר געזוכט מזל אין קאַנאַל, דאָס פאַרטשעפּען זיך יעדע פּאָר מינוט אין א צעפוילט היטל, אַ צעריסן העמד, הויזן און אַנדערע מענטשלעכע איבער־בלייבן, האָט באַשטעטיקט, אַז נישט איין ייד איז שוין דאָ אין די וואַסערן פאַרשוואומען אין דער אייביקייט אַריין. שפּעטער האָט זיך אויך פאַר־משפּעט ביי אונדזער פּיס אַ טויטער קערפּער וועלכער האָט זיך פאַר־האַלטן אין שווימען און געבליבן שטעקן צווישן אונדז צוליב דער שמאָל־קייט פון קאַנאַל. מיר האָבן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי אים פריי צו מאַכן דעם וועג, אים דורכלאָזן און דערמיט דערמעגלעכן אונדזער ווייטערדיקן גאַנג.

וואָס ווייטער מיר זיינען געקראָכן, כמעט אויף אַלע פיר, אַלץ שווע־דער און אומדערטרעגלעכער איז געוואָרן דער וועג. דאָס רוקן זיין פאָרויס איז פאַרגעקומען זייער לאַנגזאַם. די פּיס האָבן זיך שווער אויפ־געהויבן און נאָך שווערער זיך אַריינגעשניטן אין די שטראָמיקע כוואַ־ליעס. צווישן דעם אַרויסנעמען איין פוס און אַריינשטעלן דעם צווייטן, זיינען דערווייל די הענט געקומען צו הילף ביים דערהאַלטן דאָס גלייכ־געוויכט, כדי נישט מיטגעשלעפּט צו ווערן מיטן שטראָם. די אַכט פּאָר פּיס,

וואָס האָבן צום טאָקט געשפּאָלטן די כוואַליעס האָבן געוואָלט זיך אָפּרוען, כדי צו קומען אַביסל צו די כוחות, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך, ווייל ביים אָוועקזעצן זיך איז דאָס וואַסער דערגאַנגען ביזן מויל. צוליב דער שמאָלקייט פון קאַנאַל, און צוליב זיין קיילעכדיקן געבוי, האָט מען געמוזט זיצן אין אַן איינגעקנוילטן צושטאַנד און דאָס האָט נישט וויניקער פאַרמאַ־טערט ווי דאָס גיין. די איינציקע מעגלעכקייט אויסצוגלייכן דעם רוקן, איז געווען ביי די קאַנאַל־עפנונגען, וואו די הויכקייט האָט דערמעגלעכט אַוועק־צושטעלן זיך גלייך. אַזעלכע האָבן מיר געטראָפן נאָך יעדע דריי־פיר הונדערט מעטער. ביי די דאָזיקע עפנונגען איז אָבער נישט געווען קיין אָרט מער ווי פאַר צוויי־דריי מענטשן. פאַרהאַלטנדיק זיך דאָרט אַ פּאָר מינוט, האָט מען זיך ווידער אַריינגעלאָזן אין די טיפענישן פון קאַנאַל און אַנדערע האָבן פאַרנומען דאָס אָרט, כדי אָפּצורוען ביי דער עפנונג.

צוליב דעם פאַמעלעכן גאַנג, האָט דער וועג אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. אָפּמאַטערנדיק זיך בערך צוויי שעה צייט, האָבן מיר לויט די סימנים פעסטגעשטעלט, אַז מיר געפינען זיך נאָך אין געטאָ. נאָך ערגער איז געווען, וואָס מיר האָבן נישט געוואוסט קיין ריכטונג און דאָס גיין איז געווען אָן אַ ציל. אין די ערטער וואו די קאַנאַלן האָבן זיך פונאַנדער־געצווייגט אין פאַרשידענע ריכטונגען, זיינען מיר געבליבן שטיין אויפן שייד־וועג און יעדעס מאָל האָבן מיר אויסגעקליבן אַ ריכטונג דיקטירט בלויז דורך דעם אינסטינקט.

פלוצלונג זיינען מיר געוואָרן שטאַרק איבערראַשט. פונדערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ שטאַרקער רעפלעקטאָרן־שיין, וואָס האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט צו אונדז. די דאָזיקע געהיימניספולע דערשיינונג, האָבן מיר געקאָנט אויסטייטשן נאָר דערמיט, וואָס דייטשן זוכן די רעשטלעך יידישע קעמפער. מיר האָבן זיך געקאָנט אויף דעם ריכטן, ווייל פאַר אונדזער אַריינגאַנג אין קאַנאַל האָבן מיר געהערט, אַז די דייטשן האָבן גענומען באַ־וואַכן די קאַנאַלן. אין טייל ערטער האָבן זיי אַריינגעלאָזן גאַז, אַריינגע־וואָרפן גראַנאַטן אאַ״וו. מיט דער זיך דערנענטערנדיקער באַלויכטונג, האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז ליידער איז דאָס אומגלויבלעכע — אמת.

אין ערשטן מאָמענט, ווען מיר האָבן דערזען דאָס ליכט, האָבן מיר זיך אינסטינקטיוו אַ ריס געטאָן אויף צוריק. מיר האָבן אָבער גלייך זיך דערמאָנט, אַז קיין וועג צוריק איז נישטאָ. דאָס געטאָ איז שוין פול־שטענדיק חרוב און דער טויט לויערט אומעטום. צוריקגיין אין בונקער אַריין אויף פראַנציסקאַנער 22, פון וואַנען מיר זיינען אַרויס, האָט אויך

נישט געהאַט קיין זין, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז די שעהן פון זיין עק־זיסטענץ זיינען געציילטע. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו בלייבן אויפן אָרט און אָפּוואַרטן אויף דעם, וואָס דאַרף געשען.

מיט דער גרעסטער שפּאַנונג זיינען מיר געשטאַנען און געקוקט ווי דאָס ליכט ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. די שטראַלן — אַלץ נענטער. אונדזערע פּנימער ווערן שוין באַלויכטן און איינער קאָן שוין דערזען דעם צווייטן, אָבער ווער עס זיינען די, וואָס דערנענטערן זיך צו אונדז, האָבן מיר נישט געקאָנט זען, ווייל דאָס שטאַרקע ליכט האָט אונדז פאַרבלענדט די אויגן. יעדער האָט זיך געטראַכט, אַז אָט ענדיקט זיך אונדזער מאַ־טערנדיק לעבן און האָט זיך געזען אין דעם צושטאַנד פון דעם פריער באַ־מערקטן טויטן קערפּער, וועלכן די וואַסער־כוואַליעס האָבן פאַרבייגע־טראָגן פאַר אונדזערע פיס. אונדזער האַלטונג איז אָבער געווען אַ רואיקע און גלייכגילטיקע — גלייכגילטיק אויס האָפנונגסלאָזיקייט. עס זיינען ווי־דער אַוועק אַ פּאָר מינוט און מען הערט שוין דאָס פּליעסקען פון וואַסער אונטער זייערע פיס. דאָס איז שוין געווען די לעצטע מינוט צווישן לעבן און טויט.

אומדערוואַרטעט האָט זיך אונדזער פיינלעכסטע איבעררעאַשונג פאַר־וואַנדלט אין דער פריידיקסטער איבערלעבונג. פאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך באַוויזן שמחה ראַטייזער (קאַזשיק) נעבן אים רישעק — אַן אַקטיוויסט פון פפּ״ר אויף דער „אַרישער זייט״ — און אַ קאַנאַליזאַטאָר, וועלכער האָט זיי געוויזן דעם וועג. די פרייד איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכע. מיר זיינען זיך קעגנזייטיק באַפאַלן און געקושט, נישט קאָנענדיק זיך אָפּרייסן איינער פון אַנדערן. די אומדערוואַרטעטע פרייד, וואָס איז געקומען פונקט אין די ערגסטע מינוטן פון טויט־דערוואַרטונג, האָט אונדז אַזוי צעמישט, אַז מיר האָבן אַ געוויסע צייט נישט געקאָנט זיך לאָגיש דערקלערן, וואָס דאָ האָט פּאַסירט און ווי אַזוי איז מעגלעך געווען אַזאַ גליקלעכער צו־פאַל. נאָך איידער מיר האָבן זיך געגומען דורכריידן מיט קאַזשיקן און ר׳שעקן, האָבן זיי אונדז דאָס לעבן אונטערגעהאַלטן מיט ציטערינגען און צוקערלעך. עס איז פאַר מיר פאַרבליבן אומפאַרגעסלעך, ווי אַזוי מיר האָבן זיך געכאַפּט פאַר די ציטרינגען. מיר האָבן אַפילו נישט קיין צייט געהאַט זיי אָפּצושיילן, נאָר גענומען אַריינבייסן אין זיי, אַזוי ווי מען עסט אויבס און נישט געפּילט אַפילו זייער שאַרפן זאַפט.

דער גליקלעכער צוזאַמענטרעף אין קאַנאַל האָט אונדז ממש פאַר־שיכורט פון פרייד און מאָמענטאַל געמאַכט פאַרגעסן אין אַלעליידן, אין

הונגער, אין דורשט און אין דער פיזישער דערשעפּטקייט. מיר האָבן זיך געפילט אַזוי ווי מיר וואָלטן אַ נייע נשמה באַקומען. די איבערנאַטירלעכ־קייט פון דעם פאַקט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן זיך נישט גע־קאָנט גלויבן, צי דאָס איז ווירקלעך אַן אמת, אָדער אַ חלום.

שפּעטער האָבן מיר זיך דורכגעשמועסט מיט קאַזשיקן און ער האָט אונדז איבערגעגעבן וועגן אַלע באַמיאונגען, וואָס עס זיינען געמאַכט גע־וואָרן מצד דער פאַרשטייערשאַפט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער זייט" — יצחק צוקערמאַן און זיינע פאַרבינדונגס־מע־נער, בכדי צו ברענגען הילף די יידישע קעמפער, ווי בכלל דעם געטאָ. דער צוזאַמענטרעף אין קאַנאַל איז אויך אַ רעזולטאַט פון אָט די באַ־מיאונגען.

קאַזשיק, איז לויט אַ באַשלוס פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַרויס־געגאַנגען פון געטאָ מיט זלמן פרידריך אין דער נאַכט פון 29טן אויפן 30טן אַפּריל. דאָס איז געווען אין מיטן ברען פון אויפשטאַנד. זייער אויפגאַבע איז געווען, וואָס גיכער צו פאַרבינדן זיך מיט יצחק צוקערמאַן און גלייך אָרגאַניזירן הילף אויף אַרויסצונעמען די לעבנגעבליבענע קעמפער, נאָכ־דעם, ווי עס וועט שוין נישט מעגלעך זיין דער ווייטערדיקער קאַמף. די צוויי שליחים זיינען אין מיטן דער נאַכט אַריין אין אַן אונטערערדישן טונעל אויף מוראַנאָווסקאַ, וואָס האָט געפירט צו דער „אַרישער זייט". נאָך דעם זעלביקן טאָג פון 30טן אַפּריל, האָבן קאַזשיק און פרידריך דער־גרייכט זייער ציל און פאַרבונדן זיך מיטן פאַרשטייער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער זייט".

קאַזשיק האָט אונדז ווייטער דערציילט, אַז שוין איבער אַ וואָך צייט דויערן די אינטענסיווע אָנשטרענגונגען מצד דעם אַקטיוו פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער זייט", אין פאַרבינדונג מיט דער פּפּ"ר, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן אַ מאַקסימום פאַרשטענדניש און הילף פאַר אונדזערע נויטן. ספּעציעל האָט זיך אַנגאַזשירט אין דער דאָזיקער הילפס־אַקציע מצד דער פּפּ"ר — דער פּוילישער אַרבעטער־טוער קאַסטעק („קזשאַטשעק"), וואָס אַדאַנק אים איז געלונגען צו אָרגאַניזירן די הילפס־עקספּעדיציע אין געטאָ אַריין. שוין אַ לענגערע צייט וואָלגלט אַרום די עקספּעדיציע מיט קאַזשיקן בראש אין די קאַנאַלן. נאָך עטלעכע נישט גע־לונגענע פּרווון אַריינצוקריגן זיך אין געטאָ אַריין, איז אים אין דער נאַכט פון 8טן אויפן 9טן מאַי (פּונקט אין דער זעלבער נאַכט, ווען מיר זיינען אַריין אין קאַנאַל) געלונגען צו קומען אין געטאָ אַריין. ער האָט

זיך אַרומגעדרייט איבער די חורבות, געגאַנגען אויף אַלע אַדרעסן, וואו ער האָט נאָר געוואוסט, אַז דאָרטן זיינען געווען קאַמפּס־גרופּן און קיי־נעם נישט געטראָפן. מיינענדיק, אַז אַלע זיינען שוין אומגעקומען, האָט ער צוריק פאַרלאָזן דאָס געטאָ. אויף צוריקוועגס, האָט ער זיך געדרייט אין די פאַרשידענע ריכטונגען פון די קאַנאַל־פאַרצווייגונגען, אפשר וועט ער דאָך עמעצן טרעפן. צום גליק האָט אַמאָל דאָס מזל יאָ צוגעשפּילט און ער האָט אונדז געטראָפן אין מאָמענט פון דער גרעסטער רעזיגנאַציע און אומגלויבן אין וועלכער עס איז רעטונג.

נאָכן אויסהערן אין קורצן די געשיכטע פון די רעטונגס־פּרווו, האָבן מיר זיך אויך דערוואוסט פון קאַזשיקן, אַז עס איז פאַר אונדז גרייט הילף אויף דער „אַרישער זייט" און נאָכן אַרויסגיין פון קאַנאַל, וועט מען אונדז אַוועקפירן מיט אויטאָבוסן און איינלאָקירן אין באַשטימטע ערטער. דאָס אַלץ האָט עפּעס ביי אונדז אויסגעזען צו גוט. זייענדיק צוגעוווינט צו אַזוי פיל שלעכטס, האָבן מיר שוין דאָס גוטע אויפגענומען מיט אַ געוויסן רעזערוו. שפּעטער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז דער רעטונגס־פּלאַן איז נישט געגאַנגען אַזוי גלאַטיק, אַז דאָס האָט קאַזשיק ספּעציעל אַזוי געמאָלן פאַר אונדז די נאָענטסטע פּערספּעקטיוון, הגם ער האָט געוואוסט, אַז עס איז נישט אַזוי פּשוט. ער האָט עס אָבער געטאָן, כדי ביי אונדז אויפצוהאַלטן דעם גייסט. בשעת מעשה, האָבן מיר נאַטירלעך קאַזשיקס פּלאַן אויפגענומען זייער גוט און מיר האָבן געזען, אַז מיר זיינען נישט פאַרלוירן. מיר האָבן נאָר באַדויערט, וואָס די רעטונג איז געקומען מיט אַ טאָג צו שפּעט. וואָלט דער נס פון טרעפן זיך מיט די שליחים פון דער „אַרישער זייט" פאָרגעקומען אַ טאָג פריער, וואָלט דאָס אומגליק אויף מילע 18 נישט געווען אַזוי גרויס און די דאָרטיקע קעמפער וואָלטן באַ־וויזן אַרויסצוגיין לעבעדיק.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן איבערגעגעבן די שליחים פון דער „אַרישער זייט" אַלע פּרטים וועגן דער טראַגעדיע אויף מילע 18, האָבן מיר אונדזער גרופּע פונאַנדערגעטיילט אין צוויי טיילן. איין טייל איז געגאַנגען צוריק אין געטאָ אַריין דערציילן אונדזערע חברים וועגן דער גוטער בשורה, אַז מיר האָבן שוין אַ קאָנטאַקט מיט דער „אַרישער זייט". עס האָבן תיכף געדאַרפט אַרויסגיין אין קאַנאַל אַריין אַלע חברים, וואָס געפינען זיך אויף פראַנציסקאַנער 22 און די רעשטלעך פון די קאַמפּס־גרופּן פון זכריה אַרטשטיין, יצחק בלושטיין און יוסף פאַרבער, וואָס געפינען זיך אויף נאַלעווקי 37. דער צווייטער טייל פון דער גרופּע איז געגאַנגען פאָרויס

צי דער קאַנאַל־עפנונג אויף פּראָסטאַ גאַס, וואו עס דאַרף פּאַרקומען דער אַרויסגאַנג אויף דער „אַרישער זייט" נאָך דעם, ווי עס וועלן אָנקומען אַלע חברים פון געטאָ.

דער וועג אויף פּראָסטע גאַס איז נאָך געווען אַ געגנוג לאַנגער און מאַטערנדיקער, אָבער די יסורים האָבן מיר אויפגענומען באהבה, ווייל עס האָט זיך געלוינט די לײַדן. דאָס באַוואוסטזיין, אַז מיר גייען מיט אַ ציל האָט אויך געשטאַרקט.

נאָכן אָפּגיין ווייטערדיקע צוויי שעה צייט, האָבן מיר ענדלעך דער־גרייכט צו דער קאַנאַל־עפנונג אויף פּראָסטע. דער קאַנאַליזאַטאָר, וואָס האָט געפירט און געוויזן דעם וועג, האָט פאַרענדיקט זיין ארבעט. קאַ־זשיק איז מיט אים אַרויסגעגאַנגען אויף דער אויבערפלאַך און אונדז האָט ער געהייסן וואַרטן ביז עס וועלן אָנקומען אַלע חברים פון געטאָ און דאַן וועט מען אָרגאַניזירן דעם אַרויסגאַנג פון קאַנאַל. דאָס וואַרטן אויף די חברים פון געטאָ איז נישט געווען לײַכטער, ווי דאָס גיין ביז צו דער קאַנאַל־עפנונג. די קאַנאַל־ענגקייט האָט נישט דערמעגלעכט צו זיצן נאָר־מאָל און זיך אָפּרוען. מיר זיינען געלעגן צוזאַמענגעקנוילט אין אַ מעג־לעכקייט אויסצוגלייכן דעם גוף. זיצנדיק, האָבן מיר נאָך ערגער ווי ביים גיין אָפּגעפּילט די נעץ און די בלאָטע. מיר האָבן ממש געציטערט פון קעלט און די ציינער האָבן געקלאַפּט איינער אינעם אַנדערן.

די נאַכט איז שוין לאַנג אַוועק, אין דרויסן איז שוין ליכטיקער טאָג. בערך נאָך דריי־פיר שעה צייט — אַרום 11 אַזייגער אינדערפרי — זיינען די חברים פון געטאָ אָנגעקומען צו דער קאַנאַל־עפנונג. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס נישט אַלע זיינען געקומען, ווייל מיטן צופאַלן פון טאָג, האָט מען נישט געקאָנט זיך דורכרייסן צו נאַלעווקי 37 און אַרויס־נעמען די דאָרטיקע גרופּן. געקומען זיינען בלויז די חברים פון פראַנ־צישקאַנער 22, וועלכע האָבן פון בונקער געהאַט אַ דירעקטן וועג אין קאַנאַל אַריין. צוזאַמען מיט די חברים איז אויך געקומען אַ קליינער טייל פון דער דאָרטיקער ציוויל־באַפעלקערונג. צווישן די אָנגעקומענע האָבן זיך אויך געפונען צביה לובעטקין, מאַרעק עדעלמאַן, הערש בערלינסקי, ישראל קאַנאַל א"אַנד'.

מיר זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט קרוב 60 מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט אויפן אַרויסגיין פון קאַנאַל, יעדער האָט שוין געוואַרט מיטן גרעסטן אומגעדולד אויף דער מינוט צו ווערן באַפרייט פון דעם הינטישן לעבן אין קאַנאַל. עס איז אָבער אַריינגעטרעטן אַ שווערע אַנטוישונג אין

דער מעגלעכקייט פון אַ גיכער באַפרייאונג פון קאַנאַל. פון אַ צעטעלע, וואָס עס האָבן אַריינגעוואָרפן די חברים, וועלכע האָבן אין דרויסן באַ־וואַכט די קאַנאַל־עפנונג אויף דער פּראָסטע־גאַס, האָבן מיר זיך דער־וואוסט, אַז צוליב זיכערהייטס־טעמים, וועט מען בייטאָג נישט קאָנען צופאָרן מיט אַן אויטאָ, כדי אַרויסצונעמען די מענטשן פון קאַנאַל און מען מוז צוואַרטן ביז עס וועט ווערן נאַכט. דער פאַקט, אַז מען מוז וואַרטן ביז אין דער טיפער נאַכט, ליגנדיק אין בלאָטע און אין שמוץ און ליי־דנדיק הונגער, דורשט און קעלט, האָט אַנגעוואָרפן אויף אַלעמען, אַ גרוי־סע דעפּרעסיע. עס איז שווער געווען מיט דעם משלים צו זיין, אָבער דער כוח פון מוז האָט אויך איינציקוויז צו דעם צוגעווינט.

עס איז ערשט געווען אַרום מיטאָג־צייט. מיר זיינען אַלע געלעגן צוזאַמענגעפּרעסט איינער מיטן צווייטן אין אַ טויט־שטילקייט און געציילט די מינוטן. פון דרויסן זיינען צו אונדז דערגאַנגען די פריידיקע קולות פון קינדער, וואָס שפּילן זיך אויפן גאַס. ווען איין קינד האָט גערופן צום צווייטן: מאַניעק, האָט זיך אונדז אויסגעדוכטן, אַז זיי האָבן דערשנאַפּט ווער עס געפינט זיך דאָ אונטער דער דעק פון קאַנאַל און אַז זיי שרייען דאָס אַריין צו אונדז. פון צייט צו צייט האָבן די פאַרבייגייענדיקע מענטשן אויפן גאַס אָנגעטרעטן מיט אַ פוס אויף דער געלעכערטער דעק, אונטער וועלכער מיר האָבן זיך געפונען און איבערגעריסן די דינטשיקע ליכט־שטראַלן, וואָס זיינען צו אונדז אַריינגעדרונגען דורך די לעכלעך. יעדער קלאַפּ, וואָס אַ מענטשלעכער שוך האָט געגעבן אויפן דעק, איז געווען פאַר אונדז אַ וואָרנונג, אַז מען דאַרף זיך פאַרהאַלטן רואיק, בכדי נישט אַנטדעקט צו ווערן נאָך איידער מיר וועלן האָבן דאָס גליק צו פאַר־לאָזן דעם קאַנאַל.

וואַרטנדיק ביזן אָנקום פון דער נאַכט, האָבן מיר דערווייל געוואָלט אויסנוצן די צייט אויף צו מאַכן נאָך אַ פּרווו אַרויסצונעמען דעם טייל חברים, וואָס האָט זיך געפונען אויף נאַלעווקי 37. צו דעם צוועק זיינען אַרויסגעגאַנגען צוויי חברים אין געטאָ אַרייַן, בכדי צוצוקריגן זיך צום דאָרטיקן בונקער און צו ברענגען די חברים אין קאַנאַל אַריין. ווען די צוויי שליחים זיינען אָפּגעגאַנגען אַ לאַנגן וועג און זיינען שוין געווען נאָענט צום געטאָ, האָבן זיי געמוזט זיך אומקערן, ווייל די דייטשן האָבן געעפנט די שליוזן און פאַרגאָסן די קאַנאַלן מיט וואַסער. די קאַנאַלן זיינען געווען אַזוי פאַרפולט, אַז עס איז נישט געווען מעגלעך דורך זיי דורכצוגיין. אויך

דער צווייטער פּרוּוו אַרויסצוגעמען די גרופּע פון זכריה אַרטשטיין, יצחק בלושטיין און יוסף פאַרבער, האָט זיך נישט איינגעגעבן.

די לאַנג־דערוואַרטעטע נאַכט איז געקומען. דאָס באַוואוסטזיין, אַז אָט, אָט ציט מען אונדז אַרויס פון דעם נידערגעשלאָגענעם מצב, האָט פאַר־שטאַרקט אונדזער זעלבסטגעפיל. דאָס וויסן, אַז מיטן אַפּפּליסן אַ שעה אָדער צוויי, וועלן מיר האָבן הינטער זיך דעם גאַנצן קאָשמאַר פון קאַנאַל־לעבן, האָט באַראַיקט אונדזערע געמיטער. די נערוועזיטעט האָט ווידער אָנגעהויבן וואַקסן מיטן מאָמענט, ווען מיר האָבן געזען, אַז מיר האַלטן שוין אין דער טיפער נאַכט און עס קומט נישט די ישועה. איינער פון צווישן אונדז האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אין דער הויך צו דער קאַנאַל־דעק און דורך די לעכלעך אַרויסגעשטופּט אַ בריוול, אין וועלכן מיר האָבן געשריבן, אַז מען זאָל צואיילן דאָס אַרויסנעמען אונדז פון קאַנאַל, ווייל מיר קאָנען שוין לענ־גער נישט אויסהאַלטן. דער חבר, וואָס האָט אַרויסגעשטופּט דאָס בריוול, איז נאָך געשטאַנען אין דער הויך אַ לענגערע צייט, בכדי צו זען צי עמיצער נעמט עס אָפּ. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויף דער גאַס, נעבן דער קאַנאַל־עפענונג, דאַרף כסדר דיזשורירן קאַזשיק אָדער רישעק, אָדער טאַדעק (טוביה שיינגוט), ער האָט אָבער אומזיסט געוואַרט און נישט דערהערט, אַז עמיצער זאָל זיך דערנענטערן צו דער דעק.

די לאַגע האָט אָנגעהויבן ווידער צו ווערן ערנסט, אָבער מיר זיינען געווען אומבאַהאָלפן בכדי זי צו ענדערן. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט ווי מענטשלעכע טריט דערנענטערן זיך צו דער דעק. אויף אַ מינוט האָט צוריק אויפגעבליצט די האָפנונג, אַז אפשר האָבן מיר זיך ענדלעך דער־וואַרט. אָבער אָנשטאָט צו עפענען די קאַנאַל־דעק און צו הייסן אונדז אַרויסגיין, האָט מען אונדז פון דרויסן אַריינגעוואָרפן אַ בריוול, אין וועלכן עס איז געווען געשריבן, אַז היות אַלע שכנותדיקע גאַסן אַרום דער פּראָס־טע־גאַס זיינען באַלאַגערט פון זשאַנדאַרמעריע, קאָן מען אין דער היינ־טיקער נאַכט נישט אַרויסגיין פון קאַנאַל.

דאָס דאָזיקע בריוול האָט געווירקט אויף אונדז צעשמעטערנדיק. עס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכע אַפּאַטיע און פאַרצווייפלונג. די נערוועזיטעט איז נאָך מער געוואַקסן, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז אויב מיר וועלן נישט אַרויסגיין פון קאַנאַל נאָך אין דער זעלבער נאַכט, וועט מען צומאָרגנס בייטאָג אוודאי נישט קאָנען אַרויס און מיר וועלן מוזן וואַרטן אויף דער צווייטער נאַכט. ביי אַלעמען איז געווען די פולע זיכער־

קיט, אַז דאָס געפֿונען זיך נאָך אַ מעת־לעת אין קאַנאַל, באַדייט אַ זיכע־רער אומקום.

מיר האָבן ווייטער אַרויסגעוואָרפֿן אַ בריוול, אין וועלכן מיר האָבן גע־פֿאָדערט אַרויסצונעמען אונדז פֿאַר יעדן פּרייז, אַפֿילו ווען מיר זאָלן דאַרפֿן פֿאַרפֿירן אַן אָפֿענעם קאַמף מיט דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע אין וועלכן דער רוב וועט אומקומען, אָבער איינצלנע וועלן בלייבן לעבן. מיר זיינען געווען דעצידירט אַרויסצוגיין ביי אַלע אומשטענדן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט וואָס אָנצוווערן. בלייבן לענגער אין קאַנאַל, האָט אויך באַדייט טויט. אונדזער בקשה איז נישט געוואָרן דערפֿילט, ווייל אונדזערע „אַרישע" חברים אין דרויסן, האָבן דאָס נישט געקאָנט אין דער זעלבער נאַכט פּראַק־טיש דורכפֿירן, קודם־כּל צוליב דעם, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין אויטאָ אונדז אַוועקצופֿירן נאָכן אַרויסגיין פֿון קאַנאַל.

אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, ווען די גאַס איז שוין געווען אויסגעליי־דיקט פֿון מענטשן, האָבן צוויי חברים פֿון דרויסן אויף דער גיך געעפֿנט די דעק און אַראָפּגעלאָזן צו אונדז אַן עמער מיט זופּ און תיכּף צוריק פֿאַרמאַכט. די דאָזיקע זופּ האָט געסטייעט פֿאַר יעדן בלויז דאָס מויל איינ־צונעצן און אַראָפּשלינגען איז נישט געווען וואָס. אָבער פֿאַר אונדז, וועלכע האָבן שוין אַ פּאָר וואָכן געהונגערט און אַ סך טעג אַבסאָלוט גאָרנישט גע־האַט אין מויל, האָט דאָס געהאַט אַ געוויסע ווירקונג. נאָכן דערשמעקן בלויז דעם טעם פֿון זופּ, האָט אָבער דער הונגער נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו פּייניקן.

צומאָרגנס פֿאַרטאָג, האָבן מיר אָנגעהויבן פֿילן, אַז די כּוחות גייען אויף אַן אמת אויס. דער געדאַנק, אַז מיר האָבן נאָך פֿאַר זיך אַזאַ לאַנגן טאָג, האָט דערפֿירט צו דער גרעסטער פֿאַרצווייפֿלונג. אַ טייל חברים האָבן געפֿאָדערט, אַז מיר זאָלן גיין צוריק אין געטאָ אַריין. שוין בעסער — האָבן זיי געזאָגט — צו פֿאַלן צווישן די חורבות, איידער דאָ אין זומפּ אָפּצו־וואַרטן דעם טויט. אַנדערע האָבן צוריקגעהאַלטן פֿון אומקערן זיך צוריק אין געטאָ אַריין פּשוט צוליב דעם, וואָס מיר וועלן נישט אויסהאַלטן דעם וועג ביזן געטאָ. אַ טייל חברים און דער עיקר חברטעס, זיינען שוין צוליב דער פֿיזישער דערשעפּטקייט, איינגאַנצן געלעגן אָן אַ סימן פֿון לעבן.

אויף וויפֿל עס איז פֿאַרלוירן געגאַנגען דער פּסיכישער גלייכגעוויכט, באַווייזט אַ קוריאָז, וועלכער קלינגט אפֿשר ווי אַן אַנעקדאָט, אָבער ליידער איז עס אַן אויטענטישער פֿאַקט: איינער פֿון דער קליינער גרופּע פֿון ציוויל־באַפֿעלקערונג, וואָס האָט זיך געפֿונען צוזאַמען מיט אונדז — טילמאַן

הערצקע (ער איז צווישן די לעבנגעבליבענע און וווינט היינט אין לאָדזש), האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו דער אָרדנונג, וואָס ס׳האָט געהאַלטן יורעק. אויף דער אויפפּאָדערונג פון יורעקן, צו איבערגיין אויף אַ צווייט אָרט, האָט טילמאַן געענטפערט:

— איך ריר זיך נישט פון אָרט — שיס מיך!

— ס׳איז מיר אַ שאָד אַ קויל — האָט יורעק געזאָגט אין אַ הלצה.

— כ׳וועל דיר באַצאָלן פאַר דער קויל, וויפל ווילסטו? — האָט זיך געהערט אַ פראַגע.

— הונדערט זלאָטעס — ענטפערט יורעק.

טילמאַן האָט אָנגעהויבן אונטערצוהאַנדלען מיט יורעקן, ער זאָל נע־מען ווייניקער, צוזאָגנדיק אים צו געבן 40 זל׳. שפּעטער דערלייגט ביז 50 און 60 זל׳ און די גאַנצע הונדערט זל׳ איז אים געווען צו טייער צו באַ־צאָלן... מיר, די אָרומיקע, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך, האָבן בשעת־מעשה נישט געגעבן אַפילו קיין שמייכל. שפּעטער האָבן מיר ערשט באַזינען דעם טראַגי־קאָמישן עפּיזאָד.

זעענדיק, אַז די לאַגע אין קאַנאַל ווערט פון מינוט צו מינוט ערגער, האָבן מיר געמאַכט אַלע באַמיאונגען איבערצוצייגן די חברים פון דרויסן, אַז זיי זאָלן אונדז אַרויסנעמען פון קאַנאַל אַפילו בייטאָג, ווען די סכנה איז אַמגרעסטן. מיר האָבן וועגן דעם נאָכאַמאָל אַרויסגעשיקט אַ בריוול. אויך אין דרויסן, האָט מען שוין איינגעזען, אַז מיר וועלן נישט אויסהאַלטן ביזן אָוונט און זיי האָבן גענומען אָרגאַניזירן דעם אַרויסגאַנג בייטאָג. נישט האָבנדיק קיין אויטאָ, האָבן קזשאַטשעק און טאַדעק אָנגעקלינגען אין אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט; וועלכע פירט איבער סחורה פון איין אָרט אויפן צווייטן און געבעטן תיכף אַרויסשיקן אַן אויטאָ אויף פּראָסטע גאַס. ווען דער אויטאָ איז אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט ביי דער קאַנאַל־עפנונג, זיינען צוגעגאַנגען אַ פּאָר חברים מיט געווער צום שאָפער און אים געמאָלדן, אַז די סחורה, וואָס ער דאַרף איבערפירן, דאָס זיינען יידישע קעמ־פער פון געטאָ, וואָס געפינען זיך אין קאַנאַל. אויב ער וועט זיי נישט אָוועק־פירן מיט זיין אויטאָ, וועט ער פון דאַנען נישט אַוועקפאָרן קיין לעבעדי־קער. דער שאָפער האָט נישט געהאַט קיין ברירה און האָט געמוזט צו דעם מסכים זיין.

דעם 10טן מאַי 1943, אַרום 9 פרי, האָט זיך פּלוצלונג איבער אונד־זערע קעפּ געעפנט די קאַנאַל־דעק און אַ שפּע זון און ליכט האָט זיך אַריינ־געגאָסן אין קאַנאַל אַריין. ביי דער עפנונג שטייט קזשאַטשעק און רופט

אַלעמען תּיכּף אַרויסצוציִען. נאָך איבער 30 שעה זיין אין קאַנאַל, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן איינער נאָכן צווייטן און גלייך אַרויף אויפן אויטאָ. עס איז געווען אַ שיינער פרילינגס־טאָג מיט אַ וואַרעמער זון. די אויגן זיינען ביי אונדז פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם שטאַרקן ליכט, נאָכדעם, ווי מיר האָבן שוין אַ פּאָר וואָכן צייט נישט געזען קיין טאָג־ליכט און געלעבט אין שטענדיקער נאַכט. די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן און אַלע האָבן אויס נייגעריקייט זיך אָפּגעשטעלט קוקן, וואָס דאָ קומט פאָר. ביי אַלע פענצטער און באַלקאָנען זיינען געשטאַנען מאַסן מענטשן פון דער פוילישער באַפעלקערונג און צוגעקוקט זיך, ווי עס קריכן אַרויס פון קאַנאַל עפּעס מאָדנע באַשעפענישן, נישט ענלעך צו קיין מענטשן, נאָר גאַנצע שטיקער באַזוּעגלעכע בלאָטע און בלויז אַ פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון די אויסטערלישע פּנימער, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי לעבעדיקע מתים.

דאָס אַרויסגיין פון קאַנאַל האָט שוין געדויערט כּמעט אַ האַלבע שעה צייט. פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ערגעץ נאָענט פון דער פּראָסטע גאַס, זיינען פאַראַן דייטשן. קזשאַטשעק האָט גענומען צואיילן און אַרויסכאַפּן וויפל מענטשן עס לאָזט זיך. די בערך 15 חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די טיפענישן פון קאַנאַל, האָבן אָבער נישט באַוויזן גיך צוצוקומען צו דער עפענונג. אויך אַדאָלף האָכבערג און שלאָמעק שוסטער, וועלכע זיינען געגאַנגען צונויפרופן די חברים פון די זייטיקע קאַנאַלן, האָבן נישט באַוויזן צוריקצוקומען צו דער ריכטיקער צייט. באַכן וואַרטן אויף זיי אַ קורצע צייט, האָט קזשאַטשעק, צוליב דער סכּנה, געגעבן אַ באַפעל דעם שאָפער צו פאָרן, דערקלערנדיק, אַז די רעשט חברים וועט מען שפּעטער אַרויסנעמען. אַלע חברים האָבן זיך אַראָפּגעבויגן, כּדי מען זאָל נישט אַרויסזען די פּנימער און דער אויטאָ האָט אָנגעהויבן פאָרן מיטן שנעלסטן טעמפּאָ איבער די הויפּט־גאַסן פון שטאָט. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן דורך גאַסן, גערטנער און פּלעצער, דערפילט צום ערשטן מאָל זייט אַ לאַנגער צייט דעם טעם פון פרישער לופט און באַוואונדערט די בליענדיקע ביימער, אויף וועלכע מיר האָבן געקוקט ווי אויף עפּעס ווייטע און פרעמדע זאַכן. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער ראַגאַטקע, וועלכע איז געווען באַשטעלט דורך דייטשן. ריכטנדיק זיך אויף אַ צוזאַמענשטויס מיט זיי, האָט קזשאַטשעק געגעבן אַ באַפעל גרייט צו מאַכן דאָס געווער. מיר האָבן דאָס געווער צוגעגרייט. אָבער ווען עס וואָלט געהאַלטן דערביי, אַז מיר זאָלן עס דאַרפן באַנוצן, וואָלטן מיר דערמיט

גאָרנישט אויפגעטאָן און דאָס נישט בלויז דערפאַר, ווייל מיר האָבן געהאַט ווייניק אַמוניציע, נאָר ווייל דאָס געווער איז געווען פולשטענדיק דורכגענעצט פון קאַנאַל און עס וואָלט זיך נישט איינגעגעבן אויסצושיסן קיין איין קויל. נאָכדעם האָט אָבער קזשאַטשעק געהייסן דעם שאָפער תיכף אויסדרייען דעם אויטאָ אויף צוריק און דערמיט איז אויסגעמיטן געוואָרן אַן אָפענער קאַמף מיט די דייטשן. דער אויטאָ האָט פאַרדרייט אין אַן אַנדערער ריכטונג און בשלום דורכגעפאָרן דורך אַ צווייטער ראָגאַטקע פון דער שטאָט אַרויס. מיר זיינען אָנגעקומען אין אַ געדיכטן וועלדל ביי לאָמיאַנקי, עטלעכע קילאָמעטער פון וואַרשע.

די געוואַגטע טאַט אַרויסצוגיין אין מיטן העלן טאָג פון קאַנאַל און אַרומפאָרן מיט אַן אויטאָ איבערן שטאָט, האָט זיך איינגעגעבן. אַזאַ שריט האָבן געקאָנט מאַכן נאָר מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן און זיינען פעאיק אַלץ איינצושטעלן אין קאָן. דאָס איז מעגלעך געווען אַדאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון דעם אַקטיוו פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער זייט", אַדאַנק דער אַקטיווער מיטהילף, טיפער פאַרשטענדעניש און דער אָפּפערווויליקייט פון דעם פוילישן חבר און פפ"רישן טוער — קזשאַטשעק.

די באַמיאונגען אַרויסצונעמען פון קאַנאַל די גרופּע חברים, וואָס זיינען נאָך דאָרט פאַרבליבן, האָבן זיך געענדיקט אָן רעזולטאַט, ווייל בערך אַ האַלבע שעה צייט נאָך אונדזער אַרויספאָרן פון דער פראָסטע גאַס, איז דערגאַנגען צו די דייטשן די ידיעה, וועגן דעם, וואָס האָט דאָ פאַסירט. זיי האָבן גלייך באַלאַגערט די גאַס פון וואַנען מיר זיינען אַרויס פון קאַנאַל און אַלע שכנותדיקע גאַסן. זיי האָבן באַוואַכט אַלע קאַנאַל־עפענונגען פון שטאָט און אַלע וועגן, וואָס פירן אַרויס פון שטאָט. ביי אַזאַ לאַגע איז אוממעגלעך געווען וועלכע עס איז הילף פאַר די חברים אין קאַנאַל. שפּעטער זיינען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז זיי האָבן גענומען אַליין אַרויסגיין פון קאַנאַל און אָנגעטראָפן אויף דייטשן, מיט וועלכע זיי האָבן פאַרפירט אַ קאַמף. אַלע זיינען אומגעקומען.

# אין א חעלדל הינטער חארשע

אינם וועלדל ביי לאַמיאַנקי, אַרומגערינגלט מיט געדיכטע קוסטעס און ווייסע זאַמד־בערגלעך, האָבן מיר צום ערשטן מאָל, נישט בלויז זייט די איבער דריי וואָכן פון אויפשטאַנד, נאָר בכלל זייט די גאַנצע יאָרן געטאָ־לעבן, פריי אָפּגעאָטעמט אויפן שויס פון דער נאַטור. דאָס שיינע וועטער האָט אונדז דאָרט געגעבן צו פילן דעם טעם פון פרילינג. דער ריח פון וואַלד־בוימער און דאָס געזאַנג פון די פייגל, האָט אונדז אַלעמען פאַרכאַפּט. די גרינקייט פון די אַרומיקע פעלדער און דאָס בליעכץ פון די ביימער, האָט צייטנווייז אונדז געמאַכט פאַרגעסן, אַז אויף דער דאָזיקער ערד דרייט זיך נאָך אַרום דער בלוטיקער אָקופּאַנט.

דער איבערגאַנג פון דעם פינצטערן געטאָ־ און קאַנאַל־לעבן, וואו מענטשלעך בלוט און מתים־ריח, שרפות־טשאַד און חורבות, האָבן אונדז באַגלייט טאָג און נאַכט, צו אַ גאָר קעגנזעצלעכער אַטמאָספער פון אַ רואיקער נאַטור־אידיליע — האָט יעדן פון אונדז געשטעלט אין אַ צו־זאַמענשטויס פון צוויי וועלטן. מיר האָבן נאָך טיף געשטעקט מיט אַלע חושים אין דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס איבערגעלעבט און מאָ־מענטאַל זיינען מיר איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדערערווירק־לעכקייט, וואָס האָט ביי אונדז אויסגעזען נישט רעאַל, ווי אַ חלום.

דער טאָג פון אָנקומען אין וועלדל אַריין, האָט אונדז געבראַכט די ערשטע נערוון־אָנטשפּאַנונג. מיר האָבן אויסגעטריקנט די מלבושים, אויסגעוואָרעמט זיך אויף דער זון, אויסגעשלאָפן זיך און דער עיקר — צום ערשטן מאָל זייט אַ לענגערער צייט — געגעסן ברויט, וואָס עס האָבן אונדז אָנגעגרייט די חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון טע־בענס שאָפּ, וועלכע זיינען נאָך מיט אַ וואָך פריער אַרויס פון די קאַנאַלן און זיך געפונען אין דעם זעלבן וועלדל. דעם ערשטן טאָג אין אָוונט, איז געשטאָרבן יהודה ווענגראָווער („השומר־הצעיר״), פון דער גרופּע האַלב־

פאַרגאַזעווּעטע, פון מילע 18. דער גאַז האָט אים אַממערסטן פאַרגיפטעט און דעריבער האָבן די ליידן אין קאַנאַל, דערפירט צו זיין טויט. מיר האָבן אים מקבר געווען אין וואַלד אין דער אַנוועזנהייט פון אַלע חברים.

די חברים פון טעבענס שאָפּ, וואָס זיינען ביי אונדזער אָנקומען אין וועלדל אַריין, שוין געווען דאָרט די צווייטע וואָך, האָבן פון ערשטן טאָג פון זייער דאָרט זיין געהאַט אַ זייער שווער פּראָבלעם — באַשפּייזן אַזאַ גרויסע גרופּע חברים. דאָס אַרויסגיין אין דאָרף אַריין קויפן עסנוואַרג פאַר אַזוי פיל מענטשן, איז עלול געווען צו דעקאָנספּירירן דעם אויפהאַלט אין וואַלד. נאָך ערגער איז געווען די פראַגע פון וואַסער. אין די ערשטע טעג זיינען די איינציקע טראָפּן וואַסער, וועלכע זיי האָבן פאַרברויכט, געווען טראָפּנס טוי פון די בלעטער, וועלכע פלעגן אַראָפּקאַפּן פאַרטאָגס. שפּעטער האָבן זיי אויסגעפונען אַ פויערישן ברונעם אין נאָענטסטן דאָרף, אַ האַלבער קילאָמעטער ווייט פון וועלדל. דאָרט אַהין זיינען געגאַנגען צוויי חברים מיט אַן „אַרישן" אויסזען און געבראַכט וואַסער. מער ווי צוויי עמערס וואַסער אַ טאָג, האָט מען אָבער נישט געקאָנט ברענגען, בכדי ס'זאָל נישט פאַלן קיין פאַרדאַכט, אַז דאָ האַלטן זיך אויף אַ גרעסערע צאָל מענטשן און אין יענער צייט, איז נישט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען יידן. פון די צוויי עמערס וואַסער, האָט יעדער חבר באַקומען אַ טעגלעכע פּאָרציע אין צוויי קליינטשיקע ראַזיר־שיסעלעך. אין אַזאַ פּאָרציע איז נישט געווען מער ווי אַ פּאָר שלונג וואַסער. היות די באַדער־פעניש צו טרינקען איז געווען גרעסער, נאָך דערצו, נאָך אַזוי פיל וואַסער־לאָזע טעג אין געטאָ און קאַנאַל, האָט יעדער נאָך געמוזט אָנקומען צו די טוי־טראָפּנס פון די ביימער, וועלכע האָבן אָבער ווייניק געלינדערט דעם דורשט.

אַ ראַדיקאַלע ענדערונג צום גוטן איז אריינגעטרעטן ביים איינשאַפן זיך לעבנס־מיטלען, אַ טאָג פאַר אונדזער אַהינקומען אין וועלדל אריין. אין יענעם טאָג, ווען די נויט האָט געצוואונגען אַרויסצוגיין אין דאָרף קויפן עסן, וואָס זיי האָבן דאָס ווי ווייט מעגלעך געוואָלט אויסמיידן צוליב קאָנ־ספּיראַציע־טעמים, זיינען געגאַנגען די חברים דוד נאָוואָדוואָרסקי און קובאַ אין דער ריכטונג צום דאָרף און זיך געשלאָגן מיט דער דעה, אין וועלכער פויערישער כאַטע אַריינגיין פּרווון עפּעס קויפן און מען זאָל זיי נישט דערקענען אַלס יידן. אויפן וועג האָבן זיי אָפּגעשטעלט אַ פאַרביי־גייענדיקן פאַליאַק, וועלכער הייסט קיישטשאַק און אים געפרעגט, וואו

מען קאָן קויפן עפּעס עסן. דער פּאָליאַק האָט מיט זיי פאַרפירט אַ געשפרעך און בעתן רעדן האָט ער דערקענט, אַז זיי זיינען יידן. זיי האָבן זיך מודה געווען און געבעטן אים, אַז ער זאָל פאַר זיי קויפן עסן, ווייל זיי האָבן מורא צו באַוויזן זיך אין דאָרף. נישט האָבנדיק צו אים קיין צוטרוי, האָבן די חברים נישט דערציילט קיישטשאַקן, אין וועלכן וועלדל זיי געפינען זיך. זיי האָבן אויך נישט געזאָגט, וויפל מענטשן דאָרט זיינען פאַראַן.

קיישטשאַק האָט פון זיי גענומען געלט צו קויפן עסן און האָט זיי געהייסן וואַרטן ביז ער וועט צוריקקומען. פאַרן אַוועקגיין האָט ער געזען, אַז די חברים האָבן מורא, ער זאָל זיי נישט פאַראַטן, האָט ער זיי באַרואיקט און געזאָגט, אַז ער געהערט נישט צו די פּאָליאַקן, וואָס נוצן אויס די יידישע טראַגעדיע פאַר פערזענלעכן נוצן, אַז ער האָט נישט פיינט יידן און אַז מיר אַלע, סיי יידן, סיי פּאָליאַקן, האָבן אַ געמיינזאַמען שונא — דעם היטלעריזם.

די צוויי חברים האָבן געוואַרט ביז קיישטשאַק וועט צוריקקומען מיט דעם איינגעקויפטן עסנוואַרג און כסדר האָבן זיי נאָר געקוקט, צי ער גייט נישט מיט געשטאַפּאָ. צייטנווייז, האָבן זיי באַדויערט, וואָס זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזן מיט אַן אומבאַקאַנטן פּאָליאַק אין דער צייט, ווען אַזוי פיל פּוילישע „שמאַלצאָווניקעס*) ברענגען אום יידן. עס איז זיי מער נישט געבליבן ווי צו האָפן, אַז אפשר וועט זיך דאָסמאָל גוט ענדיקן. עס האָט געדויערט אַ קורצע צייט און קיישטשאַק איז טאַקע צוריקגעקומען אָן געשטאַפּאָ, געגעבן זיי דאָס איינגעקויפטע פּעקל און נישט גענומען פון זיי קיין שום געלט־באַלוינונג. ער האָט זיי ווידער געזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט מורא האָבן און זאָגן, וואו זיי זיינען אויסבאַהאַלטן, וועט ער זיי מאָרגן ווידער ברענגען עסן. אונדזערע חברים האָבן ווייטער נישט געוואָלט אים אַ סך דערציילן. נישט געזאָגט אין וועלכן וועלדל זיי געפינען זיך, נאָר אָפּגעשמועסט צו טרעפן זיך מיט אים מאָרגן אויפן זעלבן אָרט.

דוד און קובאַ זיינען צוריקגעקומען אין וועלדל אַריין ווי גליקלעכע און דערציילט די גאַנצע מעשה. זיי האָבן געברענגט עסן, אָבער ס'איז

*) „שמאַלצאָווניקעס" — דאָי נאָ שמאַלעץ — אַ באַצייכענונג פאַר דעם אויסלייזגעלט, וואָס די שאַנטאַזשיסטן האָבן געפאָדערט פון זייער קרבן.

געווען וויניק, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט צו דערציילן דעם פּאָליאַק, אַז עס זיינען דאָ אַ גרעסערע צאָל. מיט אומגעדולד איז דערוואַרט געוואָרן די מינוט צום טרעפן זיך מיט אים אויף צומאָרגנס, בכדי צו קאָנען גע־ניסן פון זיין הילפס־גרייטקייט.

צו דער באַשטימטער צייט, האָבן זיך די זעלבע חברים ווידער גע־טראָפן מיט קיישטשאַק. זעענדיק, אַז מען קאָן האָבן צו אים צוטרוי, האָבן די חברים אים דערציילט דעם גאַנצן סוד, אַז עס זיינען דאָ אין וועלדל אַ טייל פון די לעבנגעבליבענע קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ אין אַ צאָל פון בערך 50 מענטשן. זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל איינקויפן פאַר אונדז אַ גרעסערן טראַנספּאָרט פּראָוויאַנט און צוגעזאָגט אים, אַז ער וועט באַ־קומען זיין געהעריקע באַלוינונג. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג וועגן באַלוינונג און האָט געזאָגט, אַז ער איז צופרידן, וואָס ער קאָן העלפן די קרבנות פון היטלעריזם. אונדזערע חברים האָבן זיך מיט אים ברייטער פונאַנדערגעשמועסט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן דאָ צופעליק אָנגעטראָפן אויף אַן אַקטיוון טוער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג.

קיישטשאַק איז אַ פּשוטער פויער מיט אַן אָרעמער דאָרפישער ווירט־שאַפט. ער געהערט נישט צו קיין פּאָליטישער ריכטונג, ער האָט אַ דורכויס דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע איינשטעלונג, הגם ער איז אַ גלויביקער קאַטאָליק. אַליין אַן עלטערער סערזשאַנט, איז ער — צוליב זיין טיפער פּאַטריאָטישער און אַנטי־דייטשער איינשטעלונג — געווען טע־טיק אין דער מיליטערישער אַרבעט אין א״ק (אַרמיאַ קראַיאָוואַ). מיטן בעסטן ווילן האָט ער געהאָלפן די יידישע געטאָ־קעמפער, ווייל ער איז פולשטענדיק פריי פון אַנטיסעמיטיזם.

פונקט נאָך אונדזער קומען אין וועלדל אַריין איז יעדן טאָג קייש־טשאַק פאָרפאָרן מיט זיין אייגענעם געשפּאַן און אונדז געבראַכט אַ פול אָנגעלאָדענע פור מיט ברויט, וואורשט, פּוטער, פּאַפּיראָסן און פאַרשידענע אַנדערע פּראָדוקטן. מיט דער גרעסטער פאָרזיכטי־קייט איז ער געפאָרן מיט זיין פערד און וואָגן איבער פאַרשידענע זייטיקע וועגן און פאַרקערעוועט אויף דער פעלד־סטעזשקע, וואָס פירט צום וועלדל, עס זאָל חלילה קיינער נישט באַמערקן. ער איז געוואָרן דער גאַנ־צער אַפּוטרופּוס אונדזערער און געזאָרגט פאַר אַלע אונדזערע באַדער־פעניש. אויב ער האָט אַמאָל באַמערקט דייטשן אין דאָרף, אָדער אויפן שאָסיי, איז ער גלייך צו אונדז געלאָפן מודיע זיין, אַז מיר זאָלן זיין גרייט

צי פאַרטיידיקן זיך. איינמאָל, נאָך אַזאַ ידיעה, האָט די לאַגע אויסגעזען זייער ערנסט. אויפן שאָסיי האָבן זיך באַוויזן אַ גרויסע צאָל דייטשע מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען מיט פולער באַוואָפנונג, וועלכע האָט זיך דער־נענטערט אין אונדזער ריכטונג. זייענדיק זיכער, אַז דאָס מיינען זיי אונדז, האָבן מיר זיך צעשטעלט אויף פּאָזיציעס מיט געווער אין דער פולער גרייטקייט צו אַ צונויפמענשטויס. די דייטשן זיינען געפאָרן ווייטער.

אונטער דער השגחה פון קיישטשאַקן איז די לאַגע אויפן געביט פון דערנערונג געווען אַ גוטע, אָבער דאָס שווערסטע פּראָבלעם פון וואַ־סער האָט זיך נישט געענדערט. מיר האָבן געגראָבן אין וואַלד אַ ברו־נעם, פון וועלכן מיר האָבן יעדן טאָג אַרויסגעצויגן אַביסל בלאָטע־וואַ־סער, וואָס איז נישט געווען צום טרינקען און ס'איז אויך געווען ווייניק.

* * *

די אַלגעמיינע לאַגע איז געוואָרן כסדר אַלץ ערגער. דאָס געפינען זיך טאָג און נאַכט אונטערן פרייען הימל, שלאָפנדיק אויף דער גאָלער ערד אין די קאַלטע מאַי־נעכט און אָפטמאָל אונטערן רעגן, האָט דערפירט צו אַ גרעסערער צאָל קראַנקהייטן צווישן די חברים. אַפילו ווען די ווע־טערס זיינען געווען שיינע, האָט די זון געוואַרעמט בלויז אַ פּאָר שעה אין טאָג. אין די אָוונטן זיינען געווען פרעסט און מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס זיך צוצודעקן. סיידן האָבן מיר אַ לענגערע צייט נישט געקאָנט זיצן אין וואַלד, ווייל פריער צי שפּעטער, האָט דאָס געמוזט דערגיין צו די דייטשן. די חברים, וואָס זיינען געקומען פון געביט פון טעבעגנסן, זיי־נען שוין דאָ געווען איבער צוויי וואָכן צייט. אויך מיר, זיינען שוין באַלד אַ וואָך צייט געווען אין וואַלד. מיר האָבן וואָס גיכער געוואָלט אי־בערייסן מיט דער פּאַסיווקייט, פאַרלאָזן דאָס וועלדל ביי לאָמיאַנקי און אָנשליסן זיך אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, בכדי ממשיך צו זיין דעם קאַמף פון געטאָ. די דאָזיקע פראַגע איז אָבער געווען אָפּ־הענגיק פון באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג פון דער „גוואַרדיאַ לודאָווא״, וואָס האָט זיך געפונען אין די ווישקאָווער וועלדער. די דאָזיקע קאָנטאַקט־זוכעניש, האָט געדויערט פון ערשטן טאָג,

ווען מיר זיינען אַרויס פון קאַנאַל און יעדן טאָג האָט מען געוואַרט אויף דעם באַפעל זיך צו לאָזן אין וועג אַריין.

נישט לייכט איז אויך אָנגעקומען צו שאַפן ערטער אין וואַרשע אויף דער „אַרישער זייט" פאַר קראַנקע און פאַר דעם טייל חברים, וואָס האָבן געדאַרפט זיין טעטיק ביי דער אַרבעט פון ידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער קאָאָרדינאַציע. אויפן געביט פון טראָגן הילף טויזנטער אויס־באַהאַלטענע יידן אויף דער „אַרישער זייט". די אַלע שוועריקייטן האָט מען מיט גרויסע אָנשטרענגונגען בייגעקומען און דעם 19טן מאַי, איז דאָס וועלדל געוואָרן פולשטענדיק אָפגערייניקט. דער רוב חברים איז מיט אויטאָס אָוועקגעפאָרן אין דער פאַרטיזאַנטקע אין די וישקאָווער וועלדער.

II

# טאָג־בוך
# פון דער „אַרישער זייט״

1943.5.17

היינט האָב איך פאַרלאָזן דאָס וועלדל אין לאָמיאַנקי און איבערגעטראָגן זיך אין דעם „אַרישן" וואַרשע. דאָס גיין אין שטאָט אַריין, איז פאַר מיר געקומען אומגעריכט. יצחק צוקערמאַן איז געקומען אין וואַלד אַריין און געזאָגט, אַז אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שעה דאַרף איך זיין גרייט אַרויסצוגיין. איך האָב אויף דער גיך זיך צוגעגרייט, געמאַכט זיך „לייטיש", ווי וויט מעגלעך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שפּורן פון וואַלד, קאַנאַל און געטאָ, בכדי מיט מיין הולך „ראוי" צו זיין פאַר דעם יידן־ריינעם וואַרשע.

אַרויס אין וועג אַריין בין איך מיט יצחק צ. הינטער אונדז זיינען געגאַנגען מאַרעק פאָלמאַן און קאַזשיק. די לעצטע צוויי זיינען געגאַנגען אָפּגערוקט פון אונדז אויף אַ גרויסן שטח, כדי ס'זאָל זיך נישט שאַפן דער איינדרוק, אַז מיר האָבן עפּעס אַ שייכות צווישן זיך. זיי זיינען אונדז נאָכגעגאַנגען מיט וואַכזאַמע בליקן און נאָכגעשפּירט צי מיט אונדז פּאַסירט נישט עפּעס. פון דער „עסקאָרטע", וואָס האָט מיך באַגלייט, האָב איך געהאַט אַ גרונט צו זיין רואיק, ווייל מיינע דריי באַגלייטער האָבן געהאַט דעם סאַמע „אַרישסטן" אויסזען. הגם, איך האָב זיך אויך נישט געהאַט וואָס צו שעמען מיט מיין „אַרישקייט", האָב איך אָבער ביים ערשטן מאָל אַרויסגיין אין גאַס, נישט געהאַט נאָך די רוטין און אפשר די חוצפּה, וואָס איז נויטיק געווען, כדי צו באַוועגן זיך פריי און זאָרגלאָז פאַר די אויגן פון טויזנטער דורכגייער, זייענדיק דורכגענומען מיטן געדאַנק, אַז צווישן אָט די אַלע דורכגייער זיינען פאַראַן זייער פיל, וואָס דער גאַנצער ציל פון זייער גיין אין גאַס איז נאָר אויסצוכאַפּן אַזעלכע ווי איך.

אין דער „פרייקייט" האָב איך זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט מיינע באַגלייטער, נישט בלויז צוליב דער הויכער טעמפּעראַטור — קרוב 40 גראַד היץ, וואָס איך האָב געהאַט צוליב מיין טיפוס־קראַנקהייט, מיט וועלכער איך האָב זיך אַרומגעטראָגן זייענדיק נאָך אין וואַלד — נאָר צוליב

דעם בלוטיקן קאַשמאַר פון געטאָ און קאַנאַל, וועלכער האָט מיך כסדר פאַרפאָלגט. איך האָב נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון די פאַרגאַנגענע טעג. אינסטינקטיוו האָב איך זיך אַלע מאָל געכאַפּט פאַר דער רעכטער האַנט. זעענדיק, אַז עס פעלט מיר די ווייסע אָרעם־באַנד מיטן אויסגעשטריקטן בלויען מגן־דוד, צו וועלכער איך האָב זיך אַזוי צוגעוווינט במשך פון פיר יאָר צייט, אַז זי איז געוואָרן אַ טייל פון מיין לבוש.

צוליב זיכערהייטס־טעמים, האָבן מיינע חברים באַגלייטער באַשלאָסן, אַז מיר פאָרן נישט מיטן טראַמוויי, בכדי נישט צו קומען אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט מענטשן, נאָר מיר גייען בעסער צופוס איבערן שטאָט, וואו יעדע סעקונדע בייטן זיך די פאַרבייגייענדיקע מענטשן. בעת דעם דאָזיקן „שפּאַציר", האָב איך געהאַט די טרויעריקע געלעגנהייט צו זען אין דער פולער מאָס דעם יידישן געטאָ־חורבן פון דער צווייטער זייט מויער. דער־שיטערנדיק ביז גאָר איז געווען פאַר מיר צו זען, אַז בלויז עטלעכע טריט וויט פון אָרט, וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די גרעסטע מענטשלעכע טראַגעדיע, דערקענט מען אַבסאָלוט נישט, אַז עס פעלן יידן. דאָס לעבן פליסט נאָרמאַל (אויף וויפל עס איז בכלל מעגלעך אַ נאָרמאַל לעבן אונ־טער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע) און עס איז נישטאָ קיין שום סימן, אַז דאָ אין דער שכנותדיקער גאַס, (אָפט אויך אין דעם ווייטערדיקן טייל פון דער זעלבער גאַס) האָט עפּעס פּאַסירט מיט די יידן. איך האָב געזען דאָס איילעניש פון מענטשן אויף די גאַסן און זייער פאַרנומענקייט אין די טאָג־טעגלעכע געשעפטן. מען האָט געהאַנדלט, מען איז געגאַנגען צו דער אַרבעט אין די ביוראָס און פאַבריקן. מענטשן זיינען געשטאַנען ביי די אויסגעפּוצטע שוי־פענצטערס, גענוי נאָכגעקוקט די פּרייזן פון יעדן אַרטיקל און באַטראַכט, וואָס איז כדאי צו קויפן. די טראַמווייען זיינען גע־ווען געפּראָפּט מיט מענטשן. מען איז סתם געגאַנגען שפּאַצירן, אויסגע־פּוצט אין שיינע קליידער און אין מאַנטלען, וואָס נישט איינער פון זיי האָט אויסגעזען צו שטאַמען פון יידן. פיל פרויען האָבן אין דעם שיינעם פרילינגס־טאָג געפירט זייערע קליינע קינדער אין די וועגעלעך אויף פריי־שער לופט און גלייכצייטיק זיינען שול־קינדער געגאַנגען לוסטיק צעזונ־גענע, מיט זייערע לערן־ביכער אונטערן אָרעם. אויף די ראָגן זיינען גע־ווען אויסגעקלעפּט גרויסע מודעות, וועלכע האָבן צוויסן געגעבן וועגן טע־אַטער און קינאָ־רעפּערטואַר. מען האָט מיטן גרעסטן אינטערעס באַלאַגערט די מודעות, זיך געריסן נענטער, בכדי כאָטש צו דערזען, וואָס דאָרט איז געשריבן. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַן יידן, ביי דער לויערנדיקער וואַכ־

זאַמקייט פון טויזנטער „שמאַלצאָווניקעס״, פּאָליציי־אַגענטן און געשטאַפּאָ, וועלכע האָבן אויסגעפּילט אַלע גאַסן און ווינקעלעך, בכדי אויסצוזוכן דאָס קליינטשינקע ביסל יידן, וואָס דרייט זיך נאָך אַרום אַלס „אַריער״.

די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע האָט באַנוצט אַלע אַרגומענטן, כדי צו דערווייזן, אַז פּאָליאַקן טאָרן נישט אַריבערלאָזן איבערן שוועל אַ ייד, וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון געטאָ און אַזאַ איינעם דאַרף מען איבערגעבן דער געשטאַפּאָ. אין די גאַסן זיינען געווען צעקלעפּט אילוסטרירטע פּלאַקאַטן, וועלכע האָבן געוויזן די געפאַר פון דעם „יידיש־באָלשעוויסטישן געשפּענסט״.

נאָך דעם, ווי איך בין אַרויסגעצויגן געוואָרן פון חורבות און פאַרוויסטונג, האָב איך זיך אינגאַנצן נישט געקאָנט צופּאַסן צו דער „אַרישער״ וועלט און זי האָט מיר אויסגעקוקט שרעקלעך מאָדנע. די דאָזיקע וועלט האָט מיר אויסגעזען פרעמד אין איר גאַנצן לעבנס־שטייגער, אין די באַדינגונגען, ווערטן און באַגריפן, מיט וועלכע מענטשן האָבן געלעבט און וואָס זיינען שוין געווען אַזוי ווייט פון מיר. מיר איז שוין אויסגעקומען נישט נאַטירלעך און נישט נאָרמאַל, זעענדיק, ווי קינדער ווערן געצערטלט דורך זייערע מוטערס און פאָטערס און ווערן באַגלייט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און השגחה. פאַר מיינע אויגן זיינען כסדר געשטאַנען די קינדער פון געטאָ, זייער אונטערבאַוואוסטזיניקער גערא נגל פאַרן לעבן, זייער אָנגעוויזן זיין אויפן אייגענעם גורל, נישט האָבנדיק קיין שום פּריווילעגיעס אַלס קינדער, און זייער סוף. נישט ווייניקער פרעמד איז מיר געווען די באַציאונג פון מענטשן צו מאַטעריעלע ווערטן, דאָס געיעג נאָך ווערטפולע זאַכן און שיינער קליידונג, די גיריקייט נאָך געלט אא״וו. ווען איך האָב דאָס אַלץ פאַרגלייכט מיט דער אַבסאָלוטער ווערטלאָזיקייט פון די טייערסטע זאַכן אין געטאָ, מיט דעם אין חורבות צעשאָטענעם און צעטראָטענעם מענטשלעכן אייגנטום פון אַלע מינים, וואָס קיינער האָט נישט אין זינען געהאַט אַפילו דאָס אויפצוהויבן — ווען איך האָב געמאַכט דעם פאַרגלייך, האָב איך אויף אַן אמת געמיינט, אַז איך געפין זיך אויף אַז אַנדערן פּלאַנעט. איך האָב אויך געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף דעם גאַסן־קערער, וועלכער האָט גערייניקט די גאַס. דאָס איז פאַר מיר געווען פולשטענדיק אויסטערליש, ווייל דאָס וואָרט „גאַס״ האָט זיך ביי מיר אַסאָציאירט מיט אַ פאַרוויסטן שטח, אויף וועלכן עס ליגן אָנגעוואָרפענע בערג מיט ציגל, אויסגעמישט מיט טיילן מעבל, פאַרבלוטיקט בעטגעוואַנט, ספרים, קיך־געשיר, טויטע קערפּער און איבער אַלעם פליען פעדערן,

און כאָטש כ׳האָב נישט געזען אויף דער „אַרישער״ גאַס די דאָזיקע טרויעריקע פּאַנאָראַמע, בין איך אָבער איבערראַשט געוואָרן פון געדאַנק, אַז דער שטויב, וואָס געפינט זיך אויפן טראָטואַר, קאָן פאַר עמיצן זיין אַ שטערונג און אַז עס זיינען אַפילו פאַראַן ספּעציעלע מענטשן אים צו באַזייטיקן.

בעת מיין גאַנג איבער דער שטאָט, בין איך כסדר געווען אונטער דער ווירקונג פון נייע איינדרוקן. מיט דער נייגעריקייט פון אַ פרעמדן אין אַ ניי לאַנד, האָב איך אַלץ מער געוואָלט זען און הערן און קיין שום זאַך זאָל פאַר מיר נישט פאַרלוירן גיין. אַ ראַדיקאַלע ענדערונג איז אָבער פּלוצלונג פאָרגעקומען אין מיין אינערלעכן צושטאַנד. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיק צו קלאַפּן און די הויט אויפן קערפּער איז געריינצלט געוואָרן, ווען כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען אַ לאַנגע און הויכע מויער, פון אויבן אַרומגעזיימט מיט שטיקער גלאָז. נעבן איר האָבן זיך געדרייט דייטשע זשאַנדאַרמען אין שווערע שטיוול אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן אויף אַ צענדליק מעטער. זיי האָבן געטראָגן שווערע שטאָלענע העלמען אויף די קעפּ, די ביקסן האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט גרייט צום שיסן, אויף די לעדערנע גאַרטלען — גראַנאַטן און די בייזע שטעכעדיקע אויגן האָבן דורכגעבויערט אַלץ און אַלעמען. פון יענער זייט מויער האָב איך געזען אַרויסשטאַרצן הויכע, נאַקעטע קוימענס פון געוועזענע הייזער. נעבן זיי טליען נאָך קליינע פייערלעך, וואָס זאָגן אָן אויף כמעט פאַרענדיקטע שרפות. דאָ און דאָרטן רייסן זיך צום הימל שוואַרצע, געדיכטע רויך־וואָלקנס, וועלכע שטייגן אויף העכער איבער דער מויער.

פאַרבייגייענדיק דעם געטאָ, פון דער זייט פון מוראַנאָווער פּלאַץ, האָב איך געפילט אַ טיפע באַדערפעניש, כאָטש פאַר זיך אַליין, מיט עפּעס אויסצודריקן דאָס געפיל, אַז איך גיי פאַרביי אַ הייליק אָרט. איך האָב זיך אָבער געמוטשט באַמיען, אַז מען זאָל חלילה נישט באַמערקן מיין אינערלעכן געמיט־צושטאַנד. איך האָב אַפילו זיך נישט געקאָנט דערלויבן, אַז מיין פּנים זאָל האָבן דעם אויסדרוק ווי ביי יענע פאַרבייגייענדיקע פּאָליאַקן, אויף וועלכע מען האָט דערקענט צער און מיטלייד בעת זיי שטרענגען זיך אָן פון דער וויטנס אַריבערצוקוקן איבער דער הויכער געטאָ־מויער — דאָס אָרט פון יידישן אומקום. איך האָב שוין גיכער געדאַרפט ענלעך זיין צו דעם גרויסן טייל פּוילישע צושויער, פון וועמענס פּנימער מען לייענט אַראָפּ אַן אומגעזעטיקטע שאָדן־פרייד און אין בעסטן פאַל גלייכגילטיקייט צו דעם, אין רויך־פאַרשוואונדענעם, יידישן געטאָ.

דאָס בילד פון געטאָ, געזען פון דער „אַרישער" זײַט, האָט זיך אײַנגע־שניטן אין האַרץ און איבערגעלאָזן טיפע וואונדן. פון דער ווייטנס, קוקנדיק איבער דער מויער אַריבער, האָב איך געקאָנט זען נאָר דעם אויבערשטן טייל פון די חרוב־געוואָרענע הײַזער. איך האָב געקאָנט זען די אויבער־שטע שטאָקן — צעריסענע ווענט, אויף וועלכע מען האָט נאָך דערקענט די בלימעלעך פון צימערדיקן געמעל און צווישן וועלכע עס זײַנען כמעט אין דער לופטן געהאָנגען צעשעדיקטע קאַפּלענע אויוונס, צעבראָכענע פענצטער און טירן. איך האָב געקוקט אויף די חרובע ווענט, פון וועלכע עס האָבן נאָך פון צײַט צו צײַט אַרויסגעזעצט געדיכטע רויך־קנוילן, און זיך פאָרגעשטעלט אַלע בלאַסע, אויסגעמאַטערטע יידישע פּנימער, די פאַר־צווייפלטע יידן, וואָס ליגן נאָך אפשר דאָרט באַהאַלטן. פאַר מײַנע אויגן האָבן זיך געשטעלט די בילדער פון פאַרגאַנגענעם בונקער־לעבן אונטער די חורבות. כ'האָב אויפסניי דורכגעלעבט די גרויליקע פּיין, די שרעק און דעם הונגער, אין פינצטערניש און ענגשאַפט. און ווען מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז איך געפין זיך איצט אויסער דעם דאָזיקן גיהנום, אַז איך קוק שוין אויף אים פון דער ווייטנס, פונקט ווי אַלע אַנדערע פרייע מענטשן, האָב איך זיך אַליין געפרעגט: פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט דער צופאַל דווקא מיך אויסגעקליבן צו זײַן צווישן די געציילטע „גליקלעכע" צושויער, אין דער צײַט, ווען אַנדערע יידן, מיט וועלכע איך בין ערשט נישט לאַנג צוריק גע־ווען אין דער זעלביקער לאַגע, טרוימען נאָך וועגן דער „אַרישער" זײַט און ס'וואָלט פאַר זיי געווען דאָס גרעסטע גליק, ווען זיי קאָנען ווי איך, זיך געפינען אויף דער זײַט פון דער געטאָ־מויער.

די געציילטע מינוטן, בעת וועלכע כ'בין מיט פאַרלאַנגזאַמטע טריט פאַרבײַגעגאַנגען דעם געטאָ, האָבן זיך געענדיקט. איך האָב זיך ווידער אַרײַנגעשניטן אין דעם מענטשן־שטראָם אויף דער גאַס און זיך אויסגע־מישט מיט אַלע זיך אײַלנדיקע און שפּאַצירנדיקע, מיט הענדלער און סתם ליידיק־גייער. איך בין געגאַנגען א גאַס נאָך אַ גאַס און אָנגעקומען צו אַ קליין געסל, אין אַ זײַט פון דעם גרויס־שטאָטישן גערויש, א געסל, וואָס ציילט נישט מער, ווי פיר הײַזער און איז כמעט שטענדיק פּוסט און אויס־געליידיקט פון מענטשן. דאָ אין דעם קאָמיטעטאָווע געסל נר' 4 — וווינט ביר יצחק — וועלן מיר אַרײַנגיין. ווען מיר זײַנען שוין געווען נאָענט צום הויז, האָבן מאַרעק פּאַלמאַן און קאַזשיק, וועלכע זײַנען אונדז נאָכ־געגאַנגען דעם גאַנצן וועג, כדי צו אָבסערווירן צי עס פּאַסירט נישט עפּעס

מיט אונדז אויסגעמיטן דאָס געסל, געזעגנט אונדז פון דער ווייטנס מיט די בליקן און געגאַנגען ווייטער.

אַט זיינען מיר שוין אויפן פערטן שטאָק. נאָכן אָנקלאַפּן, עפנט זיך אויף אַ טיר, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַן עכט־אַריסטאָקראַטישן אויסזען, לאָזט אונדז אַריין אין דער וווינונג. זעענדיק מיין באַגלייטער, האָט זי אונדז אויפגענומען מיט אַ שמייכל. איך גיי אַריין אין צווייטן צימער. אין מיטן אויסטאָן דעם מאַנטל, הער איך פון דער פרוי עפּעס ענלעכס אויף אַ פּאַראָל און פלוצלונג באַמערק איך, ווי עס באַוועגן זיך די, אויף דער וואַנט הענגענדיקע, פּאָליצעס מיט ביכער. איידער איך האָב זיך נאָך אָריענטירט, וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן זיך פון הינטער די ביכער־פּאָלי־צעס באַוויזן עטלעכע מענטשן, צווי מיידלעך און אַ מאַנספּערשוין. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ באַהאַלטן זיך נאָך יידן. בעת מיין אָנקלאַפּן אין טיר, זיינען זיי אַריין אין דעם באַהעלטעניש — אַ חלל צווישן אַ ספּעציעל געמאַכטער טאָפּלטער וואַנט (דער אַריינגאַנג אין באַהעלטעניש איז טאַקע קונציק מאַסקירט געוואָרן דורך די פּאָליצעס מיט ביכער).

אַז איך בין געוואָרן אַביסל היימישער, האָב איך זיך דערוואוסט דעם סוד ביי וועמען איך געפין זיך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין געקומען אויסבאַהאַלטן זיך נישט ביי קיין אמתער אַריערין, נאָר ביי אַ יידישער פרוי, וואָס האָט פּונקט אַזעלכע אַרישע פּאַפּירן, ווי איך און, ווי נאָך טויזנטער אַנדערע אויסבאַהאַלטענע יידן אויף דער „אַרישער זייט". דער דאָזיקער יידיש־„אַרישער" פרוי — סטאַשע קאַפּיק, איז אַ דאַנק איר פּוי־לישן אויסזען און די גוטע קענטשאַפט פון דער פּוילישער שפּראַך (די דאָ־זיקע צוויי מעלות זיינען זייער זעלטן געגאַנגען געפּאָרט צוזאַמען), גע־לונגען איינצורעדן דעם הויז־אַדמיניסטראַטאָר, די שכנים און דעם הויז־וועכטער, אַז זי איז אַ פרוי פון אַ פּוילישן אָפיציר, וואָס געפינט זיך אין קריגס־געפאַנגענשאַפט. אַזוי אַרום האָט זי באַקומען די דירה אויף קאָמי־טעטאָווא־גאַס 4, פאַר זיך און איר טאָכטער, וואָס האָט אויך געהאַט אַלע נייטיקע קוואַליפיקאַציעס אָנצוגיין פאַר אַ פּויליש מיידל. פרוי סטאַשע האָט אין דער דירה דורכגעפירט אַ „רעמאָנט" און אַ ספּעציעלער פּאַרטרוי־לעכער בוי־אַרבעטער האָט איבער נאַכט אויפגעשטעלט אין דער שטוב אַ טאָפּלטע וואַנט, הינטער וועלכע עס האָט זיך געפונען די דערמאָנטע באַהעלטעניש. קיינער פון די שכנים, וועלכע זיינען פון צייט צו צייט גע־קומען צו גאַסט האָבן נישט דערקענט, אַז דער צימער איז עטוואָס קלע־נער געוואָרן. אַ חוץ דער „לעגאַלער" טאָכטער, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן

נאָך צוויי טעכטער מיט אַן אידעם, וועלכע האָבן געהאַט אַ יידישן אויסזען און זיינען צוזאַמען מיט מיר געלאָפן אין דעם באַהעלטעניש אַריין ביי יעדן חשד, אַז אין דרויסן דערנענטערט זיך עמיצער צו אונדזער טיר. צו די „לעגאַלע" האָט אויך געהערט יצחק צוקערמאַן, וועלכער איז אָנ־געגאַנגען פאַרן כלומרשטן חתן פון דער באַלעבאַסטעס טאָכטער זאָשע. ער האָט דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט יעדן טאָג צו גיין אין שטאָט אַריין און פריי אַרומצודרייען זיך אין שטוב, נישט אַריינגייענדיק אין דער באַ־העלטעניש.

די מעלינע*), אַזוי ווי איך האָב זי געזען ביים ערשטן אַריינקום, האָט מיר געגעבן אַ געפיל פון היימישקייט, הגם דאָס זיכערקייטס־געפיל וואָלט געווען פיל בעסער, ווען דער באַלעבאָס וואָלט געווען אַ פּאָליאַק, וועלכער איז פריי פון וועלכן ס'איז חשד. די סביבה איז מיר געוואָרן נאָך נענטער, ווען איך האָב געזען ווי די באַלעבאָסטע האָט פרייטיק צו נאַכטס אָנגעצונדן ליכט לכבוד שבת, זיי אַריינגעשטעלט אין דעם באַהעלטעניש און שטיל גע־שעפּטשעט די ברכות פון ליכט־בענטשן. איך האָב געהאַט אַ גרויסע הנאה צו קוקן אויף די באַהאַלטענע ברענענדיקע ליכט. הגם דאָס איז מיר שוין געווען אַזוי ווייט און פרעמד, האָבן זיי אין מיר פאָרט עפּעס דערוועקט פון אַמאָליקן יידישן לעבן, ווען שבתדיקע ליכט האָבן געברענט, נישט אין קיין באַהעלטעניש, נאָר זייערע פלעמלעך האָבן זיך געוויגט פריי און אָפן און אַרום זיי איז געזעסן די גאַנצע משפּחה און זיך צוגעהערט צום טאַטנס זמירות. די רעפלעקסן פון אַמאָל האָבן אפשר אויף אַ מינוט דערוואָרעמט די נשמה, אָבער גלייכצייטיק אויך פאַרגרעסערט דעם ווייטיק.

1943.5.18

די פרילינגדיקע זון האָט זיך היינט אין די פריסטע שעהן אַריינגעריסן דורכן פענצטער און אָנגעפילט די שטוב מיט ליכט. די שטראַלן האָבן דערגרייכט צו מיר, ווען איך בין נאָך געווען פאַרזונקען אין טיפן פרי־מאָרגן־שלאָף. כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי עמיצער וואָלט מיט שטאַרקן עלעקטרישן שיין געלויכטן אויף מיינע פאַרמאַכטע אויגן. אַ געפיל פון

*) מעלינע — אַן אָרט (צימער, בוידעם, קעלער) ביי אַ פּאָליאַק, וואו עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן יידן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט פריי באַוועגן אין גאַס.

צופרידנקייט האָט מיך באַהערשט אין מאָמענט פון דערוואַכונג. נאָכן אויס־שלאָפן זיך דאָס ערשטע מאָל זייט עטלעכע וואָכן אין אַ בעט, אונטער אַ ריינעם, ווייסן בעטגעוואַנט.

די מענטשן פון שטוב האָבן זיך אַנגעטאָן און אויף גיך באַהאַלטן די געלעגערס, כדי אַ פרעמדער זאָל ביי זיין אַריינקומען חלילה נישט באַמערקן מער בעטלעך וויפל מענטשן עס זיינען אָפיציעל דאָ אין שטוב. איך האָב זיי מקנא געווען, ווייל מיט אַ טעמפעראַטור פון איבער 40 גראַד, האָב איך נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אויפשטיין. כ׳האָב אָבער אויך נישט געקאָט בלייבן ליגן אין בעט, ווייל דאָס קאָן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַ נישט געוואונטשן אויג. עס האָט זיך דעריבער געשאַפן זייער נישט קיין אָנגענעמע לאַגע. עס פאַרשטייט זיך, אַז די באַלעבאָסטע מיטן גאַנצן בני־ בית האָבן מורא געהאַט צו האַלטן אַ טיפוס־קראַנקן אין די אומשטענדן פון אומלעגאַלן לעבן: אַנדערע שטוב־מענטשן קאָנען זיך אָנשטעקן, מען וועט מוזן רופן אַ דאָקטאָר, וועלכער קאָן אונדז פאַרראַטן, אַ קראַנקער קאָן נישט לויפן אין באַהעלטעניש, ווען עס איז נויטיק, אויב ער וועט שטאַרבן, וועלן אַלע אַריינפאַלן און נאָך ענלעכע דערוואַגטע און נישט־דערוואַגטע באַרעכטיקטע מאָטיוון האָבן באַגרינדעט זייער מורא.

אין יענער מינוט האָב איך זיך געפילט, ווי אַן אָפּגעטאָרטער דורכן שיקזאַל, וועלכער האָט זיך ממש געררייצט מיט מיר, געוויזן אַ שיין פון לעבן דווקא דעמלט, ווען כ׳האָב זיך נישט גערעכנט אויף דעם און געמיינט, אַז דער אומקום אין געטאָ, אָדער אין קאַנאַל איז אומפאַרמיידלעך. ווען כ׳בין שוין אַריבער די שוועל פון דער „אַרישער זייט״, וואו עס זיינען פאַראַן מער פערספּעקטיוון צו בלייבן צווישן די לעבעדיקע, דאַרף איך גאָר טראַכטן וועגן געזעגענען זיך מיט דער וועלט און דאָס נישט מיט דעם „נאָרמאַלן״ טויט, מיט וועלכן עס קומען אום ידן אויף דער „אַרישער זייט״, נאָר צוליב אַ קרענק און צוליבן נישט האָבן קיין דאָקטאָר און קיין רפואות.

איך האָב פאַרפרעסט די ליפן, כ׳האָב געטראַכט וועגן דער שוואַרצער מינוט, וואָס קאָן קומען און באַשלאָסן אין דעם פאַל אַראָפּצוגיין אין גאַס און צו שטאַרבן אַלס אומבאַקאַנטער, כדי נישט איינצושטעלן דאָס לעבן פון אַנדערע. דאָס רעאַליזירן דעם פּלאַן, האָט אויסגעזען צו זיין זייער נאָענט, דאָך האָב איך געפּרווט צו פאַרטרייבן די שוואַרצע מחשבות. וואָס מער אָבער איך האָב זיי פאַרטריבן, אַלץ מער האָבן זיי זיך

צוריק אומגעקערט. איך האָב זיך פון זיי נישט געקאָנט באַפרייען, ווייל איך בין געווען אַליין מיט זיך.

יצחק איז אויף אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען אין גאַס אַריין צו זיין אַרבעט אינעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. די איבעריקע מענטשן אין שטוב זיינען מיר נאָך געווען געגנוג פרעמד. איך האָב מיט זיי נישט געקאָנט רעדן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז צוליב מיר פילן זיי זיך נישט זיכער מיטן לעבן.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן דעם אינטענסיוון לויף פון מיינע געדאַנקען. אַלע איילן זיך אין דעם באַהעלטעניש אַריין. די באַלעבאָסטע, וואָס דאַרף עפענען די טיר, שטייט אַ דערשראָקענע און מיט פרעגנדיקע בליקן ווייל זי וויסן, וואָס וועט זיין מיט מיר, צי וועל איך קאָנען אַרויסגיין פון בעט. איך שטאַרק זיך מיט אַלע כוחות און מאָמענטאַל שפרינג איך אַראָפּ פון בעט. איך גיי גיך, אַ וואקלדיקער ווי אַ שיכור, אין דעם באַ־העלטעניש אַריין. די ווייטערדיקע צוויי קלעפּ אין טיר האָט די באַלעבאָסטע נאָך נישט „דערהערט״, כדי מיר זאָלן באַווייזן נעלם צו ווערן. נאָכן דריטן קלאַפּ, האָט זיך געהערט איר פראַגע: ווער איז? הערנדיק, אַז דאָס קלאַפּט דער הויז־וועכטער, האָט זי זיך גערירט פלעגמאַטיש מיט לאַנגזאַמע טריט צו דער טיר. ווען איך בין דער לעצטער אַריין אין דעם באַהעלטעניש און פאַרמאַכט הינטער זיך דאָס פאַרמאַסקירטע טירל, האָט זי געעפנט און ס'האָט זיך געהערט די גראָבע שטים פון הויז־וועכטער.

איצטער איז געבליבן צו האָפן, אַז דער „גאַסט״ זאָל וואָס גיכער אַרויסגיין. לאַנג שטיין אין דעם שמאָלן באַהעלטעניש, וואו עס איז אַפילו נישט געווען קיין אָרט צו זיצן, איז נישט מעגלעך געווען. מען האָט דאָרט געמוזט פאַרהאַלטן זיך זייער רואיק, נישט געבן קיין הוסט און אַפילו נישט הויך אָטעמען, ווייל דער מינדסטער שאָרך קאָן פאַרראַטן. אַזעלכע וויזיטן זיינען היינט געווען עטלעכע. אַביסל שפּעטער איז אַריינ־געקומען אַ שכנה, אַ באַאַמטער פון אַן אינסטיטוציע, סתם אַ באַקאַנטער און נאָך איינער, וואָס האָט צופעליק צוליב אַ טעות פאַרבלאָנדזשעט זוכנדיק אַ צווייטן איינוווינער פון הויז. ביי יעדן „גאַסט״ — דער זעלביקער „שפּאַ־ציר״ אין באַהעלטעניש אַריין און די זעלביקע פּראָצעדור ביים עפענען די טיר.

נישט אַלע געסט האָבן זיך געאיילט צו פאַרלאָזן די שטוב אַזוי גיך, ווי איך האָב זיך דאָס געוואונטשן, שטייענדיק אין באַהעלטעניש. טייל האָבן זיך גאַנץ ברייט אָוועקגעזעצט ביים טיש און זיך אַריינגעלאָזן אין אַ לענ־

גערן שמועס. וואָס אומגעדולדיקער איך בין געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך, ווי אויף להכעיס דאָס געשפּרעך אויסגעברייטערט. פון איין מעשה, וויקלט זיך אַרויס נאָך אַ מעשה און נאָך אַ מעשה, כאָטש שרײַ, אַז די קאָנסט לענגער נישט אויסהאַלטן. אָפּטמאָל האָב איך געמיינט, אַז דאָס גליק גע־שעט שוין — איך האָב געהערט ווי מען געזעגנט זיך, אָבער שטייענדיק ביי דער שוועל, האָט דער גאַסט זיך נאָך עפּעס דערמאָנט און אַזאַ גע־שפּרעך ביי דער שוועל האָט אָפּטמאָל נישט ווייניקער געדויערט ווי ביים טיש. די באַלעבאָסטע פון איר זייט, האָט געמוזט זיין גאַסטפרײַנדלעך און נישט געבן צו דערקענען, אַז זי וויל פון די געסט פּטור ווערן. נישט ווילנדיק האָט זי געמוזט זיין זייער אַקטיוו ביים שמועס און אונטערהאַלטן געשפּרעכן אַפילו אויף אַזאַ טעמע ווי יידן. די יידן האָבן פאַרנומען אַ גרויס אָרט כמעט אין אַלע געשפּרעכן צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג און נישט אַלע זיינען געווען סימפּאַטיש פאַר אונדז: „זיי האָבן זיך פאַרדינט, וואָס ס'איז זיי געשען" און ענלעכע ווערטלעך האָבן דורכגעדרונגען דורך דעם דינעם ווענטל, וואָס האָט זיי אַזוי אָפּגענאַרט...

נאָך אַזאַ טאָג פון אַזוי פיל גאַסטפרײַנדלעכע באַזוכן, האָב איך אין די אוונט־שעהן פרייער אָפּגעאָטעמט. דאָס איז געווען די איינציקע צייט, ווען עס איז כמעט נישט אויסגעקומען צו גיין אין באַהעלטעניש אַריין. אין די אוונט־שעהן האָט מען שוין אָבער געטראַכט וועגן דער נאַכט, ווייל נאַכט־באַזוכן זיינען פיל ערגער ווי בייטאָגיקע. אויב בייטאָג האָט מען אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צי מען קלאַפּט נישט אין טיר, האָט מען ביינאַכט אָנגעשטעלט די אויערן צום שאָרך פון די מאָטאָרן אויף דער גאַס. אין דער שטילער נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז אָפּגעשטאָרבן צו־ליב דער פּאָליציי־שעה, האָט מען כסדר נאָכגעפאָלגט דעם אָפּקלאַנג פון די פאַרבייפאָרנדיקע אויטאָס. די מינוטן, אין וועלכע מען האָט זיי געהערט נאָענט, ביז דעמלט, ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט, זיינען געווען גע־שפּאַנטע און זייער אָפּט האָט מען געמיינט, אַז אָט, אָט, פאַרהאַלט זיך ביים טויער אַן אויטאָ מיט געשטאַפּאָ.

אַזוי האָבן זיך כסדר געביטן די פאַרשידענע סכנות, לויט דעם בייטן זיך פון טאָג און נאַכט.

1943.5.19

היינט האָט זיך אונדזער מאַראַנען־משפּחה פאַרגרעסערט. עס איז גע־קומען צביה לובעטקין פון לאַמיאַנקי. אַ חוץ די דריי „אָפיציעלע אַריער",

זיינען מיר שוין פינף מענטשן, וואָס באַהאַלטן זיך פּאַקטיש אויס. אי־בערהאַלב דער גאַנצער געזעלשאַפט פון אָפיציעלע און נישט אָפיציעלע, האָט זיך צוריק אָנגעהויבן צו רירן אַן אבר פון אַ חלוצישער גרופּע, וועלכע אונטערשיידט זיך שטאַרק אין די אינערלעכע באַציאונגען און אין דער אויפפירונג פון דעם איבעריקן טייל פון דער „מעלינע". זיי קאָנען למשל נישט גלויבן, אַז צביה איז נישט מיין שוועסטער און עס בינדט מיך מיט איר נישט קיין שום קרובהשאַפט, חוץ די חלוצישע, ווייל ווי איז דאָס מעגלעך אַזוי זיך מטפּל צו זיין מיט אַ „פרעמדן" קראַנקן און צו זיין אי־בערגעגעבן צו אים, אַזוי ווי צו אַ ברודער... פאַר מענטשן, וואָס לעבן מיט גאָר אַנדערע באַגריפן און באַציאונגען צווישן זיך, איז פאַרט שווער משיג צו זיין דעם לעבנס־אופן פון חלוצים, אפילו, ווען זיי זיינען די לעצטע לעבנגעבליבענע אין אַ „מעלינע" אויף דער „אַרישער" זייט.

* *
*

הגם מיר זיינען דאָ אויסבאַהאַלטענע, האָבן מיר אַ שטאַרקע פאַרבינ־דונג מיט דער גאַנצער יידישער אונטערערד אויף דער „אַרישער" זייט. אונדזער „מעלינע" אויף קאָמיטעטאָווא 4, איז איינע פון די געציילטע ער־טער, וואוהין עס דערגייען דירעקט דורך די פאַרבינדלער אַלע ידיעות וועגן לעבן און ליידן פון די טויזנטער אויסבאַהאַלטענע יידן אויף דער „אַרישער" זייט. דאָ, אויף דעם אָרט, ווערט אָרגאַניזירט אַ גרויסער טייל פון דער הילפס־אַרבעט, וואָס עס פירט דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און די קאָאָרדינאַציע, ביי וועלכער עס זיינען טעטיק יצחק צוקערמאַן (החלוץ־דרור), ד"ר אַדאָלף בערמאַן (לינקע פ"צ) און לעאָן פיינער („מיקאָלאַי" — („בונד"). ביי אונדז אין באַהעלטעניש געפינט זיך די קאַרטאָטעק פון די יידן, וואָס געניסן פון די אונטערשטיצונגען. פון דאָ ציען זיך פעדים צו די פאַרשידענע באַהעלטענישן, וואו יידן געפינען זיך נאָר. די פאַרבינדלער דערגייען צו די אויסבאַהאַלטענע יידן אין אַלע ווינקעלעך פון וואַרשע. איינצלנע פון זיי קומען צו אונדז איבערגעבן באַריכטן פון זייער אַרבעט. אַנדערע טרעפן זיך מיט יצחקן אויף די פאַרשידענע טרעף־פונקטן אין שטאָט. יעדן אָוונט, ווען יצחק קומט אַהיים, הערן מיר פון אים אַלע נייעסן, וואָס די פאַרבינדלער טראָגן אים צו.

און צו הערן איז דאָ גענוג. עס גייט נישט דורך קיין איין טאָג, עס זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די דייטשע הענט אַ פאַר צענדליק יידן. מען

פאַלט אַריין אויף פאַרשידענע אופנים. זייער פיל ווערן דערקענט גייענדיק אין גאַס. זיי ווערן פאַרהאַלטן דורך אַ „שמאַלצאָווניק", וועלכער פאַרלאַנגט אַ גרויסע סומע געלט. די יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן דעם געפאָדערטן סכום, ווערן איבערגעגעבן צו די דייטשן און זיי זעען שוין מער נישט די שיין פאַר די אויגן. עס טרעפן פאַלן, ווען עמיצער האָט בלויז צו באַצאָלן אַ טייל פון דעם סכום, נעמט מען אים אַריין אין אַ הויז און מען ציט פון אים אַראָפּ די מלבושים. נישט ווייניק „מעלינעס" ווערן אַרומגערינגלט ביינאַכט דורך געשטאַפּאָ. די יידן ווערן פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט און מיט אויטאָס אַוועקגעפירט אין „פּאַוויאַק" אויף טויט. אויך די פּוילישע באַלעבאַטים טראָגן שווערע קאָנסעקווענצן פאַר אויסבאַהאַלטן יידן. ביי דער אַנטדעקונג פון די קאָנספּיראַטיווע דירות ווירקן פאַרשידענע אומשטענדן: „שמאַלצאָווניקעס" שפּיאָנירן אויס „מעלינעס", זיי ציען אַרויס פון זייערע קרבנות וויפל געלט עס לאָזט זיך און שפּעטער מעלדן זיי די דייטשן די אַדרעסן, וואו עס געפינען זיך יידן. ווען צווישן פּוילישע שכנים צעקריגן זיך און אויב איינער פון זיי האָט נאָר אַ חשד, אַז דער צווייטער באַהאַלט אויס יידן, איז ער גלייך מודיע דער געשטאַפּאָ און די יידן באַצאָלן מיטן לעבן פאַר די צווישן־שכנישע סכסוכים. עס איז גענוג, אַז אפילו אַ פריינדלעכער שכן זאָל קומען צו גאַסט און באַמערקן עפּעס געהיימניספולס אין שטוב, און דערנאָך אָן ספּעציעלער כוונה דערציילן אַ סוד אויפן אויער אַ צווייטן שכן, אָדער סתם אַ באַקאַנטן, צי אַ קרוב, אַז ביינאַכט זאָל אָן אויטאָ מיט געשטאַפּאָ צופאָרן צום טויער און אָנקלונגען בײַם הויז־וועכטער. אין בעסטן פאַל, קומען צוגיין „שמאַלצאָווניקעס" און עס ענדיקט זיך מיט געלט. אָבער די דירה איז דעמלט שוין „פאַרברענט"*). נאָך אַזאַ באַזוך, האָבן שוין די אויסבאַהאַלטענע מורא צו זיצן אפילו איין מינוט אין דער „מעלינע", ווייל זיי זיינען נישט זיכער פאַר ווייטערדיקע באַזוכן.

די „אַרישע" פּאַפּירן זיינען גוט בלויז פאַרן אייגענעם זעלבסט־געפיל. זיי קאָנען אָבער אַבסאָלוט נישט ראַטעווען דאָס לעבן, ווען עס קומט אויס מיט זיי זיך צו באַנוצן, ווען מען געפינט זיך אויג אויף אויג מיט אַ דייטש אָדער פּוילישן שאַנטאַזשיסט, ביים פעסטשטעלן די ראַסיסטישע אָפּשטאַמונג. יידישע פרויען מיט אַ ספּעציעלן „גוטן" אויסזען דרייען זיך נאָך ווי עס איז אַרויס פון אַ שווערער סיטואַציע. דאַקעגן מענער, וועלכע ווערן

*) „פאַרברענט" — דעקאָנספּירירט.

פאַרהאַלטן צוליבן מינדעסטן חשד, ווערן אַפּילו נישט אויפגעפאָדערט צו ווייזן אַ קענקאַרטע אָדער אַרבעטס־קאַרטע, נאָר קודם־כל גייען זיי דורך אַ קערפּערלעכע אונטערזוכונג. אין אַזעלכע פאַלן, העלפן נישט די בעס־טע דאָקומענטן, דער בעסטער „אַרישער" אויסזען און דאָס באַהערשן גוט די פּוילישע שפּראַך. דער „אַרישער" אויסזען נאַרט טאַקע אָפּ די אַלע בייזע וועלף, וועלכע לויערן אויף יידישע לעבנס אין די גאַסן און הייזער. עס טרעפט זעלטן, מען זאָל אַ ייד מיט אַזאַ אויסזען פאַרטשעפּען אין גאַס אונטערן חשד, אַז ער איז אַ ייד. נישט וויניק אַזעלכע יידן פאַלן אָבער אַריין בעת אַ „לאַפּאַנקע" אויף פּאַליאַקן צו אַרבעט. ביי דער מעדיציני־שער אונטערזוכונג, וואָס אַלע געכאַפּטע גייען דורך, ווייזט זיך אָפּט אַרויס די יידישע אָפּשטאַמונג פון אַ טייל, וואָס האָט לײדער נישט דאָס גליק צו זיין כאָטש אַזוי אומגליקלעך, ווי די, וואָס מען שיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד...

ספּעציעל טרויעריק — לויט די ידיעות, וואָס עס ברענגען כסדר די פאַרבינדונגס־מענער וועגן לעבן פון די יידן אין די באַהעלטענישן, איז דער צושטאַנד פון די יידישע קינדער אויף דער „אַרישער זייט". די פאַרשי־דענע משהלעך און שרהלעך זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן דורך זייערע עלטערן נאָך פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ צו פּוילישע פריינד אויף דער „אַרישער זייט", בכדי זיי זאָלן בלייבן ווי אַ געדעכעניש נאָך די אָפּגע־מעקטע משפחות, נאָך דעם אומגעקומענעם דור. די קינדער ווייסן שוין נישט ווי זיי האָבן אַמאָל געהייסן, זיי געדענקען שוין נישט זייערע עלטערן, זיי זיינען שוין צוגעוווינט צו אַ נייער „מאַמע", צו אַן אַנדערן „טאַטן", אָבער אויך אין דער „אַרישער" משפּחה פילן זיי אָפּ יעדע שעה און יעדע מינוט, אַז ס'איז פאַראַן אַ פאַרבאָט פאַר זיי צו לעבן. זייערע אַפּוטרופּסים לאָזן זיי קיינמאָל נישט אַרויס אין גאַס זיך שפּילן מיט אַלע אַנדערע קינדער, ווייל מ'קאָן זיי דערקענען. זיי מוזן זיצן פאַרשפּאַרט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און אָפּטמאָל אין אַ פינצטער באַהעלטעניש, נישט זעענדיק כמעט קיינמאָל דעם הימל. די יידישע קינדער טאָרן נישט זינגען אָדער וויינען, ווען זיי פילן אַ באַדערפעניש דערצו, ווייל די שכנים קאָנען הערן אַ קינדעריש קול, וויסנדיק, אַז קיין קינדער זיינען אין שטוב נישטאָ. אויף אַנדערע ערטער, וואו יידישע קינדער וווינען צוזאַמען מיט די קינדער פון באַלעבאָס, זיינען זיי צוגעפּגעוואַקסן מיט זייערע „שוועסטערלעך" און „ברידערלעך", אָבער ביי יעדן קלאַפּ אין טיר, פאַרן אַריינקומען פון אַ פרעמדן מענטש אין שטוב, בלייבן די קינדער פאַר אַ רעטעניש: פאַרוואָס איין קינד שטופּן די על־

טערן אַריין אין אַ לאָך, אָדער אַ קעלער און די אַנדערע נישט? דאָס אויס־באַהאַלטענע קינד וואַקסט מיט אַ געפיל פון אַ געררודפטן. עס דריקט אים די מינדערוואַרטיקייט. דאָס פרייע קינד פון דעם באַלעבאָס, וואָס איז נישט באַגרענעצט אין די אַלע עלעמענטאַרע קינדערישע גלוסטענישן, פילט זיך מערוואַרטיק און פריווילעגירט און דאָס לייגט אַ חותם אויף זיינע באַציאונגען צו דעם יידישן קינד.

אויך די יידישע קינדער זיינען נישט פריי פון וואָגלענישן פון איין אָרט אויפן צווייטן, פונקט ווי די עלטערע. אויף איין אָרט מוז מען אַרויס־כאַפּן דאָס קינד, ווייל אַ זייטיקער מענטש האָט עס דערקענט. נישט האָבנ־דיק מאָמענטאַל וואו עס איינצואָלאָקירן, וואָרפט דער באַלעבאָס דערווייל אַריין דאָס קינד צו אַ באַקאַנטן אָדער קרוב, ביז עס קומט דער פאַר־בינדונגס־מאַן פון דער יידישער אונטערערד און באַזאָרגט עס מיט אַ „מעלינע". דאָס קינד קאָן זיך אָבער נישט אָפּגעוווינען פון די ביז־איצ־טיקע „עלטערן", און פילט זיך פרעמד צו די נייע „עלטערן" און אין דער גאַנצער סביבה. עס שרייט און וויינט ביז עס ווערט צוגעוווינט צו דער נייער היים.

אָט אַזעלכע איוב־בשורות און פּראָבלעמען פון געראַנגל פאַרן לעבן ברענגען אונדז די פאַרבינדונגס־מענער. זיי ברענגען דאָס אויף אַן אָרט, וואו עס זיינען נישט פרעמד די אַלע צרות, וואו מען פילט דאָס אַלץ אויף דער אייגענער הויט. די דאגות און ליידן, וואָס זיינען קאָנצענטרירט אין די ד' אמות פון אונדזער „מעלינע", ווערן טאָג־טעגלעך געכפּלט מיט אַ געמאַטערישן וואוקס פון ליידן פון טויזנטער יידן. אין דעם צימער, וואו מיר פאַרברענגען טאָג און נאַכט, פילן מיר אַן אָנזאַמלונג פון אַ ביטערער מאַסע, וואָס דרינגט אַרויס פון דעם באַהאַלטענעם לעבן פון די יידן. זי לייגט זיך אָן אין גראָבע שיכטן און נאָך יעדער נייער ידיעה, נאָך יעדער ביטערער בשורה, דערטאַפּסטו ממש מיט דער האַנט די געדעמפטע לופט, וואָס מיר קאָנען נישט און ווילן נישט פון איר זיך באַפרייען, אָבער ס'איז אוממעגלעך מיט איר צו אָטעמען.

ביי דער זייט פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכע גראָבט אונטער טאָג־טעגלעך די יסודות פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט, דורך אויפרייסן בריקן און צעשטערן באַן־רעלסן, דורך סאַבאָטירן די אַר־בעט אין די פאַבריקן און אַטענטאַטן אויף אַנגעזעענע געסטאַפּאָ און ס"ס־פירער — נעבן דער דאָזיקער אָנגעשטרענגטער אַנטי־היטלעריסטישער אַר־בעט, ווערט געפירט אַ יידישע אַנטי־פאַשיסטישע טעטיקייט פון גאָר אַן

אַנדערן כאַראַקטער. דאָס איז אַן אַרבעט אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן פון יעדן ייד, צו זאָרגן פאַר דער עקזיסטענץ פון יעדן יידישן קינד, אויפצו־האַלטןביים גייסט, דערמוטיקן און צו שטאַרקן דאָס געפיל פון די אַלע טויט־פאַרמשפּטע אין די פינצטערע באַהעלטענישן, ברענגען צו זיי דעם געדאַנק, אַז זיי זיינען נישט אינגאַנצן פאַראיינזאַמט, אַז עס שלאָגט נאָך אַ דופק פון אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט, אַז עס איז נאָך פאַראַן ווער עס זאָל זאָרגן פאַרן יידישן קינד.

די קאָאָרדינירטע אַרבעט פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דעם „בונד״ איז אַ ברייט־פאַרצווייגטע. פון די בערך צוואַנציק טויזנט אויסבאַהאַלטענע יידן אין וואַרשע, זיינען צוועלף טויזנט אונטער דער השגחה פון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ, וועלכע צעטיילט חודשלעך געלט־אונטערשטיצונגען, וואָס זיינען כמעט דער איינציקער מקור פון חיונה. ווייל אין די באַדינגונגען פון אויסבאַהאַלטנקייט איז בכלל אָפּגערעדט, אַז יידן זאָלן קאָנען אַרבעטן, אָדער האַנדלען. די הילפס־אַרבעט גייט אויך אין דער ריכטונג פון שאַפן „מעלינעס״ פאַר אַלע יידן, וואָס קומען קיין וואַרשע נאָכן אַנטלויפן פון די לאַגערן, פון די געטאָס פון אַנדערע שטעט און פאַר די, וואָס קומען פון די וועלדער. די אַלע, וואָס מוזן אַנטלויפן פון זייערע „פאַרברענטע״ דירות, ווערן באַזאָרגט מיט אַנדערע. אונדזערע פאַרבינדונגס־מענער באַוואַכן אויפן וועג די אַלע, וואָס דאַרפן איבערגיין פון איין אָרט אויפן אַנדערן, כדי אין פאַל, ווען ס׳וועט עפּעס פּאַסירן, זאָל מען גלייך אויסקויפן פאַר געלט. בכלל ווערט געאיילט מיט הילף נאָך יעדער ידיעה, אַז ערגעץ וואו איז אַ ייד אַריינגעפאַלן און אויב מען קאָן אים נאָר אויסקויפן מיט געלט, איז נאָך קיינער נישט אומגעקומען אַפילו, ווען ס׳האַנדלט זיך אין אַ גרויסער סומע.

די יידישע אונטערערדישע באַוועגונג באַזאָרגט אויך אַלעמען מיט דאָקומענטן, וועלכע ווערן געמאַכט דורך דעם לעגאַליזאַציע־קעמערל ביים „ראַט צו העלפן יידן״. אַזעלכע זיינען פאַראַן צווייערליי: „ליפּאָווע״ (פאַל־שע), וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אַליין, מיט נאָכגעמאַכטע שטעמפּלען און אונטערשריפטן פון די דייטשע „שטאַדטס־קאָמענדאַנטן״, אויסגעשריבן אויף נעמען פון דער „הפטורה״ און גוטע קענקאַרטן, וואָס זיינען אויף אמתע נע־מען פון טויטע, אומגעקומענע, וועלכע פיגורירן אין די ביכער פון די מאַגיסטראַטן. ווער עס האָט אַזאַ דאָקומענט איז זיכער, אַז ווען ער וועט אַריינפאַלן און מען וועט זיך אָנפרעגן אין מאַגיסטראַט, וועט מען ענטפערן, אַז אַזאַ פערזאָן פיגורירט טאַקע אין די ביכער, אַזעלכע אמתע דאָקומענטן

באַקומט מען פון די מאַגיסטראַט־באַאַמטע, הויז־אַדמיניסטראַטאָרן א״אַנד׳. אין דער אמתן איז אָבער נישט פאַראַן קיין גוטע קענקאַרטע אָדער אַרבעטס־קאַרטע, ווייל די בעסטע קענקאַרטע, נעמען אָן די דייטשן און די פּוילישע פּאָליציי פאַר פאַלש און די ערשטע פראַגע זייערע איז: „וויפל קאָסט זי דיך?״

די הילפס־אַרבעט באַגרענעצט זיך נישט בלויז פאַר יידן פון וואַרשע. שליחים פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג דערגרייכן מיט הילף אין די וועלדער. עס ווערט אויך געטראָגן געלט און געווער אויף פאַרטיידיקן זיך צו די יידן אין די לאַגערן פון טראַווניק, פּאָניאַטאָוו, סקאַרזשיסקאַ, טשענסטאָכאָוו, פּלאַשאָוו און אַנד׳. די לאַגער־יידן ווערן באַזאָרגט מיט דאָקומענטן, כדי צו קאָנען אַנטלויפן. די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון לאַגער, ווערן גערופן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד און נישט לאָזן זיך אומברענגען דורך די דייטשן.

די יידישע אונטערערדישע באַוועגונג פילט זיך אין איר גרויסער סכנותפולער אַרבעט געשטאַרקט דורכן קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער יידישער וועלט, מיט ארץ־ישראל. די אומלעגאַלע פּאָסט, וואָס ברענגט פון אויסלאַנד דורך פאַרשידענע וועגן און אומוועגן בריוו און ידיעות, ווירקט אויסערגעוויינלעך דערהויבנדיק אויפן גייסט. דאָס געלט, וואָס פלעגט קומען פון די אויסלענדישע יידישע אינסטאַנצן איז מער, ווי מאַטעריעלע שטיצע, נאָר אַן אויסדרוק פון אַ טיפן ברידערלעכן בונד. די בריוו, וואָס קומען אָן פון צייט צו צייט פון אינזש׳ רייס, ד״ר שוואַרצבאַרד און אַנד׳, זיינען פאַר אונדז קוואַלן פון וועלכע מיר שעפּן כוח. יעדער געלייענטער זאַץ פון די בריוו, שניידט זיך אַריין טיף אין דער נשמה און עס ווילט זיך אים מער נישט אַרויסלאָזן פון געדעכעניש. די זייער קאַרגע ידיעות פון ארץ־ישראל און דער וועלט, מיט וועלכע זיי באַרייכערן אונדז, פאַלן אַריין, ווי דינטשיקע ליכט־שטראַלן דורך שמאַלע שפּאַרונעס אין אַ פינצטערער פאַרמאַכטער תפיסה.

אין דער הילפס־אַרבעט לטובת די באַהאַלטענע יידן, באַטייליקט זיך אויך אין אַ געוויסער מאָס די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג, וועלכע האָט געשאַפן אַ „ראַט צו העלפן יידן״ (ראַדאַ פּאָמאָצי זשידאָם). אין דעם ראַט זיינען פאַרטרעטן די איידלסטע מענטשן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, אינטעלעקטואַליסטן, געזעלשאַפטלעכע טוער און אויפריכטיקע דעמאָקראַטן. דער ראַט איז איינער פון די טעטיקסטע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. זיינע מיטגלידער ווייזן אַרויס אַ מענטשלעך־הומאַניטאַרע באַ־

ציאונג צו די גערודפטע יידן. אין די ראַמען פון „ראַט" ווערט דערמעג־לעכט די יידישע הילפס־אינסטאַנצן די געהעריקע פונקציאָנירונג.

די אַרבעט פון אַ קליינעם געזעלשאַפטלעכן טייל ביים אויפהאַלטן יעדן יידישן נפש און דאָס זיצן אין די באַהעלטענישן פון אַלע יידן אויף דער „אַרישער" זייט, איז כסדר באַגלייט מיט גרויסע אַנטוישונגען און אי־נערלעכע דערשיטערונגען, וואָס עס ברענגט מיט זיך יעדער טאָג. יעדער פאַקט פון ניי אַנטדעקטע „מעלינעס", געכאַפטע יידן אויף דער גאַס און ענלעכע צרות, פאַרגרעסערט דעם ספק, וואָס עס נאָגט יעדן איינעם: צי איז נישט אַרויסגעוואָרפן די ענערגיע? צי איז נישט אומזיסט דאָס מאַטערן זיך, ווייל סוף כל־סוף וועלן מיר אַלע, ווי פיש אין אַ נעץ אויסגעכאַפּט ווערן? בלויז אַן אינערלעכער אינסטינקט זאָגט אונטער, אַז כל־זמן מען לעבט, דאַרף מען טאָן אַלץ, בכדי ווייטער צו לעבן.

1943.5.24

דער שיינער זומערדיקער טאָג האַלט שוין באַלד ביים סוף. די זון, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג פאַרפלייצט דעם צימער מיט אַ שפע פון ליכט און וואַרעמקייט, רוקט זיך כסדר אין איר גאַנג אויף מערב. אירע לעצ־טע גאָלד־פאַסן שפּאַצירן איבערן שטוביקן מעבל, ווענט און נאָר איין באַ־לויכטן ווינקל אין דער הויך ביים סופיט איז געבליבן אין דער שוין כמעט טונקעלער שטוב. דער בין־השמשות וואַרפט זיינע שאָטנס אויף דער נשמה און צווינגט צו טראַכטן: ווער ווייסט מיט וואָס ס'האָט זיך ווידער געענדיקט אַ טאָג פאַר די באַהאַלטענע יידן אין וואַרשע.

יצחק האָט זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב אַן אומעטיקער און דערשלאָ־גענער. ער איז געקומען פון שטאָט אָן זיין געוויינלעכן הומאָר און זיך אַרומגעדרייט אַ לענגערע צייט אַ שטומער: לאַנג האָט געדויערט ביז צביהן איז געלונגען אַרויסצוציען דאָס, וואָס דריקט אים. ער האָט זיך געהיטן פאַר מיר, מורא האָבנדיק, אַז די שלעכטע בשורה קאָן פאַרערגערן מיין גע־זונט־צושטאַנד. איך האָב אָבער שפּעטער נישט צורו געלאָזט צביהן און מיט אַ ציטערדיקער שטימע אין קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער, האָט זי מיר אַנטפּלעקט דעם סוד: די גרופּע, וואָס איז אויסבאַהאַלטן אויף 11טער ליסטאָפּאַד־גאַס נומער 10, איז שוין נישטאָ. די ווערטער האָבן געווירקט ממש עלעקטריזירנדיק. מאָמענטאַל האָב איך דערפילט אַ קאָפּ־שווינדלע־ניש, פאַר די אויגן האָב איך געזען די געשטאַלטן פון די חברים פון

דער אומגעקומענער גרופע. נאָך אַן עטלעכע מינוטיקער הפסקה, האָט זיך ערשט פאַר מיר אויפגעוויקלט די גאַנצע טראַגעדיע.

אין דער פאַבריק־געבײַדע אויף 11טער ליטאָפּאַד־גאַס נומ׳ 10, וואו עס זיינען געווען אויסבאַהאַלטן טאַשע אַלטמאַן, אליעזר געלער, מאַרעק מייעראָוויטש, משה שאַרפּשטיין, זיגי קירשנער, יצחק מאַרגנלענדער, שפרה און מאַניע גראַיעק, איז ביים אַנצינדן אַ שוועבעלע, אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. דער צעלולאָיד, וואָס איז דאָרט געווען, האָט מאָמענטאַל אָנגעהויבן ברענען און דאָס גאַנצע הויז איז אין געציילטע מינוטן אַרומגענומען געוואָרן פון פלאַמען. דער גרעסטער טייל חברים איז פאַרברענט געוואָרן. אליעזר געלער איז אַנטלאָפן אַן אָפּגעבריטער. טאַשע אַלטמאַן און שפרה זיינען אויך אַרויסגעלאָפן שטאַרק אָפּגעבריטע, אָבער פּוילישע פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט און איבערגעגעבן צו די דייטשן. זיי זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ דייטשן שפּיטאָל אַריין, וואו זיי האָבן נישט באַקומען קיין שום מעדיציניש הילף און זיינען אומגעקומען פון די יסורים.

בשורות פון אומקום זיינען נישט קיין נייעס. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך זיין שניט אין הארץ. אָבער אַזאַ אויפטרייסלונג, ווי מיר האָבן איבער־געלעבט נאָך דער בשורה פון 11טער ליסטאָפּאַד־גאַס, האָבן מיר נאָך נישט געהאַט. דאָס זיינען געווען נישט סתם אומבאַקאַנטע אומגעקומענע ייִדן, וועמענס טויט רופט טאַקע אַרויס אַ טיפן ווייטיק און עס מאַטערט דער פאַקט: מיט נאָך אַ פּאָר ייִדן זיינען מיר געוואָרן אָרעמער. דער דאָזיקער ווייטיק, האָט נאָך טיפער און שמערצלעכער געטראָפן, ווייל עס זיינען אַוועק פון דער וועלט מענטשן נאָענטע, באַקאַנטע, חברים, מיט אַ טייל פון זיי האָב איך צוזאַמען דורכגעמאַכט דאָס גאַנצע קאַפּיטל קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אויפשטאַנד, וואַגלעניש אין די קאַנאַלן, יעדן מענטש זע איך פאַר די אויגן אין די פאַרשידענע סיטואַציעס, אין וועלכע עס איז אונדז אויסגעקומען צו זיין. דערפאַר איז אַזוי שווער משלים צו זיין מיט דעם טרויעריקן פאַקט, נאָך דערצו, ווען זייער אומקום האָט גורם געווען אַן אומפאַרזיכטיק אָנגעצונדן שוועבעלע.

* * *

אַ שטראַל פון האָפענונג האָט זיך פּלוצים אויסגעשפּרייט איבער די ייִדישע באַהעלטענישן אויף דער „אַרישער" זייט. אַ ידיעה, וואָס דער־מוטיקט און גיט פּערספּעקטיוון צו בלייבן לעבן, האָט זיך אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן צו טראָגן פון אויער צו אויער: מען קאָן פאַר געלט קויפן

אַ פּאַס און דורכדעם אַרויסגעשיקט ווערן פון פּוילן אַלס אויסלענ־דישע בירגער — דאָס זיינען צוויבער־ווערטער, וואָס אַבסאָרבירן אַלע חושים פון די יידן אין די קעלערס, לעבער און הינטער די פאַר־מאַסקירטע ווענט. אַלע טאָג־פּראָבלעמען, וואָס דאָס לעבן אויף דער „אַרי־שער" זייט רוקט אַרויס, הויבן אָן צו פאַרנעמען צווייטראַנגיקע ערטער. די איינציקע שטרעבונג פון יעדן איינעם איז, צו דערגרייכן דאָס גליק און ווערן אַ בירגער פון אַן אויסלענדישער, נייטראַלער מלוכה.

די רייכע יידן, וואָס האָבן נאָך גאָלד און דאָלאַרן, מאַכן אינטענסיווע באַמיאונגען צו פאַרבינדן זיך מיט דער קוועלע פון די לעבנס־פּאַפּירן. דערויף קאַרגן זיי נישט קיין געלט, באַצאָלן פאַרשידענע „מאַכערס" און אָפּטמאָל דערגרייכן זיי דאָס גליק דורך אַ צווייטער אָדער דריטער פּער־זאָן. די אָרעמע יידן, וואָס האָבן קוים צו באַצאָלן דעם פּוילישן באַלעבאָס פאַר דער דירה און זייער אָפּט דאָס אויך נישט, קאָנען נישט מער, ווי מקנא זיין די רייכע און באַקלאָגן זייער גורל, וואָס צוליב אָרעמקייט בלייבט זיי אַזוי ווייניק שאַנסן צו לעבן.

די ידיעות וועגן די גליקן שטאַמען פון געשטאַפּאָ. זיי האָבן אַרויס־געלאָזן אַ קלאַנג, אַז אין געשטאַפּאָ געפינט זיך אַ גרויסע צאָל אויסלענ־דישע וויזעס פאַר בירגער פון נייטראַלע לענדער, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אויסלענדישע קאָנסולאַטן. היות דער רוב מענטשן, פאַר וועלכע עס זיינען געקומען די וויזעס לעבט שוין נישט, איז די געשטאַפּאָ גרייט פאַר גרויסע סכומים געלט איבערצוגעבן די וויזעס צו אַנדערע פּערזאָנען און זיי אָנרופן מיט די נעמען פון די, וואָס לעבן שוין נישט.

די יידישע געשטאַפּאָ־לייט — קעניג, אַדאַם און אַנד' רעגיסטרירן די אַלע, וואָס צאָלן אין צענדליקער טויזנטער זלאָטעס פאַר אַ וויזע, בכדי אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין אויסלאַנד. (לויט די מיטטיילונגען פון געשטאַפּאָ, שיקט מען דערווייל אין ספּעציעלע לאַגערן פאַר אויסלענדער אין וויטעל) אַלע רעגיסטרירטע ווערן איינגעאָרדנט אין „האָטעל פּאָלסקי" אויף דלוגאַ גאַס נומ' 29. דער שטראָם פון יידן דאָרט אַהין איז אַ גרוי־סער און דער האָטעל איז איבערפולט איבער די ברעגן. פון צייט צו צייט ווערן גרופּן יידן איבערטראַנספּאָרטירט פון „האָטעל פּאָלסקי" אין דעם איבערגאַנגס־לאַגער פאַר אויסלענדער, וואָס געפינט זיך אין „פּאַוויאַק" און פון דאָרטן גייען טראַנספּאָרטן קיין וויטעל. אַלע „אויסלענדער" איז דערלויבט מיט זיך מיטצונעמען באַגאַזש און ווערטפולע זאַכן אָן שום באַגרענעצונגען.

נאָכן אַרויספירן אַ פּאַרטיע יידן פון „האָטעל פּאָלסקי", ווערן די פרייע ערטער מאָמענטאַל באַזעצט פון אַנדערע. שטענדיק זיינען פאַראַן מער רעפלעקטאַנטן ווי ערטער. צוליב דעם, וואָס דער „האָטעל פּאָלסקי" איז געוואָרן דער איינציקער אינדזל, וואו יידן מעגן אָפיציעל זיך געפינען פאַר די אויגן פון געשטאַפּאָ, איז דאָס אָרט געוואָרן אַ מקום מקלט אויך פאַר אַזעלכע יידן, וואָס האָבן נישט קיין אויסלענדישע פּאַפּירן. עס זיי־נען שטענדיק פאַראַן יידן, וואָס האָבן נישט קיין „מעלינע", אָדער אַזעל־כע, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייער אַנטדעקטע „מעלינע" און ביזן באַ־קומען אַן אַנדערע, מוזן זיי וואָגלען אין די גאַסן אויף די גרעסטע סכנות, נישט וויסנדיק בייטאָג, וואו זיי וועלן די נאַכט איבערשלאָפן און ביינאַכט האָבן זיי נישט קיין אַנונג, וואו זיי וועלן דעם טאָג איבערלעבן. די אַלע ציען צום „האָטעל פּאָלסקי", דאָרט מישן זיי זיך אויס מיט די „אויס־לענדער". מען דערקענט נישט ווער ס'האָט יאָ אַ רעכט דאָרט צו זיין און ווער נישט. אַזוי אַרום טרייבט מען דערווייל די טעג און מען גע־ווינט אַ שטיקל צייט אויף צו שאַפן זיך אַ דירה.

די געשטאַפּאָ האָט אָבער דערשמעקט, אַז אויך אַ געוויסע צאָל נישט רעגיסטרירטע יידן, (אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט די גרויסע געלט־סומעס צו באַצאָלן) באַהאַלטן זיך אויס אין „האָטעל פּאָלסקי". לעצטנס האָט זי דורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע. די אַלע, וואָס זיינען נישט געווען רעגיסטרירט אַלס אויסלענדער, האָבן די דייטשן אַוועקגעפירט אין פּאַוויאַק און דאָרט זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן.

אין אַלגעמיין איז דער ענין „האָטעל פּאָלסקי" נישט אַזאַ פּשוטער, אַפילו פאַר די, וועלכע האָבן גרויסע סומעס געלט. אָרעמע לייט, וועלכע קאָנען בכלל נישט טראַכטן צו ראַטעווען זיך אויף דעם אופן, זיינען פריי פון זאָרג וועגן דעם ממשותדיקן ווערט פון ווערן אַן „אויסלענדער". זיי קאָנען נישט מער, ווי באַקלאָגן זייער ביטער מזל. עס דוכט זיך, זיי, אַז נאָר צוליב געלט איז מען פאַרלוירן. די אַלע פאַרביטערטע אָרעמע יידן זיינען נישט מסוגל צו זען די גרויסע סכנות, די פיל שאָטן־זייטן און די אומזיכערקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן גיין אין „האָטעל פּאָלסקי".

זייער אַ טיפן אינערלעכן געראַנגל לעבן אָבער דורך די, וואָס קאָנען ווערן אָדער זיינען שוין געוואָרן „אויסלענדער". עס לאָזט זיי נישט רוען דער חשד. עס מאַטערט זיי די פראַגע: צוליב וואָס זיינען די זעלביקע מערדער, וועלכע זוכן אויס אין לעבער יעדן ייד און יעדעס יידיש קינד, פּלוצים געוואָרן אַזוי גוט און זיינען גרייט צו ראַטעווען אַ טייל יידן? משונה־

דיק זעט זיי אויס די לאַגע אין וועלכער זיי געפינען זיך, וויסנדיק, אַז אין דערזעלבער צייט, ווען דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען זיינען נאָך פאַר־נומען ביים אויפרייסן די לעצטע בונקערס אין געטאָ, ביים אויפאַקערן יע־דעס אָרט, וואו אַ ייד קאָן נאָר זײַן באַהאַלטן, ביים פאַרפאַלגן אויף די גאַסן פון דער „אַרישער זייט" די קליינע צאָל יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון געטאָ — אין דער זעלבער צייט — זיצן יידן פריי און אומבאַרירלעך אויף דלוגאַ 29. עס דרייען זיך דאָרט דייטשן אַריין און אַרויס און מען טשעפּעט קיינעם נישט. צי איז דאָס נישט אַ סימן, אַז די דייטשן ווילן אַריינכאַפּן אין אַ נעץ די אַלע יידן, וואָס ס'איז זיי שווער אויפצוזוכן אין זייערע באַהעלטענישן און מיט אַן אָפּנאַרונגס־מיטל, וואָס רופט זיך: „אויס־לענדישע פּעסער", ווירקן זיי, אַז יידן זאָלן זיך אַליין צושטעלן מיט זייער גאַנצן האָב און גוטס?

וואָס מער עס מאַטערט דאָס געפיל פון אומצוטרוי צו די דייטשן, אַלץ מער שווימען אַרויף אויפן זכרון פאַקטן פון דער דייטשער אָפּנאַ־רונגס־פּאָליטיק. אויך ביי אַלע „אַקציעס" אין געטאָ האָבן די דייטשן שטענדיק געשאַפן אילוזיעס ביי אַ געוויסן טייל יידן, מיט אַרבעטס־קאַרטן, „שאָפּן" א"אַנד' האָבן זיי אַ געוויסע צאָל יידן געגעבן אַ געפיל פון זיכערקייט און דווקא די „זיכערע", וואָס האָבן זיך נישט אויסבאַ־האַלטן, האָבן זיי אָן שום שוועריקייטן צוגענומען, ווען ס'האָט זיך זיי נאָר געגלוסט. און אפשר זיינען די אויסלענדישע פּאַפּירן אויך נישט מער, ווי אַן אָפּנאַרעריי? אויך דער פאַקט, וואָס עס זיינען אָנגעקומען בריוו צו קרובים פון אויסלענדער־לאַגער אין וויטעל אין וועלכע די, וואָס האָבן אָנגעגעבן די אויסלענדישע בירגערשאַפט שרייבן, אַז עס איז זיי גוט, אַז זיי לעבן פריי און געפינען זיך אונטער דער השגחה פון אינטערנאַציאָ־נאַלן „רויטן קרייץ" — אויך דאָס האָט זיי נישט באַרואיקט. זיינען דאָך אין יולי־אויגוסט 1942, אויך אָנגעקומען בריוו אין וואַרשעווער געטאָ פון טרעבלינקע, וואו די אויסגעזידלטע האָבן געשריבן אונטערן דיקטאַט פון די דייטשן, אַז זיי לעבן „רואיק און צופרידן".

אין דעם אינערלעכן געראַנגל צווישן יאָ, אָדער נישט רעגיסטרירן זיך אין „האָטעל פּאָלסקי", מישן זיך אָבער אַריין אַרגומענטן, וואָס רעדן פאַר דער רעגיסטראַציע: דער קריג וועט נאָך לאַנג דויערן און ס'איז אוממעגלעך אַזאַ לאַנגע צייט זיך אויסצוהיטן און נישט אַריינצופאַלן אין די לאַפּעס פון געשטאַפּאָ; די נערוון זיינען שוין צו שוואַך צו קאָנען אויס־

האַלטן די מורא פאַר יעדן שאָרך, וואָס הערט זיך פון דרויסן, אָדער פון די שכנותדיקע שטובן; נאָכצוטראַכטן שטענדיק צי דער האָט נישט עפּעס באַמערקט און צי יענער האָט נישט עפּעס אַ חשד; היות עס שטאַרקט זיך אַלץ מער דאָס באַוואוסטזיין, אַז נאָך צען מאָל אויסמיידן אַן אומגליק ביים אויסבאַהאַלטן זיך אויף דער „אַרישער" זייט, מוז מען סוף־כל־סוף צום עלפטן מאָל אַריינפאַלן, איז שוין בעסער צו פּרוּוון מזל אין „האָטעל פּאָלסקי", וואו עס זיינען טאַקע דאָ ערנסטע געפאַרן, אָבער אויך אַ שטיקל האָפנונג: אפשר וועלן דאָך די דייטשן איינמאָל נישט אָפּנאַרן, אפשר וועלן זיי איבערלאָזן אַ קליינע צאָל יידן, כדי צו ווייזן דער וועלט, אַז זיי זיינען נישט אַזעלכע מערדער, ווי מען מיינט, אָדער אפשר וועלן זיי דאָס טאָן סתם צוליב מוזעאַלע טעמים?

קיינער קאָן נישט זיין קיין חכם ביים אויסקלייבן זיך אַ וועג, וואָס באַשטימט לעבן, אָדער טויט אין דעם שטריט פון פירן ווייטער דעם טאָג־טעגלעכן נערוון־קריג אויף דער „אַרישער" זייט, אָדער ווערן אַן אויסלענדישער בירגער, קאָן איינער דעם צווייטן נישט געבן קיין עצה און יעדער מוז זיך סומך זיין אויף זיין אינטואיציע. אַפילו ערנסטע גע־זעלשאַפטלעכע טוער, און קודם כל דער דירעקטאָר פון „דזשאָינט" ד. גוזשיק, העלפט אַ צאָל יידן מיט געלטער פון „דזשאָינט" צו באַקומען אַזעלכע פּעסער, גלויבנדיק, אַז אפשר איז דאָס טאַקע אַ רעטונג.

די דייטשע אינטענצן אַריינצוכאַפּן אין פּולאַפּקע אַביסל יידן און זיי אומצוברענגען זיינען אָבער צופיל דורכזיכטיק. ליידער קאָנען דאָס אַ סך נישט זען, ווייל דאָס בלייבן אין די באַהעלטענישן אין וואַרשע, גיט נישט מער קיין אויסזיכטן צו בלייבן לעבן.

1943.6.12

אונדזער באַלעבאָסטע האַלט גוט דעם חשבון פון די יידישע יום־טובים, זי האָט נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק אויסגערעכנט, ווען ס'פאַלט אויס היי־יאָר שבועות. אומגעדולדיק קוקט זי אויס אויף אַ שבת אָדער יום־טוב, כדי זי זאָל קאָנען אָנצינדן ליכט, אָדער מאַכן אַ גוטן מאָלצייט, אויסדריקן איר פאַרבינדונג מיט יידן און גלייכצייטיק אויך אונדז אין דעם דערמאָנען. קיין טיפע טראַדיציאָנעלע דערציאונג האָט זי, וואָס אַן אמת, נישט, אָבער זי ברענגט דאָס אַלץ צום אויסדרוק אויף איר שטייגער. זי פאַרזיכערט אונדז שטענדיק, אַז ביי איר אין שטוב

זועלן קיין ייִדן נישט אַריינפּאַלן צו די דייטשן, ווייל זי טוט תּפילה צו גאָט און דאָס וועט האָבן אַ פּעולה...

נעכטן אין דער פרי האָט די באַלעבאָסטע אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר האָבן היינט ערב שבועות. מיר האָבן גענומען נאָכטראַכטן, צי זי האָט נישט קיין טעות. איינעם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיר האָבן שוין דעם יום־טוב פאַרשלאָפן און שבועות איז שוין געווען מיט אַ וואָך פריער. לויט אַ צווייטנס חשבון, דאַרף ערשט שבועות זיין אין אַ וואָך שפּעטער. גע־זיגט האָט אָבער דער באַלעבאָסטעס חשבון, הגם זי ציילט נישט קיין ספירה...

די ערשטע שבועות־נאַכט איז מיר גוט געבליבן אין זכרון, נישט צוליב די יום־טובדיקע מאכלים, נאָר צוליב אַ רוישנדיקן אויטאָ.

אַרום 11 ביינאַכט, זיינען די בעטלעך, וואָס ליגן צוזאַמען מיטן בעט־געוואַנט אַ גאַנצן טאָג באַהאַלטן, שוין געווען אויפגעשטעלט איינס נעבן אַנדערן אַזוי ווי אין אַ שפּיטאָל, גרייט צום שלאָפן. אַ טייל פון אונדז איז שוין געלעגן אין די בעטן, איינער האָט זיך אַקוראַט אויסגעטאָן, אַן אַנדערער האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אויף די שמאָלע סטעזשקעס, וואָס צווישן די אויסגעשטעלטע בעטלעך. פּלוצים, האָט דער גערויש פון אַן אויטאָ מאָמענטאַל איבערגעריסן יעדנס באַוועגונג. שטייף און אומבאַוועג־לעך, ווי אַ סטאַטוע, איז יעדער געבליבן אויף זיין אָרט, אָנגעשפּיצט די אויערן צי דער מאָטאָר־גערויש דערנענטערט זיך צו אונדזער הויז...

ווען מיר האָבן געהערט, אַז דאָס גערויש ווערט אַלץ נענטער און נענטער און דער טעמפּאָ פון פאַרנדיקן אויטאָ — פּאַמעלעכער, האָבן מיר פאַרלאָשן די עלעקטריע און אין דער גרעסטער איילעניש גענומען צולייגן די בעטלעך, פאַרפּאַקט דאָס בעטגעוואַנט און אַלץ אַריינגעטראָגן אין דעם באַהעלטעניש אין דער גרעסטער שטילקייט, טרעטנדיק ממש מיט די שפּיצן פון די פינגער , כדי אין דעם שכנותדיקן אַרום זאָל מען נישט הערן פון אונדז קיין פאַרדעכטיקן געררודער. אינמיטן פון דער אינטענ־סיווער אַרבעט הערן מיר, ווי דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ ביים טויער, עס גייען פון אים אַרויס עטלעכע מענטשן און זייערע רייד דערגייען צו אונדז דורך די פענצטער, וואָס גייען אַרויס צו דער גאַס. עס איז שוין ביי קיינעם נישט געווען קיין ספק, אַז די געשטאַפּאָ איז געפאַלן אויף די שפּורן פון אונדזער "מעלינע". מיר האָבן פאַרגעזעצט דאָס אָוועקרוימען די שפּורן, קלערנדיק, אַז אפשר וועט נאָך מעגלעך זיין זיי אָפּצוּוּאַרן.

גלייכצייטיק האָבן מיר צוגעגרייט די איינציקע צוויי רעוואָלווערן צום שיסן, אויב עס וועט נישט זיין קיין אַנדערע ברירה.

מיר הערן שוין קלינגען און קלאַפּן אין טויער. די צייט, וואָס עס האָט געדויערט ביז דער הויז־וועכטער האָט געעפנט דאָס טויער, האָבן מיר געוואונען אויף אַנצוטאָן זיך. אָט הערן מיר שוין, ווי מען גייט אויף די טרעפּן. מיר זיינען שוין איינגעאָנצן זיכער, אַז דאָס מיינט מען טאַקע אונדז. זיי קומען כסדר אַלץ העכער צום פערטן שטאָק, וואו מיר געפינען זיך און דער אָפּהילך פון די טריט הערט מען אַלץ שטאַרקער. די גאָענטסטע מינוט דאַרף דעצידירן וועגן לעבן אָדער טויט.

אָט בלייבן זיי שטיין. דער ערשטער קלאַפּ. מיט אַ בליץ־שנעלקייט דערגייט צו אונדזער באַוואוסטזיין, אַז דער קלאַפּ איז גאָר אין אַ שכנות־דיקער טיר, נעבן אונדז. צי וויסן זיי נישט גענוי אונדזער אַדרעס און דאַרפן זיך נאָך פרעגן אויף אונדז ביים שכן? אָדער אפשר זיינען אויך ביים שכן אויסבאַהאַלטן יידן און מען איז געקומען זיי צונעמען? די נערוון זיינען אָנגעצויגן געוועז ווי סטרונעס בעתן וואַרטן אויפן סוף.

עטלעכע מינוט זיינען זיי געווען ביים שכן אין שטוב. במשך פון דער צייט איז יעדער פון אונדז געשטאַנען, ווי צוגעשמידט צום אָרט, נישט געבנדיק קיין פּיפּס מיטן מויל. אין שטוב איז געווען פינצטער און איינער האָט כמעט נישט געזען דעם אַנדערן. דורך איין פענצטער האָט אַריינגעשימערט דער בליאַסק פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער גאַס־לאָמפּ. בלויז די, וואָס זיינען געשטאַנען אין דעם ווינקל, וואָס איז באַלויכטן געוואָרן דורך דער גאַסן־ליכט, האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך דורכצושמועסן מיט די בליקן. יעדער פּאָר זיך האָט פאַרשידנס געטראַכט אין אָט די מינוטן. מען האָט זיך אַליין אויסגעטייטשט צום גוטן דאָס, וואָס זיי פאַרברענגען אַ לענגערע צייט אין דער וווינונג פון שכן, ווייל ווען זיי וואָלטן אונדז געמיינט, וואָלטן זיי גלייך אַריינגעקומען. דאָס האָט אָבער ווייניק באַרואיקט, ווייל כל־זמן זיי געפינען זיך נאָך אין דעם הויז, האָרט נעבן אונדז, זיינען מיר נאָך נישט פּטור פון אַן אומגליק.

דער קריטישסטער מאָמענט איז געווען דעמלט, ווען מיר האָבן זיי געהערט אַרויסגיין פון דער שכנותדיקער טיר. מיר האָבן געמיינט, אַז אָט, אָט האָבן מיר זיי ביי זיך. די ערשטע טריט, וואָס מיר האָבן געהערט שטעלן אויף די טרעפּ, צום אַראָפּנידערן, האָבן אַביסל גרינגער געמאַכט דאָס האַרץ. מיט יעדן שטאָק, וואָס זיי זיינען אַראָפּגעגאַנגען נידעריקער, האָבן מיר זיך דערפילט בעסער. ווען מיר האָבן זייערע שריט שוין גע־

הערט פון ווייטנס, האָבן מיר ערשט זיך געגומען רירן פון די ערטער און דערביי שטיל דורכשמועסן וועגן דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

אונדזער פרייד איז אָבער גאָר גיך פאַרשטערט געוואָרן. ווידער האָבן מיר געהערט זיי אַרויפגיין אויף די טרעפּ און ווידער די זעלבע צאַפּלעניש. די זעלביקע דערוואַרטונג, די זעלביקע מורא, אַז אַט, אַט קלאַפּט מען ביי אונדז אין טיר. אויך דאָסמאָל זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אין דער שכנות־דיקער וווינונג. אַזוי האָבן זיי זיך געדרייט אַ סך מאָל אַרויף און אַראָפּ און מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר.

מיר האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו די שפּאַצירן אויף די טרעפּ. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין רו אַזוי לאַנג, ביז מען האָט נישט געהערט אַוועקפאָרן דעם אויטאָ. דער גערויש פון מאָטאָר, וואָס ווירקט תמיד אָפּשרעקנדיק, האָט דאָסמאָל אונדז דערפרייט. לאַנג האָבן מיר זיך איינגעהערט אין דעם גערויש, וואָס האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט און מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, ווי מיר וואָלטן אויפסניי געבוירן געוואָרן.

צומאָרגנס האָט אונדזער באַלעבאָסטע זיך געפרעגט דעם שכן אויף זייער אַן אומשולדיקן אופן: ווער זיינען דאָס געווען די, וואָס האָבן ביי־נאַכט „געשטערט דעם שלאָף”. פון דעם ענטפער האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט מען געבראַנגט צום שכן סחורה מיט אַן אויטאָ. מען האָט אַראָפּגעלאָדנט די סחורה און דער אויטאָ איז אַוועקגעפאָרן.

דער שכן ווייסט נאַטירלעך נישט, אַז זיין סחורה האָט אונדז גע־קאָסט זייער אַ סך געזונט און נערוון.

1943.6.15

נעכטן איז געקומען צו אונדז וווינען מאַרעק עדעלמאַן. מיט אים איז אונדזער „מעלינע” איבערפולט געוואָרן. מיר זיינען שוין בסך־הכל ניין מענטשן, חוץ מאַרעק פּאַלמאַן, וועלכער געפינט זיך דאָ צייטווייליק, ביז זיין אַרויספאָרן אין שליחות פון „דרור” צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע לייק בענדין.

בכדי אַביסל לויזער צו מאַכן אויף קאַמיטעטאָווע 4, האָב איך זיך היינט איבערגעטראָגן אין אַ צווייטער „מעלינע” אויף טוואַרדע גאַס נומער 31, וואו עס געפינט זיך שלום גראַיעק (סטעפּאַן). די דאָזיקע „מעלינע” איז געבויט געוואָרן דורך גראַיעקס פּוילישן פריינד — פּעלעק ריישטשאַק, וועלכער האָט, נאָך מיט לאַנגע וואָכן צוריק, ספּעציעל צו דעם צוועק

געקויפט אַ חרובע ווינונג און אַליין מיט אייגענע הענט זי רעמאָנטירט און אויפגעבויט אַ גוט פאַרמאַסקירט באַהעלטעניש.

ביים איבערטרעטן די שוועל אויף טוואַרדע 31, האָב איך באַגעגנט אַ הויכן מאַן, מיט אַ געדיכטער טשופּרינע און אַ פּאָר שוואַרצע קלוגע און פיל זאַגנדיקע אויגן. מיין באַגלייטער — קאַזשיק האָט מיך פאָרגע־שטעלט. דאָס איז געווען פעלעק ריישטשאַק. ער איז אַלט איבער פערציק יאָר, אַ לאַנגיאָריקער קאָמוניסטישער טוער פון פאַרן קריג. ער האָט הינטער זיך עטלעכע יאָר תפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט אין סאַ־נאַטאָרישן פוילן. ריישטשאַק איז אַ מענטש מיט טיפע אידעאישע וואָרצלען, אַ שטאַרקן פּאָליטישן טעמפּעראַמענט, איינגעבירגערטע געפילן פון אינ־טערנאַציאָנאַליזם און איז פולשטענדיק פריי פון די מינימאַלסטע פאָר־אורטיילן לגבי יידן, וואָס מ׳קאָן אָפט טרעפן אַפילו ביי פּראָגרעסיווערע פוילישע בירגער. זיין ווילן צו העלפן יידן איז אין אַ גרויסער מאָס געווען באַווירקט פון אידעאישער איינשטעלונג.

פעלעק האָט מיך אַריינגעפירט אין צווייטן צימער און געהייסן מיך אויסזוכן גראַיעקן, וועלכער האָט זיך געפונען אין דעם באַהעלטעניש. דער־מיט האָט ער געוואָלט אויספּרווון, צי עס איז מעגלעך פאַר אַ פרעמדן מענטש צו געפינען דאָס פאַרמאַסקירטע באַהעלטעניש, וואָס איז מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויט. איך האָב ממש באַטאַפּט יעדעס ווינקל און יע־דעס אָרט אויף די ווענט און פּאַדלאָגע און ס׳איז אוממעגלעך געווען צו געפינען אַן עפענונג, וואָס פירט אין דעם באַהעלטעניש אַריין. נאָכדעם, ווי איך בין שוין מיד געוואָרן פון זוכן בערך אַ האַלבע שעה צייט און כ׳האָב שוין רעזיגנירט פון יעדן ווייטערדיקן פּרווו צו געפינען דאָס באַ־העלטעניש, האָט מיר פעלעק אַנטפּלעקט דאָס געהיימניש.

כ׳האָב נישט געגלויבט די אייגענע אויגן, זעענדיק, אַז דער גאַנצער סוד געפינט זיך אין אַן אויוון. דאָס איז אַ הויכער אויוון פון קאַפליעס, וועלכער שטייט אין ווינקל נעבן דער טאָפּלטער וואַנט און האָט אַ נאָרמאַלן אויסזען, ווי אַלע אויוונס, צוגעמויערט צו די צוויי ווענט, וואָס שליסן זיך צוזאַמען אין דעם ווינקל פון פיר־עקיקן צימער. דער אויוון האָט טאָפּלטע טירלעך. ווען מען עפנט אויף די ערשטע צוויי האַלבע טירלעך, וואָס זיינען דורכזיכטיק מיט קראַטעס, קומט מען צו צו די צוויי טירלעך, וואָס זיינען געמאַכט צו פאַרשרויפן און דורך וועלכע מען קאָן איינהייצן דעם אויוון. די דאָזיקע טירלעך מוז מען נאָר עפענען, ווען מען וויל איינהייצן דעם אויוון. דאָקעגן, דאַרף מען זיי נישט עפענען ביים אַריינגיין אין

באַהעלטעניש, נאָר מען רוקט אַרויף אין דער הויך דעם גאַנצן קאַסטן, וואָס אַנטהאַלט אין זיך די טירלעך, דעם רושט, אויף וועלכן מען צינדט אָן דאָס פייער און די אונטערשטע אָפּטיילונג, וואו עס פאַלט אַראָפּ דאָס אַש — אויפן אָרט פון דעם אַלעם אַנטשטייט אַ גרויס לאָך, דורך וועלכן מען שאַרט זיך אַדורך אין אַ ליגנדיקער פּאָזיציע אין דעם באַהעלטעניש אַריין, וואָס איז צווישן דער טאָפּלטער וואַנט. נאָכן אַריינקומען דאָרט, לאָזט מען צוריק אַראָפּ דעם קאַסטן, וועלכער הענגט אויף אַן אייזערנער שטריק און באַוועגט זיך אויף רעדלעך. מאָמענטאַל באַקומט צוריק דער אויוון זיין נאָרמאַלן אויסזען און קיינעם קאָן נישט איינפאַלן, אַז ער דינט אַלס אַ דורכגאַנג צו דעם באַהעלטעניש.

איך האָב באַטראַכט די קאָמבינאַציע מיט דעם אויוון און געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז דאָס בעסטע פאַרמאַסקירטע באַהעלטעניש פון אַלע „מעלינעס" אין וואַרשע. זי איז דורך פעלעק ריישטשאַק געבויט געוואָרן מיט אַזוי פיל חוש פאַר קאָנספּיראַציע, אַז בלויז אַן אַרכיטעקט וואָלט אפשר געקאָנט דערגיין צו די שפּורן פון דעם באַהעלטעניש, נאָכדעם, ווי ער וואָלט אויסגעמאָסטן אַלע אַנדערע שטובן פון דעם אונטערשטן שטאָק און דערקענט, אַז דער צימער איז מיט אַ פּאָר צענדליק צענטימעטער קלענער. אָבער אויך דעמלט, וואָלט אים נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער אַריינגאַנג אין דעם באַהעלטעניש פירט דורכן אויוון.

וויפל באַוואונדערונג ס'האָט אַרויסגערופן דאָס פאַרמאַסקירטע באַהעלטעניש, האָט מען אָבער נישט ווייניקער געדאַרפט באַוואונדערן, דעם אופן, ווי אַזוי די אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן. געוויינטלעך דאַרף דאָס אויפשטעלן אַ חרובע ווינונג, וואו עס זיינען געוועז נישט מער, ווי פיר זוענט, דורכגיין דורך אַ פּאָר פאַכמענער, אַ חוץ סתם אַרבעטער. דאָס איז צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים נישט געווען מעגלעך. די אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן און די איינגעבוירענע טעכנישע אינטעליגענץ, מיט וועלכער עס איז געבענטשט פעלעק ריישטשאַק, איז ביים אויפשטעלן די „מעלינע", אין דער העכסטער מאָס געקומען צום אויסדרוק. ער האָט אַליין דורכגעפירט די אַרבעט פון אַ מויערער, מאָלער, טשעסלער, עלעקטראָמאָנטער, קאַנאַליזאַטאָר, גלעזער, שלאָסער, זדון און נישט בלויז, וואָס ער באַהערשט גוט טעאָרעטיש און פּראַקטיש די פאַכן, וואָס זיינען נויטיק געווען ביים מאַכן די „מעלינע", נאָר אויך אויף אַנדערע געביטן בלייבט ער נישט הינטערשטעליק, לגבי אַנדערע ספּעציאַליסטן. ער קאָן אויך

פאַרריכטן זייגערס און איז אַ גוטער פריזירער. ער קאָן קאָכן אַלע מאכלים און באַקן דאָס בעסטע געבעקס.

קיינמאָל האָט פעלעק מסתמא נישט געהאַט אַזאַ געלעגנהייט אויסצונוצן אַלע זיינע פעאיקייטן, ווי אין דער פינצטערער תקופה פאַר יידן. די דאָזיקע פעאיקייטן האָט ער טאַקע פאַר אונדז געשטעלט צום דינסט מיט פיל געווויסנהאַפטיקייט, אחריות און טיפער מענטשלעכקייט.

1943.6.25

כ'האָב זיך שוין כמעט אַקלימאַטיזירט אויף טוואַרדע 31. דער „כמעט" באַווייזט, אַז עס איז נישט אַזוי לייכט זיך צוצופאַסן צו די פאַרהעלטענישן אין אַ נייער „מעלינע". פונקט אַזוי, ווי דאָס אַרויסלאָזן זיך אין וועג אַריין פון איין „מעלינע" אין דער צווייטער, וואָס געפינט זיך אין דער שכנות־דיקער גאַס, איז פאַרבונדן מיט אַן אַ שיעור מער געפאַרן, ווי צו פאַר־מעבר לים אין נאַרמאַלע צייטן, אַזוי זיינען אויך די באַדינגונגען פון דער נייער „מעלינע" אַנדערש פון דער פריערדיקער, אַזוי ווי מען וואָלט זיך געפונען אין אַ צווייט לאַנד, הגם די צרות זיינען די זעלבע.

אויפן יעדן אָרט באַזונדער דראָט די געפאַר פון אַן אַנדערער זייט. זיינען פאַראַן אַנדערע באַציאונגען מיט די שכנים, אַן אַנדער אָפּשאַצונג מצד דעם באַלעבאָס וועגן דער דראָענדיקער געפאַר. לויט די אַלע אַנ־דערשקייטן זיינען אויך אַנדערש די פאַרהיטונגס־מיטלען, די פאַרמען פון דעם קאָנספּיראַטיוון לעבן. אין אונדזער „מעלינע" אויף טוואַרדע, איז אויך פונקט ווי אומעטום פאַראַן אַן אונטערשייד אין דעם אויסקלייב פון די פאַר־היטונגס־מיטלען צווישן דעם באַלעבאָס און דער באַלעבאָסטע. ער איבער־שאַצט איין סכנה, זי דערזעט אַ צווייטע סכנה. מוז מען זיך צו ביידע צופּאַסן, ווייל זיי זיינען דאָך נישט אויסן קיין שלעכטס, זיי מיינען דאָך אונדזער טובה. דערפאַר: דאָ שטיי נישט, דאָרט גיי נישט, איינמאָל טאָר מען נישט ריידן צווישן זיך עטוואָס העכער, אַ צווייט מאָל, טאָר מען נישט הוסטן אאַ"וו.

אין קעגנזאַץ צו דער פריערדיקער „מעלינע" אויף קאָמיטעטאווא 4, וואו מען איז אַ גאַנצן טאָג אין צימער און מען גייט אַריין אין דעם באַ־העלטעניש בלויז דעמלט, ווען עס קומט אַ פרעמדער אין שטוב אַריין, מוז מען דאָ אַ גאַנצן טאָג זיצן אין באַהעלטעניש. דאָ קאָן מען נישט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און באַהאַלטן זיך, ווען מען הערט עמיצן

קלאַפּן אין טיר, ווייל דאָס אַדורכגיין דורכן אויוון איז נישט אַזוי לייכט און עס געדויערט פיל לענגער, ווי מען גייט אַדורך דורך אַ טיר. נאָכן ארייַנגיין אין דעם באַהעלטעניש, געדויערט אַ ביסל צייט דאָס צוריק פאַרמאַכן דעם אויוון, ווייל די קאָנסטרוקציע פון דער אויוון־פאַרמאַסקירונג איז אַ גענוג קאָמפּליצירטע. ווען מען וואָלט יעדן מענטש, וואָס וויל אַריינגיין אין שטוב, געלאָזט שטיין הינטער דער טיר אַזוי לאַנג, ביז מ׳באַהאַלט זיך אויס, וואָלט דאָס אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט. דער איינציקער אויסוועג איז דעריבער נישט צו באַווייזן זיך בכלל אין שטוב, נאָר כסדר זיצן אין דעם באַהעלטעניש.

דאָס געפינען זיך אין דעם באַהעלטעניש טאָג און נאַכט ווירקט פּסיכיש, ווי דאָס זיצן אין אַ תפיסה. אויף קיין איין מינוט טרעט נישט אָפּ דאָס געפיל פון אַן אויסבאַהאַלטענעם און גערודפטן. כסדר און אומאויפהערלעך מוז מען זיצן, אָדער שטיין איינגעקלעמט צווישן צוויי ווענט אין אַ לאַנגן און שמאָלן לאָך, וואָס איז אַזוי ברייט, ווי אַ מענטשלעכער קערפּער. הימל און ערד, זון און לופט — אַלץ ווערט פאַרגעסן, אַזוי ווי ס׳וואָלט אַזעלכעס גאָר נישט אויף דער וועלט געווען. פאַר די אויגן שטייען שטענדיק שטומע ווענט, וועלכע לאָזן נישט דאָס אויג דערגרייכן אַ ברייטערן האָריזאָנט. אויף איינער פון די ווענט זיינען קענטיק די אָפּגעבליאַקעוועטע פאַרבן פון אַמאָליקן געמעל. זיי ליגן אויף דער וואַנט אין עטלעכע שיכטן. איין פאַרב קוקט אַרויס פון אונטער דער צווייטער און יעדע פון זיי — דערקענט מען — איז עלטער מיט אַ צענדליק יאָר. דאָס שטעלט מיט זיך פאָר אונדזער איינציקן „פּייזאַזש", וואָס מיר האָבן אין דעם באַהעלטעניש. די איינציקע מעגלעכקייט פון באַוועגן זיך אינעווייניק, איז נאָר אין דער ־ענג. אָבער היות קיין צוויי מענטשן אין דער ברייט קאָנען נישט אַדורכגיין דורך דעם שמאָלן פּאַס, קומט אויס שטענדיק צו זיין צוגעשמידט צו דעם אָרט, אויף וועלכן מען געפינט זיך. יעדע פּריטשע האָט דריי שטאָק די הויך. אויף יעדן שטאָק איז פאַראַן אַ געלעגער פאַר איין מענטש, וועלכער קאָן זיך קוים איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט צוליב דער שמאָלקייט. וועגן אַוועקזעצן זיך אויפן געלעגער איז אָפּגערעדט, ווייל מען קאָן זיך צעקלאַפּן דעם קאָפּ אין די ברעטער, אויף וועלכע עס געפינט זיך דאָס געלעגער פון העכערן שטאָק. צוליב די זעלבע סיבות, קאָן מען זיך נישט נאָרמאַל אַוועקלייגן אויפן געלעגער, נאָר מען מוז זיך דאָרט אַהין אַריינרוקן אַ ליגנדיקער. דורך די שפּאַרונעס פון די ברעטער „שפּאַצירט" זיך דאָס שטרוי פון איין געלעגער צום צווייטן און ווען מען

כאַפּט זיך אויף אינדערפֿרי פֿון שלאָף, איז דאָס פּנים ווי באַוואַקסן מיט שטרוי.

די עלעקטרישע באַלײַכטונג, וואָס ברענט אין דעם באַהעלטעניש אַן איבעררײַס, גיט אונדז נישט קיין מעגלעכקייט אונטערצושיידן צווישן טאָג און נאַכט. יעדן אינדערפֿרי, ווען מיר הערן דורך דער וואַנט, אַז אין שטוב דרייט מען זיך שוין אַרום, האָבן מיר אַ סימן, אַז ס'איז שוין טאָג. אָבער אויך דעמלט איילט מען זיך נישט אויפֿצושטיין. בעסער צו שלאָפֿן אַביסל לענגער, אַז דער טאָג זאָל גיכער אַדורך. מיר נעמען זיך אָנטאָן ערשט דעמלט, ווען פּעלעק קלאַפּט אָן אין די טירלעך פֿון אויוון און דערמאָנט, אַז מען דאַרף עסן פֿרישטיק. אויף געציילטע מינוטן גייט מען אַרײַן אין שטוב זיך אַרומוואַשן און גלײַך צוריק אין דעם באַהעלטעניש אַרײַן. דעם טאָג פֿרוּווט מען אַדורכטרײַבן מיט לייענען, שרײַבן און סתּם געשפּרעכן. אַלץ קומט פֿאָר דורכויס אין דער פּוילישער שפּראַך, היטנדיק זיך נישט אַרויסצורײדן חלילה קיין יידיש וואָרט, ווײַל „ווענט האָבן אויערן". אויך אין פּויליש באַמיט מען זיך שטיל צו שעפּטשען און נישט אַרויסצורײדן אַ הויך וואָרט, כּדי שכנים זאָלן נישט הערן און ס'זאָל זיי נישט קומען אויפֿן געדאַנק, אַז דאָ איז פֿאַראַן מער מענטשן ווי די, וועגן וועלכע זיי ווייסן אָפֿיציעל. דורך דער וואַנט, וואָס גרענעצט זיך מיטן שכנותדיקן הויז, האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל געהערט שטילע שטימען. דאָס האָט אונדז געגעבן נאָכצוטראַכטן, אַז דאָרט זײַנען מסתּמא אויך פֿאַראַן „קאָטי" (קעץ — אַ געהיימע באַצייכענונג אויף יידן). דאָס איז פֿאַר אונדז אויך געווען אַ וואָרענונג, אַז מיר דאַרפֿן, וואָס שטילער רעדן צווישן זיך.

אין באַהעלטעניש דרינגט אויך אַרײַן פֿון דרויסן דער סימן, אַז דער טאָג פֿאַרענדיקט זיך. דאָס „גיבן אונדז צוּוויסן" די שכנים, ווען זיי פֿאַרזאַמלען זיך פֿאַרנאַכט אויפֿן הויף, בײַם אָפּריכטן די אָוונט־תּפֿילה. און נישט בלויז אונדזערע שכנים, נאָר כּמעט בײַ דער גאַנצער פּוילישער באַפֿעלקערונג פֿון וואַרשע האָט זיך אין דער צײַט פֿון קריג פֿאַרשטאַרקט דאָס רעליגיעזע געפֿיל. אויף יעדן הויף איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ קאַפּליצע אַרום וועלכער עס פֿאַרזאַמלען זיך אין יעדן בין־השמשות די אײַנוווינער און בײַ אָנגעצונדענע ליכט זינגען זיי די תּפֿילות און רעליגיעזע ניגונים. יעדעס מאָל, ווען עס דרינגט אַרײַן אין דעם פֿאַרמאַכטן באַהעלטעניש אַ פֿאַרטויבטער אָפּקלאַנג פֿון די רעליגיעזע צערעמאָניעס אויפֿן הויף, ווייסן מיר, אַז נאָך אַ קורצע צײַט טיילט אונדז אָפּ פֿון דער מינוט, ווען מ'וועט קאָנען עפֿענען דאָס באַהעלטעניש און אַרײַנגיין אין שטוב אויף אַ שעה צוויי

זיך אויסגלייכן דיביינער. די דאָזיקע קורצע צייט, וואָס מיר פֿאַרברענגען יעדן אָוונט אין שטוב, לויפֿט אָבער צו גיך אַדורך. איידער מען באַווייזט דורכצוגיין זיך אַביסל איבערן שטוב און דאָס נאָר אין דעם טייל פֿון צימער, וואו ס'איז נישט פֿאַראַן קיין פֿענצטער, דערליידיקן נאַטירלעכע באַדערפֿעניש, וואַשן אאַ״וו, מאַכט זיך שפּעט און מען מוז שוין ווידער אַריינגיין אין דעם באַהעלטעניש שלאָפֿן, און ווידער וואַרטן אומגעדולדיק ביז די קולות פֿון היילקן געזאַנג וועלן אונדז דערמאָנען, אַז מען קאָן שוין עפֿענען דאָס טירל פֿון אויוון.

1943.7.15

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז געקומען צו אונדז לייזער לעווין מיט זיין עלף־יעריקן זון און שוועגערין. לייזער לעווין מיט זיין משפּחה האָט פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף לאָמיאַנקי, וואו ער האָט געוווינט ביי קיישטשאַקס*) אַ קרוב. ער האָט נישט געוואָלט זיין מער אָפּגעטיילט פֿון די איבעריקע חברים, איזאָלירט פֿון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג און ער איז דערביבער געקומען וווינען צו אונדז אין דער „מעלינע״. ער איז אויך אַרויס פֿון לאָמיאַנקי צו דער ריכטיקסטער צייט, ווייל וואָלט ער דאָרט נאָך געווען עטלעכע טעג, וואָלט ער אפֿשר אַריינגעפֿאַלן צו די דייטשן, אין בעסטן פֿאַל אַנטלאָפֿן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, נאָך לייזער לעווינס אַרויספֿאָרן פֿון לאָמיאַנקי, זיינען אין דאָרף אַריין אָנגעקומען צוויי חברים פֿון דער יידישער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע דוד נאָוואָגרודסקי און רבקה פּאַסמאַניק. זיי זיינען געווען די גאַנצע צייט נאָכן אַרויסגיין פֿון געטאָ מיט אַנדערע חברים פֿון קאַמפֿס־אָרג׳ אין די ווישקאָווער וועלדער. דוד און רבקה זיינען געקומען מיט אַ שליחות פֿון וואַלד צו קיישטשאַקן נישט האָבנדיק קיין גענויעם אַדרעס זיינען זיי אַריין צו אַ פּויער און געפֿרעגט זיך וואו עס וווינט קיישטשאַק. זיי האָבן אָבער אַריינגעטראָפֿן צו אַ „פֿאָלקס־דויטש״. אין דער זעלבער צייט, ווען דער „פֿאָלקס־דויטש״ האָט דוחן מיט רבקהן געפֿירט ווייזן, וואו עס וווינט קיישטשאַק, איז זיין ווייב געגאַנגען רופֿן דייטשן. ווען קיישטשאַק האָט זיך דערוואוסט צו וועמען זיי האָבן אַריינ־

*) זע זייט 154.

געטראָפן, האָט ער תיכף זיי געהייסן אַנטלויפן און אויך ער אַליין האָט מאָמענטאַל פאַרלאָזן דאָס דאָרף. ווען דוד און רבקה זיינען אַרויסגעגאַנגען פון קיישטשאַקס הויז, זיינען די דייטשן זיי אַנטקעגן געקומען און זיי דער־שאָסן אויפן אָרט. די דייטשן האָבן דורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין גאַנצן דאָרף צי עס געפינען זיך נאָך ערגעץ יידן. קיישטשאַק מוז זיך פון איצטער אויסבאַהאַלטן אין וואַרשע. די יידישע אונטערערדישע אינסטיטוציעס זאָרגן נאַטירלעך פאַר זיין עקזיסטענץ פונקט, ווי פאַר די אויסבאַהאַלטענע יידן.

לייזער לעווין און זיין פאַמיליע, האָט געברענגט מיט זיך נישט בלויז אַן ענגשאַפט אין אונדזער באַהעלטעניש, נאָר אויך אַן אויפלעבונג פון דעם „פאָליטישן לעבן" אין דער „מעלינע". עס פילט זיך ביי אונדז לעצטנס אַ גרויסע וואַכזאַמקייט צו אַלע וועלט־געשעענישן און קודם־כל צו דער לאַגע אויף די פראָנטן. די טעג און נעכט ווערן אויסגעפילט מיט באַ־האַנדלען די מלחמה־סיטואַציע. עס ווערן דיסקוטירט מיינונגען. מען שטעלט האַראָסקאָפּן און מען בויט קאָנצעפּציעס וועגן דעם, ווען די אַנגלאָזאַקסן וועלן באַוויליקן אַנצוהייבן דעם צווייטן פראָנט און וועלכן אָרט ער וועט אויסברעכן. און מיינונגען זיינען פאַראַן פאַרשידענע: איינער זאָגט, אַז דער צווייטער פראָנט וועט זיך אָנהייבן דווקא אויפן לאַמאַנש־קאַנאַל, ווייל דאָרט איז אַמנאָענטסטן צום ענגלישן הינטערלאַנד און די אַליאַנטן וועלן נישט דאַרפן ווייט פירן זייער עקספּעדיציע קעגן שונא. אַ צווייטער פרעגט אָפּ די דאָזיקע השערה און אַרגומענטירט דערביי מיט די לאָגישסטע אַרגומענטן: נאָך וואָס דאַרפן די אַליאַנטן אָנקלאַפּן אויף דער גוט פאַרטיפיצירטער „אַטלאַנטיק־וואַנט", וואו די דייטשן האָבן קאָנ־צענטרירט אַ סך כוחות, אַז זיי קאָנען בעסער אונטערקומען דורכן צפון־ים קיין האַמבורג און אַזוי אַרום גלייך אַריינקריכן דעם שונא אין האַרץ אַריין. מיט די זעלביקע לאָגישע אַרגומענטן וויל אַ דריטער איבערצייגן, אַז נישט די „אַטלאַנטיק־וואַנט" און נישט האַמבורג, נאָר דווקא דענע־מאַרק אָדער נאָרוועגיע וועלן די אַליאַנטן אויסקלייבן פאַר זייער אַטאַקע. אין ויכוח נעמט מען זיך צוהילף די גרויסע מאַפּע, וואָס הענגט אויף דער וואַנט אין דעם באַהעלטעניש. יעדער פאָרט מיט דער האַנט אויף דער מאַפּע און מיט אַ שעפּטשענדיקן קול וויל ער באַווייזן, אַז נאָר זיין קאָנצעפּציע איז געאָגראַפיש, מיליטעריש און פאָליטיש אויסגעהאַלטן. מיר ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ גאַנצן „גענעראַל־שטאַב" און עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז נאָר דאָ וועט דעצידירט ווערן דער גורל פון קריג...

ביי דער גאַנצער הייסקייט פון ויכוח וועגן מערב־פראָנט, וואָס דאַרף ערשט אַנטשטיין, זעען אַלע אָבער איין, אַז דער מערב וויל נישט מיטן געווער און קודם־כל נישט מיטן גאַנצן האַרץ טויט־שלאָגן דעם היטלעריזם. דעריבער וועט ער אונדז נישט באַפרייען פון דעם באַהעלטעניש און אַוודאי וועט ער אונדז, פונקט ווי אַלע מענטשן נישט פאַרזיכערן קיין רואיק לעבן נאָך דער באַפרייאונג. פאַר אונדז קאָן די אמתע ישועה קומען פון מזרח. דערפאַר איז אַזוי שטאַרק דער אינטערעס צו די קאַמפן פון דער רויטער אַרמיי. ווען מיר גייען דורך מיטן פינגער אויף דער מאַפּע איבער די פאַר־שידענע שטעט און דערפער, וואו עס רוקט זיך פאָרויס די רויטע אַרמיי, פילן מיר, אַז יעדער טריט אירער פאַרקירצט אונדזער זיין דאָ אין דעם באַהעלטעניש. יעדע ידיעה, וואָס דערציילט, אַז דער מזרח־פראָנט האָט זיך נישט גערוקט נענטער צו וואַרשע, אָדער גאָר זיך עטוואָס דערווייטערט, וואַרפט אַרויף אויף אונדז אַ שרעקלעכע נידערגעשלאָגנקייט.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם וואַרטן מיר יעדן אינדערפרי ביז מען ברענגט אונדז פון גאַס די צייטונג. מיר נעמען די צייטונג אין האַנט אַריין נישט נאָר מיטן אינטערעס פון דעם אָמערסטן פּאָליטיש־רייפן, נישט־יידישן לייע־נער, נאָר מיטן באַוואוסטזיין, אַז פון די געדרוקטע אותיות דאַרפן מיר זיך דערוויסן וועגן אונדזער פערזענלעכן גורל, וואָס איז ווייט נישט צו פאַר־גלייכן צום גורל פון אַלע דורך די דייטשן פאַרשמאַכטע מענטשן. יעדעס וואָרט און יעדע שורה פון דער צייטונג שלינגען מיר ממש מיט די אויגן און באַמיען זיך צו פאַרשטיין אויך דאָס, וואָס מען קאָן לייענען „צווישן די שורות".

זעלטן ווער עס איז אַזוי פילבאַר און לעבט אַזוי מיט אַלעם, וואָס עס קומט פאָר אויפן שלאַכט־פעלד, ווי די יידן אין די באַהעלטענישן. אַזוי ווי אַרעסטאַנטן וואַרטן מיר אויף יעדן אָפּקלאַנג פון אַן אויסערלעכן שונא, וועלכער זאָל צעקלאַפּן די מאַכט, וואָס האַלט זיי איינגעקלעמט אין דער פאַרמאַכטער תפיסה. עס עגבערט אָבער כסדר די פראַגע: צי וועלן מיר זיך דערוואַרטן?

1943.8.13

טאַדעק — פעלעקס זון איז היינט אינדערפרי געקומען צולויפן פון הייף אַ פאַרסאָפּעטער, נישט קאָנענדיק כאַפּן דעם אָטעם. מיר האָבן אין באַהעלטעניש געהערט זיינע גיכע טריט. ער האָט געפרעגט זיך אויפן

פּאַטער און גלייך אַריינגעלאָפן צו אים אין צווייטן צימער און אים עפּעס דערציילט אין דער שטיל. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיק. פעלעק איז מאָמענטאַל צוגעקומען צום טירל פון אויוון, מיט אַ שטילן און ערנסטן קול האָט ער אונדז מודיע געווען, אַז אין הויף געפינען זיך פּאָליציי־אַגענטן. עס איז נישט געווען קיין צייט אויף פרעגן זיך ווייטערדיקע פראַגן, איבעריקנס האָט ער אויך נישט געוואוסט אין צוזאַמענהאַנג מיט וואָס די פּאָליציי איז געקומען. פעלעק איז גלייך אַוועק פון טירל און מיר האָבן מאָמענטאַל אַראָפּגערוקט דעם בלאָק, וואָס גיט דעם אויוון דעם נאַרמאַלן אייסזען.

אין באַהעלטעניש האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אין אַ באַקוועמער פּאָזיציע, כדי מען זאָל זיך נישט דאַרפן רירן פון אָרט און מיט אַ פּאַר־כאַפּטן אָטעם אָפּגעוואַרט, וואָס דאָ וועט געשען. דורך דער וואַנט איז צו אונדז פון דער שטוב, דערגאַנגען דער אָפּהילך פון די גיכע טריט, וואָס פעלעק האָט געשטעלט, דרייענדיק זיך אַ דענערווירטער פון איין עק צימער צום אַנדערן. הגם די באַהעלטעניש איז געווען הערמעטיש פאַר־מאַכט, האָבן מיר אויסגעלאָשן די עלעקטריע, בכדי מיר זאָלן זיין זיכער, אַז עס קאָן פון ערגעץ נישט אַרויסשיינען די ליכט, ווען די פּאָליציי וועט עפענען די טירלעך פון אויוון. מיר זיינען געזעסן שטיל אָן דער מינדסטער באַוועגונג. פון יעדנס האַרץ האָבן זיך געהערט שטילע, לייכטע קלעפּ, אַזוי ווי פון אַ זייגער. די פינצטערניש איז געווען אַ בלענדיקע, פאַר די אויגן האָבן געשוועבט גרינע פינטעלעך און גאַנצע רייען פייער־רינגען. די געדיכטע פינצטערניש, האָט יעדן פון אונדז אָפּגעשלאָסן אין זיך און דערמעגלעכט אַ פולע קאָנצענטראַציע פון די געדאַנקען אַרום די שרעק־לעכע אַנקומענדיקע מינוטן. יעדער איינער האָט זיך אַנדערש פאַרגעשטעלט די סכנה. אַלע זיינען אָבער געווען זיכער, אַז דער פּאָליציי־באַזוך שטייט נישט אין דירעקטן צוזאַמענהאַנג מיט אונדז. ווייל וואָלט מען אונדז גע־מיינט, וואָלטן געקומען דייטשן און נישט פּוילישע פּאָליציי. זיי וואָלטן אויך געקומען, ווי געוויינלעך, ביינאַכט און נישט בייטאָג. עס איז אויך געווען זיכער, אַז נישט מיינענדיק אונדז, קאָנען מיר אָבער צופעליק אַריינ־פאַלן.

דאָס אַנקלאַפּן אין טיר האָט איבערגעריסן דעם לויף פון די מחשבות. הגם דאָס איז געווען פאַר אונדז דער קריטישסטער מאָמענט, האָט מען אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין געפילט עפּעס ווי אַ דערלייכטערונג, ווייל אָט ווערט פאַר אונדז אַנטפּלעקט דער גאַנצער סוד פון דעם פּאָליציי־

באַזוך. נאָכן קלאַפּ ביים פאַרמאַכן די טיר, הערן מיר אַן איידעלע פרעמ־דע שטימע, וואָס זאָגט אַ רואיקן, געמיטלעכן „גוט־מאָרגן". איר ענטפערט פּעלעק מיט אַ גראָב הייזעריק קול, וואָס דריקט אויס, אין קעגנזאַץ צו זיין אינערלעכן געמיט־צושטאַנד, רואיקייט און נישט־געבראָכנקייט. לויט די קולות זיינען מיר זיך משער, אַז אין שטוב געפינען זיך צוויי פרעמדע מענטשן. יעדער פון זיי שטעלט פּעלעקן אויף אַ פּאָליציייאישן אופן פאַר־שידענע פראַגן: נאָמען, באַשעפטיקונג, עלטער, אאַ"וו. עס ענדיקן זיך די פראַגן, אין שטוב ווערט שטיל. זיי נעמען זיך דורכפירן אַ רעוויזיע און וואָס זיי ווילן דאָ געפינען איז אַלץ נאָך אוממעגלעך צו דערגיין. עס סקריפּען די טירן פון דער שאַנק און שופלעדער, מיר הערן רוקן אַ בעט און דעם טאַפּטשאַן, עס קלינגען די רינגען אויף דער פּליטע פון דער קיך. אומעטום דרינגט אַריין דאָס פּאָליציייאישע אויג. עס דויערט נישט לאַנג און אָט הערן מיר, ווי עס רופט זיך אָפּ דאָס פילבאַרסטע אָרט, וואָס טראָגט אין זיך דאָס געהיימניש פון טוואַרדע 31. עס צעקלינגען זיך די מעטאַלענע אויבער־טירלעך פון אויוון און אָט הערן מיר שוין ווי אַ האַנט דרייט ביי די שרויפן פון די אינעווייניקסטע טירלעך. יעדער סקריפּ פון די זיך אָפּ־דרייענדיקע שרויפן, האָט אונדז געשניטן ווי אַ מעסער. אָן אָטעם דער־וואַרטן מיר דעם לעצטן קלאַנג און דאָס צעסקריפּען זיך פון די זאַוויאַסעס פון די צווייטע טירלעך. אין דער איינער סעקונדע, וואָס עס דויערט דאָס עפענען די טירלעך און אַריינקוקן אין אויוון, קאָנען פאַרלוירן גיין, אָדער געוואונען ווערן פינף יידישע לעבנס און די עקזיסטענץ פון אַ פּוילישער פאַמיליע. דער רעש פון דעם גיכן צוריק אַריינשרויפן די שרויפן, איז פאַר אונדז געווען אַ סימן, אַז די קריטישסטע מינוט איז פאַרביי. דאָס פּאָלי־ציייאישע ־אויג האָט אין אויוון מער נישט געזען ווי אַ רושט מיט אויסגע־ברענטע שטיקלעך קוילן און אַש, וועלכע האָבן פאַרפירט די געניטקייט פון פּאָליציאַנט, וועלכער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז מיט איין מאַך מיט דער האַנט קאָנען פאַרשוואונדן די טירלעך מיט די שרויפן, דער רושט מיט דער גאַנצער אינערלעכער איינריכטונג פון אויוון און דאָס באַהעלטע־ניש איז אַנטדעקט.

די פּאָליציי־לייט זיינען אַוועק. נאָכדעם, ווי זיי האָבן פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך, האָבן מיר ערשט אויפגעלעבט און ליכטיק איז גע־וואָרן אין באַהעלטעניש צוליב דער שמחה, וואָס דער אויוון האָט אויס־געהאַלטן זיין עקזאַמען...

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין הויז איז געשען אַ גנבה און די פּאָליציי האָט ביי אונדז — פּונקט ווי ביי אַנ־דערע שכנים — געזוכט די געגנבעטע זאַכן.

1943.9.1

די טעג ציען זיך לאַנגווייליק און נישט אינטערעסאַנט. עס איז שוין נמאס געוואָרן דאָס זיצן שטענדיק אויף דעם זעלביקן אָרט און דאָס באַ־וועגן זיך שטענדיק אין דעם זעלבן ענגן קרייז. עס בענקט זיך שוין ממש צו רעדן און הערן אַ יידיש וואָרט. עס דוכט זיך, אַז צוליב דעם שטענ־דיקן פּויליש־רעדן, האָב איך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן יידיש און נישט איינמאָל ווילט זיך רעדן כאָטש צו זיך אַליין. נישט ווייניקער בענקט זיך נאָך דעם אייגענעם יידישן נאָמען, וועלכער האָט שטענדיק געקלינגען פון מויל פון דער מאַמען און מיט איינמאָל איז ער פאַרביטן געוואָרן אויף „טאַדעק". דער נייער נאָמען האָט זיך שוין ביי מיר, פּונקט ווי ביי אַנ־דערע, אַזוי איינגעבירגערט, אַז איך גלויב שוין נישט, אַז איך האָב אַמאָל אַנדערש געהייסן.

מיר לעבן כסדר מיטן געפיל פון אַרעסטאַנטן, וואָס זיצן אין תפיסה נישט אויפן סמך פון אַ געריכטלעכן אורטייל, וואָס דאַרף זיך אין אַ באַשטימטער דאַטע ענדיקן מיט באַפרייאונג, נאָר, ווי אַרעסטירטע אויף אַן אומבאַשטימטער צייט און דערצו נאָך אַן שום שולד מצד דעם געזעץ, פון וועלכן עס געניסן אַלע אַרעסטאַנטן אין דער וועלט. וואָלטן מיר כאָטש געוואָרט אויף אַ טערמין, אַפילו אויף אַ לאַנגן, אָבער אַ טערמין, אַז מיר זאָלן וויסן, פון דעם און דעם טאָג אָן זיינען מיר פרייע מענטשן, וואָלטן מיר געהאַט מער כח איבערצוטראָגן די צרות. ווען מיר וואָלטן אין קאַלענדאַר זיך געקאָנט דערוויסן וויפל וואָכן, חדשים אָדער יאָרן עס טיילט אונדז אָפּ פון יענעם טאָג, ווען מיר וועלן אָנהויבן אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן, וואָלט דאָך געוועזן פאַר אונדז אַ יום־טוב דאָס ארויסרייסן יעדן אינדערפרי אַ בלעטל פון קאַלענדאַר. אויך אַזאַ באַשיידענע שמחה פון איין בלעטל ווייניקער, קאָן שטאַרקן און געבן מוט אויסצוהאַלטן. ליידער האָבן מיר נישט די פּערספּעקטיוו, דעם ציל, וועלכער זאָל אונדז האַלטן אין דער־וואַרטונג. הינטער אונדז האָבן מיר בלויז שרעקלעכע קאָשמאַרן, פאַר אונדז — איין גרויסער פראַגע־צייכן, וואָס קאָן דורך קיינעם נישט פאַר־ענטפערט ווערן.

זייער אָפּט ווילט זיך אינסטינקטיוו אויפברעכן די וואַנט, וואָס פאַר־צוימט אונדז און אַרויס אויף דער ברייטער וועלט. אָבער אַז דו דערמאָנסט זיך, אַז קיינער האַלט דיך נישט פאַרשלאָסן, קיינער צווינגט דיך נישט דאָ צו זיצן און דו קאָנסט פאַרלאָזן די „מעלינע" ווען דו ווילסט, פילט מען זיך נאָך מער אָפּגעשלאָסן אין דעם באַהעלטעניש, ווי ווער עס איז וואָלט אונדז דאָ פאַרשפאַרט. דווקא דערפאַר, וואָס מיר האָבן אַליין אויף זיך גענומען די שטראָף פון אויסבאַהאַלטן זיך דורכן באַוואוסטזיין, אַז עס האָט נישט קיין זין נישט אויסצובאַהאַלטן זיך און אַריינפאַלן צו די דייטשן — טאַקע דערפאַר איז פסיכיש שווערער דאָס מאַטערן זיך, ווי דעמלט, ווען עס וואָלט געווען קעגן עמיצן צו רעוואָלטירן און אויסלאָדענען דעם אָנגעזאַמלטן כעס קעגן אַ קאָנקרעטן גורם פון אונדזער פּיין.

נישט איינמאָל ווילט זיך בעסער נישט טראַכטן און פאַרטרייבן אַלע מחשבות. עס ווילט זיך זאָרגלאָז טרייבן די טעג אין זייער אומעט, אָן חשבון. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז אַ סימן פון שוואַכקייט, פון ווע̇לן אַנט־לויפן פון זיך און נישט קאָנען קוקן דער ווירקלעכקייט אין די אויגן אַריין. אפשר איז דאָס אויך אין אַ געוויסן זין אַ שטאַרקייט פון קאָנען גובר זיין די שטענדיק נאָגנדיקע דעפּרעסיע. אָבער מען קאָן נישט אַנט־לויפן פון זיך. וויפל מען באַמיט זיך נישט צו טראַכטן און נישט צוצולאָזן צום באַוואוסטזיין אַלע האַרבע קשיות, וואָס דער טאָג ברענגט מיט זיך, אַלץ מער רייסן זיי זיך אַריין און נעמען אַוועק די רו במשך פון אַלע שעהן אין מעת־לעת.

אונדזער באַלעבאָסטע — וועראַנא קאַרגט אונדז נישט קיין ידיעות, וועלכע פאַרביטערן אונדז די טעג. יעדעס מאָל, ווען זי קומט צוגיין פון גאַס, ברענגט זי מיט זיך איוב־בשורות וועגן אויפגעכאַפּטע יידן אין גאַס און אין שטובן, וועגן הויז־רעוויזיעס, דערשיסונגען אד"גל'. בדרך כלל איז ווערעאַנא אַ פּרוי — אַ קאָזאַק. אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז זי ווייט נישט קיין שרעקעוודיקע. הגם פאַר אונדז איז זי, ווי אַ גוטע געטרייע מאַמע, איז זי אָבער אין באַציאונגען מיט אַנדערע גענוג אַגרעסיוו, שטעכט דורך מיט איר שאַרפן, פּילזאָגנדיקן בליק און „איבערצייגט" מיט איר אייגנאַרטיקן לעקסיקאָן. איר מענערישע אויפפירונג איז אָבער נישט חל אין באַציאונג צו דייטשן. לגבי זיי האָט זי אָפּטמאָל אַן איבערגעטריבענעם פחד. הגם דער דייטשער טעראָר איז אַ גענוגנדיקע סיבה פאַר שרעק, איז אָבער ווערעאַנאַ באַהערשט פון אַ ספּעציעלן פסיכאָז, וואָס האַלט זי כסדר אין שפּאַנונג. עס פאַרפאָלגן זי אומאויפהערלעך די דייטשע געשפּענסטער און שטענדיק זעט

זי זיי די ערשטע, שטענדיק הערט זי פריער פאַר אַלעמען וועגן אַלע זייערע גרויל־טאַטן און דערציילט וועגן זיי מיט אַ ספּעציעלן טאַלאַנט און בילדערישע שילדערונגען, אַז אַלץ שטייט לעבעדיק פאַר די אויגן. אָפּטמאָל ווערן די באַזונדערע טאַטן פון דייטשן ווילקיר אַזוי גרויס און קאָלאָסאַל אין מזיל פון וועראַנען, אַז זיי זעען אויס נאָך שרעקלעכער, ווי זיי זיינען.

מיט די אַלע ידיעות, וואָס די באַלעבאָסטע ברענגט אונדז יעדן טאָג, באַצוועקט זי נישט סתם אונדז צו אינפאָרמירן וועגן אַלץ, וואָס קומט פאָר אין שטאָט. נאָר דערמיט צו ווירקן אויף אונדזער אחריות פאַר זיך אַליין, צו זיין וואָס מער אָפּגעהיטן מיט אונדזער אויפפירונג, אַז מיר זאָלן נישט אַנטדעקט ווערן. מיט איין וואָרט: צו זיין שטילער ווי וואַסער און נידעריקער ווי גראָז. איר כסדרדיקער אומרו און דאָס נאָכפאָלגן מיט דער גרעסטער וואַכזאַמקייט אַלע געשעענישן אין אָקופּירטן וואַרשע, דרינגט אַרויס פון איר אויפריכטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס עס לאַסטעט אויף איר פאַר דעם לעבן פון אונדז, אויסבאַהאַלטענע.

הגם די ידיעות פון דער אויסערלעכער וועלט ווירקן צעשמעטערנדיק, ווילן מיר פאָרט פון זיי נישט אַנטלויפן און מיר וואַרטן מיט אומגעדולד יעדן טאָג אויף נייעס פון דער גאַס. דאָס נישט וויסן גאָרנישט, איז אָפּטמאָל ערגער, ווי וויסן דאָס ערגסטע. מיט אַ ספּעציעלן אומגעדולד וואַרטן מיר אויפן קומען פון אונדזערע „אַרישע" חברים יצחק צוקערמאַן, די פאַרבינדונגס־מענער קאַזשיק און אירקאַ, וועלכע באַזוכן אונדז זייער אָפט. אויך פון זיי קאָנען מיר נישט דערוואַרטן קיין גוטע דערפרייענדיקע בשורות. אָבער יעדער באַזוך זייערער דערנענטערט אונדז מיט דער קליינער גרופּע לעבן־געבליבענע חברים, וואָס זיינען צעשפּרייט אין דעם גרויסן וואַרשע איבער פאַרשידענע „מעלינעס". יעדעס מאָל, ווען מיר פאַרברענגען מיט אונדזערע געסט אַ קורצע צייט און מיר הערן אויס פון זיי ידיעות, ווערן מיר באַהאַפטן מיט דעם לעבן, ליידן און געראַנגל פון חברים, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע יידן אין די באַהעלטענישן.

אין דעם ים פון אומעט, אין דעם קנויל פון קאָמפּליצירטע אומלייזבאַרע פּראָבלעמען, בליצט אַמאָל אויף אַ דערפרייענדיקער פונק, דאָס איז— ווען יצחק ברענגט אַ טעלעגראַם אָדער אַ שיפרירטן בריוו פון די ידישע אינסטאַנצן אין לאָנדאָן, וואָס ווערט געשיקט דורך דער פּוילישער אונטערערדישער פּאָסט. אַ קורצער לאַקאָנישער זאַץ, וואָס דערציילט עפּעס וועגן ארץ־ישראל גיסט אַריין אין אונדזערע אברים אַן אויפפרישנדיקן שטראָם.

די שטאַרקונג און אינערלעכע איבערלעבונג ווערט אָבער באַלד פאַר־שוואונדן. נאָך געציילטע מינוטן פון דערהויבונג קומען ווידער גרויע שעהן און טעג פון נידערגעשלאָגנקייט און די ירידה זעט אויס גרעסער, טי־פער, ווי פאַר די מינוטן פון אויפלעבונג.

ווידער הויבט מען אָן צו פאַרנאָטירן די „נאָרמאַלע" כראָניק: אַ ייד האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ לאַגער, געקומען קיין וואַרשע און נישט גע־האַט וואו אַ פוס אַריינצושטעלן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטאָט, נישט געקאָנט געפונען דעם קאָנטאַקט מיט דער יידישער אונטערערדישער אינסטאַנץ און אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. אַן אַנדערע ידיעה דערציילט, אַז הינטער וואַרשע האָט אַן אויסבאַהאַלטענע יידישע פרוי גע־בוירן אַ קינד אין אַ שטאַל פון בהמות אָן דער הילף פון אַ דאָקטאָר. די פרוי ליגט מיטן קינד אין אַ שווערן צושטאַנד אויף נאַס, צעפוילט שטרוי אין פינצטערן שטאַל. אונדזער פאַרבינדלערין האָט זי באַזוכט און געבראַנגט הילף. מען דערציילט אויך זייער פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס זיינען נישט דענקבאַר פאַר אַ נאָרמאַלן מענטשן, אָבער אין דער משוגע־נער צייט, האָט מען זיך שוין צוגעוווינט אַלץ צו גלויבן. אַזוי דערציילט מען, אַז אין אַ „מעלינע" איז געשטאָרבן אַ ייד און דאָס אַרויסטראָגן אַ מת איז עולל געווען צו דעקאָנספירירן דאָס באַהעלטעניש און די דאָרט אויסבאַ־האַלטענע קרובים פון פאַרשטאָרבענעם. דער באַלעבאָס פון דער „מעלינע" האָט דעריבער צעפערטלט דעם טויטן קערפער אויף עטלעכע חלקים און אין אַ זאַק אַרויסגעטראָגן די באַזונדערע טיילן פון שטוב אַרויס. דאָס האַרץ איז שוין פאַרשטיינערט און עס מאַכן שוין נישט קיין איינדרוק די צענ־דליקער אַנדערע ידיעות, וועלכע דערציילן וועגן קראַנקע יידן, וואָס האָבן נישט קיין מעדיצינישע הילף, וועגן הונגעריקע יידן, וואָס האָבן נישט צו באַצאָלן דעם פוילישן באַלעבאָס פאַר דער דירה און ווערן אַרויסגע־וואָרפן אויף דער גאַס. און בלויז ווייניק פון זיי האָבן דאָס מזל צו ווינען ביי הומאַניטאַרע מענטשן, וועלכע האַלטן די אָרעמע לייט און גיבן זיי נאָך צו עסן.

וואָס לענגער דאָס יידישע אומגליק פאַרציט זיך, אַלץ גלייכגילטי־קער ווערט מען צו די אַלע דערמאָנטע און נישט דערמאָנטע ידיעות וועגן יידישע צרות. נישט ווייניקער גלייכגילטיק ווערט מען אויך צו די איי־גענע פערזענלעכע סכנות און צרות, אָבער די באַלעבאַטים לאָזן נישט זיין גלייכגילטיק.

1943.10.30

אין דער אָקופּירטער פּוילישער רעזידענץ ווערט דאָס לעבן אַלץ ברוינדיקער. אין דעם באַהעלטעניש אַריין דערגייען ידיעות, אַז די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג לאָזט זיך הערן. סאַבאָטאַזש־אַקטן און אַטענטאַטן אויף דייטשע העכערע דיגניטאַרן, וועלכע טראָגן אויף זיך אַ קאָנקרעטע שולד אין דייטשן טעראָר, זיינען אָפטע דערשיינונגען. די אומלעגאַלע פּרעסע ווערט פאַרשפּרייט מאַסנהאַפט און זי דערגייט צו אַ גרויסן טייל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. פון דער אַנטי־היטלעריסטישער אַרבעט באַקומט די פּוילישע אונטערערד אַלץ מער דרייסטקייט און פאַרנעם. אַ זייער קלוגער איינפאַל, וואָס האָט פאַרשאַפט די דייטשן עגמת־נפש, איז געווען דאָס אַרויסלאָזן אין גאַס אַריין, אין אַ סך טויזנטער עקזעמפּליאַרן, אַ צייטונג „קוריער וואַרשאַווסקי", וואָס איז געווען סיי לויטן נאָמען, סיי לויטן פאָרמאַט אידענטיש צום דייטשן „קוריער וואַרשאַווסקי", וואָס דערשיינט אין דער פּוילישער שפּראַך. אויף דער ערשטער זייט איז מיט פעטע אותיות געווען געדרוקט אַ סענסאַציאָנעלע ידיעה: „שפּאַניע איז אַריינגעטרעטן אין קריג". אונטער דער דאָזיקער ידיעה איז מיט קליינע שריפט געווען געדרוקט אַנטי־דייטשע אַרטיקלען און געהיימע ידיעות פון ענגלישן און סאָוויעטישן ראַדיאָ. דער נייגעריקער עולם האָט זיך מאַסנווייז געוואָרפן אויף די צייטונגס־פאַרשפּרייטער און באַצאָלט וויפל מען האָט נאָר געוואָלט פאַר אַ צייטונג. קיינער האָט זיך אין ערשטן מאָמענט נישט אָריענטירט, אַז דאָס איז אַן אונטערערדישע צייטונג. אויך די קליינע יינגלעך, וואָס פאַרקויפן צייטונגען, האָבן נישט געוואוסט וואָסערע סחורה מען האָט זיי געגעבן צו פאַרקויפן. אין אייניקע שעה שפּעטער, האָבן זיך ערשט די דייטשן געכאַפּט אויף דעם געלונגענעם שטיקל אַרבעט פון דער אונטערערדישער באַוועגונג און באַזייטיקט די צייטונג פון עפנטלעכן פאַרקויף.

אַן אינטערעסאַנטער אויפטו איז אויך געווען דאָס געבן אַן אַנטי־דייטשע אודיציע דורך איינעם פון די פיל מעגאַפאָנען אין צענדליקער ערטער אין שטאָט, דורך וועלכע עס רעדט עטלעכע מאָל אין טאָג די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע און עס ווערן איבערגעגעבן די טעגלעכע קריגס־קאָמוניקאַטן פון דער דייטשער אַרמיי. פּוילישע פּאַטריאָטן איז געלונגען איינעם אַזאַ הילכער אין צענטער שטאָט אָפּצוטיילן זיין פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלע און פאַרבונדן אים מיט אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט, וועלכער האָט זיך

געפונען אין אַ הויז פון דער נאַענטסטער געגנט. ווען עס האָבן זיך בייטאָג, ווי תמיד, פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן, בכדי צו הערן די דייטשע אוי־ דיציע, זיינען זיי איבעררראַשט געוואָרן, הערנדיק אַן אַנטי־היטלעריסטישע רעדע און אַ קאָמוניקאַט פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. ביז די דייטשן האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָט דער עולם באַוויזן אַלץ אויסצוהערן און פונאַנדערצוגיין זיך.

די דייטשן באַמיען זיך נישט שולדיק צו בלייבן און נישט דורכצו־ לאָזן קיין איין טאָט פון די אונטערערדישע כוחות אָן שטראָף. דער פרינ־ ציפּ פון קאָלעקטיווער אחריות ווערט אָנגעווענדעט מיט דער גאַנצער דייטשער ברוטאַלקייט. נאָך יעדן אַטענטאַט אויף אַ דייטשן סאַדיסט, וועל־ כער איז שולדיק אין טויט פון צענדליקער און אפשר הונדערטער מענטשן, כאַפּן די דייטשן אומשולדיקע, צופעליקע דורכגייער אויף דער גאַס און מען דערשיסט זיי, אָדער זיי ווערן געהאַנגען עפנטלעך. מאַסן־עקזעקוציעס ווערן טעגלעכע דערשיינונגען. גייענדיק אין גאַס קאָן מען זען הענגענדיקע גופים, אויף באַלקאָנען, בוימער און סלופּעס און גלייכצייטיק מיט דעם זיינען צעקלעפּט איבערן שטאָט מודעות פון דער דייטשער מאַכט, אַז די עקזעקוציעס האָבן די דייטשן אויסגעפירט אַלס נקמה קעגן די פּוילישע „מאַרד־באַנדעס". חוץ די טויט־עקזעקוציעס, גייט אויך אָן אַ כוואַליע פון אַרעסטן און פון געלונגענע און נישט געלונגענע פּרוון מצד דעם אונטער־ ערדישן מיליטער אָפּצושלאָגן די אַרעסטירטע אויפן וועג צום „פּאַוויאַק". עס קומען אויך פאָר אַ סך רעוויזיעס אין די הייזער, וואו מען זוכט פאַר־ דעכטיקטע פּערזאָנען און געווער. ביי אַ טייל רעוויזיעס פאַלן אַריין נישט ווייניק יידן און דערפאַר איז די אומרואיקייט ביי די אויסבאַהאַלטענע יידן בעת אַ פאַרשאַרפונג פון דעם קאַמף צווישן די פּוילישע פאָלקס־כוחות און דעם אָקופּאַנט, ווייל אין אַזעלכע אומשטענדן זיינען פאַראַן פיל גע־ לעגנהייטן פאַרן יידישן אומקום, אַפילו, ווען מען מיינט נישט דירעקט די יידן.

1943.12.25

נעכטן אין אָוונט זיינען מיר געזעסן ביים טיש מיט פעלעקן און זיין גאַנצן בני־בית און געפּראַוועט די פייערלעכע און טראַדיציאָנעלע ווינ־ נאַכטס־סעודה. דער גרויסער אַרויסגערוקטער און ווייס־באַדעקטער טיש איז געווען פון עק ביז עק פאַרפולט מיט אַלע מיני מאכלים, געבעקסן און

געטראַנקן. אינמיטן טיש האָבן פון דעם געדיכט־אָנגעלייגטן עסנוואַרג אַרויסגעקוקט די זילבערנע לייכטער, אין וועלכע עס זיינען געווען אַריינגעשטעלט די ברענענדיקע ליכט. מען האָט נישט אַרויסגעזען דאָס אָרט, אויף וועלכן זיי זיינען געשטאַנען, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַרויסגעוואַקסן פון דעם צוקערוואַרג, קוכן, געבראָטן פלייש און אַנדערע גוטע זאַכן. ביים פענצטער איז געשטאַנען אַ הויכע און ברייט־פאַרצוויגטע כאַינקע, אויף וועלכער עס זיינען געווען אָנגעהאַנגען פאַרשידענע מינים שפּילצייג, קאָלירטע ליכטלעך, עפּעלעך, צוקערלעך פאַרוויקלטע אין גאָלד־פּאַפּיר, עלעקטרישע לעמפּלעך פון פאַרשידענע קאָלירן און פאַרשידענע אַנדערע דעקאָראַציעס. פון דער כאַינקע, וועלכע האָט מיט אירע געדיכטע צווייגן און דעקאָראַציעס אויך געדינט אַלס קורטינע, אַז שכנים זאָלן דורכן פענצטער קיין יידן נישט באַמערקן, האָבן זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן צימער שטראַלן פון די אילומינירטע לעמפּלעך און פון די שפּראַצנדיקע קאָלטע פונקען פון דער ברענענדיקער מאַגנעזיע. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ יום־טובדיקע שטימונג און אַ פייערלעכקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף די גלאַנצנדיקע, נאָר וואָס לכבוד יום־טוב, אָפּגעוואַשענע פּנימער.

מיר האָבן זיך נישט געפילט ביים טיש, ווי געסט אויף אַ פרעמדער חתונה. סיי די אינטימע חברישע באַציאונגען צווישן אונדז און פעלעקן מיט זיין פאַמיליע, סיי דאָס, וואָס עס איז אונדז שוין נישט פרעמד דער פוילישער לעבנס־שטייגער און מנהגים, האָט אונדז געגעבן דאָס געפיל פון אייגענע, אַזוי ווי מיר וואָלטן געפייערט אַן אייגענעם יום־טוב. דער יום־טוב איז ספּעציעל פאַר אונדז, מענטשן פון באַהעלטעניש, געווען נאָך גרעסער, ווייל דאָס ערשטע מאָל זייט אַ לענגערער צייט, האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו זיצן עטלעכע שעה אין צימער ביים טיש, ווי מענטשן און נישט געפינען זיך ווי תמיד הינטער דער וואַנט אין פינצטערן לאָך.

די סעודה איז אַרויף אויף די „אמתע" רעלסן, ווען ס'האָבן אָנגעהויבן צו שפּרינגען די פּראָפּנס פון די פלעשער און די ליידיק געוואָרענע כוסות זיינען כסדר פול געוואָרן. דער קעניג פון טרינקען איז נאַטירלעך געווען פעלעק, וועלכער האָט נישט דערלאָזט, אַז עמיצער זאָל אים בלייבן הינטערשטעליק. איך האָב זיך באַמיט, פּונקט אַזוי ווי סטעפאַן גראַיעק און לייזער לעווין נישט צו בלייבן פאַרשעמט לגבי פעלעקן און ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין האָבן מיר פאַרבראַכט אין פאַרגעסנהייט, אַז מיר זיינען יידן פון יאָר 1943.

בכלל איז בראָנפן נישט קיין פרעמדע זאַך אין די פוילישע שטובן און במילא אויך ביי די „ארישע" ייִדן, וואָס געפינען זיך דאָרט. במשך פון יאָר זיינען חוץ אַנדערע יום־טובים בלויז ביי „אימיעונינעס"־פייערונגען (נאָמען־טאָג), פאַראַן פיל געלעגנהייטן צו טרינקען, די „אימיעונינע"־פייערונגען האָבן זיך אויך איינגעבירגערט ביי אַ סך ייִדן, וואָס געפינען זיך אין די פוילישע שטובן און אַ ייִדישער „סטאַשעק" אָדער „יוזעק", פייערט דעם נאָמען־טאָג צוזאַמען מיט אַלע סטאַשעקס און יוזעפס. דערמיט וויל מען זיך אַליין סוגערירן „עכטע" פוילישקייט.

דאָס טרינקען משקה ביי די אַלע דערמאָנטע געלעגנהייטן, איז אָבער אַ קינדער־שפּיל אַנטקעגן דער ווינאַכט־סעודה. דעמלט זיינען כמעט אַלע אין אַ וואַקלדיקן צושטאַנד. די גרויסע ווינטער־נאַכט לויפט פאַרביי ווי אַ חלום און דאָס „קאָלענדאַ"־געזאַנג, וואָס הערט זיך פון אַלע פענצטער קלינגט נאָך לאַנג אין די אויערן אויף צוזאַמענגס נאָכן אויסניכטערן זיך.

1944.1.1

היינט האָבן מיר דעם ערשטן טאָג פון ניי־יאָר 1944 — דאָס פינפטע יאָר מלחמה. די ניי־יאָר פייערלעכקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן נעכטן אין אוונט נישט ווי אין די פאַר־מלחמה־יאָרן ביי עפנטלעכע פאַרווייילונגען, צוליב דער פאַרפליכטנדיקער פאָליצײ־שעה, האָט מען זיך געפרייט מיטן נייעם יאָר אין פאַרמאַכטע הייזער, יעדער אין זיין שטוב און אין דער סביבה פון זיין פאַמיליע. ווידער איז מען געזעסן ביי געדעקטע טישן, געגעסן, געטרונקען און געוואונטשן זיך, אַז אין יאָר 1944 זאָל קומען די מפּלה פון היטלערן.

דאָס ביסל ייִדן אויף דער „אַרישער זייט", האָבן באַגעגנט דאָס נייע יאָר מיטן באַוואוסטזיין, אַז דאָס ערגסטע פאַר אונדזער פאָלק איז שוין הינטער אונדז, ווייל קיין גרעסערער חורבן פאַר אַ פאָלק קאָן שוין נישט פאָרקומען ווי אין פאַרגאַנגענעם 1943 יאָר. פאַר די שרידים נאָכן חורבן איז נאָך אָבער דאָס ערגסטע נישט פאַרביי. יעדער האָט נאָך דורכצומאַכן געניוג ראַנגלענישן צווישן לעבן און טויט און דערביי אַ מינימום מעגלעכקייטן צו בלייבן לעבן. דערפאַר האָבן מיר גענוג קאַלט אויפגענומען דאָס נייע יאָר און מיט פיל זאָרג גענומען אַנטקעגנגיין די טעג פון 1944.

די אמתע פרייד לכבוד ניי־יאָר האָבן מיר געהאַט פון געבעלסעס ניי־יאָר־אַרטיקל אין זיין אָרגאַן „דאָס רייך". מאַכנדיק אַ סך־הכל, מיט וואָס

דאָס דייטשע פאָלק טרעט אַריין אין יאָר 1944, האָט געבעלס זייער אָפּן דערציילט וועגן די צרות אויף די פראָנטן, וועגן די באָמבאַרדירונגען פון די דייטשע שטעט, וועגן דער פאַרביטערונג און מידקייט, וואָס עס האָט אַרומגעכאַפּט די באַפעלקערונג פון „דריטן רייך" און טראַץ דעם, זאָגט ער, איז דער „פירער" נישט געבויגן צוליב דער שלעכטער לאַגע, נאָר צוליב זיין שטענדיקן זיצן אינעם הויפּט־שטאַב אַראָפּגעבויגענערהייט ביים קוקן אויף דער מאַפּע...

קיין גרעסערע מתנה צום ניי־יאָר קאָן נישט זיין, ווי דאָס דערוויסן זיך, אַז דער „פירער" איז שוין אַ געבויגענער.

היינט האָבן מיר געהערט אָנקלאַפּן אין טיר, צוליב וואָס מיר האָבן היכף געמוזט הערמעטיש פאַרמאַכן דאָס באַהעלטעניש. דורך דער וואַנט האָבן מיר געהערט, אַז דער הויז־וועכטער, איז — ווי עס פירט זיך — געקומען ווינטשן לכבוד ניי־יאָר און באַקומען דערפאַר אַ פּאָר זלאָטעס און נאָטירלעך אויך אַ גלעזל משקה.

נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז שוין געווען שיכור נאָך זיינע פריערדיקע באַזוכן ביי אַנדערע שכנים, האָט זיך פעלעק מיט אים אָוועקגעזעצט ביים טיש און אויפסניי אָנגעפילט אין כוס נאָכן צווייטן. מיר זיינען געזעסן אין דעם באַהעלטעניש, ווי צוגעשמידט צום אָרט, בכדי ס'זאָל זיך נישט דערטראָגן פון אונדז אין צימער אַריין קיין שום שאָרך, מיר האָבן געבעטן אויף דער מינוט, ווען מיר וועלן שוין הערן דעם הויז־וועכטער אַרויסגיין. דער ענין האָט זיך אָבער פאַרצויגן פיל לענגער, ווי מיר האָבן געמיינט, מיר האָבן כסדר געהערט אָנקלאַפּן איין כוס אין צווייטן און דורך דעם, האָבן מיר געקאָנט אָנציילן וויפל כוסות עס ווערן אויסגעטרונקען, מיר זיינען אָבער מיד געוואָרן פון ציילן. פעלעק האָט געוואוסט וועגן אונדזער לאַגע אין דעם באַהעלטעניש, ער האָט אָבער נישט געוואָלט גיך אָפּפטרן דעם הויז־וועכטער, בכדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד. דעריבער האָט ער גערעדט זייער הויך און אַ סך געלאַכט און געקלאַפּט אין טיש, בכדי צו פאַרטויבן אַן עווענטועלן שאָרך, וואָס קאָן געהערט ווערן פון דעם באַהעלטעניש.

נאָכן אָפּזיצן כמעט אַ שעה צייט, האָט דער שיכורער הויז־וועכטער אָנגעהויבן צו ריידן וועגן יידן: מיר פּאָליאַקן — האָט ער געזאָגט — זיינען אַן אומגליקלעך פאָלק. שטענדיק זיינען מיר באַזאָרגט מיט אַן אונטערדריקער. פאַרן קריג — די יידן, און היינט — די דייטשן. יאָ, האָט פעלעק מסכים געווען — אָבער די יידן זיינען שוין נישטאָ, ערגער איז מיט די

דייטשן. הא, הא, זיי זיינען נאָך פאַראַן אַ סך — ענטפערט דער הויז-וועכטער און זאָגט ווייטער — דער גרעסטער ס..סין — זאָגט ער — איז געווען דער קעניג קאַזשימיעזש וויעלקי, ווייל ער האָט בכלל אַריינגעלאָזט די ייִדן קיין פוילן. פּעלעק האָט זיך הויך צעלאַכט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ הנאה און גלייך אַרויפגעפּירט דאָס געשפּרעך אויף אַן אַנדערער טעמע. דער געשפּרעך וועגן ייִדן האָט אונדז אין דעם באַהעלטעניש אַזוי פאַרכאַפּט, אַז מיר האָבן אויף אַן אמת פאַרגעסן צו אָטעמען.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, האָט דער גאַסט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין. דער אָפּהילך פון דער פאַרקלאַפּטער טיר, האָט אונדז ממש אויפגעבונדן נאָך צוויי שעה צייט נישט רירן זיך פון אָרט. דערמיט האָבן מיר געהאַלטן דעם ערשטן טאָג פון נייעם יאָר פאַרענדיקט.

1944.1.28

שווערע טעג האָבן זיך אָנגעהויבן אין דעם ייִדישן אונטערערדישן וועלטל. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אַריינגעפאַלן צו די דייטשן דער פאַרבינדלער יוזשעק. די דייטשן ברענגען אים דערווייל נישט אום. זיי ווילן פון אים אַרויספרעסן אַלץ, וואָס זיי דאַרפן וויסן וועגן דער ייִדישער טעטיקייט אויף דער „אַרישער" זייט. און דער-ווייסן קאָן מען זיך פון אים נישט ווייניק. עס זיינען אים באַקאַנט נע-מען און אַדרעסן פון אונטערערדישע טוער און סתם ייִדן, צו וועלכע ער האָט געטראָגן הילף. אונטערן דרוק פון פייניקונגען און טאָרטורן, איז דער געשטאַפּאָ געלונגען צו ברעכן דעם אַרעסטירטן. דאָס האָט שוין געקאָסט דאָס לעבן פון עטלעכע ייִדן און מען ווייסט נישט וויפל עס וועט נאָך קאָסטן.

דעם אַרעסטירטן יוזשעק איז אויך באַקאַנט די „מעלינע" אויף פאַנסקע גאַס נומ' 5 וואו עס וווינען יצחק צוקערמאַן, צביה לובעטקין, מאַרעק עדעלמאַן, קאַזשיק, יורעק, „קרישאַ" (שרה בידערמאַן) און די פאַרבינדלערין ליבע (מאַרישע), וועלכע איז די באַלעבאָסטע פון דער דירה. די אַלע האָבן מאָמענטאַל געמוזט זיך אָפּטראָגן פון דער דאָזיקער וווינונג. נישט האָבנ-דיק קיין אַנדערע דירה, האָבן זיי זיך פּראָוויזאָריש איינגעאָרדנט אין פאַרשידענע „מעלינעס" ביי באַקאַנטע און חברים. צו אונדז אויף טוואַר-דע 31 איז געקומען צביה.

מיט דעם „פאַרברענט״ ווערן פון דער „מעלינע״ אויף פאַנסקע, האָט די אונטערערדישע הילפס־אַרבעט באַקומען אַ שווערן קלאַפּ. דאָרט האָט יצחק קאָנצענטרירט אַ גרויסן טייל פון דער אַלגעמיינער יידישער הילפס־אַרבעט. דאָרט האָבן זיך געפונען די דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן געדינט אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. מיטן פאַרלירן די וויכטיקע באַזע, איז די טעטיקייט אין אַ גרויסער מאָס באַשווערט געוואָרן. אָבער אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט, איז זי צוגעפאַסט געוואָרן צו די נייע באַדינגונגען.

מיט צביהן האָט זיך אונדזער גרופּע אין דער „מעלינע״ פאַרגרעסערט. אין דעם באַהעלטעניש איז געוואָרן ענג, אָבער די טעג זיינען געוואָרן אינטערעסאַנטער. אין די באַדינגונגען פון שטענדיקער איזאָלאַציע, האָט אַ גרויסע באַדייטונג יעדער נייער מענטש, וואָס פרישט אויף די אַטמאָספער. מיר האָבן אויך אָנגעהויבן לעבן אינטענסיווער, ווייל יעדן אָוונט ברענגט אונדז יצחק די נייעסטע ידיעות פון טאָג און מיר דאַרפן שוין נישט, אַזוי ווי ביז־איצט, אויסקוקן לאַנגע טעג אויף אַ ידיעה.

1944.2.16

דעם עלפטן פעברואַר, איז דאָס לעבן אין אונדזער „מעלינע״ אַראָפּ פון דעם נאָרמאַלן טאָג־טעגלעכן סדר. עס איז דערשיטערט געוואָרן ביזן גרונט אַן איינגעפונדעוועטע נעסט, אין וועלכער עס האָט געקלאַפּט אַ דופּק פון אַ געהיים, פאַרבאָטן לעבן. די שאָטנס פון טויט האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען דורך די פאַרמאַסקירטע שפּאַרונעס פון דעם באַהעלטעניש.

אָנגעהויבן האָבן זיך די מינוטן פון אומרו און שרעק, ווען מיר האָבן געזען, אַז ס׳איז שוין צוויי־דריי שעה, ווי פעלעק איז נאָכמיטאָג אַוועק אין גאַס אַריין און מען זעט אים נישט צוריק. סיי מיר אין באַהעלטעניש און סיי וועראָנע מיט דער טאָכטער און זון אין דער שטוב, האָבן שוין צוגעלאָזט צום געדאַנק, אַז דער ענין איז נישט קיין פּשוטער. מיר האָבן אָבער דאָך געוואָלט זיך איינרעדן, אַז מסתמא האָט ער זיך לענגער פאַרהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן, אַז נאָך 15 מינוט, נאָך אַ האַלבע שעה, וועט ער זיין אין שטוב. עס איז אָבער אַוועק נישט איין האַלבע שעה. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און מען האָט נאָך געהאָפט, ער וועט זיך באַווייזן איידער עס הויבט זיך אָן די פּאָליציי־שעה. דער זייגער האָט אָבער געשלאָגן 9, וואָס האָט באַדייט, אַז קיין מענטש טאָר זיך נישט באַווייזן אין גאַס איד

מיר זיינען געשטאַנען פאַר אַ געשעענעם פאַקט: מיט פעלעקן האָט פּאַסירט אַן אומגליק. די געדאַנקען האָבן געאַרבעט אינטענסיוו און האָבן אויסגעטראַכט פאַרשידענע השערות. אַמוואַרשיינלעכסטן האָבן די דייטשן אים צוגענומען. אָבער מ׳האָט ביי קיין שום אופן נישט געקאָנט אויסטראַכטן, ביי וואָסערע אומשטענדן דאָס האָט פאַסירט. איז ער אויפגעכאַפּט געוואָרן אויף דער גאַס צופעליק, אַזוי ווי עס פאַסירט אָפט, אָדער דאָס האָט אַ שייכות צו דעם, וואָס ער באַהאַלט אויס יידן?

פאַר אונדז איז געווען קלאָר, אַז מיר קאָנען דאָ שוין מער נישט פאַרבלייבן קיין איין מינוט. אויב מען האָט אים אַרעסטירט, וועט מען זיכער קומען אין שטוב אַריין מאַכן אַ רעוויזיע. דאָ קאָן מען צעלייגן די ווענט פון שטוב און עס העלפט נישט קיין שום באַהעלטעניש. אָבער וואוהאַין גייט מען? עס איז דאָך נישט מעגלעך אַזוי גיך צו שאַפן אַ וווינונג פאַר זעקס מענטשן און ווען מיר וואָלטן אַפילו יאָ געהאַט וואוהאַין צו גיין, קאָן מען אויך נישט אַרויסגיין אין גאַס אַריין נאָך דער פאָליציי־שעה. דאָס נישט קאָנען בלייבן אויפן אָרט און נישט קאָנען אַוועקגיין האָט געמאַטערט און נישט געגעבן קיין איין מינוט רו. אַלע לאָגישע אויסרעכענונגען האָבן געזאָגט, אַז נאָך אין דער זעלביקער נאַכט וועלן די דייטשן קומען אין שטוב אַריין. אָבער דער פאַקט פון אויסוועגלאָזיקייט איז שטאַרקער פון יעדן ווילן און באַוואוסטזיין און צי מיר ווילן יאָ צי נישט, האָבן מיר געמוזט משלים זיין מיטן געדאַנק, אַז מיר בלייבן די נאַכט אין דעם הויז.

מיר האָבן געהאַט אַ ליל־שמורים. קיינער האָט נישט איינגעדרימלט אויף קיין איין מינוט און אָנגעשטעלט דאָס אויער אויף יעדן איינציקן שאָרך, וואָס ס׳האָט זיך געטראָגן פון הויף. ביי יעדן קלאַפּ פון אַ טיר, וואָס האָט זיך געהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, האָט מען געמיינט, אַז אָט, אָט גייען זיי. די נאַכט האָט אויסגעזען, ווי אַן אייביקייט און מען האָט געמיינט, אַז זי וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן גרויען דער פרימאָרגן, איז געוואָרן עטוואָס לייכטער אויף דער נשמה. אָבער מ׳איז נאָך נישט געווען זיכער, צי די דערוואַרטעטע געסט וועלן נישט קומען פאַרטאָגס.

אינדערפרי איז ווערא'נע געגאַנגען צו באַקאַנטע און קרובים זיך דערוויסן וועגן איר מאַן. זי האָט נאָך אַלץ געקלערט, אַז פעלעק האָט אפשר ערגעץ גענעכטיקט, נישט באַוויזנדיק אַהיים צוגיין פאַר דער פאָליציי־שעה. זי איז אָבער אַהיימגעקומען אָן שום קאָנקרעטעס. אַלע סמנים האָבן

געזוויזן, אַז פּעלעק איז אַרעסטירט און מיר דאַרפֿן זיך ריכטן, אַז די דייטשן קאָנען קומען יעדע מינוט, אַפֿילו בייטאָג, אָדער שפּעטסטנס ביי־נאַכט. מיר האָבן דערביי נישט געהאַט קיין שום אויסזיכטן צו געפֿינען ערגעץ אַנדערש אַ „מעלינע" און נישט געהאַט וואו צו גיין. עס איז שוין ביי קיינעם נישט געווען קיין ספֿק, אַז אויב מיר וועלן דאָ בלייבן נאָך אַ נאַכט, זיינען מיר פֿאַרלוירן.

אין די פֿרימאָרגן־שעהן איז יצחק, וועלכער האָט שוין געוואוסט וועגן דער געשעעניש, געקומען צו אונדז דערוויסן זיך וועגן דעם פֿאַרלויף פֿון דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט, צי עס איז נאָך דאָ כאָטש פֿאַר וועמען צו שאַפֿן אַ נייע „מעלינע". נאָך איין זיין אָנוועזנהייט איז אַריינגעקומען אַ פּוילישער פּאָליציאַנט מיט אַ בריוו, וואָס פּעלעק האָט אַרויסגעשיקט פֿון תּפֿיסה. דאָס בריוול איז געווען שיפֿרירט און מ'האָט דערפֿון אַרויסגעלייענט, אַז אַ פּוילי־שער געהיים־אַגענט האָט אים אין דער גאַס אַרעסטירט, אָפּגעפֿירט אין „קריפּאָ" (קרימינאַל־פּאָליציי) און אַז מיר דאַרפֿן וואָס גיכער אַנטלויפֿן פֿון דער דירה. פֿון דעם בריוול האָבן מיר זיך אויך דערוואוסט די סיבות פֿון אַרעסט: אויף מאַקאַטאַווסקע נומ' 1, האָט אַ ייד געוווינט ביי דעם כּטרוזש אין אַ קעלער, וועלכער איז נישט געווען פֿאַרמאַסקירט און מען האָט געקאָנט דעם ייד לייכט אַנטדעקן. היות, דער ייד איז געווען אונ־טער דער אויפֿזיכט פֿון אונדזער געהיימער הילפֿס־אינסטיטוציע און באַ־קומען שטיצע אויף אויסהאַלט, האָט מען אים געוואָלט אויך פֿאַרזאָרגן מיט אַ גוט באַהעלטעניש. צו דעם צוועק האָט מען צוגעשיקט פּעלעקן, אַלס פֿאַכמאַן, אויף מאַקאַטאַווסקע גאַס, בכדי אויפֿן אָרט צו מאַכן דעם פּלאַן פֿון איבערבויען דעם קעלער אויף אַ גוט־פֿאַרמאַסקירטן בונקער. ביים סטרוזש אין שטוב האָט פּעלעקן געטראָפֿן אַ פֿאַרשוין, וועלכער אַרבעט לטובת די דייטשן. דער דאָזיקער אויסוואורף האָט איבערגעגעבן דעם דאָרטיקן ייד אין די הענט פֿון די דייטשן און אים אומגעבראַכט. פּעלעק האָט שוין פֿאַרשפּאַרט צוצוטרעטן מאַכן דעם בונקער און מען האָט געמיינט, אַז מיט דעם האָט זיך געענדיקט. דער פּוילישער פֿאַררעטער האָט אָבער אַ לענגערע צייט נאָך דעם געזוכט פּעלעקן, ביז ער האָט אים געכאַפּט אין גאַס. איצט געפֿינט ער זיך אין תּפֿיסה אונטער דער באַשול־דיקונג, אַז ער בויט בונקערס פֿאַר יידן.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך דערוואוסט די סיבות פֿון פּעלעקס אַרעסט און דעם אינהאַלט פֿון דער באַשולדיקונג קעגן אים, האָבן מיר ערשט אויף אַן אמת אָנגעהויבן צו פֿילן, אַז דער באָדן ברענט אונטער אונדזערע פֿיס.

יעדע מינוט בלייבן אויף טוואַרדע 31, האָט באַדייט וואַרטן אויפן טויט. יצחק איז גלייך געגאַנגען אין גאַס אַריין אָנגעמען שריט, בכדי צו באַ־קומען פאַר אונדז אַ דירה און גלייכצייטיק געזוכט מעגלעכקייטן אויסצו־קויפן פעלעקן, אַפילו פאַר דער גרעסטער געלט־סומע. ער האָט געשטעלט אויף די פיס אַלע אונדזערע פאַרבינדלער, וועלכע האָבן זיך מאָמענטאַל פונאַנדערגעשפּרייט איבער גאַנץ וואַרשע און אויסגענוצט אַלע באַקאַנט־שאַפטן ביי יידן און נישט־יידן, בכדי צו באַקומען ערגעץ אַן אָרט אויף אַפּצוראַטעוועז זעקס מענטשן פון אַ זיכערן אומקום. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר אַרויסגעקוקט אויף דער מינוט, ווען מען וועט אונדז מעלדן, אַז מיר קאָנען שוין גיין. אָבער ליידער איז אַוועק איין שעה נאָך דער צווייטער און אָנגשטאָט אַ ידיעה צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר דאַרפן וואַרטן צוויי שעה און שפּעטער ווידעראַמאָל צוויי שעה. מיר האָבן כסדר געהאַט דאָס געפיל, אַז די הילף וועט קומען עטלעכע מינוט נאָכן קומען פון די דייטשן. דער טאָג איז אָבער אַוועק, ס'איז שוין געווען עטלעכע שעה אין אָוונט און ביידע האָט מען נישט געזען. פאַרוואָס קיין הילף קומט נישט, האָבן מיר פאַרשטאַנען: עס איז נישט מעגלעך צו שאַפן אַ „מעלינע". עס איז נאָר נישט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די דייטשן זיינען נישט געקומען במשך פון אַ גאַנצן טאָג און אַ נאַכט, ווייל מיר ווייסן דאָך, אַז די דייטשן האָבן נישט קיין טבע צו פאַרשפּעטיקן.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין גרונט צו גלויבן, אַז די דייטשן וועלן שוין בכלל נישט קומען. די האָפנונגען צו פאַרלאָזן דאָס אָרט נאָך אין אָוונט, האָבן זיך געענדיקט. האַרט פאַרן אָנהויב פון דער פּאָליצײ־שעה האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז היינט איז נישט געלונגען צו שאַפן קיין „מעלינע". עס זיינען פאַראַן אויסזיכטן אויף מאָרגן צו באַקומען ערגעץ אַן אָרט. אָבער ווי האַלט מען אויס די גאַנצע נאַכט ביז מאָרגן? עס איז נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה, ווי ווידער דורכזיצן אַ נאַכט און וואַרטן אויף אַ נס, אַז די דייטשן זאָלן נישט קומען.

די צווייטע נאַכט איז דורכגעגאַנגען פּונקט ווי די ערשטע מיט דער זעלביקער שפּאַנונג און שלאָפלאָזיקייט, מיט דעם זעלביקן געפיל פון הילפלאָזיקייט. כסדר און אומאויפהערלעך האָבן מיר אַזוי ווי אַרויסגע־הערט פון דער אַרומיקער נאַכט־שטילקייט אַ סודותפולן געברום, ווי אַט איז אויף דער גאַס, ביים טויער נאָר וואָס שטיין געבליבן אַן אויטאָ מיט דייטשן. אין די אויערן האָט אָפּגעקלונגען דאָס אויפּפּראַלן דאָס טויער, דאָס גיין אויף די טרעפּ און אַט רירט עמיצער ביי דער טיר... צום צווייטן מאָל

האָט זיך געענדיקט אַ ביטערע קאַשמאַרפולע נאַכט מיט שרעקלעכע איבער־לעבונגען. אָבער דאָס שרעקלעכסטע איז דאָך בעסער אין דער פאַנטאַזיע, ווי אין דער ווירקלעכקייט. מיר האָבן זיך אַליין נישט געוואָלט גלויבן, אַז אויך אין דער צווייטער נאַכט זיינען די דייטשן נישט געקומען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער טאָג מיט די זעלביקע דערוואַרטונ־גען, אַז אַט באַקומען מיר אַ נייע „מעלינע" און מיר פאַרלאָזן דאָס „פאַר־ברענטע" אָרט. ווידער זיינען פאַריבער די עטלעכע שעה, נאָך וועלכע מ'האָט אונדז געדאַרפט קומען אַרויסנעמען און אָנשטאָט דעם, האָט מען אונדז באַרואיקט, אַז לאַנג וועט שוין נישט דויערן. אַרום פאַרנאַכט האָט זיך ערשט דער עניין געענדיקט רירן פון אָרט. מען האָט אונדז צעוויסן גע־געבן, אַז ס'איז געלונגען צו שאַפן אַן אָרט פאַר איין מענטש. מיר זיינען געווען צופרידן, וואָס כאָטש איין מענטש קאָן שוין אַרויסגיין. קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט גיין און איבערלאָזן די אַנדערע. עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַן אַמפּערניש. איינער האָט פאַרגעשלאָגן, אַז דער צווייטער זאָל גיין און צום סוף האָבן מיר באַשלאָסן, אַז עס גייט צביה. אין אָוונט איז ווידער געקומען אַ ידיעה, אַז עס איז דאָ אַן אָרט פאַר דריי מענטשן. עס זיינען באַלד אַרויסגעגאַנגען לייזער לעווין, זיין זון און שווער.

פאַר מיר און גראַיעקן איז שוין דעם אָוונט נישט מעגלעך געווען צו באַקומען קיין דירה. עס איז אונדז אויסגעקומען נאָך אַ נאַכט דאָ צו בלייבן אין סכנה. מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין נעכטיקן צו גראַיעקס אַ באַקאַנטן פּאָליאַק אויף וואָלסקע־גאַס און דורך דער פאַרבינדלערין אירקא, האָבן מיר צעוויסן געגעבן יצחקן, אַז מען זאָל אונדז פון דאָרט מאָרגן אַרויס־נעמען. מיר זיינען געגאַנגען אין שפּעטן אָוונט אויף וואָלסקע. די גאַסן זיינען שוין געווען אָפּגעליידיקט פון מענטשן, ווייל נאָך אין געציילטע מי־נוטן אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָליציי־שעה. אויפן גאַנצן לאַנגן וועג האָבן מיר געטראַכט: אפשר וווינט שוין דאָרט נישט דער באַקאַנטער, מיט וועלכן גראַיעק האָט שוין אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט, אָדער ער וועט נישט האָבן קיין אָרט צום נעכטיקן פאַר אונדז און מיר וועלן בלייבן איבער נאַכט שטעקן אויף דער פוסטער גאַס? מיר זיינען געגאַנגען אין איילעניש און ענדלעך איינגעשלונגען דעם וועג. מיר קלאַפּן אָן אין טיר און מיט הארץ־קלאַפּעניש וואַרטן מיר ביז מען וועט עפע־נען. צום גליק עפנט זיך די טיר און עס לאָזט אונדז אַריין די פרוי ווילמאַן. ווי מיר וואָלטן פון הימל אַראָפּגעפאַלן האָט זי אונדז אָנגעקוקט, אומגע־ריכט איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן גראַיעק, מיט וועלכן זי האָט זיך

שוין לאַנג נישט געזען און איך — אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטער. מיר האָבן זי געבעטן, זי זאָל אונדז דערלויבן איבערצונעכטיקן בלויז די נאַכט און מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר אַוועקגיין. ווען די פרוי ווילמאַן האָט זיך געפרעגט, צי מיר האָבן וואוהין צו גיין, האָבן מיר זי אָפּגעפּטרט מיט אַן ענטפער. אָבער זיך אַליין האָבן מיר בשום אופן נישט געקאָנט ענטפערן, וואָס עס וועט זיין, ווען מיר וועלן מוזן אינדערפרי פאַרלאָזן די וווינונג, ווען זי גייט אַרויס אין שטאָט צו איר מסחר.

הגם די פרוי ווילמאַן האָט זיך געשראָקן, אַז ס׳קאָן אַריינקומען צו איר אַ שכן און אונדז טרעפן, האָט זי דאָך נישט אָפּגעזאָגט אונדזער בקשה און אונדז אויפגענומען פריינטלעך. זי האָט אונדז מכבד געווען מיט אָונט־ברויט און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. מיר האָבן זיך געפרייט מיט דער נאַכט און געבעטן, אַז זי זאָל זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. דאָס באַוואוסטזיין, אַז מיר וועלן ווידער בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ווען עס וועט ווערן טאָג, האָט פאַרביטערט די גליקלעכע שעהן פון דער נאַכט. אין קעגנזאַץ צו די צוויי פריערדיקע לאַנגע, אומענדלעכע נעכט, ווען מיר זיינען געזעסן אין דער „פאַרברענטער מעלינע" אויף טוואַרדע 31 און אַרויסגעקוקט צי עס גייען נישט קיין דייטשן, איז די נאַכט, ווען מיר זיינען געווען אויף וואָלסקע גאַס, אַזוי גיך דורכגעלאָפן, אַזוי ווי זי וואָלט געדויערט געציילטע מינוטן.

אין דער פרי, ווען מיר האָבן אָנגעטאָן די מאַנטלען צום אַוועקגיין, האָבן מיר נאָך נישט געוואוסט וואו צו גיין. אַראָפּגייענדיק אין גאַס אַריין, האָט זיך „סטעפאַן" גראַיעק דערמאָנט אין נאָך איינעם אַ באַקאַנטן פּאָליאַק, וועלכער וווינט אויף גורטשעווסקא גאַס און מיר האָבן באַשלאָסן דאָרט צו גיין אויף אַ פּאָר שעה, אפשר וועט דורך דער צייט געלונגען אונדזערע פאַרבינדלער צו שאַפן אַ „מעלינע". אויף אַן אָפּגעשטימט אָרט האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די פאַרבינדלערינס אירקאַ און מירקא (פּעלעקס טאָכטער). מיר האָבן זיי צווויסן געגעבן, וואו מיר גייען און אונטערגע־שטראָכן, אַז מער קיין באַקאַנטע פּאָליאַקן, האָט „סטעפאַן" שוין נישט. אויב ביז נאַכט וועט נישט זיין פאַר אונדז קיין „מעלינע", וועט אונדז אויסקומען אַ גאַנצע נאַכט צו זיין אויף דער גאַס.

אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר געזעסן ביים הער וולאַדעק (די פאַמיליע איז מיר אַרויס פון זכרון) און געוואַרט אויף אַ ידיעה. מיר האָבן ווידער אַריינגעכאַפּט אַ טאָג און געזאָרגט צוליבן דערנענטערן זיך פון דער נאַכט. אַלע געדאַנקען האָבן נאָר געאַרבעט אין דער ריכטונג, ווי אַזוי

אדורכצושטופן די אנקומענדיקע נאכט, אויב עס וועלן זיך ווידער נישט איינגעבן די באמיאונגען צו שאפן א „מעלינע". מיר האבן אבער גארנישט געקאנט אויסטראכטן. ארום 4 אזייגער נאכמיטאג, זיינען געקומען צו אינדז אירקא און מירקא. זיי האבן איבערגעגעבן, אז אלע באמיאונגען צו באקומען פאר אונדז א דירה האבן זיך ווידער נישט איינגעגעבן, זיי האבן דעריבער פארגעשלאגן, אז מיר זאלן גיין אין א „מעלינע" אויף ראקאוויעצקא גאס נומ' 10, וואו עס זיינען פאראן עטלעכע יידן, וואס ווילן פון דארט אנטלויפן, ווייל די „מעלינע" איז כמעט „פארברענט". דארט וועט מען נישט קאנען זיין קיין לענגערע צייט — האבן זיי געזאגט — ווייל ס'איז פאראן א געוויסע סכנה, אבער אלס אן אזיל־ארט אויף עטלעכע טעג ביז מען וועט באקומען א דירה, דארפן מיר עס אננעמען.

מיר האבן נישט לאנג געטראכט, אנגענומען דעם פארשלאג און געלאזן זיך אין וועג אריין. דער לאנגער מהלך פון גורטשעווסקא ביז ראקאוויעצקא, וואס פירט פון איין עק ווארשע, ביז צום אנדערן, האבן מיר דורכגעמאכט צופוס און נישט געוואלט פארן מיטן טראמוויי. ווייט אפגערוקט הינטער אונדז זיינען געגאנגען אירקא און מירקא און אבסערווירט, צי אונדזער וועג גייט דורך כשורה. איך בין געגאנגען מיט „סטעפאנען" איבער די הויפט־גאסן פון שטאט, וואו עס האבן זיך געאיילט אדער שפאצירט גרויסע מחנות דייטשע ס"ס, זשאנדארמעריע, פוילישע פאליציי און פארדעטער אן מונדירן — „שמאלצאווניקעס". די לעצטע האט מען נישט דערקענט לויט זייער קליידונג. דערפאר האט מען געקוקט אויף די פארביזיגייענדיקע פנימער און פון די אויגן ארויסגעלייענט די מאס פון פארדארבנקייט. בכדי אפצווענדן די אויפמערקזאמקייט פון זיך, האבן מיר זיך אויפגעפירט אין גאס אזוי ווי צעהוליעטע, זארגלאזע יונגעלייט, מיר האבן געלאכט אויפן קול, געוויצלט זיך, געשטופט איינער דעם צווייטן, פארטשעפעט די גליטשנדיקע יינגלעך אויף די שליטלעך אאז"וו. מיר זיינען אזוי אריין אין דער ראל, אז מיר האבן זיך אויף אן אמת פארגעסן, ווער מיר זיינען.

צוגעקומען צום ראג ראקאוויעצקא, האט שוין אויף אונדז געווארט די פארבינדלערין מארישע פיינמעסער, וועלכע האט א צוטריט צו דער „מעלינע", אין וועלכער מיר קלייבן זיך אריין. די צווי מיידלעך, וועלכע זיינען אונדז נאכגעגאנגען א גאנצן וועג, האבן אונדז איבערגעגעבן אין די הענט פון מארישען און די לעצטע האט אונדז אוועקגעפירט צו א

קליין הילצערן פאַרטיער־הייזל אויף אַן אַמאַליקן פלי־פלאַץ, וואָס שטייט פאַררוקט אין אַ ווינקל, אַרומגערינגלט פון ברייטע רחבותדיקע פעלדער. דאָרט האָבן אונדז אויפגענומען די באַלעבאַטים, געוויזן אונדז דאָס גוט־פאַרמאַסקירטע באַהעלטעניש, וואָס געפינט זיך אונטער דער פּאָדלאָגע אין אַ קעלער. די אויסבאַהאַלטענע ייִדן, וואָס געפינען זיך דאָ: בראַנעק, האַלינע (חברים פון „בונד”) און יורעק האָבן מיט די בליקן באַדויערט, וואָס מיר זיינען דאָ אַריינגעפאַלן, מיר האָבן דערקענט, אַז זיי האָבן אונדז צו דערציילן וועגן זייער אומזיכערער לאַגע, נאָר אין דער אַנ־וועזנהייט פון די באַלעבאַטים, מיידן זיי אויס צו רעדן. זיי לאָזן עס איבער אויף שפּעטער, ווען מיר וועלן אַראָפּגיין שלאָפן אין דעם באַהעלטעניש אַריין.

דער ערשטער אָוונט אויף דעם נייעם אָרט האָט געברענגט אַ גע־וויסע אָנטשפּאַנונג נאָך די לעצטע אָנגעשטרענגטע טעג און נעכט און גלייכצייטיק מיט דעם האָבן מיר די „מעלינע” געזען, ווי אַ שטאַפּל צו נייע צרות.

1944.2.21

שוין אַדורך כמעט אַ וואָך צייט אין דער נייער ”מעלינע”. פון ערשטן טאָג אָן האָלט איך אין איין אויסהערן מעשיות פון בראַנעקן און יורעקן וועגן דער צרהדיקער לאַגע אין דער „מעלינע” און מ׳קאָן זיך נאָך אַלץ נישט אָריענטירן, פון וועלכער זייט עס דראָט דאָ אַ געפאַר. איך פרעג די דערציילער: אויב ס׳איז אמת, אַז ה׳ ווינאסלאַווסקי — דער באַלעבאָס און זיין פרוי זיינען שרעקלעכע אַנטיסעמיטן, אַז זיי האָבן צו־זאַמען מיט דער באַלעבאַסטעס שוועסטער און שוואָגער שאַנטאַזשירט ייִדן, וועלכע האָבן מיט אַ צייט צוריק דאָ געוווינט און זיינען שולדיק אין טויט פון אַ ייִד, אויב ס׳איז אמת, אַז אין דער שאַנטאַזש־אַרבעט פון דער גאַנצער קליקע האָט אויך אָנטיילגענומען אַ ייִדישע פרוי, אַ שאַנטאַ־זשיסטקע און די זעלביקע פרוי קומט דאָ זייער אָפט צו אייך און זי ווייסט, אַז דאָ האַלטן זיך אויף ייִדן — אויב דאָס אַלץ איז אמת, פאַרוואָס לאָזן זיי אייך צורו? פאַרוואָס האָבן זיי אייך במשך פון דער גאַנצער צייט, וואָס איר זענט דאָ, נישט אַריינגעפירט אין קיין אומגליק?

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט מען געענטפערט: דער הער ווי־נאסלאַווסקי און זיין פרוי וויקטע, זיינען זייער געלט־גיריק. זיי האַלטן

אונדז בלויז צוליב די פעטע געלט־סומען, וואָס זיי נעמען פון אונדז, אָפיציעל און נישט אָפיציעל. זיי וועלן זיך נישט לאַנג איינשטעלן צוליב יידן און האָבן בדעה פון אונדזערע געלטער אָנצוזאַמלען זיך אַ גרויסע סומע און שפּעטער אונדז איבערצוגעבן די דייטשן, אָדער אין בעסטן פאַל, וועלן זיי אונדז מאַכן אַ געלט־שאַנטאַזש און אונדז אַרויסוואַרפן. היות מען ווייסט נישט, ווען זיי האַלטן פאַר נויטיק צו ברענגען אויף אונדז אַן אומגליק, לעבט מען אין שטענדיקן אומרו. יעדן אינדערפרי, ווען די פרוי וויקטע גייט אַרויס אין שטאָט אַריין איינקויפן פּראָדוקטן, קוקט מען כסדר אין פענצטער אַריין צי זי קערט זיך נישט אום אין באַגלייט־טונג פון דייטשן.

דער דאָזיקער ענטפער דערקלערט נאָך נישט די גאַנצע סכנה — געבן צו מיינע אינפאָרמאַטאָרן — אונדזער לעבן און טויט ליגט נישט בלויז אין די הענט פון אונדזער באַלעבאָס, אָדער ריכטיקער געזאָגט, באַ־לעבאָסטע, וועלכע איז די הערשערין אין שטוב, און וואָס איז פעאיק צו טאָן אַלדאָס ערגסטע. נישט ווייניקער דראָט אונדז מצד דער פרוי קוויאַטקאָווסקאַ — וויקטעס שוועסטער, וועלכע וווינט נישט ווייט פון דאַנען, און וועלכע שטייגט איבער פילפאַכיק די פרוי וויקטע אין אַנ־טיסעמיטיזם און אין שאַנטאַזש־פעאיקייטן. חוץ דעם, זיינען בײדע שוועס־טער די לעצטע צייט שטאַרק צעקריגט צווישן זיך, זיי זיינען זיך קעגנ־זייטיקע בלוט־שונאים און ס'איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז די פרוי קוויאַט־קאָווסקאַ וועט זיך וועלן נוקם זיין אַן איר שוועסטער אויפן חשבון פון אונדזער לעבן. אויך די יידישע שאַנטאַזשיסטקע קאָן טאָן דאָס איריקע. זי איז טאַקע אַ נאָענטע חברטע פון דער באַלעבאָסטע און פונקט ווי יעדער אַנטיסעמיט, האָט זיך „זיין ייד”, האָט אויך די פרוי וויקטע איר ייד. דערפאַר וועט די יידישע פרוי גאַרנישט טאָן אָן אַ פריערדיקער פאַר־שטענדיקונג מיט איר, אָבער דער פאַקט, וואָס זי ווייסט וועגן אונדז אין דער צייט, ווען זי דרייט זיך אין שטאָט און קומט אין קאָנטאַקט מיט מענטשן פון איר קוואַליטעט, גיט אַ גרונט צו זיין באַאומרואיקט, אַז זי וועט נישט אָפּהיטן די נויטיקע דיסקרעציע.

אונדזערע אַחים לצרה, וועלכע ווילן פון דאַנען וואָס גיכער אַנט־לויפן, און פאַר וועלכע מען באַמיט זיך אין שטאָט צו שאַפן אַ „מעלינע”, האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס גראַיעק און איך זיינען דאָ אַהערגעקו־מען אין אַזאַ גיהנום אַריין און אונדז געראַטן, וואָס גיכער צו אַנטלויפן. מיר האָבן זיי אָבער „איבערצייגט”, מיטן דערציילן די געשיכטע פון אונד־

זער אַהערקומען, אַז נישט בלויז מיר האָבן געדאַרפט קומען, נאָר מיר וועלן נאָך וואַרשיינלעך דאַרפן דאָ זיצן אַ לענגערע צייט, אויב מען וועט נאָר לאָזן...

1944.3.1

במשך פון דער גאַנצער צייט, וואָס איך געפין זיך דאָ אויף ראַקאָ־וויעצקאַ־גאַס, האַלט מען אין איין פירן „מעלינע־פּאָליטיק". אַלע פראַגן פון דער וועלט־פּאָליטיק און מיליטערישער סיטואַציע אויף די פראָנטן, מיט וועלכע מיר האָבן אַזוי אינטענסיוו געלעבט אויף טוואַרדע 31, זיינען דאָ אָפּגעטרעטן אויף אַ ווייטערדיקן אָרט. מען פאַרגעסט ממש זיך נאָכצו־פרעגן די פאַרבינדלעריננס מאַרישע פיינמעסער און אינקאַ שווייגער, וועל־כע באַזוכן אונדז — ווען זיי וועלן ברענגען אַן אונטערערדישע צייטונג, אַ געהיימע ראַדיאָ־ידיעה אאַ"וו. עס איז פשוט פאַרלוירן געגאַנגען די גע־שפּאַנטקייט און אינטערעס פאַר אַלע אויסערלעכע געשעענישן, ווייל אַלע געדאַנקען זיינען נאָר אַבסאָרבירט אַרום אַזעלכע פראַגן ווי: די באַלעבאָס־טע איז אַוועק אין גאַס, זי זאַמט זיך צו לאַנג און ווער ווייסט, צי זי וועט נאָר קומען אַליין... אָדער די ייִדישע פרוי, די שאַנטאַזשיסטקע, איז געקומען צו גיין און זי פּירט מיט דער באַלעבאָסטע זייער אַ סודותפולן געשפּרעך, די באַלעבאָסטע איז אויפגערעגט און טשעפּעט זיך צו אונדז מיט פוסטע טענות אאַ"וו. מיט די אַלע דערמאָנטע און נישט דערמאָנטע דאגות לעבט מען טאָג איין, טאָג אויס און יעדן טאָג, וואָס מען האַלט איבער, פילט מען זיך ווי ניי געבוירן.

מיר האָבן איינגעזען, אַז לאַנג בלייבן אין אַזאַ צושטאַנד קאָנען מיר נישט. מיר דאַרפן אָדער פאַרלאָזן דאָס אָרט, אָדער געפינען אַזעלכע מיט־לען, אַז מיר זאָלן זיך דאָ פילן זיכער און נישט דאַרפן שטענדיק קוקן אין דער באַלעבאָסטעס אויגן צי זי האָט אַ גוטע שטימונג אָדער נישט. בראָנעק, האַלינאַ און יורעק האָבן שוין פולשטענדיק רעזיגנירט פון געדאַנק, אַז מען קאָן דאָ בלייבן און זיי האַלטן זיך ביים איבערטראַגן אין אַן אַנדערער „מעלינע". איך און גראַיעק קאָנען אָבער נישט רעזיגנירן פון דעם אָרט, ווייל מיר האָבן נישט קיין שום האָפענונגען, אַז מיר זאָלן אין דער נאָענטסטער צייט באַקומען ערגעץ אַנדערש־וואו אַ „מעלינע". מיר האָבן דעריבער אויסגעקליבן דעם צווייטן אויסוועג פון פרווון ענ־דערן די לאַגע.

מיר האָבן אָנגענומען געוויסע שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג. קודם־כל, האָבן מיר זיך, אונטערן וויסן פון דער באַלעבאָסטע, דורכגע־שמועסט מיט דער יידישער פרוי און זי געוואָלט אַראָפּפירן פון איר ביז־איצטיקן פאַרברעכערישן וועג און אָפּרייסן זי פון אירע קאָנטאַקטן מיט דער באַלעבאָסטע און מיט דער פרוי קוויאַטקאָווסקאַ. מיר האָבן זי אַריינ־גענומען אין דער רשימה פון די יידן, וואָס באַקומען די חודשלעכע געלט־אונטערשטיצונג פון דער אונטערערדישער הילפס־אינסטיטוציע, בכדי זי זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו לייכטע פּרנסות. זי האָט גלייך באַקומען אַ פּאָר טויזנט זל׳ פאַרן ערשטן מאָנאַט און זי איז געוואָרן אַן „אונדזערי־קע״, איצטער זיינען מיר שוין כמעט זיכערער, אַז פון איר זייט דראָט אונדז נישט קיין געפאַר. זי האָט נאָך אָנגעהויבן פאַר אונדז אויסרעדן שלעכטס אויפן אַדרעס פון דער באַלעבאָסטע און איר שוועסטער.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָבן מיר אויך געזאָגט דער רשעותדיקער באַלעבאָסטע, אַז מיר ווייסן וועגן איר און וועגן די מעשים פון איר שוועס־טערס פאַרגאַנגענהייט אויפן געביט פון שאַנטאַזשירן יידן. מיר האָבן איר צוווּיסן געגעבן, אַז מיר זיינען פאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער באַ־וועגונג, וועלכע וועט נישט דורכלאָזן אומבאַשטראָפט, אויב עס וועט אונדז דאָ ביי איר אין שטוב עפּעס געשען. מיר האָבן איר געוויזן אַן אונטערערדישע צייטונג, וואו עס איז געווען געמאָלדן וועגן טויט־אור־טיילן, וואָס דאָס אונטערערדישע געריכט האָט אַרויסגעגעבן קעגן פאַ־ליאַקן, וואָס האָבן געווירקט צום אומקום פון יידן. די דאָזיקע וואָרנונג האָט געמאַכט אויף דער באַלעבאָסטע אַ דערשיטערנדיקן רושם. פון היינט אָן, האָט זי שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די פאַרבינדלעריו, וואָס קומט צו אונדז אָפט איז נישט סתם אַ באַקאַנטע אָדער קרובה, נאָר אַ מענטש פון דער „פאַרטיי״, ווי זי האָט גערופן. זי האָט געזען, אַז מיר זיינען נישט אַליין, אַז ס׳איז דאָ עמיצער הינטער אונדז און דאָס האָט גע־ענדערט די באַציאונג צווישן אונדז און די באַלעבאַטים. זיי האָבן אָנגע־הויבן שטאַרק מורא צו האָבן און זיינען מיטאַמאָל געוואָרן אונדזערע „גוטע פריינד״.

די יידן־שנאה ביי אונדזערע באַלעבאַטים איז אָבער אַזוי גרויס, אַז זיי קאָנען זיך פון איר נישט באַפרייען. אין איינעם פון די פריינדלעכע גע־שפּרעכן, וואָס מיר האָבן שפּעטער געהאַט מיטן באַלעבאָס און מיר האָבן נישט גערעדט וועגן אונדזערע לאָקאַלע ענינים, נאָר וועגן אַלגעמיינע פראַגן פון דער וועלט און פוילן, האָט ער געזאָגט: „דאָס, וואָס היטלער האָט

אָנגעהויבן צו טאָן מיט די יידן, ווען די פּוילישע רעגירונג נאָכן קריג דאַרפן ענדיקן. דאָס האָט ער אַרויסגעזאָגט נישט בכדי אונדז צו טרעפן, נאָר פּשוט אינסטינקטיוו, מיט זיין גאַנצער פּויערישער פּשטות. ער האָט נישט געקאָנט דאָס איינהאַלטן אין זיך אַפילו דעמלט, ווען ער באַמיט זיך, וואָס מער צו געווינען אונדזער צוטרוי.

נאָכדעם, ווי ס׳איז אונדז געלונגען „איינצובייסן" די באַלעבאַטים מיט דער יידישער שאַנטאַזשיסטקע און אויסצוקעמפן זיך אַן אָרט, פילן מיר זיך שוין פיל זיכערער, ווי אין די ערשטע טעג נאָכן אַהערקומען. אָבער, אַז מיר באַזינען זיך ביי וועמען מען געפינט זיך, ווערט קאַלע־מוטנע אויפן האַרץ. הגם די ענדערונגען לטובה, וואָס זיינען דאָ אַריינ־געטראָטן אין די באַציאונגען מיט די באַלעבאַטים, גיבן נישט קיין גרונט צו פילן זיך אומזיכער, איז אָבער דער ווידערווילן צו אונדזערע אַפּוטרופּסים אַזוי גרויס און דער פּאַסקודנער איינדרוק פון די ערשטע טעג — אַזוי טיף, אַז די מישטיינסגעזאָגטע צופרידנהייט, וואָס עס קאָן נאָך האָבן אַ ייד אויף דער „אַרישער" זייט, וועלן מיר דאָ שוין נישט האָבן. מיר וועלן דאָס אויך נישט האָבן צוליב דעם, וואָס ס׳איז אונדז געלונגען בלויז איין טייל פון דער שייקע צו מאַכן אין אַ געוויסער מאָס אומשעד־לעך. דאַקעגן, איז נאָך די באַלעבאָסטעס שוועסטער, די פרוי קוויאַט־קאָווסקאַ, אינגאַנצן נישט „באַאַרבעט" און מיר האָבן גאָרנישט קיין מעג־לעכקייט דאָס צו טאָן, ווייל מיר קאָנען זי גאָרנישט און זי קומט בכלל נישט צו גיין.

עס בלייבט איבער נישט מער, ווי צו פאַרלאָזן זיך אויף איר יושר, וואָס מיר גלויבן נישט אין אים, אָדער אויף איר שלימזלדיקייט, וואָס לויט ווי מיר הערן, איז זי ליידער ווייט פון דעם.

1944.3.15

היינט האָבן מיר דערהאַלטן אַ פריידיקע ידיעה, אַז פעלעק איז דעם 10טן באַפרייט געוואָרן. ער איז אָפּגעזעסן דורך דער צייט אין „קריפּאָ", געשטאַפּאָ און שפּעטער אין „פּאַוויאַק". אומעטום האָט מען אים גע־פּאַרשט אויפן דייטשן שטייגער. מען האָט אים געשלאָגן מכות רצח. ער איז אויסגעשטאַנען אַלע טאָרטורן, ווייל מען האָט געוואָלט פון אים אַרויס־פּרעסן אַ באַשטעטיקונג, אַז ער האָט געבויט בונקערס פאַר יידן און אויך די נעמען און אַדרעסן פון די יידן, וועלכע ער האָט אויסבאַהאַלטן.

זיין איינציקע דערקלערונג: „איך ווייס נישט און כ'וועל אייך גאר־נישט זאגן" איז געווען שטארקער פון אלע קלעפ און פייניקונגען מצד די דייטשן. פעלעק האט זיך נישט געלאזט איינברעכן, נישט דורך דעם שטארקסטן דרוק פון פיזישער געוואלט און אויך נישט דורך די זיסע הבטחות, אז ס'וועט אים גארנישט געשען, אז מ'וועט אים פריילאזן, אויב ער וועט נאר אויסגעבן די יידן, וועלכע זיינען אים באקאנט. „איך אלס פאליאק, וואלט זיך געלאזט פייניקן און אוועקגעבן ס'לעבן פאר נישט אויסגעבן יידן, ווען איך וואלט זיי גאר געקענט"? — די דאזיקע פראגע האט פעלעק געשטעלט די הענקער און זי איז געווען זיין שלאגנדיקסטער ארגומענט, וועלכער האט זיך זיי געלייגט אויפן שכל. אבער דאס איז נאך ביי זיי נישט געווען גענוג אים פריצולאזן. מען האט אים ווייטער גע־פייניקט און געשיקט אים פון איין תפיסה אין דער צווייטער. אין שטוב אריין אויף טווארדע 31 זיינען אבער די דייטשן נישט געקומען מאכן קיין רעוויזיע, ווייל ווארשיינלעך האבן זיי זיך נישט פארגעשטעלט, אז ער זאל זיין אזוי דרייסט און נאך האלטן יידן ביי זיך אין שטוב.

דער אומבויגזאמער און מוטיקער פאליאק, וועלכער האט זיך נישט איינגעבראכן אין די פארמלחמהדיקע סאנאציע־תפיסות, וואו ער איז גע־זעסן פאר קאמוניסטישער טעטיקייט האט זיך ווידער אנטפלעקט מיט זיין שטארקייט, און דאסמאל אלס פאליאק, אין פארטיידיקונג פון יידישע לעבנס. פעלעק האט ווידער געהאנדלט אין הסכם מיט זיין אייגן און מיט זיין טיף־מענטשלעך געוויסן. אין דער צייט, ווען אנדערע פאליאקן העלפן אומברענגען יידן פאר א מאטעריעלן געווינס, האט ער באוויזן איינצו־שטעלן אין קאן דאס טייערסטע — דאס לעבן און נישט געוואלט זיך ראטעווען פארן פרייז פון פארראטן מענטשן פון אזא דערנידעריקט און געשלאגן פאלק.

פעלעק וואלט נישט באפרייט געווארן אויפן נארמאלן וועג ביים באַ־וויזן זיין אומשולד. ער האט זיך גארנישט געפילט אומשולדיק און ער האט נישט גערעכנט אלס אזא באפרייט צו ווערן. זיצנדיק אין „פאוויאק", איז אים געלונגען דארט אונטערצוקויפן די, וועלכע האבן אים געפארשט און זיי צוגעזאגט צו געבן א גרעסערע געלט־סומע, אויב ער וועט באפרייט ווערן. דער צוזאג האט זיי געלאקט. ווען מ'האט אים ארויסגעלאזט פון תפיסה, א צעשלאגענעם און קראנקן, האט ער זיי אויסגעצאלט צוואנציק טויזנט זלאטעס, אלס פרייז פאר זיין באפרייאונג.

1944.4.20

ס'איז פאַרביי אַ געוויינלעכער טאָג, ווי אַלע אומעטיקע טעג, די ליכ־טיק צעשטראַלטע זון, וועלכע איז אַריינגעדרונגען אין שטוב אַריין דורך די געדיכטע גרינע צווייגן פון די בוימער, וועלכע וואַרצלען אין דרויסן נעבן הייזל און באַדעקן, ווי מיט אַ גרינעם געוואַנט, די ווענט און פענצ־טער, האָט גאָרנישט גרינגער געמאַכט די נשמה. טראָץ דעם פרילינג, האָט זיך ביי אונדז גאָרנישט געענדערט, די זעלביקע דאגות און פּראָבלעמען, ווי אין גרויען ווינטער. ס'איז נאָר געוואָרן אומעטיקער, ווייל בלויז איך און גראַיעק זיינען דאָ געבליבן. בראָנעק, האַלינאַ און יורעק זיינען אַוועק אין אַן אַנדערער „מעלינע".

געענדיקט האָט זיך אָבער דער טאָג זייער נישט געוויינלעך. פאַרנאַכט, ווען ס'איז שוין געווען טונקל, האָבן מיר, ווי געוויינלעך, זיך געפינען אין דעם באַהעלטעניש און מיר זיינען געווען פאַרטיפט אין לייענען. פּלוצלונג האָט זיך אויפגעריסן די פאַרמאַסקירטע דעק פון קעלער און אַ פרוי מיט אַ גראָבער לייבן־שטימע, וואָס איז געווען שטאַרק ענלעך אויף אַ מענעריש קול, האָט צו אונדז אַראָפּגעשריגן אין באַהעלטע־ניש אַריין: יידן, קומט אַרויס, האָט נישט קיין מורא, ס'וועט אייך גאָר־נישט געשען. דאָס אַלץ איז געקומען אַזוי פּלוצלונג און אומגעריכט, אַז מיר זיינען געבליבן אַ סעקונדע צעמישט. אין קאָפּ זיינען דורכגע־לאָפן פאַרשידענע געדאַנקען. מיר האָבן אינסטינקטיוו גענומען זיך דער־נענטערן צום אַרויסגאַנג און באַלד זיך צוריקגעהאַלטן. מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז איצט האָט פּאַסירט דאָס שרעקלעכע, אויף וועלכן מיר האָבן זיך געריכט זייט די ערשטע מינוט פון אונדזער אַהערקומען. מיר האָבן דאַן איינגעזען, אַז עס האָט נישט קיין שום זין מער זיך צו באַהאַלטן, מען מוז גיין.

בעתן צושטעלן דאָס לייטערל אַרויפצוגיין אין שטוב, האָבן מיר געהערט חוץ דער שרייענדיקער פרויען־שטים, אויך דאָס אומבאַקאַנטע קול פון אַ מאַנספּערשוין. אין שטוב איז בכלל אַנטשטאַנען אַ גרויסער טומל, איי־נער האָט איבערגעשריגן דעם צווייטן. עס זיינען געהערט געוואָרן וואול־גאַרע ווערטער און פאַרשידענע באַליידיקונגען. מיר זיינען אַרויסגעקו־מען אין שטוב אַריין און דערזען אַ פרעמדע פרוי פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ פּאָר בייזע שטעכעדיקע אויגן און אַ שלאַנקן הויכן מאַנספּערשוין אין אַ מיליטערישן מאַנטל, ביידע האָבן זיי גערעדט שאַרפע דיבורים צו

אונדזער באַלעבאָסטע. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען די יידישע שאַנטאַ־זשיסטקע, ווי אַ שטומע און אויך אין איר זייט האָט געוואָרפן די אומ־באַקאַנטע פרוי באַשולדיקנדיקע ווערטער. נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך באַוויזן אין צימער, האָבן זיי איבערגעריסן דאָס געשפּרעך. די באַלעבאָס־טע האָט אונדז באַרואיקט, אַז מיר זאָלן זיך נישט שרעקן. זי האָט אונדז פאָרגעשטעלט איר שוועסטער און שוואָגער קוויאַטקאָווסקי.

נאָך די באַרואיקנדיקע ווערטער פון דער באַלעבאָסטע, זיינען מיר נאָך מער באַאומרואיקט געוואָרן, דערוויסנדיק זיך, אַז פאַר אונדז גע־פינען זיך די קוויאַטקאָווסקיס ,וועגן וועלכע מיר האָבן אַזוי פיל געהערט. דאָס, וואָס אויך די יידישע שאַנטאַזשיסטקע איז אַנוועזנד, האָט ביי אונדז פאַרשטאַרקט די זיכערקייט, אַז די כנופיה האָט באַשלאָסן צו מאַכן מיט אונדז אַ סוף, אַז אויך די יידישע שאַנטאַזשיסטקע האָט פולשטענדיק אויסגעטאָן די מאַסקע, טראָץ דער שטיצע, וואָס זי האָט פון אונדז באַקומען און די גאַנצע קריגעריי צווישן זיי איז נישט מער, ווי אַן אָנשטעל.

ווען מיר האָבן געפּרוווט אָנבינדן אַ שמועס, איז דער הער קוויאַט־קאָווסקי פּלוצלונג פאַרשוואונדן פון שטוב. „סטעפאַן” האָט זיך מיט מיר „דורכגערעדט” מיט די אויגן, מיך איבערגעלאָזט צו פירן ווייטער דאָס געשפּרעך און איז תיכף אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, כדי צו פאַרהאַלטן דעם הער קוויאַטקאָווסקי. די באַלעבאָסטע איז נאָכגעלאָפן „סטעפאַנען” און אין דרויסן האָבן אַלע דריי אַ לענגערע צייט זיך געאַמפּערט. „סטעפאַן” האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם הער קוויאַטקאָווסקי, וועלכער האָט כסדר דערקלערט, אַז ער גייט קויפן פּאַפּיראָסן, אין וואָס ס'איז שווער געווען צו גלויבן. די באַלעבאָסטע האָט געהאַלטן אין איין אַריינציען „סטעפאַנען” אין שטוב און פאַרזיכערט, אַז קוויאַטקאָווסקי גייט אַוועק אָן שום שלעכטער כוונה און אַז עס דראָט נישט קיין שום געפאַר. זי האָט גלייכצייטיק אויפ־געקלערט, אַז דער מיליטערישער מאַנטל, וואָס עס טראָגט דער ה' קוויאַט־קאָווסקי, איז אַן אוניפאָרם פון די גאַזאָווניע־אַרבעטער און האָט נישט קיין שייכות צו וועלכע עס איז מיליטערישער פאָרמאַציע.

„סטעפאַן” איז לסוף אַריין אין שטוב און צוזאַמען מיט מיר גענומען שמועסן מיט דער פרוי קוויאַטקאָווסקאַ, בכדי צו דערגיין, וואָס עס איז דער ציל פון זייער באַזוך. מיר האָבן אַבסאָלוט נישט געהאַט אין זין דאָס געשפּרעך, נאָר כסדר געטראַכט צי דער ה' קוויאַטקאָווסקי וועט צו־ריקקומען מיט פּאַפּיראָסן, אָדער מיט דייטשן. די מינוטן פון דערוואַר־

טונג זיינען געווען אויסערגעוויינלעך אומרואיקע. מיר האָבן געפילט, אַז אין די דאָזיקע מינוטן ווערט אַנטשיידן די פראַגע פון לעבן און טויט.

ס'זיינען אַדורך צען מינוט, דער ה' קוויאַטקאָווסקי איז צוריקגעקער־מען, אָוועקגעלייגט אויפן טיש אַ פעקל פאַפּיראָסן און אונדז מכבד גע־ווען. שוין נאָך זיין צוריקקומען זיינען מיר נאָך נישט געווען רואיק. מיר האָבן געהאַט אַ חשד, אַז ער האָט נישט געוואָלט צוריקקומען צוזאַמען מיט די דייטשן און דעריבער זיי באַשטעלט אויף שפּעטער. דערווייל האָט מען זיך פאַרטיפט אין שמועס וועגן דעם עצם פון באַזוך. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די פאַמיליע קוויאַטקאָווסקי האָט זיך דערוואוסט פון דער יידי־שער שאַנטאַזשיסטקע, אַז ביי דער פרוי וויקטע זיינען פאַראַן יידן, וועל־כע וויסן וועגן דעם אַנטייל פון די קוויאַטקאָווסקיס אין אַ שאַנטאַזש קעגן יידן. די קוויאַטקאָווסקיס האָבן שטאַרק מורא געהאַט, וויסנדיק, אַז די יידן — ד"ה מיר — זיינען פאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער באַוועג־גונג און דאָס קאָן גורם זיין קאָנסעקווענצן קעגן זיי. זיי זיינען אויך שטאַרק אין כעס געווען אויף זייערע שותפים — די פרוי וויקטע און די יידישע פרוי, — וועלכע האָבן די גאַנצע שולד פאַר זייערע באַגאַנגענע פאַרברעכנס אַרויפגעלייגט אויף די קוויאַטקאָווסקיס. זיי זיינען טאַקע גע־קומען צו אונדז פאַרענטפערן זיך, באַווייזן זייער „ערנטלעכקייט" און גלייכצייטיק אויספאָרשן, ווער עס האָט אונדז איבערגעגעבן וועגן דעם ענין: די פרוי וויקטע אָדער די יידישע שאַנטאַזשיסטקע.

די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער מחלוקה צווישן דער קליקע און ס'האָט שוין געהאַלטן ביי אַ געשלעג. מיר האָבן געזען, אַז די קוויאַטקאָווסקיס גייט מער אין גערעכט מאַכן זיך פאַר אונדז, ווי אין פעסטשטעלן, ווער עס האָט אונדז דערציילט וועגן זייער פאַרגאַנגענ־הייט. מיר זיינען געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן מורא פאַר אונדז און עס גייט זיי אין לעבן אָנצוגייין פאַר אונדז אַלס ערנטלעכע מענטשן. דעריי־בער האָבן מיר שלום געמאַכט צווישן זיי. דער גאַנצער אינצידענט האָט זיך געענדיקט מיט אויסטרינקען עטלעכע פלעשלעך בראָנפן און פאַרבייסן גוטע זאַכן. מיר זיינען געזעסן ביי דער סעודה ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן אונדז נישט דערציילט, ווען זיי זיינען געווען ניכטער, האָבן מיר זיך פון זיי דערוואוסט, ווען זיי זיינען געוואָרן שכור. אין דער שפּעטער נאַכט האָבן זיך די געסט דערמאַנט, אַז מען דאַרף אַהיימגיין. ס'איז שוין אָבער געווען לאַנג נאָך דער פּאָליצײ־שעה און קיין געלעגערס צום איבערנעכטיקן איז פאַר זיי נישט געווען. די

עבודה האָט זיך דעריבער פאַרלענגערט און מען האָט פאַרברענגט ביים עסן און טרינקען ביז פאַרטאָג.

דער באַזוך פון די קוויאַטקאָווסקיס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז זייער טראַגיש, ווייל מיר האָבן נישט געוואוסט, וועגן וואָס זיי זיינען געקומען. אָבער פאַרענדיקט האָט עס זיך זייער גוט. דווקא די, אויף וועלכע מען האָט זיך געריכט, אַז זיי וועלן אונדז טאָן שלעכטס, זיינען געוואָרן אונדזערע „פריינד".

די באַלעבאַטים און די קוויאַטקאָווסקיס האָבן איצטער מורא, אַז אויב מיר וועלן אַריינפאַלן, אַפילו נישט צוליב זייער שולד, וועט דאָס אויך גיין אויף זייער חשבון. זיי האָבן דעריבער צווישן זיך אָפּגעמאַכט צו האַלטן אונדזער דאָ־זיין אין דעם גרעסטן געהיימניש, אַזוי, אַז אַפילו דער נאָענטסטער מענטש זאָל נישט וויסן. די געענדערטע לאַגע האָט אַ ביסל פאַרבעסערט אונדזער שטימונג און פאַרטריבן דאָס געפיל פון אומזיכערקייט.

1944.4.28

לויט דער צייט־רעכנונג איז מען משער, אַז ס׳דאַרף זיין פסח. ווען וועט אויספאַלן דער דאָזיקער שיינער יום־טוב? אָדער אפשר האָט מען שוין גאָר נאָך אים? דאָס איז שווער פעסטצושטעלן. עס זיינען נישטאָ קיין זיכערע באַווייזן דערויף און יעדע אויסרעכנונג, גיט נישט קיין זיכערקייט, אַז זי איז אַ ריכטיקע. דערפאַר איז מיר דער קריסטלעכער יום־טוב — „ווּיעלקאַנאָץ" גוט געבליבן אין זכרון.

„סטעפאַן" איז אויף יום־טוב אַוועקגעגאַנגען צו באַקאַנטע און איך בין געבליבן אַליין אין דער „מעלינע". פונקט דעם ערשטן טאָג יום־טוב פאַרטאָגס, זיינען געקומען די באַלעבאָסטעס קרובים פון טשענסטאָכאָוו צו גאַסט אויף יום־טוב. די באַלעבאַטים האָבן נישט געוואָלט דערציילן זייערע קרובים, וועמען זיי האַלטן ביי זיך אין שטוב און איך האָב דעריבער נישט געטאָרט זיך ווייזן פאַר זיי און געמוזט בלייבן די גאַנצע צוויי טעג אין דעם באַהעלטעניש. מיינע באַלעבאַטים האָבן זיך נישט געריכט, אַז די קרובים וועלן קומען אַזוי פרי. ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן און דעריבער האָבן זיי נישט באַוויזן אַריינצוגעבן מיר אין דעם באַהעלטעניש עסן אויף דער גאַנצער צייט פון יום־טוב.

באַלד אינדערפרי, ווען די געסט זיינען אַריינגעקומען אין שטוב, האָט דער פריידיקער רעש ביים אויפנעמען די לאַנג נישט געזעענע קרובים אַריינגעדרינגען צו מיר אין באַהעלטעניש און איבערגעריסן דעם שלאָף. איך בין געבליבן ליגן אין בעט אומבאַוועגלעך, ווי צוגעשמידט צום אָרט. דאָס פרימיטיווע צוזאַמענגעקלאַפטע בעט פון ווייסע ברעטער, האָט געסקריפעט ביי יעדן ריר. כ'האָב דעריבער ממש נישט געטאָרט איבערדרייען זיך אויף דער צווייטער זייט, כדי אין שטוב זאָל זיך נישט הערן קיין שאָרך פון באַהעלטעניש. עס זיינען אַוועק שעהן אָן עסן און אָן מעגלעכקייטן צו דערליידיקן נאַטירלעכע באַדערפענישן. די באַדערפעניש צו הוסטן, האָב איך געמוזט דערשטיקן אין זיך אַזוי לאַנג, ביז אין שטוב איז געוואָרן אַ גערודער און אונטער דעם רעש פון הויכן געלעכטער אָדער געוויין פון קינד, וואָס די געסט האָבן מיט זיך געבראַכט, איז מעגלעך געווען זיך אויסצוהוסטן.

איך בין געלעגן און געהאָפט: אפשר וועט דאָך געשען אַ גליק און די געסט וועלן אַוועקגיין אויף אַ האַלבער שעה. אָבער די האָפנונג איז געווען אומזיסט. ווי צו להכעיס זיינען זיי נישט אַרויס צוזאַמען פון שטוב, ווען איינער איז אַוועק ,איז דער צווייטער געקומען. עס איז שוין געווען מיטאָג־צייט און נאָך מיטאָג און דאָס גליק אויפגעבונדן צו ווערן פון דעם ביטערן קלעם, האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַוויזן. אויך די באַלעבאַטים האָבן זיך דענערווירט צוליב מיין לאַגע. די איינציקע הילף, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן, איז געווען דאָס הויכע געלעכטער, געשריי און געקלאַפעריי. דעמלט האָב איך כאָטש געקאָנט זיך רירן פון אָרט, אָדער הוסטן. אָבער אויך דאָס האָט נישט געקאָנט געשען צו אָפט.

אַרום פאַרנאַכט האָב איך געהערט, ווי דער באַלעבאָס לאַדט איין די געסט אויף אַ שפּאַציר אין גאָרטן. דאָס האָט מיר געגעבן אַ האָפנונג, אַז אָט אָט ווער איך געהאָלפן. די געסט האָבן זיך איינגעזעגנט, אַז די באַלעבאָסטע זאָל אויך מיטגיין. זי האָט זיך אַרויסגעדרייט מיט אַלע תירוצים. ווען די געסט האָבן נאָר פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך, האָט די באַלעבאָסטע גלייך געעפנט דאָס באַהעלטעניש, געגעבן מיר עסן אויף אַ לענגערער צייט און כ'האָב זיך געפילט פריי און גליקלעך, אַזוי ווי די מלחמה וואָלט זיך געענדיקט. די פרייד האָט אָבער געדויערט נישט מער ווי אַ שעה צייט. ווען די געסט זיינען צוריקגעקומען, האָבן זיך ווידער פאַר מיר אָנגעהויבן לאַנגע שעהן פון מאַטערנישן, וועלכע האָבן זיך געצויגן

דעם גאַנצן אָונט. צומאָרגנס ווידער אַזאַ טאָג, מיט אַ קליינעם איבעררייס, ביז דעם ערשטן טאָג נאָך יום־טוב, ווען די געסט האָבן זיך געזעגנט.

נאָכן אוועקפאָרן פון די געסט, איז „סטעפאַן" צוריקגעקומען פון זיין יום־טוב־באַזוך און מיר האָבן זיך ביידע דערציילט, ווי אַזוי מיר האָבן פאַרברענגט דעם יום־טוב.

1944.5.29

די טעג פון קריסטלעכן שבועות זיינען געווען הייסע. שוין אין די פרי־מאָרגן־שעהן, האָט אויסגעפעלט לופט. ביי די ברייט־צעפּראַלטע פענצטער האָט מען געפילט, ווי דער דרויסן וואָלט אַריינגעאָטעמט מיט פייער אין דער שטוב אַריין. דורך דעם, ביז אין דער העלפט פאַרהאַנגענעם, פענצ־טער האָט מען געזען די יום־טובדיקע רו, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט איבער דער גאַס. פון אַלע זייטן האָבן געשטראָמט מאַסן מענטשן אויסגע־פּוצטע אין יום־טובדיקע מלבושים. זיי זיינען געקומען צו דעם טראַמוויי־אָפּשטעל, וואָס נעבן אונדזער פענצטער. יעדע עטלעכע מינוט, האָבן די מיט מענטשן אָנגעפּראָפּטע וואַגאָנען, אַוועקגעפירט די פּאַסאַזשירן צו די באַוואַלדיקטע פּעריפעריעס פון דער שטאָט און די גאַס איז געוואָרן פּוס־טער און פּוסטער.

שווער געווען אין דעם טאָג פון 27טן מאַי צו בלייבן אין די פיר ווענט פון שטוב. וועגן זיצן אין באַהעלטעניש, האָט בכלל קיין רייד נישט געקאָנט זיין, אָבער אויך פון דער שטוב האָט אַלץ מער געצויגן אין דער גאַס. דער שטאַרקער חשק צו זען אַ הימל האָט אונטערגעזאָגט דעם גע־דאַנק, אַז די „געשטאַפּאָ" אָדער „שמאַלצאָווניקעס" האָבן היינט אין אַזאַ הייסן יום־טוב־טאָג — בעסערע געשעפטן, ווי לויערן אויף יידן. כ'האָב באַשלאָסן כאָטש איינמאָל אויך צו פאַרזוכן דעם טעם פון זומער.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ס'איז געקומען די פאַרבינדלערין רבקה מאָשקאָוויטש („זאָשע"), וועלכע האָט מסכים געווען צו מאַכן מיט מיר אַן אויספלוג. מיר זיינען אַרויס אין גאַס, נישט אַרויפגעזעצט זיך אויפן טראַמוויי נעבן אונדזער פענצטער, נאָר געגאַנגען אַ ביסל טיפער אין שטאָט אַריין. דאָרט האָבן מיר זיך אויסגעמישט מיט די מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט ביים אָפּשטעל פון אַ טראַמוויי און דער־נאָך זיינען מיר איינגעשטיגן אין טראַמוויי נומ' 27, וואָס האָט געפירט קיין ביעלאַנע. אויפן וועג איז דער טראַמוויי אַלץ מער פאַרפולט געוואָרן.

ס׳רוב האָבן איינגעשטיגן יוגנטלעכע, בחורים און מיידלעך אין לייכטע זו־מער־קליידער. אַ טייל האָבן געטראָגן בלויע ברילן, כדי צו פאַרהיטן די אויגן. זיי האָבן מיט זיך געפירט באַד־קאָסטיומען און פּעקלעך שפּייז — קענטיק, אַז זיי האָבן זיך געקליבן צו בלייבן אַ גאַנצן טאָג אין די ביער־לאַנער וועלדער.

אין טראַמוויי איז געווען אַ ראַ ענגשאַפט, אַזוי ווי איין שטיק האָט אויסגעזען דער צוזאַמענגעפּרעסטער עולם, וועלכער האָט מיט ציין־קריצעניש געקוקט אויף די כמעט ליידיקע ערשטע בענק, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר די לייט פון „הערן־פאָלק” און אויף וועלכע עס זיינען געזעסן בלויז צוויי „יעקעס”.

שווער געווען צו וויסן, ווער פון מיינע מיטפאָרער האָט מיך גע־מיינט... איך האָב אין דעם צופּאַסן זיך צום אַרום, אין דעם אויסדריקן זאָרגלאָזיקייט, ברומען פון אַ ניגון אַא״וו, באַמיט זיך אַריינצופירן אין אַ טעות די, וועלכע זיינען גרייט אַפילו אין אַ יום־טוב אָפּצוגעבן זיך מיט אַזאַ פּראַזאַישן ענין ווי שאַנטאַזש, אָדער נאָך עפּעס ערגערס... איך האָב זיך אָבער נישט בלויז באַטראַכט פאַר אַן אָביעקט פון עמיצנס בליקן. כ׳האָב אויך נישט ווייניקער געוואָרפן בליקן אויף אַנדערע און דאָס נישט בלויז, כדי צו דערקענען אַ „שמאַלצאָווניק”, וואָס איז אַ צו אָפטער גאַסט אין די טראַמווייען, נאָר כדי אויך אויפצוזוכן אַן „עמך”. אָבער אַזאַ האָט זיך נישט באַוויזן.

ביעלאַנע — דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע אָרט פון שבועות־אויספלוגן ביי דער וואַרשעווער פּוילישער באַפעלקערונג — האָט מיט זיך פאָרגע־שטעלט אַ גרויסן בינשטאָק. אויף אַלע שטעגן און וועגן פון דעם גרויסן באַוואַלדיקטן שטח האָט געווימלט מיט מענטשן. צענדליקער טויזנטער, יונג און אַלט, מענער און פרויען האָבן פאַרברענגט פריי און הפקר, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין מלחמה און אָקופּאַציע נישט געווען. מען האָט אין אַ פריילעכן טומל געטאַנצט, געדרייט זיך אויף קאַרוזעלעס, געוויגט זיך אויף הושטאַווקעס, סתם אַרומשפּאַצירט און געזונגען. די פּליאַזשע איז געווען איבערפולט. אין דער הייסער זון האָבן געבלענדט די פאַרשידנ־פאַרביקע באַד־קאָסטיומען. די ביידלעך מיט סאָדע־וואַסער, עסנוואַרג, פרוכטן און שפּילצייג זיינען געווען באַלאַגערט מיט מענטשן, וועלכע האָבן געגעבן צו פאַרדינען די הענדלער. אינערהאַלב דעם גרויסן המון האָבן זיך דורכגעשלייכט זינגער, שפּילערס, קונצן־מאַכער און אויך שיכורים, וועל־כע האָבן פריילעך געמאַכט דעם עולם. גאַנץ ביעלאַנע האָט מיט זיך פאַר־

געשטעלט אַן אינדזל פון שיכחה, אַן אָרט, וואָס באַפרייט אויף אַ קורצער צייט פון קאַשמאַרן און דעפּרעסיע.

ביז מיין אויספלוג אין ביעלאַנע, האָב איך געקוקט אויף וואַרשע, פוילן און בכלל אויף דער וועלט דורך דער פּריזמע פון „מעלינעס״ און באַהעלטענישן. איך האָב געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז איין גרויס באַהעלטעניש. אין ביעלאַנע דאַקעגן, האָב איך געזען די וועלט אין אַ גאַר אַנדער ליכט. עס איז געווען ממש אומבאַגרייפלעך, אַז מען קאָן פאַרברענגען אַזעלכע שיינע שעהן אין אַ צייט פון אַזאַ בלוטיקן אָקופּאַציע־פּעריאָד.

צווישן די פיל טויזנטער האָב איך דערקענט עטלעכע יידן, און דווקא אַזעלכע, וואָס האָבן אַן עכט „אַרישן״ אויסזען. איך האָב זיי דערקענט אין זייערע מאַטע, אויסגעלאָשענע אויגן, אין זייער אינערלעכער געבראָכנקייט, וואָס איז געווען צו דערקענען אויף זייערע פּנימער, אַפילו די ביעלאַנער פאַרוויילונגען האָבן זיי נישט געקאָנט מיטרייסן. אויף אַזעלכע דינע ליידנס־שטריכן אויף די פּנימער קאָן קיין שום ס״ס־מאַן און קיין „שמאַלצאָווניק״ נישט זיין קיין מבין, זיי קאָן באַמערקן נאָר אַ ייד.

צומאָרגנס, דעם צווייטן טאָג יום־טוב, האָב איך מיט „זאָשען״ ווי־דעראַמאָל געמאַכט אַן אויספלוג קיין ביעלאַנע. הגם דער טאָג איז אויך געווען אַזאַ הייסער, איז אָבער די צאָל מענטשן געווען היפּש קלענער ווי אין דעם פריערדיקן טאָג. מען האָט נישט געזען קיין פאַרוויילונגען. עס האָט זיך קיינער נישט געבאָדן. די וועלדער זיינען געווען כמעט ליידיק. די קליינע צאָל מענטשן, וואָס איז דאָרט יאָ געווען, האָט געצויגן צוריק אין שטאָט אַריין און דאָס איז אונדז געוואָרן אויפפאַלנד. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט, וואָס עס האָט פּאַסירט און זיך דערוואוסט, אַז אַ טאָג פריער, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט אַנדערע הינטער־שטאָטישע פאַרוויילונגס־ערטער און צוגענומען אַ גרויסע צאָל מענטשן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד און צוליב דעם האָבן מענטשן מורא געהאַט צו קומען אויך קיין ביעלאַנע.

גלייך ווי מיר האָבן דאָס דערהערט, האָבן מיר געכאַפּט דעם ערשטן טראַמוויי און אָפּגעצויגן אַ היים.

1944.6.8

שוין עטלעכע טעג, ווי איך האָב זיך געקליבן צו גיין צו יצחקן און צביהן, וועלכע וווינען שוין צוריק אין דער „מעלינע״ אויף פאַנסקע 5,

וואָס איז מיט אַ צייט צוריק „פאַרברענט" געוואָרן. דער באַזוך איז אויך געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַדערפעניש צונויפצוקומען זיך פון די עטלעכע געבליבענע חברים פון מרכז „דרור", בכדי דורכצושמועסן וועגן פראַגן, וואָס זיינען נוגע די געבליבענע חברים פון דער באַוועגונג. ענדלעך האָב איך דעם באַזוך רעאַליזירט דעם 6טן יוני אין דער פרי.

ווען כ'בין אַרויס אין גאַס, האָב איך באַמערקט, אַז די גאַסן זיינען באַלעבט מער ווי געוויינלעך. גרופן און יחידים זיינען געגאַנגען מיט צעשטראַלטע פנימער, וועלכע האָבן אויסגעדריקט צופרידנקייט און האָפנונג. דאָ און דאָרט האָב איך געזען מענטשן האַלטן צייטונגען אין האַנט און אַרום יעדן פון זיי האָבן צען אַנדערע, זיך געשטופט, כדי צו כאַפּן כאָטש אַ קוק אין בלאַט אַריין. זיי האָבן געלייענט, געטיילט זיך מיט די נייעסן און אויפן אָרט קאָמענטירט די ידיעות. איך בין געוואָרן שטאַרק נייגעריק צו וויסן וואָסערע נייעס ס'האָט פּאַסירט און כ'האָב זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער מינוט ביז כ'וועל אויך קריגן אַ צייטונג.

כ'בין צוגעקומען נענטער צו מאַרשאַלקאָווסקע גאַס און בין דערשטוינט געוואָרן זעענדיק דעם גרויסן עולם, וואָס באַלאַגערט די צייטונגס־פאַרקויפער. יעדער רייסט די צייטונג פון פאַרקויפערס האַנט. מען באַצאָלט פאַר אַן עקזעמפּליאַר געזאַלצענע פרייזן און נישט יעדער קאָן אָנקומען צום גליק. איך האָב אויך זיך געלאָזט אין געיעג נאָך אַ צייטונג און נאָך שווערער מי זי באַקומען.

„דער צווייטער פראָנט האָט זיך אָנגעהויבן", „ענגליש און אַמעריקאַניש מיליטער האָט געלאַנדעט אין נאָרמאַנדיע". אַזעלכע קעפּ, מיט קידוש־לבנה־אותיות, האָט געבראַנגט דער „קוריער וואַרשאַווסקי". ווען כ'האָב אָנגעהויבן צו לייענען די גענויערע איינצלהייטן, ווי אַזוי די אַנגלאָ־זאַקסן האָבן אַרויפגעשטעלט דעם ערשטן פוס אויפן פראַנצויזישן באָדן, האָבן מיך פאַרבייגייענדיקע מענטשן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און יעדער האָט געוואָלט כאַפּן אַ בליק אין דער צייטונג. איינער האָט אַפילו פון גרויס התפעלות אָנגעהויבן צו לייענען בקול רם. כ'האָב זיך אַרומגעזען, אַז איך טאָר זיך נישט צופיל אַריינלאָזן מיט מענטשן און חשק געהאַט, וואָס גיכער זיך אַרויסצוקריגן פון דער צופעליקער געזעלשאַפט. פאַמעלעך האָב איך זיך גענומען רוקן פאָרויס, אַנדערע האָבן זיך מיטגערוקט. כ'האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז כ'האָב נישט קיין צייט, פאַרוויקלט די צייטונג און אַוועקגעגאַנגען. כ'האָב געהאַט אַן אמתדיקן קפיצת־הדרך. פון דער פרייליכער איבעראַשונג, פון דער האָפנונג, אַז מיר שטייען אפשר פאַר

אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון קריג, איז מיר דער לאַגער וועג ממש פאַרשוואונדן און ס'האָט מיר אויסגעזען, ווי כ'וואָלט בלויז אַ פּאָר שריט געשטעלט און בין שוין אויפן אָרט.

כ'האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר אויף פּאַנסקע 5 לויט דעם אָפּגע־שמועסטן פּאַראָל און נאָך איידער כ'האָב זיך באַוויזן אומצוקוקן, זיינען מיך יצחק צוקערמאַן, מאַרעק עדעלמאַן און „קאַזשיק" גלייך באַפאַלן. פאַר גרויס שמחה צוליבן „צוויטן פראָנט" און אַלס שטראָף, וואָס כ'בין נישט געקומען מיט אַ צייט פריער, ווען מ'האָט זיך אויף מיר געריכט, האָבן זיי מיר, אַלס ערשטן ברוך־הבא, אַרומגעהילט דעם קאָפּ מיט אַ קאָלדרע און אַ בלינדן מיך צוגעשלעפּט צו אַ טאַפּטשאַן, וואו מען האָט מיר גע־מאַכט אַ „מישקאַנטע" (משכנתא). אַלע האָבן געקלאַפּט וויפל עס גייט נאָר אַריין און איך האָב זיך געוועדט בלינדערהייט מיט די הענט און פיס. צביה האָט אָוועקגעשלעפּט די „אָנפאַלער" און מיר דערמעגלעכט אַ וואָסערע ס'איז פאַרטיידיקונג. די באַלעבאָסטע האָט געוואָלט איינשטילן דעם עולם און זי האָט אונדז דערמאָנט, אַז די מלחמה האָט זיך נאָך נישט געענדיקט און מיר זיינען נאָך דערוויל באַהאַלטענע. דעמלט האָט זיך ערשט דער „קבלת־פּנים" פאַרענדיקט.

נאָך אַ לענגערער צייט נישט זעען זיך, איז מיין צוזאַמענטרעף מיט די חברים אויף פּאַנסקע 5 נאַטירלעך געווען זייער אַ האַרציקער. די פרייד איז געווען נאָך גרעסער, מחמת דער באַזוך איז צופעליק אויסגע־פאַלן אין טאָג פון אָנהויב פון „צוויטן פראָנט", אויף וועלכן מען האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. צוליב דער טאָפּלטער שמחה האָט מען געטרונקען לחיים. מען האָט פאַרבראַכט עטלעכע שעה אין אַ גוטער שטימונג, אַזוי ווי ס'וואָלטן זיך געטראָפן מענטשן, וואָס זיינען געווען צעשיידט דורך ימים און קאָנטינענטן. די געשפּרעכן זיינען אין אַ גרויסער מאָס אויס־געפילט געווען מיט אָפּשאַצונגען וועגן דער ניי־געשאַפענער קריגס־לאַגע, בײַט שטעלן האָראָסקאָפּן פאַר דער צוקונפט און דער עיקר, מיטן אויס־דריקן דעם פאַרלאַנג, אַז אונדזער לאַנגיעריקער נערוון־קריג זאָל זיך שוין ענדיקן.

אין אָוונט האָבן איך, צביה און יצחק זיך אָוועקגעזעצט אַרומצורעדן וועגן די נייעסן פון א"י, וועגן דער לאַגע פון די יידן און חברים אין די לאַגערן און באַהעלטענישן. אויף דער זיצונג זיינען מיר אויך געקומען צום באַשלוס, אַז מיר דאַרפן זיך טרעפן מיט די עטלעכע געבליבענע חברים פון צ"ק פּועלי־ציון צ"ס, וועגן רעאַליזירן דאָס אַריינטרעטן פון

דער איבערבלייבעניש פון אונדזער באַוועגונג אין אונטערערדישן קר״נ (קראַיאָווע ראַדאַ נאַראָדאָווע — פּאַרלאַמענט), אין וועלכן עס זיינען פאַרטרעטן די פּוילישע אונטערערדישע לינקע און דעמאָקראַטישע ריכטונגען, וואָס אָריענטירן זיך אויפן ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אונדזער אַריינטרעטן אין קר״נ קאָן נישט האָבן קיין פּראַקטישע באַדייטונג, ווייל מיר וועלן דאָרט נישט פאַרטרעטן קיין עקזיסטירנדיקע יידישע געזעלשאַפט און באַוועגונג, נאָר אָן אומגעקומענע. מיר האָבן דאָס דעריבער געזען מער ווי אַ סימבאָלישע באַדייטונג, אַן אויסדרוק פון צוגעבונדנקייט פון דעם באַוועגונגס־איבערבלייב צו דער אידיי פון קר״נ.

נאָך דער זיצונג בין איך נאָך געבליבן אַ טאָג אויף פּאַנסקע. די צוויי טעג זיינען דורכגעלאָפן, ווי מינוטן און ס׳איז געקומען די צייט פון געזעגענען זיך. פונקט אַזוי ווי דאָס טרעפן זיך אויף דער ״אַרישער״ זייט איז אַן אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונג, איז די געזעגענונג ווייטיקלעך. דאָס איז אַ מאָמענט פון אַ שטומען פראַגן־אויסטויש: צי וועט מען זיך נאָך זען? צי וועט אַ שווערע מינוט נישט איבעררייסן דעם קאָנטאַקט אויף אייביק?

מיט אַזעלכע נישט געפרעגטע און געפרעגטע קשיות האָב איך זיך געזעגנט אויף פּאַנסקע 5.

1944.7.1

ענדלעך איז געקומען די צייט פון פאַרלאָזן די ״מעלינע״ אויף ראַקאָוויעצקאַ 10. די גאַנצע פיר חדשים, וואָס כ׳בין דאָרט געווען, האָב איך אויסגעקוקט אויף דעם טאָג, ווען כ׳וועל שוין פטור ווערן פון די אַנטיסעמיטישע אַפּוטרופּסים. הגם במשך פון דער צייט, איז די ״מעלינע״ געוואָרן אַ לייטישע און מען האָט דאָרט דרייסט געקאָנט בלייבן, איז אָבער דער ווידערווילן צו דער דאָרטיקער סביבה געבליבן און ענדלעך האָבן מיר געפונען אַ געלעגנהייט זי צו פאַרלאָזן.

צוזאַמען מיט גראַיעקן האָב איך זיך איבערגעטראָגן מיט אַ וואָך צוריק אויף לעשנאָ גאַס 27.

מיר וווינען דאָ אין אַ צימער אויפן צווייטן שטאָק, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן ווי אומעטום — אַ באַהעלטעניש הינטער דער וואַנט. אונדזער נייער באַלעבאָס דער הער טשאַרנאָטאַ, האָט שוין באַוויזן אין די ערשטע עטלעכע טעג פון אונדזער דאָ־זיין זיך איינצולעבן מיט אונדז. ער פאַר־

ברענגט מיט אונדז פיל צייט ביי פרייוואַטלעכע שמועסן, קאָרטן־שפּיל און זוכט אויס פאַרשידענע געלעגנהייטן צו מאַכן מיט אונדז אַ כוסה. יעדער וויכטיקער פּונקט, וואָס די דייטשן פאַרלירן אויף די פראָנטן, ווערט באַגלייט מיט אויפגעהייבענע כוסות און דאָס איז אין דער לעצטער צייט ביים צוזאַמענברעכן זיך פון די דייטשע פּאָזיציעס אויף אַלע פראָנטן אַן אָפטע דערשיינונג.

פון די געשפּרעכן, וואָס מיר פירן מיטן הער טשאַרנאָטאַ ווענן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פראַגן איז צו זען, אַז אויך ער איז נישט פריי פון אַנטיסעמיטישע פאָראורטיילן. אין זיין באַציאונג צו אונדז קומט אָבער דאָס אַבסאָלוט נישט צום אויסדרוק, ווייל דעם הער טשאַרנאָטאָס אַנטיסעמיטיזם איז פאַרדעקט מיט אַ סך טאַקט און קולטור. ער איז אַ מענטש אַ קלוגער, אַ באַוואוסטזיניקער און דערצו אַ העפלעכער, ער איז אַ טיפּישער פאַרשטייער פון פּוילישן בירגערלעכן קלאַס. אין דער נאַטור איז ער נישט קיין ברוטאַלער און נישט קיין רעוואָלוציאָנער. ער האַלט נישט פון ראַדיקאַלע און געוואַלטזאַמע לייזונגען און דעריבער איז ער אויך קעגן דער היטלעריסטישער לייזונג פון דער יידן־פראַגע, הגם די יידן זיינען, לויט זיין מיינונג, אַ פרעמדער און נעגאַטיוור עלעמענט אין פּוילן.

די גאַס, אין וועלכער מיר וווינען, איז אין דער צייט, ווען ס׳האָט עקזיסטירט דאָס געטאָ, געווען דורכגעטיילט אין דער לענג מיט אַ מויער. די גראָדע זייט האָט געהערט צום געטאָ און אומגראָדע זייט — צו דעם „אַרישן" טייל. די גאַנצע ריי הייזער אויף דער זייט, אויף וועלכער מיר וווינען איצטער, שטייט טאַקע גאַנץ און אומגערירט. עס פעלט נישט אין זיי קיין איין ציגל, קיין איין שויב, אַקוראַט ווי עטלעכע מעטער פון זיי וואָלט נישט פאָרגעקומען אַזאַ פייערדיקער הוראַגאַן, וואָס האָט אָפּגעמעקט יעדן סימן פון דער צווייטער זייט גאַס. אויף די הייזער פון אויסערן געטאָ איז אַפילו נישט צו באַמערקן קיין שוואַרצע פלעקן פון די פייער־צונגען, וואָס האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן פון דער ברענענדיקער זייט, צי זיינען שוין אַלע שפּורן אָפּגעוואַשן? אָדער צי האָבן די אונטערצינדער אַזוי קונציק רעגולירט מיט דער פייער־סטיכיע, אַז אויף דער צווייטער זייט גאַס זאָל נישט בלייבן קיין סימן פון פאַרברעכן? די דאָזיקע גאַס מיט איר פאַרניכטעטער יידישער זייט און עקזיסטירנדיקער „אַרישער" זייט, סימבאָליזירט אַמבעסטן די ראַסן שרפה. וואָס איז דאָ פאָרגעקו־

מען און ווען די דייטשן זאָלן אַפילו באַווייזן אָוועקצורוימען די חורבות, איז מ׳זאָל גאָרנישט דערקענען, וועט דער סימבאָל בלייבן.

דורך די פענצטער פון אונדזער צימער אויפן צווייטן שטאָק, וואָס גייען ארויס אויף דער גאַס, זע איך שטענדיק די לאַנדשאַפט פון איינגעפאַלענע ווענט, בערג ציגל און ברוך־שטיקער, איבער וועלכן עס איז אויסגעשפּרייט אַ קלאָרער זומערדיקער בלויער הימל. אינמיטן פון דעם כויט־אינדזל שטאַרצן אַרויף צום הימל די דריי גאַנץ געבליבענע געביידעס — דער קלויסטער, דער „פּאַוויאַק" און דאָס הויז פון „אומשלאַגפּלאַץ". אַרום די גייט אָן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט ביים אויפרייסן מיט דינאַמיט די קעלערס און הייזער־שקעלעטן און ביים ארויספירן די ציגל פון די געוועזענע געטאָ־הייזער.

במשך פון די פערצן חדשים זייט כ׳בין ארויס פון געטאָ, האָב איך כסדר אין געדאַנק געלעבט מיט אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין געטאָ. זייט איך וווין אויף לעשנאָ 27, האָב איך צוריק אָנגעהויבן לעבן מיט דעם פאַרניכטעטן פיזישן געטאָ, מיט די קאָנקרעטע חורבות, וואָס כ׳זע פאַר די אויגן און מיט דער פון לאַנג־באַקאַנטער מויער, וואָס איז שוין ערטערווייז דורכגעבראָכן און וואָס כ׳קוק אויף איר פיל מאָל אין טאָג. דאָס אַלץ איז מיר נאָענט און טייער. הגם די וואונדן ווערן אויפסניי אָנגעוויייטיקט, בין איך צופרידן, וואָס כ׳געפין זיך צוריק אין דער געטאָגעגנט. ווייל ס׳ווילט זיך נישט אַנטלויפן פון אַזעלכע געדעכענישן, ווי שמערצלעך זיי זאָלן נישט זיין.

1944.7.27

די לעצטע טעג האָט וואַרשע געענדערט איר אויסזען. די טעג זעען אויס צו זיין איבערברוכס־טעג אין לעבן פון דער זייט פינף יאָר אָקופּירטער הויפּט־שטאָט. די מענטשן דרייען זיך אַרום מיט געמישטע געפילן, פון שרעק אין האָפענונג, וואָס עס ברענגט מיט זיך די תקופה — ערב סוף, אין דער ליפּע שפּירט מען שוין פרייהייט און אויף דער ערד לויערן נאָך סכנות, וועלכע פאַרמערן זיך מיט דער דערנענטערונג פון דער פרייהייט.

די טעג פון גרויסע איבעראַשונגען האָבן זיך אָנגעהויבן מיטן בליץשנעלן פאַרויסמאַרש פון דער רויטער אַרמיי אין דער ריכטונג צו וואַרשע. יעדן טאָג, אין אַפּטמאָל צוויי מאָל אין טאָג, הערט מען אָפיציעלע און

אונטערערדישע ידיעות, וועלכע דערציילן וועגן דעם, אַז עס זיינען פאַר־נומען געוואָרן אַזעלכע שטעט ווי ווילנע און גראָדנע, ביאַליסטאָק און בריסק, מען הערט שוין וועגן גרויסע קאַמפן אין דער געגנט פון מינסק מאַזאָוויעצק און שעדלעץ. מענטשן איילן זיך צו און דערציילן שוין, אַז די רויטע אַרמיי געפינט זיך אין ראַדזימין, וואָלאָמין, אָטוואָצק און אפילו אויף די פעלדער פאַר פּראַגע. הגם נישט אַלע ידיעות קאָן מען האַלטן פאַר ריכטיקע, איז אָבער זיכער, אַז דאָס קאָן געשען אין געציילטע טעג און אפשר אין געציילטע שעהן. די דייטשע פּרעסע אין דער דייטשער און פּוילישער שפּראַך באַהאַלט שוין גאָרנישט, זי דערציילט שוין אַלץ אָפן, צוגעבנדיק, נאַטירלעך, וועגן „גרויסע נצחונות"ביים „אָפּטשעפּען זיך פון שונא"... יעדער וואָס לייענט אַזעלכע קאָמוניקאַטן, ווינטשט זיי וואָס מער אַזעלכע זיגן.

וואַרשע איז לעצטנס אַן אָביעקט פון גרויסע סאָוויעטישע באָמבאַרדי־רונגען. כמעט יעדן אָוונט, ווען עס ווערט נאָר טונקל, הערט זיך דער פּאַרטויבנדיקער געוויין פון די אַליאַרם־סיגנאַלן און טאַקע באַלד באַ־וויזן זיך אויפן הימל ריזיקע זשיראַנדאָלן, וועלכע זעען אויס ווי מנורות און באַלויכטן די שטאָט מיט אַזוי פיל ליכט, אַז עס זעט אויס, ווי עס וואָלט צוריק טאָג געוואָרן. גלייך נאָכדעם פליען אָן באָמבאַרדיר־עסקאַד־רעס. עס הערט זיך אַ פּייפעריי פון די פאַלנדיקע באָמבעס און די שטאָט ווערט פאַרהילכט פון די שרעקלעכע אויפרייסן, פון דער דייטשער זעניט־אַרטילעריע און פון לופט־קאַמפן. די באַפעלקערונג לויפט אַראָפּ אין די קעלערס מיט שרעק. בלויז איך מיט גראַיעקן" בלייבן אין שטוב, פּונקט ווי אַלע אויסבאַהאַלטענע יידן, ווייל אויך אין די איצטיקע טעג מוז מען זיך היטן, אַז קיין שכנים זאָלן אונדז נישט זען, דערפאַר זיצט מען תמיד אין די אייגענע ד' אמות. ביי יעדן זעץ פון אַ באָמבע טרייסלט זיך די פיר־שטאָקיקע געביידע, ווי אַ פּאַפּירן שעכטעלע, די שויבן בראַזגען, פון סופיט שיט זיך דער טינק אויפן קאָפּ און עס דוכט זיך, אַז אָט, אָט ענדיקן מיר זיך צוזאַמען מיטן הויז.

אָבער נישט בלויז די צייטונגס־ידיעות פון פראָנט און די באָמבאַר־דירונגען פון וואַרשע באַווייזן, אַז מיר שטייען פאַר וויכטיקע געשעענישן, דאָס קאָנען מיר אַמבעסטן זען, ווען מיר קוקן דורכן פענצטער אויפן גאַס. מיט אַ געפיל פון פרייד זעען מיר, ווי עס ציען זיך אין די לעצטע טעג דורך דער לעשנאָ גאַס, אומענדלעכע רייען פון צעקלאַפּטע דייטשע פראָנט־פאָרמאַציעס. אויף וועגענער און צופוס, שלעפּן זיי זיך באָרוועסע

און אָפּגעריסענע, ברודיקע און הונגעריקע, קראַנקע און פאַרבאַנדאַזשיר־טע. איך קוק אויף זיי און מיר דוכט זיך אויס, אַז טאַקע דעם דאָזיקן אָפּ־געריסענעם פאַרוואונדעטן און ברודיקן, האָב איך מיט צוויי יאָר, צי מיט אַ יאָר צוריק געזען נאָך מאַרשירנדיק אויף מזרח, אין פּוילן גלאַנץ און פּראַכט, מיט אָרקעסטער און געזאַנג. ס׳דערמאָנען זיך מיר די הונדערטער טויזנטער דייטשע סאָלדאַטן, אין זייער „דראַנג נאָך אָסטען״, וועלכע איך האָב געזען אין יאָר 1939 און אויך שפּעטער. עס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן די אויסגעפּוצטע, זאַטע, חוצפּהדיק־פאַרריסענע דייטשע זעלנער, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף אַלעמען. איצטער זע איך זיי אין זייער „דראַנג נאָך וועסטען״ מידע און צוזאַמענגעבראָכענע. עס קו־מען מיר אויפן זכרון די דערציילונגען פון עלטערע מענטשן און אויך דאָס, וואָס כ׳האָב אַליין געלייענט וועגן דעם דייטשן ריקצוג אין יאָר 1918. איך פאַרגלייך דאָס מיט די בילדער, וואָס איך זע איצטער דורכן פענצ־טער און טראַכט: די געשיכטע חזר׳ט זיך איבער. אויך איך וועל קאָנען דערציילן יונגערע וועגן אַ „1918״. אָבער ליידער האָבן זיך דאָס נישט דער־וואַרט די מיליאָנען יידן, וועלכע האָבן געחלומט צו שטיין אַזויביים פענצ־טער, ווי איך, און קוקן אויף דער דייטשער מפּלה.

די טעג זיינען געשפּאַנטע. יעדער טאָג און יעדע שעה ברענגט עפּעס נייעס. יעדע נייעס ענדערט די שטימונג אויף בעסער און ערגער. די פּסי־כישע טעמפּעראַטור שטייגט און פאַלט, אַזוי ווי ביי אַ קראַנקן. זייענדיק פינף יאָר סוגערירט פון דער דייטשער קראַפט און אַלמעכטיקייט, איז נישט אַזוי לייכט צו גלויבן, אַז אָט, אין געציילטע טעג, ענדיקט זיך די דייטשע אָקופּאַציע און כ׳וועל אַ פרייער מענטש. ווען די בילדער פון דייטשן ריקצוג, איבער די גאַסן פון וואַרשע, האָבן מיך אין די לעצטע טעג אין דעם איבערצייגט און פּסיכיש צוגעגרייט, קומען גאָר צוגיין מענטשן פון גאַס און דערציילן, אַז אין אַנדערע גאַסן זעט מען דייטשע פאַנצער־דיוויזיעס גייען אויף מזרח — אַ סימן, אַז די דייטשן וועלן נאָך אַזוי גיך נישט אָפּטרעטן, ס׳איז ווידער נישט „פויגלדיק״ אויף דער נשמה. נאָך איידער כ׳לעב זיך איין מיט דעם ערגערן, דערציילט מען ווידער וועגן דער גרויסער בהלה, וואָס איז אַנטשטאַנען ביי די דייטשן אין וואַרשע: די אַדמיניסטראַציע־מאַכט אַנטלויפט, עס אַנטלויפן די ציווילע דייטשן, וועל־כע זיינען געקומען פון „רייך״, אַזוי ווי אין אַ קאָלאָניע אַריין, צו מאַכן אַ לעבן, עס אַנטלויפן „פאָלקס־דויטשן״, מ׳זעט שוין נישט אין גאַס קיין געשטאַפּאָ אאַ״וו. אַזעלכע ידיעות ענדערן ווידער די שטימונג. אָבער

דאָס האַלט אָן אַזוי לאַנג, ביז מען דערציילט, אַז דער דייטשער מאַכט איז געלונגען צו קומען צו זיך נאָך דער גרויסער פּאַניק פון 24טן יולי, ווען מען האָט געמיינט, אַז אַלץ ברעכט זיך צוזאַמען. איצט אַרבעטן שוין צו ביסלעך ווידער די אַמטן און די מאַכט ווייזט נאָך אַרויס אַ סימן פון לעבן.

בלויז דער אָפּקלאַנג פון דער פראָנט־אַרטילעריע גיט אונדז מעג־לעכקייטן צו אָריענטירן זיך, ווי מען האַלט אין דער וועלט. מען הערט זיך איין אין די אָפּהילכן פון דער אַרטילערישער קאַנאָנאַדע און לויט דעם, צי מען הערט זיי פון דער נאָענט אָדער פון דער ווייט, ווייסן מיר פּיל מער וועגן דער לאַגע — ווי פון די ידיעות אין די צייטונגען אָדער פון די קלאַנגען, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט אין גאַס.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען די שיסעריי נאָר געהערט ביי נאַכט און זייער שוואַך בייטאָג. היינט הערט מען שוין אויך בייטאָג אומ־אויפהערלעכע קאַנאָנאַדעס און ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט זיך געשלאָגן ביי די טויערן פון וואַרשע.

צווישן די אַלע טעג און נעכט פון דער לעצטער „הייסער" וואָך אין וואַרשע, איז באַזונדערס דער נעכטיקער אָוונט געבליבן אין זכרון, ספּע־ציעל ביי די איינוווינער פון דעם טייל לעשנאָ גאַס, וואָס געפינט זיך אַנטקעגנאיבער דעם געוועזענעם געטאָ. דאָס איז געווען בערך 12 אַזייגער. עס איז קוים אַדורך אַ האַלבע שעה, זייט עס האָט זיך געענדיקט דער סאָ־וויעטישער אָנפאַל און די באַפעלקערונג איז צוריקגעקומען פון די קע־לערס. פּלוצלונג האָט זיך געהערט אַ שרעקלעכע שיסעריי, וואָס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. אין ערשטן אויגנבליק האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס קומט פאַר נישט ווייט פון אונדזער הויז. מיר האָבן באַלד פאַר־לאָזן די עלעקטרע און זיך צוגעשאַרט צום פענצטער, כדי צו זען, וואָס אין דרויסן קומט פאַר. די נאַכט איז אָבער געווען אַ פינצטערע און עס איז גאָרנישט מעגלעך געווען צו זען. מען האָט נאָר לסוף איינגעזען, אַז די שיסעריי איז גאָרנישט אַזוי נאָענט, ווי עס האָט זיך געדוכט. די אָפּקלאַנגען האָבן זיך געטראָגן פון „פּאַוויאַק". יעדע פאָר מינוט, ווען די שיסעריי איז איבערגעריסן געוואָרן, האָט מען געהערט, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, זייער ווייטע קולות פון דייטשן. עס איז נישט געווען שווער צו פאַרשטיין, אַז אויפן הויף פון „פּאַוויאַק" ווערן דער־שאָסן אַרעסטאַנטן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוגרייטונג צו דער דיי־טשער עוואַקואַציע. די ווילדע קולות און שיסערייען האָבן געדויערט ביז

אין דער טיפער נאַכט אַריין. היינט אין דער פרי און אַ גאַנצן טאָג האָט מען אויפן שטח פון דער אַמאָליקער געטאָ־תפיסה אויף גענשע גאַס געזען כמאַרעס רויך, וועלכע האָבן זיך געריסן צום הימל און פאַרשטעלט דעם גאַנצן האָריזאָנט. פון דעם קאָן מען דריגגען, אַז די שיסערייען פון נעכטן ביינאַכט זיינען נישט פאָרגעקומען אויפן הויף פון „פּאַוויאַק", נאָר מען האָט געטריבן די אַרעסטאַנטן צו דער אַזוי־גערופענער „גענשעווקע", דאָרט זיי אומגעבראַכט און היינט האָט מען פאַרברענט זייערע קערפּערס.

* * *

די איצטיקע טעג זיינען זייער אינטערעסאַנטע. יעדער פילט, אַז מיר שטייען אויף דער שוועל פון אַ נייער געשיכטלעכער תקופה. הגם דאָס אַלטע דריקט נאָך געגוג אויפן געמיט און ס'איז נאָך נישט באַוואוסט ביט וואָס ס'וועט זיך ענדיקן, הויבט שוין דער מענטש אָן צו אָטעמען מיט דעם נייעם, מיט די טיפע ענדערונגען, וואָס האַלטן ביים פאָרקומען אין דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער און כאָטש אין די מענטשלעכע אויגן קאָן מען נאָך זען אַ גרויסע געדריקטקייט, איז שוין אָבער צו באַמערקן אַ געוויסע אויפלעבונג, אַ פרייערן שמייכל און אַן אויפגעוואַכטן לעבנס־לוסט.

אויך די פוילישע אונטערערדישע באַוועגונג האָט זיך דערוואַרט אויף איר צייט. מען זעט באַשיינפּערלעך, ווי זי גייט אַרויף אויף דער אויבערפלאַך און הויבט אָן צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער הערשנדיקער מאַכט. מאָביליזאַציע־פּלאַקאַטן, וועלכע רופן די באַפעלקערונג צו גרייטקייט העגגען אויף אַלע ראָגן. אַזוי ווי עס וואָלט שוין בכלל קיין אָקופּאַציע נישט געווען. די אונטערערדישע פּרעסע ווערט פאַרקויפט אויף די גאַסן און מען נעמט זי שוין אין דער האַנט אַריין אָן שום מורא. מענטשן רעדן כמעט פריי וועגן פּאָליטישע און מיליטערישע געשעענישן, אָן חשד, אַז עמיצער הערט אונטער. די שוואַכקייט פון דער דייטשער מאַכט, וועלכע האָט שוין נישט קיין מוט צו רעאַגירן אויף דער מאָביליזאַציע, ווערט בולטער פון שעה צו שעה.

און מיר יידן?

קיינער לעבט נישט איצט איבער אַזאַ נשמה־פיבער און אַזאַ איבערלעבט אויפרודערונג, ווי מיר אין די באַהעלטענישן. שטייען מיר דאָך נישט, ווי אַלע אַנדערע, פאַר דער פולער הערלייזונג פון אַ שלעכט צרהדיק

לעבן צו אַ פריי לעבן. מיר שטייען דאָך פֿאַרן בוכשטעבלעכן צוריקגעווינען די רעכט צו לעבן.

ווען איך שפּרינג אַריבער, אין דער פֿאַנטאַזיע, איבער די שווערע טעג וואָס טיילן מיך נאָך אָפּ פֿון דער באַפרייאונג און איך זע זיך שוין ווי אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, ווערט מיר אויפסניי קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן. איך הויב אָן דערפֿילן מיין ייִדישע איינזאַמקייט און די באַפרייאונג איז גאַרנישט אַזוי זיס ווי ביי אַנדערע. אָבער טראַץ דעם ווילט זיך שוין אָן ענדערונג, ווייל ווייטער אַזוי צו לעבן איז שוין נישט מעגלעך. עס זיינען שוין מיד די ייִדן אין די באַהעלטענישן און עס זיינען שוין מיד צו טראָגן זיי הילף אונדזערע פֿאַרבינדלער, וועלכע האָבן אַרייגעשריבן אַ גאָר באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אונטערערדישער באַוועגונג, און וועלכע שטייען ווייטער, טראָץ דעם, וואָס זיי זיינען שוין דערשעפּט, אומגעבראָכן ביי זייער הייליקער אַרבעט.

דערפֿאַר וואַרט מען אויף די קומענדיקע טעג אַזוי אומגעדולדיק. דערפֿאַר לעכצט מען אַזוי נאָך דער אַנטשיידונג, וועלכע קלאַפּט שוין ממש אין דער טיר.

III

# אין ווארשעווער אויגוסט־אויפשטאנד

# וואַרשע אין דריטן געראַנגל

דינסטיק, דעם 1טן אויגוסט 1944, האָט זיך געשטעלט אַ וואָרעמער, זוני־קער טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם געוויינלעכן גאַנג פון די פרי־ערדיקע טעג אין וואַרשע. און דאָס זיינען געווען טעג פון אויסער־געוויינלעכע דערוואַרטונגען און פון פאַרשטאַרקטער וואַכזאַמקייט מצד דער באַפעלקע־רונג פון דער אָקופּירטער פוילישער הויפּט־שטאָט. וואָס מער דער ווייזער פון זייגער האָט זיך נענטער צוגערוקט צו די נאָכמיטאָג־שעהן, אַלץ מער איז דער טאָג אַראָפּ פון זיינע נאָרמאַלע רעלסן און איז געוואָרן נישט ענלעך אַפילו צו די אָנגעגליטע טעג און פיבערדיקע שעהן פון דער סאַמער לעצטער צייט.

אַרום מיטאָג־צייט האָט מען שוין, אַזוי ווי מיט דער האַנט, אָנגע־טאַפּט די געענדערטע שטימונג, וואָס האָט באַהערשט די שטאָט. פון אויער צו אויער האָט מען זיך איבערגעגעבן, אַז אָט, אָט ברעכט אויס אַן אויפ־שטאַנד. מען האָט שוין אַפילו אָנגעגעבן אַ שעה — פינף אַזייגער פאַר־נאַכט — אויף וועלכער דער אָנהויב פון אויפברויז איז באַשטימט געוואָרן. איינער האָט יאָ געגלויבט אין דער ריכטיקייט פון דער באַשטימטער שעה, אַ צווייטער — נישט, אָבער יעדער האָט זיך גענומען גרייטן צו די קו־מענדיקע שטורמישע שעהן.

די גאַסן זיינען פול געווען מיט מענטשן. מען איז נישט געגאַנגען, ווי געוויינלעך, נאָר געשפּרייזט מיט ריזן־טריט. אויף דער גיך איז מען געגאַנגען צו קרובים און באַקאַנטע, כדי צוויסן צוגעבן, וועגן דעם, וואָס עס קומט אָן. די שפּייז־געשעפטן זיינען געווען איבערפולט מיט מענטשן, יעדער האָט זיך געוואָלט אָנגרייטן אויף די שווערע מינוטן, וואָס מער עסנוואַרג, פּאַפּיראָסן, ליכט, שוועבעלעך, וואַסער און אַנדערע נויטיקע זאַכן. מען האָט געזען איילנדיקע מענטשן טראָגן פּעקלעך און אַפילו זעק. אַנדערע זיינען געלאָפן אויסכאַפּן אין די געוועלבער וואָס עס לאָזט זיך. די פּרייזן זיינען געוואָרן אויפגעשרויפט. עס האָבן פאַרפעלט פּראָדוקטן

און נישט אַלע האָבן זיך געקאָנט איינשאַפן אַ געהעריקן שפּייז־רעזערוו.

אַרום פיר, האַלב פינף נאָכמיטאָג, זיינען די גאַסן אָפּגעשטאָרבן. דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געזען מענטשן, וואָס זיינען געלאָפן, כדי וואָס גיכער צוקומען אין שטוב אַריין. פינקטלעך פינף אַזייגער, האָט מען שוין געהערט די ערשטע שאָסן פון פאַרשידענע שטאָט־טיילן. די אויפשטענדלער האָבן אָנגעהויבן אַ גענעראַל־אָנגריף אויף אַלע דייטשע אָמטן און אונטערנעמונגען אין שטאָט, אויף אַלע מיליטערישע אָביעקטן, אַד־מיניסטראַטיווע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס. כסדר און אַלץ מער האָט מען געהערט די שיסערייען און די באָמבן־אויפרייסן, וועלכע זיינען אַקאָמפּאַנירט געוואָרן פון די אומאויפהערלעכע אָפּהילכן פון דער פראָנט־אַרטילעריע. דער גרויזאַמער כאָר פון אַלערליי אויפרייס־קולות האָט פאַרטויבט און נישט געגעבן קיין איין מינוט רו. אין פאַרלויף פון גע־ציילטע שעהן זיינען, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן ריזיקע באַ־ריקאַדן. אין אַלע גאַסן און ביי אַלע ראָגן זיינען די איינוווינער פאַר־נומען געווען ביי אַ פיבערהאַפטער אַרבעט. זיי האָבן אַרויסגעריסן די שטיינערנע קלעצלעך פון ברוק און פון די טראָטואַרן, אומגעוואָרפן טראַמ־וויי־וואַגאָנעס און פון זיי אויפגעשטעלט הויכע באַריקאַדן.

די ערשטע שעהן פון אויפשטאַנד זיינען געווען זיגרייכע פאַר די אויפ־שטענדלער. אויף אַ סך ערטער, האָבן די דייטשן כמעט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. זיי זיינען אַנטלאָפן איבערלאָזנדיק אין די הענט פון די אויפשטענדלער מאַגאַזינען מיט געווער, שפּייז, מיליטערישער קליי־דונג אאַ״וו. זיי האָבן זיך בלויז קאָנצענטרירט אויף די סטראַטעגישע פונקטן: אויף די וועגן, ווייסל־בריקן — וואָס זיינען נויטיק געווען פאַר דער באַוועגונג פון דייטשן מיליטער, ווי אויך אויף די פעריפעריעס פון דער שטאָט. כמעט אַלע שטאָט־טיילן זיינען באַהערשט געוואָרן דורך די אויפשטענדלער און בלויז אין איינצלנע בנינים פון באַזונדערע ראַיאָנען, האָבן די דייטשן געפירט פאַרטיידיקונגס־קאַמפּן און געגעבן אַ סך קרבנות. צוליב דעם, וואָס די אויפשטענדלער האָבן פאַרבאַריקאַדירט די גאַסן, זיי־נען אַ סך אויטאָס מיט דייטשן געבליבן שטעקן אין די אָפּגעשלאָסענע גאַסן. זיי זיינען געלאָפן פון איין גאַס צו דער צווייטער און אין ערגעץ נישט געקאָנט דורכפאַרן. פון אַלע באַריקאַדן זיינען זיי באַשאָסן געוואָרן און די אויפשטענדלער האָבן דעראָבערט די אויטאָס.

אויך פון דער ציוויל־באַפעלקערונג זיינען אַ סך אומגעקומען אין די ערשטע שעהן. ווייל פינף אַזייגער נאָכמיטאָג, ווען דער אויפשטאַנד איז

אויסגעבראָכן, זיינען נאָך אַ סך מענטשן נישט געווען אין זייערע היימען. אויפן וועג אין שטוב אַריין זיינען אַ סך געפאַלן פון די קוילן פון די אַנט־לויפנדיקע דייטשן, וועלכע האָבן געשאָסן אויף רעכטס און לינקס. זייער אַ סך מענטשן זיינען אַריינגעלאָפן אין דעם נאָענטסטן הויז נעבן וועלכן זיי האָבן זיך אַקוראַט געפונען. דורך דעם זיינען זיי געבליבן אָפּגעשניטן פון זייערע פאַמיליעס און נישט וויניק פון זיי האָבן זיך שוין מיט זייערע קרובים מער נישט געזען. אין אַ סך הייזער האָבן געפעלט צו עטלעכע שטענדיקע איינוווינער און אין די זעלביקע הייזער האָבן זיך געוואַל־גערט פרעמדע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַהיימגיין. אין די ערשטע שעהן פון אויפשטאַנד, איז אויך ביי אַזעלכע אומשטענדן גע־פאַלן אונדזער פאַרבינדלערין די חברטע פון „דרור" הבקה מאַשקאָוויטש („זאָשע"), וועלכע האָט נאָך אין דער לעצטער שעה פאַרן אויפשטאַנד גע־וואָלט צעטיילן צווישן די אויסבאַהאַלטענע יידן די געלט־שטיצעס פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. זי איז געפאַלן נעבן הויז טוואַרדע 31, וואו עס האָט געוווינט איינער פון די פּאַליאַקן, וואָס האָבן געהאָלפן דער יידי־שער אונטערערדישער באַוועגונג — סטאַשעק דוטקעוויטש (היינט טעטיק אין דער פוילישער מיליץ). אַ שווער־פאַרוואונדעטע האָט „זאָשע" מיט די לעצטע כוחות זיך דערשלעפּט צו סטאַשעקן אין שטוב אַריין. דער לעצטער האָט זי אויף די הענט אָוועקגעטראָגן אויף שליסקע־גאַס, אין שפּיטאָל אַריין, וואו זי איז מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער געשטאָרבן בעת דער אָפּעראַציע.

דער אויפשטאַנד האָט זיך ערשט רעכט פונאַנדערגעפלאַקערט דעם צווייטן, דריטן און פערטן טאָג. פאַרביסענע קאַמפן זיינען אָנגעגאַנגען פאַרן באַהערשן די גאַזאָווניע, עלעקטראָווניע און וואַסערלייטונג, דעם בנין פון באַנק־פּאָלסקי, דעם וואָלקן־קראַצער און דעם פּאָסט־בנין אויפן נאַפּאָלעאָן־פּלאַץ. שווערע קאַמפן האָבן זיך געפירט אַרום דעם „פּאַוויאַק" און אַרום דער תפיסה אויף גענשע, וואו דאָס פוילישע מיליטער האָט באַפרייט עטלעכע הונדערט רומענישע און אונגאַרישע יידן, וועלכע די דייטשן האָבן נישט באַוויזן אומצוברענגען.

אַממערסטן כוחות האָבן די דייטשן געוואָרפן אויף וואָליע. פאַר יעדן פרייז האָבן זיי געוואָלט איינהאַלטן די דאָרטיקע געגנט, כדי נישט צו פאַר־לירן דעם וועג, וואָס פירט אויף מערב. די דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען האָבן דאָרט געקעמפט פאַר יעדן הויז און פאַר יעדן שפּאַן ערד. אומעטום האָבן זיי געזייט חורבן און פאַרניכטונג. זיי האָבן אונטערגעצונדן הייזער,

פּאָגראָמירט די ציוויל־באַפעלקערונג, פון וועלכע ס׳איז געפאַלן אַ גרוי־
סע צאָל מענטשן. פון וואָליע האָבן אונטער אַן אומאויפהערלעכער באַשיסונג
געשטראָמט מאַסן פליטים, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן אין די, דורך די
אויפשטענדלער פאַרנומענע שטאָט־טיילן פון וואַרשע. די האָבן גע־
שפּאַרט דורך פאַרשידענע וועגן, שטעגן און לעכער און געטראָגן אויף
די פּלייצעס אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט ארויסכאַפּן אויף דער גיך
פון זייער שטוביקן פאַרמעגן, כמעט אין יעדן הויז אין די באַפרייטע טיילן
פון וואַרשע, האָבן זיך געפונען אַנטלאָפענע פון וואָליע, וועלכע האָבן דער־
ציילט וועגן די גרויל־טאַטן פון די דייטשן און וועגן דער מוטיקער האַל־
טונג פון די פּוילישע אויפשטענדלער, וועלכע האָבן לעבעדיקערהייט
נישט אָפּגעגעבן קיין איין פּאָזיציע. ערשט נאָכדעם, ווי דער רוב פון די
פּוילישע זעלנער אויף וואָליע איז אומגעקומען און די לעבנגעבליבענע
האָט פאַרפעלט מיטלען צום קאַמף, האָבן די דייטשן באַהערשט די געגנט.
די וואָליער קעמפער זיינען געוואָרן אַ ביישפּיל פון מוט און געוואַגטקייט
פאַר דער גאַנצער אויפשטאַנדס־אַרמיי, וואָס איז געווען צעשפּרייט אי־
בער אַלע באַריקאַדן פון דעם גרויסן וואַרשע.

דער אויפשטאַנד האָט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער זיך פונאַנדערגעפלאַ־
קערט און דאָס נישט בלויז אויף די באַריקאַדן, נאָר אויך אין באַוואוסטזיין
פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די פאַרנומענע גאַסן דורך די אויפשטענד־
לער, האָבן זיך אויסגעטיילט פון די נישט־פאַרנומענע גאַסן, נישט בלויז מיט
די נאַציאָנאַלע פענער, וועלכע זיינען געהאָנגען אויף די הייזער, באַלקאָנען
און דעכער, נאָר אויך מיט די צעשטראַלטע פּנימער און פלאַמיקע אויגן
פון אַלט און יונג. פרייד און עקזאַלטאַציע האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַלע
ווינקעלעך, אויף אַלע הייף און גאַסן פון באַפרייטן שטח, וואו ס׳האָבן
זיך נאָר גרופּירט מענטשן. קיינער האָט נישט געקאָנט איינרוען אין שטוב.
אַלעמען האָט געצויגן אין גאַס אריין, הגם מ׳האָט זיך געמוזט היטן פאַר
אַ בלאָנדזשענדיקער קויל. די אויגן האָבן זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן
קוקנדיק אויף די ווייס־רויטע פענער, אויף די גרינע אוניפאָרמען און די
פיר־שפּיציקע מיליטערישע היטלען פון די פאַרביי־גייענדיקע פּוילישע זעל־
נער, וועלכע מען האָט שוין נישט געזען גאַנצע פינף יאָר. שוין פינף
יאָר האָט מען נישט געזען מענטשן מיט אַזעלכע אויפגעהויבענע קעפּ און
מיט אַזאַ פרייען בליק. קיינער האָט נישט געקאָנט זיין מיט זיך
אַליין. עס איז נישט געווען גענוג צו טראָגן די פרייד אין זיך. יעדער האָט
דעריבער געזוכט מענטשן, כדי זי צו ברענגען צום אויסדרוק פאַר אַנ־

דערע. און געברענגט צום אויסדרוק די פרייד האָט מען דורך דערציילן, איינער דעם אַנדערן, וועגן די העלדישע מעשים פון די אויפשטענדלער, וועגן די מפלות פון די דייטשן, וועגן געוואונענע שלאַכטן, פאַרנומענע הייזער, אָדער גאַסן, וועגן דערגענטערונג פון דער רויטער אַרמיי אאַ״וו. אינאייניוועגס, האָט מען געלאָזט אין גאַנג פאַרשידענע גוזמאות און קאַטש־קע־ידיעות, אַבי צו שטאַרקן און הויבן דעם מוט ביי אַנדערע. אויב עמי־צער איז געווען עטוואָס גלייכגילטיק צו דעם, וואָס מען האָט דערציילט, האָט מען געקוקט אויף אים אַזוי, ווי ער וואָלט נישט געווען קיין טרייער פאַטריאָט יעדער איינער, וואָס איז נישט געווען דירעקט באַטייליקט אין קאַמף, האָט געזוכט צו העלפן דעם אויפשטאַנד און צו ברענגען אַ נוצן אין דער אַלגעמיינער פאָלקס־אַנשטרענגונג מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

די דאָזיקע באַציאונג פון דער ציוויל־באַפעלקערונג צום אויפשטאַנד, האָבן אַממערסטן אָפגעפילט די זעלנער. אויף זייער וועג פון אָדער צו דער פאָזיציע, פלעגן זיי אַרומגערינגלט ווערן פון צענדליקער מענטשן. מען פלעגט זיי כסדר שטעלן פראַגן וועגן גאַנג פון אויפשטאַנד, וועגן צו־שטאַנד אויפן דייטש־סאָוויעטישן פראָנט, וואָס געפינט זיך פאַר די טוי־ערן פון וואַרשע. פרויען פלעגן ברענגען פון דער שטוב וואַסער, ברויט און געקעכטס פאַר די זעלנער. מען האָט זיך געטיילט מיט דעם אָרעמען ביסן, מען האָט די זעלנער אויפגענומען בסבר פנים יפות און אַזוי אַרום געוואָלט ביישטראָגן אַ חלק צום אויפשטאַנד.

אין די געשפרעכן צווישן דער פוילישער באַפעלקערונג האָט מען נישט געהערט קיין שום ווערטער פון ווידערווילן צום אויפשטאַנד און קיין פאַרדרוס אויף די אייגענע זין און טעכטער, וועלכע האָבן זיך גע־מאָלדן פרייוויליק צום אויפשטאַנד און איינגעשטעלט דאָס אייגענע לעבן. אין די געשפרעכן האָבן טאַטעס און מאַמעס זיך געגרויסט: איך האָב אַ זון צווישן די אויפשטענדלער, איך האָב צוויי זין אויף די באַריקאַדן אאַ״וו. דער רוב פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַרן אויפשטאַנד נישט געווען אָרגאַ־ניזירט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און אין די געהיימע אַרמייען, איז בעתן אויפשטאַנד נישט געבליבן הינטערשטעליק, יעדער אויף זיין שטייגער און לויט זיינע מעגלעכקייטן. אַלע בייע קרייזן זיינען מיטגעריסן געוואָרן צום אַקטיוון קאַמף. מיידלעך האָבן זיך געשטעלט אַלס סאַניטאַרינס און מוטיק אויסגעפירט זייערע אויפגאַבן. אויף די סכנותפולסטע ערטער זיי־נען זיי געלאָפן טראָגן הילף די פאַרוואונדעטע, געאַרבעט טאָג און נאַכט ביים אויפזיכט איבער די קראַנקע. ביי יעדן קאַמפס־צוזאַמענשטויס צווישן פוי־

לישן מיליטער און די דייטשן, פלעגן די סאַניטאַרינס זיך געפונען אויפן סאַמע ווייטסטן אַרויסגערוקטן פונקט און פיל פון זיי זיינען געפאַלן צו־זאַמען מיט קעמפער אוןביים טראָגן פאַרוואונדעטע אין שפּיטאָל אַריין. אויך קינדער און יוגנטלעכע פון 11—12 יאָר האָבן נישט גערוט. זיי האָבן געאַרבעט אַלס קוריערן און קאָלפּאָרטערן פון דער אויפשטאַנדס־פּרעסע וועלכע איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע אויסגאַבן, דערשינען יעדן טאָג און אָפטמאָל צוויי מאָל אין טאָג אין אַ סך עקזעמפּלאַרן און האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביים אינפאָרמירן די באַפעלקערונג וועגן די געשעענישן פון טאָג. דאָס קליינוואַרג איז געווען אַ וויכ־טיקער טייל אין אויפשטאַנד. אָנגעלאָדענע מיט פּעק ליטעראַטור, פלעגן זיי זיך דורכשלייכן פון איין באַריקאַדע צו דער צווייטער און פון איין הויז אין אַנדערן דורך די צעריסענע ווענט און שטעגן און דורך די מיט באַריקאַדן דורכגעשניטענע גאַסן און דורכגאַנגס־לעכער. צו יעדן אָרט און יעדן ווינקל פלעגן זיי דורכגיין און פונאַנדערטיילן דאָס געדרוקטע וואָרט פון דער נייער פּוילישער מאַכט אין די באַפרייטע גע־ביטן פון וואַרשע.

פונקט אַזוי ווי דאָס פּוילישע מיליטער, האָט אויך די באַפעלקערונג— ד׳ פּשוטע מענטשן, וואָס זיינען געזעלשאַפטלעך ווייניק באַוואוסטזיניק — נישט געלאָזט זיך איינברעכן. סיי מיט פרידלעך־אַפּנאַרערישע מיטלען, סיי מיט די מערדערישע מעטאָדן פון די דייטשן. עס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן די גרויסע מאַסע פון טויזנטער מענטשן, וועלכע איז אין דריטן טאָג פון אויפשטאַנד אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, כדי צו כאַפּן אַ פלוג־בלעטל, וואָס די דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגעוואָרפן אין די הונ־דערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. איך שטיי אינמיטן פון דעם נייגעריקן עולם וואָס „שלינגט" די געדרוקטע ווערטער מיט די אויגן און כ׳לייען: ברידער פּאָליאַקן! העלפט דער דייטשער אַרמיי צו פאַרטרייבן די באָל־שעוויקעס פון אונדזער פאָטערלאַנד. די ענגלענדער האָבן אונדז אָפּגע־נאַרט און די באָלשעוויקעס ווילן אונדז פאַרניכטן. אונדזער איינציקער פאַרבינדעטער איז די דייטשע אַרמיי אא״וו אא״וו. געחתמעט: פּרעמיער מיקאָלייטשיק, גענעראַל סאָסנקאָווסקי.

„ס׳וועט זיי נישט געלינגען אונדז אָפּצונאַרן", „אונדזערע זעלנער וועלן דאָס געווער נישט לייגן נאָך זייערע געפעלשטע אויפרופן". אַזעלכע און ענלעכע געשרייען האָבן זיך געהערט פון די טויזנטער מיילער, באַגלייט מיט שפּאָט און זידלערייען אויפן אַדרעס פון די דייטשן. קיין איינער

האָט זיך נישט געפונען פון דער געדיכטער מאַסע, וואָס זאָל אויף אַ מינוט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די אויפרופן זיינען נישט קיין דייטשע.

אויך די דייטשן האָבן ווייזט אויס, נישט געגלויבט אין דער ווירקזאַמקייט פון זייער פּראָפּאַגאַנדע־טריק. זיי האָבן נישט געוואַרט אויף רעזולטאַטן און נישט געריכט זיך, אַז אָט שטעלן זיך די פּאַליאַקן צוהילף דער דייטשער אַרמיי, נאָר בערך אַ שעה נאָכדעם, איז ווידער אָנגעפלויגן אַן עסקאַדרע אַעראָפּלאַנען און מענטשן זיינען ווידער אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס כאַפּן פלוג־בלעטלעך, אָבער אָנשטאָט פלוג־בלעטער זיינען געפלויגן קוילן פון מאַשין־געווער. זיי האָבן מיט די לופעס געזייט פייער איבער די קעפּ פון טויזנטער שוצלאָזע מענטשן, פון וועלכע עס זיינען געפאַלן קרבנות.

פון דעמלט אָן איז דער געדרויש פון אַעראָפּלאַן־מאָטאָרן געוואָרן דער סיגנאַל זיך צו באַהאַלטן אין די קעלערס. בעת די וויטערדיקע אָנפליען, זיינען די גאַסן געווען פוסט. אָבער די דייטשן האָבן מיט זייער פאַרניכטנדיק פייער געטראָפן אין די הייזער. זיי האָבן גענומען וואַרפן פיל מאָל אין טאָג שווערע אויפרייס און צינד־באָמבעס. אַזוי טאָג איין, טאָג אויס, זיינען מענטשן פאַרשיט געוואָרן אונטער די איינפאַלנדיקע געביידעס און עס איז אַוועק מיטן רויך מענטשלעכע פּראַצע. אָבער דאָס אויפגעשטאַנענע פאָלק האָט אַלץ גענומען באהבה. וויל מען האָט געזען אין דער דייטשער אכזריות אַ סימן, אַז דאָס זיינען קאָנוואולסיעס אין די לעצטע שעהן פאַר זייער מפּלה. מען האָט געגלויבט אין די אייגענע באַוואָפנטע כוחות, אין דער ענטוזיאַסטישער יוגנט, וועלכע שטייט אומאונטערגעבראָכן אין קאַמף. עס האָט אָנגעפילט מיט האָפענונג די לייבן־שטים פון די סאָוויעטישע קאַנאָנען. יעדער געבריל זייערער האָט געקלונגען, ווי דער אָנזאָג — מיר קומען אָן! דער געדאַנק וועגן אָנקום פון דער באַפרייערישער אַרמיי, האָט געשטאַרקט דעם זעלנער אויף דער פּאָזיציע און די באַפעלקערונג אין די קעלערס. די שרעקלעכסטע באָמבאַרדירונגען, די שרפות און בלוט־באָד האָט מען געזען, ווי חבלי לידה, וועלכע וועלן אין געציילטע שעהן, אין אַ טאָג אָדער צוויי ברענגען די אויסלייזונג.

אַזוי איז אַריבער די ערשטע וואָך פון אויפשטאַנד.

* * *

שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך פאַרצויגן איבערן הימל, אַראָפּגענידערט אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד און אַרומגעהילט, ווי מיט־

אַ שוואַרצן שלייער די מענטשלעכע געזיכטער. ס'איז פאַרשוואונדן דער ענטוזיאַזם. מידקייט און נידערשלאַגנקייט האָט באַהערשט גרויס און קליין. דעפּרעסיע און פאַרביטערונג האָט זיך פאַרטיפט פון מינוט צו מינוט. דער פריערדיקער בשורה־ברענגענדיקער קלאַנג פון אויטאָמאַטן־שיסעריי, וואָס האָט געפלאַנצט האָפנונג, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין גריל־צנדיקן נערוון־צעשרייפנדיקן געפּילדער. און דאָס ערגסטע — עס איז פאַרשוואונדן דער גלויבן.

ס'איז פאַרשוואונדן דער גלויבן נישט אין דער מפּלה פון די דייטשן, נאָר אין נצחון פון וואַרשע. עס ווייזט זיך נישט קיין שום סימן, אַז עס וועט מקוים ווערן די האָפענונג אויף אַ גיכער אויסלייזונג. איינער דעם צווייטן איז שוין מיד געוואָרן צו מוטיקן, צו פאַרזיכערן, אַז אין געציילטע שעהן, אָדער אין טעג, ענדיקט זיך דאָס בלוטיקע שפּיל. די בעסטע פריינד, די נאָענטסטע מענטשן מיידן זיך אויס און ווילן זיך איינער דעם אַנדערן אויף די אויגן נישט ווייזן, כדי נישט צו דאַרפן געבן קיין ענטפער אויף דער עקבערנדיקער פראַגע: ווען? ווען וועט עס אַ סוף נעמען? אויך די אויפשטאַנדס־פּרעסע האָט שוין אויפגעהערט צו ריידן קלאָרע דיבורים, וועגן די נאָענטסטע פּערספּעקטיוון. ווייל, ווי לאַנג קאָן מען שרייבן דער־מונטערנדיקע ווערטער, וואָס ווערן קיין איין מאָל נישט באַשטעטיקט דורך דער ווירקלעכקייט?

דערווייל איז שטילער געוואָרן אויפן וואַרשעווער אָפּשניט פון דייטש־סאָוויעטישן פראָנט. די פראָנט־אַרטילעריע הערט מען איצט פון אַלץ אַ ווייטערן מרחק און ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז די דייטשן איז געלונגען צוריקצושטויסן די רויטע אַרמיי. די דייטשע מיליטערישע כוחות אין וואַרשע האָבן גענומען אויסנוצן זייער גינסטיקערע סיטואַציע אויפן פראָנט און אָנגעהויבן אַ גרויסע אָפענסיווע קעגן די אויפשטענדלער. עס האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן שווערע קאַמפן אַרום די אַלע גאַסן און בנינים, וועלכע די אויפשטענדלער איז געלונגען צו פאַרנעמען אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד. דאָס פּוילישע מיליטער איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אַ סך פּאָזיציעס און געליטן גרויסע פאַרלוסטן. אין דעם דאָ־זיקן קאַמף איז אויף אַ סך ערטער נישט געווען קיין שום פראָנט־ליניע. די צוויי פיינטלעכע כוחות זיינען אָפט געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן אין צוויי שכנותדיקע הייזער, אָדער אויף ביידע זייטן גאַס.

די דייטשע אָפענסיווע איז לכתחילה געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אַריינזעצן קלינעס און אָפּשניידן איין טייל אויפשטענדלער פון אַנדערן.

זיי האָבן אָפּגעטיילט דעם צענטער שטאָט פון מאָקאָטאָוו, אַלטשטאָט פון צענטראַל־וואַרשע, זשאָליבאָזש פון אַלטשטאָט אאַ״וו. ביז זיי האָבן פאַר־ענדיקט דאָס איזאָלירן איין טייל שטאָט פון דער צווייטער, האָבן זיי דערווייל זיך נישט באַמיט איינצונעמען די באַזונדערע באַלאַגערטע גע־ביטן. ערשט שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן שטורמען יעדע פעסטונג באַ־זונדער. צוליב אָט דעם האָט זיך די לאַגע פון פוילישן מיליטער פאַר־ערגערט פון טאָג צו טאָג. עס איז נישט מעגלעך געווען קיין אייגהייטלעכע אָנפירונג און קיין סטראַטעגישע פלענער. עס איז נישט מעגלעך געווען קיין שום איבערגרופּירונג פון מיליטער, קיין שום אויסטויש פון געווער, אַמוניציע און לעבנסמיטלען, יעדער אָפּגעשניטענער טייל באַזונדער איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף אייגענע כוחות און מיטלען, וועלכע זיינען פאַר־שמעלערט געוואָרן פון טאָג צו טאָג. גלייכצייטיק מיט דעם, האָבן די דייטשן אַלץ מער באָמבאַרדירט אַלע שטאָט־טיילן, סיי פון דער לופט און סיי מיט אַרטילעריע. כמעט יעדע האַלבע שעה פלעגן אָנפליען עס־קאַדרעס אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געוואָרפן באָמבעס פון פאַרשידענעם קאַליבער און געזייט טויט און פאַרוויסטונג. די אַרטילעריע איז אויך נישט אַנטשוויגן געוואָרן אין די נעכט און נישט געגעבן קיין רו אַ גאַנצן מעת־לעת. צווישן די טויט־ברענגנדיקע מכשירים, האָט דער דייטש אויך געלאָזט אין גאַנג מינען־וואַרפער, וואָס האָבן אַ לאָדונג פון זעקס אָדער ניין מינעס מיטאַמאָל און וועלכע זיינען אָנגערופן געוואָרן „שאפע״, אָדער „רעוועונדיקע קו״*). אויך די „שאַפע״ האָט טאָג און נאַכט, אָן איבעררייס געהאַלטן די מענטשן אין שפּאַנונג מיט אירע אָנלאָדונגס־גרילצן, וועלכע פלעגן סיגנאַליזירן, אַז אין אַ האַלבער מינוט אַרום, וועלן פאָרקומען אַזוי פיל אויפרייסן, וויפל מען האָט געהערט „אָנדרייען״. אַ סך מענטשן, וועל־כע האָבן נאָך די סיגנאַלן נישט באַוויזן זיך גיך אויסצובאַהאַלטן, זיינען צעריסן געוואָרן פון דעם שטאַרקן לופט־דרוק און זיינען געהרגעט געוואָרן דורך די פליענדיקע גזימסן פון די הייזער, אַפילו ווען זיי זיינען געווען ווייט פון דעם אָרט פון אויפרייס. די דייטשן האָבן אויך אין פאַרשידענע

*) שאַפע — דאָס אָנלאָדענען דעם מינען־וואַרפער האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ כאַראַקטעריסטישן גרילץ, וואָס איז געווען ענלעך צום אָפּקלאַנג פון אי־בערריקן אַ שאַנק. עס האָט אויך געהאַט אַן ענלעכקייט צו דעם רעווען פון אַ קו, און דערפאַר האָט אַ טייל אָנגערופן דעם מינען־וואַרפער, רעוועדיקע קו (ריטשאָנצאַ קראָוואַ).

ערטער זיך אריינגעריסן מיט טאנקן אויף די געביטן, פארנומענע פון פוילישן מיליטער. זיי פלעגן זיך אבער צוריקציען און איבערלאזן די טאנקן אין וועלכע עס האבן זיך געפונען זייגער־באמבעס, וואס האבן איפגעריסן און אנגעמאכט גרויסע חורבנות. בלויז אויף פאדוואלע גאס (אלטשטאט) זיינען אומגעקומען א פאר הונדערט מענטשן פון ארומיקע הייזער און די אלע, וועלכע זיינען געלאפן באקוקן דעם „דעראבערטן" טאנק.

דער שווערער דרוק פון דער דייטשער טייוולאנישער קריגס־טאקטיק דער פערמאנענטער און קאמבינירטער אנגריף פון אלע מינים פארניכ־טונגס־מיטלען, וואס האבן זיך געלאזט אויף ווארשע, האט דערפירט צו א שרעקלעכן צוזאמענברוך פון דעם גאנצן לעבן אין דער ריזיקער שטאט. עס האבן געקראכט געבײדעס און עס האבן געברענט גאנצע גאסן. גי־גאנטישע אביעקטן פון בעטאן, שטאל און אייזן האבן זיך פונאנדערגע־שאטן, ווי קארטן־הייזלעך. מענטשן זיינען געפאלן, ווי פליגן, סיי אין די הייזער און סיי ביים זוכן א מקום־מקלט. די גאסן זיינען פארפלייצט געווארן דורך אן אומגעהויערער מאסן־וואנדערונג, וועלכע האט זיך גע־צויגן טאג און נאכט אונטערן אומאויפהערלעכן פייער־הוראגאן. מענטשן האבן זיך געבראכן אונטער דער שווערער לאסט פון פעקלעך, רוקזעק און אנדערע משאות. מאמעס האבן געטראגן קליינע קינדער אויף די הענט און נישט געקאנט אין ערגעץ קיין ארט געפינען. עס האט געפייניקט דער הונגער און עס האט געמאטערט דער געדאנק, אז פון טאג צו טאג ווערן אלץ קלענער די ארעמע רעזערוון. אויך דער זעלנער אויף דער פאזיציע האט נישט ווייניקער געהונגערט און ס'האט אים אויך פארפעלט מיט וואס צו שיסן. צו דעם אלעם האבן נאך די דייטשן איבערגעריסן דעם צופלוס פון וואסער, עלעקטריע און גאז. עס איז אונטערגעגאנגען א גרויסע, שיינע און לעבעדיקע שטאט פאר די אויגן פון אירע איינוווינער און אין א גרויסער מאס אויך צוזאמען מיט זיי.

„גאנץ ווארשע האט דעם זעלביקן סוף, וואס דאס געטא", די „מער־דער האבן זיך געלערנט אויף די יידן, ווי אזוי אונדז צו פארניכטן", „נאך די יידן איז געקומען די ריי אויף אונדז" — אזעלכע און ענלעכע ווערטער האט מען געקאנט הערן פון די פאליאקן אין די בונקערס.

די כוואליע פון פארביטערונג איז געווארן נאך גרעסער, ווען ס'איז קלאר געווארן, אז אין די שווערע איבערלעבענישן זיינען שולדיק נישט בלויז די דייטשן, נאר אויך די ארגאניזאטארן פון אויפשטאנד מיטן גע־

נעראַל באַר־קאָמאָראָווסקי בראש. די גאַנצע לכתחילהדיקע פרייד און האַפערדיקייט פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג האָט נישט געשטאַמט פון אַ וועלכער ס׳איז איינרעדעניש, אַז די פוילישע אויפשטענדלער, מיט זייער פרימיטיווער און קליינער באַוואָפענונג וועלן זיין בכוח אַליין צו באַזיגן די דייטשע אַרמיי. ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז די מיליטערישע און פאָליטישע פירער פון א״ק (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) אין לאַנד און אויף דער עמיגראַציע, וועלכע האָבן באַשטימט דעם טערמין פון אויפשטאַנד — זאָלן אַרויספירן די באַפעלקערונג אין פייער אַריין, אָן אַ פריערדיקער קאָאָרדינירונג פון אירע אויפשטאַנדס־פּלענער מיט די סטראַטעגישע פּלענער פון דער רויטער אַרמיי, פון וועלכער עס האָט געקאָנט קומען ממשותדיקע הילף. דער גלויבן אין נצחון פון אויפשטאַנד, איז ביי יעדן איינעם געווען שטאַרק בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט גערעכנט, אַז דער קאַמף וועט דויערן נישט מער ווי דריי, פיר טעג, העכסטנס אַ וואָך, ביז די סאָוויעטן וועלן פאַרסירן די ווייסל און איינעמען די שטאָט.

מיטן פאַרציען זיך פון אויפשטאַנד, האָט דער דאָזיקער גלויבן געפּלאַצט, און דאָך איז שווער געווען צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז די אָנפירונג פון א״ק האָט נישט געזען דאָס, וואָס יעדער פשוטער מענטש, אַז זי האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער אויפשטאַנד האָט נאָר אַ זין דעמלט, ווען ער איז פאַרבונדן מיט דער אָנגרייפנדיקער אַרמיי פון דרויסן און אַנדערש איז נישט פאַראַן קיין שום מעגלעכקייט פון זיג.

דער פאַרעפנטלעכטער הילף־רוף פון באַר־קאָמאָראָווסקי בלויז צו טשערטשילן און רוזוועלטן, אויסמיידנדיק סטאַלינען, האָט איבערציַיגט, אַז א״ק וויל דערגרייכן אַ נצחון, נישט בלויז אָן דער רויטער אַרמיי, נאָר קעגן איר, אַז זי האָט צו פרי אָנגעהויבן דעם אויפשטאַנד, כדי איינצונעמען די שטאָט נאָך איידער די סאָוויעטן וועלן דאָס טאָן און שפּעטער אָנווענדן איר מיליטערישן כוח קעגן דער רויטער אַרמיי. צוליב דעם דאָזיקן פאַטאַלן חשבון האָט די א״ק דערפירט צום אומקום פון הונדערטער טויזנטער אייגענע פאָלקס־ברידער. זי האָט מקריב געווען מענטשלעכע לעבנס, פאַרמעגנס, פּראַצע פון דורות, כדי אַדורכצוזעצן אַ באַשטימטע פּאָליטישע ליניע. פאַר איר פאַלשער פּאָליטיק האָט זי אויסגענוצט דעם קאַמפּס־גייסט קעגן אָקופּאַנט פון אַ סך ערלעכע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען געווען ווייט פון אירע צילן, און אַזוי אַרום דערפירט צו דער טראַגעדיע — וואַרשעווער אויפשטאַנד.

נישט קוקנדיק אויף דער זיכערער איבערצייגונג, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען, וועט דער אויפשטאַנד פריער צי שפּעטער דערשטיקט ווערן, האָבן דאָך די זעלנער פון דער אויפשטאַנדס־אַרמיי געקעמפט מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש. יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב דער קאַמף איז אָנגעהויבן געוואָרן איז נישטאָ קיין וועג צוריק און ביי אַלע באַדינגונגען מוזן געגעבן ווערן קלעפּ דעם שונא.

אויך די א״ל (אַרמיאַ לודאָוואַ — פאָלקס־אַרמיי), וועלכע האָט פון אָנהייב אָן דערזען אין דעם אויסברוך פון אויפשטאַנד די כוונות פון א״ק און וועלכע איז אַפילו, אַלס מיליטערישער טייל, נישט אינפאָרמירט געוואָרן מצד א״ק וועגן טערמין פון אָנהויבן דעם אויפשטאַנד — איז גלייך צוגעטראָטן צום קאַמף און גערופן איר גאַנצע פּעריפעריע אָנצושליסן זיך אין אויפשטאַנד קעגן אָקופּאַנט. אַזוי לאַנג ווי עס פירט זיך אַ קאַמף קעגן די דייטשן האָט די א״ל אָפּגעלייגט אירע חשבונות מיט א״ק און געמיינזאַם האַנט ביי האַנט, זיינען געשטאַנען זעלנער פון א״ק און א״ל אויף די פאַרשידענע פּאָזיציעס. געמיינזאַם האָבן זיי דורכגעמאַכט דעם אויפשטייג, געראַנגל און מפּלה, קאַמף און אומקום.

# װידעראמאל אויף צעגליטער ערד

יידן אין װאַרשעװער אויפשטאַנד — דאָס איז געװען אַ באַזונדער פּראָבלעם, װאָס איז אַרויפגעשװוּאומען אין די הייסע אויפשטאַנדס-טעג און זיך אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערן שטראָם אינערהאַלב דעם ברויזנ-דיקן ים. אַנדערש איז געװען די פרייד פון די יידן אין די טעג פון אַל-געמיינער באַגייסטערונג און אַנדערע זיינען געװען די ליידן. אַנדערע — די האָפענונגען און אַנדערע די סכנות. די בערך צוואַנציק טויזנט יידן האָבן צוזאַמען מיט דער גאַנצער װאַרשעװער באַפעלקערונג אויסגעטרונ-קען דעם פולן בעכער פון פּיין ביזן דעק. זיי האָבן אָבער אַלס צוגאָב אויסגעטראָגן באַזונדערע צרות, װעלכע זיינען אַרויסגעדרינגען פון דעם בינף-יאָריקן לעבן אויסערן געזעץ, פון דעם שטענדיקן פאַרשטעקט זיין אין די לעכער, פון דער לאַנג-יאָריקער שרעק פאַרן אייגענעם שאָטן.

עס איז פּסיכיש נישט מעגלעך געװען פאַר יידן אַזוי גיך, פון איין טאָג אויפן אַנדערן, צוריק אַנצוהויבן זיך צו פילן אין דער אַרומיקער סביבה, װי גלייכע צװישן גלייכע. אויך די פּוילישע באַפעלקערונג האָט נישט געקאָנט מאַמענטאַל מאַכן דעם איבערברוך אין איר באַציאונג צו די ניצול-געװאָרענע יידן. נישט שטענדיק האָבן אונדז באַגלייט פריינט-לעכע בליקן, װעלכע מען האָט געקאָנט דערװאַרטן פון מענטשן, װאָס זיינען געדריקט געװאָרן פון דעם זעלבן שונא. אויך די פּוילישע מיליטערישע מאַכט, אין די פאַרנומענע געביטן פון װאַרשע, האָט זיך נישט געאיילט אויף אַ קלאָרן אופן צו ברענגען צום אויסדרוק די צוריקשטעלונג פון די יידן אין זייערע רעכט.

דער אויסברוך פון אויפשטאַנד האָט יעדן ייד אױפגעשטעלט אין אַ טיפן אינערלעכן ויתרוצצו — אַ צוזאַמענשטויס פון נאַטירלעכער פרייד פון דעם מענטש, װאָס האָט דערלעבט דעם טאָג פון נישט זיין מער אונ-טער דער דייטשער מאַכט און דעם ייד, װאָס דרייט זיך אַרום אַלס אי-בערבלייב פון אַ פאַרשניטן פאָלק. עס האָט זיך געװאָלט טרעטן אויף

דער באַפרייטער ערד און מקבל פנים זיין די פון אונטער דער ערד אויפגעקומענע נייע מאַכט און גלייכצייטיק האָט עפּעס אַן אינערלעכער אינסטינקט צוגעשמידט צום אָרט, נישט געלאָזט דעם קאָפּ פון שטוב אַרויסשטעקן און נישט לויפן אין קעלער אַריין אַפילו בעתן גרעסטן באָמבע־הוראַגאַן, ווייל טאָמער, טאָמער וועט זיך נאָך ענדערן צום שלעכטן און דאָס פּריצייטיקע דעקאָנספּירירן זיך וועט ברענגען שאָדן. עס האָט זיך געגלוסט מיטצולעבן מיטן גייסט פון דער צייט, ווערן אַ טייל פון דעם ענטוזיאַסטישן המון, וועלכער האָט נאָך פינף יאָר לעטאַרגיע צוריק גע־עפנט די אויגן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דאָס איז אָבער נישט מעגלעך געווען, נישט בלויז דערפאַר, וואָס די יידישע שרידים האָבן פאַרלוירן פרייד און געלעכטער, נאָר פשוט צוליב דעם, וואָס די יידן האָבן זיך שוין אָפּגעוווינט פריי צו קוקן אַ מענטשן אין די אויגן אַריין.

אויך אין דעם אויפשטאַנדס־גייסט האָבן זיך די יידישע רעשטלעך אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערן שטראָם פון קאַמפּס־ענערגיע. אין דער זעלביקער צייט, ווען אַנדערע האָבן געהאַט וואָס צו געווינען אין קאַמף, האָבן מיט נישט קיין קלענערער איבערגעגעבנקייט געקעמפט יידן, אָבער מיטן באַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען פאַרשפּילטע, אַז זייערע געשאַכטענע ברידער וועלן מער נישט אויפשטיין און די שנאה צו די דייטשן האָט זיי הויפּטזעכלעך געמוטיקט צום קאַמף.

בלויז אויפן געביט פון קאָנען איבערטראָגן די שווערע פאָלגן פון פאַרניכטונג, האָט דאָס הייפל יידן אויסגעזעזן צו זיין מער פּריזווילעגירט, ווי די פּוילישע באַפעלקערונג. די יידן האָבן זיך געפילט מער „היימיש" אין דעם ים פון פייער, אונטער די וואַלקאַנס דרויך און אין דעם אומאויפ־הערלעכן געקנאַקעריי פון די פלאַמענדיקע אויסגעטריקנטע דעכער און גע־הילץ פון די געביידעס. נישט צום ערשטן מאָל איז אונדז אויסגעקומען צו וואַגלען פון לאָך צו לאָך, בכדי צו געפינען אַ מקום־מקלט, טרעפנדיק אומע־טום דערהרגעטע און גוססדיקע און אָפּטמאָל איינגעטונקען די שיך אין מענטשלעך בלוט. ס'איז פאַר קיין ייד נישט ניי געווען דאָס זעען צענדליקער מאָל דעם טויט, דאָס לעכצן נאָך אַ טראָפּן וואַסער און דאָס בענקען נאָך אַ שטיקל ברויט. מיר, וועלכע האָבן דאָס אַלץ דורכגעמאַכט אין געטאָ, זיינען נישט געוואָרן אַזוי טיף דערשיטערט, ווי די איבעריקע וואַרשעווער באַ־פעלקערונג.

כמעט אויף אַלע קאַמפּס־פּאָזיציעס האָבן זיך געפונען יידן. זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין יעדער קאַמפּס־אָפּטיילונג, וואָס האָט געקעמפט קעגן

דייטש. אין א״ק און א״ל — אומעטום זיינען די יידישע, צוזאַמען מיט די פוילישע זעלנער, געווען אויף דער ערשטער פייער־ליניע, געאַרבעט ביים גראָבן שוץ־גריבער, געווען טעטיק אַלס פאַרבינדלער, געווען אָפיצירן און פשוטע זעלנער. די יידישע קעמפער, וועלכע זיינען געווען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון ביידע אויפשטאַנדס־אַר־מייען, האָבן אין זייער רוב נישט געקעמפט אָפיציעל אַלס יידן. זיי האָבן זיך אינדיווידועל אָנגעשלאָסן אין די אויפשטאַנדס־רייען אונטער פוי־לישע נעמען, וועלכע זיי האָבן געהאַט זייענדיק אויף „אַרישע״ פּאַפּירן. זוי ווייט מעגלעך האָט דער רוב נישט געוואָלט אַנטדעקן זיין יידישן אָפּשטאַם, טיילווייז צוליב געוווינהייט און אין אַ גרויסער מאָס, ווייל אַזוי איז געווען מער באַקוועם. פיל יידן זיינען געפאַלן אין קאַמף, געפונען זייער רו צוזאַמען מיט די פוילישע זעלנער אויף די הייף, גאַסן און פעלדער און פון זייערע אַנדענק־טאָוולען קאָן קיינער נישט וויסן, אַז דאָ ליגן יידישע אויפשטענדלער. אויך אונטער די איינגעפאַלענע געביי־דעס, האָט מען צוזאַמען מיט דער אומגעקומענער ציוויל־באַפעלקע־רונג אַרויסגעצויגן פיל יידישע הרוגים, — די לעצטע פון גאַנצע משפחות, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט וועגן זייער אָפּשטאַמונג. מען האָט זיי מקבר געווען אויף די פּראָוויזאָרישע בית־עולמס צוזאַמען מיט אַלע אומגעקומענע.

* * *

ווען כ׳האָב זיך געפונען, ביים אָנהויב פון אויפשטאַנד, צוזאַמען מיט שלום גראַיעק אויף לעשנאָ 27, האָב איך פון דער ערשטער מינוט אָן געזוכט אַ פאַרבינדונג מיט דער רעשט פון אונזערע חברים. הגם די לעשנאָ גאַס איז באַלד דעם ערשטן טאָג פאַרנומען געוואָרן דורך די אויפשטענדלער אָן קאַמף, האָבן די פוילישע זעלנער פאַרווערט אַרויסצו־גיין פון די הייזער, ווייל די גאַס איז באַשאָסן געוואָרן פון דער ווייטנס. אונדזער באַלעבאָס, דער הער טשאַרנאָטאַ, האָט אונדז אויך נישט גע־לאָזט אַרויסגיין איבער דער שוועל, נישט ווייזן זיך פאַר די שכנים אויפן הויף און נישט אַראָפּגיין אין קעלער בעת די באָמבאַרדירונגען, ביז עס וועט קלאָר ווערן די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. צוליב דעם, האָבן מיר נישט געקאָנט אויסנוצן די קליינע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען יאָ געווען דורכצולויפן דאָס קורצע שטיקל וועג ביז לעשנאָ 18, וואו עס

האָבן געוווינט, זייט אַ קורצער צייט פאַרן אויפשטאַנד, יצחק צוקערמאַן, צביה לובעטקין און אַנד׳.

אָבער דעם צווייטן טאָג אינדערפרי, זיינען צו אונדז געקומען צביה און יצחק. אונדזער ערשטער צוזאַמענטרעף איז אויסגעפאַלן אַזוי ווי עס האָט געפּאַסט צו דער דעמלטיקער שטימונג. ווען מ׳האָט געמיינט אַז נאָך שעהן, אָדער טעג און גאַנץ וואַרשע און אפשר אויך גאַנץ פּוילן וועט זיין באַפרייט. מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אונטער דער אַפּוטרופּסות פון אונדזער באַלעבאָס און געגאַנגען אויף לעשנאָ 18, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די חברים פון דער באַוועגונג, פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פון דער נאָענטער סביבה. דעם דאָזיקן גאַנג האָבן מיר שפּעטער שוין דורכגעמאַכט עטלעכע מאָל אין טאָג. אין פינפטן טאָג פון אויפשטאַנד, זיינען מיר, ווי געוויינלעך, געגאַנגען אויף לעשנאָ 18 און דאָרט זיינען מיר אָפּגעווען עטלעכע שעה. אויף אונדזער צוריקוועג האָבן מיר שוין נישט דערקאַנט די גאַס. טויזנטער מענטשן זיינען געלאָפן אין בהלה מיט פּעק בעטגעוואַנט אויף די פּלייצעס, מיט קליינע קינדער אויף די הענט און בכלל מיט אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך געווען צו כאַפּן פאַרן פאַרלאָזן די היימען. דער המון איז אַנטלאָפן פון אַ טייל לעשנאָ, כלאָדנע, זשעלאַזנע, אָגראָדאָווע, נאָכדעם, ווי די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט די געריכטסגעביידע אויף לעשנאָ און נאָכדעם, ווי זיי האָבן אָנגעהויבן אַן אָנגריף פון דער וואָלסקאָ גאַס. די מאַסע האָט געשטראָמט אין דער ריכטונג צו אַלט־שטאָט, וואו עס האָט זיך נאָך פעסט געהאַלטן די מאַכט פון די אויפשטענדלער. מיר האָבן זיך ממש געמוזט דורכשטופּן קעגן מענטשן־שטראָם. נאָך יעדע פּאָר טריט האָבן אונדז דערשראָקענע אויגן און ציטערדיקע ליפּן געפרעגט, צי דאָרט פון וואַנען מיר גייען איז מען זיכער, צי עס ברענט, צי מען שיסט א״אַו. דונערן פון האַרמאַטן און בליצן פון אויפרייסנדיקן פייער האָבן פיל מאָל איבערגעהאַקט די דאָזיקע פראַגן. בלויז איינצלנע נישט דערזאָגטע ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען אין אויער. דעמלט, ווען אַלע האָבן זיך אינטענסיוו געוואָרפן אויף דער ערד אָדער צוגעטוליעט צו די ווענט.

אויף לעשנאָ 27 האָבן מיר שוין נישט געטראָפן קיין לעבעדיקן מענטש. ווען מיר האָבן זיך מיט שווערער מי דאָרט אַריינגעקריגן — איז אַלץ געווען ווי אויסגעשטאָרבן. פּוסטע שטובן, אַן אויסגעליידיקטער הויף, קיין שום סימן פון לעבן. מיר האָבן שוין נישט געטראָפן אונדזער באַלעבאָס, וועלכער איז בעת אונדזער אָפּוועזנהייט, אַנטלאָפן צוזאַמען מיט

דעם גאַנצן עולם. מיר האָבן זיך גלייך צוריקגעקערט אויף לעשנאָ 18 און דאָרט שוין געבליבן, צוזאַמען מיט אונדזערע חברים.

אין יענער צייט זיינען שוין מצד אונדז געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען צו געפינען אַ קאָנטאַקט מיט דער א״ל, בכדי זיך אָנצושליסן אין דער אויפשטאַנדס־אַרמיי, אַלס יידישע קאַמפס־גרופּע פון זשא״ב (זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ — יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע). דאָס זוכן אַ קאָנטאַקט האָט געדויערט עטלעכע טעג און דערווייל האָט זיך אויף לעשנאָ 18 ענגער צוזאַמענגעשלאָסן אַ גרעסערע גרופּע חברים, וועלכע זיינען געווען דעצידירט נישט צו שיידן זיך, ביי אַלע באַדינגונגען, און צוזאַמען דורכמאַכן די שווערע טעג. דאָרט זיינען געווען: צביה לובעטקין, יצחק צוקערמאַן, שלום גראַיעק, מאַרעק עדעלמאַן, יוסף סאַק, שרה בידערמאַן (קרישאַ), שמחה ראַטייזער (קאַזשיק), אירקאַ, מאַרישאַ פּיינמעסער, זיגמונט וואַרמאַן, מאַרישאַ סאַוויצקאַ, מירקאַ, (ביידע פּוילישע) איך און נאָך עטלעכע. דער באַשלוס אָנצושליסן זיך אין דעם אויפשטאַנד האָט קיינעם נישט פאַרפּליכטעט. פאַרקערט, מען האָט נאָך געפּרוווט ווירקן איינער אויפן אַנדערן צו בלייבן אויסערן קאַמף, ווייל מיר האָבן געהאַלטן, אַז כאָטש עמיצער פון די געטאָ־שרידים דאַרף זיך געפינען אויסער דעם דירעקטן קאַמפס־פייער. אפשר וועט דאָך בלייבן, אויף נאָכן קריג, אַ לעבעדיקער עדות פון יידישן אומקום. הגם די דאָזיקע מיינונג איז געווען אַ ריכטיקע, האָט אָבער קיינער נישט געקאָנט זיך לאָזן אויסקלייבן אַלס „עקספּאָנאַט" פאַר דער געשיכטע אין דער צייט, ווען עס קומט פאַר אַן אויפשטאַנד קעגן די דייטשן, מיט וועלכע מיר האָבן אַזאַ בלוטיקן חשבון.

נאָכן געפינען אַ קאָנטאַקט מיט א״ל, האָבן מיר זיך איבערגעטראָגן פון לעשנאָ אויף אַלט־שטאָט און דאָרט אַריינגעטראָטן אין דער אויפשטאַנדס־אַרמיי. מיר האָבן בלויז איבערגעלאָזן עטלעכע מיידלעך צו היטן דעם אַרכיוו פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. אין דער זעלביקער צייט, האָט אויך די קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו אַלע יידן, אונטערגעשריבן דורך יצחק צוקערמאַן. דער אויפרוף, וועלכער איז געווען פאַרעפנטלעכט כמעט אין דער גאַנצער פּוילישער פּרעסע, האָט גערופן די יידן אָנצושליסן זיך אין יעדער קאַמפס־אָפּטיילונג, וועלכע געפינט זיך אַמנאָענטסטן צו זייער וווין־אָרט און געמיינזאַם מיטן פּוילישן פאָלק צו העלפן פאַרטרייבן דעם אָקופּאַנט פון דער פּוילישער ערד.

די חברים פון זשא״ב אויף אַלט־שטאָט, זיינען געווען די איינציקע פון אַלע קעמפנדיקע יידן אין וואַרשעווער אויפשטאַנד, וועלכע האָבן געקעמפט אָפיציעל אַלס יידן ווי אַ יידישע קאַמפּס־גרופּע. מיר זיינען איינגעגלידערט געווען אין צווייטן פלוטאָן און דריטער קאָמפּאַניע. די אָנפירונג פון א״ל האָט באַגריסט די אַנטשטייאונג פון דער יידישער קאַמפּס־גרופּע. זי האָט אונדז תיכף געגעבן אַלע רעכטן פון זעלנער: קוואַרטיר, אַפּראָוויזאַציע אאַ״וו, אָבער זי האָט נישט געלאָזט אונדז אָנטיילנעמען אין קיין שום קאַמפּס־אַקציע, מיטן מאָטיוו, אַז מען טאָר נישט איינשטעלן דאָס לעבן פון דעם לעצטן רעשטל געטאָ־קעמפער, וועלכע דאַרפן ווי ווייט מעגלעך אָפּגעהיטן ווערן. מיר האָבן אָפּגעשאַצט די מענטשלעכע און חברישע באַציאונג צו אונדז פון דער א״ל־ליטונג, אָבער מיר זיינען געבליבן אומצופרידן, וויל מיר זיינען געווען איינגעשטעלט אַקטיוו צו באַטייליקן זיך אין קאַמף. מיר האָבן דעריבער נישט מסכים געווען מיט דער שטעלונג פון דער אַרמיי־אָנפירונג און געפאָדערט מען זאָל אונדז צולאָזן צו אַ באַריקאַדע.

נאָך אַ רייע געשפּרעכן איז אונדזער פאַרלאַנג דערפילט געוואָרן. מיר זיינען צוגעטיילט געוואָרן צו דער פאַרטיידיקונג פון דער פּאָזיציע אויף מאַסטאָווע און ריבאַצקע גאַס, וואו עס האָבן אויך געקעמפט אַנדערע אָפּטיילונגען פון א״ל און אויך פון א״ק.

די פּאָזיציע אויף מאַסטאָווע איז געווען איינע פון די שווערסטע אויף אַלט־שטאָט. זי איז געווען אַרויסגערוקט צו די דייטשע פּאָסטנס נעבן דער ווייסל. אויף דעם שמאָלן פּאַס „קיינעמס לאַנד״, וואָס האָט אָפּגעטיילטביידע פיינטלעכע לאַגערן, האָט זיך געפונען דאָס א״ג „טשערוואָני דאָמעק״ („רויט הייזל״). אַרום דעם רויטן הייזל איז אַ לענגערע צייט אָנגעגאַנגען אַ שווערער קאַמף מיט אַ סך קרבנות פון ביידע צדדים. ביידע קעמפנדיקע צדדים האָבן געוואָלט באַהערשן דאָס דאָזיקע הייזל אַלס אַ באַזע אָנצוגרייפן דעם שונא. קיינער האָט זיך אָבער דאָרט נישט געקאָנט האַלטן קיין לענגערע צייט און דאָס הייזל איז כסדר איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. טאָג און נאַכט, מיט זייער זעלטענע הפסקות, זיינען געפלויגן הין און צוריק פיינטלעכע קוילן און גראַנאַטן פון ביידע פּאָזיציעס. די אויערן האָבן נישט געהאַט קיין רו פון די אומאויפהערלעכע דונערן. כסדר האָבן זיך געטרייסלט די ווענט, הינטער וועלכע מ׳האָט זיך געדעקט און עס האָט געציטערט דער באָדן אונטער די פיס. זייער אָפט האָט מען נישט געקאָנט אויסהאַלטן דאָס פייער פון שונא, מען האָט אָבער אויך נישט גע־

קאַנט אָפּטרעטן אויף קיין איין טריט צוריק, ווייל עס וואָלט זיך נאָך מער פאַרענגט דער קליינער קרייז פון דער אַרומגערינגלטער אַלט־שטאָט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער אָנגריף אויף אַלט־שטאָט. עס האָבן זיך געענדיקט די פאַרהעלטניסמעסיק רואיקערע טעג. וואָס זיינען געווען פאַר אונדזער אָנקומען און אויך אַ טאָג צוויי שוין נאָך אונדזער קומען אויף אַלט־שטאָט. גאַנצע טעג און נעכט האָט געווילדעוועט די אַרטילעריע, די „שאַפּע" און דער לופט־פלאָט. עס זיינען געווען טעג, ווען דאָס לעבן איז געוואָרן פולשטענדיק פאַראַליזירט. עס איז איינגעטרעטן אַ געפערלעכע דעזאָרגאַניזאַציע אויף אַלע געביטן. אויך די א״ק פונקט ווי א״ל, האָבן נישט געקאָנט באַהערשן די לאַגע און מען האָט געמיינט, אַז אָט, אָט פאַלט די אַלט־שטאָט. אין יענע הייסע שעהן האָט די אָנפירונג פון א״ל אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אויפזוכן אַן אונטערערדישן קאַנאַל אויף אַ ריק־צוג. היות מיר זיינען אויפן געביט פון קאַנאַלן געווען מער דערפאַרן, נאָך פון דער צייט פון געטאָ־אויפשטאַנד, האָט מען אויסגעקליבן צווישן אונדז עטלעכע חברים, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט אַרומקריכן אין די קאַנאַלן.

פיל מאָל בין איך געגאַנגען, מיט נאָך עטלעכע חברים, אין די קאַ־נאַלן. מיר זיינען געגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען און אין ערגעץ האָבן מיר נישט געקאָנט געפונען קיין אויסגאַנג. היות די אַלט־שטאָט געפינט זיך נאָענט פון דער ווייסל און דורך די דאָרטיקע קאַנאַלן פליסן פון אַלע ריכטונגען וואַסערן אין דער ווייסל אַריין, איז אויף קיין שום אָרט נישט מעגלעך געווען דורכצוגיין צוליב דעם צו גרויסן איבערפלוס פון וואַסער. יעדעס מאָל, האָבן מיר זיך לאַנגע שעהן אויסגעווייקט אין די זומפּיקע וואַסערן און געמוזט צוריקגיין מיט גאָרנישט. נישט איינמאָל האָט מען בעתן צוריקגיין געטראַכט, אַז ס'קאָן זיין, דאָס מיר האָבן שוין נישט צו וואָס אַרויסצוגיין פון קאַנאַל, אַז די אַלט־שטאָט איז שוין מסתמא געפאַלן, אַז אַלע זיינען אומגעקומען און דייטשן דרייען זיך אַרום אויף די חורבות. דער שרעקלעכער הוראַגאַן פון באָמבעס, וואָס פלעגט אונדז באַגעגענען ביים אַרויסקריכן אויף דער אויבערפלאַך פלעגט אונדז אָנ־זאָגן, אַז מיר פאַלן נאָך נישט אַריין אין די דייטשע הענט. ס'האָט אָבער דעמלט געעקבערט דער געדאַנק, צי מיר וועלן נאָך עמיצן פון אונדזער קאַמפּאַניע טרעפן לעבעדיק.

דאָס נישט האָבן קיין וועג צוריקצוציען זיך פון אַלט־שטאָט, האָט געצוואונגען צו שטאַרקן זיך און אויסצוהאַלטן דעם שווערן דרוק פון

אומאויפהערלעכן דייטשן אַנגריף. נאָך עטלעכע פייערדיקע טעג, ווען ס׳האָט אויסגעזען, אַז דער אויפשטאַנד אויף דעם שטח ווערט צוזאַמענגעבראָכן, האָט די אויפשטענדלערישע מיליטערישע מאַכט צוריק אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן און געקומען צו זיך נאָך די ערשטע דערשיטערנדיקע קלעפּ פון שונא. די אָרגאַניזאַציע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. די באַריקאַדן זיינען געוואָרן פּאַרפעסטיקט. ס׳איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן די אַפּראָוויזאַציע, די מעדיצינישע הילף. מ׳האָט איינגעאָרדנט אין די קעלערס שפּיטאָלן, קיכן אאַ״וו. טאָג־טעגלעך זיינען צענדליקער מענטשן געפאַלן אויף די באַריקאַדן, אין די גאַסן אָדער פאַרשיט געוואָרן אונטער די איינגעפאַלענע געביידעס. אָבער דער נערוו פון אויפשטאַנד איז נישט דערשיטערט געוואָרן. נאָך יעדן שטאַרקן פייער, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט יעדע פופצנצוואַנציק מינוט, האָט מען באַלד אַוועקגערוימט די טויטע, געטראָגן די פאַרוואונדעטע אין שפּיטאָל אַריין, פאַרפולט די באַריקאַדן מיט נייע זעלנער, אויפן אָרט פון די געפאַלענע, און ס׳לעבן און דער קאַמף איז געגאַנגען ווייטער. פיל זיינען געפאַלן גייענדיק צו דער קיך נאָך עסן, ביים זוכן אַ ביסל וואַסער, אויפן וועג צו דער פּאָזיציע און אויפן קאַמפּסּפלאַץ גופא, אָבער דאָס האָט אין עטלעכע מינוט שפּעטער קיינעם נישט אָפּגעהאַלטן צו גיין אויף די זעלביקע ערטער און צו דערפילן די זעלביקע אויפגאַבן.

די אַלט־שטאָט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פעסטונג, וואָס איז אומאויפהערלעך געשטורעמט געוואָרן, געטונקט זיך אין בלוט, געגליט אין פייער און געוואָלט וואָס לענגער אויסהאַלטן.

אין אַן אָוונט זיינען קאַזשיק, גראַיעק, יוסף סאַק, קרישאַ און איִרקאַ אַרויסגעגאַנגען אויף לעשנאָ גאַס, כדי צו פאַרבינדן זיך מיט די חברטעס, וואָס זיינען געבליבן אויף לעשנאָ 18 און גלייכצייטיק, כדי אויסצוגעפינען דאָרט אַ קאַנאַל פאַר די אויפשטענדלער פון אַלט־שטאָט. אין דער זעלביקער נאַכט איז דורך די דייטשן איבערגעריסן געוואָרן דער שמאָלער דורכגאַנג פון אַלט־שטאָט אויף לעשנאָ און די חברים זיינען געבליבן פון אונדז אָפּגעריסן. אויף דער גאַנצער צייט פון אויפשטאַנד. שפּעטער האָבן זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן עטלעכע ייִדישע קעמפער. אונדזער גרופּע, וואָס איז פאַרקלענערט געוואָרן צוליב די חברים, וועלכע זיינען אַוועק אויף לעשנאָ, האָט זיך אַזוי אַרום פאַרגרעסערט.

אונדזער קליינע זשא״ב־גרופע איז זיך גיך אריינגעוואַקסן אין דעם אָרגאַניזם פון א״ל. מיר זיינען געווען פולשטענדיק גלייך אין אַלע רעכטן און פליכטן, באַמיט זיך נישט צו בלייבן הינטערשטעליק אויף אַלע גע־ביטן פון אַלע אַנדערע אויפשטענדלער.

אַ חוץ די צוויי אָפּיציעלע ראַמען — דער צווייטער פּלוטאָן און די דריטע קאָמפּאַניע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, האָבן מיר גע־האַט נאָך אַ דריטע ראַם און דאָס איז געווען די גרופּע גופא. די דאָזיקע ראַם איז געווען אַ נאַטירלעכע. זי איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון גוט־צונויפגעלעבטע חברים, וואָס די מערהייט פון זיי האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ סך געמיינזאַמע ליידן, קאַמף, אויסטערלישע איבערלעבענישן און אַן אידעאישע פאַרבינדונג. די חברים פון אונדזער גרופּע האָבן נישט געלעבט אין דער אַרמיי, אַזוי ווי אַנדערע קעמפער, אַלס יחידים, נאָר ווי אַ קאָלעקטיוו. אַ חוץ קליינע אויסנאַמען, האָבן מיר זיך, אויף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך געווען, נישט געשיידט איינער מיטן אַנדערן און געווען צוזאַמען אין אַלע שווערע סיטואַציעס. אין מינוטן פון סכנות, האָט איינער דעם צווייטן באַגלייט מיט ברודערלעכער זאָרג וועגן זיין גורל. מיר האָבן געהאַט אין שותפות דאָס צוגעטיילטע עסן פון דער מיליטערישער קיך און אַפּראָוויזאַציע־אַמט און אַלץ פאַרברויכט געמיינזאַם, לויט די באַ־זונדערע באַדערפענישן פון יעדן חבר. מיר האָבן אויך געהאַט בשותפות באַפּיראָסן, געטיילט זיך מיט וועש און אַנדערע זאַכן פון טעגלעכן גע־ברויך און דאָס האָט אונדז פאַרוואַנדלט אין אַן אינטים פאַמיליאַרער גרופּע.

אויף אונדזער וווין־אָרט איז געווען אַ געמיינזאַמס פאַר דער גאַנצער גרופּע. אָבער אין קיין שום אָרט האָבן מיר זיך נישט געקאָנט לענגער אויפ־האַלטן. כמעט יעדן טאָג, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, נאָך צוועלף שעה זיין אויף דער פּאָזיציע, האָבן מיר געטראָפן אַ באַרג אַש אויף דעם אָרט, וואו מיר האָבן געדאַרפט „רוען״ די אַנדערע צוועלף שעה, ביז מען האָט גע־דאַרפט אויפסנייַ אַרויסגיין אויף דער פּאָזיציע. כסדר האָבן מיר גע־וואָגלט פון אָרט צו אָרט, פון גאַס צו גאַס. אַוועק פון פּאַדוואַלע גאַס און געקומען ערגעץ אויף פרעטאַ גאַס. אַוועק פון פרעטאַ און „איינגעאָרדנט״ זיך אויף שווינטאָ־יערסקאַ גאַס אין אַ קליין געוועלבל, וואָס איז צוויי שעה נאָך דעם, ווי מיר זיינען דאָרט אַריין, צעזעצט געוואָרן פון אַ מינע און מיר זיינען קוים אַרויס מיטן לעבן. פון דאָרט איז מען ווידער געלאָפן אויף פרעטאַ און צומאָרגנס צוריק אויף שווינטאָ־יערסקאַ און אויף אַנ־

דערע מקומות. יעדעס מאָל, ווען מען איז אַוועק אויף דער פּאָזיציע, האָט מען געוואוסט, אַז ביים צוריקקומען וועט מען די קוואַרטיר נישט טרעפן. דערפאַר האָט מען שטענדיק געטראָגן מיט זיך, אין די קעשענעס, דאָס גאַנצע „פאַרמעגנס": אַ האַנטוך, זייף, ציין־פּאַסטע. און אויב מען האָט געדאַרפט בייטן וועש, איז מען אַריינגעגאַנגען אין די האַלב־רואינירטע, אָדער נאָך גאַנצע הייזער, וואו עס האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשידענע אי־בערבלייבענישן פון שטוביקן אייגנטום, אָנגעטאָן זיך ריינע און איבערגע־לאָזט די ברודיקע וועש און געגאַנגען ווייטער.

אַזוי איז דאָס לעבן געגאַנגען טאָג איין, טאָג אויס. אויב דער טאָג איז אַדורכגעגאַנגען אָן וואַגלעניש, איז אָבער די רו קיין רו נישט געווען. דעריבער האָט מען שוין בעסער געוואָלט זיין אויף דער פּאָזיציע, וואו צוליב דער נאָענטקייט פון זייערע אייגענע פּאָסטנס האָבן די דייטשן נישט געוואָרפן קיין לופט־באָמבעס, מינעס און אַנדערע שלעק, איידער צו זיין אין צענטער פון דייטשן ציל־ברעט, וואו די גרויס־קאַליבערדיקע באָמבעס האָבן אַדורכגעהאַקט די הייזער פון דאַך ביזן קעלער און וואו טויזנטער זיינען פאַרשיט געוואָרן אין די קעלערס אונטער די צעפאַלנ־דיקע געביידעס.

די צוזאַמענגעשלאָסנקייט פון אונדזער גרופּע, וועלכע איז אגב אָפּן געווען אויך פאַר אַנדערע ייִדישע קעמפער, האָט געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון אַלע זעלנער, מיט וועלכע מיר זיינען געקומען אין באַרירונג. זייער אָפט פלעגן מיר הערן געשפּרעכן וועגן אונדזער גרופּע און אָפט האָבן די זעלנער מיט אונדז אַליין געשמועסט וועגן דעם. אַלע האָבן געוואָלט פאַרשטיין פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ באַציאונג צווישן די חברים פון אונדזער גרופּע און פאַרוואָס זיינען אַנדערע ייִדן צווישן זיך נישט אַזוי צוזאַמענגעלעבט. אַ טייל האָבן געמיינט, אַז מיר זיינען קרובים. אַנדערע האָבן בכלל דעם „סוד" נישט געקאָנט באַגרייפן.

ספּעציעל איז אונדזער גרופּע נאָענט געוואָרן דעם פּאַרוטשניק וויטעק, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אונדזער קאָמפּאַניע. ער איז געווען פאַר אונדז נישט בלויז אַ מיליטערישער באַפעלגעבער, נאָר אויך אַן אינטימער חבר. אַלע זיינע פרייע מינוטן האָט ער הנאה געהאַט צו פאַרברענגען מיט אונדז. ער איז געוואָרן פּערזענלעך באַפריינדעט מיט יעדן פון אונדזער גרופּע און ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ קעגנזייטיקע אינ־טימע האַרציקע חברשאַפט. פּאַרוטשניק וויטעק איז געווען איינער פון די בעסטע מענטשן און אידעאיש איבערגעגעבענער זעלנער פון א"ל. פון קינד־

ייז אָן איז ער דערצויגן געוואָרן אין דער פוילישער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג און אויסגעוואַקסן אַ מענטש מיט אַ פעסטן אידעאיש־פּאָליטישן רוקנביין. ער איז פולשטענדיק פריי געווען פון מינדסטן פאָר־אורטייל לגבי יידן און אין יעדן האָט ער קודם־כל געזוכט דעם מענטש. אין זין פון מענטשלעכקייט און מאָראַלישער אויפפירונג איז ער געווען אַ אויסערגעוויינלעכער ביישפּיל פאַר אַלעמען. ער האָט געווירקט אין דער אַרומיקער סביבה מער מיט זיין אויפפירונג, ווי מיט באַפעלן. ער האָט נישט געהאַט די אָנפירנדיקע מיליטערישע שטייפקייט, אַזוי ווי אַנדערע אָנפירער און ער האָט זיך בכלל נישט גוט געפילט אין דער אָפיציעלער ראָל. ווי אַן אמתער זון פון פאָלק, האָט ער אָפּגעשאַפט די מחיצה צווישן זיך און אַנדערע און גלייכצייטיק אָפּ־געהיטן די נויטיקע דיסציפּלין ביי די זעלנער. יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן געזען דעם יונגן שלאַנקן בחור מיט די טיפע טונקעלע אויגן, מיט דער ערנסטקייט, וואָס איז שטענדיק געלעגן אויף זיין פנים, מיט זיין רואי־קער, פשוטער אויפפירונג און צוריקגעהאַלטנקייט, האָבן מיר געמיינט, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ טיפּ פון אַ ייד, אַ ישיבה־בחור. אַ טייל פון אונדז האָט אים גערופן דער „חלוץ". ער האָט טאַקע געהאַט פיל שטריכן, וועלכע האָבן באַרעכטיקט די דאָזיקע באַצייכענונג.

פּאָרוטשניק וויטעק האָט זיך צוגעבונדן צו אונדז און גיך געוואָרן צווישן אונדז אַן אייגענער אין דער משפחה. ער האָט שוין אונדז נישט פאַרלאָזן נאָכן צוזאַמענברוך פון אויפשטאַנד און צוזאַמען מיט אונדז גע־טיילט דעם גורל ביי די שפּעטערדיקע נאָך־אויפשטאַנד־וואָגלענישן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין אַ סביבה פון יידן, איז ער געווען מער באַדראָט. נאָכדעם, ווי מיר האָבן אים, צוזאַמען מיט אַ טייל פון אונדזער גרופּע פאַר־לוירן אויף אַ שטיק צייט, האָבן מיר זיך ווידער אָפּגעפינען און דערהאַלטן דעם קאָנטאַקט ביז דער באַפרייאונג. אין עטלעכע וואָכן אַרום, נאָכן אַריינ־מאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין וואַרשע, איז ער דערהרגעט געוואָרן דורך די פוילישע פאַשיסטן.

# ביינאכט אין אנגריף

אין א פינצטערער נאכט, ארום עלף אזייגער, איז אונדזער פלוטאן אפגערופן געווארן פון דער פאזיציע און באקומען א באפעל זיך צו שטעלן אויף פרעטא גאס 16. צוגלייך מיט אונדז האבן זיך דארט פארזאמלט אנדערע אפטיילונגען פון א״ל און צווישן זיי אויך א טייל פון דער בארימטער „טשוואָרטאצי״־קאמפאניע, וועלכע האט שוין געהאט הינטער זיך א רייכע קאמפס־פארגאנגענהייט אויף וואליע אײדער זי איז געקומען אויף אלט־שטאט. עס האט זיך כסדר פארגרעסערט דער עולם, מען האט יעדן פארגרעסערט זיין מאגאזין אמוניציע, געגעבן בעסער געווער און א גרעסערע צאל גראנאטן. עס האט געדויערט נאך עטלעכע מינוט און עס קומט אן א גרעסערע אפטיילונג סאניטארינס. דאס האט געגעבן צו פארשטיין, אז מיר גייען אויף אן אטאקע קעגן שונא, אז עס ענדערט זיך די קאמפס־טאקטיק און אנשטאט בלויז צו פארטיידיקן די פאזיציעס, ווי ביז איצט, דארף מען ארויסגיין אין אנגריף. וואו וועט פארקומען דער אנגריף? האט קיינער נישט געוואוסט.

אין א קורצער צייט ארום איז אנגעקומען דער קאפיטאן קאנראד, וועלכער האט דורכגעפירט אן אפעל און אונטער זיין אנפירונג האט מען זיך באלד געלאזט אין וועג אריין. מיר זיינען געגאנגען איבער חרובע גאסן, געקלעטערט אין דער פינצטערניש איבער בערג ברוכווארג פון פונאנדערגעפאלענע הייזער, דורכגעשטופט זיך דורך לעכער און פארשפארטע דורכגענג. דא און דארט האבן ברענענדיקע הייזער באלויכטן דעם וועג און נאך דעם, — ווידער פארבלענדנדיקע חשכות אין א פארוויסטן שטח, וואו מען האט נישט געטארט זיך באנוצן מיט קיין שום באלייכטונג, נאר בלויז טאפן מיט די הענט. בלויז פון צווישן די רויך־וואלקנס, וואס האבן געשוועבט אין דער לופט האבן ערטערווייז פון הימל ארויסגעווינקען איינצלנע שטערן. ארומגעהילט פון א סודותפולער פינצטערניש, אין דעם שטיקנדיקן טשאד, האבן מיר׳ כסדר זיך פארטשעפעט אין ציגל, ברוכ־

שטיקער און פאַרצוימונגען, געפאַלן און געגאַנגען ווייטער, צעקאַלטשעט זיך ביי שטיקער גלאָז און פאַרזשאַווערטן בלעך און ווידער געצויגן פאָרויס.

מיר זיינען ענדלעך אָנגעקומען אויף אַן אָרט. אַוועקגעשטעלט זיך ביי אַ חורבה און קאַפּיטאַן קאָנראַד האָבן געגעבן די לעצטע אָנווייזונגען פאַר דער אַטאַקע. זיינע ווערטער זיינען געווען קורצע, שטילע און מיטן גאַנצן ערנסט. עס טיילט אונדז אָפּ — האָט ער געזאָגט — בערך אַ פּופּציק מעטער פון דעם ווייסל־וואַל, וואו עס געפינט זיך די דייטשע פּאָזיציע. שטיל, אַן רעש וועלן מיר זיך דערנענטערן צו דעם דאָזיקן וואַל און אָנפאַלן אויף דעם דייטשן פּאָסטן. קאַפּיטאַן קאָנראַד האָט פונאַנדער־געטיילט די עטלעכע צענדליק מענטשן אין עטלעכע גרופּן. פאַר יעדער גרופּע האָט ער באַשטימט אַן אָנפירער, אַן אָרט פון קאָנצענטראַציע און אָנגעוויזן אין וועלכער ריכטונג עס דאַרף גיין דער אָנגריף.

עס האָט זיך געהערט דער רוף צום קאַמף! און תיכּף האָבן זיך אַלע צעשיט אין די פאַרשידענע ריכטונגען. פון יעדער ריכטונג האָט יעדע גרו־פּע געצילט צו דערנענטערן זיך צו דער הויכקייט (וואַל), וואָס ציט זיך מיט דער לענג פון דער ווייסל. מיר האָבן אָנגעהויבן צו גיין אויף די שפּיצן פינ־גער, ערטערווייז געשאַרט זיך אויפן בויך, געבליבן ליגן אַ מינוט, צוויי אויף דער ערד און ווידער גערוקט זיך פאָרויס. אַרום האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט. עס זיינען בלויז דערגאַנגען צו אונדז ווייטע אָפּהילכן פון קאַמפן אויף די פּאָזיציעס אין אַנדערע געגנטן פון אַלט־שטאָט. די דאָזיקע אָפּהילכן האָבן אונדז געהאָלפן. זיי האָבן אַ ביסל פאַרטויבט דעם רעש, וואָס איז געקומען פון אונדזער קריכן אויף חורבות און וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט אויסמיידן ביי דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט.

ווען מיר זיינען שוין געווען נאָענט פונעם וואַל, האָבן די דייטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפן שפּיץ, אונדז דערשנאַפּט און זיי האָבן געעפנט אַ געדיכט פייער. פון פאַרשידענע זייטן האָבן אונדזערע גרופּן געענטפערט מיט קוילן, גראַנאַטן און גאַר פון דער ווייטנס, אָפּגערוקט, האָט געהאַלטן אין איין געבן פייער אונדזער צק״מ (שווערע מאַשין־ביקס). אינדזער שטאַרקע שיסעריי האָט געצוואונגען די דייטשן צו פאַרלאָזן דעם שפּיץ פון וואַל. ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אונדז צו באַהאָגלען פון הינטערן וואַל, זיינען מיר שוין געווען צופוסנס פון אים. האַבנדיק אַזאַ פּאָזיציע, איז שוין די דייטשע שיסעריי נישט געווען פאַר אונדז שטאַרק

שעדלעך. די קוילן זיינען בלויז פאַרבייגעלאָפן איבער אונדזערע קעפּ און געפאַלן פון דער ווייטנס.

שטייענדיק צופוסנס פון דער הויכקייט, האָבן מיר אומאויפהערלעך אַרי־בערגעוואָרפן צו די דייטשן גראַנאַטן. איינצלנע פון אונדז האָבן זיך, איינער נאָכן צווייטן, אַרויפגעדראַפּעט אויפן שפּיץ וואַל און אַראָפּגעשאָסן צו די דייטשן. די דייטשן דאַקעגן האָבן נישט אויף אַזוי פיל ריזיקירט און זיי האָבן געהאַלטן אין איין שיסן אויף בלינד. די שמחה איז געווען גרויס, ווען איינער פון אונדזערע זעלנער איז צוריק אַראָפּגעקומען פון וואַל מיט אַ דייטשן צק״מ און מיט אַ קאַסטן אַמוניציע. דאָס האָבן זיי נישט באַוויזן מיט זיך מיטצונעמען, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט די הויכקייט. די דעראָבערונג פון אַזאַ ווערטפול געווער האָט געגעבן מוט און ס׳האָט זיך ערשט אויפסניי אָנגעהויבן פון אונדזער זייט אַ האָגל, אויף וועלכן די דייטשן האָבן געענטפערט מיט נישט קיין קלענערן פייער. דער קאַמף, וואָס האָט שוין באַלד געדויערט איבער אַ האַלבער שעה, איז דערגאַנגען צום קולמינאַציע־פּונקט. אין גאַנג פון פאַרשאַרפטן קאַמף האָבן די דייטשן געוואָרפן ליכט־ראַקעטעס. ביי יעדער ראַקעטע, וואָס האָט געמאַכט ליכ־טיק, ווי ס׳וואָלט געווען טאָג, האָבן מיר זיך געמוזט צוטוליען צו דער ערד, כדי מיר זאָלן וואָס ווייניקער זיין באַמערקבאַר. גלייך ווי ס׳פלעגט צוריק פינצטער ווערן, האָבן מיר ווידער אויפגעהויבן די קעפּ, פאַרגע־זעצט די שיסעריי און ווידער אויסגעגלייכט זיך מיט דער ערד, ווען ס׳האָט זיך ווידער באַוויזן אַ נייע כוואַליע פון ליכט, באַגלייט מיט קוילן און גראַנאַטן.

צוליב דעם, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן וואַרפן גראַנאַטן, איז פאַר אונדז אוממעגלעך געוואָרן לענגער זיך צו האַלטן הינטערן וואַל. די שפּליטערס האָבן זיך צעשפּריצט אין אַלע זייטן און מיט יעדער מי־נוט איז געוואָרן געפערלעכער. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך צוריקצוציען. דער ריקצוג איז אָבער אָנגעקומען זייער שווער, ווייל די דייטשן האָבן קיין איין מינוט נישט געגעבן קיין רו. דאָס שטיקל וועג פון עטלעכע צענדליק מעטער, וואָס מיר האָבן זיך גערדאַפּט שאַרן אויפן בויך, האָט אויסגעזען אומענדלעך . דאָס דאָזיקע שטיקל וועג איז אַזוי באַדעקט גע־וואָרן פון גראַנאַטן־שפּליטערס, אַז ס׳האָט זיך שפּעטער נישט געוואָלט גלויבן, אַז מיר אַלע זיינען אַרויס אומבאַשעדיקט.

מיט שווערער מאַטערניש האָט מען זיך דערווייטערט פון פייער־הנ־ראַגאַן. אויסגעווייקטע אין שווייס און באַקלעפּט מיט זאַמד און ערד, וואָס

האט זיך פאַרוואַנדלט אין בלאָטע, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און גע־
נומען גיין צוריק צו אונדזער באַזע.

אויפן צוריקוועג האָב איך פאַרבלאָנדזשעט צווישן חורבות און געבליבן
הינטערשטעליק. ס׳איז מיר אויסגעקומען אַליין דורכצוגיין דורך אַ חרובער
געבײַדע, וואָס איז געווען אָן אַ דאַך און ס׳זײַנען געשטאַנען בלויז די פיר
ווענט. אין דער פינצטערניש בין איך אַ פּאָל געטאָן אין אַ קעלער אַריין. איך
בין געבליבן אין אַ קלעם, נישט וויסנדיק ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון
דעם גרוב. כ׳האָב אַבסאָלוט נישט געזען וואו כ׳געפין זיך, אַזוי ווי איך
וואָלט געהאַט פאַרבונדענע אויגן. ווען כ׳האָב זיך געפּרוווט אַרויפדראַ־
פּען, בין איך נאָך טיפער אַראָפּגעפאַלן און כ׳האָב באַשלאָסן צו וואַרטן,
אפשר וועט עמיצער אַדורכגיין און מיך אַרויסציען. אָבער לײַדער בין איך
געווען דער לעצטער און כ׳האָב זיך אויף קיינעם נישט דערוואַרט.

נאָכדעם, ווי כ׳בין אַזוי אָפּגעלעגן עטלעכע מינוט איז אָנגעפלויגן
אַן עסקאַדרע ענגלישע אַעראָפּלאַנען, וואָס האָט געזאָלט אַראָפּוואַרפן גע־
ווער פאַר די אויפשטענדלער. פון הינטער די אַעראָפּלאַנען האָבן אַראָפּ־
געלויכטן אַ סך קאָלירטע לעמפּעלעך. ווען זיי זײַנען פאַרבײַגעפלויגן דער
חורבה, איז אויף אַ סעקונדע ליכטיקער געוואָרן. דער בלאַסער שײַן האָט
מיר דערמעגלעכט אַרומצוקוקן זיך און אַזוי אַרום האָב איך זיך אַרויס־
געקראָגן פון קלעם. די אַעראָפּלאַנען זײַנען אַזוי ווי ספּעציעל פאַר מיר
געשיקט געוואָרן. אַ דאַנק זיי בין איך אַרויס פון קעלער — אַ דערפרייי־
טער, הגם אַ צעקלאַפּטער, מיט צעבראָכענע גלידער.

כ׳בין אָנגעקומען אויף דער באַזע מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. דאָרט איז
מען געווען זיכער, אַז איך בין אומגעקומען. מײַן באַווייזן זיך האָט גע־
מאַכט אַן אײַנדרוק, ווי כ׳וואָלט צוריקגעקומען פון יענער וועלט.

# פרעטאַ גאַס 16

דאָס הויז אויף פרעטאַ גאַס 16, אין וועלכן עס איז געבוירן געוואָרן די באַרימטע פוילישע וויסנשאַפטלערין מאַריע קיורי־סקלאָדאָווסקאַ, איז, ווי אַ סימבאָל, אַמלענגסטן געשטאַנען גאַנץ און כמעט אומבאַשעדיקט אינ־מיטן פון דער צעשטערטער און מיט באָמבעס אויפגעאַקערטער וואַרשע־ווער אַלט־שטאָט, וואו עס איז שוין כמעט נישט געווען קיין גאַנץ הויז. מען האָט געקאָנט באַקומען דעם איינדרוק, אַז יעדער ציגל פון פרעטאַ 16, איז באַשיצט דורך אַ הייליקן שפּרוך, אָדער איבערנאַטירלעכן כוח, וואָס איז מעכטיקער ווי דער דייטשער פּולווער דורך וועלכן אויף אַלט־שטאָט זיי־נען צעשטערט געוואָרן אַלע בנינים פון מוזעאַלן אַלטערטימלעכן ווערט. עס האָט אויסגעזען, ווי דער וואַנדאַליזם וואָלט דאָס הויז אויף פרעטאַ 16 נישט געקאָנט בייקומען.

אָבער נישט בלויז מיט דעם אָרעאָל פון דער פאַרגאַנגענהייט איז אַרומגעהילט געווען דאָס הויז. עס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אויך אין דער אַכזריותדיקער קעגנוואַרט. פון אַן אָנדענק־אָרט פאַר דער וויסנשאַפט־לעכער וועלט, האָט זיך פרעטאַ 16 פאַרוואַנדלט אין אַן אָנדענק־אָרט פאַר דער קעמפנדיקער וועלט, און אין יענע טעג — אין אַ צענטער פון אויפשטאַנד, פון דאָרט האָבן זיך געצויגן פעדעם צו באַריקאַדן, צו אויפ־שטענדלער, צו אַלע מענטשן, וועלכע פאַלן און שטייגן מיטן אויפשטאַנד, פון די דאָרטיקע פיר ווענט האָט דער שטאַב פון א״ל אָנגעפירט מיט אַלע קאַמפּס־אַקציעס. דאָרט זיינען קאָנצענטרירט געווען אַלע מילי־טערישע סודות און אַלע אויפשטאַנדס־פּראָבלעמען. און צום סוף איז דאָס דאָזיקע הויז געוואָרן דאָס קבר פון הויפּט־שטאַב.

געווען איז דאָס דעם 26טן אויגוסט. אין די נאָכמיטאָג־שעהן איז אָנ־געפלויגן אַ גרעסערע עסקאַדרע אַעראָפּלאַנען. ווי תמיד האָט דער דענער־ווירנדיקער סווישטש פון די פלאַנדיקע באָמבעס געווירקט אויף דער פּסי־

ביק פֿיל מער, ווי די אויפֿרייסן גופֿא. אָבער אין יענעם מאָמענט האָבן מיר ממש איבערגעלעבט אַן ערד־ציטערניש. די אויפֿרייס־באָמבעס זיינען געווען פֿון אַזאַ גרויסן קאַליבער און אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז אַלץ אַרום אונדז האָט זיך געפֿונען אין אַ באַוועגלעכן צושטאַנד. אויך אין די טיפֿע קעלערס האָבן מענטשן זיך געטרייסלט און געמוזט זיך אָנהאַלטן איינער אין צווייטן. מענטשן זיינען פֿאַרוואונדעט געוואָרן פֿון די אַראָפּפֿאַלנדיקע חורבה־שטיקער. אין די מינוטן פֿון שווערע סכנה־איבערלעבענישן, האָבן מיר דאָך באַוויזן צו באַנעמען, אַז דער שווער־פּונקט פֿון דייטשן קאָנצענטרירטן לופֿט־אַטאַק איז געווענדעט אויף פּרעטאַ 16. דאָס הויז איז פֿולשטענדיק צעשמעטערט געוואָרן. אונטער די חורבות זיינען פֿאַרשיט געוואָרן צענדליקער מענטשן פֿון דער ציוויל־באַפֿעלקערונג און אויך דער גרעסטער טייל פֿון דעם א״ל־שטאַב, וועלכער איז אַקוראַט בעת דער באָמבאַרדירונג דאָרט געווען פֿאַרזאַמלט.

דער חורבן אויף פּרעטאַ 16 און דער אומקום פֿון הויפּט־שטאַב, האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק אויף דער אויסגעמאַטערטער באַפֿעלקערונג פֿון אַלט־שטאָט און קודם־כּל אויף די זעלנער. דער יאוש און די אַפּאַטיע, וואָס איז שוין געווען גענוג גרויס אין די פֿריערדיקע טעג, איז איצטער דערגאַנגען צום הויך־פּונקט. נאָך פֿריער איז פֿאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז די טעג פֿון אַלט־שטאָט זיינען געציילטע. עס זיינען שוין נישט געווען קיין שום פּערספּעקטיוון אויסצוהאַלטן, סיי פֿיזיש און סיי פּסיכיש דעם דייטשן דרוק. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, ווי פֿון שעה צו שעה ווערן די רייען שיטערער, עס פֿאַלן אומאויפֿהערלעך די אויפֿשטענדלער און די מענטשן פֿון דער ציוויל־באַפֿעלקערונג. צוליב דעם, וואָס דער פֿאַרהעלטנישמעסיק קליינער שטח איז שטאַרק איבערפֿולט געווען, חוץ פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג, אויך פֿון פּליטים פֿון אַלע טיילן וואַרשע, האָט יעדע דייטשע קויל און יעדער שפּליטער פֿון אויפֿרייס־באָמבעס אָדער שראַפּנעלן געטראָפֿן אין ציל. דער דוחק אין אַמוניציע, דער מאַנגל אין לעבנס־מיטלען און וואַסער איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען עס וואָלט געווען וועלכער עס איז וועג זיך צוריקצוציען, וואָלט שוין מיט אַ סך טעג פֿריער געווען אַן אומזין דאָס קלאַמערן זיך אויף דעם טויטן־אינזל פֿון דער געוועזענער אַלט־שטאָט. אויב מען האָט זיך נאָך, ווי עס איז געהאַלטן, איז עס געווען בלויז דערפֿאַר, וואָס עס איז נישט געווען קיין ברירה.

צו דער דאָזיקער אויסזיכטלאָזיקייט, איז נאָך צוגעקומען די מפּלה אויף פּרעטאָ 16, וואָס האָט סיגנאַליזירט, אַז אויך די לעצטע כּחות גייען אויס.

נאָכן אומקום פון א״ל־שטאַב, האָבן אַנדערע אַקטיווע טוער און אָפּי־צירן פון דער אַרמיי פאַרטרעטן די אומגעקומענע שטאַב־חברים. עס איז אָבער שוין נישט געווען קיין אָרגאַניזאַציע און קיין נאָרמאַלע פונקציאָ־נירונג פון דער מיליטערישער מאַכט, ווייל אַלע יסודות פון לעבן און קאַמף זיינען געווען דערשיטערט. די מיליטערישע אַנפירונג פון א״ל און אויך פון א״ק, האָט אין יענע טעג פון 26־ און 27טן אויגוסט, געוויד־מעט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט בלויז אויף זוכן אַ וועג, כדי צוריק־צוציען זיך פון אַלט־שטאָט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. צוליב דעם האָט מען געמוזט אויף ווי ווייט מעגלעך דערווייל איינהאַלטן די פּאָזיציעס ביי־אַלע באַדינגונגען, בכדי צו געווינען צייט דורכצופירן דעם ריקצוג. דאָס שטיין אויף די פּאָזיציעס איז שוין נישט פאַרבונדן געווען מיט קיין שום אַנדערע קאַמפּס־צילן.

די פראַגע פון פאַרלאָזן אַלט־שטאָט האָט אַבסאָרבירט אַלע געדאַנקען פון די אָרטיקע מענטשן. דאָס איז געוואָרן אַ שטרעבונג, וואָס יעדע מינדס־טע האָפענונג דאָס צו דערגרייכן האָט אַלעמען ממש עלעקטריזירט. קיינער איז נישט מסוגל געווען אַפילו איין מינוט צו געדענקען, אַז דאָס פאַרלאָזן די אַלט־שטאָט וועט זיין בלויז אַ מאָמענטאַל גליק, אַז דער אומבאַקאַנטער גן ־ עדן „דאָרט״, וואו מען וועט אַנקומען, וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם זעלביקן גיהנום. קיינער איז וועגן דעם נישט פעאיק געווען צו טראַכטן, ווייל איין מינוטן פון דער גרעסטער דערדריקונג איז אַ בלויזע אילוזיע, פּונקט אַזוי בכוח צו שטאַרקן, ווי דאָס רעאַלסטע גליק. און דערפאַר איז נישט קיין וואונ־דער, וואָס יציאת „סטאַרוווקע״ (אַלט־שטאָט) איז געווען אַ צויבער־וואָרט, וואָס האָט געהאַלטן אין שפּאַנונג די זעלנער און נאָך מער די ציוויל־באַ־פעלקערונג, וועלכע האָט געהאַפּט מיטצוגיין מיטן מיליטער. גערעדט האָט מען וועגן דעם בסוד סודות, אַז ס׳זאָל נישט דערגיין צום שונא. מען האָט זיך איבערגעגעבן אויפן אויער פאַרשידענע ידיעות און קלאַנגען אַרום דער דאָזיקער פראַגע. אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט קיין שום קאָנ־קרעטעס. עס האָט געפייניקט דער געדאַנק, צי וועט מען זיך דערוואַרטן אויף דער מינוט פון פאַרלאָזן די חורבות? צי וועלן די דייטשן נישט פריער אַריינמאַרשירן און אויסהרגענען ביזן לעצטן מענטשן?

* * *

ביי דעם אויסגראָבן די קערפּער פון די אומגעקומענע חברים פון א״ל־שטאַב, פון אונטער די חורבות פון פּרעטאַ 16, איז אַרויסגענומען געוואָרן בלויז דער קערפּער פון אַנאַטאָל (מנשה) מאַטיוויעצקי — פּאַרטישאַניק „נאַסטעק*). מיט דעם נאָמען פון פּאַרטשניק נאַסטעק, איז פאַרבונדן אַ רייך קאַפּיטל פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט פאַרן קריג און פון אונטערערדישער טעטיקייט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אַלס איינער פון די אַקטיוויסטן טוער פון פּפּ״ר.

אַלס הייסער טיף־פּילנדיקער ייד, וועלכער איז פאַרבונדן מיטן יידישן לעבן, האָט פּאַרטשניק „נאַסטעק״ נישט באַגנוגנט זיך בלויז מיט דער אַלגעמיינער אונטערערדישער אַרבעט. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן גורל פון די אויסבאַהאַלטענע יידן אויף דער „אַרישער זייט״ און אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען, כדי זיי ממשותדיק צו העלפן. „נאַסטעק״ איז געווען אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער אין יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. אונטער זיין אויפזיכט האָבן זיך געפונען צענדליקער יידן, וועלכע ער האָט באַזאָרגט מיט געלט, דאָקומענטן, דירות אא״וו. זיינע צוזאַמענטרעפן מיט ד״ר בערמאַן און יצחק צוקערמאַן זיינען שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט דער זאָרג צו העלפן די אויסבאַהאַלטענע יידן. זיין טיפע פאַרבינדונג מיטן יידישן פאָלק האָט ער אויך געברענגט צום אויסדרוק דורך אינטערעסירן זיך מיט ארץ־ישראל און דורך אַרויסוויזן אַ הייסן אויפריכטיקן סענטימענט צו אַלץ, וואָס דאָרט ווערט געשאַפן.

נאָכן אויסברוך פון וואַרשעווער אויפשטאַנד איז ער טעטיק אין שטאַב פון א״ל אַלס אָפיציר פאַר אינפאָרמאַציע, זייענדיק אַריינגעטאָן מיט דער גאַנצער נשמה אינעם גאַנג פון אויפשטאַנד, פאַרגעסט ער נישט אין דער יידישער גרופּע פון זשא״ב. יעדן טאָג און אָפטמאָל עטלעכע מאָל אין טאָג האָט ער אונדז באַזוכט און אינטערעסירט זיך מיט יעדן איינציקן פון אונדזער גרופּע. עס האָט אים געצויגן צו אונדזער סביבה און ער האָט מיט הנאה פאַרברענגט מיט אונדז יעדע פרייע מינוט. מיר האָבן זיך פעררזעגלעך מיט אים שטאַרק דערנענטערט און, אַז מיר פלעגן זיך מיט אים אַ קורצע צייט נישט זען האָט ער שטאַרק געפעלט. ווען „נאַסטעק״

---

*) די פּוילישע רעגירונג האָט, נאָך דער באַפרייאונג, דערהויבן אים נאָכן טויט צו דעם ראַנג פון מאַיאָר.

איז דעם 26טן אויגוסט אויסגעגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות פון פרעטאַ 16, האָט די זשאַ"ב־גרופּע אים אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד און אים מקבר געווען אין אַ צייטווייליקן קבר אויף אַ הויף נעבן די האַלעס אויף שווינטאָ־יערסקאַ גאַס. דעם 27טן אינדערפרי, האָב איך צוזאַמען מיט זיגמונט וואַרמאַן און מאַרעק עדעלמאַן געגראָבן דאָס קבר. בעתן גראָבן זיינען איבער אונדזערע קעפּ אומאויפהערלעך געפלויגן אַרטי־לעריע־קוילן און מינעס. ביי יעדן פייף פון דער פליענדיקער פייער־מאַסע, האָבן מיר זיך כסדר געמוזט אויסציען אויף דער ערד. ווען מיר פלעגן נאָכדעם ווידער נעמען די לאָפּאַטעס אין די הענט אַריין, זיינען אָנ־געקומען באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען און ווידער האָבן מיר געהאַט דאָס גע־פיל, אַז מיר גראָבן אַ קבר פאַר זיך אַליין.

צום אומגליק איז די ערד געווען האַרט, ווי שטיין און מ'האָט נישט געקאָנט גראָבן גיך. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע כלים אַ חוץ לאָפּאַטעס און דערצו נאָך שלעכטע. אין די מינוטן, ווען עס איז געווען אַ ביסל רואיקער, האָבן מיר מיט אַזעלכע כלים אויך גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן. די הויט האָט אויף אונדז געברענט פון איילעניש, כאָטש צע־רייס די ערד מיט די הענט. מיר האָבן געזען, אַז ווייטער אַזוי איז נישט מעגלעך צו אַרבעטן. דעריבער איז זיגמונט געבליבן נעבן מת און איך מיט מאַרעקן זיינען געגאַנגען ברענגען קילאָפּן, מיט וועלכע מען זאָל צע־האַקן די ערד.

מיר האָבן באַוויזן איינצושאַפן די נויטיקע כלים. אָבער דער דינסט־אָפיציר (זיין נאָמען געדענק איך נישט) האָט אונדז, צוריקגייענדיק צום קבר אָפּגעשטעלט אויף שווינטאָ־יערסקאַ גאַס און געמאָלדן, אַז מיר זאָלן תיכף גיין אויף דער פּאָזיציע, ווייל די דייטשן אַטאַקירן און ס'פעלן דאָרט מענטשן. ער האָט אונדז צוגענומען די גראַב־מכשירים און זיגמונטן האָט ער געשיקט צוהילף אַ גרופּע אונגאַרישע יידן, וועלכע האָבן זיך נישט באַטייליקט אין אַקטיוון קאַמף, נאָר זיינען אויסגענוצט געוואָרן צו פאַר־שידענע הילפס־אַרבעטן. ווען איך בין, נאָך עטלעכע שעה, צוריקגעקומען פון דער פּאָזיציע, איז שוין געווען נאָך דער קבורה פון פּאַרוטשניק „באַסטעק".

# יציאת אלט־שטאט

די טעג זיינען געווען לאַנג, ווי יאָרן. דער באַגריף פון צייט האָט זיך אַזוי געביטן, אַז דאָס וואָרט אַ טאָג האָט זיך אַסאָציאירט מיט אייביקייט. די פּילצאָליקע געשעענישן, די געשפּאַנטקייט אין געראַנגל און אין איבערלעבענישן האָבן דעם מענטש געמאַכט אַלט אין משך פון געציילטע טעג.

צווישן אַ גאַנצער ריי אַזעלכע אומענדלעכע טעג, וועלכע זיינען מיר געבליבן אין זכרון, געפינט זיך אויך דער טאָג פון 27טן אויגוסט 1944. אַ טאָג פול מיט אויפטרייסלונגען און צוזאַמענבראָכן. דאָס איז אויך געווען אַ טאָג, וועלכן ס׳האָט דורכגעדרונגען אַ קליינער שטראַל פון האָפענונג: מען האָט איבערגעגעבן אויפן אויער, אַז ביינאַכט וועט מען פאַרלאָזן די אַלט־שטאָט. אין דערוואַרטונג אויף דעם אָנקום פון דער נאַכט, איז דער טאָג געווען נאָך גרעסער, ווי געוויינלעך, ער איז געווען טאָפּלט גרעסער, צוליב דער קייט פון צרות און צוליב דער דערוואַרטונג אויף דער געגאַרטער מינוט.

אַ גאַנצן טאָג האָט מען געלעבט אונטערן איינדרוק, אַז אין דעם היינטיקן טאָג ענדיקט זיך דאָס קאַפּיטל אַלט־שטאָט. אויך אין די מינוטן, ווען מען האָט געצווייפלט, צי עס וועט עפּעס ווערן פון דעם יציאת אַלט־שטאָט־פּלאַן, איז מען דאָך געווען זיכער, אַז לענגער וועט זיך עס נישט פאַרציען, אַז נאָך אין לויף פון טאָג וועט פאַרקומען דער פולשטענדיקער צוזאַמענברוך און דער אַריינמאַרש פון די דייטשע מיליטער־אָפּטיילונגען. דאָס באַוואוסטזיין וועגן דער נאָענטקייט פון ענדגילטיקן צוזאַמענברוך, האָט צונישט געמאַכט די אילוזיעס אויך פון די אָפּטימיסטן, וועלכע האָבן יאָ געגלויבט אין דער רעאַלער מעגלעכקייט צו קאָנען פאַרלאָזן דעם באַלאַגערטן שטח. ווייל ווער קאָן דען וואַרטן ביז ביינאַכט? ווער איז דען

בכוח דורכצולאָזן אַזוי פיל הונדערטער מינוטן, וואָס ציען זיך אויס, ווי חדשים און דערווייל נישט פאַרשלינגען ווערן פון דעם פייער־ים?

די געשעענישן פון טאָג זיינען געלאָפן, ווי געוויגלעך. ווידער לופט־באָמבאַרדירונגען, ווידער דאָס געקלאַפּעריי פון האַרמאַטן, שרפות, קרבנות, פאַרוואונדעטע אאַ״וו. די, וואָס זיינען געבליבן לעבן, האָבן אַלץ געזוכט סימנים, וועלכע זאָלן אָנווייזן, צי מיר האַלטן טאַקע ערב דעם אַוועקגיין, אָדער נישט? די סימנים זיינען אָבער געווען פאַרשידענע. אַ טייל האָבן באַשטעטיקט די קלאַנגען, און אַ טייל — נישט. איך האָב באַקומען אַ מעלדונג, אַז כ׳זאָל זיך שטעלן 6 אַזייגער צו דער נאַכט־שיכט אויף דער פּאָזיציע. וואָס באַדייט דאָס? אויב מען דאַרף נאָך אַ נאַכט־שיכט, איז דאָך אַ סימן, אַז די קלאַנגען וועגן אַוועקגיין היינטיקע נאַכט האָבן נישט קיין גרונט? ווען כ׳בין געקומען צו דער באַשטימטער צייט אויפן זאַמל־פּונקט, האָב איך געזען, אַז עפּעס איז דאָס נישט, ווי געוויינלעך — אַנ־שטאָט פּופציק, זעכציק מענטשן, זיינען גערופן געוואָרן קוים צען. פון דער זשאָ״ב־גרופּע איז אויך גערופן געוואָרן מאַרעק. ער האָט אויך געהאַט, פון אַ זיכערער קוועלע, אַ ידיעה, אַז ביינאַכט גייט מען אַוועק פון אַלט־שטאָט. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די קליינע גרופּע מענטשן וועט דאַרפן איינהאַלטן די פּאָזיציע אין משך פון עטלעכע שעה, וואָס עס וועט דויערן דער אַראָפּגאַנג פון אַלע מענטשן אין קאַנאַל אַריין און צום סוף וועלן מיר אויך אַראָפּגיין. אָפיציעל אָבער האָט מען אונדז וועגן דעם נישט געמאָלדן.

די לעצטע נאַכט־שעהן אויף דער פּאָזיציע זיינען געווען פיבער־דיקע. און מאָדנע: די דייטשן האָבן אין יענער נאַכט געגעבן פאַרהעלט־נישמעסיק ווייניקער פייער ווי תמיד. אויך אונדזערע ענטפערס אויף יע־דער פּאַרציע״ בליי, זיינען שוין נישט געווען אַזוי ווייט צוליבן עצם־קאַמף, ווי צוליב דעמאָנסטראַציע, כדי זיי זאָלן נישט דערקענען, אַז מיר שטייען שוין בלויז מיט איין פוס אויף דער פּאָזיציע.

מיר זיינען געשטאַנען אין דער פינצטערניש מיט אויפגעשפּיצטע אוי־ערן, אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער, דייטשער, זייט, און גלייכצייטיק אויסגעקוקט אַ לעבעדיקן נפש מיט אַ ידיעה פון שטאָט. אַ שרעקלעכער אומעט האָט אַרומגעכאַפּט, ווען מיר האָבן דערזען, ווי קליין מיר זיינען אין צאָל. די עטלעכע מענטשן זיינען געווען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע פונקטן פון דער פּאָזיציע און יעדן האָט זיך געדוכט, אַז ער איז איינער אַליין. דאָס הויז נעבן דער פּאָזיציע, אין וועלכן עס

איז תמיד געווען אַ רעזערוו פון זעלנער, איז געווען פּוסט און ס'האָט געיאָגט פון אים אַ ווינט. עס האָט דערפריייט דער געדאַנק, אַז אין דער צייט, וואָס מיר שטייען דאָ, ווערט אַלץ ווייניקער מענטשן אויף דער אויבערפלאַך פון באַלאַגערטן שטח און אַלץ דרינגט אַראָפּ אין דער אונטערערדישער טיפעניש. דאָס האָט אָבער פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון איינזאַמקייט און שוואַכקייט אויף דער פּאָזיציע. אָבער טראָץ דעם, איז אין געדאַנק דורכגעגאַנגען אַ תפילה, אַז די קאַנאַלן זאָלן אָנגעפילט ווערן מיט וואָס מער מענטשן.

בערך נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט, האָבן פון דער ווייטנס אָפּגעקלונגען טריט, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט, אַז דאָס מיינט מען אונדז און אַז מען האָט אין אונדז נישט פאַרגעסן. עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט און ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי פאַרבינדלער, וועלכע זיינען געקומען אונדז אָפּרופן פון דער פּאָזיציע. די סאַטיספאַקציע איז געווען גרויס מחמת דעם, וואָס די דייטשן האָבן נישט געוואוסט, אַז אין די פאַרגאַנגענע באַכטשעהן האָבן זיי מיט זייער ווייניק אָנשטרענגונגען געקאָנט איינעמען אונדזער פּאָזיציע, אַריינרייסן זיך אין האַרץ פון אונדזער קאָנצענטראַציע און צונישט מאַכן אונדזער ריקצוג. מיר האָבן געלאָזן הינטער זיך די באַריקאַדע, אַרום וועלכער עס איז עטלעכע וואָכן געגאַנגען אַ געראַנגל און דורך פינצטערע צעשטערטע גאַסן, וואו עס איז נישט געווען צו טרעפן קיין לעבעדיקן נפש, האָבן מיר זיך דערנענטערט צו דער קאַנאַל־עפענונג אויף ראָג שוויענטאָ־יערסקאָ — נאָווינִיאַרסקאָ, וועלכע איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער א״ק און אין וועלכן ס'זיינען אויך אַריינגעגאַנגען די זעלנער פון א״ל און אַ געוויסע צאָל מענטשן פון דער ציוויל־באַפעלקערונג.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער קאַנאַל־עפענונג, זיינען שוין הונדערטער געווען אין קאַנאַל און אויף קילאָמעטערס ווייט האָט זיך אונטער דער ערד שוין געצויגן די ריי, איין מענטש הינטערן אַנדערן, אויפן וועג, וואָס פירט קיין זשאָליבאָזש. עס איז שוין געווען אונטן דער גרעסטער טייל פון די זעלנער. אויף דער אויבערפלאַך איז נאָך געווען דער טייל מיליטער, וואָס האָט געדאַרפט שליסן דעם צוג, די זשאָ״ב־גרופּע און אַ קליינע צאָל ציוויל־באַפעלקערונג, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען אַ קליין ביסל יידן, וועלכע זיינען מיטגענומען געוואָרן דורך דער זשאָ״ב־גרופּע.

פון מינוט צו מינוט איז געוואָרן אַלץ ווייניקער מענטשן אויף דער אויבערפלאַך. דאָס אַראָפּנידערן אין קאַנאַל איז פאָרגעקומען אין אָרדע־

נינג און גוט אָרגאַניזירט. עס איז נישט געווען קיין געדראַנג, יעדער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט אין דער ריי און איינציקווייז זיך צוגערוקט צו דער עפענונג. ווידער האָבן מיינע פיס, שוין צום וויפלטן מאָל, באַטראַכטן די אייזערנע שטאַפּלען, וואָס פירן אַלץ נידעריקער אַראָפּ אין קאַנאַל אַריין. וואָס מער די הענט האָבן אָפּגעלאָזן די אויבערשטע שטאַפּלען, און די פיס האָבן דערגרייכט די אונטערשטע, אַלץ מער האָט זיך דער קאַנאַל־ריח אַריינגעריסן אין די נאָז־לעכער. ווען אויף די סאַמע אונטערשטע שטאַפּלען האָבן זיך נאָך געהאַלטן די הענט און פיס פון דעם, וואָס איז געווען פאַר מיר אין דער ריי, האָט שוין אויף די אויבערשטע שטאַפּלען, איבער מיין קאָפּ, געהאַנגען דער, וואָס איז געווען הינטער מיר אין דער ריי. אַזוי האָט אַ קייט פון מענטשלעכע קערפּערס זיך אַראָפּגעשלענגלט פון דער אויבערפלאַך אין די אומגעזעענע טיפענישן אַריין. דער אָפּקלאַנג פון יעדער נייער פלעסקעריי פון וואַסער איז געווען אַ סימן, אַז איינער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון לעצטן שטאַפּל אין וואַסער אַריין און דער צווייטער קאָן זיך שוין גרייטן צו דעם זעלביקן. דאָס ערשטע איינטונקען זיך אין וואַסער און דאָס אַרומגענומען ווערן פון דער שוימיקער קלעפּיקייט, פון דער נעץ און קעלט, האָט אַרויסגערופן אַזאַ קאָנוואולסיוון ציטער, אַז אַפילו איך, וועלכער איז שוין אין די קאַנאַלן געווען „ווי אין דער היים“, האָב נאָך אַמאָל איבערגעלעבט אַזאַ מאָמענט, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזאַ איינעם, וואָס איז נאָך קיינמאָל אין קיין קאַנאַל נישט געווען.

די לאַנגע שעהן פון אומאויפהערלעכן טרייבן דאָס וואַסער מיט די פיס, האָבן אינגאַנצן געמאַכט פאַרגעסן אין דער וועלט אויסער דעם קאַנאַל, אַזוי ווי מיר וואָלטן פון דער דאָזיקער בלאָטע אַרויסגעוואַקסן. די טונקל־גרויע, דינע, ליכט־שנירלעך, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די לעכלעך פון די קאַנאַל־דעקן, האָבן אָנגעזאָגט, אַז אין דרויסן טאָגט שוין. אָבער טאָג, ליכט, זון האָט געשראָקן ווי אַ געשפּענסט. זיכערער פלעגט מען זיך פילן, ווען מען האָט זיך, נאָך יעדער דורכגעגאַנגענער קאַנאַל־עפענונג, ווידער אַריינגעשווענקט אין די פינצטערע לאַבירינטן, וואו עס איז נישט פאַראַן קיין שום שפּאַרונג צו דער אויסערלעכער וועלט. דאָרט האָט די גרויסע מחנה אין איר בלינדן מאַרש געשלייכט זיך, קעגן שטראָם פון די כוואַליעס, צו איר צווייפלהאַפטן ציל. קיינער פון דעם גרויסן צוג, וועמענס פאָדערשטער שפּיץ איז שוין פון לאַנג אַרויסגעגאַנגען אויף זשאַליבאָזש און דער הינטערשטער איז נאָך געווען אויף אַלט־שטאָט, האָט פאַר זיך נישט געזען קיין שום האָריזאָנט,

נאָר בלויז געטאַפּט די פּלייצעס פון זיין פּאַרגייער, פונקט ווי ער האָט אויף די אייגענע פּלייצעס געפילט, אַז עס ליגן אַ פּאָר הענט פון דעם, וואָס גייט הינטער אים.

נאָכן אַדורכמאַכן בערך מער ווי אַ העלפט וועג, זיינען מיר צוגעקו־מען צום קריטישסטן אָרט, אויף וועלכן עס האָט זיך צייטווייליק דע־צידירט די פראַגע פון לעבן און טויט. דאָס איז געווען אַן אָרט, וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען פון פאַרשידענע ריכטונגען וואַסער־שטראָמען, וואָס זיינען זיך צונויפגעפאַלן אויף איין אָרט און געבילדעט אַ מעכטיקן וואַסער־פאַל פון אַן אומגעהויערער גרויסער קראַפט. די ריזיקע קאָנצענ־טראַציע פון שטורעמדיקן וואַסער, וואָס מען האָט גערופן „בוזשאָוויעץ״ (פון פוילישן וואָרט — בוזשאַ — שטורעם), איז אַראָפּגעפלאָסן פון העכערע, שמעלערע קאַנאַלן אין דעם נידעריקן, ברייטן קאַנאַל, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען. ביים דורכגיין דעם „בוזשאָוויעץ״, האָט אונדז גע־האָלפן די פון פריער ספּעציעל־פּאַרפּעסטיקטע שטריק אין איינעם פון די קאַנאַליזאַציע־ווענט. די שטריק איז געווען דער שטיץ־פּונקט אויף וועלכן יעדער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים דורכלויפן, כדי נישט מיטגעריסן צו ווערן מיט דער כוואַליע.

די הויפּט־סכנה ביים דורכגיין דעם „בוזשאָוויעץ״ איז אָבער נישט געווען בלויז די שטאַרקע כוואַליע, וואָס האָט געשליידערט פון זיך די מענטשן, אפילו ווען זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי דער שטריק, נאָר די קאַ־נאַל־עפענונג, אונטער וועלכער דער „בוזשאָוויעץ״ האָט זיך געפונען. דאָ האָבן זיך פאַראייניקט צוויי אומגליקן מיטאַמאָל, וואָס יעדער באַזונדער איז גענוג געווען אונדז צו פאַרשאַפן גרויסע צרות. אונטער יעדער קאַנאַל־עפע־נונג האָט מען געמוזט גיך און מיט דער גרעסטער שטילקייט דורכלויפן, כדי אויף דער חרויסנדיקער גאַס זאָל מען נישט הערן קיין שאָרך. דאָ האָט מען אָבער געמוזט זיך ראַנגלען מיט דעם שטורמישן וואַסערפאַל און ערשט דערנאָך זיך אַרויפדראַפּען אין אַן אַנדערן העכערן קאַנאַל אַריין און דעמלט האָבן די דייטשן אויף דער גאַס געקאָנט אונדז לייכט אַנט־דעקן. יעדער איינער, וואָס איז צוגעקומען צום „בוזשאָוויעץ״, האָט זיך געמוזט אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן די סכנות, וואָס דראָען. אָבער אַזוי ווי הונדערטער מענטשן זיינען שוין אַדורך אָן שום פּעריפּעטיעס און קיין אַנדער אויסוועג איז סיי ווי נישטאָ, איז נישט מער געבליבן ווי די האָ־פענונג, אַז מען וועט ווייטער אַדורך בשלום.

לאַנגע שעהן האָבן דאָרט געהאַלטן אין איין דורכגיין מענטשן, איי־

נער נאָכן צווייטן, און ס'איז גאָרנישט געשען. ביז עס איז געקומען צו דעם אַדורכגאַנג פון דער זשאַ"ב־גרופּע. פּונקט, ווען יצחק צוקערמאַן האָט גענומען די שטריק אין האַנט אַריין כדי זיך צו לאָזן אַנטקעגן דער כוואַליע און ווען מיר הינטער אים אין דער ריי האָבן זיך שוין צוגע־גרייט דאָס זעלביקע צו טאָן, האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט: — טראַך! די דייטשן וואַרפן אַראָפּ דורך דער קאַנאַל־עפענונג גראַנאַטן און פּאָר די אויגן פליען פייער־שפּליטערס. יצחק קוים באַוויזן צוריקצוציען זיך טיפער אין קאַנאַל אַריין. די לאַנגע ריי פון מענטשן הינטער אונדז, וואָס האָט געגרייכט העט ווייט איז איינגעהאַלטן געוואָרן און נישט געקאָנט זיך ווייטער רירן פון אָרט. די ערשטע פּאָר מענטשן, וואָס זיינען גע־ווען נאָענט פון „בזשאָוויעץ" זיינען געבליבן שטאַרק צעטומלט. די ווייַ־טערע, צו וועלכע עס איז אַפילו נישט דערגאַנגען דער אָפּקלאַנג פון די גראַנאַטן, האָבן בכלל נישט געוואוסט צוליב וועלכער סיבה זיי קאָנען זיך נישט רוקן פאָרויס. נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט די גראַנאַטן־באָמבאַרדירונג, האָט מען נאַטירלעך נישט געטראַכט מאָמענטאַל פאָרצו־זעצן דעם וועג. אָבער שטיין אויף אַן אָרט, נאָענט פון „בזשאָוויעץ", איז אויך נישט געווען מעגלעך. מען מוז צוריקגיין, ווייל דאָ קאָנען נאָך זיין פאַרשיידענע סיורפּריזן. אויפן גאַנצן מהלך פון דער לאַנגער אויסגע־צויגענער מענטשן־ריי גייט איבער פון אויער צו אויער די מעלדונג, אַז דער עק פון צוג זאָל תיכף נעמען צוריקגיין. און מיר אין שפּיץ פון צוג זיינען געשטאַנען מיט אומגעדולד און געוואַרט, אַז די ריי זאָל זיך שוין נעמען רירן פון אָרט.

„פּאָליאַקן! קומט אַהער, האָט נישט קיין מורא. דאָ רופן אייך פּאָ־ליאַקן"! אַזעלכע אויסרופן אין דער פּוילישער שפּראַך האָבן זיך צו אונדז אַריינגעריסן פון דער גאַס דורך דער קאַנאַל־עפענונג, נאָך איידער מיר האָבן אָנגעהויבן צוריקצוגיין. עס איז נישט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אַז די דאָזיקע „גוטברודערישקייט" איז נישט מער ווי אַ דייטשע פּראָ־וואָקאַציע. דאָס האָט נאָך מער פאַרפעסטיקט דעם געדאַנק, אַז מיר טאָרן זיך דאָ לענגער נישט געפינען. אָבער ווי אַזוי גייט מען, אַז דער שמאָ־לער פינצטערער קאַנאַל איז פאַרשטאָפּט מיט מענטשן און דער צווייטער עק פון צוג רירט זיך נאָך אַלץ נישט פון אָרט? אין גרויסן אומרו האָט מען שוין נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער בלויזער מיטטיילונג אויפן אויער, וואָס איז געגאַנגען פון איין עק ריי ביז צו דער צווייטער. עמיצער האָט זיך דעריבער דורכגעשטופּט אין דער געדיכטער ענגשאַפט, דורך

דער גאַנצער לענג פון דער ריי און איז צוגעקומען צום עק. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר האָבן זיך געפונען אויפן וועג צוריק.

וואָס וועט זיין ווייטער? צוריקגיין אויף אַלט־שטאָט, וואָס איז שוין אפשר פאַרנומען פון די דייטשן, באַדייט גלייך אַריינפאַלן אין זייערע הענט און אויב איז די אַלט־שטאָט אַפילו נאָך נישט פאַרנומען, וועט אויך קיינער נישט לעבעדיק בלייבן פון די באָמבאַרדירונגען, אָדער פון הונגער. די דאָזיקע געדאַנקען האָבן געקעבערט דעם מוח ביי יעדן איינציקן פון דער אומגליקלעכער מחנה. דערווייל איז אויסגעקומען דורכצוגיין אויפן צוריקוועג דורך דער ערשטער קאַנאַל־עפענונג און מ׳איז שטיין געבליבן מורא־האָבנדיק, אַז די דייטשן קאָנען אויך דאָ אַריינוואַרפן גראַנאַטן, בכדי צו שטערן אונדז דעם צוריקוועג. און אַז איינער האָט בלויז געטראַכט, אַז דאָס קאָן געשען, האָט שוין אַ צווייטנס פאַנטאַזיע אונטערגעטראָגן אַ ידיעה, אַז די דייטשן האָבן אונדז טאַקע בלאָקירט אין קאַנאַל און מען קאָן נישט אַהין און נישט אַהער. אויף דער נשמה איז געוואָרן ביטער. מען האָט נישט געזען קיין שום אויסוועג. עס איז געווען קלאָר, אַז מיר געפינען זיך לעבעדיקערהייט אין אַ קבר פון וועלכן מען וועט שוין נישט אַרויסקומען. נאָכן שטיין עטלעכע מינוט אויפן אָרט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער וועג צוריק איז נישט באַוואַכט דורך די דייטשן, אַז דעם וועג צום אַלט־שטאָט־גיהנום וועלן זיי אונדז זיכער נישט שטערן... און מיר זיינען געגאַנגען ווייטער.

דער באַוואוסטזיין, אַז מיר גייען צום טויט, האָט אָבער אומאויפהערלעך געמאַטערט און נישט געגעבן קיין רו. אַ כוואַליע פון פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג האָט זיך דורכגעטראָגן איבער אַלע. צו דעם זיינען מיר געווען פיזיש דערשעפט נאָך אַזוי פיל שעה קריכן, מיט געבויגענע רוקנס, אין בלאָטע, שמוץ און נעץ. אַלע זיינען געווען דורכגעווייקט און געפרוירן, אָפּגעשוואַכט פון הונגער, דורשט און שלאָפלאָזיקייט. מען האָט מקנא געווען די, וועלכע זיינען גליקלעך אַדורך דעם „בוזשאָוויעץ״ און זיינען דערגאַנגען צום ציל. אָבער קיינער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון זיין ביטערן גורל. אַ סך האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אומקערן זיך אויפן פריערדיקן וועג קיין זשאָליבאָזש. אויך די זשאָ״ב־גרופּע האָט זיך געהאַלטן ביי דער דאָזיקער מיינונג. מיר האָבן געזאָגט: סיי ווי דראָט אונדז דער טויט, וואו מיר זאָלן נישט גיין, אַהין אָדער צוריק. ס׳איז שוין דעריבער בעסער צו גיין אַהין, דורכצורייסן זיך אונטערן גראַנאַטן־האַגל

ביים „בוזשאָוויעץ״, וואו אַ טייל וועט אומקומען, אָבער אַ טייל וועט אפשר געלונגען דורכצורייסן זיך און דערגיין צום ציל.

עס איז נישט געווען קיין איינהייטלעכקייט אין די מיינונגען. געווען אַ סך, וועלכע האָבן אָנגענומען די מיינונג אומצוקערן זיך צום „בוזשאָוויעץ״; אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז ס׳איז בעסער צוריקצוגיין אויף אַלט שטאָט. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן צוליב דער דערשעפּטקייט און רעזיגנאַציע בכלל פאַרלוירן דעם ווילן און זיינען מיטגעריסן געוואָרן מי־ יעדן שטראָם. דער כאַאָס און צעמישונג איז געווען אומגעהויער גרויס. עס איז נישט געווען און עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין אָנפירונג, וועלכע זאָל באַשטימען אַזוי אָדער אַנדערש. יעדער האָט געקאָנט האַנדלען לויט זיין געפיל און דערפאַר האָבן אַ סך געהאַט אַן אינערלעכן קאָנפליקט. עס האָט זיי געצויגן אַהין און אַהער און זיי האָבן נישט געקאָנט זיך דעצידירן. עס איז אויך שווער געווען צו פאַרשטענדיקן זיך איינער מיט דעם צווייטן דורך אַזאַ לאַנגער ריי. אָבער אומעטום אין דער גאַנצער לענג פון דער ריי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוואָלט ווייטער גיין, נאָר זיך אומקערן און צוליב זיי האָבן זיך אַלע געמוזט אָפּשטעלן.

בערך אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט מען זיך אומגעקערט צוריק און געגאַנגען מיטן פעסטן באַשלוס פאַר יעדן פּריז דורכצוגיין, דורך דעם אומגליקלעכן „בוזשאָוויעץ״. עס איז נישט מעגלעך געווען צו זען צי אַלע זיינען געגאַנגען. וואַרשיינלעך האָט זיך אַ טייל אָפּגעריסן און נישט געוואָלט זיך אומקערן. ווידער האָבן מיר אַדורכגעמאַכט דעם זעלביקן מאַטערנדיקן וועג, וואו דאָס וואַסער האָט דערגרייכט ביז אין דער העלפט פון גוף און אין אַ טייל ערטער אַפילו ביז צום האַלדז. מיר זיינען ווידער צוגעקומען צום „בוזשאָוויעץ״ און זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן געוואָלט אָפּוואַרטן אַ געוויסע צייט מיטן אַדורכגיין, אפשר וועלן די דייטשן מיינען, אַז מיר זיינען שוין נישטאָ און זיי וועלן אַוועקגיין פון דער קאַנאַל־עפענונג.

די ערשטע לויט דער ריי ביים אַדורכגיין דעם „בוזשאָוויעץ״ זיינען מיר געווען — די חברים פון דער זשאָ״ב־גרופּע. עס איז דער ערשטער דורכגעלאָפן יצחק צוקערמאַן, נאָך אים מאַרעק עדעלמאַן, צביה, איך און הינטער מיר די ווייטערדיקע. יצחק און מאַרעק זיינען אַדורך אָן שום שטערונג און גלייך זיך אַרויפגעדראַפּעט אין דעם זייטיקן קאַנאַל־אָפּצוויג. צביהן האָט דער וואַסער־שטראָם אומגעוואָרפן און זי האָט שיר אָנגעהויבן צו טרינקען. איך האָב זי מאָמענטאַל אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און

אַרויסגעצויגן פון דער טיפעניש. דאָס געוויכט פון איר קערפּער האָט מיך איבערגעוויגן און אַזוי ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן צו שטעלן אויף די פיס, האָט מיך די כוואַליע אומגעוואָרפן. אין דער זעלבער רגע האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן שיטן גראַנאַטן פון דער עפענונג. עס איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכע בהלה. צוגלייך מיט די פאַרטויבנדיקע אויפרייסן האָט מען געהערט געשרייען פון פאַרוואונדעטע. מענטשן זיינען אַוועקגעשווענקט געוואָרן דורך די כוואַליעס. אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז אַנטשטאַנען די בהלה, איז מאַרעק, זעענדיק די לאַגע פון מיר און צביהן, צוריק אַראָפּגעלאָפן פון זייטיקן קאַנאַל און ער האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער און צביהן אַרויפגעשטופּט אינדערהויך, וואו עס האָט שוין נישט געדראָט קיין שום געפאַר. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אונטער אַ האָגל פון גראַנאַטן־שפּליטערס, וועלכע זיינען עפּעס אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן געפאַלן פונקט דערנעבן און קיין איינער האָט אונדז נישט געטראָפן. נאָך דעם, ווי צביה איז שוין געווען אין דער הויך, איז מאַרעק גלייך נאָך איר אַרויף און מיך ביים קאָפּ אַרויפגעשלעפּט. דאָס איז אים אָבער שווער אָנגעקומען, ווייל אין דער זעלביקער צייט, וואָס ער האָט מיך געשלעפּט ביים קאָפּ, האָט עמיצער הינטער מיר, וואָס האָט זיך געטרינקען אין וואַסער, מיך געהאַלטן ביי אַ פוס, ווילנדיק אַזוי אַרום זיך ראַטעווען. כ׳האָב זיך געפונען צווישן צוויי צו זיך ציענדיקע כוחות און פונקט אַזוי ווי מאַרעק האָט מיך נישט געוואָלט אָפּלאָזן, האָט יענער מיך נישט געקאָנט אָפּלאָזן, ווייל ער וואָלט דערטרונקען געוואָרן. דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער האָט אָבער מיט די לעצטע כוחות אויף אַ סעקונדע באַזיגט די כוואַליעס און געפּרוווט זיך שטעלן אויף די פיס, אָנכאַפּנדיק מיך ביים רוקזאַק אויף דער פּלייצע, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ טייל פון מיינע מאַנוסקריפּטן. דער פּאַסעק פון רוקזאַק האָט זיך אָבער איבערגעריסן. דער אומבאַקאַנטער מענטש איז צוריק אַריינגעפאַלן אין וואַסער האַלטנדיק מיין רוקזאַק אין דער האַנט און איז דערטרונקען געוואָרן. דאָס איבעררייסן זיך פון פּאַסעק האָט מיך אָפּגעראַטעוועט. ווייל ווען ער וואָלט געווען שטאַרק, וואָלט די משא, וואָס האָט זיך אין מיר אָנגעהאָנגען, מיך פאַרשיינלעך אַראָפּגעשלעפּט אין וואַסער אַריין און איך וואָלט געפונען דעם טויט צוזאַמען מיט דעם אומבאַקאַנטן קרבן.

ווען כ׳בין אַרויפגעקומען אין דעם זייטיקן קאַנאַל, וואו מען האָט שוין געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, האָט זיך דאָרט אָנגעציילט אַ היפּש ביסל מענטשן. פון דער זשאָ״ב־גרופּע האָט קיינער נישט געפעלט. עס זיי־

גען אויך געווען עטלעכע ציווילע יידן, וועלכע האָבן זיך אין קאַנאַל גע־האַלטן צוזאַמען מיט אונדזער גרופע. אַ גרויסער טייל פון דער גאַנצער מאַסע איז ווידער געבליבן אויף יענער זייט „בוזשאַוויעץ״ און נישט גע־קאָנט זיך דורכרייסן. זיי זיינען צום צווייטן מאָל געבליבן די אומגליק־לעכסטע און אונדזז אוודאי אויך מקנא געווען, אַזוי ווי מיר האָבן שוין איינמאָל מקנא געווען די פריערדיקע, וואָס זיינען אַדורך דעם „בוזשאַ־וויעץ״. אָבער ליידער האָט מען זיי מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן.

מיר זיינען נאָך אַ קורצע צייט געשטאַנען אין דעם זייטיקן קאַנאַל, כדי צו קומען צו זיך נאָך די איבערלעבענישן. מיר האָבן זיך איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט און ממש נישט געגלויבט, אַז מיר זיינען ארויס לעבעדיקע פון אַזאַ גיהנום, וואו פייער און וואַסער האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן אונדז.

מיר האָבן גענומען פאָרזעצן דעם וועג. מ׳האָט זיך געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות, אָבער מיט דעם בטחון, אַז ענדלעך וועט מען זען די ליכטיקע שיין. מיר זיינען אַריין אין קאַנאַל דעם 27טן אויגוסט בייַנאַכט און צומאָרגנס דעם 28טן אַרום מיטאָג־צייט, זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון קאַנאַל אויף זשאָליבאָזש.

# זשאַליבאָזש ערב שטורעם

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף זשאַליבאָזש, האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שטאַרקע איבערראַשונג דער דאָזיקער פּרעכטיקער קוואַרטאַל, מיט זיינע שיינע מאָדערנע הייזער־בלאָקן, מיט די ווילעס, וואָס טונקען זיך אין גרינס, מיט די סעדער און גערטנער, מיט זיינע גאַסן און סקווערן, — אַלץ איז נאָך געווען פריש און גאַנץ, ווי עס וואָלט קיין צעשטערונג אין וואַרשע נישט פּאַסירט. אומעטום האָט געהערשט אָרדענונג און אַלץ איז געווען אויף זיין אָרט. נישט געווען דאָ צו זען די הפקרע אָנגעוואָרפנקייט, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן צעשטערונג און מאַסן־אומקום, צו וועלכן מיר זיינען שוין געווען צוגעוווינט. מענטשן האָבן זיך דאָ כמעט פריי באַוועגט אין די גאַסן. אויף די הייף האָבן זיך געשפּילט קינדער, ווי אין די נאָרמאַלע צייטן. די איינוווינער זיינען בייטאָג געשלאָפן אין זייערע וווינונגען, הגם יעדער האָט געהאַט צוגעגרייט אַן אָרט אין בונקער, אויפן פאַל פון אַ נויטווענדיקייט. דייטשע באָמבאַרדירונגען פון דער לופט און אַרטילעריע זיינען פּאַרגעקומען זייער זעלטן. פון צייט צו צייט איז דאָ און דאָרט געפאַלן אַ באָמבע, אָבער דאָס זיינען געווען ספּאָראַדישע פאַלן, וועלכע האָבן נישט געטראָגן קיין כאַראַקטער פון אַ סיסטעמאַטישן און קאָנצענטרירטן אָנגריף. בלויז דער מאַנגל אין לעבנסמיטלען האָט זיך דאָ געפילט פּונקט ווי אין גאַנץ וואַרשע און די באַפעלקערונג, וואָס האָט דערוויל נישט מיטגעמאַכט עפּעס ערגערס, האָט פון דעם טיילווייזן הונגער אויך נישט ווייניק געליטן.

די לאַגע אויף זשאַליבאָזש איז פאַר אונדז — געקומענע פון אַלטשטאָט — געווען, ווי געזאָגט, אַן אָנגענעמע איבערראַשונג. אויף דעם שווערן וועג קיין זשאַליבאָזש, האָט נישט איינער פון אונדז געטראַכט, צי עס לוינט זיך דורכצומאַכן אַזאַ מאַטערנדיקן וועג, ווייל מיר זיינען געווען זיכער, אַז מ׳גייט פון איין פייער אין צווייטן אַריין. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער ליידנס־וועג איז כדאי געווען. קיינער האָט זיך

נישט געמאַכט קיין אילוזיע, אַז דער דאָזיקער צושטאַנד וועט לאַנג דוי־ערן. ס'איז קלאָר געווען, אַז ווען די דייטשן וועלן זיך אָפּפּאַרטיקן מיט אַנדערע שטאָט־טיילן, וועלן זיי זיך נעמען צו זשאַליבאָזש. ס'איז אָבער גוט געווען די צייטווייליקע אָטעם־פּויזע, די מעגלעכקייט צו קומען צו זיך, כדי אָנצוזאַמלען אַ ביסל כּוח צו דעם ווייטערדיקן אומפאַרמיידלעכן שטורעם. עס האָט אויך נישט פאַרלאָזט דאָס באַוואוסטזיין, אַז ווארשע איז נישט דאָס געטאָ, וואָס האָט געקעמפט אָן פּערספּעקטיוו, אָפּגערוקט אויף טויזנטער קילאָמעטער פון פראָנט. די האָפענונג, אַז במשך פון דער קור־צער אָטעם־פּויזע, קאָן קומען די הילף פון דער נאָענט־שטייענדיקער באַ־פרייערישער אַרמיי, האָט נאָך אַלץ אויסגעזען צו זיין רעאַל און דאָס האָט נישט געלאָזט פאַלן דעם מוט.

דער שטילשטאַנד אויף זשאַליבאָזש האָט געדויערט קרוב דריי וואָכן נאָך אונדזער קומען פון אַלט־שטאָט. פאַר דער אָרטיקער באַפעלקערונג און פאַר דער אַרמיי איז דאָס געווען דער לעצטער פּעריאָד פון אַ פאַר־העלטנישמעסיק רואיקן לעבן. במשך פון דער גאַנצער שטילשטאַנד־תּקופה, האָבן ביידע אַרמייען — די א״ק און א״ל — געמאַכט פאַרפעסטי־קונגען אויף אַלע זייטן פון דעם שטח. עס זיינען צוגעגרייט געוואָרן סטראַ־טעגישע פאַרטיידיקונגס־פונקטן און ס'זיינען ווי געהעריק אָרגאַניזירט גע־וואָרן די קאַמפּס־כּוחות, וועלכע זיינען באַדייטנדיק פאַרגרעסערט גע־וואָרן מיטן צוקומען פון די קאַמפּס־אָפּטיילונגען פון אַלט־שטאָט. גאַנץ זשאַליבאָזש האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פעסטונג, אין וועלכער עס האָט געווימלט מיט מיליטער.

די געקומענע אָפּטיילונגען פון אַלט־שטאָט, זיינען נאָך אַ קורצן אָפּ־רו, איינגעגלידערט געוואָרן אין דער אָרטיקער אַרמיי, זיי האָבן זיך באַ־טייליקט אין דער באַוואַכונג פון די פּאָזיציעס, אין די מיליטערישע אי־בונגען אאַ״וו. די קאָמפּאַניע, אין וועלכער עס האָט זיך געפינען די זשאַ״ב־גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון פּאָרוטשניק וויטעק, האָט אויך אויף זשאַליבאָזש אויפגעהאַלטן איר ראַם, הגם אַ טייל זעלנער פון דער קאָמ־פּאַניע זיינען נישט דערגאַנגען ביז זשאַליבאָזש. אונדזער קאָמפּאַניע האָט געהאַט דינסט אויף דער באַריקאַדע פון דער אַלעיאַ וואַיסקאַ פּאָלסקיעגאָ, אַנטקעגן דעם דאָנציקער וואָקזאַל, וואָס האָט געהערט צו די דייטשן. פונקט ווי אויף אַלע אַנדערע באַריקאַדן, איז אויך ביי אונדז גאָרנישט געווען וואָס צו טאָן. גאַנצע טעג און נעכט האָט אויף ביידע זייטן באַרי־קאַדע געהערשט אַ טויטע שטילקייט און מ'האָט כמעט קיין קויל נישט

אויסגעשאָסן.ביידע פיינטלעכע לאַגערן זיינען געשטאַנען איינער אַנט־קעגן דעם צווייטן, זיך אָנגעקוקט און מער גאָרנישט.

אין די נייע באַדינגונגען אויף זשאָליבאָזש איז דאָס לעבן געפלאָסן מיט גאָר אַן אַנדערן שטראָם. אין קעגנזאַץ צו אַלט־שטאָט, וואו מען איז בסדר געווען אַבסאָרבירט פון די סכנות און מהומות און דער געדאַנק האָט געאַרבעט בלויז אין דער ריכטונג ווי אַזוי איבערצוקומען די גע־געבענע מינוט, איז אויף זשאָליבאָזש מער צייט געווען צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער צוקונפט. אין די לאַנגע שעהן אויף דער פּאָזיציע, אָדער בעתן אָפּרוען אין דער פּערטער קאָלאָניע אויף קראַשינסקי גאַס, וואו מיר האָבן געהאַט אונדזער קוואַרטיר, זיינען די רעיונות ווייט אַריבער די פאַרבאַריקאַדירטע גרענעצן פון זשאָליבאָזש און די חרובע קוואַרטאַלן פון וואַרשע. די אויערן זיינען שטענדיק אָנגעשפּיצט געווען צו דערהערן די ווייטע אָפּקלאַנגען פון דער וועלט און די אויגן האָבן זיך נישט גע־קאָנט זעטיקן מיט די געדרוקטע ווערטער פון דער אויפשטענדלער־פּרע־סע, אויף וועלכער מען פלעגט וואַרטן מיט אומגעדולד. מיר האָבן צוריק אָנגעהויבן אינטענסיוו לעבן מיט פּאָליטישע פראַגן, מיט אַלגעמיינע מלחמה־פּראָבלעמען, פון וועלכע מען האָט געוואָלט אַרויסציען דעם סוד פון אונדזער אומקלאָרער, פאַרנעפּלטער נאָענטסטער צוקונפט.

אויף זשאָליבאָזש האָבן מיר געטראָפן אַ ביסל יידן, וואָס זייער צאָל האָט וואַרשיינלעך געגרייכט צו עטלעכע הונדערט. אַ טייל פון זיי איז דאָרט אויסבאַהאַלטן געווען פאַרן אויפשטאַנד און אַ טייל איז אַהין פאַר־וואָגלט געוואָרן מיטן אויפשטאַנד. הגם די לאַגע איז דערוויל נישט גע־ווען אַמערגסטן, האָט אָבער ביי די דאָרטיקע יידן געהערשט אַן אומ־רואיקייט און אַ פיל גרעסערע זאָרג, ווי ביי נישט־יידן, צוליב די ידיעות וועגן דער מפּלה פון אויפשטאַנד אין אַנדערע טיילן פון וואַרשע. די פּערספּעקטיוו אַריינצופאַלן אין די דייטשע הענט האָט ספּעציעל טרויעריק געווירקט אויף יעדן ייד. יעדער האָט זיך געשראָקן פאַרן געדאַנק, אַז אויך די ערד פון זשאָליבאָזש קאָן צוריק באַטרעטן ווערן פון די דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע וועלן, ווי אין אַנדערע ערטער, אָנווענדן זייער אַכזריות נישט בלויז לויט דער איינטיילונג אויף אויפשטענדלער און ציוויל־באַפעלקערונג, נאָר אויך אויף יידן און נישט־יידן. די אַממערסטן געשלאָגענע זיינען אַממערסטן פילבאַר געווען אויף די דערנענטערנדיקע סכנות און דאָס האָט פאַרביטערט די, דערוויל נאָך רואיקע, טעג.

* * *

דער פערצנטער סעפטעמבער — אין טאָג ווען די רויטע ארמיי און דאָס פוילישע מיליטער האָבן פאַרנומען די וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע — איז געווען אַן איבערברוכס־טאָג אין די שטימונגען פון די אויפשטענדלער און פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אַלטע האָפענונגען, וועלכע זיינען שוין פון לאַנג פאַרשווענקט געוואָרן מיט טייכן בלוט, האָבן אויפסנייַ אויפגעבליט. דערוואַרטונגען, וואָס זיינען פאַרשוואונדן אין אַ ריי פון אַנטוישונגען, האָבן ווידער גענומען אויפטויכן אין געדאַנק אין אַ מער רעאַלן וואַריאַנט.

די רויטע אַרמייביים רעכטן ווייסל־ברעג און מיר — ביים לינקן ברעג. וואָסערע דערהויבונג איז דאָס, ווען דו פאַרטראַכטסט זיך, אַז די דאָזיקע ווערטער זיינען שוין נישט קיין פאַנטאַזיע, נאָר וואָר. און אויב פון געוווינהייט האָט נאָך עמעצער געספּקט דערין, איז זיין ספק אויסגעריסן געוואָרן צוליב דעם פאַקט, וואָס די סאָוויעטישע אַעראָפּלאַנען קרייזן אַרום פראַנק און פריי איבערן קאָפּ מיט זייער כאַראַקטעריסטישן גערויש, וואָס מען קאָן לייכט אונטערשיידן פון די דייטשע „מעסערשמידט”. אָט דערסטו דעם אָפּקלאַנג פון דעם פייער־אויסטויש צווישן ביידע פייַנטלעכע ברעגן, וואָס איבערצייגט, אַז דאָ נעבן אונדז, נעבן דער אויסגעשפרייטער פאַרבנרייכער זשאָליבאָזשער לאַנדשאַפט, וואָס ציט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער אַראָפּ ביז צו דער רואיקער ווייסל, געפינט זיך די אַרמיי, וואָס איז געקומען צעשמעטערן אונדזער גרעסטן שונא און טראָגט מיט זיך די זוימען פון אַ שענער לעבן. איבער דער נאָענטקייט פון די עטלעכע הונדערט מעטער, וואָס האָט אָפּגעטיילט די אויפשטענדלער פון דער רויטער אַרמיי, האָט מען ממש געוואָלט דערלאַנגען די הענט די סאָוויעטישע זעלנער. מיר זיינען אָבער גלייכצייטיק געווען אויך ווייט פון זיי צוליב דעם, וואָס די דייטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרפעסטיקט ביים לינקן ווייסל־ברעג, האָבן אונדז אָפּגעטיילט פון דער רויטער אַרמיי.

די גרויסע פרייד, וואָס האָט זיך דערוועקט, נאָך דעם, ווי די דייטשן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון יענער זייט ווייסל, האָט אָבער נישט דערלאָזט קיין זאָרג איבער דעם, וואָס דייטש מיליטער טיילט אונדז נאָך דערווייל אָפּ פון יענעם זייט ברעג, פון וואַנען עס בלאָזן פרייהייטס־ווינטן.

מען האָט פשוט געזען נאָענט די שעה, ווען די דייטשן וועלן זיך אויף אייף דער זייט ברעג נישט קאָנען דערהאַלטן.

דאָס זעלבסט־געפיל ביי די אויפשטענדלער און בכלל ביי דער באַפעלקערונג, האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן הילף פון די סאָוויעטן. נאָך דעם, ווי די לעצטע האָבן פאַרנומען פּראַגע, פלעגט מען יעדע נאַכט הערן, אין דער געדיכטער פינצטערניש, דעם באַקאַנטן מאָטאָר־קלאַנג פון די סאָוויעטישע „שטאָלענע פייגל״, וועלכע פלעגן קומען צופליען, שווער־אָנגעלאָדענע, מיט געווער, אַמוניציע, מעדיקאַמענטן און עסנוואַרג. אַזוי ווי עס פלעגט נאָר פינצטער ווערן, האָבן ספּעציעלע מיליטער־גרופּן, יעדן אָונט, אָפּגעוואַרט אויף די פליעצער און גאַסן דעם אָנפלי׳ פון די אַעראָפּלאַנען. לאַנגע שעהן, ביז אין דער טיפער נאַכט אריין, איז מען געשטאַנען מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל און מיט די בליקן דורכגעשפּיזט די פינצטערע אומענדלעכע הויכקייט, בכדי צו זען כאָטש שאָטנס פון די כסדר־אָנקומענדיקע און אָפּפליענדיקע עסקאַדרעס. נאָך יעדן אָפּפלי׳ פון אַן עסקאַדרע אַעראָפּלאַנען, ווען מען האָט שוין פון גאַנץ ווייט געהערט דעם מאָטאָר־גערויש, האָבן נאָך לאַנג געשוועבט אין דער לופטן די אויסגעלאָדנטע שווערע משאות, וועלכע האָבן מיט פאַל־שירמען לאַנגזאַם אַראָפּגענידערט צו דער ערד.

די אַרבעט איז געגאַנגען פיבערהאַפט. הונדערטער מענטשן פלעגן יעדע נאַכט אַרבעטן ביזן העלן טאָגביים איבערטראָגן אין די מאַגאַזינען אַריין, אויפּפּאַקן, סאָרטירן און פונאַנדערטיילן די אַראָפּגעוואָרפענע שווערע באַלעמס אין ליזונטעבער פאַרפּאַקונג, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די וויכטיקסטע זאַכן, וואָס זיינען נויטיק אויפצוהאַלטן דעם קאַמף און צו שטאַרקן די קעמפער. די נייע בלישטשענדיקע אויטאָמאַטן, ביקסן און אַמוניציע, די שאַכטלעך פלייש־קאָנסערוון, מילך, די פּעקלעך געטריקנט ברויט און אַנדערע זאַכן, וואָס פלעגן אַרויסקוקן פון די נאָר־וואָס געעפנטע באַלעמס, האָבן געהאַט זייער אויסדרוק, ווי זיי וואָלטן גערעדט צו אונדז: איר זענט נישט איינזאַם, מיר וועלן אייך נישט פאַרלאָזן! מען האָט דערקענט ווי עס רוען נאָך אויף זיי די ברידערלעכע הענט, וועלכע האָבן זיי זאָרגפעליק פאַרפּאַקט און אַריבערגעוואָרפן איבער ליבנקן ווייסלברעג. אַזאַ אויסדרוק האָט נישט ווייניקער געהיילט די נשמה, ווי געשטאַרקט דעם גוף דורך דעם פּראַקטישן נוצן פון דער באַקומענער הילף.

מיטן באַווייזן זיך פון דער ערשטער הילף פון דער רויטער אַרמיי האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַן אייליקע אַקציע אָוועקצושטופּן די אויפּ־

שטענדלער, וואָס ווייטער פון ווייסל־ברעג. עס האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסער שטורעם אויף נידער־זשאָליבאָזש, וואָס ליגט האַרט ביי דער ווייסל. כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזט די דאָרטיקע צעשטערטע הייזער און גאַסן און אַלע זיינען געגאַנגען אויף אויבער־זשאָליבאָזש. אָבער די פּאָזיציעס פון די אויפשטענדלער זיינען דאָרט איינגעהאַלטן געוואָרן. בלויז דאָס ווייטע מאַרימאָנט האָבן די אויפשטענדלער געמוזט פאַרלאָזן, ווייל דאָס איז געווען דער אַמווייטסטן־אַרויסגערוקטער פונקט מיט שלעכטע מעגלעכקייטן פון פאַרטיידיקונג.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די ביז־איצט שווייגנדיקע קאַנאָנען פון אַלע דייטשע פּאָזיציעס אויך אַרום אויבער־זשאָליבאָזש האָבן אָנגעהויבן שפּייען מיט פייער, די „זיבן גוטע יאָר" פון זשאָליבאָזשער שטילשטאַנד האָבן זיך געענדיקט און ס'איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ הייסער. עס זיינען טאָג און נאַכט געלאָפן אַרטילעריע־קוילן פון דאַנציקער וואָקזאַל, פון כעמישן אינסטיטוט, פון ציטאַדעל־פעסטונג און פון „ציף"*); פון די אַלע דייטשע פּאָזיציעס איז גאַנץ זשאָליבאָזש אַרומגענומען געוואָרן מיט פייער פון אַלע זייטן. אין דער אַטאַקע האָבן זיך די דייטשן זייער ווייניק באַנוצט מיטן לופט־פלאָט, ווייל די דייטשע אַעראָפּלאַנען זיינען באַשאָסן געוואָרן פון יענער זייט ווייסל דורך דער סאָוויעטישער זעניט־אַרטילעריע. דערפאַר האָבן זיי נישט געקאַרגט קיין אַרטילעריע־קוילן, וועלכע האָבן אָנגעמאַכט גרויסע חורבנות. די טעג זיינען איינגעפילט געוואָרן מיט פיל קרבנות און צעשטערונגען און זיי האָבן דערמאָנט אין יענע הייסע טעג אויף אַלט־שטאָט. דאָרט איז אָבער נאָך געווען די האָפענונג צו געפינען אַ וועג אויף אַ ריקצוג. אָבער וואוהין וועט מען גיין פון זשאָליבאָזש? אויף דעם איז נישט געווען קיין ענטפער.

כל־זמן דער דייטשער אָנגריף האָט נאָך געהאַלטן אין דער ערשטער פאַזע פון אַרטילעריע־פייער, האָבן די שטאַבן פון א"ל און א"ק ווי געהעריק צוגעגרייט די פּאָזיציעס און די מיליטער־אָפּטיילונגען צו דעם צוזאַמענשטויס מיטן שונא, אויף וועלכן מען האָט זיך געריכט יעדן טאָג. אין צווישנצייט, האָבן די סאָוויעטישע אַעראָפּלאַנען אַלץ מער געוועהר און אַמוניציע אַראָפּגעוואָרפן און דערמיט פאַרהעלטנישמעסיק פאַרגרעסערט

*) צענטראַלני אינסטיטוט וויכאָוואַניאַ פיזיטשנעגאָ — צענטראַלער אינסטיטוט פאַר פיזישער דערציאונג.

אונדזער באַוואָפֿנונג. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז די דייטשן
מאַכן טאַקע אַן גרויסע שאָדנס, אָבער דאָס אַלץ פֿון דער ווייטנס. ווען עס
וועט האַלטן ביים איינעמען די פּאָזיציעס, וועלן זיי זיך אָנטרעפֿן אויף
אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

מיטן פֿאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס איז אויך פֿאָרגעקומען אַן איבער־
גרופּירונג פֿון די קאָמפּאַס־כּוחות. די קאָמפּאַניע, אין וועלכער איך האָב
זיך געפֿונען, איז אָפּגערופֿן געוואָרן פֿון אונדזער שטענדיקער פּאָזיציע
אויף אַלעיאַ וואָיסקאָ און איבערגעגאַנגען אויף נידער־זשאָליבאָזש. דאָרט
האָבן מיר זיך צעטיילט אויף צוויי ערטער. איך האָב זיך געפֿונען אין
דעם טייל, וואָס איז געגאַנגען צו די א״ג „דאָמקי פּאָליצינע“ (פּאָליציי־
הייזלעך) אויף ביעניעווינצקע גאַס, וואָס איז געווען אַ זייער ווייט אַרויס־
גערוקטע פּאָזיציע, נאָענט פֿון שונא. דער וועג צו דער פּאָזיציע איז אָבער
געווען געפֿערלעכער, ווי די פּאָזיציע גופֿא. ווען מיר זיינען דורכגעגאַנ־
גען אויפֿן לעלעוועלאַ־פּלאַץ, האָבן די דייטשן אויף אונדז געלאָזט אומ־
אויפֿהערלעכע סעריעס פֿון שווערע מאַשין־ביקסן און באַדעקט דעם גאַנצן
וועג מיט קוילן, וועלכע האָבן געפּייפֿט איבער די קעפּ. די פּאָזיציע, צו
וועלכער מיר זיינען געגאַנגען איז געווען אַ נייע. זי איז געוואָרן באַזעצט
צוריק מיט עטלעכע טעג און ס׳זיינען נאָך נישט געווען קיין שוץ־גריבער,
דורך וועלכע מען וואָלט דאָרט אַהין קאָנען צוקומען. מיר האָבן דעריבער
געמוזט זיך שאַרן אויף דער ערד בערך איבער הונדערט מעטער אויף אַ
פּוסטן שטח, וואו ס׳איז נישט געווען הינטער וואָס זיך צו דעקן. נאָכן דורכ־
מאַכן בערך צוואַנציק, דרייסיק מעטער, האָבן מיר אַלע געפֿילט, אַז די כּו־
חות גייען אויס. דאָס זאַמד און דער שטויב האָבן זיך צוגעקלעבט צום נאַסן
פֿאַרשוויצטן פּנים, אַריינגעדרונגען אין האַלדז און ס׳איז נישט מעגלעך גע־
ווען צו אָטעמען. מיט די אויגן האָט מען ממש געוואָלט איינשלינגען דעם
וועג, אָבער די הענט, וועלכע האָבן פֿאַרטרעטן די פֿיס, האָבן זיך נישט גע־
רוקט מער, ווי צו איינצלנע צענטימעטער. דאָס געפֿיל, אַז דו דאַרפֿסט וואָס
גיכער אַדורכלויפֿן דורך דעם פֿייערבראַנד און אין דער זעלביקער צייט
מוזטו קריכן ווי אַ טשערעפּאַכע, האָט ממש געמאַכט ביטער אויף דער
נשמה. און אויב דאָס אַלץ איז ווייניק, האָב איך נאָך געהאַט מיטצושלעפּן
מיט זיך אַ פּעפּאַנס (שווערע ביקס קעגן טאַנקן), וואָס האָט נאָך מער
פֿאַרביטערט דאָס לעבן. ווען כ׳גיי אויפֿן לעלעוועלאַ־פּלאַץ, שוין פֿיר יאָר
נאָך יענער טראַגישער צייט, האָב איך נאָך היינט אַ מעגלעכקייט צו זען דעם
פֿין אַ קויל דורכגעלעכערטן טעלעפֿאָן־סלופּ, ביי וועלכן איך בין דעמאָלט

אויף אַ סעקונדע געבליבן ליגן, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם. די קויל, וואָס האָט דורכגעלעכערט דעם סלופּ נעבן מיין קאָפּ, האָט מיך ווי פון שלאָף אויפגעוועקט. דעמלט האָב איך זיך מיטן כּוח פון איגערץ גענומען ווקן פאָרויס. אין דער זעלביקער מינוט, איז נישט ווייט פון מיר איינער שווער פאַרוואונדעט געוואָרן (זיין נאָמען געדענק איך נישט). די אַנדערע, וועלכע זיינען שוין געווען אַרויסגערוקט ווייט פון מיר, האָבן זיך גענומען אומקערן, ווייל עס איז אוממעגלעך געווען צו דער־גיין צום ציל. צוזאַמען מיט זיי האָב איך זיך גענומען שאַרן אויף צוריק אונטער דעם זעלביקן קוילן־האָגל און באַגלייט, ווי פריער, מיט דעם זעלביקן הומאָר פון דעם מוטיקן זעלנער סמוטני, וועלכער האָט אין די ערגסטע מינוטן פון געראַנגל צווישן טויט און לעבן כסדר געהאַלטן אין איין זאָגן: „ניע פשעימוטשע שיע, בענדזשע גאָזשעי״ (נעמט זיך נישט איבער, ס׳וועט נאָך ערגער זיין). מיר האָבן זיך קוים צוגעשלעפּט צו דער „זניטש״־געביידע, וואו עס איז אַגב געווען אַן אויפשטענדלע־רישע פּאָזיציע. דאָרט האָבן מיר צוגעוואַרט ביז עס איז טונקל געוואָרן און דעמלט זיינען מיר ערשט אַרויסגעגאַנגען צו די א״ג פּאָליציי־הייז־לעך, צו וועלכע מיר זיינען שוין איצט אָנגעקומען אָן שטערונגען.

אין די פּאָליציי־הייזלעך האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז מיר זיינען זייער שלעכט אַריינגעפאַלן. אין קעגנזאַץ צו דעם רוב פּאָזיציעס, וועלכע געפינען זיך נאָענט צו די באַוווינטע געגנטן, וואו עס פּולסירט נאָך מער אָדער ווייניקער אַ לעבן, זיינען מיר דאָ געקומען אויף אַ פּאָזיציע אין אַן אָפּגעשטאָרבענער סביבה, וואו עס איז נישט צו טרעפן קיין לעבעדיקן מענטשן און וואו אַלץ איז עוואַקואירט געוואָרן. עס איז נישטאָ קיין עסן, נישטאָ קיין וואַסער און ס׳איז נישט פאַראַן קיין וועג דורך וואַנען צוצו־פירן דאָס עלעמענטאַרסטע פאַרן מענטשלעכן געברויך, ווייל אַלע וועגן, וואָס פירן צו די פּאָליציי־הייזלעך, געפינען זיך אונטער דער שטענדיקער באַשיסונג פון די דייטשן. צוליב דעם איז אויך נישט מעגלעך צו בייטן יעדע פּאָר שעה די זעלנער, אַזוי ווי אויף אַנדערע פּאָזיציעס, נאָר עס קומט אויס צו שטיין צו 48 שעה און נאָך מער. די גרופּע, וועלכע מיר האָבן באַפרייט מיט אונדזער אָהינקומען, האָט זיך שוין געפונען אויף דער פּאָזיציע עטלעכע טעג און מיר האָבן זיי געטראָפן הונגעריקע, שמוציקע און מידע. מיר האָבן זיי ממש אָנגעקוקט מיט באַדויערן, אָבער זיי האָבן אונדז מער באַדויערט צוליב דעם, וואָס זיי זיינען באַלד אַהיימגעגאַנגען אין זייער קוואַרטיר אַריין און מיר זיינען געבליבן אויף „סיביר״.

איך האָב זיך געפונען אין דער גרופע, וואָס האָט גענומען גראָבן בײַנאַכט אַ שוץ־גרוב־וועג, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרבינדן אונדזער פּאָזיציע מיטן „זניטש". עס האָט געטריפט אַ דראָבנער רעגן, באַגלייט מיט אַ קאַלט ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן אין פּנים אַריין. פון דעם גאַנצן אַרום האָט זיך געטראָגן דער עכאָ פון מאַשין־ביקסן, און אויך איבער אונדז, אויפן פרייען פעלד זײַנען כסדר פאַרבײַגעפלויגן רויטע פונקען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. דערפאַר האָבן די שאַרפע לאַפּאַטעס וואָס גיכער און אינטענסיווער זיך אַרײַנגעשניטן אין דער ליימיקער ערד, געוואָלט וואָס מער פאַרטיפן דאָס גרוב, אַז קיין קויל זאָל זיך אין די קעפּ נישט פאַרטשעפּען און מ'זאָל אונדז נישט אַנזען אין דעם העלן ליכט פון די דײַטשע ליכט־ראַקעטעס.

די פיבערהאַפטע אַרבעט איז אָנגעגאַנגען ביזן העלן טאָג אַריין. ווען ס'איז שוין געוואָרן ליכטיק, האָבן מיר נאָך געהאַט צו גראָבן בערך אַ מעטער ביז אין הויף אַריין, וואו עס דראָט שוין נישט קיין געפאַר פון אַ פליענדיקער קויל. די דײַטשן האָבן פון זייער אָבסערוואַציע־פּונקט באַמערקט ווי מיר וואַרפן אַרויס ערד פון גרוב און זיי האָבן אָנגע־הויבן אַ געדיכטע באָמבאַרדירונג, וואָס איז געווען געצילט חוקא אויף דעם אָרט, וואו מיר פאַרלענגערן דאָס גרוב. מיר האָבן איבערגעריסן די אַרבעט, אַוועקגעזעצט זיך אין גרוב און נישט געגעבן פון זיך קיין שום סימן פון לעבן. אַ שעה צייט נאָך דעם, ווי די דײַטשן האָבן אויפגעהערט צו שיסן, האָבן מיר אייניציקווײַז גענומען אַרויסגיין פון גרוב און גע־נומען צולויפן די פּאָר טריט אויף דער אויבערפלאַך ביז אין הויף אַריין. די דײַטשן האָבן אָבער קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון דעם אָרט, און ווי נאָר דער ערשטער איז אַרויס פון גרוב, איז ער באַלד באַשאָסן גע־וואָרן. די קוילן האָבן אָבער נישט געטראָפן. כמעט יעדע האַלבע שעה איז אַדורכגעלאָפן אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער. יעדער איז באַשאָסן געוואָרן, נאָך אײַנמיטן פון דעם אַרויפדראַפּען זיך פון גרוב, כדי דורכצולויפן די פּאָר טריט. ביים צוגרייטן זיך איבערצוקומען דעם פּרוּו, וואָס האָט קיינעם נישט געקאָנט מײַדן, האָט יעדער זיך אײַנערלעך געזעגנט מיט דער וועלט, אָבער אַלע זײַנען אַדורך אָן שאָדן. דאַקעגן איז דאָס געווען אַן אומגליקלעך אָרט פאַר די זעלנער, וועלכע זײַנען נישט געווען פון אונדזער פּאָזיציע און זײַנען געקומען צו אונדז דורך דעם שוץ־גרוב פון אַנדערע ערטער. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז די דײַטשן האָבן אַן אויג אויף דעם אַרויסגאַנג פון גרוב. צווישן אַנדערע איז דאָרט

אומגעקומען קאַפּיטאַן „הישפּאַן" — איינער פון די וויכטיקסטע מענטשן פון א"ל־שטאַב „געוועזענער קעמפער אינעם שפּאַנישן בירגער־קריג.

דער טאָג, נאָך דער שווערער נאַכט־אַרבעט ביים גראָבן איז דורכ־געגאַנגען אין כסדרדיקע קאַמפן. די קעגנזייטיקע שיסעריי האָט אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין שפּאַנונג און עטלעכע מענטשן פון אונדז זיינען גע־פאַלן. דער הונגער און דורשט זיינען געווען גרויס. וועגן ברענגען עסן פון דער מיליטערישער קיך איז קיין רייד נישט געווען. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די דייטשן האָבן קיין רו נישט געגעבן, איז אויסגע־מיילט געוואָרן אַ ספּעציעלע גרופּע פון גוטע „פּאַכמענער" אויפן גע־ביט פון אויפרייסן שלעסער און טירן פון די הייזער, פּאַרלאָזטע דורך דער באַפעלקערונג. זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין אַלע קעלערס און אין יעדן ווינקל, וואו די עוואַקואירטע האָבן געהאַט באַהאַלטן ווערטפולע זאַכן. דאָרט האָבן זיך געפונען גרויסע מאַטעריעלע אוצרות: פוטערס, מאַנטלען, זועש שוכוואַרג, אַרבעטס־מכשירים און אַנדערע זאַכן. די דאָזיקע זאַכן זיינען אָבער נישט געווען קיין אָביעקט פון אונדזער אינטערעס. בלויז קאַרטאָפל, מערן און בוראַקעס זיינען יאָ געפונען געוואָרן אין די פאַרלאָזטע הייזער. מיט שווערער מי איז געשאַפן געוואָרן אַ ביסל וואַסער און עטלעכע חברה־לייט האָבן תיכף פאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען זיך צום קאָכן. די נשמה איז אויסגעגאַנגען ,ביז מ'האָט דערזען עפּעס צו עסן, אָבער דער־פאַר האָט מען זיך מחיה געווען מיט אַביסל געקעכטס און די שטימונג האָט זיך פאַרבעסערט.

עס איז ווידער אַדורך אַ טאָג. ביינאַכט האָט מען זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, אויסגעבעסערט די שוץ־גריבער און געגראָבן נייע. אויך דער צווייטער טאָג האָט זיך נישט אונטערשיידט פון ערשטן. ערשט אין דער דריטער נאַכט פון מיין זיין אין די פּאַליצײ־הייזלעך, איז אַן אַנדער אָפּטיילונג אונדז געקומען בייטן און כ'האָב זיך צוריק געפונען אין דער פּערטער קאָלאָניע אויף קראַשינסקי־גאַס.

## חען די לעצטע פּאָזיציע איז געפאַלן

אין באַגינען פון 29טן סעפּטעמבער, האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער אַקט פון אויפשטאַנד אויף זשאַליבאָזש, וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער לעצטער אַקט פון אויפשטאַנד בכלל. נאָך מיט אַ טאָג אָדער צוויי טעג פריער, האָט דער ראַדיאָ און פרעסע איבערגעגעבן, אַז מאָקאָטאָוו איז געפאַלן און דער אויפשטאַנד איז דאָרט בלוטיק דערשטיקט געוואָרן. דאָס האָט געווירקט צעשמעטערנדיק אויפן געמיט פון יעדן איינעם. נאָך דעם, ווי מאָקאָטאָוו איז געפאַלן, איז נאָך אין די הענט פון די אויפשטענדלער געבליבן די מיטל־שטאָט און זשאַליבאָזש, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות. פון די ידיעות איז קלאָר געוואָרן, אַז אומעטום וואו די דייטשן דרינגען נאָר אַריין, זיינען זיי זיך אַכזריותדיק נוקם אין די אויפשטענדלער און זיי שוינען אויך נישט די ציוויל־באַפעלקערונג. אויפן גאַנצן שטח, וואָס ווערט פאַרנומען דורך די דייטשן, ווערט נישט איבערגעלאָזט קיין שטיין אויף אַ שטיין און קיין לעבעדיקער מענטש. אַלע ווערן אַרויסגעפירט אין פרושקאָווער לאַגער. נאָכן אויסליידיקן די שטאָט פון מענטשן צעשטערן זיי אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף דער אויבערפלאַך. זיי גייען פון הויז צו הויז, פון גאַס צו גאַס און אַלץ ווערט אונטערגעצונדן, אָדער אויפגעריסן מיט דינאַמיט.

די דאָזיקע ידיעות זיינען אָנגעקומען צו אונדז אינמיטן פון דער שרעקלעכער באָמבאַרדירונג, וואָס האָט געדויערט אָן אויפהער איבער אַ וואָך צייט. יעדער איינער האָט זיך שוין געזעגן — אין בעסטן פאַל — ווי אַ געטריבענער קיין פרושקאָוו אין די רייען צווישן טויזנטער, מיט אויפגעהויבענע הענט און אַראָפּגעלאָזטע קעפּ; צווישן די מענער, וואָס זיינען צעשיידט פון זייערע פרויען און צווישן די קינדער — אָפּגעריסענע פון די עלטערן.

די לעצטע ידישע האַלעוועשקעס האָבן נאַטירלעך געמאָלן זיך נאָך שרעקלעכערע בילדער פון דער נאָענטער צוקונפט.

דעם 29טן סעפּטעמבער פּאַרטאָג זיינען אַלע פּאַרשטעלונגען געוואָרן ווירקלעכקייט און עס זיינען ענדגילטיק צערונען געוואָרן די האָפֿענונגען, וואָס האָבן אויפֿסניי אויפֿגעבליט, ווען די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרנומען פּראַגע. אין יענעם טאָג, האָט זיך אין די פֿריסטע פֿרימאָרגנשעהן אָנגעהויבן דער גרעסטער אַרטילעריע־שטורעם אויף גאַנץ זשאָליבאָזש, וואָס האָט נישט געהאַט זיינס גלייכן אין משך פֿון דער גאַנצער צייט. עס איז כמעט נישט געווען קיין הויז, וואָס זאָל נישט האָבן צו עטלעכע מאָל געטראָפֿן געוואָרן דורך אַ שראַפּנעל. זשאָליבאָזש האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ טרייסלענדיקן איינדזיל, אויף וועלכן מען איז אומאויפֿהערלעך צעטומלט געוואָרן פֿון דעם שרעקלעכן האַרמאַטן־געבריל און פֿאַר די אויגן איז אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַרשוואונדן דער געדיכטער שוואַרצער שטויב און רויך־וואָלקן, וואָס האָט ווי אַ פֿאַרהאַנג פֿאַרשטעלט דעם הימל.

נאָך עטלעכע שעה פֿון שטורעם, זיינען די האַרמאַטן פֿאַרשטומט געוואָרן און עס האָבן אָנגעהויבן שפּייען מיט פֿייער די אַרויסגערוקטע לופֿעס פֿון די דייטשע טאַנקן, וועלכע זיינען ווי פֿון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן און זיך דערנענטערט פֿון אַלע זייטן צו די פּאָזיציעס פֿון די אויפֿשטענדלער. הינטער די טאַנקן זיינען אָנגעקומען אין אַ גרויסער צאָל דייטשע אינפֿאַנטעריע־אָפּטיילונגען און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער געראַנגל צווישן צוויי נישט־גלייכע כוחות. הגם די אָפּטיילונגען פֿון די אויפֿשטענדלער זיינען שוין געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק גוט באַוואָפֿנט, האָט מען אָבער אָן טאַנקן און אָן אַרטילעריע ווייניק וואָס געקאָנט אויפֿטאָן קעגן אַזאַ שטאַרקער דייטשער אָפֿענסיווע. אָבער דאָך איז דער ווידערשטאַנד געווען אַ פֿאַרביסענער. די פּאָזיציעס זיינען פֿאַרטיידיקט געוואָרן מיט דער גרעסטער עקשנות.

דער דייטשער בליץ־קריג איז געפֿירט געוואָרן מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז אַרום עלף, צוועלף אַזייגער איז זיי געלונגען דורכצורייסן די פֿאַרטיידיקונגס־פּונקטן אין אַ ריי ערטער. אונדזערע פּאָזיציעס זיינען געוואָרן אַזוי באַוועגלעך, אַז כמעט יעדע האַלבע שעה האָבן מיר זיך געמוזט צוריקרוקן אויף נייע פֿאַרטיידיקונגס־ערטער. די גרופּע אין וועלכער איך האָב זיך געפֿונען, איז לאַנגע שעהן אויסגעשטאַנען אַ שווערן דרוק פֿון שטאַרקע פֿיינטלעכע כוחות. מיר האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיקט אין די הייזער, ווי אויך צווישן די געדיכטע ביימער און קוסטעס אויף דער ניעגאָלעווסקי־גאַס, אויף קאָסאַקאָ און קאַזיעלטולסקי גאַס. מיר האָבן זיך

געקלאַמערט אין יעדן הויז, אין יעדן שפּאַן ערד, אָבער דאָס מערדערישע פייער פון שונא האָט אונדז געשטויסן אַלץ טיפער אין האַרץ פון דער אויפשטענדלערישער קאָנצענטראַציע, פונוואַנען עס איז שוין באַלד נישט געווען וואוהין זיך צוריקצוציען.

אין גאַנג פון דעם געראַנגל, האָבן מיר זיך נישט פאַרגעשטעלט, ווי נאָענט עס געפינען זיך נעבן אונדז דייטשן. אין דעם האָט מען זיך ערשט איבערצייגט, ווען דער אָנפירער פון דעם קאַמפּס־אָפּשניט, פּאָרוטשניק וויטעק, האָט אויף ניעגאָלעווסקי גאַס באַשטימט, עטלעכע צענדליק מעטער ווייט פון אונדזער באַזע, אַן אָרט, פון וואַנען מען זאָל באַשיסן די דייטשן. איך בין געווען צווישן די עטלעכע מענטשן, וועלכע זיינען גלייך אַוועק אויף דעם אָנגעצייכנטן אָרט, טראַגנדיק צוזאַמען מיט נאָך איינעם אַ „פּעפּאַנס". ווען מיר זיינען נאָך נישט דערגאַנגען צום באַשטימטן אָרט, האָט פון אַ נידעריק הייזל, וואָס מען האָט כמעט נישט ארויס־געזען פון צווישן די געדיכטע בוימער, אַ פליִוכע־געטאַן אויף אונדז דאָס פייער פון מאַשין־ביקסן. מאָמענטאַל איז איין עק פון „פּעפּאַנס" אַרויסגעפאַלן וולאַדעקן פון האַנט און אײדער איך האָב אָפּגעפילט די שווועריקייט פון דער משא, האָב איך געזען, אַז וולאַדעק איז טויט. די סעריעס פון די דייטשע מאַשין־ביקסן האָבן נישט אויפגעהערט. אונטער אַ האָגל פון קוילן האָב איך און אַנדערע לעבנגעבליבענע זיך אַריינגע־פלאָכטן צווישן די קוסטעס און אויף דער ערד צוגעשאַרט זיך צו דער באַזע, מיטשלעפּנדיק מיט זיך דעם „פּעפּאַנס". גלייך, ווי כ׳בין צוריקגע־קומען אויף דער באַזע, זיינען געקומען צוויי פאַרבינדלער און געמאָלדן, אַז אונדזער גרופּע, וואָס האָט געציילט בערך צוואַנציק מענטשן, איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן אין אַ ־ייער קליינעם קרייז.

הגם, מיר האָבן נאָך די דייטשן נישט געזען, האָבן מיר אָבער נאָך דער דאָזיקער ידיעה אין יעדן שאָטן געזען אַ דייטש, אין יעדן שאָרך — געהערט אַ טאַנק. יעדער געדאַנק האָט געפירט צו טויט, צו געפאַנגענ־שאַפט און גלייכצייטיק האָט דער אינסטינקט פון דערהאַלטונג, פון נישט אונטערגעבן זיך, געטאָן ס׳זייניקע. אַלע רעיונות האָבן אָנגעהויבן צו אַר־בעטן אין דער ריכטונג פון אַרויסרייסן זיך פון קלעם. מיר האָבן גענומען אויספּרווון די וועגן, דורך וועלכע מען וואָלט געקאָנט דורכרייסן זיך צו דער פּערטער קאָלאָניע אויף דער קראַשינסקי גאַס. איינער פון אונדז האָט אָנגעוויזן אויף די הויכע קופּאָלן פון קלויסטער, וואָס האָבן פון דער ווייטנס אַרויסגעשטאַרצט צום הימל. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ שמאָלן

פּאָס, וואָס פירט צום קלויסטער, אויף וועלכן ס'איז נאָך אפשר מעגלעך זיך דורכצושאַרן אויף דער ערד. מען האָט נישט לאַנג געקלערט און תיכף האָט מען קיינעם פון די קוסטעס נישט אַרויסגעזען, געקראָכן דורך לע־כער און פּלויטן, פונאַנדערגעשפּרייט שטעכל־דראָט, אַבי אַ מענטש זאָל זיך קאָנען אַדורכקריגן און כּסדר האָט זיך עמיצער אויף אַ סעקונדע אויפגעשטעלט, בכדי צו כאַפּן אַ קוק, צי מיר דערנענטערן זיך צום קלויסטער.

ווידער האָט זיך געעפנט אויף אונדז אַ שיסעריי פון צוויי זייטן. לכת־חילה האָט מען צוריקגעענטפערט מיט אויטאָמאַטן, אָבער דאָס פייער אויף אונדז איז נישט קלענער געוואָרן און די לאַגע איז געוואָרן האָפענונגסלאָז. מיר האָבן זיך צעשאָטן אין די אַרומיקע הייזער און איינער האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיטן צווייטן. ווען די שיסעריי האָט זיך איינגעשטילט, בין איך געבליבן מיט נאָך צוויי זעלנער אין אַ הייזל און נישט געוואוסט וואו אַלע איבעריקע זיינען אַהינגעקומען. נאָכן אַרומזוכן זיך אַ קורצע צייט, האָבן מיר זאַלבעדריט גענומען פאַרזעצן דעם פריערדיקן וועג צום קלויסטער. ווען מיר זיינען שוין געווען נאָענט פון קלויסטער, זיינען אָנגעפלויגן עטלעכע אַעראָפּלאַנען גלייך איבער אונדזערע קעפּ, אַזוי ווי זיי וואָלטן אונדז געמיינט, און אַראָפּגעשאָסן פון מאַשין־געווער. אין דער זעלבער צייט, ווען מיר דריי האָבן געזוכט אַ באַשיצונגס־אָרט, האָבן די דייטשע גרופּן, וועלכע האָבן אונדז פאַרפאָלגט, געוואָרפן קאָלירטע ראַקעטעס אַלס סימן, אַז די פליער זאָלן זיי נישט באַשיסן. דורך די ראַקעטעס האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען, ווי נאָענט די דייטשע גרופּן געפינען זיך נעבן אונדז. דאָס מאַשין־געווער פון אַעראָפּלאַנען איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל די סאָוויעטישע אַר־טילעריע פון יענער זייט ווייסל האָט זיי גענומען אויפן ציל און די דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן תיכף געמוזט אַנטלויפן. בעת די אויפרייסן פון די סאָוויעטישע באָמבעס, האָבן מיר אינסטינקטיוו נאָך שטאַרקער זיך געקלאַמערט אין דער וואַנט, צו וועלכער מיר זיינען געווען צוגעטוליעט. אָבער באַלד האָבן מיר זיך אָריענטירט, אַז דאָס איז פריינדלעך פייער, וואָס באַשיצט אונדז פון די לופט־מערדער. דאָס איז געווען די איינציקע אָנגענעמע מינוט אין משך פון דעם גאַנצן ביטערן טאָג.

מיר האָבן זיך ענדלעך דערשלאָגן צו דעם געגאַרטן קלויסטער און אַזוי אַרום זיך אַרויסגעקריגן פון דער פאַסטקע. פון דאָרט האָבן מיר גע־האַט נאָענט צו דער קראַשינסקי גאַס, צו וועלכער מיר זיינען אַרום

פינף אַזייגער פאַרנאַכט דורכגעגאַנגען אַן שטערונגען. בערך אַ שעה נאָכן אָנקומען אין דער פערטער קאָלאָניע אויף קראַשינסקי־גאַס, האָבן מיר געהערט, אַז דער קלויסטער איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן. אַ גרויסן טייל פון די אַלע, מיט וועלכע איך בין צעשיידט געוואָרן אויפן וועג צום קלויסטער, האָב איך שוין מער נישט געזען. אויך דער קלענער טייל, וואָס איז שפּעטער געקומען אויף קראַשינסקי־גאַס בראש מיט פּאָרוטשניק וויטעק, האָט נישט געוואוסט, וואו יענע זיינען אַהינגעקומען.

די בין־השמשות־שעהן אין דער א״ג „טשוואורקע" (פערטער קאָלאָניע), זיינען געשטאַנען אונטערן צייכן פון אַנטשפּאַנונג צוליב דעם, וואָס ס׳איז שוואַכער געוואָרן די דייטשע אַטאַקע. אָבער גלייכצייטיק האָט אַרומגענומען אַ געפיל פון אויסזיכטלאָזיקייט, ווען מען האָט געטראַכט, וואָס עס וועט זיין, ווען עס וועט צוריק טאָג ווערן. אין יענע שעהן זיינען דאָרט אַהין אָנגעקומען אַ סך זעלנער, וועלכע זיינען אין פאַרלויף פון גאַנצן טאָג געשטויסן געוואָרן דורכן שונא פון איין אָרט אויפן אַנדערן. אין דעם אָזונט איז נאָך די „טשוואורקע" געווען איינע פון די ווייניקע ערטער, וואו מען האָט געקאָנט אַוועקשטעלן אַ פּוס און דאָס אויך נישט אויף לאַנג, ווייל די דייטשן זיינען שוין געשטאַנען אויף אַ טייל פון קראַשינסקי־גאַס. אין דעם ריזיקן פיר־עקיקן קאַסטן־הויף, האָבן זיך געטראָפן די אָנגעקומענע, נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערע איבערלעבענישן. יעדער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן. דער עיקר האָט מען זיך אינטערעסירט, ווער פון די באַקאַנטע עס לעבט און ווער נישט. פון די חברים פון דער זשאָ״ב־גרופּע, וועלכע זיינען אין דעם ערשטן טאָג פון דער דייטשער אַטאַקע געווען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע פּאָזיציעס, איז זיגמונט וואַרמאַן צוריקגעקומען אַ פאַרוואונדעטער און יצחק צוקערמאַן — אַ פאַרטויבטער. מען האָט זיך געפרייט, וואָס דערווייל זעט מען זיך נאָך, אָבער פון יעדנס בליק האָט אַרויסגעשריגן די פראַגע: וואָס וועט זיין מאָרגן?

אין יענער נאַכט איז קיינער נישט געשלאָפן, נישט דאָס מיליטער און נישט די ציוויל־באַפעלקערונג. אַרום עלף אַזייגער איז צונויפגערופן געוואָרן אויפן הויף פון דער „טשוואורקע" דאָס גאַנצע מיליטער פון א״ל. הגם דער שטאַב האָט געהאַלטן בסוד, האָט מען דאָך געוואוסט, אַז באַלד וועט מען גיין אין דער ריכטונג פון דער ווייסל, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קאָנטאַקט צווישן שטאַב און דער רויטער אַרמיי, וועלכע וועט אונדז העלפן אַריבערקריגן זיך אויף יענער זייט ברעג. אַ נייער גלויבן האָט זיך אָנגעהויבן צו וועבן און צוגלייך מיט דעם — נייע ספקות, צי אויך דער לעצ־

טער גלויבן וועט נישט אַנטוישן. דורכן מוח זיינען מאָמענטאַל דורכ־געלאָפן נייע דאגות און פּראָבלעמען: צי וועט זיך איינגעבן דורכצורייסן דורך די דייטשע פּאָזיציעס און צוקומען צום ברעג; צי וועט די הילף פון דער רויטער אַרמיי אויסדריקן זיך בלויז אין אַטאַקירן די דייטשן, בעת מיר וועלן זיך דורכרייסן, אָדער זי וועט אונדז געבן שיפלעך אויף אַריבערצוקומען; וואָס וועט זיין, אויב מען וועט זיך דאַרפן וואַרפן אין וואַסער אויף אַריבערצושווימען און נישט אַלע קאָנען די תורה פון שווי־מען? אַזעלכע און נאָך ענלעכע פראַגן האָבן געעקבערט אין מוח.

אין דער באַשטימטער שעה זיינען פאַרמירטע רייען פון אויפ־שטענדלער, שוין געשטאַנען גרייט אין וועג אריין. גרויסע מאַסן פון דער ציוויל־באַפעלקערונג זיינען געשטאַנען און צוגעקוקט זיך מיט קנאה, ווי מיר גרייטן זיך צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, וואָס איז באַדראָט אַ ליאַדע שעה פאַרנומען צו ווערן דורך די דייטשן. זייער שרעק און פאַרצווייפלונג זיי־נען געווען גרויס, אָבער דאָך האָט זיך ביים רוב פון זיי נישט געפונען דער כוח און אויך די מעגלעכקייט זיך צו לאָזן אויף אַזאַ צווייפלהאַפטן וועג, ווי דאָס אַדורכגיין דורך דער ווייסל. הגם דער שטאַב האָט צוליב פאַרשידענע טעמים פאַרווערט מיטצוגיין מענטשן, וועלכע געהערן נישט צו דער אַרמיי, דאָך האָבן איינצלנע ציווילע געוואַגט און האָבן, לעגאַל אָדער האַלב לעגאַל, זיך אַריינגעקריגן אין די רייען פון די אויפ־שטענדלער.

נאָכן פאַרלאָזן די „טשוואורקע”, האָט מען דעם ערשטן אָפּשטעל גע־מאַכט אויף מיצקעוויטש־גאַס. דאָרט איז מען געשטאַנען לאַנגע שעהן און געוואַרט, אַז מען זאָל זיך לאָזן אין ווייטערדיקן וועג. דערווייל זיינען אויף איינצלנע ערטער נאָך געשטאַנען קליינע גרופּן זעלנער, בכדי אויף ווי ווייט מעגלעך אויפצוהאַלטן די פּאָזיציעס. צווישן זיי האָבן זיך געפונען צביה און מאַרעק עדעלמאַן. וואו דער לעצטער האָט זיך געפונען, האָבן מיר געוואוסט. דאָקעגן האָבן מיר די גאַנצע נאַכט און צומאָרגנס כמעט אַ גאַנצן טאָג נישט געוואוסט, וואו עס געפינט זיך צביה און גע־מיינט, אַז מען וועט זי שוין נישט זען צווישן די לעבעדיקע. זי האָט זיך ערשט באַוויזן, ווען מען האָט זיך שוין מיאש געווען אין איר.

עס האָט אָנגעהויבן גרויען דער פרימאָרגן פון 30טן סעפּטעמבער. אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ בלאַסער שיין. אויפן הימל זיינען פאַר־שוואונדן די לעצטע שטערן און צוזאַמען מיט זיי איז פאַרשוואונדן די האַ־

פענונג אויף אַ גיכן צוקומען צו דער ווייסל. מיר האָבן געוואוסט אַז מיטן באַווייזן זיך פון טאָג, וועלן די דייטשן אָנהויבן אַ נייע, דאָסמאָל די לעצטע אַטאַקע, נאָך איידער מיר וועלן צוקומען צום ברעג. די אומעטיקע געדאַנ־קען זיינען פלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן דורך שרעקלעכע דונערן, וועלכע האָבן געמאַכט ציטערן די ערד אונטער די פיס און צעטרייסלט די רואיניר־טע הייזער, פון וועלכע ס'האָט זיך געשאָטן אַ געדיכטער שטויב, וואָס האָט בלינד געמאַכט די אויגן. עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רעגן פון צעגליטן בליי, וואָס האָט אַלעמען געטריבן אויסצובאַהאַלטן זיך אין די לעכער, אין קעלערס און חורבות. דער צווייטער טאָג פון דער דייטשער אָפענסיווע האָט זיך אָנגעהויבן. נאָך אַ קורצער צייט האָט די באָמבאַרדירונג פון אַרטילעריע און מינעוואַרפערס אויפגעהערט און דאָס איז געווען אַ סימן, אַז באַלד וועלן שטיין קעגן אונדז טאַנקן און אינפאַנטעריע.

דער נייער שטורעם האָט אַלעמען געטראָפן מיד און אויסגעמאַטערט פון דער שלאָפלאָזער נאַכט און פון פריערדיקן טאָג־וואָגלעניש. אָבער ווען אַ דייטשער טאַנק האָט זיך דערנענטערט צו אונדז און דאָס שכנות־דיקע הויז האָט אָנגעהויבן ברענען פון אַ צינד־באָמבע, וואָס די דייטשן האָבן געוואָרפן, האָבן זיך אין יעדערן דערוועקט געהיימע כוחות. אַלע זיינען גלייך געוואָרן וואַך און באַוועגלעך. זעענדיק, אַז מען קאָן שוין דאָ לענגער נישט בלייבן, האָט מען זיך ווידער גענומען רוקן אין דער טיף אויף נידער־זשאַליבאָזש. דורך שוץ־גריבער זיינען מיר אָנגעקומען אויף גאַמולקאַ־גאַס. פון דאָרט זיינען מיר איבערגעגאַנגען אויף דיגאַשינסקי־גאַס. דאָרט האָבן מיר זיך צעוואָרפן אין די הייזער און מיט דער לענג פון דער גאַס געזוקט זיך כסדר פון איין הויז אַרויס אין צווייטן אַריין. עס איז אָבער שוין באַלד נישט געווען וואָהין זיך צו רוקן. מיר זיינען שוין געווען צו ווייט אַרויסגערוקט צו די דייטשע פּאָזיציעס, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער ווייסל. מען האָט דעריבער זיך באַזעצט אין די דאָרטיקע קעלערס און פון דרויסן איבערגעלאָזט אַ וואַך, וועלכע האָט געדאַרפט אַלאַרמירן, ווען ס'וועלן זיך באַווייזן דייטשן. די דייטשן האָבן זיך שוין דעמלט נישט געאיילט. זיי האָבן ווייזט אויס געוואוסט, אַז זייער זיג איז אַ זיכערער, אַז מיר געפינען זיך אין אַ „קעסל" און פריער צי שפּעטער, וועלן מיר אַריינפאַלן אין זייערע הענט.

הגם אין די קעלערס האָט מען געהאַט אַ ביסל רו, צו וואָס מען האָט אַזוי געשטרעבט, איז אָבער דאָך שווער געווען דאָס וואַרטן. געווען איז ערשט פאַרמיטאָג־צייט און דערציילט האָט מען, אַז ערשט אין די אוונט־

שעהן, אָרום אַכט אַזייגער, ווען ס'וועט שוין זיין גוט טונקל, וועלן די סאָוויעטן, לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיטן א״ל־שטאַב אַטאַקירן די דײַ־טשע פאָזיציעס און מיר וועלן עווענטועל איבערשווימען דעם טייך מיט שיפלעך. ס'איז אָבער געווען ווייניק גלויבלעך, אַז מען וועט זיך דער־וואַרטן ביזן אָוונט.

דער לאַנגער טאָג, וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט פאַר זיך, האָט זיך געצויגן אומענדלעך. אָבער עס איז שוין נישט געווען קיין אַנדער ברירה, חוץ וואַרטן. הגם פיזיש האָט מען זיך געפונען אין כמעט פינצטערע קע־לערס פון פאַרלאָזטע הייזער, אָרום וועלכע עס זיינען פון אַלע זייטן אויס־געשטעלט געווען האַרמאַטן מיט אָפענע מיילער, אָבער אין דער פאַנטאַזיע, האָבן מיר זיך שוין אַריבערגעטראָגן אויפן רעכטן וויסל־ברעג און נישט איינער האָט זיך שוין געזען שפּאַצירן אויף די באַפרייטע גאַסן פון פּראַגע. זיינע געדאַנקען זיינען שוין געווען אין לובלין און אין אַנדערע באַ־פרייטע שטעט אין פּוילן. ווער עס האָט געקאָנט זיך דערהויבן ווי אַן אָדלער איבער דעם אָרום, דעם זיינען די לאַנגע וואַרטנדיקע שעהן געווען לייכטער אַריבערצוטראָגן.

אין די פאַרנאַכטיקע שעהן זיינען אָנגעקומען צו אונדז אויף דיגאַ־שינסקי־גאַס די אַלע גרופּן, וואָס זיינען נאָך במשך פון טאָג געשטאַנען אויף פאַרשידענע פאָזיציעס. מיר זיינען שוין געווען צוזאַמען עטלעכע הונדערט מענטשן. אָרום זיבן אַזייגער, זיינען אַלע צוזאַמענגערופן געוואָרן אויף איין אָרט און מ'האָט געהייסן וואַרטן אויף ווייטערדיקע באַפעלן. די שפּאַ־נונג איז געוואַקסן ביז גאָר. די אַנטשיידנדיקע מינוט איז געוואָרן נאָענט. און דעמלט האָט פּאַסירט דאָס אומדערוואַרטעטע:

ק אַ פּ י ט ו ל אַ צ י ע.

דאָס דאָזיקע וואָרט האָט ווי אַ דונער אָפּגעשלאָגן פון עמיצנס מויל. וואָס איז אַ צעיאָכמערטער געקומען צולויפן, כדי מודיע צו זיין, אַז דער שטאַב פון א״ק האָט געשלאָסן אַ קאַפּיטולאַציע־אָפּמאַך מיט די דייטשן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און פאַר אונדזערע אויגן זיינען אויס־געוואַקסן דייטשע פאַרלאַמענטאַריער, באַגלייט פון צוויי אָפיצירן פון א״ק. עס איז מאָמענטאַל אַנטשטאַנען אַן אומבאַשרייבלעכע צעמישונג. אַלץ איז געוואָרן עלעקטריזירט און אַ סך האָבן פאַרלוירן דעם פּסיכישן גלייכגעוויכט. אַ גרויסער טייל האָט געוואָרפן דאָס געווער, אויסגעטאָן די מיליטערישע מאַנטלען, אַגב, פון דייטשער אָפּשטאַמונג, בכדי צו פאַר־

וישן די שפורן פון אַנגעהעריקייט צו די אויפשטענדלער. די מיטגלידער פון שטאַב האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות איינצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם און אַפילו אין דער ניי־געשאַפענער לאַגע זיך אַדורכרייסן דורך דער ווייסל, נישט וואַרטנדיק אויפן סאָוויעטישן סיגנאַל. אָבער דער רוב איז שוין געווען אַזוי דעזאָרגאַניזירט און אַזוי צוזאַמענגעבראָכן, אַז די מענטשן זיינען שוין צו גאָרנישט פעאיק געווען. יעדער האָט געהאַנדלט אויף זיין אייגענער האַנט. יעדער האָט געזוכט אַ וועג לויט זיין געפיל, לויט זיין שכל, כדי נישט אַריינצופאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. און די, וואָס האָבן זיך יאָ איינגעלעבט מיט געדאַנק צו גיין אין געפאַנגענשאַפט, האָבן כאָטש געוואָלט פון זיך אָפּמעקן יעדן סימן פון א"ל, ווייל אין דעם טייל פון די אויפשטענדלער, האָבן זיך די דייטשן ספּעציעל נוקם געווען.

אינמיטן פון דעם כאַאָס, וואָס איז געווען אַרומגעהילט מיט דער פינצטערניש פון אָוונט, האָבן עטלעכע מיטגלידער פון שטאַב מיטן קאַפּיטאַן שאַניאַווסקי בראָש, צוזאַמענגעשטעלט אַ גרופּע צו גיין צו דער ווייסל. זיי האָבן גערופן זיך אַנצושליסן אין דער גרופּע. אָבער נישט אַלע האָבן זיי געהערט, נישט אַלע האָבן זיי געזען. לאַנג וואַרטן האָבן זיי נישט געקאָנט, ווייל יעדע מינוט האָט געשפּילט אַ ראָל. זיי האָבן דעריבער גענומען די וואָס זיינען געווען אונטער דער האַנט, און געגאַנגען. נאָענט ביי דער ווייסל איז די גרופּע געוואָרן צעקלאַפּט פון די דייטשן. אַ טייל איז אומגעקומען, אַ קליינער טייל איז אַדורך און אַ טייל איז צוריקגעקומען. פון דעם טייל, וואָס איז צוריקגעקומען, האָבן אַ סך, וועלכע האָבן פאַר יעדן פּרייז יאָ געוואָלט פּרוּוון מזל ביי דער ווייסל, זיך ערשט דערוואוסט, אַז אַ גרופּע איז שוין אַרויסגעגאַנגען. אָבער אַזוי, ווי מ'האָט שוין געהערט דעם סוף פון דעם פּרוּוו, האָט שוין קיינער נישט געהאַט קיין חשק צו דעם.

נאָך דעם, ווי דער פּלאַן צו גיין צום ברעג איז שוין פולשטענדיק צערונען געוואָרן, האָט מען ענדלעך דערהערט די סאָוויעטישע אַרטילעריע, וואָס האָט געדאַרפט דינען אַלס סיגנאַל צו לאָזן זיך צום ברעג. קיינער איז שוין אָבער פסיכיש נישט געווען גרייט דערצו. אויף נישט צו גיין איז געווען נאָך אַ מאָטיוו: נאָך דעם, ווי די דייטשן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ גרופּע ביים ברעג, וועלן זיי איצט שוין זיין מער וואַכזאַם און יעדער נייער פּרוּוו איז דעריבער אויסגעשטעלט אויף אַ דורכפאַל.

און וואָס וועלן מיר טאָן? פאַרוואָס וועלן אונדז די דייטשן פריער הרגענען? צי דערפאַר, ווייל מיר זיינען אויפשטענדלער, און דערצו א״ל, צי דערפאַר, ווייל מיר זיינען יידן? די אַלגעמיינע אויסזיכטלאָזיקייט האָט אָמטיפסטן זיך אָפגעשלאָגן אין די הערצער פון די חברים פון דער זשאָ״ב־גרופּע. קיינער האָט בעת דער אַלגעמיינער צעמישונג נישט איבערגעלעבט אַזאַ טיפע דערשיטערונג, ווי מיר.

אונדזער גרופּע האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען בעת דער אַלגעמיינער צעמישונג. די גרופּע האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט מיט עטלעכע חברים פון אונדזער נאָענטסטער סביבה, וועלכע האָבן זיך נישט געפונען אין די רייען פון די אויפשטענדלער און וועלכע זיינען מיט אונדז מיטגעגאַנגען פון דער „טשוואורקע״. צווישן זיי זיינען געווען יוזעק זיסמאַן, לאָדזשעס יאַשע, אַנדזשע, סטאַשע, זאָשע און אַנדערע. מיר זיינען געשטאַנען אינמיטן פון דער דענערווירטער מחנה און געמיינזאַם געטראַכט, וואָס צו טאָן. אויך מיר, פּונקט ווי אַלע, האָבן זיך געראַנגלט אין געדאַנק מיט דער פראַגע: יאָ, גיין צום ברעג, אָדער נישט גיין? אָבער נישט אַלע פון אונדז זיינען בכוח געווען צו אַזאַ אונטערנעמונג און די, וואָס האָבן זיך יאָ געפילט בכוח, האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט די איבעריקע. דערווייל האָט זיך די לאַגע געענדערט פון מינוט צו מינוט און מיר האָבן נישט געקאָנט גאָרנישט אויסטראַכטן. ארום אונדז האָט אָנגעהויבן ווערן שיטערער. ווער ס׳האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט, האָט זיך אויסבאַהאַלטן. דער רוב אָבער האָט זיך געמוזט איבערגעבן צו די דייטשן.

און מיר?

דעמלט איז געקומען דער פאָרשלאַג פון דער פרוי יאַשע, וואָס האָט זיך געפונען מיט אונדז, אַז מיר זאָלן גיין צייטווייליק זיך אויסבאַהאַלטן ביי איר און שפּעטער וועט מען ווייטער זען וואָס צו טאָן. די פרוי יאַשע, האָט אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּאָליאַק, נישט ווייט פון דעם אָרט, וואו מיר האָבן זיך געפונען, אויף פראַמיקע גאַס 41. די באַלעבאַטים פון דעם הויז זיינען עוואַקואירט געוואָרן, פּונקט ווי די גאַנצע באַפעלקערונג פון זשאָליבאָזש, איבערגעבליבן איז בלויז דאָרט דעם באַלעבאָס 80־יעריקע פאַראַליזירטע מוטער מיט נאָך דריי אַלטע, קראַנקע יידישע פרויען, מיט וועלכע יאשע האָט זיך צוזאַמען אייסבאַהאַלטן אין דער גאַנצער אָקופּאַציע־צייט און וועלכע זיינען אפשר געווען די איינציקע פון דער גאַנצער זשאָליבאָזשער באַפעלקערונג, וואָס זיינען נישט עוואַקואירט געוואָרן.

בלית ברירה האָבן מיר אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג. מיר האָבן אַפֿילו נישט געוואָלט טראַכטן, וואָס וועט זיין דער תּכלית פֿון דעם זיצן אין אַ הייזל אויף אַן עוואַקואירטן שטח, האַרט ביי דעם ווייסל־ברעג און אינמיטן פֿון דער דייטשיש־סאָוויעטישער פֿראָנט־ליניע. לאָגיש איז דאָס בכלל נישט געווען קיין אויסוועג און מיר זיינען געווען זיכער, אַז אין געציילטע שעהן וועלן אונדז די דייטשן אויסגעפֿינען. אָבער קיין אַנדער אויסוועג אין דעם מאָמענט איז נישט געווען. מיר האָבן פֿאַרדרייט אין אַ זייטיק געסל אַריין, מיטגענומען מיט זיך דעם פֿאָרוטשניק וויטעק, וועלכער איז געווען אונדזער נאָענטסטער ידיד, און אין געציילטע מינוטן זיינען מיר שוין געשטאַנען ביים הייזל אויף פּראָמיקע 41.

„נישט מיטאַמאָל, נאָר צו צוויי גייט אריין" האָט יאשע אָנגעוויזן. די ערשטע צוויי זיינען אַריין, די אַנדערע האָבן געוואַרט. דערווייל האָט מען באַמערקט, אַז עפּעס אַ זייטיקער, אַ פֿרעמדער דרייט זיך נעבן אונדז. עס איז געווען פֿינצטער און מ'האָט נישט געקאָנט דערקענען זיין פּנים. קיינער איז שוין מער נישט אַריין אין הייזל, בכדי נישט צו פֿאַרראַטן אונדזער באַהעלטעניש. דער פֿרעמדער האָט זיך אָבער אַוועקגעשטעלט באָענט צו אונדז און נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון אונדז קיין אויג. ווען מען האָט אים געפֿרעגט, וואָס ער וויל וועמען ער זוכט, האָט ער אָן שום סקרופּולן געענטפֿערט: „כזע, אַז איר ווילט זיך באַהאַלטן, אַלזאָ איך גיי מיט אייך. איר ווילט לעבן, איך וויל אויך לעבן..."

הערנדיק אַזאַ קאַטעגאָרישע דערקלערונג, האָבן מיר אים געמוזט אַריינגעמען מיט זיך. ווען דער לעצטער האָט פֿאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די שמאָלע געדרייטע טרעפּ, וואָס פֿירן אין קעלער אַריין, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער עטאַפּ אין אונדזער ביטערער ווירקלעכקייט.

# IV

# צוריק אין אפּגרונט

# ווידער מיטן טויט אויף דו

שטיל איז אויף זשאַליבאָזש. עס זיינען אַנטשוויגן געוואָרן די קאַנאָנען און ס'איז איינגעשטילט געוואָרן די שיסעריי. עס איז אויסגעלאָשן און אָפּגעקילט געוואָרן די לאַווינע פון צעגליטן בליי, וואָס האָט מיט רעש און שטורעם אומאויפהערלעך זיך געטראָגן איבער די קעפּ. די ערד און אַלץ, וואָס אויף איר, האָט זיך אויפגעהערט טרייסלען פון די שרעקלעכע אויפרייסן און גלייכצייטיק איז איר אויבערפלאַך געוואָרן פּוסט און ליידיק. ערגעץ־וואו זיינען פאַרשוואונדן די אויפשטענדלער און אַ טויט־שטילקייט האָט איינגעהילט דעם אָרום.

אַ שטילקייט, וואָס שרעקט.

ווען מיר זיינען אינעם אָונט פון 30טן סעפּטעמבער אַריין אין אַ קעלער אין דעם זייטיקן הייזל אויף דעם ראָג פון פּראַמיקאַ־געסל — דאָס לעצטע געסל פאַר דער ווייסל, — האָבן אונדז אָנגעקוקט פיר פּאָר אויגן: די דאָזיקע אויגן האָבן געהערט צו אַן אַלטער קריסטלעכער פרוי, אַ טויבע און פּאַראַליזירטע, וועלכע די עוואַקואירטע איינוווינער האָבן איבערגעלאָזט, ווייל זי האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט; דאַן צו דער פרוי רענא, — אַ קליינע, אַ דאַרע, מיט גרויע, קורץ פאַרשוירענע האָר, זי האָט אויסגעזען צו זיין אַ פולשטענדיק אַסימילירטע, וואָס האָט קיינמאָל מיט קיין יידן נישט געהאַט צו טאָן; דאַן צו דער פרוי צעציליע גאָלדמאַן, וואָס האָט געהאַט זייער אַ טראַגישן אויסזען: אַן אויסגעדאַרט, בלאַס און קראַנק פּנים, מיט טיף אַריינגעזעצטע אויגן, אַ פרוי, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט יידישע קולטור און טראַדיציע און באַמיט זיך, נאַטירלעך, אַז דאָס זאָל אויף איר נישט זיין קענטיק; און לסוף צו דער פרוי סאַבינע, וואָס איז געווען די „מאַמע" פון די דריי אַלטע לייט און זיי באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן. די פרוי סאַבינע — אַ זייער קלוגע, אַ רירעווודיקע, זי האָט זיך נישט געשראָקן פאַר קיין געפאַר און איז געגאַנגען „דעם טייוול אין

די אויגן אַריין" — הגם שוין אויך אַן אַלטע, פון בערך זיבעציק יאָר — ווייט פון יידישקייט, אַ גוטהאַרציקע צו אַלע מענטשן.

אויך מיר, פונקט ווי די דערמאָנטע פרויען, האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונדזער אַנוועזנהייט איז פאַר די פרויען נישט קיין טובה. ווען מיר זאָלן דאָ נישט זיין, האָבן זיי געקאָנט האָפן, אַז ווען די דייטשן וועלן אַפילו דאָס באַהעלטעניש אַנטדעקן, וועלן זיי דאָך נישט טאָן קיין שלעכטס אַזעל־כע אַלטע פרויען, אויף וועלכע עס איז נישטא פאַראַן קיין שום סימן פון יידישן אָפּשטאַם און אַוודאי נישט קיין חשד פון פּאָליטישער אומלאָיאַלי־טעט. זיי האָבן געהאַט אַ קליינעם רעזערוו פון לעבנס־מיטלען, אַ ביסל וואַסער, וואָס סאַבינע האָט זאָרגפעליק איינגעשאַפּט און דאָס האָט זיי גע־געבן אַ מינימום זיכערקייט צו קאָנען אויסהאַלטן. דאָס באַווייזן זיך פון אַזעלכע אומגעריכטע געסט, האָט צעשטערט ביי זיי דאָס ביסל זיכערקייט. עס איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אַנטדעקן דאָס באַהעלטעניש, וואו עס געפינט זיך אַזאַ כאַלאַסטרע, באַדייט אומקום פאַר אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס די אַלטע לייט זיינען אפשר געווען נישט איבעריק צופרידן פון אונדזער קומען, אָבער זיי האָבן זיך אַבסאָלוט נישט קעגנגעשטעלט און אונדז אויפגענומען ווי אייגענע.

מיר זיינען אַריין אין איינעם פון די קעלערס, וואו מיר האָבן גע־טראָפן די זקנות ליגנדיק און זיצנדיק אויף די בעטן פאַרוויקלטע אין פערינעס. אויפן טיש האָט געצאַנקט אַ ליכטל וועמענס טונקל פלע־מעלע האָט געוויזן יעדנס שאָטן אויף דער וואַנט. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך די פיס פאַרטשעפּעט אין צעבראָכן מעבל, שיכווארג, געשיר, וועש שמאַטעס און אַנדערע שטוביקע זאַכן, וועלכע זיינען געווען אָנגע־וואָרפן אין גאַנצע קופּעס. אַנשטאָט צו באַקומען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: וואו וועלן מיר זיך אַהינטאָן? האָבן מיר געזען, ווי עמיצער רוקט אַוועק פון אַ וואַנט אַ שאַפע מיט פּאָליצעס און עס אַנטפּלעקט זיך אַן אַריינ־גאַנג אין אַ קליינטשיק שטיבעלע, וואָס איז אַמאָל דורך די באַלעבאַטים באַ־נוצט געוואָרן אַלס וועשעריי. מען האָט אונדז אָנגעוויזן, אַז דאָ, אין דעם שטיבעלע, וועט זיין אונדזער מקום־מקלט.

דאָס איז דאָך אָבער אַ „ליפע"*), אַזאַ פּרימיטיווע, פון פּשוטע ברע־טער צונויפגעקלאַפּטע שאַפע, אין וועלכער עס זיינען פאַראַן שפּאַרונעס

*) ליפּאַ — פּאָפּולערע באַצייכענונג פאַר יעדער זאַך, וואָס איז נישט עכט און נאָכגעמאַכט.

און לעכער — וועט אונדז פֿאַרשטעלן פון די דייטשן? זיי וועלן דאָך ביים ערשטן צורירן זיך צו דער שאַפקע אונדז אַנטדעקן — האָט עמיצער באַמערקט.

— ריכטיק. אָבער האָסט אַ בעסער באַהעלטעניש?

ס'איז טאַקע נישט געווען קיין אַנדער ברירה און מען האָט זיך גע־מוזט אַריינפּאַקן אין דער שטייג. סאַבינע האָט הינטער אונדז צוגערוקט די שאַפקע, אויף וועמענס פּאָליצע עס זיינען געשטאַנען פּלעשער, טעפּ־לעך, שאַכטלעך און אַנדערע קלייניקייטן. פון אינעווייניק האָבן מיר די שאַפקע פאַרפעסטיקט מיט אַ דראָט צו אַ טשוואָק. פון יענער זייט שאַפקע, אין „צימער" פון די פרויען, האָט מען שוין נישט דערקענט, אַז דאָ גע־פינט זיך נאָך אַ „צימער". ס'האָט זיך בלויז געזען אַ וואַנט, ביי וועלכער עס שטייט אַן אומשולדיקע שאַפקע.

אויף דער בעטאָנענער פּאָדלאָגע האָבן מיר אויסגעשפּרייט אַ סך קאָלדרעס — צונויפגעזאַמלטע אין די קעלערס פון שכנותדיקע הייזער, צו וועלכע עס האָבן געפירט דורכגאַנגס־לעכער פון אונדזער קעלער. די קאָלדרעס האָבן מיר אויסגעלייגט אין עטלעכע שיכטן, איינע אויף דער אַנדערער, ס'זאָל זיין ווייכער צו ליגן. מען האָט זיך צוזאַמענגעקוועטשט, ווי הערינג אין אַ פעסל. אָבער ס'איז אוממעגלעך געווען אויסצולייגן פופצן מענטשן אין אַזאַ קליינעם און נידעריקן לאָך, וואו אַפילו פּאָר פינף, זעקס מענטשן, וואָלט געווען צו ענג. יוזשעק און עדעק (דאָס איז יענער אומבאַקאַנטער, וואָס האָט זיך נעבן אונדז געדרייט ביים אַריינגיין אין קעלער), האָבן זיך געלייגט אויף דער קיך, יצחק האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ פּאָליצע, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צו אַ וואַנט. נאָענט פון סופיט, די איבעריקע מענטשן אויף דער פּאָדלאָגע זיינען געלעגן ממש איינער אויפן צווייטן. אַז איינער האָט געדאַרפט זיך איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט, האָבן אַנדערע געמוזט זיך אויפהויבן. וועגן אויסציען אַ פוס איז בכלל נישט געווען קיין רייד. אַלע זיינען געלעגן צוזאַמענגע־קנוילט, פאַרפלאָכטענע הענט און פיס, נישט ווי פופצן באַזונדערע גופים, נאָר ווי איין שטיק. די לופט איז געווען געדיכט, אַז מען האָט זי געקאָנט שניידן און ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. די דרויסנדיקע שטיל־קייט האָט זיך אַריינגעריסן צו אונדז, אַזוי ווי מ'וואָלט זי געהערט און דאָס האָט אונדז געצוואונגען צו פולשטענדיקער רואיקייט. הגם אין דרויסן איז אַלץ געווען טויט און אינעווייניק האָבן נאָך, קעגן דעם פאַרבאָט צו לעבן, געאָטעמט פופצן מענטשן, האָט מען זיך באַמיט צו שאַפן אַ האַר־

מאַניע צווישן דעם דרויסן און דעם אינעווייניק. מ׳האָט נישט גערעדט, נישט געהוסט און נישט געניסט הויך. ווען אַ מענטשלעך קול האָט זיך געדאַרפט הערן, האָבן די ליפּן קוים געשעפּטשעט. ווען אַ הוסט האָט זיך פון ברוסט אַרויסגעריסן, האָט זיך מאָמענטאַל דער קאָפּ אין קישן פאַר־גראָבן. די סודותפולקייט האָט אַרומגעשוועבט צווישן אונדז און מיר אַליין האָבן בײ זיך אויסגעזען ווי נישט רעאַלע געשטאַלטן, ווי פאַנטאַסטישע און נישט קיין עקזיסטירנדיקע.

די ערשטע נאַכט איז אַדורך. איך ווייס נישט, צי כ׳בין, פּונקט ווי אַנדערע, געשלאָפן און געחלומט, אָדער געווען וואַך און געטראַכט. דאָס איז נישט געווען קיין שלאָף און ס׳איז נישט געווען קיין וואַך־זיין. איך ווייס נאָר, אַז יענע נאַכט איז געווען אויסגעפילט מיט אַ שרעקלעכן קאָש־מאַר. עס האָט פאַרפאָלגט דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ ליאַדע שעה געכאַפּט צו ווערן און אומצוקומען דאָ אין דעם לאָך און גלייכצײ־טיק האָט געמאַטערט דאָס באַוואוסטזיין וועגן דער אוממעגלעכקייט דאָ צו לעבן, אויב אַפילו די דייטשן וועלן דערווייל נישט פאַלן אויף אונד־זערע שפּורן. די איינציקע האָפענונג איז ווידער געווען: אפשר וועלן די סאָוויעטן אַריבערשפּרינגען די ווייסל און אונדזער הייזל, וואָס שטייט זיי ממש אונטער דער נאָז, אַרונטערנעמען אונטער זייערע פליגל. טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען די איינציקע האָפענונג האָט מען נישט גע־האַט קיין גרונט צו זיין באַרואיקט, נאָך די צענדליקער אַנטוישטע דער־וואַרטונגען זייט דעם אויסברוך פון אויפשטאַנד. „אמת, מיר האָבן טאַקע אַ סך מאָל געמיינט, אַז אָט, אָט איז די רויטע אַרמיי דאָ, און ס׳האָט זיך נישט באַשטעטיקט, אָבער זי מוז דאָך אַמאָל קומען אוודאי מוז זי און זי וועט קומען, אָבער דאָס מוז דאָך נישט געשען פּונקט אין די געציילטע שעהן אָדער טעג, וואָס זיינען דעצידירנדיק פאַר אונדזער לעבן. דאָס קאָן געשען אַ שעה, אַ וואָך, אָדער אַ חודש נאָך אונדזער אומקום, ווייל די פּלענער פון גענעראַל־שטאַב דאַרפן זיך רעכענען מיט כּיל העכערע אינטערעסן און באַדערפענישן פון אַלגעמיינעם קריג, און נישט מיט דעם בידנעם לעבן פון פּוּפּצן מענטשן אויף פּראַמיקאָ״. אַזעלכע און ענלעכע רעיונות זיינען יענער נאַכט אַרומגעקראָכן אין מוח.

נאָך אַ נאַכט, פול מיט בייזע מחשבות, האָבן מיר אינדערפרי דער־הערט דעם גוט־באַקאַנטן רוף: אַללע ראַוס; אַללע ראַוס; אין קעלער — אַ טויט־שטילקייט — קיינער רירט זיך נישט פון אָרט. די אַלטע לייט, וועלכע זיינען געווען אין ערשטן צימער, זיינען אויך פאַרגליווערט געוואָרן

אין אומבאַוועלעכקייט. די רופן האָבן אָבער נישט אויפגעהערט. סאָבינע, נישט וועלנדיק וואַרטן, ביז די דייטשן וועלן אַראָפּנידערן אין קעלער אַריין, איז אַליין אַרויפגעגאַנגען. מיר האָבן געהערט דאָס געשפּרעך צווישן איר און די דייטשן, אָבער מיר האָבן גענוי נישט געהערט אין וואָס עס גייט. איין פראַזע פון סאָבינען האָבן מיר יאָ געהערט: „פיר אַלטע קראַנקע פראַוען, וויר האָבן דערלאַובניס היר צו בלייבען". די דאָזיקע ווערטער, פלעגן מיר, אַגב, שוין שפּעטער הערן ווי אַ מזמור. נאָך עטלעכע מינוט פון נערוון־שפּאַנונג האָט מען געהערט סאָבינעס טריט; זי גייט אַראָפּ לאַנגזאַם אויף די טרעפּ פון קעלער, מיר הערן זי שוין ביי איר אין צימער. מען איז פאַרזיכטיק און די, וואָס זיינען געלעגן נאָענט ביי דער שאַפּקע, האָבן נישט אָנגעהויבן פריער צו רעדן, ביז זי וועט צוקומען צו דער שאַפּקע. זי איז ענדלעך צוגעקומען. זי רעדט שטיל, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אויסגעשמועסט מיט דער שאַפּקע. זי דערציילט„ אַז די דייטשן האָבן זיך אויסגעפרעגט, צי דאָ זיינען פאַראַן „באַנדיטן" מיט געווער. זי האָט געענטפערט: ניין. זיי האָבן נישט געוואָלט גלויבן און זי האָט זיי געזאָגט: ביטע, איר קאָנט אַראָפּגיין אין קעלער זיך איבערצייגן, צי עס איז נאָך עמיצער פאַראַן חוץ די פיר פרויען... ווען די דייטשן האָבן אויך די פרויען נישט געוואָלט דערלויבן דאָ צו בלייבן אין דעם עוואַקואירטן וואַרשע, נאָך דערצו אויף דער פראָנט־ליניע, האָט סאָבינע געענטפערט, אַז עס זיינען שוין כלומרשט פריער דאָ געווען דייטשן און זיי האָבן יאָ דערלויבט צו בלייבן.

די דייטשן זיינען אַוועק.

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן נישט מיט דער ערגסטער שטימונג. די ערשטע געפאַר איז פאַרביי. אָבער מיר האָבן זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס בנוגע אונדזער ווייטערדיקן גורל. במשך פון טאָג איז אין דרויסן געווען שטיל. זייער זעלטן האָבן מיר פון דרויסן געהערט פאַרבייגייענדיקע טריט און אויך די דייטשע שפּראַך. אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט, האָבן מיר זיך ערשט אויפגעהויבן פון די געלעגערס, אַוועקגערוקט די שאַפּקע און געפּרוווט אַרויסשטעקן די קעפּ. אונדזער גאַנצער באַוועגונגס־שטח איז געווען דאָס צימער פון די פרויען און די שכנותדיקע קעלערס. דורך דער צייט, וואָס אַלע האָבן זיך אויסגעגלייכט די גלידער, נאָכן ליגן אַ גאַנצע נאַכט און טאָג איינגעקוועטשט אויף די געלעגערס, האָבן דערוויל די מיידלעך אָפּגעקאָכט אַ מאָלצייט. מ'האָט וואָס גיכער אַריינגעכאַפּט אַ ביסל זופּ. אַ טייל געקעכטס האָט מען איבערגעלאָזט אויף צו־

מאָרגנס און דאָס האָט געמוזט סטייען אויף אַ גאַנצן טאָג. אַרום ניין אין אוונט, האָט מען צודיק צוגערוקט די שאַפקע, זיך אָוועקגעלייגט אויף די געלעגערס און ווידער געהאַפּט איבערצוקומען בשלום ביז מאָרגנדיקן אוונט, ווען מען וועט ווידער קאָנען אויפשטיין אויף עטלעכע שעה פון די געלעגערס.

נאָך דעם, ווי מיר זיינען אָפּגעלעגן איבער צוואַנציק שעה אין דעם פינצטערן און ענגען לאָך און זיינען נישט אַנטדעקט געוואָרן דורך די דייטשן, ווי מ׳האָט זיך דאָס פאַרגעשטעלט באַלד נאָכן קומען אויף פּראַ־ביקאַ, האָט זיך דאָס לעבן אָנגעהויבן צו „סטאַביליזירן״. נאָך עטלעכע טעג האָט מען שוין געהאַט פאַרנוצט דעם רעזערוו פון פּראָדוקטן און וואַסער, וואָס די אַלטע לייט האָבן זיך געהאַט אָנגעגרייט און דאָס האָט אונדז געצוואונגען אָנצוהויבן זוכן מיטלען צום לעבן און אָנצוגרייטן זיך אויף שפּעטער, אַזוי ווי דאָס דערלעבן די וויטערדיקע שעהן וואָלט נישט געשטאַנען אונטער קיין פראַגע־צייכן.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, פלעגט זיך יעדער נעמען צו זיין אַרבעט. צוויי חברים זיינען שטענדיק געשטאַנען אויף שמירה, אין דער הויף אויף די טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ אין קעלער אַריין, בכדי מאָמענטאַל צו אַלאַר־מירן אין פאַל, ווען דייטשן וועלן זיך דערנענטערן צום הויז. די חברטעס פלעגן אויף גיך אָנקאָכן אַ ביסל וואַרעמס אין אַ קיך פון שכנותדיקן קעלער. אַלע אַנדערע פלעגן האָבן די אויפגאַבע צו גיין אין די אַרומיקע קעלערס און הייזער און צוזאַמענקלייבן אַלץ, וואָס קאָן נאָר דערהאַלטן ביים לעבן.

שטיל, פאַמעלעך, מיט פיס פאַרוויקלטע אין שמאַטעס, מען זאָל די טריט נישט דערהערן, פלעגן מיר איינער הינטערן אַנדערן אַדורכקריכן דורך די אויסגעהאַקטע לעכער אין די ווענט, וועלכע פאַרבינדן איין הויז מיטן אַנדערן, איין עק גאַס מיט דער צווייטער. בלינד פון דער שטאָק־פינצטערניש, שטום ווי שאָטנס, פלעגן מיר זיך שאַרן ביי די ווענט, קריכן אויף אָנגעוואָרפענע זאַכן און ברוכשטיקער. יעדער נישט פאַרזיכטיקער טראַט האָט אָפּגעקלונגען אין חלל און מיר זיינען מאָמענ־טאַל פאַרשטיינערט געוואָרן, מיינענדיק, אַז אָט האָט מען זיך אויסגעגעבן פאַר די דייטשן. אין איין האַנט האָט יעדער געטראָגן אַן עמער, אַ קריגל, אָדער אַן אַנדערע כלי און מיט דער אַנדערער האַנט געטאַפּט דעם צווייטנס פּלייצע, כדי נישט צו פאַרלירן זיך אין דער פינצטערניש. שפּעטער זיינען מיר קלוגער געוואָרן און מיטגענומען אַ שטריק, וועלכן יעדער האָט גע־

האַלטן אין דער האַנט און אַזוי אַרום געווען פאַרבונדן איינער מיטן אַנ־דערן. אין יעדן קעלער, וואו מיר זיינען אַריינגעקומען, האָט מען קודם פאַרשטאָפּט די פענצטערלעך מיט אַ קישן, אָדער קאָלדרע, וואָס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט אין די צענדליקער און נאָכדעם אָנגעצונדן שווע־בעלעך, כדי צו קאָנען אויפזוכן אַלץ נויטיקס. ערגער איז געווען אין די שטובן, וואו עס זיינען פאַראַן אַ סך פענצטער, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט גרינגלעך פאַרשטעלן. דאָרט האָט מען בלינדערהייט געמוזט טאַפּן אין יעדן ווינקל און אויף יעדן אָרט. אין דער פינצטער האָט מען פון די וואַנעס אַרויסגעשעפּט דאָס וואַסער, אויפגעזוכט אַ ביסל קאַשע, אַר־בעס, מעל, קאַרטאָפל, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך די געוועזענע איינ־וווינער פון די הייזער.

אין די ערשטע נעכט פלעגט די „עקספּעדיציע" צוריקקומען מיט גאַנץ לייטישע „דעראָבערונגען". מיר האָבן אָנגעזאַמלט אַ קליינעם רעזערוו שפּייז אויף עטלעכע טעג פון אַ בצמצומדיק לעבן, אָבער נישט געקוקט דערויף, איז מען יעדע נאַכט געגאַנגען אויף נייע זוכונגען. נאָך עטלעכע טעג זיינען שוין אָבער אַלע נאָענטע הייזער געווען דורך אונדז אויס־געליידיקט. מען האָט דעריבער געמוזט גיין אין די ווייטערדיקע הייזער און נישט איין מאָל האָט מען אַ לאַנגע צייט געבלאָנדזשעט אין דער פינצ־טער, נישט קאָנענדיק טרעפן צוריק צו אונדזער „מעלינע". די אָנגע־זאַמלטע פּראָדוקטן זיינען אָבער געווען אין אַ רויען צושטאַנד. מען האָט זיי געדאַרפט קאָכן און גראָד דאָס קאָכן, האָט אונדז זייער שטאַרק באַ־דראָט. עס איז נאָך אפשר מעגלעך געווען אויסצובאַהאַלטן זיך אין דער „מעלינע" אין מאָמענט, ווען די שמירה וואָלט צוויסן געגעבן, אַז די דייטשן דערנענטערן זיך. אָבער אַזוי גיך אָפּצולעשן דאָס פייער אין קיך און צו פאַרווישן אַלע שפּורן, וואָלט זיכער נישט מעגלעך געווען. אין די לבנהדיקע נעכט, ווען אין דרויסן האָט מען לייכט געקאָנט דערזען דעם רויך פון קוימען, איז בכלל נישט געווען קיין רייד וועגן אונטערהייצן די קיך. אָבער דאָך איז דאָס הויפּט־פּראָבלעם נישט געווען דאָס עצם קאָכן, נאָר די פראַגע, צי ס'איז פאַראַן וואָס צו קאָכן, צי ס'איז דאָ שפּייז און קודם־כל וואַסער.

אין דעם גאַנצן קאַשמאַר־פינצטערן לעבן אויף פראַמיקאַ, האָט זיך אַממערסטן און אַמטראַגישסטן אָפּגעפּילט דאָס פעלן פון אַ טרונק וואַסער. דאָס ביסל וואַסער, וואָס ס'איז אונדז יעדע נאַכט געלונגען אויפצוזוכן אין די וואַנעס, עמערס, באַליעס און אַנדערע כלים, וועלכע האָבן זיך

געפונען אין די פאַרלאָזטע הייזער, איז געווען ברודיק, מיט אַ שלעכטן ריח, פול מיט זאַמד, שטיינדלעך און אָפּפאַל. מיר האָבן נישט געקאָנט זיין שטאַרק איבערקלייבעריש ביים זוכן וואַסער, ווייל וועגן געפינען ריין וואַסער, האָט מען נישט געקאָנט חלומען. דאָס ריינסטע וואַסער, וואָס איז געשטאַנען לאַנגע וואָכן זייט די באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזן די הייזער, איז געוואָרן פאַרשטונקען און פאַרבראַקט מיט כל מיני אומריינקייטן. אָזאַ וואַסער, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען פאַרשידענע אָפּפאַלן און לויטן ריח וואַרשיינלעך אויך עפּעס ערגערס, האָט מען געטראָגן, ווי אַ גוטע מציאה דורך לעכער, פינצטערע טרעפּ און אַ צענדליק קעלערס, ביז מען האָט זיך מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, נישט צו פאַרגיסן אַ טראָפּן אויפן וועג, נאָך שווערע אָנשטרענגונגען צוגעשלעפּט צו דער „מעלינע". שפּעטער האָט מען דורך אַ שטיקל לייוונט דורכגעזייט די אומריינקייטן. דאָס געדיכטע האָט זיך פאַרהאַלטן און דאָס שיטערע, וואָס איז דורכגעפלאָסן דורך דער לייוונט, האָט מען באַנוצט פאַרן טעגלעכן געברויך.

די גרעסטע צרה איז אָבער געווען, אַז אויך דאָס דאָזיקע וואַסער איז נישט געווען גענוג פאַר אַ פאַמיליע, וואָס האָט — צוזאַמען מיט די אַלטע פרויען — געציילט ניינצן מענטשן. עס איז נישט געווען גענוג און ס'איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ ווייניקער, ווייל „אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס". זייער אָפט איז מען צוריקגעקומען מיט פּוסטע כלים און די זאָרג פאַר אומקומען פון דורשט האָט זיך פאַרשטאַרקט כסדר אַלץ מער.

דערפאַר האָט מען געלעבט מיט חשבון. מען האָט געציילט יעדן טראָפּן וואַסער. קודם־כל האָט מען געזאָרגט ס'זאָל זיין וואַסער צום קאָכן. מען האָט אויפגעהערט צו קאָכן זופּן און געגעסן אַממערסטן טרוקענע קאַשע, אָדער אַרבעס, בכדי עס זאָל נישט פאַרנוצט ווערן קיין סך וואַסער. חוץ דעם, האָט מען פון יעדן דעראָבערטן ביסל וואַסער, אָפּגעשפּאָרט אַ קליינעם רעזערוו אויף צומאָרגנס. דאָס איבעריקע האָט קוים געסטייעט פאַר יעדן איינעם צוויי מאָל אין טאָג אַ טרונק צו טאָן עטלעכע טראָפּן, וועלכע זיינען געווען גענוג בלויז די צונג נאַס צו מאַכן. ס'איז ממש נישט געווען וואָס אַראָפּצושלינגען.

מען האָט באמת געדאַרפט האָבן אַ שטאַרקן ווילן, בכדי זיך צו קאַנען באַהערשן קוקנדיק אויף דעם אַרעמען קריגל מיטן געלן וואַסער, וואָס שטייט אָוועקגעשטעלט אַלס רעזערוו אויף מאָרגן, אין דער צייט, ווען דו לעכצט נאָך אַביסל פליסיקייט, ווען דאָס מויל איז אויסגעטרוקנט און די

ליפן פאַרברענט פונעם מאַטערנדיקן דורשט. מען האָט געמוזט זיך אויס־
טענהן מיטן אייגענעם יצר הרע, וועלכער האָט אונטערגעזאָגט: טרינק
זיך אָן, כל זמן דו לעבסט. מאָרגן קאָנסטו שוין נישט זיין און ס׳ביסל
וואַסער וועט נאָך דיר בלייבן. אָבער אַ צווייטער געדאַנק האָט פאַרטריבן
דעם ערשטן: און אפשר וועט מען נאָך יאָ מאָרגן לעבן און עס וועט בכלל
קיין וואַסער נישט זיין? דער דאָזיקער געדאַנק האָט מנצח געווען אין
דעם אינערלעכן געראַנגל און יעדן טראָפּן וואַסער האָט מען ממש גע־
טיילט אויף צוויי און איבערגעלאָזט אויף נאָך אַן ערגערער מינוט. דאָס
כסדר לעבן און טראַכטן וועגן לעשן דעם דורשט, דאָס איינשלאָפן, חלומען
און אויפוואַכן מיט דעם דראַנג אָנצוטרינקען זיך האָט געלייגט אַזאַ חותם
אויף דער פּסיכיק, אַז אַפילו היינט, שוין לאַנג, לאַנג, נאָך יענע אומפאַר־
געסלעכע פּראָמיקאַ־טעג, רייס איך זיך נאָך אינסטינקטיוו צום פליסנדיקן
וואַסער פון קראַן, אַזוי, ווי כ׳וואָלט נאָך אַלץ געווען דורשטיק. און נישט
שטענדיק געלינגט דעם באַוואוסטזיין אין דער ערשטער רגע צו דערמאָנען,
אַז יענע וואַסערלאָזע טעג זיינען שוין לאַנג פאַרביי.

אויך דער ברוד, שמוץ און די לייז, וואָס האָבן אונדז לעבעדיק גע־
געסן האָבן נאָך מער פאַרמיאוסט דאָס לעבן און גלייכצייטיק מיט
דעם געפיל, אַז אָט, אָט קומט מען אום פון דורשט, הונגער און
מאַנגל אין לופט צום אָטעמען, האָט אויך די אומריינקייט אויף איר אופן
פון ווירקן נישט ווייניקער מיטגעהאָלפן צו דער דערשעפּונג און דער
ווערגעטאַציע. דאָס מין אַרומוואַשן זיך נאַרמאַל, ווי מענטשן, איז ביי אַלע
געבליבן בלויז אין זכרון, ווי אַ ווייטע פאַרגאַנגענהייט. פאַר אונדזער
קעגנוואַרט איז עס שוין געווען פרעמד. האָט דען עמיצער געקאָנט טראַכטן
וועגן נעמען אַזעלכע טייערע טראָפּנס, וואָס קאָנען ס׳לעבן דערהאַלטן און
פאַרנוצן זיי אויף אַזאַ „אומנויטיקן” צוועק? אָבער דאָך, ווען מען האָט זיך
אַליין שוין נישט דערקענט צוליב דער אומריינקייט, וועלכע האָט טיילווייז
געשטאַמט נאָך פון דער גאַנצער צוויי־חדשימדיקער אויפשטאַנדס־תקופה,
האָט מען פון צייט צו צייט געברענגט אַ גרויסן קרבן אין דער פאָרם פון אַ
קליין שיסעלע וואַסער, אין וועלכן ס׳האָבן מער ווי צוויי הענט נישט געקאָנט
זיך איינטונקען און אין דעם זעלביקן שיסעלע וואַסער האָבן זיך אַלע „אָפּ־
געוואַשן” די הענט און דאָס פּנים. מען איז צוגעגאַנגען צום שיסעלע איי־
נער נאָכן אַנדערן און מען האָט זיך געוואַשן איינער אין צווייטנס שמוץ.
קיינער האָט אָבער מיט אַזעלכע טראָפּנס וואַסער נישט געקאָנט אַראָפּ־
שווענקען פון זיך אַזאַ, אין גראָבע שיכטן, אָנגעוואַקסענעם ברוד און נאָכן

„וואַשן" איז געבליבן אויפן פּנים אַ בלאַטע. די לעצטע אין דער ריי, האָבן אַפילו קיין אילוזיע פון וואַשן אויך נישט געהאַט, ווייל ווען ס'איז דער־גאַנגען צו זיי, איז שוין בכלל אַפילו קיין שמוציק וואַסער אין שיסעלע אויך נישט געבליבן און ס'איז נישט געווען אין וואָס אַ האַנט איינ־צוטונקען.

* * *

עס איז אַדורך אַ וואָך פון אונדזער זיין אויף פּראַמיקאַ. במשך פון דער צייט, זיינען מיר מיט אַלע אונדזערע חושים כסדר אַלץ מער אַוועק פון דער וועלט, פון מענטשן, אַזוי ווי מ'וואָלט מיטאַמאָל איבער־געטראָגן געוואָרן אויף אַ פאַרוואָרפענעם אינדזל, וועמענס איינוווינער האָבן שוין געשאַפן אַן אייגענעם שטייגער, אַ באַזונדערן אופן פון פאַר־שטענדיקן זיך, אַ גאָר אייגנאַרטיקע פּראָבלעמאַטיק, וואָס איז פרעמד יעדן נאָרמאַלן מענטש, אַן אויסנאַמלעכע „עקאָנאָמיק", וואָס דערמאָנט דעם געשיכטלעכן אורמענטש, וועמענס חיונה איז געווען אָפּהענגיק פון דעם צופעליקן געפינען אַ געוויקס, אַ קערנדל צום עסן און אויף וועמען עס האָבן געלויערט ביזע, ווילדע חיות...

מיר זיינען אַזוי פאַרזונקען געווען אין דער אויסבאַהאַלטנקייט, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז עס בינדט אונדז שוין גאָרנישט מער מיט דער אויבערפלאַך פון דער ערד. מיר האָבן פאַרלוירן די גרענעץ צווישן טאָג און נאַכט און דאָס גאַנצע „לעבן" איז געפלאָסן אויף די געלעגערס אין שטענדיקער פינצטערניש. נישט געשלאָפן ווען מען דאַרף און נישט וואַך געווען ווען מען דאַרף. מיר האָבן אַבסאָלוט פאַרגעסן דעם חשבון פון די טעג, נישט געוואוסט קיין דאַטע, און וואָס פאַר אַ חודש עס איז. בלויז זיגמונט האָט גוט פאַרגעדענקט די צייט־רעכענונג און ער איז געווען צווישן אונדז דער לעבעדיקער „קאַלענדאַר". יעדן אינדערפרי, ווען עס האָט זיך דורך דעם זייטיקן קליינעם לעכעלע פון דעם מיט ערד פאַר־שאָטענעם פענצטערל אַריינגעריסן אַ דינער שיין פון טאָג, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויער פאָדעם, האָט זיגמונט אָנגעהויבן דעם טאָג מיט זיין קאַזיאָנעם נוסח און מיט אַ טאָן פון אַ ראַדיאָ־ספּיקער (נאַטירלעך מיט אַ שעפּטשענדיק קול) האָט ער געמאָלדן: היינט האָבן מיר דעם און דעם טאָג, די און די דאַטע. די קאַלענדאַר־מעלדונג האָט אויך געדינט פאַר אַ סיג־נאַל, אַז מען דאַרף זיין מער וואַכזאַם, ווייל דער טאָג ברענגט מיט זיך מער סכנות ווי די נאַכט.

מ׳האָט זיך אָנגעהויבן „איינצולעבן״ מיט דעם פינצטערן וועלטל, ווייל אין קעגנזאַץ צום ערשטן טאָג, ווען מען האָט געמיינט, אַז נאָך דעם, ווי דער ערשטער דייטש וועט באַטרעטן די שוועל פון דעם היזל, וועט זיך אַלץ ענדיקן, האָט זיך אין די וויטערדיקע טעג אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן זיינען טאָקע זייער אָפטע געסט און דערוויל לעבט מען נאָך. דורכגייענדיק פון אָדער צו די פראָנט־פּאָזיציעס, פלעגן זיי זיך אַריינכאַפּן אין היזל אויף אַ „שאַבער״. מען פלעגט הערן זייערע שווערע טריט ממש איבער אונדזערע קעפּ, אין די צימערן פון פּאַרטער. זיי פלינדערן און נישטערן אין אַלע ווינקלען, רוקן אויף די שופלעדער, רייסן אויף די טירן פון פאַר־שלאָסענע שענק, רופן זיך איבער איינער מיטן אַנדערן און לייגן אַריין די גרעסטע מי אויסצוגעפינען עפּעס ווערטפולס אויף צו שיקן אין דער „היימאַט״ אַ מתנה. מען פלעגט אויך הערן זייערע שטיוול אויף די טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ צו אונדז אין קעלער אַריין. מיט יעדער טרעפּ, וואָס זיי פלעגן קומען נידעריקער, האָט מען זיך אַלץ מער געהיט, אַז זיי זאָלן קיין מענטשלעכן אָטעם נישט דערהערן און די אויגן זיינען אין יענע מינוטן געווען געווענדעט צו דעם ווינקל, וואו עס זיינען געלעגן עטלעכע רעוואָל־ווערן און גראַנאַטן, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר אונדזער לעצטער פאַרטיידיקונג.

אַזעלכע מאָמענטן האָט מען שוין איבערגעלעבט עטלעכע מאָל און יעדעס מאָל, ווען די דייטשן זיינען אַריין אין אונדזער פּאַרציִמער, זיינען זיי דערשטוינט געוואָרן, זעענדיק די אַלטע פרויען: וואָס טוט איר דאָ, פון וואַנען נעמט איר זיך דאָ אינמיטן דער פראָנט־ליניע, וואו קיין באַ־פעלקערונג איז שוין פון לאַנג נישטאָ? „וויר זינד פיר אַלטע פראַוען, זיר האָבן דערלאַובניס״ און אַ״וו — איז געווען דער באַקאַנטער ענטפער פון סאָבינען. אויך פון זיי האָט מען שטענדיק געהערט די זעלביקע, שטענ־דיק איבערחזרנדיקע פראַגע, צי ס׳זיינען פאַראַן „באַנדיטן״ און נאָך אַ קורצן ווערטער־אויסטויש פלעגן זיי אַוועקגיין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלטע פרויען אין אונדזער פּאַר־צימער זיינען אַ וויכטיקער שוץ פאַר אונדז. ווען די דייטשן, וועלכע פלעגן קומען פלינדערן אין די קעלערס, וואָלטן נישט געטראָפן די פרויען, וואָלטן זיי אויך אין ד ע ם קעלער אַלץ צעוואָרפן און איבערגעדרייט און זיי וואָלטן ענדלעך אַנטדעקט, אַז הינטער דער שאַפּקע איז נאָך עפּעס פאַראַן. אָנ־טרעפנדיק „איינוווינער״, האָבן זיי איינגעזען, אַז דאָ איז נישט קיין אָרט צו „שאַבערן״ און זיי פלעגן דעריבער ווייטער פון דער שוועל נישט גיין.

האבנדיק אזא „אויסערלעכע באשיצונג" האט אונדזער זיין אין דעם באהעלטעניש אויסגעזעצן צו זיין זיכערער, ווי מיר האבן אין אנהויב גע־מיינט. דאס זעלבסטגעפיל איז געווארן עטוואס בעסער און מ'האט שוין נישט גערעכנט די צייט פון לעבן אויף מינוטן. מ'האט אבער ווייטער אפגעהיט די גרעסטע פארזיכטיקייט, אז ס'זאל זיך אויסערלעך נישט הערן פון אונדז קיין שארך. איבעריקנס, האט סאבינע גוט געדענקט אין דעם און יעדעס מאל, ווען ס'איז צו איר דערגאנגען פון הינטער דער שאפקע עפעס א ווארט, וואס איז העכער ארויסגערעדט געווארן, האט זי מאמענטאל אנגעקלאפט אין דער שאפקע און אונדז דערמאנט, וואו מיר געפינען זיך. יעדעס מאל, ווען זי האט דערהערט פון דער גאס די טריט פון פארביי־גייענדיקע דייטשן, איז זי צוגעגאנגען צו דער שאפקע און, ווי זי וואלט צו איר גערעדט, פלעגט זי זאגן: „כאדזאן", (זיי גייען). „כאדזאן" איז שוין געווארן פאר אונדז אזא אפטע ווארנונג, אז ווען סאבינע האט אפילו דאס ווארט נישט ארויסגעזאגט, האט עס אויך אפגעקלונגען אין אונדזערע אויערן.

מיר האבן זיך ארומגעזען, אז די קאץ און דער הונט, וועלכע זיי־נען איבערגעלאזט געווארן דורך די באלעבאטים און וועלכע דרייען זיך ארום אין דעם פארלאזטן הויז פאריתומטע, פול מיט כעס פון הונגער, זיינען פאר אונדז נישט קיין קליינע געפאר. דער הונט האלט אין איין בילן און צוליב זיינע קולות קאנען אמאל צוויפיסיקע הינט קומען און געבן א שמעק, וואס דא טוט זיך. די קאץ וויל אויף קיין איין מיבוט נישט אפ־כרעטן פון דעם ווינקל, וואס פירט אין באהעלטעניש אריין. זי דראפעט זיך אומאויפהערלעך אויף דער שאפקע און האלט אין איין מיאוקען און בעטן אויף איר קעציש לשון, אז מ'זאל זי ארייננעמען אין אונדזער „גן־עדן". ס'איז געווען א סכנה, אז ווען דייטשן וועלן קומען אין קעלער צו די אלטע פרויען, וועט די קאץ ציען זייער אויפמערקזאמקייט אויף דעם ווינקל, אין וועלכן ס'געפינט זיך די שאפקע.

אבער וואס טוט מען, אז דאס ארויסטרייבן זיי האט נישט קיין שום פעולה? וויפל מאל מען פארטרייבט זיי, קומען זיי מאמענטאל צוריק. אפשר זיי גאר דערשיסן? דאס וועט אבער מאכן א גרויסן רעש. מען האט געקלערט אהין און אהער און ס'איז נישט געבליבן קיין אנדער אויסוועג, ווי אומצוברענגען זיי אויף א שטילן אופן. יצחק און מארעק האבן ארומגעבונדן א שטריק ביים האלדז פון דער קאץ און זיי האבן אזוי לאנג געצויגן ביי ביידע עקן פון דער שטריק, ביז די קאץ האט אויסגעהויכט

די נשמה. דעם הונט אומצוברענגען אויף אַזאַ אופן איז אָבער נישט געווען מעגלעך. מען האָט אָבער אויך פאַר אים ליידער געמוזט אויסגעפינען עפּעס אַ טויט. אויף מיר און יוזעקן איז געפאַלן דער גורל, אַז מיר זאָלן דעם הונט אַריינלייגן אין אַ זאַק. מיר האָבן אים מיטן זאַק אַרויסגעטראָגן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אין גאָרטן אַריין. דאָרט האָט ווייטעק שוין פון פריער געהאַט אויסגעגראָבן אַ גרוב, אין וועלכן מיר האָבן דעם הונט לעבעדיקערהייט באַגראָבן. עס איז געווען האַרצרייסנדיק. דער הונט האָט זיך געריסן און געוואָרפן ווען מיר האָבן אַריינגעשאָטן די ערשטע לאָפּאַטעס ערד אין גרוב אַריין. אָבער פאַרפאַלן, מיר האָבן די מלאכה געמוזט אויספירן ביזן סוף און נאָך עטלעכע מינוט איז דאָס גרוב געווען אויסגעגליכט מיט דער ערד, אַז עס זאָל קיין צייכן נישט בלייבן.

אָרעמע באַשעפענישן נעבעך. זיי האָבן געמוזט אַוועקגיין פון דער וועלט, ווייל זיי האָבן נישט ווילנדיק באַדראָט דאָס לעבן פון אַנדערע, אפשר נישט ווייניקער אָרעמע באַשעפענישן פון זיי.

מיר האָבן אַלץ מער און מער דערזען די שוואַכע זייטן פון אונדזער פאַרמאַסקירונג און האָבן אַלץ מער אויפגעדעקט בייע, נישט פאַרויסגעזעענע געפאַרן פאַר אונדזער שוץ. מיטאַמאָל איז אונדז איינגעפאַלן, אַז די שפורן, וואָס בלייבן איבער נאָכן דערליידיקן יעדע נאַכט די נאַטירלעכע באַדערפע־נישן אין די אַרומיקע קעלערס און טייליוויז אין גאָרטן, קאָנען זיין פאַר די דייטשן אַ סימן, אַז דאָ געפינען זיך מענטשן. מ׳האָט דעריבער געמוזט אויס־זוכן אַ גרויסן קעסל, אין וועלכן באַלעבאָסטעס פלעגן קאָכן וועש און מען האָט אים באַשטימט פאַר אַ „קלאָזעט״. דעם קעסל האָבן מיר אין איי־נעם פון די קעלערס גוט פאַרמאַסקירט, אַז קיינער זאָל צו אים נישט קאָנען טרעפן. מיטן דערליידיקן די קלענערע באַדערפענישן זיינען מיר געווען „אויסגעזאָרגט״ און נישט געדאַרפט וואַרטן דערויף אַ גאַנצן מעת־לעת ביז צום אַרויסגיין ביינאַכט. און דאָס איז געמאַכט געוואָרן אָן חרפה דירך בחורים און מיידלעך אין דעם אַפּגוס, וועלכער האָט זיך געפונען אין דעם באַהעלטעניש גופא.

* * *

די שטימונגען האָבן זיך געוויגן ווי אויף אַ וואָג־שאָל. איין זאָרג שווערער ווי די צווייטע. די שווערסטע זאָרג איז איבערגעוויגן געוואָרן דורך נאָך אַ שווערערער. דער תהום פון צרות — טיף אָן אַ שיעור.

טראָץ דעם, וואָס ס׳איז עטלעכע מאָל געלונגען אָפּצונאַרן די סאָלדאַטן, וועלכע פלעגן פאַרבלאָנדזשען אין קעלער אַריין, האָט מען אָבער נישט אויפגעהערט צו רעכענען זיך מיט דער מעגלעכקייט אַנטדעקט צו ווערן. און צוגלייך מיט דער זאָרג צוליב דעם מאַנגל אין וואַסער און שפּייז האָט מען כסדר געטראַכט ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון דעם קלעם. מיר זיינען אָבער געלעגן ביים „וואָלף אין האַלדז״ אָן שום שפּאַרונג צו דער אויבערלעכער וועלט... די עכאָס פון די פראָנט־שיסערייען, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז, האָבן נישט געגעבן קיין האָפענונגען, אַז מיר זאָלן פון דאַנען אין דער נאָענטסטער צייט אַרויס אויפן אידעאַלסטן אופן — דורכן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי. אמת, פון אַנדערע פראָנט־טיילן, האָבן מיר געהערט שטאַרקע קאַנאָנאַדעס, אַ מאָל נענטער, אַ מאָל ווייטער און גאָר ווייט און פון דעם האָט מען געדרונגען, אַז דער פראָנט האָט זיך דערווייטערט. אויף דעם פראָנט־אָפּשניט, וואו מיר האָבן זיך געפונען, איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק שטיל. בלויז צו עטלעכע מאָל אין טאָג, האָבן זיך געלאָזט הערן סאָוויעטישע האַרמאַטן, אויף וועלכע די דייטשן פלעגן ענטפערן. אָבער דאָס האָבן מיר באַטראַכט בלויז פאַר אַ „ספּאָרט״ און נישט קיין ערנסטע אָנגריפן. פון די קליינע און זייער אָפטע פראָנט־אינצידענטן, וועלכע פלעגן פאָרקומען נעבן אונדזער הייזל, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט צווישן ביידע פייערן, האָט זיך ממש אַלץ ביי אונדז געטרייסלט. אויך די שאַפקע, וואָס האָט געדאַרפט אונדז פאַרשטעלן פאַר אַ זייטיק אויג, פלעגט שפּרינגען פון אָרט. מיר האָבן זי טאָקע פון אינעווייניק געמוזט האַלטן מיט די הענט, בעת מיר פלעגן הערן, אַז די דייטשן געפינען זיך נאָענט, ווייל זיי קענען אַריינפאַלן אין קעלער פונקט בעת דער פראָנט־קאַנאָנאַדע און דעריזען די שאַפקע אין איר באַוועגלעכקייט און דער עיקר, וואָס עס טוט זיך הינטער איר.

די פראָנט־אָפּקלאַנגען אין דעם באַהעלטעניש האָבן באַוויזן, אַז ווען עס זאָל אַפילו קומען די געגאַרטע מינוט פון דעם סאָוויעטישן אָנגריף, וועלן מיר צעריבן ווערן צווישן די קעמפנדיקע צדדים און ס׳איז נישט צו האָפן, אַז מיר זאָלן אויך דערמלט אַרויסקומען לעבעדיק פון דעם לאָך אָבער די דאָזיקע סכנה האָט אַמוויניקסטן געשראָקן און מען האָט געשטרעבט כאָטש צו דערלעבן די דאָזיקע מינוט.

אָפּגעבנדיק זיך געניי אַ חשבון, אַז דאָס ליגן אין דעם באַהעלטעניש באַדייט פריער צי שפּעטער טויט, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין לאָגישער אַספּעקט אויף וועלכן מען זאָל קאָנען רעכענען איבערצוהאַלטן די שווערע

טעג, האָבן זיך אָנגעהויבן צו וועבן געדאַנקען און פּלענער, וועגן אַרויס־קריגן זיך פון דעם קלעם און נישט וואַרטן פּאַסיוו אויף דעם, וואָס עס דאַרף געשען. מען האָט געטראַכט וועגן דורכרייסן זיך ביינאַכט מיט געווער דורך די דייטשע פּאָזיציעס און וואַנדערן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען מען וועט קומען ערגעץ צו אַ ישוב. אָבער פון וואַנען איז פאַראַן די זיכערקייט, אַז די דייטשן האָבן נישט עוואַקואירט די באַפעלקערונג אויך פון דער וואַרשע־ווער אומגעגנט? אַן אַנדערער האָט אַרויסגערוקט אַ געדאַנק וועגן צו־קריגן זיך צו דער ווייסל און אַריבערשווימען אויף דער אַנדערער זייט. אָבער וואָס טוט מען, ווען נישט אַלע קאָנען שווימען?

און אפשר איז פאַראַן ביים ברעג עפּעס אַ פאַרלאָזטע לאָדקע?

אין איינעם אַ פאַרטאָג, האָבן וויטעק און יוזשעק אַרויסגעשאַרט זיך אין דער שטיל פון קעלער און אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידעם מיטן ציל צו אָבסערווירן דעם ווייסל־ברעג און אויסצופאָרשן, צי עס זיינען פאַראַן כאָטש מינימאַלע מעגלעכקייטן דאָרט אַהין זיך צוצוקריגן. אין מאָמענט, ווען אונדזערע אויסשפּירער האָבן זיך שוין געפונען אויפן בוידעם, האָבן זיך דערהערט טריט און שטימען פון דייטשן, וועלכע האָבן זיך דערנענ־טערט צום היכל. היות ס׳איז שוין געווען צו שפּעט צוריק אַראָפּצוגיין צו דעם באַהעלטעניש, האָבן זיך אונדזערע בחורים אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל אויף דער ערד, צוגעדעקט זיך מיט אַ גרויסער בלעך און געלעגן אונטער איר אַזוי לאַנג, ביז די דייטשן האָבן פאַרענדיקט דאָס פּלינדערן אין די שטובן פון פאַרטער.

אונדזערע אויסשפּירער זיינען צוריקגעקומען אין דעם באַהעלטעניש מיט נישט קיין גוטע נייעס: קיין שום לאָדקע זעט מען נישט. מען זעט דאַקעגן נאָענט פון ברעג זייער פיל דייטשן, אַ סך נעסטן מיט שווער מאַשין־געווער און האַרמאַטן.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן באַקומען דעם דאָזיקן באַריכט, האָט זיך נישט געגלוסט אָנצונעמען רעוואָלוציאָנערע שריט אין דער צייט, ווען עס איז נאָך פאַראַן אַ קליינער רעזערוו פון וואַסער און אַ ביסל שפּייז. ס׳איז דע־ריבער נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי צו בלייבן אויפן אָרט, אַזוי לאַנג ביז די דייטשן וועלן צו אונדז אַריינדרינגען און דעמלט וועלן זיי פאַלן פון אונדזער געווער צוזאַמען מיט אונדז. אָבער די ענגשאַפט, דער שמוץ און אויסזיכטלאָזיקייט האָבן כסדר געטריבן צו טראַכטן וועגן אַ רעַ־כונגס־פּלאַן.

טראַכטנדיק אַזוי וועגן דער פאַטאַלער לאַגע, האָט זיך איינמאָל אָנ־

געראָפן דער שטענדיק שווייגנדיקער עדעק: „נישט ווייט פון דאַנען, דאָרט, וואו איך האָב געוווינט, אויף ביעניעוויעצקאַ גאַס, איז פאַראַן אַ באַ־העלטעניש. אפשר וועט זיך דאָרט קאָנען אַ טייל פון אונדז אויסבאַהאַלטן, כדי צו מאַכן דאָ עטוואָס לויזער".

צומאָרגנס ביינאַכט בין איך אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט וויטעקן און עדעקן צו זיין בונקער. מיר זיינען געגאַנגען אויספאָרשן, צי דאָס הויז אויף ביעניעוויעצקאַ גאַס שטייט נאָך און וויפל מענטשן קאָנען דאָרט אַריין אין בונקער. דער וועג האָט זיך אָבער אונדז נישט איינגעגעבן. ווען מיר זיינען שוין געווען אָפּגעגאַנגען אַ גרעסער שטיקל וועג, האָבן מיר דער־שנאַפּט נישט ווייט פון אונדז אַ דייטשן פאַטראָל און תיכף האָבן מיר געמוזט זיך אומקערן, שאַרנדיק זיך אַ לענגערע צייט אויפן בויך.

אויפן צוריקוועגס האָבן מיר אויף דער ערד דערטאַפּט אַ זאַק מיט געטרוקנט ברויט, וואָס איז שוין געווען כמעט פאַרפוילט. דער זאַק איז שוין געלעגן לאַנגע וואָכן אין דער בלאָטע נאָך פון דער צייט פון אויפ־שטאַנד, ווען די סאָוויעטישע אַעראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגעוואָרפן הילף פאַר די אויפשטענדלער. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גאַנצער אוצר און אַ באַ־לוינונג פאַר דעם נישט איינגעגעבענעם וועג.

אין דער צווייטער נאַכט איז מאַרעק אַרויסגעגאַנגען מיט עדעקן אין דעם זעלביקן שליחות. מען האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זייער צוריקקומען. ענדלעך האָט זיך מאַרעק באַוויזן אַ נאַכט שפּעטער.

— נו, אַ גוטער בונקער?

— אַ גוטער — האָט מאַרעק געענטפערט — נאָר פינף מענטשן קאָנען זיך דאָרט געפינען. עדעק איז שוין דאָרט פאַרבליבן. איצט דאַרף מען אויסקלייבן נאָך פיר מענטשן, וועלכע זאָלן זיך אַריבערטראָגן אין דעם נייעם באַהעלטעניש.

נאָך אין דער זעלביקער נאַכט, זיינען דאָרט אַהין אַרויסגעגאַנגען: וויטעק, יוזשעק, אַנדזשע, סטאַשע, מיט וועלכע מען האָט זיך געשיידט מיט אַ שווער האַרץ*).

דאָס איז געווען בערך צען טעג פון אונדזער זיין אויף פראַמיקאַ.

---

*) נאָך זייער אַרויסגיין, האָבן מיר פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט זיי. וועגן זייערע שווערע איבערלעבענישן און אז זיי זיינען לעבן געבליבן, האָבן מיר זיך דערוואוסט האַרט פאַר דער באַפרייאונג.

טראָץ דעם אַרויסגיין פון פינף חברים, איז אין אונדזער באַהעלטעניש נאָך געווען גענוג ענג. אָבער אַנטקעגן דער ענגשאַפט פון פריער, איז איצט שוין געוואָרן אַ „מחיה". מיר האָבן ווייטער גענומען טרייבן די טעג און געהאַפט אַז דעמלט, ווען עס וועט קומען פאַר אונדז די גליקלעכע מינוט, אין וועלכער דאָס גיהנום וועט זיך ענדיקן, וועט מען אין דער גרופּע נישט פאַרגעסן און מען וועט זיך מיט איר צוריק פאַראייניקן.

* * *

עס זיינען אַדורך צוויי, דריי וואָכן, מען איז שוין אַריין אין דער פערטער וואָך, עס זיינען אַוועק טעג און נעכט, לאַנגע, פול מיט אומעט און לאַנגווייליקייט. צווישן איין אויסשלאָפן זיך און דעם צווייטן, פלעגן די געדאַנקען קרייזן איבער פאַרשידענע עטאַפּן פון פאַרגאַנגענעם לעבן. אַפילו בעתן וואַך־זיין איז גוט געווען צו האַלטן פאַרמאַכט די אויגן און דעמלט האָט די אינערלעכע געדאַנקען־קאָנצענטראַציע צוריקגעפירט צו די יאָרן פון קינדהייט. מען פלעגט זיך דערמאָנען די עלטערן, שוועסטער און ברידער, וועלכע זיינען שוין געווען ווי אַ חלום. עס פלעגט אַרויפשווימען אויף דער כוואַליע פון זכרון די צייט פון חדר, פון שול און די שיינע יאָרן אין הער יוגנט־באַוועגונג. ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ איז פאַרביי פאַר די אויגן אַ וועלט, שטעט, מענטשן, אויף וועלכע ס׳האָט זיך נישט אויסגעשפרייט די ברוינע פּעסט און וועלכע ווייסן נישט פון קיין אָקופּאַציע, געטאָ, קרעמאַטאָריעס. זיי אַרבעטן, ווילן זיך, זיינען פריי. צי איז דאָס באמת מעגלעך? פאַרוואָס אַלזאָ דאַרפן מיר אויסשטיין אַזאַ צאַרנדיק לעבן? די אויגן פלעגן זיך צוריק אויפמאַכן, די געדאַנקען — איבעררייסן. בעסער נישט צו טראַכטן וועגן דעם אַלעם. אָבער קאָן מען דען צוימען די געדאַנקען, ווען מען ליגט כסדר מיטן בליק אַנגעשפּיצט אין סופיט אין שטענדיקער אומטעטיקייט?

איינמאָל האָט מען באַשלאָסן ווי ווייט מעגלעך צו אָרגאַניזירן דאָס לעבן אַזוי, אַז מען זאָל זיין מיט עפּעס אָבסאָרבירט און עס זאָל בלייבן וואָס ווייניקער צייט צו טראַכטן וועגן די צרות. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פּלאַן, וועלכער האָט פאַרגעזען פאַר יעדן טאָג אַ באַשטימטע טעטיקייט. אַרום אַכט אַזייגער אין דער פרי, פלעגט זיך אָנהויבן דער טאָג מיטן „קאַלענדאַר". נייַן אַזייגער איז געווען די צייט פון „פרישטיק". יעדער האָט באַקומען אַ קליין שטיקעלע געטריקנט ברויט, וואָס איז

געווען נישט גרעסער פון אַ צאָן, מיט אַ לעפל פון דער „באַרימטער" כאַלאַטקע, וואָס איז געווען אַ געמיש פון אַרבעס מיט קאַרטאָפל. די צייט צווישן פרישטיק און מיטאָג, איז אויסגעפילט געוואָרן מיט אַ רע־פעראַט, וואָס איז יעדן טאָג צוגעגרייט געוואָרן דורך אַן אַנדערן. די ערשטע איז אַרויס מיט אַ רעפעראַט יאַשע, וועלכע איז פון פאַך אַ באַקטעריאָלאָג. זי האָט גערעדט וועגן דער ראָל פון באַקטעריעס אין לעבן פון מענטש. די לעקציע האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס. זיגמונט, וועלכער איז אַ יוריסט, האָט גערעדט וועגן זיין ספּעציאַליטעט. צביה, יצחק, יולעק און איך האָבן גערעדט אויף געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע טעמעס.

יעדער רעפעראַט, וועלכער איז געהאַלטן געוואָרן מיט אַ שעפּטשענדיקן קול, האָט אַרויסגערופן פראַגן און דיסקוסיעס, וועלכע האָבן געדויערט צו עטלעכע שעה. די צייט איז אַזוי געלאָפן, אַז איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין געווען מיטאָג. זייער אָפט האָט אינמיטן פון די אויספירונגען פון רעפערענט, אָדער בעת אַ ויכוח, זיך אַריינגעמישט דאָס קול פון סאָבינען פון הינטער דער שאַפקע און איר איינציק וואָרט „כאַדזאָן", האָט מאָמענטאַל אַלעמען איינגעשטילט. אַלע געדאַנקען זיינען ווידער גע־ווען צוגעשמידט צו די טרעטנדיקע שטיוול פון די דייטשן אויפן פאַרטער און צו דער עקבערנדיקער פראַגע: צי וועלן זיי אַראָפּקומען אין קעלער אריין? נאָך עטלעכע מינוט פלעגט מען הערן, ווי די טריט דערווייטערן זיך אַלץ מער און מער און ווידער פלעגט פאַרגעזעצט ווערן דער איבער־געריסענער רעפעראַט.

נאָך אַזעלכע עטלעכע שעה פלעגט מען זיך נעמען צום „מיטאָג"־עסן מיט אַ געפיל, ווי מען וואָלט אויפגעטאָן עפּעס פּראָדוקטיווס, ווי מען וואָלט געקומען צום עסן פון אַ וויכטיקער באַשעפטיקונג. ווידער האָט מען געגעסן אַ לעפל סאַלאַטקע מיט אַ שטיקל סוכאַר, וואָס איז געווען האַרט ווי שטיין. דערצו — אַ ביסל פודינג, אָדער אַ לעפעלע קאָנפי־טורן, וואָס איז געווען ערגעץ גוט אויסבאַהאַלטן דורך אַ באַלעבאָסטע און אונדזערע שפּיציקע אויגן האָבן דערצו דערגרייכט.

אַרום פיר נאָכמיטאָג פלעגט די צייט אויסגעפילט ווערן מיט אַנעק־דאָטן, וויצן און רעטענישן, וועלכע פלעגן זיך שיטן איינער נאָכן צווייטן אָן אַ שיעור. די אַנעקדאָטן זיינען געווען פון פאַרשידענע מינים און פלעגן אַרויסרופן גרויסע געלעכטערס. אויב מען קאָן נאָך רעדן שעפּטשענדיק, איז לאַכן שעפּטשענדיק פיל שווערער. נישט איינמאָל האָט מען זיך פאַר־

געסן און איבערגעכאַפּט די מאָס און סאַבינע האָט געמוזט שווער אַר־בעטן, ביז זי האָט אונדז איינגעשטילט. ספּעציעל איז מיר געבליבן אין זכרון אַן אומגעהויער שטאַרק, כאָטש פאַרשטיקט געלעכטער, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אַן אַנעקדאָט פון זיגמונטן וועגן אַ געשפּרעך צווישן צוויי ישיבה־בחורים. דאָס געלעכטער איז געווען טאָפּלט סיי צוליבן איג־האַלט, סיי צוליב דעם, ווי אַזוי זיגמונט האָט עס דערציילט אין יידיש, ווייל, הגם ער איז אַ ייד, פאַרשטייט ער נישט און קאָן בכלל נישט אַרויס־רעדן קיין יידיש וואָרט און דאָס האָט ער נאָך דערציילט מיט טיפּיש הסידישע העוויות.

ביז יעדער פלעגט אויסשיטן זיין „רעפּערטואַר" איז געוואָרן זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. דעמלט פלעגט מען שוין ליגן מיטן גרעסטן אומגע־דולד און דערוואַרטן דעם אָוונט, ווען מען וועט שוין קאָנען אַרויסציִען זיך אויסגלייכן די גלידער, דערליידיקן זיך און דער עיקר, אַריינציִען אין זיך דעם רויך פון די געטריקנטע בלעטער פון קאַרשן־בוימער, וואָס מען האָט צוזאַמענגעקליבן אין גאָרטן און געמאַכט פון זיי פּאַפּיראָסן. אויך אויף דעם פאַרגעניגן האָט מען געמוזט וואַרטן אַ גאַנצן מעת־לעת, ווייל אין דעם ענגען און דומפּיקן באַהעלטעניש איז אוממעגלעך געווען צו רויכערן.

* * *

הגם, מיר האָבן געהאַט במשך פון אַ קורצער צייט רעפּעראַטן און אַנעקדאָטן, איז אויך דעמלט דאָס לעבן ווייט געווען פון זאָרגלאָזיקייט. עס האָט כסדר נישט געגעבן קיין רו דער געדאַנק, אַז עס ענדיקט זיך דער רעזערוו פון וואַסער און שפּייז און אַלע אַרומיקע הייזער זיינען שוין אויסגעליידיקט. עס איז נישט געווען קיין אויסזיכט צו געפינען עפּעס אַ נייעם מקור פון חיונה. איינמאָל האָבן מיר געמיינזאַם באַטראַכט, וואָס צו טאָן. מען מוז דאָך געפינען עפּעס אַ ראַדיקאַל מיטל אַלס אויסוועג פון דער סיטואַציע, און נישט זיין אָפּהענגיק פון בלויזן צופעליקן געפינען עפּעס אין די הייזער.

מען מוז אָנהויבן גראָבן אַ ברונעם — האָט עמיצער געוואָרפן אַ גע־דאַנק. יאָ, אַ גוטער פאָרשלאָג, האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן, אָבער וואו וועט מען דאָס מאַכן?

— דאָ, אין שכנותדיקן קעלער, נעבן דער קיך.

דאָס אויספירן דעם פּלאַן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן שווערער ווי דער באַשלוס. די פּאַדלאָגע פון קעלער איז געווען פון בעטאָן און מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנטשפּרעכנדיקע מכשירים. חוץ דעם האָט מען נאָר געקאָנט אַרבעטן, בעת עס קומט פּאַר אַ שיסעריי אויפן פראָנט, ווען דאָס רוישן פון די האַרמאַטן פאַרטויבט די קלעפּ פון די האַמערס.

מיר האָבן נישט געקוקט אויף קיין שוועריקייטן און אויסגעזוכט שאַרפע אייזנס און האַמערס. יעדן אָוונט און טיילווייז אויך בייטאָג, פלעגן יעדע האַלבע שעה אַרויסגיין אַנדערע צוויי בחורים צו דער אַרבעט ביים שפּאַלטן דעם בעטאָן. די אַרבעט האָט זיך אָבער נישט גערוקט פאָראויס. עס האָט געדויערט לאַנגע שעהן און מען האָט קוים געזען אַ קליין לעכל אין דעם גראָבן בעטאָן. מיר זיינען כסדר געזעסן מיט אויפגעהויבענע האַמערס און געוואַרט מיטן אַראָפּלאָזן זיי ביז עס וועט זיך אָנהויבן אַ שיסעריי. קיין איין קלאַפּ האָט נישט געטאָרט געגעבן ווערן מער, וויפל שאָסן עס זיינען געפאַלן אויפן פראָנט. דאָס הייזל איז געווען אַרומגערינגלט מיט דייטשע פראָנט־פּאָזיציעס פון וועלכע עס זיינען זייער אָפט צו אונדז דערגאַנגען געשפּרעכן און הוסטן פון די סאָלדאַטן. דעריבער האָט יעדער קלאַפּ אין האַרטן בעטאָן געמוזט זיין גוט אויסגערעכנט, מען זאָל אין דרויסן נישט הערן.

עס זיינען אַדורך עטלעכע טעג און מיר זיינען נאָך געווען זייער ווייט פון אַדורכהאַקן דעם בעטאָן ביז צו דער ערד. מיר זיינען אַלץ מער מיד געוואָרן פון דער סיזיף־אַרבעט און פאַרלוירן די האָפענונג, אַז דער ברוגעם זאָל דערגראָבן ווערן ביזן סוף.

די לאַגע האָט זיך דערווייל אַלץ מער פאַרערגערט און מיר האָבן איינגעזען, אַז די איינציקע מעגלעכקייט פון חיונה איז ווייטער געבליבן דאָס אַלטע אויסגעפּרוווטע מיטל צוזאַמענצוקלויבן אין די הייזער אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך. היות אין דער נאָענטסטער געגנט האָט זיך שוין גאָרנישט געפונען און אין די ווייטערדיקע מקומות האָט מען ביינאַכט נישט געקאָנט טרעפן, האָט מען באַשלאָסן אָנצוהויבן פּרוּוון מזל פאַרנאַכט, ווען עס איז נאָך געווען עטוואָס ליכטיק. ס׳איז אָבער געווען שווער צו באַשטימען, ווער עס דאַרף אַרויסגיין אויף דעם דאָזיקן פּרווו. מיר האָבן איינגעזען, אַז בחורים, וועלכע גייען זייער לייכט אָן ביי די דייטשן פאַר „באַנדיטן״, טאָרן דאָס נישט טאָן, סיידן מיט געווער אין האַנט, ווייל ביים ערשטן אָנטרעפן אויף אַ דייטש, וועלן זיי נישט האָבן קיין אַנדערן אויסוועג, ווי צו שיסן.

דער גורל איז אַלזאָ געפאַלן אויף די מיידלעך און דווקא מיט „אַרי־שע״ פּנימער. אַ מיידל קען ווי עס איז אויסגעפינען אַ תירוץ. זי קאָן זאָגן, אַז זי האָט דאָ געוווינט פאַר דער עוואַקואַציע און זי איז געקומען איין איר געוועזענער וווינונג עפּעס אַרויסנעמען פון איר איבערגעלאָזט פאַרמעגן.

יעדן טאָג זיינען אַרויסגעגאַנגען צוויי מיידלעך. ס'פלעגן גיין לאַדזשע, מאַרישע און זאָשע. יעדעס מאָל, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, פלעגט מען זיי דערוואַרטן מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, מ'זאָל זיי שוין זען צוריק צווישן אונדז. זיי פלעגן טאַקע נישט צוריקקומען מיט ליידיקע הענט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די אַנדערע געסלעך פון נידער־זשאַליבאָזש קאָן מען נאָך עפּעס געפינען אין די הייזער. דער עיקר פלעגט מען זיך פרייען, ווען זיי פלעגן ברענגען אַן עמער וואַסער. זיי פלעגן דערציילן, אַז דאָ און דאָרט האָבן זיי באַגעגנט דייטשן און דערווייל איז אַלץ אַדורך בשלום.

דער עקספּערימענט האָט זיך דערווייל איינגעגעבן און מען האָט שוין ווידער אָנגעזאַמלט אַ קליינעם רעזערוו פון וואַסער און שפּייז. אין די וויי־טערדיקע טעג האָט מען זיך באַרעכנט, אַז ס'איז נישט כדאַי איינצושטעלן צוויי יונגע מיידלעך אויף דער געפאַר אַריינצופאַלן צו די דייטשן. מען האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז אויף להבא זאָלן אַרויסגיין סאַבינע מיט איין מיידל, וועמענס סכנה וועט זיין פיל קלענער אין דער אַנוועזנהייט פון אַן עלטער פרוי. הגם אויף דער דייטשער מאַראַל האָט מען זיך נישט געקאָנט קיין סך שטיצן, האָט אָבער דער דאָזיקער אויסוועג אויסגעזען צו זיין ווייניקער גע־פערלעך.

מיט סאַבינען איז שטענדיק מיטגעגאַנגען לאַדזשע, וועלכע מיר האָבן אויסגעקליבן צוליב דעם, וואָס זי קען די דייטשע שפּראַך. זי איז אָנגעגאַנגען פאַר סאַבינעס אַן אייניקל. אויך זייערע טאָג־טעגלעכע „שפּאַ־צירן״ פלעגן ברענגען גוטע רעזולטאַטן.

אָבער ווי לאַנג וועט דאָס אָנהאַלטן?

איינמאָל זיינען דער „באָבע״ און דעם „אייניקל״ אַנטקעגנגעקומען פּנים אל־פּנים צוויי דייטשע זעלנער, וועלכע זיינען ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן און ס'איז זיי שוין נישט מעגלעך געווען אויסצומיידן. נאָך אַ לענגערן אויספרעגן זיך, וואָס זיי טוען דאָ, האָבן די דייטשן איבערראַשט אונדזערע צוויי דערשראָקענע מיט זייער גוטסקייט. זיי האָבן צוגעפירט אונדזערע שליחים צו אַ פּלומפּ און געהייסן זיי אָנפילן די עמערס מיט וואַ־סער. סאַבינע און לאַדזשע זיינען נאָך אַלץ געגאַנגען מיט אומצוטרוי, נישט זייענדיק זיכער, וואָהין מען פירט זיי. די אָנגענעמע איבערראַשונג זייערע

איז אָבער נאָך גרעסער געװאָרן, װען די דײַטשן האָבן אַלײן גענומען די עמערס װאַסער און זײ געטראָגן דעם גאַנצן װעג ביז צו אונדזער הױז. סאַבינע און לאַדזשע האָבן נישט קײן חשק געהאַט צו װײַזן די זעלבער דאָס אָרט, װאו מיר װױנען, אָבער זײ האָבן קײן עצה נישט געהאַט, נישט קאָנענדיק אַרױסװײַזן קײן אָפענעם אומצוטרױ אַזעלכע העפלעכע קאַװאַלירן. נאָכן צוטראָגן דאָס װאַסער צום הױז, האָבן די דײַטשן צוגעזאָגט אָנצוװײַזן, װאו עס געפינט זיך שפּײַז. אָבער עס איז שױן געװען פֿאַרנאַכט און זײ האָבן צוגעזאָגט צו קומען צומאָרגנס אין דער פֿרי.

װען מיר האָבן געהערט אין באַהעלטעניש דעם דרױסנדיקן געשפּרעך צװישן די דײַטשן און אונדזערע לעבנסמיטל־פֿאַרזאָרגער, זײַנען אַלע געװאָרן װי עלעקטריזירט. מען האָט געמײנט, אַז זײ זײַנען געכאַפּט געװאָרן דורך די דײַטשן און דורך זײ פֿאַלן מיר אַלײן אַרײַן. עס האָט נישט לאַנג געדױערט און אין באַהעלטעניש האָט זיך באַװיזן לאַדזשע, אַ שמײכלענדיקע. זי האָט דערצײלט װעגן דער גליקלעכער באַגעגעניש. אין יענעם אָװנט איז בײַ אונדז געװען אַ יום־טוב. דאָס ערשטע מאָל האָט מען פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון רײן קװאַליקן װאַסער, װאָס איז מער געהיט געװאָרן, װי שאַמפּאַן.

טראָץ דער גאַנצער פֿרײד, איז מען נאָך נישט זיכער געװען צי די דײַטשן האָבן נישט מיט זײער גוטקײט װעלכע עס איז באַהאַלטענע כּונה. מיר האָבן געהאַט אַ גרונט צו טראַכטן, אַז זײער מאָרגנדיקער באַזוך קען זיך ענדיקן מיט אַן אומגליק. אָבער עס איז נישט געװען קײן עצה דערצו.

צומאָרגנס פֿאַרטאָגס, איז לאַדזשע אַרױס פֿון באַהעלטעניש, נאָך אײדער די צװײ דײַטשן זײַנען געקומען, כּדי זײ זאָלן נישט זען, פֿון װאַנען זי קומט. זי איז מיט סאַבינען מיטגעגאַנגען מיט די דײַטשן און צוריקגעקומען מיט אַ היפּשן באַגאַזש שפּײַז, װאָס זײ האָבן צוזאַמענגעקליבן אין די הײַזער, אױף װעלכע די דײַטשן האָבן אָנגעװיזן. װען מיר האָבן געזען, אַז די דײַטשן זײַנען צופֿעליק אױף אַן אמת גוטהאַרציקע, האָבן מיר צװישן זיך אָפּגעשמועסט, אַז װען זײ װעלן װידער קומען, זאָל סאַבינע זײ אָנבּרענגען, צי זײ װאָלטן ערגעץ געקאָנט קױפֿן פֿאַר אונדז אַביסל עסנװאַרג. אױך דער דאָזיקער פּלאַן איז רעאַליזירט געװאָרן. די דײַטשן האָבן גענומען פֿון סאַבינען אַ סכום געלט און צוגעזאָגט, אַז נאָך דעם, װי זײ װעלן ענדיקן די דינסט אױפֿן פֿראָנט, װעלן זײ אַרױספֿאָרן אין די געגנטן פֿון װאַרשע, װאו די באַפֿעלקערונג איז נאָך נישט עװאַקואירט. דאָרט װעלן זײ קאָנען קױפֿן דאָס אַלץ, װאָס סאַבינע האָט פֿאַרלאַנגט און דעם אײנקױף װעלן זײ ברענגען איבערמאָרגן, װען זײ װעלן אױפֿסנײַ האָבן דינסט. אַלץ, װאָס

סאַבינע האָט געהייסן קויפן, איז געווען אין קליינע צאָלן, אַז ס'זאָל ביי זיי נישט פאַלן קיין חשד, אַז דאָ זיינען פאַראַן אַ סך מענטשן. וויסנדיק, אַז די מערהייט אין באַהעלטעניש לעכצט נאָך אַ פּאַפּיראָס, האָט סאַבינע געדענקט צו בעטן די דייטשן, זיי זאָלן פאַר איר קויפן עטלעכע פּאַפּיראָסן „אויף צאָן ווייטיק".

און אמתן „באַל" האָבן מיר געהאַט יענעם טאָג, ווען די דייטשן האָבן געבראַכט דאָס איינגעקויפטע פּעקל מיט לעבנסמיטל. מיט די אויגן האָט מען ממש געשלונגען דאָס שטיקל ברויט, וואורשט, און אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס מיר האָבן געזען דאָס ערשטע מאָל זייט אַ לאַנגער צייט. א פרייד איז געווען בלויז דאָס קוקן אויף אמתע פּאַפּיראָסן, וואָס באַשטייען נישט פון צוזאַמענגעקליבענע בלעטער אין גאָרטן. די עטלעכע פּאַפּיראָסן, פון וועלכע יעדער האָט געהאַט צו ציען בלויז צוויי דריי מאָל, זיינען מאָמענטאַל פאַרשוואונדן מיטן רויך. ספּעציעל האָט מען זיך געוואָרפן ווי היישעריקן אויף דער „וואַרשאַווער צייטונג", וועלכע האָט זיך געפונען אין דעם איינגעקויפטן פּעקל פון לעבנסמיטל. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט מען געלייענט יעדעס וואָרט און דערוואוסט זיך וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און אַלע אַנדערע נייעס פון דער וועלט.

ליידער האָבן מיר זיך מיט „אונדזערע" דייטשן נישט לאַנג געפרייט. דווקא, ווען מיר האָבן פאַרבונדן געוויסע האָפענונגען מיט זיי, זיינען זיי דאָס נעכסטע מאָל געקומען אָנזאָגן, אַז מער וועלן זיי נישט קומען, ווייל זיי ווערן איבערגעשיקט אויף אַ צווייטן פראָנט־אָפּשניט. די דאָזיקע ידיעה האָט אונדז שווער געטראָפן און דאָס איינשאַפן די ווייטערדיקע מיטלען צום לעבן, איז צוריק געפאַלן אויף די פּלייצעס פון דער „באַבען" מיט דעם „איניקל".

ווידער פלעגן סאַבינע און לאָדזשע אַרויסגיין יעדן טאָג צו זייער אַר־בעט. זיי פלעגן קומען אַמאָל מיט גרעסערע, אַמאָל מיט קלענערע „דע־ראַבערונגען"; אַמאָל איז זיי געלונגען אויסצומיידן אַ קלענערע סכנה, אַמאָל אַ גרעסערע, אָבער איינמאָל האָבן זיי דורכגעמאַכט אַן איבערלעבע־ניש, וואָס האָט געלייגט אַ שווערן חותם אויף אונדזער ווייטערדיקן מאַ־טערן זיך אין דער באַהעלטעניש:

נישט ווייט פון אונדזער הייזל, זיינען זיי באַגעגנט געוואָרן פון אַ מחנה ס"ס־לייט, וואָס האָט געציילט בערך צוואַנציק מאַן די געשרייען און זיד־לערייען פון די ס"ס־לייט, וועלכע האָבן ווי די בייזע וועלף אַרומגערינגלט די אַלטע פרוי מיט דעם מיידל, וועלכע האָבן געטראָגן די עמערס וואַסער,

דאָס אָפּשרעקן זיי דורך צושטעלן די לופֿעס פֿון די פּיסטאָלעטן צו די קעפּ און לסוף דאָס הייסן זיי אַוועקשטעלן זיך ביי דער וואַנט מיט אויפֿגעהויבענע הענט. האָבן באַוויזן, אַז דאָ הויבט זיך ענדלעך אָן דער סוף. נאָך אַ גאַנצער ריי דראָונגען און פֿראַגן, האָט סאַבינע אָנגעהויבן מיט איר באַקאַנטן נוסח, וועגן פֿיר אַלטע, קראַנקע פֿרויען מיט אַן אייניקל. דער אָנפֿירער פֿון דער ס״ס־גרופּע האָט געפֿרעגט, וואו זיינען די אַלטע פֿרויען? מיט גרויס שרעק, האָט סאַבינע געמוזט אָנווייזן דאָס אָרט.

דורך דער צייט, וואָס אַ טייל ס״ס־לייט איז אַראָפּגעגאַנגען אין קע־לער, האָט דער אָנפֿירער אָפּגעטיילט לאָדזשען פֿון סאַבינען און יעדער באַ־זונדער אויסגעפֿרעגט די פּערסאָנאַליען. ווען ער האָט געפֿרעגט לאָדזשען, ווי הייסט איר באָבע, האָט זי געענטפֿערט — סאַבינע. זי האָט אָבער נישט געוואוסט סאַבינעס פֿאַמיליע־נאָמען. היות עס קען דאָך נישט זיין, אַז אַן אייניקל זאָל נישט קענען דעם פֿאַמיליע־נאָמען פֿון איר באָבען און נישט ענטפֿערן האָט זי אויך נישט געקאָנט, האָט זי געזאָגט סתם אַ נאָמען, וואָס איז איר נאָר געפֿאַלן אויפֿן געדאַנק. דער אָנפֿירער מיט אַלע איבעריקע אים אונטערגעאָרדנטע זיינען ווידער געוואָרן שטאַרק צעווילדעוועט, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פֿאַמיליע־נאָמען, וואָס לאָדזשע האָט אָנגעגעב־, שטימט נישט מיט דעם אייגנטלעכן פֿאַמיליע־נאָמען פֿון סאַבינען. זיי האָבן געקריצט מיט די ציין, געפֿאָכעט מיט די בייטשן, געביילט פֿויסטן און געוויזן דאָס געווער, אַז אָט שיסן זיי.

אין דער קריטישער מינוט, ווען דאָס לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר, האָט סאַבינע עפּעס געזאָגט אין דער שטיל דעם אָנפֿירער פֿון דער ס״ס־גרופּע און נאָך דעם, האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט. די איבעריקע ס״ס־לייט, וועלכע דער אָנפֿירער האָט דערציילט, וואָס סאַבינע האָט אים געזאָגט, האָבן אויך אַרויסגעלאָזט אַ געלעכטער. לאָדזשע האָט פֿון דער ווייטנס נישט געוואוסט, וואָס עס איז די סיבה פֿון געלעכטער און צוליב וואָס די בייזע צעיושעטע הינט האָבן מאָמענטאַל באַקומען אַזאַ הייטערע שטימונג. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כדי צו ראַטעווען די סיטואַציע, האָט סאַבינע אויס־געטראַכט אַ מעשה. זי האָט דעם אָנפֿירער געזאָגט, אַז דאָס אייניקל אירס איז נישט שולדיק דערין, וואָס זי ווייסט נישט, ווי די באָבע הייסט. דאָס איז פֿאַרבונדן, האָט זי געזאָגט, מיט אַ טראַגעדיע און גלייכצייטיק מיט אַ פֿאַמיליע־געהיימניש. היות זי האָט קיינמאָל קיין מאַן נישט געהאַט און דעם מיידל, וואָס זי האָט גענומען אויפֿצוהאָדעווען, האָט זי זיך געשעמט צו דערציילן, אַז זי איז אַן אַלטע פֿריילין, האָט זי איר פֿון קינדהייט אָן

איינגערעדט, אַז זי איז אַ באַבע און אַזוי גלויבט זי ביזן היינטיקן טאָג. כדי די איינרעדעניש זאָל אויסזען אמת, האָט זי זיך גערופן אויף איר כלומרשט־פאַרשטאָרבענעם מאַנס פאַמיליע, וועלכע לאָדזשע האָט אָנגעגעבן דעם ס״ס־מאַן.

די געניאַלע אויסטראַכטעניש פון סאַבינען האָט אַריינגעבראַכט אַ גאַנ־צע איבערקערעניש אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג. די מעשה האָט זיך די יעקעס געלייגט אויפן שכל און זיי האָבן נאָך דערצו געהאַט מאַטעריאַל צו לאַכן דערפון, וואָס זיי האָבן צו טאָן מיט אַ זיבעציק־יאָריקער פריילין. באַטש ס׳איז אַריינגעטראָטן אַן אָנטשפּאַנונג אין דער לאַגע און די שאָטנס פון טויט האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוקט, האָבן פונדעסטוועגן סאַבינע און לאָדזשע שטאַרק געציטערט, אַז די גאַנצע אָפּערע זאָל נישט אַנטדעקט ווערן דורך דער גרופּע ס״ס־לייט, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער. אויב זיי וועלן אין קעלער מאַכן אַ גרינטלעכע רעוויזיע און חוץ די אַלטע פרויען, וועלן זיי געפינען דאָס באַהעלטעניש מיט דער גאַנצער גרופּע פון צען מענטשן, וועט שוין קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט העלפן און אַלע וועלן זיין פאַרלוירן.

נאָך אַ קורצער צייט זיינען די ס״ס־לייט צוריק אַרויס פון קעלער און געמאָלדן דעם אָנפירער, אַז זיי האָבן געטראָפן בלויז דריי אַלטע פרויען אין די בעטן. דעמלט ערשט האָט דער אָנפירער געמאָלדן, אַז אַלע מוזן אומבאַדינגט אַרויס פון דעם עוואַקואירטן וואַרשע. עס קאָן נישט דער־לאָזט ווערן, האָט ער געזאָגט, אַז עס זאָל זיך עמיצער געפינען אויף דער פראָנט־ליניע. ווען סאַבינע און לאָדזשע האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי אָנ־געהויבן צו בעטן, מען זאָל זיי דאָ דערלויבן צו זיין, ווייל זיי האָבן דאָך געוואוסט, אַז מיט דעם אַוועקגיין פון די פרויען וועט נישט זיין ווער עס זאָל דעקן די אויסבאַהאַלטענע הינטער דער שאַפע. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן קיין שום געבעט. פאַר די דייטשן איז אויך נישט געווען פאַר־שטענדלעך, פאַרוואָס זיי בעטן זיך אַזוי דאָ צו בלייבן אין דער צייט, ווען דאָס אַוועקפירן זיי אין אַ באַזווינטער געגנט מחוץ וואַרשע איז נאָך פאַר זיי למובה. ביים אַוועקגיין האָבן זיי ענדגילטיק געמאָלדן, אַז מאָרגן וועלן זיי קומען מיט אַ פור און אַוועקפירן די אַלע, וועמען זיי האָבן דאָ געטראָפן וווינען.

ווען סאַבינע מיט לאָדזשען זיינען נאָך דער געשעעניש אַראָפּגעקומען אין קעלער, זיינען אַלע געווען ווי טויט. סיי מיר, וועלכע האָבן איבערגע־לעבט אַזאַ שפּאַנונג אין דעם באַהעלטעניש בעת די אויסערלעכע געשפּרעכן,

װעלכע מיר האָבן געהערט און בעת די דײַטשן זײַנען געקומען אין קעלער אַרײַן זוכן, סײַ זי, װעלכע האָבן אין דרױסן איבערגעלעבט אַזאַ שרעק, האָבן אַ לענגערע צײַט נישט געקאָנט קומען צו זיך. װען זײ האָבן אונדז דערצײלט דעם גאַנצן פאַרלױף פון דער געשעעניש, האָבן מיר געהאַט אַ גרונט זיך צו פרײען פון דער גליקלעכער ענדע צוליב סאַבינעס אײנפאַל. אָבער אַ שװערער אומעט האָט אַלעמען אַרומגענומען און אַ שרעקלעכע דעפּרעסיע האָט גענומען דריקן, דערמאָנענדיק זיך, אַז אין אַ טאָג אַרום, װעט אין דעם פאַרצימער קײנער נישט זײַן. יעדער דײַטש, װאָס װעט אַרײַנפאַלן אין קעלער, װעט נישט אָנטרעפנדיק קײנעם אין פאָדערשטן צימער, גלײַך פּראַלן דײַטער אין אַלע װינקלען אַזן לעכער און װעט זײער לײַכט קומען אױף די שפּורן פון אונדזער לאָך. מען האָט שױן נישט געטראַכט װעגן דעם, װאָס עס װעט נישט זײַן, װער ס'זאָל שאַפן אַ ביסל װאַסער, װײַל מען װעט שױן בכלל קײן װאַסער נישט דאַרפן... מיר האָבן אױך װײַט נישט געהאַט אױסגעזאָרגט װעגן דעם גורל פון אונדזערע אױסערלעכע באַשיצער, נאָך װעלכע די דײַטשן דאַרפן קומען, כדי זײ אַװעקצופירן. מיר האָבן געהאַט זײער װײניק צוטרױ צו די דײַטשן בנוגע דעם אָרט, װאוהין מען װעט זײ אַװעקפירן. די דערקלערונג, אַז מען װעט די פרױען איבערפירן אין אַ באַװוינטער געגנט אַרום װאַרשע, האָט אױסגעזען צו זײַן נישט מער, װי אײנער פון די פיל אַנדערע דײַטשע אָפּנאַרונגס־מיטלען לגבי זײערע קרבנות — פאַרן אומברענגען. די שטאַרקע דערשיטערונג און נידערגעשלאָגנקײט איז אַלזאָ, געװען אַ דאָפּלטע, סײ צוליב דעם גורל פון די, װאָס גײען אַװעק, סײ צוליב די, װאָס בלײַבן.

צומאָרגנס זײַנען די דײַטשן נישט געקומען, װײַל ס'איז געװען זונטיק. מאָנטיק אין דער פרי, אין דער זעקסטער װאָך פון אונדזער זײַן אױף פּראָמיקאַ, איז געקומען „פעלד־פּאָליצײ״ אין באַגלײטונג פון אַ גלח, אױסצופירן די פאַראָרדנונג, װאָס זי האָט באַקומען פון יענע ס״ס־לײַט, װאָס זײַנען געװען מיט צװײ טעג פריער. נאָך פאַר זײער קומען איז לאָדזשע אַרױס פון באַהעלטעניש. היות, זי האָט זיך בשום אופן נישט געװאָלט שײדן מיט אונדז, האָט זי זיך ערגעץ פאַרבאַהאַלטן אין אַ שכנותדיקן קעלער מיט דער אױסרעכענונג, אפשר װעלן די דײַטשן אין איר פאַרגעסן, אָדער עס װעט זײ נישט גלוסטן זי שטאַרק צו זוכן. זײ האָבן אָבער געהאַט גענױ פאַרצײכנט די צאָל מענטשן אין זײערע בעמען, װעלכע דאַרפן װערן אַװעקגעפירט. נאָך דעם, װי זי האָט, ליגנדיק אין אַ לאַבירינט פאַרדעקט מיט שמאַטעס, געהערט אַז די דײַטשן האָבן זיך גענומען זי אַרומזוכן,

האָט זי זיך צוגעשטעלט, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז ביי דער זוכעניש קאָנען זיי נאָך געפינען הינטער דער שאַפּקע צען מענטשן.

ווען די דייטשן האָבן געהייסן די פרויען תיכף פאַרלאָזן דעם קעלער און אַרויפגיין אויף דער אין דרויסן וואַרטנדיקער פור, האָבן די לעצטע נאָך געמאַכט אַ פּרווו אויסצובעטן ביי די דייטשן, אַז מען זאָל זיי איבער־לאָזן אויפן אָרט. זיי האָבן אַרויסגערוקט פאַרשידענע אַרגומענטן, אַז איין פרוי איז פּאַראַליזירט, — די צווייטע — געפּערלעך קראַנק א״א. זיי האָבן אַפּעלירט צום געפיל פון גלח און דערמאָנט אים אין דער קריסט־לעכער ליבע צו מענטשן. אָבער ער איז מער געווען פאַרשטיינערט, ווי די דייטשן. איין דייטש איז ענדלעך ווייכער געוואָרן און ער האָט באַשלאָסן אי־בערצולאָזן די פרויען. ער איז אַוועק און מיטגערופן מיט זיך די אי־בעריקע, וואָס זיינען מיט אים געקומען.

ס׳איז שוין ווידער „גוט״. זיי וועלן אפשר געבן אַ ביסל רו און וויי־טער לאָזן אונדז טרייבן די פינצטערע טעג אַזוי, ווי ביז איצט. אָבער לאָמיר זיך נישט צו פרי פרייען, זיי קאָנען נאָך צוריקקומען, האָט עמיצער באַ־מערקט. פאַר יעדן פאַל איז ווידער לאַדזשע אַרויס פון באַהעלטעניש. אויב זיי וועלן זיך נאָך אומקערן זאָל דורך איר דאָס באַהעלטעניש נישט ווערן אַנטדעקט. און גוט איז געווען, וואָס ס׳איז אַזוי געשען. באַלד ווי זי האָט נאָר באַוויזן אַרויסצוקריכן און צו פאַררוקן די שאַפּקע הינטער זיך, האָט מען אין באַהעלטעניש ווידער געהערט, אַז די דייטשן זיינען צוריקגעקומען.

דאָס מאָל האָט שוין נישט געהאָלפן קיין שום געבעט. דאָס שרעק־לעכסטע איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך. אין דער מינוט, ווען די דייטשן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון קעלער און אין דרויסן צוגעוואַרט ביז די פרויען וועלן אַרויסקומען, איז לאַדזשע אין דער לעצטער מינוט פאַרן פאַרלאָזן דעם קעלער צוגעקומען צו דער שאַפּקע, ביי וועלכער עס איז פון אינע־ווייניק אין באַהעלטעניש געשטאַנען צביה. „אויב דו וועסט אַרויס לעבע־דיק פון זייערע הענט״, האָט צביה געזאָגט מיט גיכע אָפּגעהאַקטע ווער־טער — „טאָ געדענק זשע צו באַזאָרגן פאַר אונדז הילף. מיר וועלן וואַרטן צוויי טעג. אויב ביז דעמלט וועט קיין הילף נישט קומען, וועלן מיר זיין געצוואונגען פון דאַנען צו אַנטלויפן ביי אַלע באַדינגונגען. ביים אַנטלויפן וועלן מיר איבערלאָזן אַ בריוול אונטערן בעט פון סאַבינען; נאַ־דיר אַ ביסל געלט און... בלייב געזונט״ — האָט צביה פאַרענדיקט אירע ווערטער.

„דאָווידזעניאַ, באָנדזשטשע זדראָווי״ (אויף ווידערזעען, זייט געזונט) — האָט לאָדזשע דורך דער שאַפּקע אַריינגעשעפּטשעט צו אונדז אין דעם באַהעלטעניש. אירע ווערטער האָבן נאָך געקלונגען אין אונדזערע אויערן, ווען פון דרויסן האָט זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון דער אָפּפאָרנדיקער פור, אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען די, וועלכע זיינען פון אונדז אוועקגעריסן געוואָרן.

# דער נס אויף פּראַמיקאַ

פּונקט צומאָרגנס, זײַנען מיר 7 אין דער פרי אויפגעוועקט געוואָרן פון שווערן קאָשמאַר־שלאָף דורך אַ געטופּעריי פון פיס, וואָס האָבן אויס־געזען צו געהערן צו עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן. מיר האָבן נאָך נישט באַ־וויזן פולשטענדיק וואָך צו ווערן, ווען מיר האָבן געהערט די שרעקנדיקע טריט, וועלכע זײַנען זיך צעגאַנגען אין אַלע צימערן און ווינקלען, אויף די טרעפּ און אין די קעלערס פון דעם הויז און אויך פון שכנותדיקן הויז. אין די אויערן האָט געברוישט זייער געטומל, זייער רעדן, פייפן, קלאַפּן. מען האָט געפילט, אַז עס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אונדזערע קעפּ אַ גע־דיכטע צאָל פון אומגעזעענע טייוולאָנים, וועלכע ווילן באַלד אַרײַנדרינגען צו אונדז אין סאַמע מיטן פון אונדזער מענטשן־קנויל.

מיינען זיי טאַקע אונדז, אָדער זיי האָבן זיך צופעליק דאָ אַרײַנגע־כאַפּט? טאָ פאַרוואָס אַזוי פיל מיטאַמאָל און פאַרוואָס אַזוי פרי? אַזעלכעס האָט נאָך ביז־איצט נישט פּאַסירט. אפשר זאָל דאָס האָבן אַ שייכות מיט דער נעכטיקער געשעעניש? אויב יאָ, וואָלטן זיך דען עטלעכע סאָלדאַטן מיט אונדז נישט קיין עצה געגעבן? מוזן זיי דען צו דעם האָבן אַזאַ גרוי־סע מחנה?

שווער איז געווען יעדן איינעם זיך אַליין צו געבן אַן ענטפער, אַן אויפקלערונג וועגן דעם, וואָס דאָ קומט פאָר. אויך אונדזערע בליקן, וואָס האָבן זיך געקרייצט אין שטומקייט, האָבן גאָרנישט אויפגעקלערט. מיט פאַרפרעסטע ליפּן און מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם, האָט מען אָפּגע־וואַרט די וויטערדיקע מינוטן.

אַלץ מער האָט זיך דאָס געלויף אַרויף און אַראָפּ אין קעלער אַריין פאַרשטאַרקט. דאָס זוכן, שאַרן, דאָס קלאַפּן אין די אַרומיקע קעלערס און אין דעם זעלביקן קעלער, וואו עס האָבן פריער געוווינט די אַלטע פרויען, האָט באַשיינפּערלעך געוויזן, אַז דאָס זײַנען נישט קיין געוויינלעכע „שאַ־בער"־זוכענישן, נאָר, אַז דאָס מיינען זיי אונדז. פון דער גרויסער גע־

שפּאַנטקייט איז מיר ספּעציעל געבליבן אין זכרון איין מינוט, וועלכע האָט
אַלעמען עלעקטריזירט. דאָס איז געווען דעמלט, ווען מיר האָבן געהערט
גיכע צילמעסיקע אַראָפּלויפנדיקע טריט וועלכע האָבן זיך בליץ־שנעל
דערנענטערט צו דער שאַפקע. דעמלט האָב איך, פּונקט ווי יעדער פון אונדז,
זיך דערזען צווישן צען הרוגים, איינגעגראָבן אין די קאָלדרעס, אויסגע־
ווייקט אין אַ קאַלודשע בלוט און פאַרזונקען אין אייביקן שלאָף. יענער איז
געשטאַנען ביי דער שאַפקע אַ קורצע צייט זייער, זייער שטיל, ווי ער וואָלט
זיך איינגעהערט, און באַלד איז ער אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. דאָס איז
פאַר אונדז געווען אַ קלאָרער באַווייז, אַז דער סאָלדאַט האָט אונדז אַנט־
דעקט און איז געגאַנגען וועגן דעם מעלדן דעם אָנפירער. דאָס ווייטערדי־
קע טרעטן אויף די טרעפּ, וואָס האָט צעשמעטערנדיק געהילכט אין אונד־
זערע מוחות, איז געווען דער לעצטער און ענדגילטיקער אָנזאָג, אַז אין גע־
ציילטע סעקונדן וועלן זיך ענדיקן די צרות צוזאַמען מיט אונדז. פאַר די
אויגן האָבן זיך מאָמענטאַל געשטעלט בילדער פון אונדזער ערשטער באַ־
געגעניש מיט די דייטשן, נאָך דעם, ווי זיי וועלן אַוועקשליידערן די שאַפּ־
קע, וואָס פאַרשטעלט אונדז. עס האָבן אויך, ווי געפינקלט אין די אויגן, די
פייער־קוילן, וואָס שיטן זיך צו זיי פון אונדזער צוזאַמענגעפּרעסטן מענטשך־
קנויל, וועלכער פאַרוואַנדלט זיך גיך אין אַ צעפּליישטער און בלוטיקער מאַ־
סע. די דאָזיקע אימאַגינירטע בילדער זיינען אָבער גיך פאַרשוואונדן און האָבן
זיך נישט איבערגעשטאַלטיקט אין אַ רעאַליטעט. דאָס זוכן און פּלינדערן
האָט ווייטער אָנגעהאַלטן אָן אויפהער, פּונקט ווי פאַר דער קריטישער מי־
נוט, ווען מיר האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען געפאַלן אויף אונדזערע שפּורן.

פלוצלונג האָבן מיר אָפּגעפילט, ווי אין דרויסן, נישט ווייט פון דעם
מיט־ערד פאַרשאָטענעם פענצטערל פון אונדזער קעלער, גייט אָן אַ פּי־
בערהאַפטע אַרבעט ביים אויפגראָבן די ערד. מיטאַמאָל האָבן שטאַרקע די־
נאָמיט־אויפרייסן אונדז פאַרטויבט און דאָס גאַנצע הייזל מיט אונדז צוזאַ־
מען האָט געהאַלטן אין איין טרייסלען זיך. די אויפרייסן זיינען פאָרגעקומען
איינער נאָכן אַנדערן אין גאַנצע סעריעס. אין די קורצע הפסקות פלעגט מען
הערן אַרבעטן מיט לאָפּאַטעס און קלאַפּן אין די ווענט. פון דעם האָט מען גע־
דרונגען, אַז זיי האָבן גענומען אונטערגראָבן דאָס הייזל. פון צייט צו צייט,
האָט מען געהערט שנעלע אַנטלויפנדיקע טריט און דאָס האָט באַדייט, אַז
אַ נייע כוואַליע פון אויפרייסן קומט אָן.

צי וועלן זיי אונדז אויפרייסן פון דרויסן, ווייל זיי האָבן מורא מיט
אונדז זיך צו באַגעגענען פנים אל פנים אין דעם באַהעלטעניש? אויך די־

דאָזיקע השערה האָט אויסגעזען צו זיין נישט וואַרשיינלעך, ווייל אין דער זעלביקער צייט, ווען די אויפרייסן זיינען פאָרגעקומען, האָט אַ טייל דייטשן זיך געפונען אין הויז, און פון דעם האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז זיי וועלן דאָס הויז נישט אויפרייסן. ס'איז אָבער שווער געווען צו אָריענטירן זיך, וואָס דאָ קומט פאָר אַרום אונדז.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט געדויערט לאַנגע שעהן. ענדלעך זיינען זיי פּינקטלעך 12 אַזייגער פאַרשוואונדן און אַרום האָט זיך געשטעלט די געווײנלעכע שטילקייט. נאָך פינף שעה, האָבן מיר ערשט פרייער אָפּגע־אָטעמט און אין געמיט איז אַריינגעטרעטן אַ געוויסע אָנטשפּאַנונג. די דער־לייכטערונג האָט אָבער געדויערט בלויז איין שעה. איינס אַזייגער האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן ראַיען, ווי די פליגן און פאָרגעזעצט די אַרבעט און דאָס פּלינדערן אין די קעלערס ביז אַרום 5 אַזייגער, ווען עס איז צוגע־פאַלן די נאַכט. במשך פון דעם גאַנצן טאָג, האָבן מיר געהערט ווי עס בייטן זיך די גרופּן. בערך יעדע שעה, אָדער צוויי, גייט איינע אַרויס צו דער אַרבעט און די אַנדערע קומט אַריין צו אונדז אין הויז.

נאָכן פאַרגאַנגענעם טאָג און נאָך מער מיטן אָנהויב פון צווייטן טאָג, ווען 7 אין דער פרי, האָבן ווידער צענדליקער שטיוול געלעכערט דעם מוח, און ווען זיי זיינען צווישן 12 און 1 בייטאָג, געגאַנגען אויף מיטאָג און ווידער צוריקגעקומען, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז סיי די אויסערלעכע גראַ־בונגען און אויפרייסן, סיי די אינערלעכע זוכונגען, האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות מיט אונדז. מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז מסתמא האָבן די דייטשן דאָ נעבן דעם הויז אָנגעהויבן בויען אַ פאַרטיידיקונגס־בונקער און דאָס הייזל גופא שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַזע פאַר די אַרבעטנדיקע סאָל־דאַטן. דאָ לייגן זיי אָוועק די אַרבעטס־מכשירים, דאָ רוען זיי, און דער עיקר דינען זיי די קעלערס פון הויז און פון אַלע שכנותדיקע הייזער אַלס אָביעקטן צו „שאַבערן".

אָנהויבנדיק פאַרשטיין וואָס עס קומט פאָר אַרום אונדז, האָבן מיר אויפסניי באַנומען די ערנסטקייט פון אונדזער לאַגע. מיר האָבן זיך גע־לאַנט ריכטן, אַז אַ ליאַדע מינוט, וועלן זיי, גראָבנדיק אין דרויסן די ערד, אָפּגראָבן דאָס פענצטערל פון אונדזער קעלער, און וועלן זען, וואָס אין אים טוט זיך. מיר האָבן אויך איינגעזען, אַז סוף כל סוף וועלן זיי, זוכנדיק אין די קעלערס, אַנטדעקן אויך אונדזערן, ריכטנדיק זיך דערביי לויט דעם געבוי פון די קעלערס אין אַנדערע הייזער, וואָס זיינען געבויט געוואָרן גענוי לויט דעם זעלביקן פּלאַן, וואָס אונדזער הויז. ביי יעדן שאַרך

און ביי יעדן טראַט, וואָס מיר האָבן געהערט פון אינעווייניק, אָדער פון דרויסן, פלעגן אונדזערע בליקן אינסטינקטיוו זיך ווענדן צו די אַמ־מערסטן פילבאַרע ערטער, דורך וועלכע עס דראָט די סכנה צו ווערן אַנטדעקט.

אין פאַרלויף פון די ווייטערדיקע טעג, האָט מען אין דעם באַהעל־טעניש געפילט, ווי די דרויסנדיקע גראָבונגען דערנענטערן זיך טאַקע צום פענצטערל. די ווענט און דער באָדן אונטער אונדז האָט אַלץ מער זיך געטרייסלט פון די דינאַמיט־אויפרייסן. ביי יעדן קנאַל, האָט די ערד, וואָס האָט אין דרויסן פאַרדעקט דאָס פענצטערל, אַלץ מער זיך אַראָפּגעשאָטן און אין דעם באַהעלטעניש איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער. וואָס מער עס איז געוואָרן ליכטיק אין דעם באַהעלטעניש, אַלץ פינצטערער איז געוואָרן אין האַרץ. די שטריק האָט זיך אַלץ מער פאַרצויגן אַרום האַלדז און מיר ליגן מאַכטלאָז און קאָנען קעגן דעם גאָרנישט טאָן.

נאָך דריי, פיר טעג, האָבן מיר שוין בלויז לויט דעם אָפּהילך פון די טריט און לויטן אָפּקלאַנג פון די דייטשע קולות, וועלכע האָבן זיך כסדר צו אונדז געטראָגן פון יענער זייט שאַפקע, געהאַט אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם אויסזען, די הויך, דיק און כאַראַקטער פון יעדן איינעם פון זיי. הערנ־דיק אויך זייערע נעמען ביי זייער כסדרדיקן איבעררופן זיך, האָבן מיר אויך וועגן יעדן געקאָנט עפּעס לערנען לויט זיין נאָמען. אַממערסטן זיינען ביי אַלע „פּראַמיקאַ־מענטשן" געבליבן אין זכרון צווי נעמען: מאַקס און ווילי. דאָס זיינען געווען די אַממערסטן פלייסיקע און רוטינירטע „שאַב־ראָווניקעס". זיי האָבן נישט פאַרלאָזט דעם קעלער קיין איין מינוט פון זייער פרייער צייט, זיי זיינען אַרייַנגעדרונגען אין יעדן לאָך און שפּאַרונע, וואו קיין אַנדערן האָט זיך נישט געגלוסט צו פאַרקריכן. שטענדיק פלעגן זיי זיין צוזאַמען און כמעט קיינמאָל איז איינער נישט געקומען אָן דעם אַנ־דערן. אויף די טרעפּ פלעגן זיי נישט גיין, נאָר לויפן. לויט די טריט האָבן מיר פעסטגעשטעלט, צי דאָס זיינען זיי, צי אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אויך אויסגעטיילט מיט באַזונדערע כאַראַקטעריסטישע סימנים. מיר פלעגן שטענדיק טראַכטן, אַז די טרויעריקע מינוט פון אַנטדעקן דאָס באַהעלטע־ניש וועט קומען נישט דורך קיינעם, ווי נאָר דורך מאַקס און ווילי.

אַ זייער קריטישער מאָמענט — אפשר דער קריטישסטער פון יענע טעג — האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון. דאָס איז געווען אַ מאָמענט, ווען די צווי נישט געזעענע באַקאַנטע דייטשן זיינען צוגעקומען צו דער שאַפקע מיט עלעקטרישע לעמפּלעך אין די הענט. פון די לעמפּעלעך זיינען

איוף אונדזערע פנימער געפאַלן ליכט־שטראַלן, וועלכע זיינען דורכגע־דרונגען דורך די שפּאַרונעס פון דער שאַפּקע. די שטראַלן האָבן געוואַנדערט פון איין פנים אויפן צווייטן, פון איין ווינקל פון דעם באַהעלטעניש צום אַנדערן און ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן ספּעציעל געוואָלט דורכלויכטן דעם חלל, כדי צו זען, וואָס דאָרט טוט זיך. אין דער זעלביקער צייט, האָבן מיר געהערט מאָדנע גערוישן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די דינאַמאָס פון די האַנט־לעמפּלעך. אין מאָמענט האָבן מיר זיך נישט אָריענטירט, וואָס פאַר אַ גערוישן דאָס זיינען און מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ סיגנאַל. די פּילטאַניקייט פונעם גערויש, דאָס כסדרדיקע אַראָפּ־פאַלן און אויפהויבן זיך פון קלאַנג, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געיאָמער, פון אַ שרעקלעכן וואָיען פון שאַקאַלן, פון וואָס די הויט אויפן קערפּער איז געריבצלט געוואָרן. מיר זיינען אַלע געלעגן ווי אָפּגעשטאַר־בענע, אַזוי ווי עס וואָלט אונדז שוין גאָרנישט אָנגעגאַנגען. אויף אַ סעק־קונדע האָבן זיך די קעפּ אינסטינקטיוו אויפגעהויבן פון זייער פּאַר־גראָבנקייט, ווען מיר האָבן געהערט, אַז זיי רירן ביי דער שאַפּקע. דעמלט איז די שפּאַנונג דערגאַנגען צום קולמינאַציע־פּונקט. אָבער גלייך האָבן מיר געהערט: „מאַקס, דאַ זינד וויצען״. מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס באַרירן די שאַפּקע, איז פאַרגעקומען צופעליק ביים אַרויסציִען פון אַ ווינקל נעבן דער שאַפּקע אַ זעקעלע מיט נישט געמאָלענעם ווייץ, וואָס איז געלעגן פאַרוואָרפן צווישן פאַרשידענע ברוך־שטיקער און שמאַטעס און ביי וועלכן דער דייטשער סאָלדאַט האָט געמוזט שווער אַרבעטן, ביז ער האָט דאָס פון דאָרט אַרויסגעגראָבן. נאָך דעם, ווי זיי זיינען אַוועק פון דער שאַפּקע מיטן ביסל ווייץ, האָבן מיר ווידער געזען, אַז נישט אונדז האָבן זיי געמיינט.

הגם די ערשטע פּאָר טעג פון אומאויפהערלעכער באַלאַגערונג זיינען אַדורך מיט אַ נישט־פאַרשטענדלעכן מזל, מחמת דעם, וואָס מען האָט אונדז נישט אַנטדעקט, האָבן מיר אָבער געפילט, אַז מער אַזעלכע „מזלדיקע״ טעג וועט מען נישט אויסהאַלטן.

פון ערשטן טאָג אָן, זייט עס זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן די פּרויען, איז דאָס מישטיינסגעזאָגטע לעבן פולשטענדיק אַראָפּ פון די רעלסן. די צייטן פון רעפּעראַטן און אַנעקדאָטן און נאָרמאַלע שעהן פון „מאָלצייטן״, האָבן אויסגעזען, ווי אַ ווייטער חלום. די גאַנצע זעקס וואָכן מאַטערניש אין דעם פינצטערן און שמוציקן לאָך מיט די אַלע סכנות און שרעק, האָבן אויס־געזען ווי אַ גן־עדן אַנטקעגן די טעג אין וועלכע מיר זיינען געוואָרן

טאָפּלט געשלאָגן: דאָס פאַרלירן די זיכערקייט דורך די פריערדיקע טייל־וויז לעגאַלע איינוווינער, די אַלטע פרויען, און דאָס, וואָס די דייטשן האָבן אויסגעקליבן דווקא דאָס הויז פון אונדזער באַהעלטעניש אַלס אָביעקט פון בויען זייער פאַרטיידיקונג. ווער האָט נאָך געקאָנט טראַכטן אין אַזאַ צייט וועגן גיין אין די אָוונטן זוכן שפּייז און וואַסער, אָדער וועגן קאָכן און דרייען זיך אין די אַרומיקע קעלערס, אַז יעדער שאָרך אונדזערער קאָן זיין אַן אָנווייזונג פאַר די דייטשן, אַז דאָ איז עמיצער פאַראַן. אויך דעם מאָגערן לעבנסמיטל־רעזערוו פון די „גוטע צייטן”, האָט מען נישט געקאָנט פאַרברויכן, ווייל מען האָט נישט געקאָנט קאָכן. די פאַרשימלטע און ווי שטיינער האַרטע סוכאַרעס, וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט, האָט מען נישט געקאָנט עסן אין קיין אַנדערער צייט, חוץ דאַן, ווען די דייטשן זיינען געגאַנגען אויף מיטאָג און אין אָוונט, ווייל ביים ברעכן און קייען זיי, האָט זיך געהערט אַ רעש. צו דעם אַלעם האָט מען געטראַכט וועגן דער מינוט, ווען עס וועט זיך ענדיקן דער לעצטער טראָפּן וואַסער.

איינמאָל אין אָוונט, נאָך איינעם אַזאַ שווערן טאָג, זיינען מיר געזעסן און אַרומגערעדט, וואָס מיר האָבן צו טאָן. עס איז שוין געווען פאַר אונדז קלאָר, אַז מיר האָבן נישט צו דערוואַרטן קיין שום אויסערלעכע הילף. עס איז שוין אויך געווען צוויי טעג נאָך דעם טערמין, אויף וועלכן מיר האָבן זיך גערעכנט אויף הילף, לויט ווי מיר האָבן אָפּגערעדט מיט לאָדזשען, ווען זי איז אַוועקגעפירט געוואָרן דורך די דייטשן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָדער זי לעבט נישט, אָדער זי געפינט זיך אין אַ לאַגער. אַ גרויסער טייל פון אונדז האָט געהאַלטן, אַז אַזוי ווי די לאַגע ווערט פון מינוט צו מינוט ערגער און קיין וואַסער האָבן מיר אויך נישט מער, ווי אויף אַ טאָג, קאָן מען ווייטער נישט בלייבן אַזוי פּאַסיוו און וואַרטן אויפן טויט.

אָבער וואָס טוט מען?

מ׳האָט זיך דערמאָנט אין יענעם פּלאַן אַרויסצוגיין אין אַ פינצטערער נאַכט מיט געווער אין די הענט און פּרווון זיך אַדורכרייסן דורך די דייטשע פעלד־פּאָזיציעס; ווער עס וועט פאַלן — וועט פאַלן, ווער עס וועט בלייבן לעבן וועט וואַנדערן אַזוי לאַנג איבער חורבות, פעלדער, וועגן און שטעגן, ביז ער וועט אַרויסקומען פון דעם עוואַקואירטן פראָנט־געביט. אַן אַנדערע מיינונג איז געווען, אַז דאָס אַרויסגיין אויף אַזאַ אופן, איז פּונקט אַזאַ זיכערער טויט פאַר אַלעמען, ווי דאָס בלייבן אויפן אָרט. עס איז נישט מער, ווי צוגעאיילט דעם טויט, אַנשטאָט אָפּשטופּן אים אויף שפּעטער, אויב

מיר וועלן בלייבן אויפֿן אָרט. לויט דער דאָזיקער מיינונג איז אויסגעקומען, אַז אין דער אַרומיקער פּינצטערניש, אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן מיט נעסטן פֿון דייטשן מאַשין־געווער און אַרטילעריע וועלן אַלע פֿאַלן, נאָך איידער מיר וועלן באַוויזן אויסצושיסן אַ קויל. דאַקעגן, ווען מיר וועלן בלייבן אין דעם באַהעלטעניש, וועלן מיר האָבן פֿיל בעסערע מעגלעכקייטן צו פֿאַרטיידיקן זיך, ווען די דייטשן וועלן אונדז אַנטדעקן. דאָס וועט אויך געבן אַ האָפֿענונג, אַז אפֿשר וועט זיך דאָך עפּעס ענדערן צום גוטן דורך דעם טאָג, אָדער צוויי, וואָס מיר וועלן אָפּשטופּן די אַנטשיידונג.

די, וואָס האָבן פֿאַרטיידיקט דעם פֿאָרשלאָג פֿון לאָזן זיך אין וועג אַריין, האָבן אָבער געהאַט איין שטאַרקן אַרגומענט: וואַסער. זיי האָבן אָבגעוויזן, אַז נאָך אויף אַ טאָג איז פֿאַראַן צו אַ פּאָר טראָפּן וואַסער פֿאַר יעדן. און אויב נאָך אַזוי פֿיל וואַסערלאָזע וואָכן וועט נישט זיין אַפֿילו צו עטלעכע טראָפּנס, ווי דאָס איז געווען ביז איצט, וועט מען סיי ווי נישט אויסהאַלטן, נאָך איידער די דייטשן וועלן אונדז אַנטדעקן.

נאָך דעם אינערלעכן געראַנגל, האָט מען באַשלאָסן, אַז אויב מען וועט בלייבן לעבן ביז צומאָרגנס ביינאַכט, וועט מען זיך לאָזן אין וועג אַריין. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן פּסיכיש צוגרייטן צו דעם לעצטן אַנטשיידנדיקן מאָמענט. אַלע געדאַנקען האָבן געאַרבעט אין דער ריכטונג, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די צוויפּלהאַפּטע אונטערנעמונג. מען האָט ברייט געשמועסט וועגן אַלע שוועריקייטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ערנסטן שריט, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן און געפּרוווט צו געפֿינען אַ לייזונג פֿאַר זיי. צווישן אַנדערן האָבן מיר געפּלאַנט, אַז כּדי אויסצומיידן די מעגלעכקייטן, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איבער די פֿעלדער, צוריקצוקומען אויפֿן זעלביקן אָרט, פֿון וואַנען מיר זיינען אַרויס, זאָל מען זיך באַנוצן מיטן ווינט אַלס „קאָמפּאַס" און גיין אויסדריקלעך נאָר אין דער ריכטונג, אין וועלכער עס בלאָזט דער ווינט. מיר האָבן אַזוי אָנגעהויבן לעבן מיט דעם אָנקומענדיקן, אַז אין דער פֿאַנטאַזיע האָבן מיר שוין געוואַנדערט אין דער פֿינצטערער האַרבסטיקער נאַכט איבער וואַסערן און גריבער אונטערן רעגן און געוויטער, ביים צעברילן זיך קעגן אונדז פֿון די דייטשע פֿייער־וואַרפֿערס.

די גאַנצע צייט, נאָך דעם, ווי מיר האָבן געמאַכט דעם פּלאַן, איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון דערוואַרטן די קומענדיקע נאַכט, ווען מיר וועלן דאַרפֿן אים רעאַליזירן. פֿאַרטאָגס זיינען ווידער, אַזוי ווי אין די פֿריערדיקע טעג, געקומען די דייטשן צו דער אַרבעט. אין אַלע ווינקלען

פון הויז, אויפן פּאַרטער און אין די קעלערס איז געווען ווי אַ ביפשטאַק, דאָס פענצטערל איז שוין געווען כמעט ביז אין דער העלפט אויפגעדעקט, אויף די שייבלעך האָט געקלעבט בלויז אַ דינער שיכט ערד, דורך וועלכן כען האָט ערטערווײַז געזען די האַרבסטיק פאַרטריקנטע און פון ווינט זיך טרייסלענדיקע צוויגלעך פון די קוסטעס, וועלכע וואַקסן אין דרויסן נעבן פענצטערל. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן ספּעציעל געשטאַנען, כדי דאָס פענצטערל צו פאַרשטעלן פאַר די שטעכעדיקע אויגן פון די דייטשן.

צי וועלן די דייטשן נישט פאַרלויפן אונדזער פּלאַן, איידער עס וועט נאַכט ווערן? די דאָזיקע פראַגע איז געלעגן אויפן געדאַנק אין משך פון אַ גאַנצן טאָג.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, איז אויפגעשוואומען אַ נייער פּלאַן. אַנשטאָט אַרויסצולאָזן זיך אין דער זעלביקער נאַכט אין וועג אַרײַן, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז צומאָרגנס פאַרטאָגס, איידער עס קומען די דייטשן צו דער אַרבעט, זאָלן אַרויסגיין בלויז מאַרישע און זאָשע. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז אויפן וועג דאַרפן זיי מיטנעמען פּעקלעך אַלטע קליידער, וועש און פאַרשידענע אַנדערע שמאַטעס, בכדי, אויב מען וועט זיי כאַפּן, זאָלן זיי קאָנען זאָגן, אַז זיי זײַנען געקומען פון הינטער וואַרשע אין זייער געוועזענער וווינונג פון פאַר דער עוואַקואַציע, כדי צונויפצוקלויבן די איבערבלייבעניש פון זייער איבערגעלאָזטן פאַרמעגן. דער ציל פון ארויסגיין איז געווען אויסצוקוקן אַ וועג, צו אָבסערווירן, וואו עס געפינען זיך די דייטשע פּאָזיציעס און אויסקלייבן אַ ריכטונג פאַר אונדזער וואַנדערונגספּלאַן, כדי מיר זאָלן נישט דאַרפן באַלד ביים אַרויסגיין בלאָנדזשען און אָנטרעפן אויף דייטשע פּאָזיציעס. אויב זיי וועט געלינגען אַרויסצוקריגן זיך דורך הינטערוועגן פון וואַרשע, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז זיי דאַרפן אַרויסגיין און אין די באַוווינטע געגנטן אַרום וואַרשע אויפזוכן דאָרט וועמען פון די חברים, באַקאַנטע, אונטערערדישע טוער, זיי צווויסן געבן וועגן אונדז און דער עיקר אָרגאַניזירן הילף.

ווען מאַרישע און זאָשע זײַנען אַרויס, האָבן מיר מיט זיי אָפּגערעדט, אַז מיר וועלן וואַרטן אויף זיי אַמלענגסטן ביז צומאָרגנס בײַנאַכט. זיי האָבן אַלזאָ געהאַט פולע צוויי טעג און צוויי נעכט אויף אויסצופירן זייער שליחות און צוריקצוקומען. הגם די דאָזיקע צייט איז געווען פאַר זיי זייער אַ קורצע, איז זי אָבער פאַר אונדז געווען אַן אייביקייט. מיר האָבן געוואַרט, ווידער געצווייפלט, צי מען וועט נישט פריער אַרײַנפאַלן, איידער עס וועט קומען די מינוט פון אַרויסגייען און גלייכצייטיק געהאַפט, אַז אַזוי ווי דאָס שפּיל

אין באַהעלטעניש איז אַזוי לאַנג אָנגעגאַנגען, וועט עס אפשר אָנגיין נאָך אַ ביסל.

ליידער זיינען מיר אויך דאָס מאָל געבליבן אַנטוישט. ס'איז אַדורך דער צווייטער טאָג פון וואַרטן און קיין ישועה האָט זיך נישט באַוויזן. מיר האָבן אַלץ געהאָפט, אפשר וועט זיך ביינאַכט עמיצער באַווייזן, אָבער דאָס וואַרטן איז געווען אומזיסט. ווען ס'איז געוואָרן טאָג, איז אינדז בלויז געבליבן אויסצודויערן דעם לויפנדן טאָג און מיר האָבן ענדגילטיק באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי עס וועט צופאַלן די נאַכט, וועלן מיר פּאָר יעדן פּרייז אַדורכרייסן זיך מיט געווער דורך די דייטשע פּאָזיציעס.

בערך 15 מינוט נאָך צוועלף, ווען די דייטשן זיינען געגאַנגען אויף מיטאָג, און אונדזערע נערוון האָבן זיך, ווי געווינלעך, אָנגעהויבן אַ ביסל אָפּצורוען, פּונקט דעמלט, ווען כ'האָב געכאַפּט דעם ערשטן דרעמל, האָט מיך עמיצער איבערגעוועקט מיט אַ שטופּ. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט און געהערט אַראָפּגייענדיקע טריט אין קעלער אַריין. אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט איז נאָך מער ווי שטענדיק געווען צוגעשמידט צו די דאָזיקע טריט, ווייל אין דער צייט פון מיטאָג האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז עמיצער זאָל באַטרעטן די שוועל פון הויז. אויך די אויפרעגונג איז געווען גרעסער, ווייל דאָס ביסל מנוחה פון איין שעה אין טאָג, וואָס מיר פלעגן האָבן, איז אונדז איצט אויך צעשטערט געוואָרן. די טריט האָבן זיך דערנענטערט צו דער שאַפקע און מאָמענטאַל האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז ביז נאַכט וועלן מיר זיך שוין נישט דערוואַרטן, אַז דער פּלאַן פון אַרויסגיין איז צעשטערט געוואָרן. דער דאָזיקער געדאַנק איז אָבער באַלד איבערגעריסן געוואָרן, ווען מיר האָבן געהערט, אַז די שאַפקע איז באַרירט געוואָרן פון אַ פוס, וועלכער האָט זיך נעבן איר אָוועקגעשטעלט. פּלוצלונג האָבן מיר געהערט ווי אַ פרויען־שטים האָט פון יענער זייט אויסגערופן: צביה!

אויף אַ סעקונדע זיינען מיר צעמישט געוואָרן און נישט געוואָלט גלויבן די אייגענע אויערן, אַז מיר האָבן געהערט דאָס קול פון אַן אייגענעם. מיר האָבן באַלד אָוועקגערוקט די שאַפקע און פאַר אונדזערע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַלאַ מאַרגאַליס (אונדזערע אַ פאַרבינדלערין). זי האָט געזאָגט, אַז אין דרויסן געפינען זיך נאָך עטלעכע מענטשן, וועלכע זיינען אַריינגעלאָזט געוואָרן דורך דער דייטשער וואַך קיין וואַרשע, כלומרשט כדי אויפצוזוכן קראַנקע, אָדער געהרגעטע, וועלכע זיינען געבליבן נאָכן אויפשטאַנד.

אינציקוויז האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז אויפצווויקלען די גאַנצע געשיכטע פון דער הילפס־עקספּעדיציע, וואָס איז צו אונדז געקומען: די דייטשן האָבן אַוועקגעפירט פון פּראַמיקאַ־גאַס לאַדזשען און די אַלטע פרוי־ען און זיי באַפרייט הינטער וואַרשע. לאַדזשע איז געקומען קיין גראָדזיסק און דאָרט צופעליק געטראָפן אינקא שוויגער*). נאָך דעם, ווי אינקאַ האָט זיך דערוואוסט וועגן אונדז, האָט זי זיך באַלד פאַרבונדן מיט אַלאַן אוןביידע האָבן זיך געווענדעט צו איינעם פון די פּוילישע אונטערערדישע טוער, וועלכער האָט זיי אָפּגעשיקט צו זיין באַקאַנטן דאָקטאָר שוויטאַל — דעם הויפּט־דאָקטאָר פון שפּיטאָל אין בערנעראָווא (הינטער וואַרשע). אַלאַ און אינקאַ האָבן דעם דאָקטאָר דערציילט, אַז אין וואַרשע געפינען זיך אין אַ בונקער אויפשטענדלער, וועלכע מען דאַרף וואָס גיכער אַרויסראַטעווען, איבער נישט וועלן זיי אומקומען. נישט קענענדיק גוט דעם דאָקטאָר, האָבן זיי אים נישט געוואָלט זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז דאָס זיינען בלויז יידן אויפשטענדלער און דערצו נאָך פון א״ל. זיי האָבן אָבער אויך נישט גע־וואָלט זאָגן קיין גאַנצן ליגן, אַז מיר זיינען בלויז פּאָליאַקן און בלויז פון א״ק. זיי האָבן דעריבער געזאָגט, אַז אין דער גרופּע פון צען מענטשן, וועל־כע מען דאַרף אַרויסראַטעווען, געפינען זיך זעקס פון א״ק, פיר פון א״ל און צווישן זיי צוויי יידן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ד״ר שוויטאַל איז אַן אמתער פּוי־לישער פּאַטריאָט און אַ פּראָגרעסיווער מענטש צו וועלכן מען קען האָבן צוטרוי. ער האָט נישט קיין סאַך געקלערט וועגן יידן אָדער א״ל, נאָר געטאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען, בכדי צו ראַטעווען מענטשן. ער האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון צווישן דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל און באַזאָרגט זיי מיט באַשטעטיקונגען פון רויטן קרייץ, וועלכער שיקט זיי קיין וואַרשע כלומרשט אויסצופירן סאַניטאַרע פונקציעס. די באַשטעטי־קונגען זיינען טאַקע האָנאָרירט געוואָרן דורך דער דייטשער וואַך, און אַ סאַניטאַר־גרופּע איז געקומען צו אונדז אויספירן איר שליחות, איינשטע־לנדיק זיך, נאַטירלעך, דאָס לעבן. דער גליקלעכסטער צופאַל דערביי איז געווען, וואָס נישט ווייסנדיק אַבסאָלוט וועגן די דייטשע גראָבונגען נעבן היזל, זיינען זיי פּונקט געקומען פּונקט מינוט נאָך דעם, ווי די דייטשן זיינען געגאַנגען אויף מיטאָג. וואָלטן זיי געקומען פריער אָדער שפּעטער, וואָלט דער גאַנצער ענין דורכגעפאַלן.

---

*) זע זייט 215.

פון אַלאַן האָבן מיר זיך אויך דערוואוסט, אַז מאַרישע און זאָשע, וועמען מיר האָבן מיט צוויי טעג פריער אַרויסגעשיקט פון פּראַמיקאַ, זיינען אַריינגעפאַלן אין פּרושקאָווער לאַגער און נאָך אַ קורצער צייט זיך פון דאָרט אַרויסגעקריגן.

מיר האָבן וואָס גיכער זיך אָנגעטאָן און זיינען גלייך אַרויס פון דעם באַהעלטעניש. אין דרויסן האָבן מיר געטראָפן עטלעכע מיידלעך און בחורים, וועלכע האָבן געהאַלטן צוויי טראָג־בעטלעך פאַר קראַנקע. מיר האָבן באַלד אויסגעקליבן מאַרעקן און זיגמונטן אַלס „קראַנקע" און ביידע האָבן זיך אַריינגעלייגט אין די בעטלעך. מען האָט זיי פאַרדעקט מיט קאָלדרעס, אַז מען זאָל נישט אַרויסזען זייערע עכט־יידישע פּנימער און איך, יצחק, יולעק און די איבעריקע פון דער „סאַניטאַר־גרופּע" האָבן געטראָגן צי פיר מאַן אַ בעטל. פאַרן אַרויסגיין מיט די בעטלעך אין וועג אַריין, האָבן מיר געשיקט צביהן און יאַשען פאָרויס אויף אַ ווייטן מהלך אָפּגערוקט פון אונדז, אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט אונדז נישט געהאַט קיין שייכות. דערמיט האָבן מיר געוואָלט אויסמיידן, אַז אַ חוץ די בעטלעך־טרעגער, זאָלן זיך נישט געפינען נעבן אונדז קיין זייטיקע מענטשן, וואָס קאָנען אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט. זיי האָבן געטראָגן פּעק שמאַטעס אויף די פּלייצעס און אָנגעגאַנגען פאַר כלומרשטע געוועזענע איינוווינער פון וואַרשע, וועלכע זיינען געקומען אין זייערע פאַרלאָזענע הייזער צונויפצוקלויבן זאַכן.

דער וועג, אויף וועלכן מיר זיינען געגאַנגען מיט די בעטלעך אויף די פּלייצעס איז געווען אַ לאַנגער און אַ מאַטערנדיקער. די „קראַנקע" זיינען געווען אויסערגעוויינלעך שווער, אַזוי ווי מתים, און נאָך אַזויפיל וואָכן פון ליידן, האָבן מיר זיי געטראָגן ממש מיט די לעצטע כוחות. די עטלעכע קילאָמעטער גאַנג ביז צו דער דייטשער וואַך האָט געדויערט לאַנגע שעהן. ביי יעדע פאַר טריט האָט מען זיך געמוזט אָפּרוען. דאָס אַראָפּלאָזן און צוריק אויפהויבן יעדע פאַר מינוט די בעטלעך אויף די פּלייצעס, האָט פאַרנומען אַ סך צייט. כסדר זיינען אַדורכגעגאַנגען דייטשן און אונדז באַטראַכט, ווייל מיר זיינען געווען די איינציקע ציווילע מענטשן, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו טרעפן אויפן שטח פון וואַרשע און נאָך דערצו כיט קראַנקע. אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו פרעגן פון וואַנען און וואוהין מיר גייען. מאַנכע האָבן זיך בלויז וועגן די קראַנקע געפרעגט: „שאָן קאַפּוט?" (צי זיי זיינען שוין טויט?) מיר האָבן געענטפערט: „נאָך נישט" און געגאַנגען ווייטער. די איינציקע הנאה אויפן וועג האָבן אונדז פאַרשאַפט די פּאַפּיראָסן, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די סאַניטאַרן. נאָך אַזאַ

לאַנגער צייט נישט האָבן קיין פּאַפּיראָסן, האָבן מיר זיך מיט זיי נישט געקאַנט אַנזעטיקן און אַ גאַנצן וועג האָבן מיר געהאַלטן אין איין שלינגען דעם רויך.

במשך פון דעם לאַנגן וועג האָבן מיר זיך נאָך נישט געפילט באַפרייט, כל־זמן מיר זיינען נישט אַדורך די וואַך. דאָס ערגסטע איז נאָך געווען פאַר אונדז און נישט הינטער אונדז. ווען מיר האָבן געפרעגט די סאַניטאַרן: וואָס וועלן זיי ענטפערן, ווען די דייטשע וואַך וועט פרעגן: פון וואַנען האָט איר גענומען די קראַנקע און פון וואַנען האָט איר גענומען די טראָגער, וואָס העלפן אייך טראָגן די קראַנקע? האָבן זיי דערויף נישט געהאַט קיין ענטפער. דאָס האָט פאַרשטאַרקט דאָס באַוואוסטזיין, אַז ביי דער וואַך וועלן מיר זיין פאַרלוירן צוזאַמען מיט די, וועלכע זיינען געקומען אונדז ראַטעווען. מיר האָבן זיך שוין נישט געאיילט צוצוקומען צו דער וואַך. מיר האָבן כאָטש געוואָלט וואָס לענגער זיך פרייען מיטן הימל, נאָך וועלכן מיר האָבן זיבן וואָכן געבענקט, ווייל יעדער טראָט, וואָס האָט אונדז דערנענטערט צו דער וואַך, האָט באַדייט דאָס זעלביקע, וואָס דערנענטערן זיך צום טויט.

כמעט אויף אַ קילאָמעטער פון דער ווייטנס האָבן מיר דערזען די וואַך. מיר האָבן אויך דערזען, אַז צביה מיט יאַשען זיינען שוין דאָרט און זיי שטייען אין אַ ווינקל נעבן דער וואַך. דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ סימן, אַז מען האָט זיי פאַרהאַלטן און זיי וואַרטן אויפן אורטייל. דער דאָזיקער סימן האָט אָן איבעריקן מאָל אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר דאַרפן זיך נישט שפּילן מיט דער האָפענונג, אַז מיר וועלן לעבעדיק אַדורך די וואַך. מיר האָבן נאָך מער געהאַמעוועט די טריט, אַז דער וועג מיט דער שווערער משא אויף די פּלייצעס זאָל געדויערן וואָס לענגער. אָבער דאָך איז מען צו דער וואַך צוגעקומען.

ווי איבערראַשט זיינען מיר געוואָרן, ווען דער דייטש האָט אונדז געהייסן גיך אַדורכגיין און נישט אָפּשטעלן זיך. און דעמלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צביהן מיט יאַשען האָבן זיי נישט פאַרהאַלטן, נאָר געהייסן זיי וואַרטן, ביז עס וועט אַדורכגיין אַ „סאַניטאַר־פּאַטראָל״, אַז זיי זאָלן מיט אים מיטגיין, כדי עס זאָל נישט זיין אומעטיק צוויי פרויען צו גיין אינטערוועגנס. אָבער אַזוי ווי מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען דורך דעם ערשטן דייטש, איז אַ צווייטער אַרויסגעלאָפן פון דער וואַך־שטוב און געהייסן אונדז שטיין. אויף דער נשמה איז ווידער געוואָרן ביטער. אָבער דער ערשטער דייטש האָט אונדז געוויזן מיט דער האַנט אויפן קאָפּ אַ סימן,

אַז ער איז „פּערזיקט" (משוגע) און מיר זאָלן פאַר אים נישט מורא האָבן. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט האָט דער „פּערזיקטער" דייטש געוואָלט אָפּדעקן די „קראַנקע", בכדי צו זען, צי זיי זיינען נישט קיין פאַרזואַנ־דעטע אויפשטענדלער. אין מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט צורירן די האַנט צום בעטל, האָט איינע פון די סאַניטאַרינס געזאָגט, אַז ער איז קראַנק אויף „פלעק פיבער" (טיפוס). ווי נאָר ער האָט געהערט דאָס וואָרט „פלעק־פיבער", האָט ער מאָמענטאַל געגעבן אַ שפּרונג אויף צוריק און געהייסן אונדז גיין ווייטער.

דאָס ספּעקטאַקל ביי דער וואַך האָט זיך איינגעגעבן. די יעקעס האָבן זיך נישט געכאַפּט דערויף, אַז קיין וואַרשע זיינען אַריינגעגאַנגען זעקס מענטשן אַלס סאַניטאַר־גרופּע און אַרויסגעגאַנגען זיינען פיל מער. אין דער זיבעטער וואָך, זייט מיר זיינען געקומען אויף פּראַמיקאַ־גאַס און אין צענטן טאָג זייט מיר זיינען געווען אומאויפהערלעך באַלאַגערט פון דייטשן, וועלכע האָבן געבויט אַ בונקער, האָבן מיר מיטוואָך, דעם 15טן נאָוועמבער 1944, געפילט זיך פריי, אַזוי ווי מיר וואָלטן פּטור געוואָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

אָוועקגייענדיק פון דער וואַך, האָבן מיר אַזוי גיך נישט געהייסן אונדזערע „חולאים" „געזונט ווערן" און האָבן זיי נאָך געטראָגן אַ לאַנגן וועג. ווען מיר זיינען פאַרביגעגאַנגען אַ דייטשן מיליטערישן לאַגער, זיינען צוויי סאַניטאַרינס אַריינגעגאַנגען צום מיליטער־אָנפירער און אים געבעטן, ער זאָל געבן אַ פערד און וואָגן איבערצופירן קראַנקע אין שפּי־טאָל אַריין. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז צו אונדז צוגעפאָרן אַ וואָגן מיט צוויי פערד. מיר האָבן אַרויפגעשטעלט די צוויי בעטלעך אויפן וואָגן. אַלע איבעריקע האָבן זיך אַרומגעזעצט נעבן די בעטלעך און אַ דייטשער זעלנער האָט אונדז אָפּגעפירט בערך 5 קילאָמעטער אין שפּי־טאָל אַריין אין בערנעראָווא, וואו ד"ר שוויטאַל האָט אונדז אין דעם גרעס־טען געהיימניש אויפגענומען זייער פריינטלעך. ער האָט אונדז איינגע־אָרדנט צייטווייליק אויף איבער נאַכט אין אַ זייטיקן צימער, אַז קיינער זאָל פון אונדז נישט וויסן.

# „קראַנקע" אין שפּיטאָל

דער ערשטער אָונט אין שפּיטאָל איז געווען אַ פריילעכער. די מענטשן פון שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, וועלכע האָבן אונדז דאָרט אַהינגעבראַכט, האָבן זיך מיט אונדז אָוועקגעזעצט אויף שעהן לאַנג פראַווען אַ סעודה. זיי האָבן געבראַכט פאַרשידענע מאכלים און געטראַנקען. די שטימונג איז געווען אַן אויסערגעווײנלעך גוטע. מען האָט געגעסן אַזוי פיל, ווי מען וואָלט זיך אָפּגענומען פאַר דער גאַנצער צייט פון פּראָמיקאַ. נאָך מער האָט מען זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון טרינקען און רויכערן. דאָס צימער איז ממש פינצטער געוואָרן פון די געדיכטע קרייזלענדיקע רויך־קוילן פון די פּאַפּיראָסן.

ווען מיר האָבן זיך שפּעט אין אָונט אָוועקגעלייגט אויף די געלעגערס, האָבן מיר נישט געקאָנט איינשלאָפן. ביז אין העלן טאָג אַריין האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן און דערקלערן זיך אַליין דעם נס פון יציאת פּראָמיקאַ.

צומאָרגנס אין דער פרי, האָט ד״ר שוויטאַל אונדז איינגעאָרדנט אין שפּיטאָל, כלומרשט אַלס קראַנקע. דאָס איז געטאָן געוואָרן, כדי אונדזער אויפהאַלט אין שפּיטאָל זאָל נישט זיין אויפפאַלנד פאַר דעם טייל פּערסאָנאַל, וואָס ווייסט נישט און דאַרף נישט וויסן, ווער מיר זיינען און פון וואַנען מיר קומען. מיר זיינען געלעגן ווי אַלע קראַנקע אויף בעטלעך אין קראַנקן־זאַל. די שוועסטער האָבן אונדז באַדינט, ווי אַלע אַנדערע קראַנקע: געמאָסטן די טעמפּעראַטור, צוגעטיילט די דיעטע אאַ״וו. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו ליגן אין אַ שפּיטאָל און דערצו אַ געזונטער. כ׳האָב אָבער געמוזט, פּונקט ווי די אַנדערע חברים, זיך סוגע־רירן, אַז איך בין קראַנק. דאָס „קראַנק" זיין איז אונדז אויך צונוץ געקומען, ווייל מיר האָבן זיך אַ ביסל אויסגערוט און געקומען צו זיך נאָך אַזוי פיל מאַטערנדיקע וואָכן.

דעם צווייטן טאָג אין דער פרי, האָט אונדז איינע פון די שוועסטער

צווישן געגעבן בסוד, אַז עס דאַרף קומען אַ דאָקטאָר אונטערזוכן די קראַנ־קע. זי האָט געזאָגט, אַז מען מוז זיך פאַר דעם דאָקטאָר גוט היטן, אַז ער זאָל נישט דערגיין די סיבה פון אונדזער ליגן אין שפּיטאָל, און יעדער מוז סימולירן אַ קראַנקהייט. ווען דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען אין קראַנקן־זאָל, האָבן שוין די געדאַנקען געאַרבעט ביים צוטראַכטן אַ מחלה. אָבער עס איז נישט אַזוי לייכט געקומען אויפן רעיון אַזאַ קרענק, וואָס דער דאָק־טאָר זאָל זיך נישט באַלד פאַרשטיין אויף איר. מיר האָבן מורא געהאַט, נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער קאָן פעסטשטעלן, אַז מיר זיינען געזונט, נאָר אַז מיר זיינען יידן. דער דאָקטאָר האָט זיך געשפּרייזט מיטן פאַר־דער־טרייבל אין האַנט פון איין בעט צום צווייטן, ער איז שוין צוגעקומען צו זיגמונטן, איבערגעגאַנגען צו מאַרעקן, און איך האָב זיך געהיט נישט צו קוקן אַפילו אויף מיינע „קראַנקע” שכנים, בעת דער אַנוועזנהייט פון דאָקטאָר, כדי זיי זאָלן נישט ווערן צעטומלט. איך האָב בלויז געהערט, אַז זיי זאָגן אויף וואָס זיי ליידן, און דאָס איז פאַר מיר געווען אַ שטויס, וואָס גיכער אויסצוטראַכטן עפּעס אַ קרענק. לסוף איז דער דאָקטאָר צוגעקומען צו מיר. אויף זיין פראַגע וועגן מיין קראַנקהייט, האָב איך געענטפערט, אַז איך לייד שוין פון לאַנג פון אַ געשוויר אויפן מאָגן און לעצטנס האָט זיך די קראַנקהייט שטאַרק פאַרערגערט. ער איז מיר אַרומגעפאָרן מיט דער האַנט אויפן בויך, אומעטום געטאַפּט און געדריקט. ביי יעדן דריק מיט דער האַנט האָט ער געפרעגט, צי עס טוט וויי. אַמאָל האָב איך געענטפערט, אַז ס'טוט נישט וויי, אַמאָל יאָ, באַגלייט מיט אַ מינע פון ווייטיקלעכע קראַמפן. ווען דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט צום אָוועקגיין, אַז איך מוז האָבן אַ דורכלויכטונג און דאָס קאָן מען, לײדער, נישט מאַכן אין דעם שפּיטאָל, האָב איך זיך דערפרייט, וואָס דערווייל האָט זיך מיר איינ־געגעבן...

נאָכן אָפּליגן בערך פינף טעג אין שפּיטאָל, האָט אונדז באַזוכט אַ גלח, וועלכער האָט אונדז איינגעלאַדן דעם קומענדיקן זונטיק צו דער תפילה, וועלכע וועט אָפּגעריכט ווערן אין שפּיטאָל־קלויסטער. די איינלאַדונג האָט אונדז שטאַרק נישט דערפרייט און זי האָט אונדז געשטעלט אין אַ שווע־רער סיטואַציע. וויל וועלכן פּאָליאַק, אַפילו אַ נישט גלוביקן, זיינען אַזוי פרעמד די דינים ביים אָפּריכטן די תפילה, ווי אונדז? מיר האָבן איינגעזען, אַז אין די פאַר טעג, וואָס טיילן אונדז נאָך אָפּ פון זונטיק, מוז מען פון דאַנען פאַרשווינדן, וויל אויב מיר האָבן נישט גע־האַט קיין דורכפאַל ביי דער מעדיצינישער אונטערזוכונג, וועלן מיר זי־

כער דורכפאַלן ביי דער רעליגיעזער צערעמאַניע. נאָך עטלעכע טעג פאַרן גלחס איינלאַדונג און פאַר דער מעדיצינישער אונטערזוכונג איז יצחק אַרויס קיין גראָדזשיסק, כדי צושאַפן פאַר אונדז ערטער צו וווינען. מיר זיינען אָבער נישט געווען זיכער, צי ער וועט אונדז באַוויזן אַרויסצונעמען פאַרן אַנקומענדיקן זונטיק.

צום גליק האָבן די דייטשן נאָך פאַר זונטיק געגעבן אַ פאַראָרדענונג צו עוואַקואירן דאָס שפּיטאָל און אַלע קראַנקע זיינען פון דאָרט אַרויסגענומען געוואָרן אין אַנדערע שפּיטעלער אַריין. דער ד״ר שוויטאַל האָט אונדז איבערגעשיקט אין אַ צווייט שפּיטאָל אין יעלאָנקי (אַ שכנותדיק דאָרף). אין יענעם שפּיטאָל זיינען מיר נאָך געווען צוויי טעג, ביז יצחק האָט פאַר אונדז געשאַפן „מעלינעס״. פון דאָרט זיינען מיר זיך איינגעקווירטצעפאָרן אין פאַרשיידענע ערטער אַרום וואַרשע.

# פרילינג אין יאַנואַר

ווידער האָט זיך איבערגעחזרט דאָס לעבן אויף דער ״אַרישער זייט״ פון פאַרן אויפשטאַנד. דאָסמאָל שוין נישט אין צענטער פון דער גרויסער בליענדיקער און מיט לעבן רוישנדיקער הויפּט־שטאָט, נאָר אַרום די חורבות פון פאַרברענטן, צעשטערטן און פאַרוויסטן וואַרשע. אין די ״מעלינעס״ פון דאָרף בליזנע, גראָדזשיסק און ברווינעוו, האָט זיך צוריק אָנגעהויבן וועבן אַ געהיים לעבן, — אַ לעבן אַן אויסגעפּלאַטערטס אין בייזע ווינטן און געוויטערס, אַן אָפּגעבריטס פון פייער, אַ פאַרפינצטערטס פון רויך; אַ לעבן, וואָס איז פון ירידה אויפגעשטאַנען און פון אויפשטאַנד צוריק אין אָפּגרונט פאַרשוואונדן; אַ לעבן, וועמענס אויפשטיין איז פון אַ טראַגישער פאַרגאַנגענהייט געווען באַשאָטנט און וועמענס ירידה איז מיט אַ שטראַל פון גלויבן געווען באַלויכטן; אַ לעבן, וואָס האָט פון האָפענונגען נישט באַוויזן דערפרייט צו ווערן און פון אַנטוישונגען דערשיטערט געוואָרן. און איבער אַלעם האָט פון די אויגן אַרויסגעשריגן — מידקייט.

אָבער כל־זמן דער האַקנקרייץ האָט געוועלטיקט, האָט נישט געקאָנט זיין קיין אָרט פאַר מידקייט. אין מיטן קראַכן און צוזאַמענברעכן זיך פון דער בייזער ממשלה, אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך שוין בולט אַרויסגעזען די טיפע איינבראָכן אין די ווענט פון ד״ר פראַנקס ״גענעראַל גוווערנאַמענט״ ביזטו נאָך אַלץ געוואָרן געראָדפט און פון אַלע זייטן דורכגעשפּיזט מיט שנאהדיקע אויגן, האָסטו נאָך אַלץ געמוזט זיין וואַכזאַם אויף אַלע פיילן, וואָס זיינען אויף דיר אָנגעשטעלט פון אַלע זייטן. נאָך די שרעקלעכסטע פאַרגאַנגענע וואָכן, ווען מען האָט שוין געלעכצט נאָך אַ ביסל רו, האָט מען ווידער געמוזט אויפנעמען דעם נערוון־קריג, וואָס עס האָבן מיט זיך געבראַכט די ״לאַפּאַנקעס״ אין די גאַסן, אויף דער קליין־באַן פון דער גראָדזשיסקער ליניע, הויז־רעוויזיעס און ״מעלינע״־לויפט. ווען מען האָט שוין געפילט בחוש, אַז די רויטע אַרמיי קלאַפּט שוין ממש אין די טויערן, אַז מיט איר קומען וועט זי נישט בלויז אויפבינדן מיך, דיך

און אונדז אַלעמען, נאָר וועט אויך חתמענען אויף דורות אַ נייעם וועלט־סדר, האָבן נאָך אין יענע טעג געווילדעוועט די גרינע מונדירן, וועלכע האָבן ווייטער געקליבן זייער בלוטיקן שניט.

און דווקא אין יענע טעג, ווען מען איז געווען זיכער, אַז די באַפריי־אונג איז נאָענט, האָט דער דייטשער טעראָר נאָך מער געווירקט דער־שלאָגנדיק, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען דער גאַנצער האָריזאָנט איז געווען פאַרנעפּלט, פול מיט כמאַרעס און אָן דער רעאַלער האָפענונג אויף אַ גיי־כער ענדערונג. עס האָט כסדר באַגלייט דאָס געפיל פון דערטרונקען ווערן ביים צושווימען צום ברעג.

אָבער די מידקייט, וואָס איז געווען, די אַפּאַטיע און אָפּהענטיקייט, וואָס האָט געקאָנט זיין נאָך אַזוי פיל גלגולים און וואָגלענישן, האָבן נישט גענומען די איבערהאַנט אין אונדזער אינערלעכן געמיט־צושטאַנד. ווייל הגם מיר זיינען שוין געווען אָפּגעהאַקטע צווייגלעך פון אַן ארויסגעריסע־נעם שטאַם, איינצלנע און פאַראיינזאַמטע פון אַ גרויסן ישוב, האָט נאָך אָנגעהאַלטן דאָס געפיל און באַוואוסטזיין פון אָנגעהעריקייט צו אַ פאָלק, וואָס וועט עקזיסטירן, צו אַ יידיש לאַנד, וואָס וועט בליען, צו אַ וועלט, וואָס וועט בעסער זיין און צו אַ באַוועגונג, וואָס האָט איר ראָל נישט פאַר־ענדיקט.

מיטן כוח פון דעם דאָזיקן געפיל, האָט מען, פונקט ווי פריער, אויך אין די צוויי חדשים צייט פון אַרויסגיין פון שפּיטאָל ביזן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי, ווידער געפּרוּווט אויסטראָגן די פאָלגן פון דער דיי־טשער אָרדענונג און דאָס נישט יעדערער באַזונדער, אַלס יחיד, נאָר ווי אַ קאָלעקטיוו, הגם מיר זיינען געבליבן ווייניק און נישט שטענדיק צוזאַ־מען אויף איין אָרט. אויך דעמלט האָבן, פונקט ווי פריער, אָנגעהאַלטן שטאַרקע פעדים צווישן די „מעלינעס" פון גראָדזישיסק, ברווינעוו און אַנדערע טיילן פון פוילן, וואו מען האָט נאָר געוואוסט, אַז עס לעבט אַ חבר. אויך דעמלט האָט זיך געפילט די געמיינזאַמע זאָרג, די קעגנזייטיקע הילף, די חלוצישע היים, וואָס האָט נישט געהאַט איר מאַטעריעלע ראַם, אָבער זי האָט זיך געפילט און האָט עקזיסטירט.

און דער אויסגעבענקטער טאָג איז געקומען.

דער 17טער יאַנואַר 1945 האָט זיך געשטעלט אַ פאַרפרוירענער און

אַ טריבער. דער אַפּהילך פון שאָסן איז געוואָרן נעענטער, שטאַרקער, האַ־פּערדיקער — די רויטע אַרמיי האָט אַטאַקירט.

צו האָלט מען שוין באמת ביים סוף פון דער קרוב 6־יאָריקער טראַגעדיע?

ווי פּל מאָל דער שכל־הישר האָט געענטפערט, אַז ענדלעך מוז עס דאָך אַמאָל געשען, האָט זיך אַלץ נישט געלאָזט גלויבן אַז דאָס איז דער טאָג, וועלכער וועט שוין מער נישט אַנטווישן, ווי פּיל אַנדערע. דערווייל האָבן די שכנים געדערדט, אַז די דייטשן גרייטן זיך צו עוואַקואירן די באַ־פעלקערונג. און אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפן, אַז מסתמא וועלן שוין די דייטשן זאָרגן דערפאַר, אַז זייער חורבן זאָל זיין גלייכצייטיק אונדזערער.

פלוצלונג, האָב איך 11 אַזייגער אין דער פרי, דערזען נישט ווייט פון מיין פענצטער אין ברווינעוו אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין וואַרשע, אַ גרופּע דייטשע סאָלדאַטן מיט אויפגעהויבענע הענט. עטלעכע פון זיי זיינען צו־געלאָפן צו מיין פענצטער אויסצובאַהאַלטן זיך. די שכנותדיקע געביידע האָט מיר פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט און כ'האָב נישט געקאָנט זען, פאַר וועמען זיי ציטערן אַזוי. גלייכצייטיק מיט דעם, האָב איך פון דער ווייטנס געהערט אַ גערויש פון טאַנקן. היות איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס זיינען דייטשע טאַנקן, איז מיר בכלל נישט געווען פאַרשטענדלעך, פון וואַנען נעמען זיך דאָ דייטשן מיט אויפגעהויבענע הענט. אפשר זיינען זיי דעזער־טירן, וואָס ווערן פאַרפאָלגט פון זייערע אָפיצירן?

עס האָט אָבער געדויערט אַ סעקונדע און ווי פון אונטער דער ערד איז מיר אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן אַ סאָוויעטישער טאַנק. נאָך אים, נאָך איינער און נאָך איינער. אין די ווייטערדיקע מינוטן, האָט זיך דערנענ־טערט אַ לאַנגע אומענדלעכע ריי פון טאַנקן, אויף וועלכע עס האָבן גע־פלאַטערט זיגערישע רויטע פענער. פון אַנדערע וועגן זיינען אַנגעקומען און ווי אויף אַ בינע דערשינען רויט־אַרמייער, מענער, פרויען, יונגנט־לעכע. זיי זיינען געגאַנגען מוטיק, דרייסט, אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין פון לאַנג דאָ געווען תושבים. יענע גרופּע דייטשן, וועלכע האָט זיך פריי־ער אויסבאַהאַלטן ביי מיין פענצטער, האָב איך געזען פירן מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ, צוזאַמענגעבראָכענע, רעזיגנירטע.

איך בין תיכף אַרויס אין גאַס. עס האָט זיך די אייגענע אויגן נישט געוואָלט גלויבן, אַז אין געציילטע מינוטן האָט געקאָנט די דייטשע מאַכט אויסגעראָטנעט ווערן, ווי וואַסער צווישן די פינגער. דאָס האַרץ האָט אָנגע־הויבן האַסטיק צו פּולסירן. דאָס באַוואוסטזיין האָט נישט געקאָנט משיג זיין

דאָס ראַשיקע אַריינרייסן זיך אָן אַ פריערדיקער פסיכישער צוגרייטונג פון אַזאַ שטאַרקן שטראָם פון פרייד. די איבערלעבונג איז געווען אַזוי איבער־מענטשלעך שיין און גליקבערענגעדיק, אַז פון צו פיל חדוה האָט דאָס האַרץ שיר נישט געפּלאַצט.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער גאַס, וואָס איז געווען פול מיט צעשטראַלטע פּנימער און אין וועלכע מען איז פאַר־טויבט געוואָרן פון די פריידיקע אויסגעשרייען פון דער באַפעלקערונג לכבוד דער רויטער אַרמיי.

פאַרנאַכט, ווען ס'האָט שוין געגרויט דער בין־השמשות, בין איך געגאַנגען אַ היים. אָבער כ'האָב זיך אַלץ נישט געקאָנט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז איך גיי שוין נישט מער אין קיין פאַרקאַנספּירירטע וווינונג אַריין. אויפן וועג איז מיר, ווי פון ביידע זייטן, אויסגעוואַקסן צוויי ריזיקע בערג — פון איין זייט אַ באַרג מיט טרויעריקע רעמינעסצענצן פון די פאַרגאַנגענע לעצטע יאָרן; געטאָ־לעבן, געשוואָלענע און געשטאָרבענע אין די גאַסן פון הונגער, זיך פרעגלענדיקע מענטשן אין די אויוונס, מיליאָנען דערנידעריקטע און באַליידיקטע, וועלכע האָבן נישט דערלעבט די איצטיקע מינוט. פון דער צווייטער זייט — אַ באַרג מיט האָפענונגען, פרייד און גליק, וואָס עס ברענגט מיט זיך — פאַר די, וואָס האָבן דערלעבט — דער זיג פון דער סאָציאַליס־טישער מלוכה מיט איר וועלט־איבעראַנדערשנדיקער אַרמיי. די צוויי בערג זיינען מיר אַלץ מער און מער אויסגעוואַקסן און ביז אין דער שטוב אַריין זיינען זיי מיט מיר מיטגעגאַנגען, ווי די לבנה אין אַ ליכטיקער נאַכט.

אין יענעם אָונט האָב איך פאַרענדיקט דעם ערשטן טאָג פון פרייהייט, נאָך דער פינצטערסטער תקופה אין לעבן פון היינטיקן דור.

ס ו ף

# אינהאַלט


זייט

## I. וואַרשעווער געטאָ אין קאַמף

אויף דער גרענעץ פון צייטן . . . . . . . . . . 7
בליצן אין פראָסטיקן יאַנואַר . . . . . . . . . 16
צווישן צוויי דאַטעס . . . . . . . . . . . 26
די שעה האָט געשלאָגן . . . . . . . . . . 50
אין דער נאַכט פון שפוך חמתך . . . . . . . . 61
אין אַ הייל פון געטאָ . . . . . . . . . . 64
דער ערשטער גאַנג אין קאַנאַל . . . . . . . . 77
אין קלעם פון ברענענדיקע חורבות . . . . . . . 84
אין בונקער אויף מילע 18 . . . . . . . . . 91
פראַנצישקאַנער 30 — אַ נאַכט פאַרן אומקום . . . . 104
1טער מאַי אין אויפשטאַנד . . . . . . . . . 113
ערב דעם סוף . . . . . . . . . . . . . 115
ביי מתים אין באַהעלטעניש . . . . . . . . . 121
אויפן קבר פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע . . . . . 134
די לעצטע וואַגלעניש . . . . . . . . . . 140
אין אַ וועלדל הינטער וואַרשע . . . . . . . . 153

## II. טאָג־בוך פון דער „אַרישער זייט" . . . . . . . 161

## III. אין וואַרשעווער אויגוסט־אויפשטאַנד

וואַרשע אין דריטן געראַנגל . . . . . . . . . 239
ווידעראַמאָל אויף צעגליטער ערד . . . . . . . . 251
ביינאַכט אין אָנגריף . . . . . . . . . . . 262
פרעטאַ גאַס 16 . . . . . . . . . . . . 266
יציאת אַלט־שטאָט . . . . . . . . . . . 271
זשאָליבאָזש ערב שטורעם . . . . . . . . . 281
ווען די לעצטע פּאָזיציע איז געפאַלן . . . . . . . 291

## IV. צוריק אין אָפּגרונט

ווידער מיטן טויט אויף דו . . . . . . . . . 305
דער „נס" אויף פּראַמיקאַ . . . . . . . . . 333
„קראַנקע" אין שפּיטאַל . . . . . . . . . . 346
פרילינג אין יאַנואַר . . . . . . . . . . . 349